STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00511

50 YOR ARBETER-RING IN YIDISHN LEBN

J. S. Hertz

Permanent preservation of this book was made possible by
Linda Jane Robinson Clifton
in memory of
Morris & Fanny Shapiro and Sam & Sara Rabinowitz and Harry & Sophie

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

50 יאָר
אַרבעטער־רינג
אין יידישן לעבן

געדרוקט אין 5,000 עקזעמפּלאַרן

שער־בלאַט געצייכנט דורך י. שלאָס

י. ש. הערץ

50 יאָר אַרבעטער-רינג אין יידישן לעבן

אַרויסגעגעבן דורכן
נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון אַרבעטער-רינג
ניו-יאָרק, 1950

J. S. Hertz

50 Years of The Workmen's Circle In Jewish Life

Published by
The National Executive Committee
of The Workmen's Circle
175 East Broadway,
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

200

אינהאַלט:

זייט

1. ערב אַרבעטער־רינג 9
2. די געבורט 15
3. שטרייטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג 23
4. די באַציאונג צום אַרבעטער־רינג 28
5. דער אַרבעטער־רינג ווערט אַן אָרדען 33
6. די ערשטע קאָנווענשאָן 37
7. יערלעכע קאָנווענשאָנס 43
8. די ערשטע גענעראַל־סעקרעטאַרן 49
9. וואו זאָל מען נעמען דעם טשאַרטער 52
10. די באַציאונגען מיט די טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישער באַוועגונג 58
11. בונדישע לאַנדסמאַנשאַפטן פאַרוואַנדלען זיך אין אַרבעטער־רינג ברענטשעס 65
12. אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע 73
13. די אויסשפרייטונג אויף דער פּראָווינץ 81
14. פּראַטערנאַלע ראַטעס און דער בונט אין מאַסאַטשוזעטס 94
15. בילדונג און דערציאונג 109
16. ברייטע הילף־אַרבעט 120
17. אין קאַמף פאַר יידישע רעכט 126
18. „יונגע" און „אַלטע" 131
19. קאָנווענשאָנס 147
20. די באַציאונגען מיט די אַנדערע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג 156
21. נאָכווייענישן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה 169
22. פון דער וויג ביז צום קבר 184
23. יידיש־וועלטלעכע שולן 197

זייט

24. קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע און שפּאַלטונג 210
25. קאָנווענשאָנס 225
26. אין די דרייסיגער יאָרן 251
27. הילף־גרייטקייט 260
28. פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און טרייד־יוניאָנס 266
29. מיטגלידער און ברענטשעס אין אַ ביטערער צייט 275
30. קינדער — יוגנט — זקנים 282
31. אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע פראַגן אויף די קאָנווענשאָנס 296
32. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה 311
33. אַמעריקאַנער, סאָציאַליסטישע און יידישע פּראָבלעמען 320
34. ברייטע געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט 340
35. מיטגלידער, בענעפיטן און אינסטיטוציעס 351
36. נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט 370

יעפים ישורין: די מיטגלידער פון די פאַרוואַלטונגען און די באַאַמטע פון אַרבעטער־רינג אין די יאָרן 1900־1950 377

ביבליאָגראַפיע 415

זוכצעטל 417

בילדער.

ערשטער טייל

אויפקום פון יידישן מאַסן־לעבן. — ערשטע פּרואוון פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. — אָרדענס. — די מחשבה פון אַן אַרבעטער־אונטערשטיצונגס־פאַראיין. — דאָס יאָר 1892. — אַרבעטער־רינג. — די ערשטע טריט. — דייטשע השפּעה. — אַטמאָספער פון אויפגעקלערטע אַרבעטער. — דער שטרייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. — סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. — דע ליאָניזם. — שפּאַלטונג. — דער „פּאָרווערטס״. — גלייכגילטיגקייט און שלעכטע באַציאונג. — מ׳הויבט זיך אָן פאַנאַנדערצווייגן. — באַשלוס צו שאַפן אַן אַרבעטער־אָרדען.

1. ערב אַרבעטער־רינג

מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק איז געבוירן געוואָרן דער אַרבעטער־רינג. ער איז אַריינגעוואַקסן אין יידישן לעבן אין אַמע־ריקע און איז היינט אַ טייל פון זיין גוף און נשמה.

ווי ביי יעדן לעבעדיגן באַשעפעניש, הויבט זיך אָן ביים אַר־בעטער־רינג זיין בראשית ניט מיט דער געבורט. 9 יאָר צייט פריער האָבן יידישע אַרבעטס־מענטשן געטראָגן אין זיך און אויס־געוואָרעמט די אידעע און דאָס ערשטע קעמערל פון דער אָרגאַני־זאַציע, וועלכער עס איז געוואָרן באַשערט צו ווערן דער גרעסטער יידישער אַרבעטער־אָרדען אין דער וועלט.

אין די לעצטע צוואַנציג יאָר פון 19טן יאָרהונדערט האָט דאָ אָנגעהויבן אויפקומען און זיך אַנטוויקלען אַ יידיש מאַסן־לעבן. פון יענער זייט אַטלאַנטיק האָבן די שיפן אומאויפהערלעך געברענגט יידישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון נויט, אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען, פאַגראָמען און פאָליטישע רדיפות. צו די 200 טויזנט יידן אין 1880 זיינען אין די ווייטערדיגע 2 צענדליג יאָר צוגעקומען נאָך אַ מיליאָן. כמעט לוידיג איז געווען דער פלאַץ — אַ ניי יידיש פאָלקס־לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אין דער נייער וועלט. פרימיטיוו און רוי איז געווען די גרונט־מאַסע פון די איינוואַנדערער. אין גרויסן מענטשן־שטראָם זיינען אָבער אויך מיטגעברענגט געוואָרן יחידים אידעאַליסטן. הגם נאָך יונג אין יאָרן, זיינען זיי שוין אין דער אַלטער היים געווען פאַרבונדן מיט אידעאַישע ריכטונגען און באַוועגונגען. אויף דעם נייעם באָדן האָבן זיי געוואָלט פאַרפלאַנצן זייערע גייסטיגע שפּראָצונגען.

במשך פון יאָרן איז אָנגעגאַנגען אַ שווערער פּראָצעס פון באַ־העפטן די אידעען — סאָציאַליסטישע — מיט דער רויער מאַסע, אַ פּראָצעס פון צונויפנעמען די צעשטויבטע יחידים און זיי צעמענ־טירן ווי אַ געשלאָסענע קראַפט. אויף צוויי פלאַכן איז דאָס געשען: אויף דער עקאָנאָמישער און אויף דער אידעאיש־פּאָליטישער. שוין

אין די ערשטער 80ער יאָרן האָבן יידישע שניידער אין ניו־יאָרק אָרגאַניזירט אַ יוניאָן. שפּעטער זיינען געמאַכט געוואָרן אַנדערע פּרוּוון. די יוניאָנס זיינען געווען שוואַך און קיין אריכת־ימים ניט געהאַט. אָן דער פאַרשטענדעניש און אָן דער פעאיגקייט צו בויען פעסטע יוניאָנס, זיינען בלויז קליינע טיילן פון די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזירט געוואָרן. און אפילו די טיילן האָט געפעלט דער אויס־דויער אויפצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציעס. פונדעסטוועגן האָבן די יידישע אַרבעטער געקענט אָפּשליסן דעם ערשטן צענדליג יאָר פון זייער אָרגאַניזאַציע־טעטיגקייט מיט אַ היפּשער דערגרייכונג. אין 1890 האָבן די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן שוין געציילט 32 יוניאָנס. דאָס האָט די שווערע נויט, די אוממענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען אין די שוויץ־שעפּער, די צייטן פון קריזיס און אַר־בעטסלאָזיגקייט צוגעהאָלפן די מער אויפגעקלערטע אַרבעטער און די סאָציאַליסטן צו באַוועגן כאָטש אַ טייל פון דער אָפּגעשטאַנענער מאַסע צו זוכן שוץ אין אַ יוניאָן.

ענג פאַרבונדן מיט דעם איז אויך געווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון זעלבסטבאַשטימונג. על פּי רוב יונגע מענטשן, האָבן זיי ביי זיך אַליין נאָך ניט געהאַט אויספאָרמירט ענדגילטיג זייערע סאָציאַליסטישע אַנשויאונגען, זייע־רע בליקן אויף דער טאַקטיק אין די נייע אַמעריקאַנער באַדינגונגען. אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און געדאַנקען־וועלט איז דע־מאָלט בכלל געווען אַן איבערגאַנגס־צייט, ווען די אידעען און פאַר־מען פון 19טן יאָרהונדערט זיינען שוין געווען אין זייער טיפער זיקנה. געקומענע פון צאַרישן רוסלאַנד האָבן אויסגעלעבט זייערע אַלטע נאַראָדוואָלישע שטימונגען און איבערגענומען דעם מאַרק־סיסטישן געדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט אַלץ מער און מער באַהערשט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף דער וועלט.

אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך אויסגעשיילט, אויסקרים־טאַליזירט און זיך פאַנאַנדערגעטיילט צוויי ריכטונגען — די סאָ־ציאַליסטישע און די אַנאַרכיסטישע. אין די ערשטע אָנהויבן האָט מען נאָך צוזאַמען געאַרבעט און גערעדט פון געמיינזאַמע פּלאַט־פאָרמעס. אפילו אַ בשותפותע צייטונג איז געפּלאַנט געוואָרן. מיט דער אידעאָלאָגישער שיידונג איז אויך געקומען די אָרגאַניזאַציאָנעלע, און אויך די קעגנזייטיגע אידעאישע באַקעמפונג.

אין דער היץ פון די שוויץ־שעפּער אויף דער ניו־יאָרקער איסט־

סייד, אין שווערן שטייגן און פלוצלינגן פאַלן פון די יוניאָנס, אין די הייסע אַגיטאַציע־רעדעס וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע און אין די גלויבונגען וועגן אַ גערעכטער און יושרדיגער סאָציאַליסטישער וועלט — איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן אַ ברידער־לעכע הילף־אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער.

אַן אָרגאַניזירטע יידישע קהילה איז אין דער נייער היים ניט געווען. עס האָבן אויך געפעלט די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע חברות, ווי בקור־חולים, גמלת־חסדים, חברה־קדישא און אַנדערע, וואָס זאָלן קומען צו הילף אין פאַל פון אַ נויט. דערפאַר איז גע־שאַפן געוואָרן אַ נייע פאָרם פון קעגנזייטיגער הילף — די אָרדענס. יידן האָבן נאָכגעטאָן ניט־יידן. פאָלקס־מענטשן און אַרבעטער האָבן זיך אויך פאַרשריבן אין די יידישע אָרדענס. מ׳האָט דאָרט געטראָפן אפילו סאָציאַליסטן און טרייד־יוניאָניסטן. די אויפגעקלערטע אַרבע־טער האָבן אָבער ניט געקענט זיך פילן היימיש אין די דאָזיגע אָרדענס. פון די ניט־יידישע אָרדענס האָבן די יידישע איבערגע־נומען די פוסטע און קאָמישע צערעמאָניעס און זיינען אַליין געווען דורכגעדרונגען מיט אַ קאָנסערוואַטיוון גייסט. ביים אַריינטרעטן אין אַ לאָדזש האָט מען אויך געפרעגט דעם קאַנדידאַט צי ער גלויבט אין גאָט. דער גייסט און די פירונגען פון די קאָנסערוואַטיווע אָרדענס האָבן ניט געקענט לאָקן אַ באַוואוסטזיניגן סאָציאַליסט. אין אַן אינסטיטוציע פון קעגנזייטיגער הילף האָט מען זיך דאָך גענויטיגט, בפרט די, וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַמיליע. איז ביי אייניגע יידישע אַרבעטער אויפגעקומען דער געדאַנק צו שאַפן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאַרבייטן דעם „בני ברית”, „ברית אברהם” און אַנדערע „בריתן” און „אינדעפּענדענטס”. אמת, שוין אין די אַלטע קאָנסערוואַטיווע אָרדענס זיינען געווען אומצופרידנ־קייטן און אָפּאָזיציעס. אין „ברית אברהם” האָט דאָס אפילו דער־פירט צו אַ שפּאַלטונג און צום גרינדן אין יאָר 1887 דעם „אינדעפּענ־דענט ברית אברהם”. און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איינער פון די הויפּט־פירער פון די אָפּגעשפּאַלטענע איז געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און אַן אַקטיווער טרייד־יוניאָן־טוער — יעקב שעהן. דער פּרואוו צו ראַדיקאַליזירן די אַלטע אָרדענס האָט ניט אַלעמען געקענט צופרידנשטעלן און ס׳איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער טראָט אויפצובויען אַן אייגענע היים פאַר אַרבעטער, סאָציאַליסטן און פרייד־ענקער.

אויב יחידים סאָציאַליסטן און טרייד-יוניאָניסטן האָבן געהערט צו די אַלטע „בריתן", האָט אָבער די גרויסע מערהייט פון זיי דאָרט ניט געוואָלט געהערן. בעת אַ סך פון די ניי-איינגעוואַנדערטע האָט גראָד געלאָקט די מיסטעריעזע שטימונג, וואָס איז אין די לאַדזשן געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק די האַלב-יידישע און האַלב-גויאישע מאַסאָנישע צערעמאָניעס, האָט דאָס געמוזט ווירקן אָפּשטויסנדיק פאַר ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטיש-געשטימטע מענטשן. דאָס האָט גורם געווען, אַז אַחוץ געוויסע אויסנאַמען האָבן די יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן נישט געוואָלט האָבן קיין מגע ומשא מיט די לאַדזשן. אין די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע קרייזן איז אפילו געווען פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז מען דאַרף בכלל נישט געהערן צו קיין שום אונטערשטיצונגס-פאַראיין, אפילו נישט צו קיין אייגענעם מיט אַ ראַדיקאַלן גייסט. די אומדערפאַרענע פּיאָנערן האָבן געמיינט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע שטייט ביי דער שוועל און ס'איז דעריבער אַ שאָד צו פּטרן די מי פאַר אַזעלכע קליינינגקייטן, ווי שטיצע און קעגנזייטיגע הילף. אין די דעמאָלטיגע שווערע לעבנס-באַדינגונגען איז פאַר דעם אַרבעטער אַזאַ אינסטיטוציע געווען ממש אַ נויטווענדיקייט. צוליב דער שלעכטער דערנערונג אין די ענגע, שמוציגע דירות, צוליבן לאַנגען אַרבעטס-טאָג אין די פינצטערע דושנע שעפּער איז אַן אַרבעטער אָפט קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך גענויטיגט אין מעדיצינישער הילף, אין אַ שטיצע פאַר דער פאַמיליע און אַביסל פריינדשאַפט פון נאָענטע. דאָס האָט איניגע יידישע אַרבעטער געשטויסן צו שאַפן אַן אייגענעם אונטערשטיצונגס-פאַראיין.

געווען איז דאָס אין יאָר 1892. אַ יאָר, וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיגע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. אין צוויי טיילן וועלט, ווייט איינע פון דער אַנדערער אין שטח, האָבן יידישע אַרבעטער אין די זעלבע טעג זיך דערטראַכט צו געדאַנקען און טאַטן, וואָס פאַרמאָגן אין תוך קרובישעס, הגם זיי זיינען פאַרשיידנאַרטיג אין זייער פאָרם.

אין זווערינעצער וואַלד ביי ווילנע האָבן זיך צום ערשטן מאָל פאַרזאַמלט יידישע אַרבעטער צו פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-יום-טוב, דעם 1טן מאַי. און אויף יענער פאַרזאַמלונג האָבן 2 אַרבעטער און 2 אַרבעטערינס געהאַלטן די היסטאָריש-געוואָרענע רעדעס, אין וועלכע זיי האָבן אָנגעמערקט דעם ווייטערדיגן

וועג פֿאַרן יידישן אַרבעטער. ס'איז אין דעם געווען סאָציאַליסטישער געדאַנק און טאַט, די שטים פֿון דער אויפֿגעוואַכטער יידישער אַר־בעטער־מאַסע. געציילטע טעג פֿאַר דעם האָבן יידישע אַרבעטער אין ניו־יאָרק פֿאַרטראַכט אַ פשוטן אָבער גרויסן געדאַנק און געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַן אייגענער אַרבעטער־היים. אין פֿאַרשיידענע פּאָליטישע סביבות, האָט דער יידישער אַרבעטער דאָ און דאָרט אין דער זעלבער צייט אָנגעזאָגט זיין דערוואַכונג, זיין רייפֿקייט און זעלבסטשטענדיגקייט. דאָ און דאָרט האָט ער אַרויסגעבראַכט זיין אויפֿגעוואַכטן ווילן אַרויסצוהויבן זיך פֿון דער הילפֿלאָזיגקייט און אויפֿצוטייען פֿון דער פֿאַרגליווערטקייט. די צעשטויבטע האָבן זיך אָנגעהויבן באַהעפֿטן אין אַ געשלאָסענער מחנה.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט שוין דע־מאָלט געהאַט אַ קורצע געשיכטע הינטער זיך. די יידישע אַרבע־טער האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ צאָל שטרייקן. פֿון 1888 האָט עקזיסטירט אַ צענטראַלע קערפּערשאַפֿט פֿון די יידישע טרייד־יוניאָנס — די פֿאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפֿטן. די אַמערי־קאַנער יידישע אַרבעטער זיינען אין די יאָרן 1889 און 1891 דורך די שליחים פֿון די פֿאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפֿטן — לואי מילער און אַב. קאַהאַן — אפילו געווען פֿאַרטראָטן אויף די קאָנ־גרעסן פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. נאָכן דורכגעפֿאַלענעם פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ בשותּפֿותדיקע צייטונג האָבן אין 1890 אָנגעהויבן דערשיינען די סאָציאַליסטישע „אַרבעטער־צייטונג" און די אַנאַר־כיסטישע „פֿרייע אַרבעטער־שטימע". אין 1892 איז צוגעקומען דער חודש־זשורנאַל „די צוקונפֿט". אין דאָזיגן יאָר איז בכלל געווען אַ געוויסע אויפֿלעבונג צווישן די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן דעם 1טן מאַי געעפֿנט אויף דילענסי־סטריט, אין ניו־יאָרק, אַן איי־גענעם לייבאָר־ליסעאום. ביים אָנהויב פֿון די ניינציגער יאָרן איז שוין געווען אַ גרעסערע צאָל יידישע סעקציעס אין דער סאָ־ציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (ס. ל. פּ.). אויך די אַנאַרכיסטן זיינען געווען שטאַרק טעטיג. באַזונדערס איז זייער ווירקונג געוואָרן שטאַרקער נאָך דער היימאַרקעט־טראַגעדיע אין שיקאַגאָ, אין 1886, און נאָך דער עקזעקוציע פֿון 6 אַנאַרכיסטישע פֿירער.

ביי דעם אַלעם זיינען די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן פֿאָרט געווען נישט מער ווי אַוואַנגאַרד־גרופּן מיט אַ ווייטן ציל, וואָס זיי האָבן געגלויבט, אַז זיין פֿאַרווירקלעכונג איז גאָר נאָענט. פֿון דער

צווייטער זייט איז געווען די רויע, ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסע — מענער, פרויען און קינדער — וואָס האָט 14—18 שעה אין מעת־לעת פאַר אַ הונגער־לוין זיך געמאַטערט אין די שוויץ־שעפּער און געפירט אַ דחקותדיג לעבן אין די געסלעך פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד. צווישן ביידע האָט געפעלט אַן ענגע און אינטימע פאַרבינדונג. איז געקומען די מחשבה צו שאַפן אַ פאַרבינדונג צווישן דעם אַוואַנגאַרד און דער מאַסע, פאַרבינדן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל מיט די טאָג־טעגלעכע נויטן און באַדערפענישן פון יחיד.

2. די געבורט

צוויי מאַנטל־שניידער, סעם גרינבערג און הערי לאַסקער, האָבן סוף מערץ 1892 זיך דורכגעשמועסט, אַז ס׳איז נויטיק צו שאַפן אַן אונטערשטיצונגס־פאַראיין פון אַרבעטער. זייער מחשבה האָבן זיי אַנפאַרטרויט אַ דריטן, דעם היטל־מאַכער משה גאָלדרייך. דער דרייליגג האָט פאַר דער אידעע געוואונען נאָך איינינע אַרבעטער און צוזאַמענגעקליבן אַ גאַנצן מנין. אַט דער מנין האָט דעם 4טן אַפּריל 1892 געשאַפן אַ פאַראיין מיטן נאָמען „אַרבעטער־רינג״. דאָס איז דער סאַמע אָנהויב.

דער פאָרזיי פון ערשטן קערנדל איז פאָרגעקומען אין אַ פּריוואַ־טער דירה אויף עסעקס סטריט פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, אויף דער זעלבער גאַס, וואו מיט בערך אַ האַלבן יאָרהונדערט פריער איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער יידישער אָרדען אין אַמעריקע — „בני ברית״. פון דער זעלבער גאַס זיינען אָבער די צוויי אָרדענס אוועק אין גאַנץ פאַרשיידענע ריכטונגען. אָן פּאַראַדן און צערעמאָ־ניעס, אָן שוואַרצן טוך און פאַרביגע לענטעס, אָן גראַנד־מאַסטערס און אָן דעם איבעריגן קלאַפּערגעצייג האָט דער נייער אונטער־שטיצונגס־פאַראיין זיך פאַרמאָסטן מיט פּשוטקייט, ווי פּשוט ס׳איז דאָס לעבן און טוען פון אַרבעטס־מענטש, אויסצוטרעטן אַ נייעם וועג און אויסהאַמערן אַ נייע פאָרם פון יידישער און סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין די אָרימע דירות פון די אַר־בעטער סעם גרינבערג און היימאַן לעווי — אויף 151 עסעקס סטריט און 174 עלדרידזש סטריט — האָט מען אָפּגעהאַלטן די ערשטע באַראַטונגען און שפּעטער איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ מיטינג־לאָקאַל אויף 26 דילענסי סטריט.

דער ערשטער פאָרזיצער איז געווען משה גאָלדרייך. געשטאַמט האָט ער פון פּוילן, פון וואַנען ער איז אוועק צוזאַמען מיט זיין פאָטער נאָך דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע״ (אויפשטאַנד) אין 1863.

אין יאָר 1871 איז ער געווען אין פּאַריז, וואו ער האָט מיט מסירת נפש געקעמפט אויף די באַריקאַדן אין די רייען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָט פאַרטיידיגט די קאָמונע. דורך לאָנדאָן און אויסטראַליע איז ער געקומען אין אַמעריקע. דאָ אין ניו־יאָרק איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און אַקטיוו אין דער יוניאָן פון די היטל־מאַכער. אַליין אַ שאָפּ־אַרבעטער, איז זיין השפעה צווישן די אַרבעטער פון זיין פאַך געווען אַ גרויסע.

פּשוטע אַרבעטער האָבן געשאַפן דאָס ערשטע קעמערל פון אַרבעטער־רינג. זיי זיינען געווען היטל־מאַכער, מאַנטל־שניידער און אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן. דער „אַרבעטער־רינג־פאַראיין" — אַזוי איז געווען זיין ערשטער נאָמען — האָט זיך געשטעלט דריי אויפגאַבן: 1) קעגנזייטיגע אונטערשטיצונג פון די מיטגלידער אין נויט און אומגליקס־פאַלן; 2) בילדונג פאַר די מיטגלידער; 3) גרינדן קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען. איינער האָט דעם צווייטן גערופן — פריינד, און מיט דעם זיך באַמיט צו שאַפן אַן אַטמאָספער פון נאָענטקייט און חברישקייט.

אין דער אָנגענומענער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1893, ווערן די פריער־דערמאָנטע 3 פּונקטן אָנגעגעבן אַלס די צילן פון פאַראיין „אַרבעטער־רינג". וועגן די אויפנאַם־באַדינגונגען ווערט געזאָגט אין אַרטיקל 8 פון דער קאָנסטיטוציע, אַז עס קען אַריינטרעטן אין פאַראיין יעדע פּערזאָן אין עלטער צווישן 20 און 45 יאָר אָן אונטערשייד פון רעליגיע, אָפּשטאַמונג, געשלעכט אָדער איבערצייגונג בתנאי, אַז ער זאָל האָבן אַ גוטן שם און אַ גוטן מאָראַלישן כאַראַקטער. דער קאַנדידאַט מוז אויך זיין פיזיש און גייסטיג געזונט, כדי צו קענען מפרנס זיין די פאַמיליע. קראַנקע מיטגלידער זיינען געוואָרן באַרעכטיגט צו באַקומען 8 וואָכן בענעפיט צו 5 דאָלאַר אַ וואָך. 2 מאָל אין חודש האָבן געדאַרפט פאָרקומען בילדונגס־פאַרזאַמלונגען.

— היינט זעט אויס די קאָנסטיטוציע מאָדנע. די שפּראַך איז דייטש, הגם געדרוקט מיט יידישע אותיות. נאָך מער: אין ערשטן אַרטיקל ווערט געזאָגט: „אַלע פאַרהאַנדלונגען און שריפטן פון דעם פאַראיין זאָלן געפירט ווערן אויף דער דייטשער שפּראַך און שריפט. דאָך איז די מיטגלידער דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט אַן אַנדערער

שפּראַך"*). מ'האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ס'איז ניט אין אָרדענונג מיטן אָנוואַרפן די „דייטשע שפּראַכע" אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף באַשטיין פון „עמך", און מ'האָט גלייך אין אַ „פּעלער־אויסבעסע־רונג" אָנגעזאָגט, אַז מען מעג אויך באַנוצן יידיש: „די פאַרהאַנדלונגען זאָלן געפירט ווערן אין דער דייטשער אָדער יידישער שפּראַך". דאָס לעבן האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער קאָנסטיטוציע און די „פאַר־האַנדלונגען" זיינען געפירט געוואָרן אין פּשוטן יידיש.

דער פּונקט וועגן דער דייטשער שפּראַך איז געקומען פון צוויי זייטן: די אַלטע תושבים פון איסט־סייד זיינען געווען יידן פון דייטשלאַנד אָדער פון עסטרייך־אונגאַרן. די ערשטע האָבן גערעדט דייטש, די צווייטע דייטשמעריש. אויך אין די לאַדזשן פון די אַלטע אָרדענס האָט מען גערעדט אויף די פריער־דערמאָנטע לשונות. די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן, יידישע אינטעליגענטן פון רוסלאַנד, האָבן צווישן זיך גערעדט רוסיש. די חשיבות פון יידיש האָט דער ברייטער עולם נאָך נישט געהאַט באַגריפן. איז געווען „נאַטירלעך", אַז אין אַן אָרדען דאַרף זיין אַ „העכער" לשון, און דאָס איז דע־מאָלט אויף איסט־סייד געווען דייטש און דייטשמעריש.

ס'איז געווען נאָך אַ דירעקטע סיבה, וואָס האָט גורם געווען דעם פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע וועגן דער דייטשער שפּראַך. די השפּעה פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז אַרויס ווייט פון די גרענעצן פון דייטשלאַנד. אויך אַמעריקע איז אין דעם פּרט ניט געווען קיין אויסנאַם. אין די יאָרן פון ביסמאַרקס אַנטי־סאָציאַליסטן־געזעץ האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אַ סך דייטשע סאָ־ציאַליסטן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון זייער היימלאַנד צוליב די פּאָליטישע רדיפות. מיט זייער אידעאַליזם און אָרגאַניזאַציע־פעאיג־קייטן האָבן זיי דאָ אויפגעבויט שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס פון דייטשע אַרבעטער. איינע פון זיי איז געווען די „אַרבייטער קראַנקען און שטערבע קאַסע", וואָס עקזיסטירט פון 1884. ווי די ערשטע טוער פון די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן האָבן נאָכגעטאָן די דייטשע יוניאָנס אין ניו־יאָרק און קאָפּירט פון זיי די אָרגאַ־ניזאַציע־פאָרם און די פּרינציפּן־דערקלערונג, אַזוי האָבן אויך די פּשוטע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געגרינדעט דעם פאַראיין „אַרבעטער־רינג", זיך פאַרשפּאַרט די מי אָנצושרייבן אַן אייגענע

*) אַלע ציטאַטעס, וואָס ווערן געבּרענגט אין דעם בוך, זיינען איבערגעגעבן ווערט־לעך, אָבער אין אַ היינטצייטיגן יידיש.

קאנסטיטוציע און איבערגעשריבן פון פארטיגן מוסטער פון דער דייטשער „ארבייטער קראנקען און שטערבע קאסע". זיי האבן אבער באלד זיך געכאפט וואס פאר א טעות זיי האבן געמאכט בנוגע דער שפראך און צוגעגעבן אין דער „פעלער-אויסבעסערונג" אויך יידיש. דאס לעבן גופא האט מבטל געמאכט דעם פונקט וועגן דייטש, און יידיש איז גיך געווארן דאס לשון פון ארבעטער-רינג. אין די ערשטע יארן זיינען די אפיציעלע דאקומענטן און שריפטן נאך געווען דייטש און דייטשמעריש. די מיטגלידס-קארטע איז געווען געדרוקט אויף דייטש (מיט ניט-יידישע אותיות און מיט אייניגע גרייזן). די מעטאדן פון ארגאניזאציע, דער סיסטעם פון צאלונגען און פירונגען, וואס זיינען גענומען געווארן פון דער דייטשער ארבעטער-קאסע, זיינען אין ארבעטער-רינג פארבליבן אויף לאנגע יארן. האבן דאך די יידישע ארבעטער געקענט איבערחזרן די ווערטער, וואס די גרינדער פון דער דייטשער קאסע האבן ארייננגעשטעלט אין זייער ערשטן פראטאקאל: „מיר, די ארויסגעטריבענע און אויסגעוואנדערטע פון דייטשלאנד, פארפליכטן זיך צו אונטערשטיצן, אין פאל פון קראנקהייט, די גענאסן, וועלכע וועלן קומען פון דער אלטער היים צו די ברעגעס פון דער זייט ים, כדי זיי ווייטער צו מאכן קאמפפעאיג פאר די אינטערעסן פון דער סאציאליסטישער ארבעטער-פארטיי און קעגן דער רעאקציע". מ'האט בלויז אויפן ארט פון דייטשלאנד געדארפט ארייננשטעלן — רוסלאנד און עסטרייך-אונגארן. די דייטשע סאציאליסטישע און טרייד-יוניאנס-טישע ארגאניזאציעס האבן די יידישע ארבעטער געגעבן אויך ממשותדיגע הילף — מיט ראט און טאט — אין פארשיידענע פארמען. כדאי אויך אנצואווייזן, אז אין די יארן, ווען די איינציגע יידישע צייטונג — „די אידישע גאזעטען" — האט נישט געוואלט דרוקן קיין ארבעטער-נייעס וועגן די סטרייקן און די יוניאנס, האבן די יידישע ארבעטער גערעדט צו דער עפנטלעכקייט דורך דער דייטשער סאציאליסטישער „פאלקס-צייטונג". די ערשטע האט די יידישע ארבעטער און סאציאליסטן פארביסן און דעמאגאגיש באקעמפט — די צווייטע האט אויסגעשטרעקט א ברידערלעכע האנט.

דער ערשטער טראט איז דער שווערסטער און סכנהדיגסטער. וואס האט דער פאראיין „ארבעטער-רינג" געטאן אין זיין ערשטער צייט?

יעדע וואך איז מען זיך צוזאמענגעקומען. איין מאל צו בא-

האַנדלען לויפנדיגע ענינים, דאָס צווייטע מאָל פאַרן צוועק פון זעלבסט־בילדונג. יעדע צווייטע וואָך איז פאַרגעקומען אַ לעקציע. בעיקר האָט מען באַהאַנדלט פראַגן פון נאַטור־וויסנשאַפט, רעליגיע און ענלעכע פּראָבלעמען, צו וועלכע פרייד־ענקערישע פאָלקס־מענטשן האָבן דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס. די לעקטאָרן זיינען געווען די בעסטע מענטשן, וואָס די באַוועגונג האָט געהאַט: מאָרים הילקוויט, מ. זאַמעטקין, ה. זאָלאָטאַראָף, אַב. קאַהאַן, ב. פייגענבוים, לואי מילער, מ. גירזשדאַנסקי, אַב. קאַספּע, מ. קאַץ, ש. יאַנאָווסקי, מ. שוואַרץ און ראַגאָווין. די לעקציעס זיי־נען געווען גוט באַזוכטע, אפילו אין די גרעסטע היצן און פרעסט.

יעדע דריי חדשים האָט מען אָפּגעהאַלטן אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג. מ'האָט זיך באַמיט, אַז די מיטגלידער זאָלן אין פאַראיין זיך פילן ווי אַ משפחה. ווען אַ מיטגליד האָט חתונה געהאַט, איז מען געגאַנגען אויף דער שמחה, און דער פאַראיין האָט געגעבן דרשה־געשאַנק. איז אַ פרוי געלעגן אין קימפּעט, האָבן אַנדערע פרויען פון די מיטגלידער זי באַזוכט און געהאָלפן אין דער שטוב־אַרבעט. מ'האָט אויסגעפירט די פונקטן 6 און 7 פון דער קאָנסטי־טוציע, וואָס האָט געזאָגט: „אויב אַ מיטגליד ווערט אַזוי קראַנק, אַז ער נויטיגט זיך אין אויפפּאַסונג ביי דער נאַכט, מוז דער קראַנקען־קאָמיטעט תיכף ווענן דעם לאָזן וויסן דעם פּאָרזיצער, וועלכער מוז צוזאַמען מיטן האָספּיטעלער באַשטימען פאַר יעדער נאַכט דריי מיטגלידער, נאָכן אַלף בית, צו נעכטיגן ביים קראַנקען". „אויב עמיצער פון פאַראיין שטאַרבט, מוזן אַלע מיטגלידער, וואָס זיינען אין שטאָט, באַגלייטן דעם טויטן־וואָגן ביז צו דער פּערי". אָפט איז מען זיך סתם צוזאַמענגעקומען אויף היימישע שמחות. אַלע זיינען געווען אַרבעטער און ראַדיקאַל־געשטימטע מענטשן און זיי האָבן געקאָנט שאַפן אַן אינטימע אַטמאָספער. ווען מ'האָט אַפּעלירט צו דער עפנטלעכקייט, איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון דעם אונטערשטיצונגס־פאַראיין. אַזוי, למשל, ווערט געזאָגט אין ערשטן, דייטשמערישן אַנאָנס, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט געגעבן אין דער „אַרבייטער־צייטונג" פון 21טן אָקטאָבער 1892 וועגן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג — „משיחס צייטן" אין יוניאָן־טעאַטער — צו פאַרבעסערן דעם הילפס־פאָנד: דער דאָזיגער פאַראיין איז דער איינציגער, וואָס איז געבויט אויף „אַ ראַדיקאַלן, אָרענטלעכן און ראַיעלן באָדן".

אין 1894 איז מען צוגעטראָטן צו רעאַליזירן די דריטע אויפ־גאַבע — קאָאָפּעראַציע. אין יענעם יאָר איז געעפנט געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווער באַרבער־שאַפּ.

צו שאַפן זיך אַ קלאָר בילד פון ערשטן קעמערל פון אַרבעטער־רינג, לאָמיר הערן וואָס עס זאָגן זיינע שאַפער גופא, די פּיאָנערן. אין אַן אויפרוף פון 1894 געפינען מיר אַזאַ זעלבסט־כאַראַקטעריס־טיק פון „אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק" (דאָס איז געווען דער אָפּי־ציעלער נאָמען):

„וואָס איז דער אַרבעטער־רינג? דער אַרבעטער־רינג איז דער בעסטער לאַדזש פון אַלע לאַדזשן, דער בעסטער פּאַראיין פון אַלע פּאַראיינען, די איינציגע געזעלשאַפט פאַר דעם אַרבעטער, וואו ער זאָל זיין גייסט בילדן — און מאַטעריעליש ניט פאַרלוירן גיין.. — צו וואָס שרעבט דער אַרבעטער־רינג'? צו פריינדשאַפט און ברי־דערלעכקייט, צוגעוואוינען די מיטגלידער צו אַ צוזאַמענלעבן, שטרעבן צו איין ציל, שעפּן פון איין קוואַל. צו בילדן איין מעכטיגע אָרגאַניזאַציע דורך פריינדשאַפט, טרייהייט און איבערגעגעבנקייט פון איינעם צום צווייטן. — „וואָס פאַר נוצן ברענגט ער'? ער ברענגט נוצן פאַר דער אַרבעטער־מאַסע, וואָס ער גיט איר די געלעגענהייט אַרויסצוטרעטן פון די לאַדזשן און איינשליסן זיך אין אַרבעטער־רינג, וואו דער אַרבעטער זאָל געפינען אַלע באַקוועמ־לעכקייטן, וואָס אַ מיטגליד קען האָבן אין וועלכער ניט איז חברה, פאַראיין אָדער לאַדזש, און דערביי זאָל דער גייסט ניט פאַרדאָרבן ווערן. אין די חברות, לאַדזשן, פאַראיינען ווערט דער גייסט פון דעם אַרבעטער פאַרדאָרבן, בעת מ'פאַרנעמט זיך וועגן אַ פּרעזידענט, אַ שמש, שול־קלאַפּער, אַ שלישי, אַ מפטיר און נאָך אַזעלכע נאַרישע זאַכן, וואָס רויבט צו צייט אין אומנוצלעכע דעבאַטעס. און אַמאָל קומט נאָך צו — צאַנקערייי און פּערזענלעכע באַליידיגונג, וואָס ווירקט זייער שלעכט אויף דעם גייסט און מאָראַל פון די מיט־גלידער. אַנשטאָט דעם אַלעם, פאַרברענגט דער מיטגליד פון אַרבע־טער־רינג זיין צייט אין וויסנשאַפטלעכע דיסקוסיעס, אָדער ביי אַ וויסנשאַפטלעכער לעקציע, וואָס בילדט זיין גייסט מאָראַליש, וואָס טרייסלט אָפּ פון זיין מאַרך דעם שטויב פון דער פעקטאָרי, וואָס קלערט אים אויף, אַנטוויקלט אים צו דענקען, עפנט אים זיינע אויגן ער זאָל זיך אומקוקן, אַז ער איז אַ מענטש, אַ מענטש מיט ענערגיע, מיט מוט און גייסט, אַ טייל פון דער נאַטור, וואָס האָט

פּאַר אים געגרייט צו גענינסן דאָס, צו וואָס ער איז באַרעכטיגט אַלס מענטש און ניט צו עקזיסטירן אַלס שקלאַף ווי אַ שאַפנדיגע חיה, צו שאַפן פאַר אַנדערע און אַליין ניט צו געניסן". נאָך דעם ווי עס ווערט דערציילט וועגן די פּראַקטישע נוצן פון אַרבעטער־רינג, קומט פאָלגנדיגער רוף: „איצט, אָרענטלעכע אַרבעטער, פאָדערן מיר אייך אויף, וואַרפט אַוועק די אַלטע געטער, די חברות, לאַדזשן א. אַ. וו., וואו אייער גייסט ווערט אין נאַרישקייט פאַרזונקען. שליסט זיך אָן אין אונזער ברידערלעכן בונד. מיט איין ציל, מיט איין שטרעבונג, מיט איין אידעע וועלן מיר אַלע צוזאַמען גיין פאָראויס און אויפפרישן אונזערע כוחות ביז מיר וועלן זיין אומשטאַנד צו צערייסן מיט אַמאָל אונזערע קייטן, און דערקלערן זיך פריי פון שקלאַפעריי און אונטערדריקונג. צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטש־הייט וועלן מיר זיך דערקלערן פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברי־דערלעכקייט".

דער דאָזיגער אויפרוף, פון וועלכן מיר האָבן דאָ געבראַנגט אַ טייל אין היינטצייטיגן יידיש, איז אַ גוטער זעלבסט־פּאָרטרעט פון אַרבעטער־רינג־פאַראיין און פון זיינע שטרעבונגען. מיטן קלאַסן־אינסטינקט פון קעמפנדיגע אַרבעטער, מיטן באַוואוסטזיין פון אויפ־געקלערטע סאָציאַליסטן, האָבן די פּיאָנערן געוואָלט אַרויסרייסן די יידישע אַרבעטנדיגע מאַסע פון דער השפעה פון די קהלשע קאַכלעפל און שטעלן זיי אויף אייגענע פיס, און פירן זי אויף איי־גענע וועגן צום סאָציאַליסטישן ציל, וואָס האָט דעמאָלט רייַן געקלונגען ווי אַן אויפגייענדיגע זון. מ'האָט די יידישע אַרבעטער אויך געוואָלט באַפרייען פון דער השפעה, וואָס די כלי־קודש האָבן נאָך געהאַט אויף אַ טייל פון זיי. מ'האָט עס געטאָן נישט בלויז מיט איבערצייגנדיגע ווערטער, נאָר אויך דורך סיסטעמאַטיש אַריינ־ציען ברייטערע קרייזן אַרבעטער אין דער סביבה פון אַרבעטער־רינג דורך איינלאַדן זיי צו שמחות, פאַרוויילונגען און וועטשערעס, וואו מ'האָט צוזאַמען פריילעך פאַרבראַכט, געזונגען און געטאַנצט אָדער געפירט לייכטע אינטערעסאַנטע שמועסן. מ'האָט דאָס באַ־טראַכט פאַר אַ גוטן מיטל צו ווערבירן נייע מיטגלידער.

דער פאַראיין „אַרבעטער־רינג" האָט געוואַקסן נייע אַנהענגער. אין 1894 האָט ער שוין געציילט אַ 200 מיטגלידער. דער גאַנג באַרג־אַרויף האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט. מיט אַ יאָר שפּעטער קומט אַ שטאַרקער צוריקפאַל. מיטגלידער צעלויפן זיך און עס

בלייבן נים מער ווי 35 געטרייע חסידים און עקשנים. אין זעלבן יאָר מוז מען אויך צומאַכן דעם קאָאָפּעראַטיוון באַרבער־שאָפּ, וואָס האָט זיך געפונען אויף 128 דילענסי סטריט. די האָפענונג צו פירן אַ טעטיגקייט אויפן פעלד פון קאָאָפּעראַציע האָט געפּלאַצט. דער צוריקגאַנג האָט אָבער די עקשנים נים אַנטמוטיגט. אויפן אָרט פון די אַוועקגעגאַנגענע האָט מען ווערבירט נייע. אין די ווייטער־דיגע יאָרן איז די אָרגאַניזאַציע ווידער געוואַקסן.

3. שטרייטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

די פּיאָנערן האָבן געדאַרפט צעאַקערן אַ שווערן, אַ שטיינער־דיגן באָדן. און נישט בלויז דאָס אַליין. גרויסע שוועריגקייטן האָבן זיי אויך געהאַט אין דער באַוועגונג גופא, צוליב די פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט. צרות זיינען געווען פאַרשיידענע.

דער פאַרשאַרפטער שטרייט צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַר־כיסטן האָט גורם געווען, אַז אויך דער פאַראיין אַרבעטער־רינג זאָל אין דער פראַגע פאַרנעמען אַ שטעלונג. דער קאַמף צווישן ביידע צדדים האָט פאַרכאַפּט דעם אַרבעטער־רינג. ער האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך צו בלייבן אין אַ זייט פון אַזאַ וויכטיגן ענין, הגם די אָרגאַניזאַציע איז לכתחילה פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַן אומ־פּאַרטייאישע, וואָס איז נייטראַל צו די שטרייט־פראַגן פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג. נאָך הייסע דעבאַטן איז גענומען געוואָרן אַ שטעלונג לטובת דעם סאָציאַליסטישן צד.

אין אַ באַריכט אין דער סאָציאַליסטישער „אַרבייטער־צייטונג", דעם 2טן מערץ 1894, ווערט וועגן דעם אַזוי געזאָגט:

„וועגן דער פראַגע וואָסער פּאָזיציע דער פאַראיין זאָל פאַר־נעמען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז באַשלאָסן געוואָרן: אַזוי ווי מיר זיינען איבערצייגט, אַז אומפּאַרטייאישקייט פירט בלויז צו מיספאַרשטענדענישן און אומאייניגקייט צווישן די מיטגלידער, דעריבער דערקלערט דער פאַראיין, אַז הגם ניט יעדער קען נעמען אַ דירעקטן אַנטייל אין דער באַוועגונג, **סימפּאַטיזירן מיר דאָך נאָר מיט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס**, וואָס זיינען געבויט אויף סאָציאַ־ליסטישע פּרינציפּן".

מיט דעם האָט מען געפּסקנט צוויי שאלות: צי זאָל דער אַר־בעטער־רינג זיין אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַז ער זאָל פאַרנעמען אַ שטעלונג צו די שטרייטנדיגע צדדים; און אויב יאָ, מיט וועלכן צד זאָל דער אַרבעטער־רינג גיין? אויף ביידע

שאלות האָט דער אַרבעטער-רינג געגעבן אַ קלאָרע תשובה. אין די אָנהויבן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין די איראָפּעאישע לענדער זיינען אין ענלעכע סיטואַציעס אויך געווען פאַרשיידענע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געמוזט מאַכן זייער אויסוואַל.

דער באַשלוס פון אַרבעטער-רינג האָט באַדייט אַ ריס מיטן אַנאַרכיסטישן לאַגער. די באַריכטן פון פאַראיין אַ.־ר., וואָס פלעגן פריער דערשיינען אי אין דער סאָציאַליסטישער „אַרבייטער-צייטונג", אי אין דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבייטער-שטימע", האָבן זיך שוין באַוויזן בלויז אין דעם סאָציאַליסטישן וואָכנבלאַט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מ'איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ צווייטן שטרייט. דאָס מאָל שוין אין די סאָציאַליסטישע רייען גופא. צווישן די סאָציאַליסטן האָט זיך צעפלאַקערט אַ שטרייט אַרום דער טאַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי (ס. ל. פּ.). בראש פון דער פּאַרטיי איז געשטאַנען דעניעל דע ליאָן. הגם ער איז געקומען צו דער ס. ל. פּ. ערשט אין 1890, איז ער אַ דאַנק זיין ענערגיע, רעדנער-קראַפט און אַנדערע אייגנשאַפטן גיך געוואָרן דער טאָן-געבער. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס ס'האָט שפּעטער אַרויסגעוויזן אין רוסלאַנד — לענין. אין די ערשטע יאָרן פון קאָמינטערן פלעגן טאַקע די קאָמוניסטישע טוער אַליין אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער קרובהשאַפט צווישן דע ליאָניזם און לעניניזם. דעניעל דע ליאָן האָט געוויזן זיינע שאַרפע ציין און אָנגעהויבן „רייניגונגען" אין דער פּאַרטיי. יענער וועלכער האָט געפּרואווט זיך אַנטקעגנשטעלן דע ליאָנס מיינונגען אָדער סתם אַמביציעס, איז געווען אַ קאַנדידאַט באַזייטיגט צו ווערן. די לאַגע איז געוואָרן נאָך מער פאַרשאַרפט צוליב דער טאַקטיק לגבי דער טרייד-יוניאָן-באַוועגונג. דעניעל דע ליאָן און זיינע חסידים האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיט דעם ריין פּאָליטישן פעלד. זיי זיינען אויך געוואָרן אַקטיוו אין דער טרייד-יוניאָן-באַוועגונג.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער „סענטראַל לייבאָר-יוניאָן" פון ניו-יאָרק, וואָס איז געווען די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די טרייד-יוניאָנס אין שטאָט. די מער פּראָגרעסיווע יוניאָנס האָבן אויסגעבילדעט אַ „סענטראַל לייבאָר-פעדעריישאָן" אונטער דער אָנפירונג פון סאָציאַליסטן. די יוניאָנס פון דער אַלטער „סענטראַל לייבאָר-יוניאָן" האָבן בעיקר

געהערט צו די „נייטס אָוו לייבאָר", בעת די אָפּגעשפּאָלטענע זיינען געווען פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר". די ניי־געשאַפענע „סענטראַל לייבאָר־פעדערײשאָן" האָט פון דער „אַמע־ריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" פאַרלאַנגט אַ טשאַרטער פאַר ניו־יאָרק. גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון אַ. פ. אָוו ל., האָט געשטעלט אַ תנאי, אַז די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) זאָל צו דער נייער ניו־יאָרקער קערפּערשאַפט ניט געהערן, עס זאָלן זיין אָנגעשלאָסן בלויז יוניאָנס. קעגן דער אָנגעהעריגקייט פון דער ס. ל. פּ. זיינען, נאַטירלעך, הגם צוליב אַנדערע טעמים, אויך געווען די אַנאַרכיסטן. דאָס אַלץ האָט געווירקט, אַז די „סענטראַל לייבאָר־פעדערײשאָן" האָט אויסגעשלאָסן די ס. ל. פּ..

אויף דעם האָט די ס. ל. פּ. געענטפערט מיט אַ קעגן־קלאַפּ. אין 1894 האָט זי דעם רוב יידישע יוניאָנס איבערגעפירט צו די „נייטס אָוו לייבאָר", אָבער אויך פון דאָרט האָט מען אין אַ קורצער צייט אַרום אויסגעשלאָסן די יוניאָנס, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער סאָציאַליסטישער ווירקונג. פאַרשטויסן אי פון אַ. פ. אָוו ל., אי פון די „נייטס" איז די ס. ל. פּ. אונטער דע ליאָנס פי־רונג צוגעטראָטן בויען אַ „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַליִענס", אין וועלכער עס זיינען אַריין די יידישע יוניאָנס. די „אַליִענס" איז געשאַפן געוואָרן סוף 1895 און די גרעסטע צאָל דעלעגאַטן זיינען געווען יידישע. עס זיינען אויך געווען פאַרטראָטן עטלעכע דייטשע און ענגלישע יוניאָנס. די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן אַלס גאַנצע זיינען אויך צוגעשטאַנען. לויט דעם פאַרטראַכטן פּלאַן, האָבן די יוניאָנס געדאַרפט ווייטער בלייבן אין דער אַ. פ. אָוו ל. און אין די „נייטס", זיי האָבן אָבער גלייכצייטיג געזאָלט זיין צו זיי אין אָפּאָזיציע דורך אַן אייגענער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער פאַראייניגונג אויפן באָדן פון ניו־יאָרק.

דע ליאָן איז אַרויס אין אַ שאַרפן קריג קעגן די אַלטע טרייד־יוניאָניסטישע צענטראַלע קערפּערשאַפטן. אין די רייען פון דער ס. ל. פּ. איז אַנטשטאַנען אַן אָפּאָזיציע קעגן דער גאַנצער דע ליאָ־ניסטישער טאַקטיק און בפרט קעגן דער ניי־געגרינדעטער אַליִענס. בראש פון דער אַנטי־דע ליאָן־ריכטונג זיינען דאָן געווען מאָריס ווינטשעווסקי, אַב. קאַהאַן, לואי מילער און אַנדערע. די פּאַרטיי האָט זיך צעטיילט אויף צוויי שטרייטנדיקע צדדים. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן שוין פאַרמאָגט אַן אייגענע פּרעסע: די ערשטע

טעגלעכע סאָציאַליסטישע צייטונג „אבענד-בלאַט", וואָס האָט אָנ־
געהויבן דערשיינען אין 1894, דאָס וואָכנבלאַט „ארבייטער-צייטונג",
דעם חודש-זשורנאַל „די צוקונפט" און דעם „אמת" — פון 1895 אַ
וואָכנבלאַט פון דער באָסטאָנער סעקציע פון דער ס. ל. פּ.. אין „אמת"
האָט ווינטשעווסקי געפירט זיין שאַרפע אַטאַקע קעגן דע ליאָנס
טאַקטיק. ווען די דע ליאָניסטן האָבן קריטיקירט דעם „פּיור און
סימפּל"-יוניאָניזם, די נעגאַטיווע באַציאונג צום פּאָליטישן קאַמף
און צו די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיעס, איז אין דעם געווען אָן
ספק אַ געזונטער קערן. די צרה פון דע ליאָניזם איז אָבער געווען,
וואָס ער האָט געזוכט צו פאַרוואַנדלען די טרייד-יוניאָן-באַוועגונג אין
אַ משרת פון דער פּאַרטיי, וואָס ער האָט אין די אייגענע רייען
ארויסגעוויזן אַן אומטאָלעראַנץ צו אַנדערש-דענקענדיגע און געוואָלט
אפילו צווינגען די פּאַרטיי-מיטגלידער צו פאַרלאָזן זייערע יוניאָנס,
וואָס האָבן נים געוואָלט געהערן צו דער „סאָשעליסט טרייד ענד
לייבאָר אַלייענס". אין נאָמען פון ראַדיקאַליזם האָט מען אפילו
געשיקט אַרבעטן אויף פּלעצער, וואו עס האָבן געסטרייקט אַר־
בעטער פון אַנדערע יוניאָנס! אייגנשאַפטן, וואָס האָבן מיט יאָרן
שפּעטער אַזוי זיך פאַנאַנדערגעבליט אין קאָמוניסטישן לאַגער.

כאָטש אַ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָט מיט אַ באַדייטנדיגער
מערהייט זומער 1896 באַשטעטיגט די נייע דע ליאָניסטישע טאַק־
טיק, האָט דאָס דאָך נים געקאָנט באַזייטיגן די שטאַרקע אומצו־
פרידנקייט און שאַרפע פּאָלעמיק אין די סאָציאַליסטישע רייען, און
ס'איז דערגאַנגען צו אַ פאָרמעלער שפּאַלטונג. אַ טייל יידישע סאָ־
ציאַליסטן און טרייד-יוניאָן-טוער זיינען אוועק פון דער ס. ל. פּ..
דעם 7טן יאַנואַר 1897 איז פאָרגעקומען דער יערלעכער מיטינג פון
דער „ארבייטער-צייטונג פּאַבלישינג אַסס'ן", וואו דער קאַמף צווישן
די אָנהענגער און קעגנער פון דע ליאָניזם איז דערפירט געוואָרן
ביזן לאַגישן סוף. 52 מיטגלידער האָבן פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג.
די שפּאַלטונג האָט פון ניו-יאָרק זיך אַריבערגעוואָרפן אין לאַנד.
מיט דער אָפּאָזיציע איז געווען די גרעסטע צאָל יידישע יוניאָנס,
הגם די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן זיינען נאָך אַ צייט גע־
ווען מיט דער ס. ל. פּ.. די צאָל יוניאָנס, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן
לאָיאַל, איז געווען אַ קליינע. די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן באַלד
געבילדעט אַ פּרעסע-פאַראיין, כדי צו שאַפן אַן אייגענע צייטונג,
ווייל דאָס טעגלעכע „אבענד-בלאַט" און די וועכנטלעכע „ארבייטער־

ציימונג” זיינען געבליבן מיט דער ס. ל. פּ.. סוף יאַנואַר 1897 האָט די אָפּאָזיציע אויף אַ קאָנפערענץ באַשלאָסן צו שאַפן אַ נייע טעג-לעכע סאָציאַליסטישע צייטונג, און דעם 22טן אַפּריל פון זעלבן יאָר איז דער פּלאַן רעאַליזירט געוואָרן: עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער „פאָרווערטס” אונטער דער רעדאַקציע פון אַב. קאַהאַן. דאָס איז געווען אַ שפּאַלטונג בלויז אויף דער יידישער גאַס. מיט 2 יאָר שפּעטער, 1899, איז שוין די שפּאַלטונג געוואָרן אַן אַלגעמיינע, און ס'איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר דער גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס. פּ.).

4. די באַציאונג צום אַרבעטער־רינג

דער פאַראיין אַרבעטער־רינג, וואָס האָט דעקלאַרירט זיינע סימפּאַטיעס פאַר דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, האָט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג צו אָט דעם פאַנאַנדערגעפלאַקערטן שטרייט. כאָטש ער האָט געהאַט אין זיינע רייען אָנהענגער פון ביידע ריכטונגען, איז אָבער באַלד געוואָרן קלאָר, אַז ער איז מער גענייגט צו די אָפּגעשפּאָלטענע, צו די וועלכע האָבן באַקעמפט דעם דע ליאָניזם.

דער אינטערעס פון אַ.־ר. איז געווען אַ גאַנץ איינזייטיגער. די סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָניסטישע טוער האָבן קיין גרויס ענטוזיאַזם פאַרן אַרבעטער־רינג נים אַרויסגעוויזן. קיין גרויסע טעטיגקייט האָט דער פאַראיין נים געפירט, במילא האָט ער נים געקענט אימפּאָנירן די מענטשן, וועלכע זיינען מיט אַלע חושים געווען אַריינגעטאָן אין די אידעאָלאָגישע שטרייטן און פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, אָדער אין דער פּראַקטישער טרייד־יוניאָניסטישער אַרבעט. קוקן אויפן אַרבעטער־רינג, ווי אויף אַ באַזונדערן וויכטיגן צווייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיין אָרט און ראָל — אַזאַ באַנעמונג איז געווען פרעמד דעם רוב מנין ובנין פון די דעמאָלטדיגע טוער. אַ סך האָבן געטראַכט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן אַרבעטער־רינג איז בלויז אַ נים־נויטיגער עקספּערימענט, וואָס וועט זיך נים איינגעבן. דערציילט דאָך אַ. ליעסין: „מען האָט דעם אַרבעטער־רינג נים באַקעמפט, ווי צום ביישפּיל, מאַנכע ווידערשפּעניגע יוניאָנס. ער האָט אויסגעזען אַזוי אומוויכטיג, אַז מען האָט געהאַלטן פאַר איבעריג אפילו צו באַקעמפן אים. מען איז צו אים פאַרבליבן קאַלט און גלייכגילטיג. דאָס איז געווען אַ פאַראַכטונג, אַ שטילע פאַראַכטונג, וואָס איז פאַר אים געפערלעכער געווען פון אַ קאַמף. מען האָט אים פאַרשוויגן און מען האָט אים אַזוי געקענט פאַרשווייגן ביז פאַרניכטונג, ווען נים זיינע ערשטע מיטגלידער, זיינע טרייע, איבערגעגעבענע מיטגלידער, וועלכע האָבן פאַר אים נאָכאַנאַנד געאַרבעט און אָן אויפהער זיך מקריב געווען" („דער גרינדער", 1917 נ.־י.).

די דאָזיגע פון אויבן־אַראָפּ־באַציאונג האָט ניט דערפירט צו דעם, אַז די ערשטע אַרבעטער־רינג־טוער זאָלן ווערן ברוגז מיט דער באַוועגונג און זיך פון איר דערווייטערן. ניט געקוקט אויף דער שלעכטער באַציאונג פון אַרום, האָבן זיי לויט זייערע דעמאָל־טדיגע אָרימע מעגלעכקייטן געשטיצט די באַוועגונג און בפרט דעם „פאָרווערטס", וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן זיך געמוזט ראַנגלען פאַר זיין עקזיסטענץ.

דעם אַרבעטער־רינג איז פאָרט באַשערט געווען צו לעבן — טראָץ דער אַרומיגער גלייכגילטיקייט, צו להכעיס אַלע שוואַרצע נביאות. מיט מי און מאַטערניש איז מען דאָך געגאַנגען פאַראויס. עס זיינען אַנטשטאַנען נייע פּראָבלעמען. מ'האָט זיך אָנגעהויבן אַביסל פאַנאַנדערוואַקסן און מ'איז אַרויס פון די ענגע גרענעצן פון איסט־סייד. אין 1898 ווערט אין האַרלעם געשאַפן אַ צווייג פון פאַראיין — „בראַנטש 1 אַרבעטער־רינג". דאָס איז געווען נויטיק, ווייל אַ צאָל יידישע אַרבעטער, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען מיטגלידער, האָבן פאַרלאָזט די איסט־סייד דאַון־טאַון און זיך אַריבערגעצויגן אַפּ־טאַון. אין 1899 שאַפט זיך אַ בראַנטש אין ברוקלין — בראַנטש 2. דאָס הייסט, אַז עס איז געווען דער פאַראיין אין איסט־סייד מיט 2 נייע בראַנטשעס. ווי נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַנאַנדערצווייגן זיך אין ניו־יאָרק, איז אויפגעקומען די מחשבה אָנצוהויבן אַרבעטן איבערן לאַנד, אין אַנדערע שטעט און שטאַטן.

דאָס יאָר 1900 איז געווען אַ וויכטיגע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דעם יאָר זיינען פאָרגעקומען אַ ריי געשעענישן, וואָס האָבן שטאַרק באַווירקט דעם גורל פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. ביז־דעמאָלט איז די איסט־סייד געווען די נעסט פון די טרויעריג־באַרימטע שוויץ־שעפּער. אין יענעם יאָר האָבן די קאָנטראַקטאָרס, צוליב אַ נייעם געזעץ אין שטאַט ניו־יאָרק, געמוזט זיך אַריבערציען אין ראַיאָן פון פעקטאָרים. די שוויץ־שעפּער אין די וואוינונג־הייזער האָבן געמוזט ליקווידירט ווערן. מיט דעם האָט זיך געעפנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן אַרבעטער־לעבן אין ניו־יאָרק.

בערך אין דער זעלבער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַן ענדערונג צום גוטן אויפן געביט פון אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען. די

יידישע יוניאָנס, וואָס פלעגן בעת סטרייק-אַקציעס זיך פאַנאַנדער־וואַקסן און באַלד פאַרשווינדן נאָך די סטרייקן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו סטאַביליזירן. די שוואַכע און קליינע יוניאָנס האָבן גענומען שלאָגן טיפערע וואָרצלען. דעמאָלט איז אויך געלונגען צו שאַפן די יוניאָן פון דאַמען-שניידער — די „אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַר־מענט וואָרקערס יוניאָן". אין זעלבן יאָר 1900 איז אויך פאָרגעקומען די ווידער-פאַראייניגונג פון די יידישע יוניאָנס — די „היברו פע־דערייטעד טריידס" האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די „פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן" און מיט דעם איז ליקווידירט געוואָרן אַ שפּאַלטונג, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה צווישן די פאָרוועדטיסטן און די דע ליאָניסטן. 21 יידישע יוניאָנס זיינען געוואָרן איינגעשלאָסן אין דער פאַראייניגטער קערפּערשאַפט.

אָט אין דעם יאָר, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן דאָס 19טע יאָר־הונדערט, איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער טראָט צו פאַר־וואַנדלען דעם פאַראיין אַרבעטער-רינג אין אַ גרויסן נאַציאָנאַלן אַרבעטער-אָרדען. דער פאַראיין האָט גערופן אַלע זיינע מיטגלי־דער צו קומען אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. פון די קרוב 300 מיטגלידער זיינען געקומען 160. די דאָזיגע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אויף 412 גרענד סטריט, און זי האָט אָנגענומען דעם היסטאָרישן באַשלוס צו פאַרוואַנדלען דעם „אַרבעטער-רינג פאַראיין פון ניו-יאָרק" אין אַן אַרבעטער-אָרדען „אַרבעטער-רינג" — אַן אָרגאַניזאַציע איבערן גאַנצן לאַנד.

געשען איז דאָס אויף דער שוועל פון 20טן יאָרהונדערט — דעם 4טן סעפּטעמבער 1900.

צווייטער טייל

אויפן וועג צו אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע. — דער אני מאמין פון אַרבעטער־רינג. — ברייטע באַזע. — אַ דריטע קאָלאָנע אין דער אַרבעטער־מחנה. — שווער צו ווערבירן נייע מיטגלידער. — עס קומען אויפגעקלערטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. — השפעה פון „בונד". — קאָנווענשאָנס. — בענעפיטס און סאָציאַליסטישע צילן. — כסדרדיגער וואוקס. — אייגענע שפּאָרזאַמקייט און ברייטהאַרציגקייט פאַר אַנדערע. — פרויען. — אַ סך מיטגלידער פאַלן אַרויס. — די ערשטע ברענטשעס אין דער פּראָווינץ און זייער ראַל. — די גענעראַל־סעקרעטאַרן. — פריידענקער און פרומע. — אָפענע טירן. — ביטערער שטרייט אַרום טשאַרטער. — ניו־יאָרק אָדער ניו־דזשורזי? — נ. ע. ק. פירט דורך אַן „עקספּראָפּריאַציע". — אַ שטורעם אין אָרדען. — געשפּענסט פון שפּאַלטונג. — דער שטורעם שטילט זיך איין. — טשאַרטער אין ניו־יאָרק. — קאָנפליקט מיט די טרייד־יוניאָנס. — בלויז יוניאָניזירטע אַרבעטער? — אָפּגרעניצונג פון אַנאַרכיזם. — פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. — „מען צעקריכט זיך ניט". — גלייכגילטיגקייט און אומגלויבן. — דער אַ.־ר. צאָלט אָפּ מיטן בעסטן. — צושטראָם פון בונדיסטן. — פון באַלעבאַטישע אָרדענס צום אַרבעטער־רינג.

5. דער אַרבעטער־רינג ווערט אַן אָרדען

פון דעם מאָמענט, ווען דער אַרבעטער־רינג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדען, האָט ער אָנגעהויבן צו גיין כסדר באַרג־אַרויף. אין די ערשטע יאָרן איז נאָך דער גאַנג געווען אַ פּאַמעלעכדיגער, שפּעטער אַ ראַשיגער. אָנגעהויבן סך־הכל מיט 469 מיטגלידער סוף 1900, האָט ער אין 1906 שוין געציילט 8,840.

ווי מיר ווייסן שוין, זיינען ביי דער שאַפונג פון אַרבעטער־אָרדען אין 1900 געווען דריי בראַנטשעס: דער פאַראיין (פון דער איסט־סייד) איז געוואָרן בראַנטש 1, דער האַרלעמער צווייג — בראַנטש 2, דער ברוקלינער — בראַנטש 3. זיי זיינען געווען די אָנהויבער. באַלד מיט אַ טאָג שפּעטער, דעם 5טן סעפּטעמבער, איז צוגעקומען אַ בראַנטש 4, וואָס איז פריער געווען אַן „אינטערנאַ־ציאָנאַלער קראַנקען־אונטערשטיצונגס־פאַראיין פון ברוקלין". ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליגער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמי־טעט, צו וועלכן יעדער בראַנטש האָט דעלעגירט 6 פאָרשטייער. צייטווייליגער גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען אַב. באַראָף. אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט דעם אַמט איבערגענומען ב. פייגענבוים.

נאָך דער גרינדונג האָט דער אָרדען אַרבעטער־רינג זיך פאָר־געשטעלט פאַר דער עפנטלעכקייט. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפ־רוף, אין וועלכן ער האָט קלאָר געמאַכט וואָס ער וויל. מיר לייענען אין דעם אויפרוף:

„דער דאָזיגער אַלטער אַרבעטער־אונטערשטיצונגס־פאַראיין האָט זיך איצט פאַראייניגט צוזאַמען מיט אַנדערע אַזעלכע פאַר־איינען און געלייגט דעם פונדאַמענט צו אַ גרויסן פאַרבאַנד איבערן גאַנצן לאַנד. אין מאַטעריעלער הינזיכט זאָל ער פאַר די יידישע אַרבעטער און זייערע פריינד ווערן דאָס זעלבע, וואָס די גרויסע אָרדענס זיינען, אָבער אָן די רעאַקציאָנערע אייגנשאַפטן, צערעמאָ־ניעס און שמאָכטעס פון די אָרדענס, וואָס מאַכן זיי אומדערטרעגלעך פאַר פאָרגעשריטענע אַרבעטער און בירגער". און ווייטער: „דער

גייסט פון דעם אַרבעטער־רינג איז דער גייסט פון פרייהייט אין דענקען און שטרעבן, פון סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער, פון טרייהייט צו די אינטערעסן פון זייער קלאַס אין זיין קאַמף קעגן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. פון זיינע מיטגלידער ווערט בלויז געפאָדערט די דאָזיגע סאָלידאַריטעט און טרייהייט ווי אויך די אַכטונג צו אַלע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע איבערצייגונגען. אויסער דעם מעג יעדער מיטגליד אָדער ברענטש האָבן וועלכע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע איבערצייגונגען ער וויל. זיי מעגן זיין פרומע יידן, פרומע קריסטן, פריידענקער, אַטעאיסטן — כל־זמן זיי ווילן ניט אָפיציעל באַנוצן די אָרגאַניזאַציע צו דינען זייערע פּער־זענלעכע איבערצייגונגען, כל־זמן זיי רעספּעקטירן דאָס פרייע דענקען און שטרעבן און האַנדלען ניט צום שאָדן פון קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס, זיינען זיי ווילקאָמען ווי פריינד און מיטגלידער. נאָר די דאָזיגע פּרינציפּן פון דעם אַרבעטער־רינג זיינען אייביגע, פעסטע און שטענדיגע און קענען ניט געענדערט ווערן. אַלע אַנ־דערע באַשלוסן, וועגן די פירונגען און אַזוי ווייטער קענען ביי יעדער קאָנווענשאָן געענדערט ווערן, זיי זאָלן אַנטשפּרעכן דעם ווילן און דעם וואונטש פון דער מערהייט".

דער דאָזיגער אויפרוף ווייזט, אַז די פונדאַמענט־לייגער פון אַרבעטער־רינג האָבן געהאַט גאַנץ קלאָרע כוונות: שאַפן אַן אָרדען פון אַרבעטער־קלאַס. דעריבער די ברייטסטע פרייהייט און טאָ־לעראַנץ פאַר אַלע פּערזענלעכע אָנשויאונגען, אויב זיי זיינען ניט אין סתירה מיט די „אייביגע, פעסטע" פּרינציפּן פון דינען די אינ־טערעסן פון קעמפנדיגן אַרבעטער־קלאַס. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי רעאַליסטיש אָפּגעשאַצט, אַז דער אַרבעטער־רינג קען ניט זיין, ווי ער איז עס געווען ביז דעמאָלט, פאַרשלאָסן פאַר פרומע אַרבעטער. ניט קיין אַנדערער, ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר ב. פייגענבוים, אַליין אַ קעמפנדיגער אפיקורס, האָט געפאָדערט „די אַכטונג צו אַלע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע איבערצייגונגען". דאָס מוטיגע פּרעדיגן זיינע אַנטי־רעליגיעזע געדאַנקען איז ביי אים ניט געווען אין סתירה מיטן שטאַרקן ווילן אויך פרומע אַרבעטער איינ־צוגלידערן אין דער זעלבסט־הילף און אין דעם קאַמף פון אַרבע־טער־קלאַס.

ווי דער אָרגאַניזאַטאָרישער פירער און אידעאָלאָג אין ערשטן פּעריאָד, האָט ב. פייגענבוים ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פאַר־

מולירט דעם אני מאמין און די צילן פון אַרבעטער־אָרדען. אין זיינס אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" פון 17טן פעברואַר 1901 ווערט גע־זאָגט:

„באַזונדערס וויכטיג איז דער פאַקט וואָס אין די נייע ברענ־טשעס, אַזוי גוט ווי אין די אַלטע, זיינען פאַראייניגט אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַרגעשריטענע איבערצייגונגען — ניט בלויז פון פאַרשיידענע סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע פראַקציעס, נאָר אויך אַפּילו אַנאַרכיסטן און פרייזיניגע פאָרגעשריטענע ציוניסטן. ניט בלויז צווישן די מיטגלידער, נאָר אַפּילו צווישן די פירנדיגע עלע־מענטן פון די ברענטשעס זיינען דאָ אַלע פאַרשיידענע איבערציי־גונגען. אין אַרבעטער־רינג געפינען זיי צוריק דעם באַרירונגס־פונקט זייערן, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן אין דעם טומל פון די פראַקציע־שטרייטיגקייטן". און ווייטער: „אַ העכסט וויכטיגע אייגנשאַפט פון דעם אַרבעטער־רינג איז, וואָס ער איז געגרינדעט געוואָרן פון די מאַסן־מענטשן, אַזוי צו זאָגן, הינטער דעם רוקן פון די אָנערקענטע פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אויך איצט ווערט ער געפירט פון די פשוטע אַרבעטער. אין אים קומען צום אויסדרוק דער גייסט און די וואונטשן פון די פשוטע אַרבעטער — דער גייסט פון טאָלעראַנץ, דער וואונטש צו זען אַלע פריינד פון דער דערוואַכונג פון אַרבעטער־קלאַס אויפצוטאָן עפּעס צוזאַמען און ניט אַרומקריגן זיך".

ניט קיין צוגאָב צו איין ריכטונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר אַן אָרגאַניזאַציע געבויט אויף דער ברייטסטער באַזע, וואָס זאָל קענען אַרומנעמען אַלע אַרבעטער אָן אונטערשייד פון אידעאָלאָ־גישער אָנשויאונג. דאָס וואָס איז מעגלעך אין אַ טרייד־יוניאָן, קען אויך געמאָלט זיין אין אַ זעלבסטהילף־אָרדען.

אין דער צייט צווישן דער גרינדונג פון אָרדען אין סעפּטעמבער 1900 און דער ערשטער קאָנווענשאָן סוף מערץ 1901 האָט ביי די טוער און מיטגלידער זיך אויסגעאַרבעט אַ קלאָרער בליק אויף די צילן, און דאָס האָט פאַר זיי מעגלעך געמאַכט צוגרייטן צו דער ערשטער קאָנווענשאָן אַ גענוי־פאָרמולירטע פרינציפּן־דערקלערונג. די צייט פון דייטש און דייטשמעריש איז שוין געווען ווייט הינטער זיך און די נייע פרינציפּן־דערקלערונג איז געשריבן געוואָרן אין עכטן יידיש. די וויכטיגסטע שטעלן פון דער נייער פרינציפּן־דער־קלערונג, וואָס דער פּראָוויזאָרישער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָ־

מיטעט האָט צוגעגריים צו דער ערשטער קאָנוועגשאָן, זיינען פאָלגנ־דיגע:

„די שטענדיגע נויטן און אָפטע קראַנקייטן, וואָס לאַסטן ספּע־ציעל אויף די אַרבעטער, האָבן אונז געברענגט דערצו צוזאַמענצו־בינדן זיך אין דעם אַרבעטער־רינג, כּדי דורך אייניגקייט קעגנזייטיג זיך צו העלפן. אָבער דער אַרבעטער־רינג ווייסט, אַז די הילף, וואָס ער קען היינט געבן די אַרבעטער, איז בלויז אַ טראָפּן אויף אַ הייסן שטיין. פאַר אַ נויט איז דאָס אויך גוט. אָבער אַז קיין נויט זאָל ניט זיין — דאָס איז זיין אידעאַל. די אונטערשטיצונג איז אַלזאָ ביי דעם אַרבעטער־רינג בלויז זיין מאַטעריעלע זייט. זיין גייסטיגע זייט איז די אידעע פון באַפרייען די אַרבעטער פון זייערע נויטן און קראַנקייטן, אַז זיי זאָלן ניט מוזן אָנקומען צו אַזאַ מאָגערער אונ־טערשטיצונג. דאָס איז די איבערצייגונג, אַז דער אַרבעטער וואָלט געקענט לעבן אין אייביגן וואוילשטאַנד און געזונטהייט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט ניט געווען אַזוי שוואַך און הילפלאָז, ווען ער וואָלט געווען אַ מאַכט אין דער געזעלשאַפט, כּדי צו האָבן אַ ווירק־זאַמען איינפלוס ביים שאַפן די באַדינגונגען פון אַרבעט און באַ־לוינונג. און די אַרבעטער קענען זיין שטאַרק גענוג צו דעם, דורך זייער אחדות און אויפקלערונג — דורך אַרויסטרעטן געשלאָסן און אינטעליגענט ביי יעדער געלעגנהייט און דורך אַרויפדרינגען זייער ווילן און וואונטש אויף דער געזעלשאַפט. אין דעם זיי צו העלפן איז דער אידעאַלער צוועק פון דעם אַרבעטער־רינג".

און ווייטער: „דער אַרבעטער־רינג שטעלט זיך אַלס ,דריטער אים בונדע' צו די צוויי אַנדערע פליגל פון דער אַרבעטער־אַרמיי — די טרייד־יוניאָנס און די סאָציאַלע אַרבעטער־באַוועגונג — כּדי מיט זיי אויסשמידן דעם אַרבעטער־כּוח, וואָס זאָל זייער קלאַס געבן אַ מעכטיגן איינפלוס אין דער געזעלשאַפט. דעריבער איז יעדער מיטגליד פון אַרבעטער־רינג מחויב צו היטן טרייהייט צו די אינ־טערעסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — יעדער נאָך זיין ערלעכער איבערצייגונג".

אויף אַט דער פּראָגראַמאַטישער באַזע האָט דער אַרבעטער־רינג, ווי אַ נאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדען, אָנגעהויבן זיין טעטיגקייט. און אָפּעלירנדיג אויך צום פּראַקטישן אינטערעס, האָט דער גענע־ראַל־סעקרעטאַר ב. פייגענבוים אָנגעהויבן דעם ערשטן געדרוקטן

יערלעכן באַריכט צו דער צווייטער קאָנווענשאָן מיט פאָלגנדיגע ווערטער:

„דער אַרבעטער-רינג איז אַ סאָסייעטי, וואָס צאָלט, ערשטנס, גוטע קראַנקן-בענעפיט און טויטן-געלט און באַזאָרגט זיינע מיט-גלידער און זייערע קינדער און פרויען מיט אַן אָרנטלעכער לוויה און קרקע ,איבער הונדערט יאָר׳. און דאָס קאָסט ביי אים ביליגער און מען קריגט עס ביי אים זיכערער און לייכטער, ווי אין אַנדערע סאָסייעטים״. און אויף נאָך אַ פּראַקטישער זאַך האָט דער גענעראַל-סעקרעטאַר אויפמערקזאַם געמאַכט: „אין אַלע לאַדזשן איז די מיטגלידער דערווידער די גרויסע הוצאה אויף אַלערליי אומזיניג-קייטן. און מען ווייסט זייער גוט, אַז דאָ, וואו איבערגעגעבענע סאָציאַליסטן זיינען די פאַרוואַלטער, קען אַזעלכעס ניט פאָרקומען״.

6. די ערשטע קאַנווענשאַן

די ערשטע קאַנווענשאַן איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 29טן ביז 31טן מערץ 1901, אין ניו־יאָרק. עס זיינען געווען פאַרטראַטן 9 ברענטשעס מיט 644 מיטגלידער. 2 ברענטשעס זיינען געווען מחוץ ניו־יאָרק: ברענטש 7 — בעיקר פון וועבער — אין וועסט־האָבאָקען, און ברענטש 9 אין באַלטימאָר. בעת דער ערשטער קאַנווענשאַן האָט דער פאַרמעגן פון עקזעקוטיוו און פון אַלע ברענטשעס באַטראָפן $1,206.62. די קאַנווענשאַן האָט אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן די מיטגלידער צו באַשטעטיקן דורך אַ רעפערענדום. מיט דעם רעפערענדום איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַרן טיף־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון אַרבעטער־רינג — דער דאָזיקער יסוד איז פאַרבליבן ביזן היינטיגן טאָג. אַלע באַשלוסן פון דער קאַנווענשאַן האָבן די מיטגלידער באַשטעטיגט.

עס זיינען אָבער געווען פראַגן, וועגן וועלכע עס איז ניט געווען קיין איינשטימיגקייט, און אין די ברענטשעס האָט מען אַרום דעם געפירט שאַרפע דעבאַטעס. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם צי דער אָרדן זאָל זיין צענטראַליזירט אָדער בלויז אַ לויזע פאַראייניגונג. קאָנקרעט האָט מען דעמאָלט דעבאַטירט וועגן דעם וועד עס זאָל צאָלן קראַנקען־בענעפיט: דער גענעראַל־אָפיס אָדער די באַזונדערע ברענטשעס? מיט אַ גרויסער מערהייט איז באַשלאָסן געוואָרן לטובת צענטראַליזירן דעם בענעפיט. שפּעטער זיינען ענלעכע חלוקי־דעות אַנטשטאַנען אין דער פראַגע פון בית־עולם. איייניגע ברענטשעס האָבן געוואָלט האָבן באַזונדערע ווינקעלעך. אויך דאָ האָט די מערהייט מיטגלידער געפּסקנט קעגן אָפּטיילן זיך. די בשותפותדיגקייט פון כלל האָט באַזיגט די לאָקאַלע אָפּגעזונדערטקייט. דער ברייטער בליק האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אין אַנדערע באַשלוסן, ווי אַ שטייגער, וועגן אַרויסגעבן „די צוקונפט" ווי „אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל, מיט וועלכן אַלע פּראַקציעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זאָל קענען זיין צופרידן".

די ערשטע קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן, אַז אַן אַלמנה פֿון אַ געשטאָרבענעם מיטגליד זאָל באַקומען $400 טויטן־בענעפיט; ווען די פרוי פון אַ מיטגליד שטאַרבט, זאָל ער באַקומען $200. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ס'זאָל זיין בלויז איין באַצאָלטער באַאַמטער — דער גענעראַל־סעקרעטאַר — מיט אַ געהאַלט פון 15 דאָלער אַ וואָך. אַ וויכטיגע פראַגע איז געווען ווי אַזוי צוזאַמענצושטעלן דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. ביז דער ערשטער קאָנווענשאָן איז דער עקזעקוטיוו באַשטאַנען פון ברענטש־דעלעגאַטן. דאָס האָט ניט געטויגט. ערשטנס, מיטן וואוקס פון דער צאָל ברענטשעס וואָלט דער עקזעקוטיוו שטאַרק זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און וואָלט געוואָרן אומפעאיג צו אַרבעטן. צווייטנס, ביי אַזאַ סיסטעם האָט יעדער מיטגליד פון עקזעקוטיוו קודם אין זינען די אינטערעסן פון זיין ברענטש. ס'איז מחמת דעם באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער עקזעקוטיוו זאָל באַשטיין פון 9 מיטגלידער. ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע. דעם נייעם עקזעקוטיוו האָט מען געוויילט אויף אַזאַ אופן: נאָך דער קאָנווענשאָן האָט מען אויף די ברענטשעס נאָמינירט קאַנדידאַטן און שפּעטער האָט מען 9 פון זיי אויסגעוויילט דורך אַ רעפערענדום פון אַלע מיטגלידער.

פון יאָר צו יאָר איז דער אַרבעטער־רינג געוואַקסן הן אין צאָל ברענטשעס, הן אין צאָל מיטגלידער. ער איז ווירקלעך געוואָרן אַן אָרדען אין ברייטן נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אָן ערנסטע שוועריגקייטן איז דאָס אָבער ניט צוגעגאַנגען. וועלכע זיינען זיי געווען? זיי זיינען געווען פאַרשידנאַרטיגע.

באַלד נאָכן ערשטן יאָר אַרבעט דערציילט וועגן דעם אין באַריכט צו דער צווייטער קאָנווענשאָן דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט: אַלע אָרדענס האָבן אַ ריטואַל, אָבער עס אַרט זיי ניט, אַז די מיטגלידער גלויבן ניט אין זייערע פרינציפּן און היטן זיי ניט אָפּ. די פרינציפּן זיינען ביי זיי בלויז אַ פאָרמאַליטעט. ביים אַרבעטער־רינג מיינט מען אָבער מיט די פרינציפּן „ביטער ערנסט". „אַ באַדייטנדיגע צאָל קאַנדידאַטן פון נייע ברענטשעס, — דערציילט דער עקזעקוטיוו, — האָט אייער גענעראַל־סעקרעטאַר אָפּגעוואָרפן, נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין אַפילו געהאַט געענטפערט „יאָ" אויף אונזערע פרינציפּן: די דאָזיגע קאַנדידאַטן האָבן פריער געמיינט, אַז דאָס איז בלויז אַ פאָרם, ווי דער ריטואַל אין אַנדערע אָרדענס.

אָבער ווי נאָר דער סעקרעטאַר האָט דערנאָך דערקלערט, אַז מיר שפּאַסן ניט און אַז מיר ווען ווירקלעך ניט דולדן אין אונזערע רייען אַזעלכע, וועלכע וועלן אונטערשטיצן קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען אָדער סקעבן, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן" (פון באַריכט „אַ יאָר אַרבעט אין אַרבעטער-רינג"). ווייטער ווערט דאָרט דערציילט אַז דער ברייטער עולם האָט דאָס נאָך מער איבערגעטריבן. מ'האָט זיך איינגערעדט, אַז יעדער, וועלכער וויל געהערן צום אַרבעטער-רינג, „מוז זיין טיף באַהאַוונט אין סאָציאַליזם און בכלל מוז ער ווערן אַן אַפּיקורס ר"ל".

אַז אין אָפּהיטן דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון אַרבעטער-רינג איז מען געווען באַזונדערס שטרענג, איז צו זען פון דער האַנדלונג פון ברענטש 1, וואָס האָט אין 1901 אויסגעשלאָסן אַ מיט-גליד פאַר אַרבעטן לטובת דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. אין דער אַנגענומענער רעזאָלוציע זאָגט דער ברענטש: די פּרינציפּן-דער-קלערונג פון אַ.־ר. איז פאַר „אַן אומאָפּהענגיגע מאַכט פון די אַר-בעטער" אין קעגנערשאַפט צו דער „רעגירונגס-געוואַלד פון די קאַ-פּיטאַליסטן" דורך ביידע אַלטע פּאַרטייען. אַזוי ווי דער מיטגליד האָט פאַרראַטן די פּרינציפּן פון אַ.־ר. דורך אַרבעטן פאַר דער רע-פּובליקאַנישער פּאַרטיי, דעריבער ווערט ער מאָראַליש פאַראורטיילט ווי אַ פאַררעטער און אַלע מיטגלידער ווערן אויפגעפאָדערט אים אַרויסצואווייזן זייער פאַראַכטונג.

אין פריער-דערמאָנטן באַריכט צו דער צווייטער קאָנווענשאַן ווערט אָנגעוויזן אויף נאָך אַ שוועריגקייט: דער אַרבעטער-רינג איז אַן אַרבעטער-אָרדען. „און מיט יידישע אַרבעטער איז אַזוי: די וואָס קענען אָפּשפּאָרן די היפּשע עטלעכע דאָלער, וואָס עס דאַרף קאָסטן אַריינצוגיין אין אַ לאָדזש, האָבן דאָס געוויינלעך שוין לאַנג געטאָן. און עס איז זייער שווער צו געפינען אָפּילו צווישן אונזערע סימפּאַטיקער אַזעלכע ענטוזיאַסטן, וועלכע זאָלן זיין צופרידן צו פאַרלירן אַלע פּריווילעגיעס אין זייער לאָדזש, פאַר וועלכע זיי האָבן טייער באַצאָלט, און ערשט גיין ווערן אַ נייער מיטגליד אין אַר-בעטער-רינג. צאָלן אין ביידע קען ניט אַן אָרימער יידישער אַרבעטער. און וועלכע יידישע אַרבעטער זיינען נאָך ניט קיין מיטגלידער אין קיין לאָדזש אָדער סאָסייעטי? געוויינלעך זיינען דאָס זייער נאַכ-לעסיגע אָדער זייער אָרימע, וועמען ס'איז זייער שווער אָפּצושפּאָרן די עטלעכע דאָלער און אויף איין מאָל (אַזעלכע זיינען, ליידער,

אפשר 90 פּראָצענט פון די יידישע אַרבעטער!)״. צווישן זיי דאַרף דער אַרבעטער־רינג ווערבירן זיינע מיטגלידער און דאָס קומט אָן זייער שווער. אפילו אידעאָלאָגיש נאָענטע אַרבעטער קענען ניט אַריינטרעטן צוליב זייער אָרימקייט. אידעאָלאָגיש פרעמדע עלע־מענטן האָט מען ניט געזוכט. זאָגט דאָך דער גענעראַל־סעקרעטאַר ב. פייגענבוים אין באַריכט צו דער דריטער יערלעכער קאָנווענשאָן (1903): „מיר ווילן ניט אַריינכאַפּן אַבי וועמען בלויז מיט דער צוציאונגס־קראַפט פון לויפנדיגע ביזנעס. די בענעפיטן זיינען אין דעם אַרבעטער־רינג נאָר זיין גוף, זיין עיקר איז זיין נשמה, זיין גייסטיגע אויפגאַבע״. „מיר קענען מיט פולער געוויסנהאַפטיגקייט און ערנסט זאָגן, אַז דער אַרבעטער־רינג איז געוואָרן אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דער גייסטיגער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע״.

דאָס זוכן סאָציאַליסטיש־געשטימטע און פריידענקערישע אַר־בעטער האָט, נאַטירלעך, שטאַרק באַגרענעצט דאָס פעלד פאַר ווערבירן נייע מיטגלידער, דאָס האָט אָבער גלייכצייטיג פאַרהיט די יונגע אָרגאַניזאַציע פון צעפּאַרנקייט און אפשר אויך פון פּאַנאַנ־דערפאַל.

פון דער צווייטער זייט האָבן געווירקט שטאַרקערע פאַקטאָרן, וואָס האָבן גובר געווען די שוועריגקייטן און מעגלעך געמאַכט דעם בהדרגהדיגן אויפשטייג פון אַרבעטער־אָרדען. אין די ערשטע יאָרן פון היינטיגן יאָרהונדערט איז כסדר געגאַנגען אַ גרויסער איינ־וואַנדערונג־שטראָם פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. עס האָבן אָנגעהויבן קומען יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט אין דער אַלטער היים די שול פון רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס זיינען געווען יונגע מענטשן מיט אַ גליענדיגן גלויבן, מיט פעסטע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען און מיט גרייטקייט אויף מסירת נפש. דער רוב פון זיי זיינען אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד געווען אַקטיוו אין „בונד״. זיי האָבן דאָ געזוכט אַ סאָציאַליסטישע היים, אַן אינטימע וואַרימע אַרבעטער־סביבה — אַ פעלד פאַר פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכער טעטיגקייט. און די אַלט־איינגעזעסענע אַרבעטער האָבן אויך דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג־אַרויף, האָט ביי וואַלן געצויגן אַלץ מער און מער שטימען און במילא משפּיע געווען גרעסערע קרייזן אַרבעטער.

און ווען אַן אַרבעטער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אַריינצוטרעטן אין אַן אָרדען, האָט ער שוין ניט געדאַרפט אָנקומען צו אַ קאָנ־סערוואַטיוון לאָדזש, ער האָט געקענט ווענדן זיינע בליקן צו אַ ברענטש פון אייגענע — חברים פון אַרבעט און אנשויאונג.

אין דער פּראָווינץ האָבן אין פּעטערסאָן און וועסט־האָבאָקען זיך קאָנצענטרירט וועבער פון ביאַליסטאָק און לאָדזש. די אַק־טיוויסטע פון זיי זיינען געווען בונדיסטן. זיי האָבן אַריבערגעבראַכט דעם בונדישן גייסט און חשק צו זיין אָרגאַניזירט. דאָ איז געווען באַזונדערס שטאַרק טעטיג אַבראַם באַסקין, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ גרויסן סטאַזש פון אַרבעט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע און ביאַליסטאָק (אַבראַם איז געווען אַן על־טערער ברודער פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַ.־ר. יוסף באַסקין).

אויפן באָדן פון אַמעריקע, באַאיינפלוסט פון טאָג־טעגלעכן אַמע־ריקאַנער לעבן, איז די אידעאָלאָגיע פון אַרבעטער־רינג געווען שטאַרק אונטער דער השפעה אויך פון דער אייראָפּעאישער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג. און די ערשטע 9 יאָר פון ערב אַרבעטער־רינג אָרדען איז די השפעה געקומען בעיקר פון דער מעכטיגער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. נאָך דער גרינדונג פון אָרדען האָט אַלץ שטאַרקער זיך געלאָזט פילן די השפעה פון „בונד". איז דאָך די מאַסע פון די אַקטיוויסטע און באַוואוסטזיניגסטע מיטגלידער אַלץ מער און מער געקומען פון די בונדישע רייען. דאָס האָט אויך גורם געווען, אַז בישלעכווייז זאָל דער נאַאיווער קאָסמאָפּאָליטישער קוק אויף פאַרשידענע פראַגן פון לעבן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס לייקנט ניט די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיגקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג. די בונדיסטן האָבן זיך ניט געהאַלטן פאַר יידיש־ריידנדיגע סאָציאַ־ליסטן, נאָר פאַר יידישע אַרבעטער, וועמען עס גייען טיף אָן אַלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. און דעם צוגאַנג האָבן זיי זיך באמת אַריינצוברענגען אין אַ.־ר.

7. יערלעכע קאָנווענשאָנס

מיט דעם נייעם מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס האָט אָנגעהויבן שטראָמען אין אַרבעטער־רינג, איז יעדע יערלעכע קאָנווענשאָן געוואָרן אַ נייער עטאַפּן־פּונקט אינם כסדרדיקן פּראָגרעס. יעדע קאָנווענשאָן האָט צוגעגעבן עפּעס נייעס, האָט פאַרפעסטיקט דעם פונדאַמענט, פאַנאַנדערגעבויט די ווענט און אויסגעצירט דאָס הויז.

דער יסוד זיינען געווען די בענעפיטן — אין פאַל פון קראַנקהייט און טויט. דער קראַנקען־בענעפיט האָט באַטראָפן 6 דאָלער אַ וואָך במשך פון 12 וואָכן. גלייכצייטיג האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָל די אַנדערע אויפגאַבן. וואָס זיינען דאָס געווען די אַנדערע אויפגאַבן? אין באַריכט צו דער צווייטער קאָנווענשאָן זאָגט ב. פייגענבוים: דער אַרבעטער־רינג וויל אויסנוצן די געלעגנהייט, וואָס אין אים זיינען די אַרבעטער פאַראייניגט צוליב אונטערשטיצונג, כדי זיי אויך צוזאַמענבינדן ווי ברידער אין קאַמף פאַר „אַן אָרדענונג פון אמת, רעכט, גלייכהייט, גליק און שלום פאַר אַלע". ער האָט אַנטקעגנגעשטעלט דעם אַרבעטער־רינג, וואָס שטרעבט צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג, די פאַרשיעדנע אונטערשטיצונגס־סאָסייעטיס, וואָס גיבן אַ טייל־לעפּעלע „ברידערלעכקייט", אָבער גלייכצייטיג לעבן זיי בשלום מיט דער עקזיסטירנדיגער אָרדענונג. ער האָט אויפגעדעקט די סתירה צווישן ריידן הינטער די פיר ווענט פון דער סאָסייעטי וועגן „ברידערלעכקייט" און שטיצן „די אָרדענונג פון אַ מלכות ביי איינעם, וואָס קומט פון שרעקלעכן דלות ביי טויזנטער". אַנטקעגן דער אַרבעטער־רינג „וויל העלפן די טרייד־יוניאָנס אין זייערע קאַמפן, ער וויל צוהעלפן צו יעדער וויכטיגער פּראָגרעסיווער סאָציאַל־רעפאָרם, וועלכע די אַרבעטער ווילן מיט זייער מאַכט דורכפירן".

כדי אונטערצושטרייכן דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון אַרבעטער־רינג, איז דער זאַל, וואו ס'איז פאָרגעקומען די צווייטע קאָנווענשאָן (מאַי 1902), געווען דעקאָרירט מיט רויטע פענער, מיט די בילדער פון קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס און פערדינאַנד לאַסאַל, ווי אויך מיט פאַרשידענע סאָציאַליסטישע אויפשריפטן. די קאָנווענשאָן האָט אויך מיט אירע באַשלוסן אונטערגעשטראָכן דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון א.־ר. און זיין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג. איין באַשלוס זאָגט, אַז דער א.־ר.

אנערקענט די וויכטיגקייט פון 1טן מאי און רעקאָמענדירט די ברענטשעס צו פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער-יום-טוב. נאָך אַ לענגערער דעבאַטע איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו שטיצן די טרייד-יוניאָן-באַוועגונג ווי אויך צו זאָרגן, אַז די מיט-גלידער זאָלן „העלפן אין דעם פּאָליטישן קאַמף פון ארבעטער-קלאַס". אויך מיט אַנדערע באַשלוסן האָבן די דעלעגאַטן פון דער צווייטער קאָנווענשאָן באַוויזן, אַז זיי ווילן דעם ארבעטער-אָרדען ניט האַלטן אין די ענגע ראַמען פון בלויז אַן אונטערשטיצונגס-פאַראיין. צווישן אַנדערע איז באַהאַנדלט געוואָרן אַזאַ וויכטיגע פראַגע, ווי קינ-דער-דערציאונג. ס'איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן אַ קאָמיסיע „צו געפינען פּלענער עפּעס צו טאָן" אויף דעם געביט.

די דריטע קאָנווענשאָן (1903) האָט רעאַגירט מיט אַ פּראָ-טעסט-רעזאָלוציע קעגן פּאָגראָם אין קישיניעוו און אויפגעפאָדערט די ברענטשעס זיך אַריינצואוואַרפן אין דער הילף-ארבעט פאַר די פּאָ-גראָמירטע יידן. אין דער אַקציע פאַר די קרבנות פון צאַרישן פּאָ-גראָם-רעזשים האָט דער יונגער ארבעטער-רינג ארויסגעוויזן זיין וואַרעם האַרץ און הילף-גרייטקייט פאַר דער יידישער באַפעלקע-רונג אויף יענער זייט ים.

די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט האָבן די דעלעגאַטן פון די קאָנ-ווענשאָנס געשענקט די פאַרשידענע פראַגן, וואָס זיינען געווען די-רעקט פאַרבונדן מיטן אָרדען גופא. און פראַגן זיינען אָפט געווען גאַנץ שווערע. האָט מען דאָך געשטעלט די ערשטע וואַקלדיגע טריט אויף אַן אומבאַקאַנט פעלד, האָט מען דאָך געטאָן אַן ארבעט אָן גענוגנדיגער דערפאַרונג. אַ וויכטיגער ענין אין יענער צייט איז געווען די פּראָלעטאַרישע קרענק — טובערקולאָז. די דריטע קאָנ-ווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאָנד פאַר אַזעלכע קראַנקע און אויסצאָלן יעדן טובערקולאָז-קראַנקן מיטגליד 100 דאָלער. די זעלבע קאָנווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן פרויען-ברענטשעס מיט קלענערע אָפּצאָלונגען. די פערטע יערלעכע קאָנ-ווענשאָן האָט געגעבן דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט אַן אינסטרוקציע ארויסצונעמען אַ טשאַרטער פאַרן ארבעטער-רינג.

צו דער פינפטער יערלעכער קאָנווענשאָן האָט דער באַריכט פון עקזעקוטיוו דערציילט, אַז עס זיינען שוין פאַראַן 86 ברענטשעס מיט 4,530 מיטגלידער. דער אָרדען האָט אויסגעצאָלט גרויסע סומעס קראַנקען- און טויטן-בענעפיט, ווי אויך אַנדערע הילף פאַר די

מיטגלידער. פון 42 ברענטשעס זיינען געווען באַריכטן, אַז זיי האָבן פאַר דער באַריכט־צייט איינגעאָרדענט 355 לעקציעס, וואָס עס האָט זיי אָפּגעקאָסט קרוב 12 הונדערט דאָלער.

אין די ערשטע יאָרן זיינען די הוצאות פון דער א.־ר.־אַדמיניסטראַציע געווען זייער קליינע. מ'איז געווען שפּאָרזאַם און קאָנטראָלירט יעדן סענט פון דער הוצאה. מ'האָט ניט געלאָזט אויסגעבן געלט אַפילו אויף נויטיגע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן. מ'האָט געקוקט קרום אויף באַלוינען פאַר אַרבעט לטובת דעם א.־ר.. אָפּטמאָל איז די קאַרגשאַפט דערגאַנגען ביז לעכערלעכקייט, אָבער אַ געזונטער קערן האָט אין דעם געשטעקט. אין הסכם מיט אַ קאָנווענשאָן־באַשלוס, האָט געמעגט זיין נאָר איין באַצאָלטער באַאַמטער. ערשט נאָך דער פערטער קאָנווענשאָן איז דערלויבט געוואָרן אָנצושטעלן אין אָפיס אַ יינגל פאַר 5 דאָלער אַ וואָך. צוזאַמען האָט דער גענעראַל־אָפיס דעמאָלט אויסגעצאָלט זיינע באַאַמטע 25 דאָלער אַ וואָך שכירות.

אין דער זעלבער צייט, ווען מען איז געווען גראָשעדיג קאַרג ביי די הוצאות פאַר דער אייגענער אָרגאַניזאַציע, האָט מען זיך באַשטייערט פאַר פאַרשידענע אַנדערע צוועקן. אויף דער פערטער קאָנווענשאָן איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז יעדער מיטגליד פון א.־ר. זאָל צאָלן 20 סענט אַ יאָר פאַר דער סאַנאַטאָריע אין דענווער. פון איר זייט האָט די דענווער־סאַנאַטאָריע געעפנט די טירן פאַר די מיטגלידער פון א.־ר.. ווענן שווינדזיכטיגע מיטגלידער האָט די 6טע קאָנווענשאָן באַשלאָסן, אַז יעדער פון זיי איז באַרעכטיגט צו 50 דאָלער בענעפיט, אויב אַ דאָקטער ווערט אים הייסן פאָרן אין אַן אָרט נאָענט פון דער היים. אויב ער וועט דאַרפן פאָרן אין די מערב־שטאַטן אָדער גאָר קיין אייראָפּע קורירן זיך, איז ער באַרעכטיגט אויף 100 דאָלער בענעפיט.

מ'האָט אויך ברייטהאַרציג געשטיצט די סאָציאַליסטישע פּרעסע. געהייסן האָט עס, אַז עס ווערט אַסיגנירט אַ סומע פאַר שריפטלעכער אַגיטאַציע. אויף דער 5טער קאָנווענשאָן (1905) האָט מען אויף דעם צוועק באַשטימט 500 דאָלער. פון דעם האָט דער נ. ע. ק. געגעבן 350 דאָלער צום „פאָרווערטס" און 150 דער „צוקונפט". 2 ברענטשעס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם וואָס מ'האָט אויסגעמיטן אַנדערע. אויף דער 6טער קאָנווענשאָן איז די פראַגע געוואָרן דעבאַטירט און מ'האָט באַשלאָסן אויך צו צאָלן פאַר אַרטיקלען

אין דער „אבענד־צייטונג״, וואס איז דעמאלט דערשינען אונטער דער רעדאקציע פון ש. יאנאווסקי. באזונדערס האט די „צוקונפט״ געהאט צו פארדאנקען איר עקזיסטענץ דער הילף, וואס דער א.־ר. אלס גאנצער און די באזונדערע ברענטשעס האבן איר געגעבן. די ברענטשעס האבן זיך אפילו פארנומען מיט פארשפרייטן דעם זשור־נאל. מ׳האט געגעבן געלט בעת סטרייקן און אנדערע אקציעס פון דער ארבעטער־באוועגונג.

אין גאנג פון דער ארבעט איז אויפגעקומען דער געדאנק פון אויסברייטערן די בילדונגס־טעטיגקייט. אויף דער 4טער קאנווענ־שאן (מאי 1904) האט מען אויסגעוויילט א בילדונגס־קאמיטעט, כדי צו צענטראליזירן די קולטורעלע טעטיגקייט, אבער קיין הצלחה האט דער קאמיטעט ניט געהאט און די קולטורעלע ארבעט איז ווייטער געבליבן אין רשות פון די באזונדערע ברענטשעס. מיט דער צייט האט מען זיך אפילו דערטראכט, אז מען דארף אויך זארגן פאר דער דערציאונג פון די קינדער. אויף דער 6טער קאנווענשאן איז אריינגעטראגן געווארן א רעזאלוציע, אז דער א.־ר. זאל שאפן א שול פאר די קינדער פון זיינע מיטגלידער. ס׳איז נאך, משמעות, געווען אביסל צו פרי און מ׳האט דעם ענין אפגעלייגט צו דער נאנטער קאנווענשאן.

א פראבלעם צום לייזן איז געווען די אנגעהעריגקייט פון פרויען. עס זיינען געווען פרויען־מיטגלידער אין די אלגעמיינע ברענטשעס און ספעציעלע פרויען־ברענטשעס. די לעצטע האבן ניט געהאט די זעלבע רעכט, ווי די געוויינלעכע ברענטשעס. שוין אין יאנואר 1901 איז געגרינדעט געווארן דער ערשטער פרויען־ברענטש מיט אן ערך הונדערט מיטגלידער. צווישן די מענער־מיטגלידער איז געפירט געווארן אן אגיטאציע, אז זיי זאלן שיקן זייערע פרויען אין לײדיס־ברענטש. אין 1904 האט ברענטש 1 אנגענומען אן אויפ־פאדערונג צו אלע מיטגלידער, אז איינמאל אין דער וואך זאלן זיי בלייבן אין דער היים ביי די קינדער, כדי די פרויען זאלן קענען גיין אויף די לעקציעס און מיטינגען פון לײדיס־ברענטש. פון ארדען האבן די פרויען קיין בענעפיטן ניט באקומען, זיי האבן אבער גע־האט אייגענע בענעפיטן פון לאקאלע פאנדן. שפעטער איז אויפ־געהויבן געווארן די פראגע וועגן געבן די פרויען־ברענטשעס גלייכ־בארעכטיגונג, דאס האט אבער אנגעטראפן אויף א שטארקער קעגנערשאפט, ווייל די פרויען־ברענטשעס וואלטן ניט געווען בכוח

צו טראָגן די זעלבע לאַסטן, וואָס די אַלגעמיינע ברענטשעס. די 6טע קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן און דער רעפערענדום האָט באַשטעטיגט, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן אַ צווייטע קלאַס אינשורענס פאַר פרויען. צו דער צווייטער קלאַס זאָלן קענען געהערן נאָר פרויען — מיידלעך, פרויען פון מיטגלידער און אויך פרויען, וועמענס מענער עס געהערן ניט צום א.־ר., אָבער אַרבעטן ניט קעגן זיינע אינטערעסן און פרינציפּן. אין צווייטער קלאַס האָט די פאַרזיכערונג באַטראָפן 200 דאָלער, אָן קראַנקען־ און טובערקולאָז־בענעפיטן.

איינע פון די פּלאָגן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן באַלד פון אָנהויב אָן און אָנגעהאַלטן אויך אין די ווייטערדיגע יאָרן, איז געווען דאָס אָפּפאַלן פון מיטגלידער. ווי וויכט ערנסט דאָס פּראָבלעם איז געווען באַלד פון אָנהויב, איז צו זען פון די ווייטערדיגע ציפערן: צווישן דער ערשטער און צווייטער קאָנווענשאָן האָט מען אויסגעשלאָסן 221 פון דער דעמאָלט נאָך קליינער מיטגלידערשאַפט. אַזוי ווי די צאָל מיטגלידער האָט דעמאָלט נאָך ניט באַטראָפן קיין טויזנט, הייסט עס, אַז בערך אַ פערט־חלק פון דער אַלגעמיינער צאָל איז אַרויסגעפאַלן. צווישן דער צווייטער און דריטער קאָנווענשאָן האָט מען אויסגעשלאָסן 254 מיטגלידער. אין 1905 זיינען אריינגעקומען 1335 נייע מיטגלידער און געשטראָכן האָט מען אַזש 1160. בעיקר האָט מען געשטראָכן פאַר בלייבן הינטערשטעליג מיט די צאָלונגען. אַ סך האָבן זיך געלאָזט שטרייכן ביי דער ערשטער צאָלונג־שוועריגקייט. אַנדערע האָבן אויסגעוואַנדערט פון ניו־יאָרק אין ערטער, וואו עס זיינען ניט געווען קיין ברענטשעס אָדער וואו די סביבה פון אַ.־ר. איז פאַר זיי ניט געווען קיין היימיש, און זיינען דעריבער פאַרפאַלן געוואָרן. אין יענער צייט זיינען צווישן די איינגעוואַנדערטע געווען אַ סך בחורים און זיי האָבן ניט אַזוי שטאַרק געזאָרגט וועגן געהערן צו אַן אונטערשטיצונגס־פאַראיין.

צעוואָרפן איבערן גרויסן לאַנד, זיינען דאָ און דאָרט אויפגעקומען איינצלנע ברענטשעס. פיל יידישע אַרבעטער האָבן געוואַנדערט פון איין שטאָט אין דער צווייטער, כדי צו געפינען אַרבעט און קענען אויפשלאָגן אַן אייגן געצעלט. אַ טייל פון זיי האָט געוואוסט פון אַ.־ר. אָדער אַליין געהערט צו אַ ברענטש אין ניו־יאָרק, זיינען זיי שוין במילא געוואָרן וואַנדערנדיגע אַגיטאַטאָרן פאַר דער אידעע פון אַ.־ר. און זיי זיינען עס אין פיל פאַלן געווען די איניציאַטאָרן און בויער פון די

נייע ברענטשעס אין דער פראווינץ. פון איין זייט האט די וועקוואַג־דערונג פון ניו־יארק גורם געווען א פארלוסט, פון דער צווייטער זייט איז דאס געווען א מזל־ברכה פאר די שטעט און שטעטלעך איבערן לאנד. עס האט זיך דא איבערגעחזרט א דערשיינונג פון דער אלטער היים, וואו רעוואלוציאנערע, באוואוסטזיניגע ארבעטער, אין זייער זוכעניש פון ארבעטס-פלעצער זיינען גלייכצייטיג געווארן די בשורה־ברענ־גער פון די נייע אידעען און די בויער פון סאציאליסטישע ארגאניזאַ־ציעס אין די אפגעשטאנענע שטעטלעך. פון ניו־יארקער צענטער איז מען געשטאנען אין פארבינדונג מיט די איינצלנע פריינד און מ׳האט זיי געגעבן אנווייזונגען און דערמוטיגונג. דאס זיינען געווען גע־טרייע ניט־באצאלטע אגענטן פארן ארדען אין לאנד.

די ערשטע ברענטשעס אין דער פראווינץ האבן געהאט א גרויסע באדייטונג ניט בלויז פאר דער באגרענעצטער צאל מיט־גלידער, נאר אויך פארן אלגעמיינעם יידישן לעבן. א סך יידישע ישובים האבן זיך ערשט אנגעהויבן אויספארמירן און זיך פאנאנדער־וואקסן. צו דעם רעפארמירטן טעמפל־ייד און ארטאדאקסישן שול־ייד איז צוגעקומען א דריטער — דער מאדערנער, וועלטלעכער ייד. די ארבעטער־רינג־מיטגלידער האבן ארייגעבראכט אן אייגענעם טאן אויף דער יידישער גאס, א באזונדערן צוגאנג צו יידישע און אלגעמיינע ענינים. לאמיר הערן א שטים פון א שטעטל — וועגן ערשטן ברענטש אין פראווידענס (דער ברענטש איז געשאפן געווארן אין 1903): „ברענטש 14 האט זיך באלד ארייגעווארפן אין דער ארבעט. איז פאזיטיוו געווען דער ערשטער, וועלכער האט אנ־געהויבן צו טאן קולטורעלע ארבעט צווישן די יידישע מאסן איז פראווידענס. האט ארגאנזירט לעקציעס אין יידיש וועגן פראגן, וואס האבן פיל געהאלפן אויסצולייטערן די געדאנקען פון די עקסטרע־מע עלעמענטן, וועלכע האבן זיך דעמאלט געפונען. האט געהאלפן פארשפרייטן די נייע יידישע ליטעראטור. די געשעפטס־מיטינגען זיינען אויך באשטאנען פון דיסקוסיעס וועגן פארשידענע פראגן און עס זיינען ארויסגעזאגט געווארן א סך אריגינעלע געדאנקען. האט אנגעפירט א גערעכטן סטרייק פאר די יידישע בעקער־ארבע־טער, און איז געגאנגען אזוי ווייט, ווי גרינדן א בעקעריי, וואס האט שיער ניט רואינירט דעם ברענטש פינאנציעל. האט געשטיצט דעם ,בונד׳ אין רוסלאנד און די רוסישע רעוואלוציע בכלל״ (הערי בעק, „דער פנקס פון ברענטש 14 ארבעטער־רינג״, 1923).

8. די ערשטע גענעראַל־סעקרעטאַרן

במשך די ערשטע פֿאַר יאָר זיינען געווען איינער נאָכן אַנדערן דריי גענעראַל־סעקרעטאַרן.

דער ערשטער איז געווען ב. פייגענבוים. קעגן אים איז גע־פירט געוואָרן אַ שאַרפֿע אָפּאָזיציע מצד דעם עלטסטן און וויכ־טיגסטן צווייג — ברענטש 1. די אָפּאָזיציע האָט געהאַט אַן אידע־אישן אונטערשלאַג. פייגענבוים איז דעמאָלט געווען מיט דער ציימונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי (ס.ל.פּ.) „אבענד־בלאַט", בעת דער עלטסטער ברענטש איז געווען אַ פּעס־טונג פון די פֿאַרווערטסיסטן, און האָט אויך ממשותדיק געהאָלפֿן דעם „פֿאַרווערטס" דורך געבן געלט אויף אַ לינאָטיפּ־מאַשין. די אַנדערע ברענטשעס האָבן אָבער געשטיצט פייגענבוימען. דאָס הייסט ניט, אַז זיי זיינען געווען לויטער חסידים פון „אבענד־בלאַט", אַ סך פון זיי זיינען געווען אַנהענגער פון „פֿאַרווערטס", זיי זיינען אָבער ניט געווען אַזוי פּאַרטייאיש אין דער פראַגע, ווי ברענטש 1. בכלל האָט דער „פֿאַרווערטס", הגם אָן ענטוזיאַזם, דאָך געשטיצט דעם אַרבעטער־רינג, בעת דאָס „אבענד־בלאַט" האָט אים איגנאָרירט. ס'האָט זיך געשאַפֿן אַזאַ לאַגע, אַז דאָס „אבענד־בלאַט", וואו פייגענ־בוים איז געווען אַ מיטאַרבעטער, האָט דעם אַרבעטער־רינג פֿאַר־שוויגן, און דער „פֿאַרווערטס" האָט די באַריכטן פון אַרבעטער־אָרדען געשריבן טאָקע דורך פייגענבוימען — יאָ געדרוקט. צוליב די שאַרפֿע אַטאַקעס פון ברענטש 1 האָט פייגענבוים אין דעצעמבער 1901 זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע, אָבער דער נ. ע. ק. האָט די דעמיסיע ניט אָנגענומען. אין שייכות מיט דעם האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָנ־פליקט צווישן דעם נ. ע. ק. און ברענטש 1 און דער ברענטש איז געטאַדלט געוואָרן דורך דער העכסטער אָנפירונג פון אַרבעטער־רינג. דער ברענטש 1 האָט געשטעמפּלט פייגענבוימען ווי אַ „דע ליאָן נומער 2".

צו דער דריטער קאָנווענשאַן האָט דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר דערלאַנגט זיין רעזיגנאַציע און דערביי האָט ער רע־קאָמענדירט אַלס זיין ממלא־מקום לעאָ ראָזענצווייג, וועלכער האָט

אויך פריער קאַנדידירט פאַרן זעלבן אַמט און באַקומען ווייניגער שטימען פון פייגענבוימען. די רעזיגנאַציע האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען און ראַזענצווייג איז דורך אַ רעפערענדום זומער 1903 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר. ב. פייגענבוים איז דעמאָלט געוויילט געוואָרן ווי אַן עקזעקוטיוו-מיטגליד מיט דער העכסטער צאָל שטימען, טראָץ די ווייטערדיגע שאַרפע אַטאַקעס פון בראַנטש 1.

דער צווייטער גענעראַל-סעקרעטאַר האָט אַמטירט סך-הכל ביז סוף 1904. אויך ער איז דורך טוער פון בראַנטש 1 באַשולדיגט גע־וואָרן אין „דע ליאַניסטישע" גענג. נאָך אים איז געקומען און אַנגעפירט מיטן א.־ר. — אַ ריי יאָרן — י. וויינטרויב.

מיטן אוועקגיין פון די ערשטע צוויי גענעראַל-סעקרעטאַרן האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס פאַרענדיגט אַ תקופה אין אינערלעכן לעבן פון א.־ר.. אין די ערשטע יאָרן איז די מיטגלידערשאַפט געווען אַ מער געקליבענע פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ס׳איז דעמאָלט בכלל געווען אַ צייט פון זעלבסט-באַשטימונג ביי די יידישע פאָלקס־מענטשן: גיין ווייטער אויפן אויסגעטראָטענעם טראַדיציאָנעל-רע־ליגיעזן וועג, אָדער אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם רעליגיעזן יאָך און איבערגיין אין לאַגער פון פריידענקערײ. ווען מ׳האָט געוואָלט אַריינ־טרעטן אין אַ בראַנטש, פלעגט טרעפן, אַז ס׳זאָל זיך אויפשטעלן אַ מיטגליד און טענהן, אַז דער קאַנדידאַט איז ניט ראוי אָנגענומען צו ווערן. און דאָס בלויז אויפן סמך פון דעם, וואָס דער קאַנדידאַט האָט געפּראַוועט אַ ברית; אָדער דערפאַר, וואָס זיין פרוי בענטשט ליכט פרייטאָג פאַרנאַכט, אָדער צוליב דעם, וואָס דאָס פאַרפאָלק כאַפּט זיך יום-כיפור אַריין אין שול צום דאַווענען. אַ כשרע קיך האָט אויך געקענט זיין אַ פסול. עס איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ היפּשער שיכט אַרבעטער, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיטן סאָציאַליזם, איז מיט איין פוס שוין געשטאַנען אין דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג און מיטן צווייטן פוס נאָך געשטעקט אין דער וועלט פון אַלט-פרענקישער יידישקייט. איז דאָס אין יענער צייט געווען אַ וויכטיגע פראַגע. אין 1904 האָט פיליפּ קראַנץ אָפּגעדרוקט אין דער „צוקונפט" אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געזאָגט: „די פראַגע איז דאָ אויב דער אַרבעטער-רינג זאָל צולאָזן, אַז די מערהייט זאָל זיין אַ רעליגיעזע אין גאַנצן אָרדען, אַזוי ווי דאָס איז שוין, ליידער, דער פאַל אין פיל בראַנטשעס".

די ערשטע צוויי גענעראַל־סעקרעטאַרן זיינען ביידע געווען פּרינציפּיעלע און קאָמפּערישע אַפּיקורסים, אָבער זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דער פראַגע פון צולאָזן רעליגיעזע מענטשן אין אַ.־ר.. פייגענבוים האָט געהאַלטן, אַז גלוביקע, ניט קיין פאַנאַטיקער, דאַרף מען אַריינגעמען. אויב אַ פאָלקס־מענטש איז פרום פאַר זיך, איז עס ניט קיינעמס דאגה. אַזאַ מענטש קען זיין אַ גוטער מיטגליד אין אַרבעטער־רינג און מיט דער צייט אַפילו באַווירקט ווערן פון דער פרייַדענקערישער אויפקלערונג. ער איז אָבער געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם, אַז אַ ברענטש אָלם גאַנצער זאָל זיך פאַרנעמען מיט מאַכן אַ מנין צו ימים־נוראים אָדער מיט אַנדערע ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיט רעליגיע. ראָזענצוויַיג איז געווען ניט בלויז קעגן דעם, אַז ברענטשעס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט איינאָרדענען מנינים אָדער שמחות מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז לויט אים וואָלט מען פרומע בכלל ניט געדאַרפט אַריינלאָזן אין אַרבעטער־אָרדען. פיליפּ קראַנץ האָט געשטיצט ראָזענצווייגס מיינונג און זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ס׳איז „אַ גרויסע געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ.־ר. דורך די צו אָפענע טירן פאַר די רעליגיעזע, ווי געג. פייגענבוים און זיינע אַנהענגער ווילן עס אַנהאַלטן״.

דער דריטער גענעראַל־סעקרעטאַר, י. וויינטרויב, האָט די דיסקוסיע וועגן דעם פאַרענדיגט מיט די ווערטער אין באַריכט צו דער 5טער יערלעכער קאָנווענשאָן, אַז דער אַרבעטער־רינג דאַרף אַרונטערנעמען „אונטער זיין פאָן אַלע אָרנטלעכע אַרבעטער און רעכטדענקענדיגע מענטשן״.

9. וואו זאָל מען נעמען דעם טשאַרטער

אין זיין לאַנגער געשיכטע האָט דער אַ.־ר. געהאַט אויסצושטיין פיל שווערע און ביטערע קאַמפן ניט בלויז פון אידעאישן כאַראַקטער. עס זיינען אויך געווען קאַמפן אַרום אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּראַקטישע ענינים. דער ערשטער גרויסער קאַמף פון דעם מין איז געווען אַרום טשאַרטער פון אָרדען. דער דאָזיגער קאַמף האָט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, אַז ס׳האָט זיך גערדאַכט אַטאַט — און דער אַ.־ר. וועט צעריסן ווערן אויף שטיקער. די באַלעבאַטישע אָרדענס האָבן שוין באַציימנס זיך געריבן די הענט פון נחת און געוואַרט אויפן אונטערגאַנג פון געפערלעכן קאָנקורענט, געוואַרט אויף דער ירושה — און זיך ניט דערוואַרט.

אַרום וואָס האָט זיך צעפלאַקערט דער שטרייט?

לויט די דעמאָלטדיגע געזעצן פון שטאַט ניו־יאָרק, איז ביים אַרויסנעמען אַ טשאַרטער פאַר אַן אָרדען געווען נויטיק: 1) דער אָרדען זאָל האָבן ניט ווייניגער פון 200 מיטגלידער; 2) די מיטגלידער זאָלן זיין אַסעקורירט אויף ניט ווייניגער פון 400 טויזנט דאָלער; 3) אין קאַסע זאָל זיין, ווי אַן אייגנטום פון אָרדען, ווייניגסטנס איינס פּראָצענט פון דער אַסעקורירטער סומע.

לויט דער קאָנסטיטוציע פון אַרבעטער־רינג, איז דעמאָלט געווען די העכסטע סומע, אויף וועלכער אַ מיטגליד האָט געקענט זיין אַסעקורירט 400 דאָלער. כדי צו זיין אין הסכם מיטן געזעץ — באַפרידיגן דעם פּונקט וועגן 400 טויזנט דאָלער, האָט דער אַ.־ר. געדאַרפט לכל הפחות האָבן טויזנט מיטגלידער. ביז 1902 איז אַזאַ צאָל ניט געווען. אמת, אין 1902 איז די צאָל מיטגלידער אַריבערגעשטיגן די גרענעץ פון טויזנט, אָבער דער אַ.־ר. האָט ניט פאַרמאָגט, אַלס זיין אייגנטום, דעם נויטיגן איינס פּראָצענט פון דער אַסעקורירטער סומע. גענומען האָט זיך עס פון דעם, וואָס די מיטגלידער האָבן ניט איינגעצאָלט קיין איינטריט־געלט, וואָס זאָל ווערן דאָס אייגנטום פון אָרדען. יעדער מיטגליד האָט בלויז איינגעצאָלט 3 דאָלער ווי אַ דעפּאָזיט, אַז ער וועט באַצאָלן זיין שטייער. פון די

3 דאָלער האָט מען אין גענעראַל-אָפיס אַוועקגעשיקט 2 און 1 דאָלער איז געבליבן אין ברענטש פאַר לויפנדיגע הוצאות. ווען אַ מיטגליד איז אַרויס פון ברענטש און האָט רעגולירט דעם חוב, האָט מען אים אומגעקערט צוריק די 3 דאָלער. צוליב דעם טעם האָט דער אַרבעטער־רינג ניט געקענט קריגן קיין טשאַרטער — ניט באַלד בשעת דער גרינדונג און אויך ניט אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ.

דאָס האָט באַאומרואיגט די אַ.־ר.־טוער. זיי האָבן זיך געווענדט צו אַ יוריסט — יצחק אייזיק הורוויטש — און ער האָט זיי אויפגעקלערט די פּאַקטישע לאַגע. כל־זמן די פינאַנצן וועלן ניט זיין אין הסכם מיטן געזעץ, וועט מען קיין טשאַרטער ניט באַקומען. דער ענטפער האָט די טוער ניט באַפרידיגט. זיי האָבן געטראַכט טאָמער קען מען פאַרט געפינען אַ וועג אויף לעגאַליזירן דעם אָרדען. זיינען זיי אַוועק צו אַ צווייטן לאָיער — אויך צו אַן אייגענעם מענטשן — לואי מילער. פון אים איז געקומען אַ צוזאָג, אַז עס וועט זיך לאָזן מאַכן. אויף וואָסער סמך? — 9 בירגער קענען לויטן געזעץ דערלאַנגען אַ ווענדונג, אַז מ'זאָל זיי דערלויבן גרינדן אַן אָרדען. דער אינשורענס־דעפּאַרטמענט פון שטאַט גיט אַרויס אַ צייטווייליגן סערטיפיקאַט, אַ פאַרלויפיגן טשאַרטער. דאָס איז גילטיג אויף 2 יאָר צייט. ביזן סוף פון דעם טערמין קען דערווייל דער אָרדען זיך צוגרייטן צו זיין פולשטענדיג אין הסכם מיטן געזעץ וועגן די פינאַנצן און דעמאָלט קען ער באַקומען ענדגילטיג דעם טשאַרטער. אויב ביים סוף פון די 2 יאָר אַנטשפּרעכט דער אָרדען נאָך ניט די כללים פון געזעץ, ווערט דער צייטווייליגער טשאַרטער ביי אים צוגענומען.

לואי מילער האָט טאַקע אַרויסגענומען אַ צייטווייליגן טשאַרטער, אָבער ביי דעם איז עס געבליבן. די טוער האָבן געמיינט, אַז דער טשאַרטער איז אַן ענדגילטיגער. געניט אין די ענינים איז מען ניט געווען, קיין חקירה ודרישה האָט מען ניט געמאַכט, מען איז געווען זיכער, אַז דער לאָיער האָט די זאַך גוט באַזאָרגט. אַלע זיינען געווען אונטערן איינדרוק, אַז דער ענין טשאַרטער איז געלייזט.

נאָך דעם ווי מ'איז אָפּגעשלאָפן די 2 פּראָבע־יאָרן, האָט מען זיך געכאַפּט וואָס מ'האָט פאַרנאַכלעסיגט. די נויטיגע צאָל מיטגלידער איז געווען, אָבער די נויטיגע סומע געלט אין קאַסע — ניט. האָט מען גענומען אָנווענדן די טאַקטיק פון אָפּשלעפּן דעם ענין,

אבער אויך דאס האט געמוזט האבן א גרענעץ. א פארשטייער פון אינשורענס דעפארטמענט האט פעסטגעשטעלט, אז דער א.־ר. האט מער פון טויזנט מיטגלידער, אבער פון א גרויסער צאל מיטגלידער פעלן די אפליקאציעס אדער זיי זיינען שלעכט אויסגעפילט. און דאס מיינט, אז עס זיינען שוין ניטא קיין טויזנט מיטגלידער און קיין 400 טויזנט דאלער אסעקוראציע. און ועל כולם פארמאגט ניט דער א.־ר. דעם נויטיגן איינס פראצענט פון דער אסעקורירטער סומע, ווייל דאס פאראנענע געלט איז גאר דאס אייגנטום פון די מיטגלידער און ניט פון ארדען. צוליב דעם האט דער אינשורענס־דעפארטמענט אפגעווארפן די ווענדונג וועגן ארויסגעבן א טשארטער.

דער טשארטער איז געווארן א זייער אנגעווייטאגטער ענין אין לעבן פון א.־ר.. אויף עטלעכע קאנווענשאנס האט מען וועגן דעם היים דעבאטירט. די פערטע קאנווענשאן האט איבערגעגעבן דעם עקזעקוטיוו אנצושטרענגען אלע כוחות צו באקומען א טשאר־טער. אויספירנדיג דעם דירעקטיוו פון דער קאנווענשאן, האט דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט באשלאסן אנווענדן א ראדיקאל מיטל: „עקספראפריאירן" די מיטגלידער, איבערפירן זייער אייגנ־טום אין רשות פון ארדען. דער נ. ע. ק. האט זיך אפגעגעבן א דין וחשבון, אז לייכט וועט די „עקספראפריאציע" ניט דורכגעפירט ווערן. ער האט דעריבער באשלאסן צו גיין פאמעלעך און זיכער, און דערביי באקומען די צושטימונג פון די, וועלכע מען דארף „אנטאייגענען". דעם 9טן אקטאבער 1904 איז אין ניו־יארק פארגעקומען א ספעציעלע קאנווענשאן, וואס האט געדארפט דורכפירן די דאזיגע שווערע אפעראציע. די דעלעגאטן האבן פארשטאנען די ערנסטקייט פון דער לאגע און אנגענומען די דאזיגע באשלוסן: 1) די איינגעצאלטע 3 דאלער בלייבן דאס אייגנטום פון ארבעטער־רינג; 2) יעדער מיט־גליד דארף במשך פון 3 חדשים צוצאלן די רעשט ביז איינס פרא־צענט פון דער אסעקוראציע־סומע (ד. ה. 1 דאלער); 3) איינ־טריט־געלט פון נייע מיטגלידער זאל זיין איינס פראצענט פון דער אסעקוראציע — 4 דאלער ווען מ'געהערט אליין, און 6 דאלער ווען מ'גייט אריין אין ברענטש אויך מיט דער פרוי; 4) דאס איינטריט־געלט בלייבט דאס אייגנטום פון ארדען און ווערט ניט אומגעקערט, בעת מ'פאלט ארויס פון א.־ר.

די מיטגלידערשאפט האט ארויסגעוויזן איר פארשטענדעניש פאר דער זאך און איר טריישאפט צום ארדען: מיט א גרויסער

מערהייט — מיט 1300 שטימען קעגן 150 — האָט זי באַשטעטיגט אין אַ רעפערענדום אַלע 4 באַשלוסן פון דער ספּעציעלער קאָנ־ווענשאָן. און דאָך! דאָך האָט זיך נאָך דעם אָנגעהויבן אַ שטורם, וואָס האָט פאַרשאַפט בייז בלוט און געבראַכט אַ סך שאָדן. ווען מ׳איז צוגעטראָטן פאַרווירקלעכן די באַשלוסן פון דער ספּעציעלער קאָנווענשאָן, באַשלוסן וואָס די מיטגלידער גופא האָבן דערנאָך מיט אַזאַ אומגעהויערער מערהייט באַשטעטיגט, האָט זיך פאַר־מירט אַן אָפּאָזיציע.

אָנגעהויבן האָט זיך די פּראָטעסט־באַוועגונג מחוץ ניו־יאָרק. ברענטש 7 פון וועסט־האָבאָקען, נ. דזש., האָט אויף דעם 26טן נאָ־וועמבער 1904 גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ברענטשעס אין שטאַט ניו־דזשוירזי. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ לאַנגע רע־זאָלוציע, וואָס איר תמצית איז, אַז די באַשלוסן פון דער ספּעציע־לער קאָנווענשאָן טויגן ניט, צאָלן 4 אָדער 6 דאָלער איינטריט־געלט איז צו הויך פאַר אַן אַרבעטער, „דער וואוקס פון אַרבעטער־רינג וועט אָפּגעשטעלט ווערן״, „מיט דער צייט וועט מוזן פאַלן דער גאַנצער אַ.־ר. און די גרויסע מאַסע אַרבעטער וועט מוזן אַרי־בערגיין אין די אַלטע לאָדזשן, וואו די פינסטערלינגע וועלן האָבן איבער זיי די קאָנטראָל״. דער אויספיר איז, אַזוי ווי אין שטאַט ניו־דזשוירזי זיינען די געזעצן די לייכטסטע, זאָל מען דעם טשאַר־טער אַרויסנעמען ניט פון שטאַט ניו־יאָרק, נאָר פון ניו־דשוירזי. „און אַז מיר וועלן האָבן אַ טשאַרטער פון שטאַט ניו־דזשוירזי, וועלן מיר קענען טאָן ביזנעס אין גאַנץ אַמעריקע, ווייל דאָס געזעץ זאָגט אַזוי: „דער מענטש וואָס האָט רעכט צו טאָן ביזנעס אין איין שטאַט, איז ער אויך באַרעכטיגט געזעצלעך אין אַלע איבעריגע שטאַטן״.

כמעט אַלע ברענטשעס מחוץ ניו־יאָרק זיינען צוגעשטאַנען צו דער ניו־דזשוירזער אָפּאָזיציע, ווי אויך דריי ניו־יאָרקער ברענטשעס. די פרויען־ברענטשעס, וואָס האָבן געהאַט זייער עוולה פאַרוואָס זיי זיינען ניט גלייכבאַרעכטיגט מיט די מענער־ברענטשעס, האָבן אויך סימפּאַטיזירט מיט דער אָפּאָזיציע. מענטשן, וועלכע האָבן פריער געשטימט פאַר באַשטעטיגן די 4 באַשלוסן פון דער ספּעציע־לער קאָנווענשאָן, האָבן געביטן דעם פראָנט, ווייל זיי האָבן גע־מיינט, אַז דער ניו־דזשוירזער פּלאַן איז אַ בעסערער אויסוועג און וועט זיין לייכטער פאַר דער מיטגלידערשאַפט. אין די ערשטע טעג

יאַנואַר 1905 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון 8 ברענטשעס און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו אַגיטירן פאַר אַ ניו־דזשוירזער טשאַרטער.

דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם פראָיעקט. ווייל אַ ניו־דזשוירזער טשאַרטער האָט ניט געקענט לייזן דאָס פראָבלעם. ווען מ'נעמט אַרויס אַ טשאַרטער אין איין שטאַט, איז ער גוט נאָר פאַר דעם דאָזיגן שטאַט און ניט פאַרן גאַנצן לאַנד. ברענטשעס פון ניו־יאָרק אָדער פון אַנדערע שטאַטן וואָלטן סיי־ווי געמוזט אַרויסנעמען לייסענס. און ביים אַרויסגעבן לייסענס קוקט מען צי דער טשאַרטער פון דער מוטער־אָרגאַניזאַציע איז אין הסכם מיט די אינשורענס־געזעצן פון די געגעבענע שטאַטן. מיט אַ טשאַרטער פון ניו־יאָרק וואָלט מען לייכט געקענט באַקומען אַ לייסענס אין ניו־דזשוירזי, אָבער ניט פאַרקערט, ווייל אין ניו־יאָרק איז דאָס אינשורענס־געזעץ האַרבער. די גאַנצע שטעלונג פון דער אָפּאָזיציע איז געווען געבויט אויף אַ מיספאַרשטענדניש. אפשר האָט דאָ אויך געשפילט אַ ראָל דער פאַקט, וואָס ביי אַ ניו־דזשוירזער טשאַרטער וואָלט דער גענעראַל־אָפיס געדאַרפט האָבן זיין זיץ־אָרט אין ניו־דזשוירזי. דער נ. ע. ק. האָט אָנגעוויזן, אַז די מערהייט מיטגלידער זיינען ניו־יאָרקער. די פרישע אימיגראַנטן, וואָס קומען כסדר אָן מיט די שיפן, בלייבן על פי רוב אויך אין ניו־יאָרק. דער נוי־דזשוירזער טשאַרטער וואָלט דעריבער קיין פעולה ניט געהאַט פאַרן רוב מיטגלידער.

דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע ברענטשעס רעגיסטרירטע בריוו מיט אַ וואָרנונג איינצוצאָלן ביזן ערשטן פעברואַר 1905 די סומע, וואָס עס קומט, כדי מעגלעך מאַכן דאָס באַקומען אַ ניו־יאָרקער טשאַרטער. אויב מ'וועט ניט איינצאָלן, וועט מען אָפּגעשטעלט ווערן אין דער טעטיגקייט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורם. דעם 29טן יאַנואַר איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די אומצופרידענע ברענטשעס. די קאָנפערענץ האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע צום נ. ע. ק. מיט אַ פאָדערונג אַרויסצונעמען דעם טשאַרטער אין ניו־דזשוירזי, אָבער מ'האָט די דעלעגאַציע ניט געוואָלט צולאָזן צו דער זיצונג פון נ. ע. ק.

עס האָט אַ שוועב געטאָן דער געשפענסט פון אַ שפּאַלטונג. אין ניו־דזשוירזי האָט מען זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט דער מחשבה צו גרינדן אַן אייגענעם אַרבעטער־רינג אין שטאַט. אַפילו די סכנה

פון שפּאַלטונג האָט אָבער ניט געקענט אָפּהאַלטן דעם נ. ע. ק. פון דער אַנטשלאָסנקייט דורכצופירן די באַשלוסן פון דער ספּעציעלער קאָנווענשאָן. אויף אַ זיצונג, דעם 13 פעברואַר 1905, האָט דער נ. ע. ק. באַשלאָסן צו סוספּענדירן 21 בּרענטשעס, וואָס האָבן ווידער־שפּעניגט און ניט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן די גענעצלעכע באַ־שלוסן. מ׳האָט זיי דערביי פאַרלענגערט דעם טערמין פון איינצאָלן ביזן 15טן מערץ. אין נאָמען פון די אָפּאָזיציאָנעלע בּרענטשעס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דערקלערונג אין דער פּרעסע, אַז זיי וועלן אַליין אויסצאָלן די בענעפיטן די קראַנקע און אויך טויטן־בענעפיט, וואָס דער אָרדען איז מחויב צו צאָלן. די לאַגע האָט זיך פאַרשאַרפט. אַ טייל אָפּאָזיציאָנערן האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס צו שאַפן אַ צווייטן נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און עפענען אַ צווייטן אָפיס אין ניו־יאָרק, אויב דער נ. ע. ק. וועט ווייטער בלייבן איינגעשפּאַרט און וועט ניט וועלן אַרויסנעמען אַ ניו־דזשוירזער טשאַרטער.

ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די שפּאַלטונג איז אַ פאַקט. אָבער ניין, דער שׂכל האָט פאָרט באַהערשט די אויפגעברויזטע געפילן. דעם 19טן פעברואַר איז לויט דער איניציאַטיוו פון בּרענטש 1 פאַר־געקומען אַ קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן פון 42 בּרענ־טשעס. די דעלעגאַטן האָבן באַשלאָסן צו וויילן אַ קאָמיטעט, וועל־כער זאָל זיך ווענדן צו אַן אָנגעזעענעם לאַיער אויסצופאָרשן דעם ענין און פעסטשטעלן די מעגלעכקייטן פון די טשאַרטערס אין די באַזונדערע שטאַטן. דער לאַיער, צו וועמען מ׳האָט זיך ווענדן דעם געווענדט, איז געווען מאָרים הילקוויט. אויפן סמך פון הילקוויטס אויפקלערונגען, האָט דער ספּעציעלער קאָמיטעט פון 25 מאַן פאַר־עפנטלעכט אין „פאָרווערטס״ זיין באַשלוס, וואָס האָט געגעבן גע־רעכט דעם נ. ע. ק.. דאָס האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף די אָפּאָזיציאָנעלע בּרענטשעס, און זיי האָבן ביסלעכוויז איינגעצאָלט די געהעריגע סומעס. אַחוץ איין בּרענטש, האָבן אַלע צוריק באַ־קומען זייער רעכט. אַ דאַנק דעם איז מעגלעך געוואָרן אָנצוגעבן אַ ווענדונג וועגן טשאַרטער אין שטאַט ניו־יאָרק.

דעם 22טן נאָוועמבער 1905 האָט דער אַרבעטער־רינג דעם טשאַרטער באַקומען און זיך איינגעשטעלט אויף אַ זיכערן לעגאַלן באָדן. די טיפע וואונד, וואָס דער קאַמף אַרום טשאַרטער האָט געשאַפן, איז גיך פאַרהיילט געוואָרן.

10. די באַציאונגען מיט די טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישער באַוועגונג

אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ האָט דער אַרבעטער־אָרדען געהאַט צו טאָן מיט אַ צווייטן קאָנפליקט. דאָס איז ניט געווען אין די אייגענע רייען, דאָך אין די ראַמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די באַציאונגען מיט די טרייד־יוניאָנס.

שוין אויף דער צווייטער קאָנווענשאָן איז די פראַגע געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג. די קאָנווענשאָן האָט נאָך אויספירלעכע דעבאַטן פאָרמולירט איר שטעלונג. די איינשטימיג אָנגענומענע רעזאָלוציע זאָגט: „מיר פאַרפליכטן מאָראַליש אונזערע מיטגלידער זיך אָנצושליסן אין די יוניאָנס פון זייערע פאַכן. ביים אריינגעמען נייע מיטגלידער זאָל זיי דערקלערט ווערן, אַז ס'איז זייער פליכט צו זיין מיטגלידער פון זייערע יוניאָנס. דער אַרבעטער־רינג דערקלערט זיך גרייט צו דינען די אינטערעסן פון די טרייד־יוניאָנס און צו סטעמפּלען זייערע פּאַרעטער. דאָס וועלן מיר קענען טאָן בלויז אין פאַל, ווען די יוניאָנס, וועלכע ווילן, אַז מיר זאָלן געוויסע מיטגלידער אונזערע אַזוי באַהאַנדלען, וועלן דידאָזיגע מיטגלידער אָפיציעל אָנקלאָגן צו זייער ברענטש און אים איבערגעבן באַווייזן פון זייער שולד".

די דאָזיגע רעזאָלוציע האָט ניט צופרידנגעשטעלט די יידישע געווערקשאַפטן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עפענטלעכע פּאָלעמיק צווישן די געווערקשאַפטן און דעם אָרדען. די ערשטע האָבן פאָרגעוואָרפן, אַז דער אַ.־ר. „האָט זיך ניט באַמיט אָפּצוהאַלטן איינציגע מיטגלידער זיינע פון גיין סקעבן, הגם מען האָט אים וועגן דעם געלאָזט וויסן". אויף דעם האָט דער נ. ע. ק. געענטפערט אין „פאָרווערטס" פון 8טן דעצעמבער 1902 מיט אַ בריוו, אַז דאָס איז ניט אמת, ווייל „דער אַרבעטער־רינג האָט גאָרניט קיין שום אַנדערן צוועק, ווי נאָר צו זיין אַ פאַרשול פאַר די טרייד־יוניאָנס, ווי פון דער פּאָליטישער אַרבעטער־באַוועגונג".

די יידישע געווערקשאַפטן זיינען ניט געבליבן קיין בעל־חוב און אָפּגעענטפערט מיט אַ קעגן־דערקלערונג. זיי האָבן אָנגעגעבן אַ ריי פאַקטן און געוויזן, אַז געוויסע מיטגלידער פון אַ.־ר. זיינען סקעבן. זיי האָבן אויך געפאָדערט, אַז דער אַ.־ר. זאָל פאַרלאַנגען פון יעדן איינעם צו געהערן צו אַ יוניאָן. דאָס זאָל זיין אַ פאָר־באַדינג פון געהערן צום אַ.־ר.. דאָס הייסט, אַז דער אָרדען זאָל באַשטיין אויסשליסלעך פון יוניאָניזירטע אַרבעטער. און עס איז געקומען די דראונג: „אונזער גאַנצע ענערגיע וועט פון איצט אָן פאַרווענדט ווערן צו באַקעמפן יעדע אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט מיט אירע פליגל פון רעוואָלוציע אָדער פּראָגרעסיוון נאָמען וועלן פאַר־טיידיגן די יעניגע, וועלכע שטערן אונז אין אונזער אַלטעגלעכן קאַמף פאַר אונזער עקזיסטענץ״.

דער טאָן און די דראונג פון די יידישע געווערקשאַפטן האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַרביטערונג אין די רייען פון אַרבעטער־רינג. מיטגלידער און ברענטשעס האָבן פּראָטעסטירט. דער נ. ע. ק. האָט גערופן אַ קאָנפערענץ פון די ברענטשעס, וואו מ׳האָט שאַרף אַטאַקירט די געווערקשאַפטן. אַזוי ווי דער רוב יידישע אַרבעטער האָט דעמאָלט ניט געהערט צו די יוניאָנס, האָט דער אַ.־ר. ניט געוואָלט זיך פאַרשטעלן דעם וועג צו דער גרויסער יידישער אַר־בעטער־מאַסע דורך איינגיין אויף דער פאָדערונג אַריינצונעמען בלויז יוניאָניזירטע אַרבעטער. ער האָט געוואָלט אַריינגעמען אַלע אַרבעטער און באַווירקן זיי אַריינצוטרעטן אין די יוניאָנס אָבער קיין סקעבן האָט דער אַרבעטער־רינג ביי זיך ניט געוואָלט האָבן. פלעגט מען דאָך ביים גרינדן אַ נייעם ברענטש אָדער ביים אָנ־נעמען אַ נייעם מיטגליד אויסדריקלעך באַטאָנען, אַז אַ מיטגליד פון אַ.־ר. טאָר ניט זיין קיין סטרייק־ברעכער, פונקט ווי מען טאָר ניט דינען און העלפן אַ קאַפּיטאַליסטישער פּאַרטיי. און די ברענ־טשעס האָבן תמיד וואַרעם זיך אָפּגערופן מיט פינאַנציעלער און מאָ־ראַלישער הילף בעת אַ סטרייק. דעריבער האָט די קאָנפערענץ פון די ניו־יאָרקער ברענטשעס אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע אויסצו־פאָרשן די באַזונדערע פאַקטן פון סטרייק־ברעכעריי, וואָס די יידישע געווערקשאַפטן האָבן אָנגעגעבן.

דער „פאָרווערטס״ איז געווען מער נוטה צום שטאַנדפּונקט פון די געווערקשאַפטן. אין אַ לייט־אַרטיקל פון דעמאָלטדיקן רע־דאַקטאָר ד״ר ש. פּעסקין (5 יאַנואַר 1903) איז געקומען אַזאַ אויס־

פיר: קאנדידאטן פארן א.־ר. מוזן זיין מיטגלידער פון א יוניאן, אויב אין דעם פאך עקזיסטירט א יוניאן. וואס שייך די אלטע מיט־גלידער פון א.־ר., זאל מען צולאזן צו „ערנהאפטע קאמיטעס" נאר יוניאן־לייט.

די פראגע וועגן דעם צי דער א.־ר. זאל ארייננעמען ארבעטער, וועלכע געהערן ניט צו דער יוניאן איז געשטאנען אויף דער טאג־ארדענונג פון דער דריטער קאנווענשאן. דער א.־ר. איז געווען פאר־אינטערעסירט אין וואוקס פון די טרייד־יוניאנס און געשטיצט זייערע אקציעס. ביי א גוטן ווילן פון ביידע צדדים וואלטן די מיס־פארשטענדענישן געקענט באזייטיגט ווערן, און ס'איז בכלל ניט געווען נויטיג דעם ענין פאנאנדערצובלאזן. ביסלעכווייז איז דער סכסוך טאקע איינגעשטילט געווארן. אין באריכט צו דער דריטער יערלעכער קאנווענשאן ווערט געזאגט וועגן קאנפליקט מיט די טרייד־יוניאנס: „די טרויעריגע מיספארשטענדעניש, וואס האט זיך אנגעהויבן צו ציען צווישן די טרייד־יוניאנס און דעם ארבעטער־רינג איז צעגאנגען ווי שניי אויף דער זון. דער גענעראל אפיס קען מיט זעלבסטבאפרידיגונג זאגן, אז עס איז א דאנק זיין פאר־זיכטיגער פאליטיק ניט צו גיסן קיין אייל אויף קיין שום פייער פון שטרייט און צו זיין א בורח מן המחלוקות ווי ווייט נאר מעגלעך".

דער א.־ר. האט אויך געדארפט אויסקריסטאליזירן זיין שטע־לונג צו דער פאליטישער באוועגונג. די גרויסע מערהייט פון זיינע מיטגלידער איז באשטאנען פון סאציאליסטן און סימפאטיקער פון דער סאציאליסטישער באוועגונג, און דאס האט באשטימט זיינע האנדלונגען. צו די קאפיטאליסטישע פארטייען האט מען אויפ־געשטעלט א הויכע וואנט ניט צום אריבערשפרייזן.

ביים אנהויב פון היינטיגן יארהונדערט איז געבוירן געווארן די נייע סאציאליסטישע פארטיי (ס. פ.). דאס איז געווען א פאר־אייניגונג פון דער פריערדיגער קליינער ס.ד. פארטיי מיט דעם אפגעשפאלטענעם טייל פון דער אלטער סאציאליסטישער ארבע־טער־פארטיי (ס.ל.פ.). די ס. פ. איז כסדר געגאנגען בארג־ארויף, בעת די ס. ל. פ. איז אלץ מער און מער איינגעשרומפן געווארן. די ס.פ. איז געווארן דערווירקלעכער צענטער פון דער סאציאליסטי־שער באוועגונג אין אמעריקע.

שוין אויף דער צווייטער קאנווענשאן פון א.־ר. איז פארגעקומען אן אפגרענעצונג פון אנארכיזם. די קאנווענשאן האט אנגענומען

אַ שאַרפֿע פּראָטעסט-רעזאָלוציע קעגן אַרעסט פֿון באַוואוסטן אַנאַרכיסטישן טוער יאָהאַן מאָסט. די אַרבעטער זיינען גערופֿן געוואָרן ניט צו לאָזן זיך מיטרייסן מיטן קאַפּיטאַליסטישן געשריי קעגן אַנאַרכיזם, אָבער גלייכצייטיג האָט די רעזאָלוציע געזאָגט, אַז „מיר אינדאָרסירן אַבסאָלוט ניט די לערעס פֿון דעם אייגנטלעכן אַנאַרכיזם”. דאַקעגן איז ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן מאַניפֿעסטירט געוואָרן די נאָענטקייט פֿון אָרדען מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין ניו-יאָרק, וואו עס איז געווען אַן אַקטיווע אָרגאַניזאַציע פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָבן די אַ.-ר. ברענטשעס אונטערגעשטיצט אירע פּאָליטישע אַקציעס. אין דער פּראָווינץ, אין די ערטער וואו עס זיינען ניט געווען קיין אָפּטיילונגען פֿון דער ס.פּ., האָבן דאָס ליידיגע אָרט אויסגעפֿילט די אַ.-ר. ברענטשעס, וואָס האָבן זיך אויך פֿאַרנומען מיט דער געוויינלעכער סאָציאַליסטישער טעטיגקייט.

דאָס האָט געגעבן אַ גרונט פֿייגענבוימען צו זאָגן אין אַן אַרטיקל („פֿאָרווערטס”, 6 מאַי 1903) אַזעלכע ווערטער — ווערטער וואָס זיינען געווען אַ ליכטיגע נבואה פֿאַרן אַרבעטער-רינג:

„אָפּהיטנדיג זיין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, וועט דער ,אַרבעטער-רינג’ זיין די איינציגע דויערנדיגע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. דאָס איז ער שוין אין פֿיל שטעט. נאָך דעם מבול אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז אין די קלענערע שטעט ניט געבליבן קיין שריד-ופליט פֿון קיין באַוועגונג. וויפֿיל מען האָט ניט געאַרבעט צו גרינדן אַלערליי אָרגאַניזאַציעס — אָדער מען האָט גאָרניט געקענט אויפֿטאָן, אָדער עס איז באַלד צוריק צעפֿאַלן. און דער ,אַרבעטער-רינג’ איזווירקלעך דערשינען ווי אַ מלאך הגואל פֿון דער באַוועגונג פֿאַרן סאָציאַליזם צווישן די יידישע אַרבעטער’’. אין אַ ריי ערטער זיינען די אַ.-ר.-מיטגלידער געווען די גרונדלייגער פֿאַר אָפּטיילונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פֿון טרייד-יוניאָנס. דער אַרטיקל פֿאַרענדיגט זיך מיט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „פֿאַרגעסט ניט, אַ ברענטש פֿון ,אַרבעטער-רינג’ איז ניט קיין שפּינוועבס, ווי אַ סעקציע (פֿון דער פּאַרטיי) אָדער פֿאַראיין’’. „מען צעקריכט זיך נישט!”. „איך בין איצט געקומען צו דער פֿעסטער איבערצייגונג, אַז די צוקונפֿט פֿון אַן אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע

ליגט אין ,אַרבעטער־רינג׳! ווען האָט די יידישע באַוועגונג זוכה געווען צו האָבן ביז 16 הונדערט מאַן פעסט אָרגאַניזירט אין אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, ווי מיר האָבן איצט אין ,אַרבעטער־רינג׳?״

די דאָזיגע שטימונג פון ערשטן גענעראַל־סעקרעטאַר האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס פאַרשידענע פּאָליטישע און טרייד־יוניאָניסטישע פּרוּוון פון דער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע זיינען צעשמעטערט געוואָרן ביי די פעלזיגע ווענט פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. און דאָ הויבט זיך אָן שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס „צעקריכט זיך ניט״. די פּאָליטישע און טרייד־יוניאָניסטישע טוער האָבן אָבער די ערשטע צייט געקוקט גאַנץ אַנדערש אויף דעם נייעם באַשעפעניש, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרבעטער־גאַס. מיר הערן וועגן דעם פון אַן אַלטן אַנאַרכיסטישן טוער: „די אַרבעטער־רינג באַוועגונג איז אין אָנהויב געווען ווי אַ פרעמדע זאַך, און איז פון אַלע זייטן באַגעגנט געוואָרן גאַנץ פיינדלעך. די טרייד־יוניאָנס האָבן געזען אין ,אַרבעטער־רינג׳, איך ווייס ניט פאַרוואָס, אַ קאָנקורענט, און זיי האָבן געקוקט אויף אים און זיין אַרבעט גאַנץ קרומלעך. די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אַרבעטער און טוער האָבן אויך גאַנץ ווייניק ליבע געפילט פאַרן אַ.־ר., ווען ער איז נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן״. „אויב ער איז ניט אָפן און קעגנעריש באַקעמפט געוואָרן, איז עס געווען דערפאַר, ווייל מען האָט ניט געגלויבט דאָס ער וועט ווירקלעך האָבן אַ קיום״ (ש. יאַנאָווסקי, „דער פריינד״, מאַי 1925).

א. ליעסין ברענגט אַרוים אַזאַ געדאַנק: די גענאָסן „האָבן געדענקט, אַז עס לוינט זיך איינפאַך ניט דעם ,אַרבעטער־רינג׳ מקרב צו זיין. זיי האָבן ניט געוואָלט איינרייסן מיט די אַנדערע אונטערשטיצונגס־פאַראיינען, מיט די חברות און לאַדזשעס. און אַזוי איז מען צו אים געבליבן גלייכגילטיג — מערדעריש גלייכגילטיג״. „דאָס איז געווען אַ פאַראַכטונג, אַ שטילע פאַראַכטונג, וואָס איז פאַר אים געווען געפערלעכער פון אַלץ״. איצט אָבער, 1904, ווערט דער אַ.־ר. „די בענטשונג פון אונזער יידישער באַוועגונג, אַ מאַכט אין אונזערע אַמעריקאַנישע געטאָס — אַ גוטע און ליכטיגע מאַכט, וואָס וועט זיך שטעלן קעגן דער ניט גוטער און דער ניט ליכטיגער מאַכט פון די קאָנסערוואַטיווע אָרדענס״ („די צוקונפט״, מאַי 1904).

אויף דער גלייכגילטיגער און שלעכטער באַציאונג צו זיך האָט

דער אַרבעטער־אָרדען ניט געענטפערט מיט דער זעלבער מטבע. פאַרקערט, ער האָט אָפּגעצאָלט מיטן בעסטן, וואָס ער האָט פאַר־מאָגט. לאָמיר ווידער הערן דאָס עדות זאָגן פון א. ליעסין. אין זיינס אַן אַרטיקל צו דער 4טער קאָנווענשאָן לייענען מיר:

„אומעטום ווערן די אַ.־ר.־בראַנטשעס דער מיטל־פונקט, אַרום וועלכן עס גרופירט זיך אַלץ, וואָס איז ערלעך און פאָרגעשריטן אין די רייען פון די יידישע אַרבעטער. צוזאַמען מיט די בראַנטשעס ווערט פאַרשפּרייט איבערן לאַנד אויך אונזער סאָציאַליסטישע פּרע־סע, פאַר וועלכע די מיטגלידער אַגיטירן ווי ווייט נאָר זיי קענען און וואו נאָר זיי קענען. די ‚צוקונפט׳ ווערט כמעט אין גאַנצן פון זיי אויפגעהאַלטן. אין יעדן בראַנטש ווערן געהאַלטן לעקציעס וועגן פאַרשידענע פראַגן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, יעדע יוניאָן, יעדע פאָרגעשריטענע אָרגאַניזאַציע ווערן שטענדיג אויף אַלערליי אופנים געהאָלפן און געשטיצט דורך די בראַנטשעס. אין די רייען פון אַרבעטער־רינג ווערן דערצויגן געפילן פון סימפּאַטיע און אַכטונג צו דער יוניאָן פון די אַרבעטער, אַזוי אויך צו דער פּאַרטיי פון די אַרבעטער. סקעבס און פּאָליטישע בודלער ווערן דאָרט אַלס מיטגלידער ניט געדולדעט. זייער אַ גרויסער טייל מיטגלידער פון די ניו־יאָרקער בראַנטשעס זיינען אויך מיטגלידער פון דער היגער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט. דער אַרבעטער־רינג איז אויך דער וואַרעמסטער פריינד פון ‚בונד׳ אין רוסלאַנד, פאַר וועלכן ער רופט זיך תמיד אָפּ מיט דער גרעסטער אָפּפערווויליגקייט און וועמען ער גיט תמיד די בעסטע אונטערשטיצונג. און דאָס אַלץ ווערט געטאָן ניט ווי אַן אויסנאַם, ניט ווי אַ נעבן־זאַך, ניט ווי אַ נדבה, נאָר ווי אַ כלל, ווי אַ חוב, אַ פליכט, פון וועלכער דער אַרבעטער־רינג קען זיך פּרינציפּיעל אַנטזאָגן נאָר צוזאַמען מיט זיין עקזיסטענץ״ („סאָ־וועניר צום 4טן קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג״).

די אויסגעוואַקסענע באַדייטונג און פּאָזיטיווע ראָל פון אַרבע־טער־אָרדען האָט אויך אָפּגעשאַצט אַ צווייטער יידיש־סאָציאַליסטי־שער וואָרטזאָגער. אין זעלבן זאַמלבוך צו דער 4טער קאָנווענ־שאָן שרייבט ש. פּעסקין: „דער אַרבעטער־רינג וואַקסט. ער איז היינט געוואָרן ניט נאָר דער צענטער, נאָר דער הויפּט־בנין פון אונזער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וואו נאָר עס איז דאָ אַ יידישע באַוועגונג, איז דאָ אַן ‚אַרבעטער־רינג׳ און וואו נאָר עס איז דאָ אַן ‚אַרבעטער־רינג׳, איז דאָ דער פונדאַמענט פאַר אַ סאָ־

ציאַליסטישער באַוועגונג". „אונטער געזונטע אומשטענדן האָבן די יידישע ברענטשעס פון דער פּאַרטיי אָדער אַפילו טרייד-יוניאָנס גע-זאָלט פאַרנעמען די פאָדערשטע רייען פון אונזער באַוועגונג", ס'איז אָבער אַזוי ניט געוואָרן און במילא האָט דער אַרבעטער-רינג זיך גענומען אַרויסרוקן אויפן אויבנאָן. ער ווייזט נאָך אָן, אַז אין די יוניאָנס ווערט „זייער סאָציאַליסטישער גייסט פּאַראַליזירט דורך דעם וואָס זיי קומט אויס, ווילנדיג ניט ווילנדיג, נאָכצומאַכן די קריסט-לעכע יוניאָנס און צו גיין מיט זיי האַנט אין האַנט. די דאָזיגע יוניאָנס זיינען נאָך, ליידער, זייער קאָנסערוואַטיוו".

אין אַרבעטער-רינג איז דאָקעגן דער סאָציאַליסטישער גייסט געווען וואַך. אויף דער 6טער קאָנווענשאָן (4-7 מאַי 1906) האָט מען זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע צי מ'זאָל צולאָזן דעם דעלע-גאַט פון ברענטש 50, וועלכער איז באַשולדיגט געוואָרן, אַז אין אַ וואַל-קאַמפּיין אין ניו-יאָרק האָט ער געאַרבעט לטובת אַ קאַפּי-טאַליסטישער פּאַרטיי. עס זיינען געווען יורידישע ספקות צי מ'האָט אַ רעכט אים צו באַזייטיגן פון דער קאָנווענשאָן. מיט 57 שטימען קעגן 23 איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז אין פּרינציפּ איז די קאָנווענשאָן קעגן צולאָזן דעם דעלעגאַט, אָבער אין די אינטערעסן פון אַ.־ר., כדי אויסצומיידן אַ צרה, זאָל ער אונטער אַ פּראָטעסט צוגעלאָזט ווערן. אַ צווייטע ענלעכע פראַגע איז אַרויפגעשוואומען אויף דער זעלבער קאָנווענשאָן. דער ציימונגס-אַרויסגעבער וויליאַם רענדאָלף הוירסט האָט דעמאָלט געפירט אַ קאַמף קעגן טעמעני-האָל. אויך אויף דער יידישער גאַס האָט די הוירסט-אַקציע געפונען אָן אָפּ-קלאַנג. אייניגע קאָנווענשאָן-דעלעגאַטן האָבן זיך געלאָזט מיט-רייסן פון דעם הוירסט-קאַמפּיין. מיט 73 שטימען קעגן 7 האָט די קאָנווענשאָן אויסגעדריקט באַדויערן וואָס „אייניגע דעלעגאַטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט לטובת דער הוירסט-באַוועגונג". די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן „אויפצופאָדערן די ברענטשעס, אַז מיטגלידער, וועל-כע אַרבעטן אין דער עפענטלעכקייט פאַר וועלכער ניט איז קאַפּי-טאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז קעגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זאָלן ניט האַלטן קיין אמט אין קיין ברענטש פון אַרבעטער-רינג, און זאָלן פאַר קיין פאַל ניט געשיקט ווערן אַלס דעלעגאַטן צו די קאָנווענשאָנס פון אַ.־ר.". אויסשליסן אַזעלכע מיטגלידער האָט מען געזעצלעך ניט געקענט, האָט מען זיך באַמיט, אַז זיי זאָלן ניט האָבן קיין השפעה אויף דעם גייסט און טעטיגקייט פון אָרדען.

11. בונדישע לאַנדסמאַנשאַפטן פאַרוואַנדלען זיך אין אַרבעטער־רינג ברענטשעס

די פאַרשטאַרקטע איינוואַנדערונג האָט גורם געווען צו דער אַנטשטייאונג פון אַ גרויסער צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן — די „אנשי״־חברות. כל־זמן דאָס יידישע לעבן אין דער אַלטער היים איז ניט געווען דיפערענצירט, האָבן אויך דאָ די פריש־געקומענע אַ צייט געקענט זיין אונטער איין דאַך פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. דאָס לעבן אין דער אַלטער היים איז מער ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. נייע ווינטן האָבן דאָרט שוין געבלאָזן. מיטן פאַרשטאַרקן זיך פון דער רעוואָלוציאָנערער אימיגראַציע איז אויך דאָ שוין געוואָרן שווער און אין פיל פאַלן אוממעגלעך אַלעמען צוזאַמענהאַלטן אין איין חברה. אַ סך אַריבערגעקומענע בונדיסטן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אייגענע לאַנדסמאַנשאַפטן, אין רעוואָלוציאָנערע אונטערשטיצונגס־פאַראיינען און צוגעצויגן צו זיך אויך יענע ראַדיקאַלע עלעמענטן, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיט די אַלטע חברות.

1903 איז דאָ אהער געקומען וועגן אָרגאַניזירן שטיצע פאַרן „בונד״ אַרקאַדי קרעמער און מיכאיל בערג (עזרא). לויט זייער איניציאַטיוו איז דעם 12טן דעצעמבער פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, אונטערשטיצונגס־פאַראיינען און לאַנדסמאַנשאַפטן. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, באַלטימאָר, ניו־הייווען, פּעטערסאָן און שיקאַגאָ. פון די ניו־יאָרקער בונדישע לאַנדסמאַנשאַפטן זיינען געווען פאָרטראָטן די ווילנער, פינסקער, ביאַליסטאָקער, דווינסקער, בערדיטשעווער, קאָוונער, באָריסאָווער און מינסקער. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו גרינדן דעם ב״נדישן „צענטראַל־פאַרבאַנד אין אַמעריקע״. אַ סך ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג האָבן צוגעשיקט באַגריסונגען צו דער קאָנפערענץ. אַ טייל ברענטשעס האָבן פינאַנציעל געשטיצט דעם בונדישן פאָנד. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז געוואָרן אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג, אַז אַנשטאָט וואָס די ברענטשעס זאָלן יעדער באַזונ־

דער שטיצן דעם „בונד", זאָל דאָס אָרגאַניזירט ווערן אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב דורך דעם צ. ע. ק.

די בונדישע לאַנדסמאַנשאַפטן און אונטערשטיצונגס-פאַראיינען האָבן שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין ברענטשעס פון א.-ר.. פון זיי זיינען אַנטשטאַנען דער ווילנער ברענטש 43, דער דווינסקער בר. 75, דער קאָוונער בר. 83, דער ביאַליסטאָקער בר. 88. אויך דער באַדייטנדיגער מינסקער ברענטש 99 און אַ ריי אַנדערע זיינען בעיקר געגרינדעט געוואָרן פון בונדיסטן, און זיי האָבן כסדר געשטיצט דעם „בונד" מאָראַליש און פינאַנציעל. די השפעה פון די בונדיסטן אין א.-ר. גופא האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט פילן.

„די ווירקונג פון די בונדיסטישע אָרגאַניזאַציעס אויפן אַרבעטער־רינג הויבט זיך אָן צו לאָזן פילן פון דער פינפטער א.-ר. קאָנווענשאָן. צו דער פינפטער קאָנווענשאָן זיינען שוין געווען אייניגע אויסגעשפּראָכענע בונדיסטישע ברענטשעס, ווי בר. 43, 75, 83, 88, 99 — ווילנער, דווינסקער, קאָוונער, ביאַליסטאָקער און מינסקער. עס זיינען געווען די ברענטשעס פון די שטעט, וואו דער ,בונד' איז געווען מעכטיג. בונדיסטן זיינען אפילו געווען פאַרשפּרייט אין אַנדערע ברענטשעס, אָבער אייניגע ברענטשעס זיינען געווען בונדיסטיש הונדערט פּראָצענט". „דער איינפלוס פון ,בונד' אויף דעם אַרבעטער-רינג איז געוואָרן גרעסער פון יאָר צו יאָר. דער ,בונד' האָט אין אים אַריינגעגעבן אַ געזונטע נשמה" (מ. איווענסקי, „די ראָלע פון בונדיסטישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין דעם אויפבוי פון אַרבעטער-רינג", „דער דווינסקער", 1929, נ. י.).

די בונדיסטן און זייערע לאַנדסמאַנשאַפטן און אונטערשטיצונגס-פאַראיינען, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ברענטשעס, האָבן ניט בלויז פאַרשנעלערט דעם וואוקס פון א.-ר., נאָר האָבן אויך אָפּגעהיט אויף אַ לאַנגער צייט זיין יוגנטלעכקייט, זיין קעמפערישן און סאָציאַליסטישן כאַראַקטער.

אַ טיפּיש בילד ווי אַזוי די בונדיסטן האָבן זיך איינגעגלידערט אין אַרבעטער-רינג גיט אונז דער ביאַליסטאָקער ברענטש 88:

„אַ געוויסע צייט איידער ברענטש 88 איז געגרינדעט געוואָרן, האָבן אַריבערגעקומענע, בעסער געזאָגט ,אַנטלאָפענע', בונדיסטן פון ביאַליסטאָק געשאַפן אין ניו-יאָרק אַן אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען ,ביאַליסטאָקער ראַיאָנער ברענטש פון בונד', וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שאַפן געלט-מיטלען פאַרן ,בונד' אין ביאַ-

ליסטאָק. סוף 1904 האָט די אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן צו ווערן אַ ברענטש פונם אַרבעטער־רינג. אַזוי אַרום איז אין פעברואַר 1905 געגרינדעט געוואָרן דער „ביאַליסטאָקער ראַיאָנער ברענטש 88 אַ.־ר.". אַ געוויסע צאָל מיטגלידער פונם פריערדיקן ברענטש פון „בונד" האָבן ניט געקענט זיך אַנשליסן אין ברענטש 88 צוליב פשוטע עקאָנאָמישע סיבות. ערשטנס, האָט זיך געפאָדערט איינצוצאָלן גאַנצע 4 דאָלער איינטריט־געלט, וואָס איז געווען אין יענער צייט פאַר אַ סך געוועזענע מיטגלידער אַ גאַנצער פאַרמעגן. צווייטנס, דאָס נעמען אויף זיך די התחייבות פון צאָלן דעם ביל יעדן קוואַרטל איז געווען אַזאַ אָנשטרענגונג, אַז ניט אַלע האָבן געקענט געפינען די נויטיגע כוחות פאַר אַזאַ פאַרפליכטונג". „אין ערשטן יאָר, 1905, איז געוואָרן געזאַמלט און אָפּגעשיקט אַרום 3,000 דאָלער פאַרן „בונד" און פאַר אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע צוועקן". (זיידל כאַבאַצקי, „ביאַליסטאָקער פריינד", נומער 12, נ. י.).

קליינע גרופעס און איינצלנע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (ס.ר.), עסעסאָווצעס און פון אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען זיינען אויך צוגעשטאַנען צום אַ.־ר. און צוגעטראָגן זייער חלק.

אויף דער פינפטער קאָנווענשאָן איז אַ דאַנק די בונדיסטן אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו שאַפן אַ פאָנד פאַר די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען אין רוסלאַנד. יעדער מיטגליד האָט אויף דעם צוועק געדאַרפט צאָלן 12 סענט אַ יאָר. די דאָזיגע באַשטייערונג האָט אָנגעהאַלטן ביז אָקטאָבער 1911. מ'האָט זיך ניט באַנוגנט מיט פינאַנציעלער שטיצע אַליין. דער אינטערעס צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן פאַרהאַסטן צאַרישן רעזשים איז געווען אַן אומגעהויערער. מ'האָט יענעם קאַמף באַטראַכט ווי אַן אייגענע זאַך. דעריבער האָט אין 1905 דער אַרבעטער־רינג אָפיציעל זיך באַטייליגט אין דער געמיינזאַמער דעמאָנסטראַציע, וואָס עס האָבן דאָ אָרגאַניזירט די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען — דער „בונד", די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און די פּ.פּ.ס.. דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער צאַרישער רעגירונג און אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע פאַר די פרייהייטס־קעמפער.

גראָד דאָס יאָר 1905, ווען די יידישע אַרבעטער און פאָלקסמאַסן אין אַמעריקע זיינען געווען פאַרכאַפּט פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד, האָט דער אַרבעטער־רינג געהאַט אַ שוואַך יאָר. ער איז וויניגער געוואַקסן ווי פריער און אויך די אינערלעכע

טעטיגקייט איז ניט געווען קיין אינטענסיווע. ברענטשעס זיינען צוגעקומען סך־הכל 4, און ס'איז געווען א נעטער צוואוואקס פון בלויז 175 מיטגלידער. עס זיינען געווען אייניגע סיבות. געוויס האט א גרויסע ראל אין דעם געשפילט דער ביטערער שטרייט, וואס איז אין יענעם יאר געפירט געווארן ארום טשארטער. נישט קיין קליינע ראל האט אבער אויך געשפילט דער פאקט, וואס די הויפט־אויפמערקזאמקייט און די פאנטאזיע פון די יידישע ארבעטער זיינען געווען פארכאפט פון גרויסן רעוואלוציאנערן אויפברויז און געראנגל אין דער אלטער היים, און א סך האבן טאקע דעמאלט געטראכט וועגן „אומקערן זיך א היים". מ'האט זיך דערוויילן ניט געוואלט דא פארווארצלען.

די 6טע קאנווענשאן האט אנגענומען א ספעציעלע באגריסונגס־רעזאלוציע פארן „בונד", וואס זאגט: „נעמענדיג אין אכט, אז דער אלגעמיינער יידישער ארבעטער־בונד פון ליטע, פוילן און רוס־לאנד איז א רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזא־ציע, וועלכע קעמפט אחוץ פאר די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאס אויך פאר די אינטערעסן פון יידישן פאלק אין רוסלאנד, באשליסט די 6טע יערלעכע קאנווענשאן פון ארבעטער־רינג צו שיקן דורך ח' גריגארי מאקסים (בונדישער שליח מאקסים קלעוואנסקי) א ברודערלעכן גרוס צו דעם קעמפנדיגן יידישן פראלעטאריאט אין רוסלאנד. עס ווערט אויך באשלאסן, אז דער ארבעטער־רינג פאר־פליכטעט זיך מיט פארטאפלטער ענערגיע צו שטיצן דעם „בונד" אין זיין רעוואלוציאנערן קאמף פאר פאליטישער, נאציאנאלער און עקאנאמישער פרייהייט".

די יידישע ארבעטער אין אמעריקע זיינען אלץ מער און מער אריינגעצויגן געווארן אין טרייד־יוניאניסטישן און פאליטישן קאמף אונטער דער פאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי. די יידישע ארבעטער איז געווארן ענגער און ענגער אין די פארשידענע סאסייעטים און לאדזשעס, וואו די באסעס און סתם רייכע יידן זיינען געווען די פרעזידענטן און געפראוועט זייער ממשלה ביד חזקה. א סך האבן פארלאזט די באלעבאטישע חברות און געגאנגען אין ארבעטער־ארדען, וואו די ווערטער — „פריינדשאפט" און „ברידער־לעכע הילף" זיינען ניט געווען קיין פוסטע קלאנגען.

ווי אזוי ראדיקאלן און סאציאליסטן האבן זיך געפילט אין די אלגעמיינע חברות, דערציילט אונז דער באריכט צו דער 5טער קאנ־

ווענשאַן פון אַ.־ר. (מאַי 1905): „יעדער ייד האַלט פאַר זיין פליכט צו געהערן צו אַ פאַר אָדער מער לאַדזשען. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס יעדער פילט, אַז דאָס לעבן איז דאָ אומזיכער, אָנגעשטרענגטער. אומגליק, קראַנקהייט וואַרטן אויף יעדן טריט. מיטן אינסטינקט זוכט יעדער ווי עס איז צו פאַרזאָרגן זיך קעגן די שרעקלעכע בייטשן". „במשך פון אַ סך יאָרן זיינען אין די לאַדזשען געלאָפן אויך די פּראָגרעסיווע, ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, בפרט פון די אַרבעטער. זיי האָבן עס געטאָן מיט עקל און ביטערקייט. די אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס ווערן דאָרט געפּראַוועט, דער פאַנאַטיזם, די אומטאָלעראַנץ צו יעדן פרייען וואָרט, צו יעדער פּראָגרעסיווער שטרעבונג, דער צוואַנג וואָס מען לייגט אַרויף אויף דעם געוויסן פון יעדן מיטגליד, צוזאַמען מיט די פּאָליטישע ביזנעס וואָס ווערן דאָרט געטאָן, האָבן פאַר יעדן פריידענקערישן, אויפגעקלערטן מענטש דאָס זיין אין די לאַדזשען פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום, אין אַ מאַרטירעריי". „דער קלאַסן-קעגנזאַץ צווישן די אַרבעטער און די ביזנעס-לייט איז געווען צו פילן אויף יעדן טריט און דאָס האָט נאָך מער דערווייטערט די אַרבעטער פון יענע סאָסייעטיס".

גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפטן — דעם אָנהויב האָט געמאַכט אין 1902 דער האָמלער פאַראיין, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ברענטש 20 — זיינען אַריין אין אַרבעטער־רינג. אָפטמאָל איז עס פאָרגעקומען נאָך אַ קאַמף מיט קאָנסערוואַטיווע און באַלעבאַטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון זייערע לאַנדסלייט, אַבי ניט צו געהערן צו אַ סאָציאַליסטישער חברה.

דאָס אַלץ האָט מעגלעך געמאַכט דעם שנעלן און כסדרדיקן אויפשטייג אין די ווייטערדיגע יאָרן — דער אַרבעטער-רינג איז געוואָרן אַ מאַסן-אָרגאַניזאַציע אין פולן זין פון דעם וואָרט.

דריטער טייל

צענדליגער טויזנטער מיטגלידער. — צופלוס און אָפּפלוס. — יונגע איינוואַנדערער. — פּראָווינץ. — אַ נייער שטראָם אין יידישן לעבן. — ווידערשטאַנד פון פאַנאַטיקער און רע־אַקציאָנערן. — בית־עולם — נייע יידישע קולטור. — דער אַ.־ר. נעמט איין די יידישע גאַס. — דאָס אָפּרייסן זיך פון די ברענטשעס אין מאַסאַטשוזעטס. — אַן אינדעפּענדענט אַ.־ר.. — פּראַטערנאַלע ראַטעס. — געזעץ און פינאַנציעלע זיכערקייט. — דער ערשטער פּאָרזיכטיגער שריט. — די מיטגלידערשאַפט שטעלט זיך קעגן. — אַ מערהייט פּאַר. — וואָס איז אַ מערהייט? — מ׳טייטשט די קאָנסטיטוציע. צאָלונגען און פּאָליטיק פון פראַקציעס. — דער „פריינד”. — צו אַ ברייטער קולטור־טעטיגקייט. — פאַרלאַג. — ביבליאָטעקן, כאָרן און דראַמאַטישע קרייזן. — זונטאָג־שולן אָדער יידיש־וועלטלעכע שולן? — לייבאָר־לייסעאומס. — פאַרשידענע פאָרמען פון הילף. — סאַנאַטאָריע. — הילף פאַר מלחמה־קרבנות אויף יענער זייט ים. — פאַר די רעכט פון די יידן אין די מלחמה־פירנדיגע לענדער. — ביטערער קאַמף צווישן „יונגע” און „אַלטע”. — פאַרוואַלטונגס־רע־פאָרמען. — קאָנסטיטוציע־ענדערונגען. — אַ מעשה מיט גענעראַל־סעקרעטאַרן. — וויכטיגע באַשלוסן פון קאָנווענ־שאָנס. — צווישן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און די יוניאָנס. — פון אומצופרידנקייט צו אָנערקענונג.

12. אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע

אין דעם צענדליג יאָר 1917-1907 האָט דער אַרבעטער־רינג גע־האַט זיין ראַשיגסטן וואוקס. ביים אָנהויב פון דעם צענדליג יאָר איז ער אַריבערגעשטיגן די גרענעץ פון צען טויזנט מיטגלידער און האָט ביים סוף דערגרייכט די הויכע ציפער פון 60 טויזנט. אויב ביזן סוף 19טן יאָרהונדערט איז דער אַ.־ר. געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון הונדערטער, און אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון 20טן יאָר־הונדערט — פון טויזנטער, האָט אים איצט דער כסדרדיגער אויפ־שטייג פאַרוואַנדלט אין אַ מחנה פון צענדליגער טויזנטער. דאָס האָט באַדייט ניט בלויז אַ פאַרגרעסערונג פון צאָלן און אַן אויס־שפרייטונג אין שטח, נאָר אויך אַן ענדערונג פון זיין קוואַליטעט, ראָל און אָנזען.

פונוואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיגער אימפּעטיגער וואוקס? פון 1907 ביז 1917, פון דורכפאַל פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע ביז אַמעריקעס אַריינטריט אין ערשטן וועלט־קריג, האָבן נויט, רעאַקציע, רדיפות און פּאָגראָמען אויף יידן פאַרטריבן פון זייערע היימען און געבראַכט צו די אַמעריקאַנער ברעגעס בערך 850 טויזנט יידישע נפשות. אַ סך פון זיי האָבן דאָ קיין פאַמיליע ניט געהאַט. איינצוואָרדענען זיך אויפן נייעם באָדן איז געווען זייער שווער. עס זיינען געווען יאָרן פון קריזיס און אַרבעטסלאָזיגקייט. מ׳האָט זיך געפילט עלנד און פאַרלאָזן. אַ טייל האָבן געזוכט נאָנטע און היימישקייט אין די לאַנדסמאַנשאַפטן. די דיפערענצירטקייט, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען שטאַרק אין יידישן לעבן, האָט גע־מוזט צווינגען די פאַרשידנאַרטיגע עלעמענטן זיך אָפּצוזונדערן און אויפבויען אָרגאַניזאַציעס פון אידעאָלאָגיש און סאָציאַל נאָנטע.

אין די שטראָמען אייַנוואַנדערער זיינען געווען פיל אַרבעטער, סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, און סתם ראַדיקאַלע יוגנט. אַ טייל פון זיי איז גלייך געקומען צום אַרבעטער־רינג אָדער דורך אַן אומוועג, דורך די רעוואָלוציאָנערע אונטערשטיצונגס־פאַראיינען, וואָס די נייע אימיגראַציע האָט געשאַפן, און וואָס האָבן שפּעטער זיך

פאַרוואַנדלט אין ברענטשעס פון אָרדען. אָט איז אַ בילדל פון יענער צייט:

„גלייך נאָך די פרייהייטס-טעג אין 1905, ווען די רעאַקציע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער רוסלאַנד, איז פאַר דער יידישער יוגנט ניט געבליבן קיין אויסוועג ווי צו לויפן אין דער פרייער אַמעריקע. אונטער אַזעלכע אומשטענדן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן יונגע יינגלעך פון אַלע שטעט און שטעטלעך, אַזעלכע קינדער, וועלכע האָבן אונטער געוויינלעכע אומשטענדן נאָך גענדאַרפט באַזוכן די שולן און קריגן די נויטיגע אונטערריכט. זיי זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין שטראָם פון לעבן, אין אַן אומבאַקאַנטער נייער וועלט, אָן אַ שפּראַך, ניט האָבנדיג קיין באַגריף וועגן די זיטן און מנהגים פון דער נייער אומגעבונג. שווער איז געווען דאָס לעבן, ביטער איז געווען די לאַגע פון יעדן באַזונדער. ניט קוקנדיג אויף די אַלע שוועריגקייטן איז אונזער יוגנט דאָך ניט פאַרלוירן געגאַנגען. זי האָט געוועבט אַ ניי לעבן, געבויט נייע בנינים אין דער נייער היים. איך דערמאָן זיך ווי אַזעלכע יונגעלייט פלעגן שטעהן לאַנג שטיין הינטער דער טיר פון דעם גענעראַל-עקזעקוטיוו אין אַרבעטער-רינג און געבעטן זיך, אַז מען זאָל זיי אָננעמען און געבן זיי טשאַרטערס פאַר נייע ברענטשעס אין דעם אַרבעטער-רינג. און דאָס איז געווען ניט בלויז מיט דעם אַרבעטער-רינג. דאָס זעלבע איז געווען מיט די יידישע יוניאָנס ווי אויך מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיט זייער יונגן מוט און ענטוזיאַזם האָבן זיי געמאַכט די ראַדיקאַלע באַוועגונג אין אַמעריקע פאַר אַ פאַקט". (רפאל גינזבערג, „דער ווילנער", 1929, ניו-יאָרק).

יוגנטלעך און דינאַמיש איז דעמאָלט געווען דער אַרבעטער-רינג, פול מיט אידעאַליזם און האָפענונג. און אויך שטורמיש. מ'האָט גענדאַרפט אויסטרעטן נייע וועגן, פאַרקירעווען אין נייע ריכטונגען. און מיט יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט זיינען אויסגעפאָכטן געוואָרן די פאַרשידענע שטרייטן, וואָס זיינען אין כסדרדיקן פאַראויסמאַרש אַנטשטאַנען. דער אַרבעטער-רינג האָט ניט געוואָלט זיין נאָך איין אָרדען צו די אַנדערע, ער האָט געוואָלט זיין אַנדערש פון די אַנדערע — אַנדערש אין סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון די מענטשן, אין אינהאַלט און כאַראַקטער. די מיטגלידער פון אַ.־ר. זיינען געווען די לייענער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, פון די צייטונגען און זשורנאַלן, די באַזוכער פון יידישן טעאַטער, די טוער און מיט־

גלידער פון די יוניאָנס, פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אַנ־דערע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס — טרעגער פון נייע אידעאַלן, זוכער פון נייע אידעען. ניט ביחידות נאָר אין קאָכיקן קעסל פון ברענטש האָבן זיי דאָס אַלץ איבערגעלעבט און אָפּט אויסגעפּאַכטן. און צו דעם איז דער ברענטש געווען אַ קלוב און אַ כמו־היים. דאָ האָט מען געשלאָסן פּערזענלעכע פריינדשאַפט און ניט זעלטן די באַשערטע געפונען. דאָ האָט מען ווייטער געשפּונען אַלטע פריינד־שאַפט פון דער אַלטער היים און טיילמאָל אויך ווייטער געפירט ניט־פאַרענדיגטע חשבונות און רייסערייען פון דעם היימישן שטעטל.

דער אַרבעטער־רינג האָט רעפּרעזענטירט אַלע שיכטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אַן אינטערעסאַנט בילד גיט אונז דער באַריכט צו דער 8טער קאָנווענשאָן. עס ווערט דערציילט, אַז 1287 מיטגלידער האָבן גענומען קראַנקען־בענעפיט. דאָס זיינען געווען מענטשן פון 100 פאַכן. דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמען, נאַטירלעך, די שניידער, אין אַ צאָל פון 242. נאָך זיי קומען — אַלע ווייניגער פון הונדערט — לויט דער גרויס פון זייער צאָל: פּיינטערס, קאַר־פּענטערס, אָפּערייטאָרס, סיגאַרן־מאַכער און ביזנעסלייט (ביידע אין גלייכער צאָל), וועבער, לייבאָרער, מאַשיניסטן, פּרעסערס און פּעד־לערס (די לעצטע דריי אין גלייכער צאָל), שוסטער, אייזן־אַרבע־טער, בלעכער, קאַטערס, סיילסלייט, קעפּמאַכערס, בעקער, דזשולערי־אַרבעטער, אַגענטן און קאַבינעט־מאַכערס (ביידע אין גלייכער צאָל), פּאַריער, הענטשקע־מאַכערס, פּלאָמבערס און אָפּהאָלסטערערס (די לעצטע 4 אין גלייכער צאָל). די רעשט פאַכן זיינען שוין געווען אין אַ צאָל ווייניקער פון 10. די מיטגלידערשאַפט פון אַרבעטער־אָרדען האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קווערשניט פון דער אַרבעטנדיגער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס אַלץ האָט מעגלעך געמאַכט, אַז יעדעס יאָר זאָל דער אָר־דען פאַרגרעסערט ווערן מיט אַ 6-5 טויזנט מיטגלידער, אָדער מיט נאָך מער, ווי ס'איז געווען דער פאַל אין יאָר 1909, ווען די צאָל האָט זיך פאַרגרעסערט מיט איבער 12 טויזנט. אין יענעם יאָר זיינען אינסטאַלירט געוואָרן 150 נייע ברענטשעס. אין דעם זעלבן פּעריאָד איז אויך געווען איין יאָר, ווען ס'איז געווען אַ צוריקגאַנג. דאָס איז געווען דאָס יאָר 1911. ס'איז דעמאָלט געווען אַ פאַרקלענערונג פון 571 מיטגלידער. אויך אין יענעם יאָר זיינען אריינגעקומען עט־לעכע טויזנט נייע מיטגלידער, אָבער דער פאַרלוסט איז געווען נאָך

אַ גרעסערער. וואָס שייך ברענטשעס האָט מען אין 1911 אינסטאַלירט 38 נייע און אין דער זעלבער צייט פאַנאַנדערגעלאָזט 35.

די פלאָג פון פאַרלירן מיטגלידער איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטע. סיבות פאַר דעם זיינען געווען כלערליי. צוליב זייערע קליינע פאַרדינסטן האָבן מענטשן ניט געקענט צאָלן די בילס — און זיך געלאָזט אויסשטרייכן. אַ סך מיטגלידער זיינען אַרויסגעפאַלן אין צייטן פון סטרייקן — און בפרט בעת דורכגעפאַלענע סטרייקן — און אַרבעטסלאָזיגקייט. געוויסע ברענטשעס האָבן זיך פאַרקלערט גאָר צוליב אינערלעכע רייסערייען. אין יענעם פעריאָד האָבן פיל יידישע אַרבעטער, בפרט יונגע בחורים, געוואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטן — און פלעגן אויפן וועג פאַרפאַלן ווערן פאַרן אַ.־ר.. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך „אַרויפגעאַרבעט", געוואָרן באַסעס און ביזנעסלייט, און ס'איז ביי זיי אָפּגעשטאָרבן דער אינטערעס צו בלייבן אין אַ ראַדיקאַלן אָרדען. און אַזוי זיינען יאָר־איין יאָר־אויס צוגעקומען פיל טויזנטער נייע מיטגלידער, אָבער אויך טויזנטער זיינען אַרויסגעפאַלן.

אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק פון דעם מצב אויף דעם געביט גיט דער באַריכט פון דער אָנפירונג צו דער 10טער קאָנווענשאָן: „פון 1טן אָקטאָבער 1907, ווען די פינאַנציעלע פּאַניק האָט זיך אָנגעהויבן, ביז דעם 1טן אָקטאָבער 1909, ווען דער קריזיס, וואָס איז געקומען מחמת דער פינאַנציעלער פּאַניק, איז אַריבער, — אין די דאָזיגע צוויי שווערע יאָר, ווען גרויסע בענק האָבן באַנקראָטירט, געשעפטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פעקטאָרים האָבן זיך געשלאָסן, און צענדליגער טויזנטער אַרבעטער זיינען חדשים לאַנג געווען אַרבעטסלאָז, — פאַר דער צייט האָט דער אַרבעטער־רינג געמאַכט ריזןשריט. טויזנטער נייע מיטגלידער זיינען צוגעקומען. פון 12,473 מיטגלידער, וואָס זיינען געווען דעם 4טן אָקטאָבער 1907, איז דער אַרבעטער־רינג אויסגעוואַקסן צו 28,288 מיגלידער דעם 1טן אָקטאָבער 1909. אַ ריינער צואוואַקס פון 15,815 מיטגלידער במשך די צוויי יאָר. בעת פון איין זייט זיינען אין די דאָזיגע צוויי יאָר אַריינגעקומען 20,146 נייע מיטגלידער, זיינען אָבער אין די זעלבע צוויי יאָר געווען געשטראָכן איבער 4000 מיטגלידער. אַ פינפטל איז געשטראָכן געוואָרן. די סיבות פון דעם וואָס מיטגלידער האָבן זיך געלאָזט שטרייכן, זיינען פאַרשידענע. עס איז אָבער ניט קיין ספק, אַז 75 פּראָצענט פון זיי האָבן זיך געלאָזט שטרייכן צוליב דעם,

וואָס זיי זיינען געווען אַרבעטסלאָז און האָבן ניט געקענט באַצאָלן זייערע בילס".

אין 1914 זיינען צוגעקומען 8,577 נייע מיטגלידער, און געשטראָכן האָט מען 6,197. ענלעך איז געווען אין אַנדערע יאָרן. די אָנפירונג האָט זיך אָפט באַשעפטיגט מיט דער אַנגעווייטאַגטער פראַגע. זי האָט געפּרואווט מאַכן פאַרשידענע פאַרלייכטערונגען פאַר געשטראָכענע מיטגלידער — ניט צאָלן קיין איינטריט־געלט און ניט באַצאָלן די חובות — אויב זיי האָבן אין אַ צייט אַרום זיך געווענדט וועגן צוריק אַריינטרעטן. אַ סך פון די ניי־וועררבירטע זיינען טאַקע געווען פון פריערדיגע געשטראָכענע.

„דאָס ערגסטע איז מיט דעם, וואָס עס פאַלן אָפּ אַזוי פיל מיטגלידער. עס איז דאָך ווי אין אַ לעכערדיגן זאַק" — לייענען מיר אין לייט־אַרטיקל אין אָפיציעלן אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג („פריינד", יאַנואַר 1915). אין אַ צווייטן אַרטיקל — פון גענעראַל־סעקרעטאַר ד"ר פּ. ראָזענבלאַט — ווערט געזאָגט: „פאַר די לעצטע קנאַפּע 4 יאָר און ניין מאָנאַטן פון 1914 האָבן מיר אַריינגענומען 33,558 נייע מיטגלידער, און פאַר דער זעלבער צייט האָבן מיר פאַרלוירן דורך געשטראָכענע מיטגלידער 24,384; דאָס הייסט, מיר האָבן דורך דער דאָזיגער צייט פאַרלוירן גאַנצע **70** פּראָצענט פון דער צאָל, וואָס מיר האָבן אַריינגענומען". אויף אַ סעסיע פון נאַצ. באַאַרד פון דירעקטאָרן (5 דעצעמבער 1915) האָט דער מיטגליד פון נ. ע. ק., וואולף, באַריכטעט, אַז „צוליב די גרויסע בילס זיינען ביז היינט געשטראָכן געוואָרן 40 טויזנט מיטגלידער".

אחוץ די פריער־דערמאָנטע סיבות, איז געווען נאָך איינע, וואָס האָט גורם געווען דעם אָפּפאַלן פון מיטגלידער. די דאָזיקע סיבה איז געווען אַן אינערלעכע, אַן אָרגאַנישע, וואָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דער צאָלונגס־פעאיגקייט פון די אַרבעטער. עס האָט אויף איר אָנגעוויזן אין אייניגע אַרטיקלען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „פריינד" — צביון. ריידנדיג וועגן דעם פאַרלוסט פון מיטגלידער אין 1911, זאָגט דער רעדאַקטאָר פון „פריינד":

„די הויפּט־שולד ליגט אין די מיטגלידער גופא, וואָס זיינען פאַר דער לעצטער צייט גאַנץ באַזונדער גלייכגילטיג געוואָרן צו זייער אָרדען, און אין די ברענטשעס איז אַריינגעטראָטן אַ שטילשטאַנד און אומטעטיגקייט ניט צום מוחל זיין"... „אָפט קומט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון אַ.־ר. אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דעם

בענעפיט-ארדען, וואס איז אין אים. און אין פיל פאלן קומט עס פאר, אז אמאל איז גובר דער ארדען און אמאל די ארבעטער-ארגאניזאציע. און פוןביידנס נצחונות ליידט דער א.-ר. אלס גאנצער".

„ווען מיר באטראכטן דעם איצטיגן צושטאנד פון א.-ר., דארף קודם-כל אויפמערקזאם געמאכט ווערן אויף דעם טרויעריגן פאקט וואס אין די ברענטשעס איז פאראן אזוי ווייניג לעבן, וואס דער אינטערעס פון די מיטגלידער צו די ברענטש-מיטינגען איז זייער א קליינער און מיט דעם אייגנטלעך איז צו דערקלערן דעם שטילשטאנד, וואס איז אריינגעטראטן בכלל אין ארדען". און צביון ווייזט נאך אז, אז הגם דער א.-ר. האט מאראליש און מאטעריעל אזוי פיל צוגעהאלפן צום שאפן די יוניאנס, האט ער דאך פון די יוניאנס געהאט א היזק: „דורך דער פארשטארקונג פון די יוניאנס, דורך דער גרויסער מיטגלידערשאפט וואס זיי האבן באקומען, האט דער צופלוס פון נייע מיטגלידער אין א.-ר. געמוזט קלענער ווערן. דער ארבעטער, וועלכער געהערט צו א יוניאן און וויל ניט זיין הינטערשטעליג מיט די אפצאלן, קען ניט אלע מאל זיך דערלויבן צו זיין אויך א מיטגליד אין א.-ר.".

עס איז אויך אנטשטאנען א סכנה פון אן אנדערער זייט. אין „פריינד" (יאנואר 1912) ווייזט אן אויף איר צביון: „אין די יארן 1909 און 1910 איז דער א.-ר. אומנאטירלעך געוואקסן. ווען עס וואלט אזוי ווייטער געגאנגען, ווען דער צושטראם פון נייע מיטגלידער וואלט כסדר געוואקסן אין דער זעלביגער פראפארציע, ווי אין די צוויי דערמאנטע יארן, וואלט דער א.-ר. אפשר געשטעלט געווארן אין געפאר צו פארלירן זיין פיזיאנאמיע און זיין כאראקטער". פון דער צווייטער זייט זיינען געווען מיטגלידער, וועלכע האבן פארלאזט דעם ארבעטער-ארדען, ווייל ער איז פאר זיי געווען צו ראדיקאל.

פארשטייט זיך, אז ניט אלע ברענטשעס זיינען געווען גלייך. א סך ברענטשעס זיינען געווען שטארק איבערקלייבעריש ביים אריינעמען נייע מיטגלידער. זיי האבן געהיט דעם סאציאליסטישן כאראקטער פון זייערע ברענטשעס. עס זיינען אויך געווען געוויסע ברענטשעס אויסגעשפראכן אידעאלאגיש-פארטייאיש, וואס האבן אפילו ניט געוואלט אריינעמען סאציאליסטן פון אן אנדערער ריכטונג. אנדערע ווידער האבן ניט אזוי שטארק מקפיד געווען. זיי האבן געקוקט אויפן א.-ר. בלויז ווי אויף א בענעפיט-ארדען. איז

דעריבער אַזאַ ברענטש געווען אַן ערב־רב, אַן אַנגעלויף, און קיין הארמאָניע האָט דאָרט ניט געקענט הערשן. אין שייכות מיט דעם איז אינטערעסאַנט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ברענטש 390 אין שטעטל אירי, פּאַ. (אָפּגעדרוקט אין „פריינד" 1916): „מיר זיינען זייער פּאָרזיכטיג מיט אַריינגעמען מיטגלידער, ווייל מיר האָבן שוין גע־האַט אַ לעקציע. אָנפאַנגס האָט מען אַריינגענומען רעכטס און לינקס, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַלע קוואָרטלען האָט מען געשטראָכן אַ סך. און די וואָס זיינען געבליבן, האָבן אויך ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זיינען. די שול איז ביי זיי געווען די העכסטע אַנשטאַלט". און געווען פאַלן, ווען ברענטשעס האָבן אָפּגעוואָרפן איינלאַדונגען צו חתונות פון זייערע מיטגלי־דער, ווייל זיי האָבן ניט געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו זיין פּאַרטראָטן ביי אַ רעליגיעזער חופּה־צערעמאָניע.

אין דעם פּעריאָד זיינען אין אַרבעטער־רינג אַריין אַ סך לאַנדס־מאַנשאַפטן. אין 1913 האָבן במשך פון 9 חדשים 11 לאַנדסמאַנשאַפטן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ.־ר. ברענטשעס. ביי אַ טייל לאַנדסמאַנ־שאַפטן האָט געמוזט דויערן אַ לענגערע צייט ביז זיי האָבן זיך אַסימילירט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די הויט פון אַ סאָסייעטי און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַווירקלעכן ברענטש. אַ סך האָבן געהאַט גרויסע צרות פאַרן אָנשליסן זיך. טיילמאָל איז דער באַשלוס אַריינ־צוטרעטן אין אַ.־ר. פאַרגעקומען נאָך יאָרן אויפקלערונג, ביטערע רייסערייען און אַפילו געשלעגן. געוויינלעך האָט אַ נייער ברענטש, וואָס איז פריער געווען אַ לאַנדסמאַנשאַפט, ווייטער זיך אָנגערופן מיטן נאָמען פון דער שטאָט, פון וואַנען די מיטגלידער האָבן גע־שטאַמט. אין אַ ריי פאַלן זיינען געווען שוועריגקייטן, ווען אין אַ צייט אַרום האָט מען געוואָלט גרינדן אַ צווייטן ברענטש מיטן זעלבן נאָמען. די אַלטע האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן די חזקה. סוף־כל־סוף האָט מען געפּסקנט, אַז עס מעגן זיין עטלעכע ברענטשעס, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון דער זעלבער שטאָט.

אַן ענלעכע פראַגע איז אויך אַנטשטאַנען אין די קלענערע שטעט, וואו די שוין עקזיסטירנדיגע ברענטשעס האָבן בכלל ניט געלאָזט גרינדן קיין נייע. אויך דאָ האָט מען געפּסקנט צו לאָזן גרינדן פּאַראַ־לעלע ברענטשעס, אויב ס׳זיינען פאַראַן גענוגנדיגע מאָטיוון פאַר דעם. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז מ׳האָט איין ברענטש געמוזט צעטיילן אויף צוויי, ווייל עס האָבן זיך געשאַפן גרופּעס פון פאַר־

שידענע ריכטונגען און אנשויאונגען, אדער ווייל מ'האט סתם ניט געקענט דורכקומען צווישן זיך.

ניט געקוקט אויף די אלע שטערונגען, איז אין ענד־רעזולטאט דער א.־ר. דאך געגאנגען כסדר פאראוים. די צרות זיינען געווען צרות פון וואוקס, אומפארמיידלעכע קראנקהייטן, וואס דער וואקסנדיגער גוף האט געמוזט גובר זיין. אין יאר 1916 האט די מיטגלידערשאפט דערגרייכט די אימפאזאנטע ציפער פון איבער 50 טויזנט און די צאל ברענטשעס — 580. און מיט א יאר שפעטער איז שוין געווען 60 טויזנט. דאס איז דערגרייכט געווארן נאך א ספעציעלער ווערביר־אקציע, וואס האט געגעבן איבער 10 טויזנט נייע מיטגלידער.

דער אומגעהויערער וואוקס פון ארבעטער־ארדען האט געמאכט א רושם. פריינד און פיינד האבן זיך אנגעהויבן צו אים באציען מיט מער ערנסט. כדי צו קענען קאנקורירן מיטן א.־ר. און אויך צוציען ארבעטער, האבן אייניגע באלעבאטישע קאנסערוואטיווע ארדענס אפילו געגרינדעט לאדזשעס אויף די נעמען פון — קארל מארקס און פערדינאנד לאסאל. ווי ווייט פאפולער דער ארבעטער־רינג איז געווארן און איז געווען א סימן פון דערפאלג, קען מען זען פון פאקט וואס א פירמע פון סיגארעטן אין פילאדעלפיע האט זיך באנוצט מיטן עמבלעם פון א.־ר. אויף אירע אויסארבעטונגען. מען האט באשלאסן זיך ווענדן צום געריכט וועגן ניט דערלאזן אויסנוצן דעם פאפולערן עמבלעם פון א.־ר. צו קאמערציעלע צוועקן.

13. די אויסשפרייטונג אויף דער פראָווינץ

דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע און דער עקאָנאָמישער קריזיס אין רוסלאַנד האָבן הונדערטער טויזנטער יידישע יונגעלייט געטריבן צו די ברעגעס פון אַמעריקע. געוויינלעך איז מען געקומען קיין ניו־יאָרק. פרייהייט האָבן זיי דאָ געפונען, עקאָנאָמישע זיכערקייט — ניט. אין יאָר 1907 איז אין אַמעריקע געווען אַ גרויסער קריזיס. די נויט פון די אָרימע און אַרבעטסלאָזע איז געווען אַ שרעקלעכע. פיל פרישע אימיגראַנטן האָבן פשוט ניט געהאַט קיין שטיקל ברויט, און אויך ניט וואו דעם קאָפּ אַנצושפּאַרן. האָט די נויט געצוואונגען צו פאַרלאָזן ניו־יאָרק און גיין טיפער אין לאַנד אַריין, אפשר וועט דאָרט די מערכה זיין אַ בעסערע.

אויף די גרויסע שטחים פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן די ניי־געקומענע געטראָפן קליינע, אָפּגעשטאַנענע יידישע ישובים. דאָס זיינען געווען בעיקר די תושבים, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט אין די לעצטע צוויי צענדליג יאָר פון 19טן יאָרהונדערט: רעפאָרמירטע טעמפל־יאַהודים, אָפּשטאַמיגע פון מערב־אייראָפּע, און אָרטאָדאָקסישע שול־יידן, אויסגעוואַנדערטע פון מזרח־אייראָפּע, אָדער סתם אַלרייטניקעס, וועלכע האָבן גאָרניט געהאַט אין זינען אַחוץ מאַכן אַ דאָלער. די נייע איינוואַנדערונג איז אין די שטעט און שטעטלעך געווען ווי אַ זומער־רעגן אויף דורשטיגער ערד. אַ נייער שטראָם פריש בלוט איז אַריינגעפלאָסן אין די אָדערן פון אַ פאַרחלשטן גוף. איינער פון יענע פרישע איינוואַנדערער דערציילט:

„זייער ווינציג יידן זיינען געווען אין יענע יאָרן אין דער הויפּטשטאָט אַטלאַנטאַ, און נאָך ווייניגער אין די אַנדערע דרום־שטעט. גייסטיג האָבן די יידן זיך אויסגעלעבט אין דער איינציגער אָרטאָדאָקסישער שול און אַרום דער שול. שול־פּאָליטיק איז געווען דאָס גייסטיגע לעבן. די אַזוי־גערופענע דייטשע יידן האָבן געהאַט זייער טעמפל, אָבער אונזערע מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן מיט זיי קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט. אין אָט דער סביבה זיינען אַריינגע־

פאַלן אונזערע בונדיסטן. צוליב דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז פאַר זיי קיין וועג צוריק אַהיים ניט געווען. זיי האָבן געמוזט דאָ בויען זייערע היימען און זיך צופּאַסן צו די היגע באַדינגונגען. מאַכן אַ לעבן איז געווען שווער, און נאָך ערגער איז געווען די גייסטיגע פּוסטקייט. ווי אויפן וואונק האָבן זיי דערקענט איינע די אַנדערע און האָבן געזוכט צו שאַפן עפּעס אַ גייסטיגע אַטמאָספער אַרום זיך" (מיכל י. מערלין: „אין דרום-לאַנד", 1949).

אין די קליינע שטעטלעך זיינען געווען יידישע ביזנעס-לייט, פּעדלער און אַ קליינע צאָל בעלי-מלאכות און אַרבעטער. אין די גרעסערע שטעט איז אויך געווען אַ היפּשע צאָל יידישע אַרבעטער. אַ גרויסע יידישע אַרבעטערשאַפט איז געווען אין אַ צאָל קליינע שטעטלעך מיט באַשטימטע אינדוסטריעס. די דעה אין געזעלשאַפט-לעכן לעבן האָבן געהאַט די בירגערלעכע פּאָליטיקער און כלל-טוער. די אַרבעטער און אַ טייל קליינע ביזנעס-לייט, וועלכע זיינען פריער געווען אַרבעטער און זיינען געבליבן ראַדיקאַל געשטימט, האָבן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט אַזאַ מצב. אין די גרויסע שטעט זיינען געווען קליינע שפּראַצונגען פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין די קליינע ערטער — דאָס אויך ניט. דאָס גאַנצע קהלשע לעבן האָט זיך געדרייט אַרום דער שול, די פרייע צייט האָט מען פאַר-נוצט אַרום קאָרטן-טישל. עס האָט זיך געבענקט נאָך געזעלשאַפט-לעכער אַקטיווקייט, נאָך אַ גייסטיגן לעבנס-אינהאַלט. האָבן די אַרבעטער און סאָציאַליסטיש געשטימטע עלעמענטן אָנגעהויבן צו שאַפן פּאָזיציעס פון אַרבעטער-רינג.

די יאַהודים מיט דזשייקאָב שיף בראש האָבן שטאַרק געאַר-בעט, אַז יידישע אימיגראַנטן זאָלן פאַרלאָזן ניו-יאָרק. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ „יידישע אינפאָרמאַציע-ביוראָ פאַר אימיגראַנטן" מיטן ציל צו צעשפּרייטן די נייע איינוואַנדערער איבערן לאַנד און ניט לאָזן זיין קאָנצענטרירט אין איינציגע גרויסע שטעט. אינטערע-סאַנטע פּרטים וועגן דער איבערוואַנדערונג דערציילט י. לעוויט:

„אין יענער צייט האָט דער ,רעמוואָוואַל אָפּיס' פון ניו-יאָרק גע-שיקט קאָלאָניסטן און בעלי-מלאכות אין דער וועסט און סאַוט. ספּעציעל האָט מען געשיקט בוי-אַרבעטער און שניידער. אַ היפּש ביסל סקעבעריי איז אויך געווען פאַרמישט אין יענער צייט מיט דעם אַריבערשיקן גרינע אימיגראַנטן פון ניו-יאָרק צו די אַנדערע ווייטע פּונקטן. די יידישע אַרבעטער, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען

געווען היימישע בונדיסטן און קלאַסן־באַוואוסטע יוניאָן־לייט און סאָציאַליסטן, האָבן זיך ניט געלאָזט אויסנוצן. זיינען צוליב דעם אַרויסגעקומען פיל טראַגעדיעס. די אָרטיגע באַאמטע פון ,רעמור־וואַל אָפיס' האָבן איבערגעלאָזט די ווידערשפּעניגע אויף הפקר, וואָס האָט על פי רוב באַדייט: עלנד, אַז אַ סענט אין קעשענע און ווייט פון אייגענע. אויך לאָס אַנדזשעלעס האָט באַקומען אייניגע טראַנספּאָרטן פון אַזעלכע אַרבעטער. אַבער דאָ איז געווען אַ ברענטש פון אַרבעטער־רינג, האָט דער ברענטש זיך אָנגענומען זייער קריוודע און געצוואַונגען די ,רעמואוואַל'־באַאמטע צו האַלטן זייער צוזאָג. דער ברענטש האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס זאָל אַכטונג געבן, אַז די פרעמדע זאָל ניט געשען קיין שום עוולה" („35 יאָר אַרבעטער־רינג אין לאָס אַנדזשעלעס", 1944, ל. אַ.).

אין אַ צווייטער שטאָט אין ווייטן קאַליפאָרניע, אין סאַן פראַנציסקאָ, האָט דער אַ.־ר. אָנגעהויבן זיך בויען אין 1907, נאָך דעם ווי עס איז אַהינגעקומען אַ גרויסע צאָל יידישע בוי־אַרבעטער צו העלפן אויפבויען די שטאָט נאָך דער ערדציטערניש, וואָס האָט פאַרוואַנדלט סאַן פראַנציסקאָ אין אַ חורבה.

צו האָבן אַ געטריי בילד און באַנעמען ריכטיג די באַדייטונג פון די ערשטע אַ.־ר. ברענטשעס אין דער פּראָווינץ, וועלן מיר אויסהערן נאָך אייניגע עדות. אָט וואָס זיי דערציילן:

„ווען די ערשטע פּיאָנערן — יידישע רעוואָלוציאָנערן, בונדיסטן און אַרבעטס־מענטשן, אין זייער דראַנג צו אַן אייגן ווינקל זיך אויסצולעבן געזעלשאַפטלעך אין אַ צוגעפּאַסטער פאַר זיי אַטמאָספער, האָבן מיט דרייסיג יאָר צוריק געגרינדעט דעם ערשטן אַרבעטער־רינג־ברענטש אין מישיגען, איז דאָס יידישע לעבן אין דעטראָיט געווען אָרעם, שפּלדיג און אָפּגעשטאַנען". „ביזן ברענטש 156 אַ.־ר. (געגרינדעט 1907) איז די ,יידישע גאַס' געווען אַ תהו־ובוהו. דער ברענטש איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעווענדעט איר גאַנצן כוח און ווירקונג צו אָרגאַניזירן יידישע יוניאָנס. דאָס איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דערמוטיגט די יידישע אַרבעטער צו סטרייקן, צו קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן" (ס. ו—ג: „יובילעאום־בוך דרייסיג יאָר, ברענטש 156", 1937, דעטראָיט).

דער אַ.־ר. איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט די אַנדערע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — מיט די יוניאָנס און סאָציאַליסטישער

פּאַרטיי. „דער אַרבעטער־רינג אין שיקאַגאָ האָט זיך קודם־כל אוועק־געשטעלט גלייך פון אָנהויב אַלס סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפט. טוענ־דיג צווערשט זיין סאָציאַליסטישע אַרבעט, האָט עס אים געבראַכט אין באַרירונג מיט די אַרבעטער־מאַסן, און דער אַ.־ר. איז אויך געוואָרן טע־טיג אויף דעם עקאָנאָמישן געביט. וואו נאָר זיין הילף איז געווען נויטיג, האָט דער אַ.־ר זיין הילף געגעבן. דער אַרבעטער־רינג פלעגט צאָלן וועכענטלעכע שכירות דעם אָרגאַניזער פון די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן" (י. סיגעל: „באַברויסקער ראַיאָנער ברענטש 131 אַרבעטער־רינג", 1933, שיקאַגאָ).

די וועלכע האָבן געהאַלטן די פעדים פון קהלשן לעבן אין זייערע הענט, האָבן מיט אומרואיגקייט געקוקט אויף דעם נייעם ראַדיקאַלן עלעמענט. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר די פרילינג־ווינטן, וואָס האָבן גענומען בלאָזן אויף דער יידישער גאַס. טייל צוליב אומוויסנקייט, אַנדערע דווקא ווייל זיי האָבן געוואוסט וואוהין עס צילט דאָס סאָ־ציאַליסטישע יונגוואַרג, האָבן אפילו גענומען שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. אין דער אָפּגעשטאַנענער סאָוט זיינען געווען פאַלן, ווען יידישע פּאָליטישנס האָבן געדראָט, אַז מ'וועט די אַרבעטער־רינג־מענטשן אַרויסשיקן פון דאָרט. ס'האָט אויך געטראָפן, אַז מ'האָט ניט געוואָלט פאַרדינגען יידישע געזעלשאַפטלעכע זאַלן אויף ליטעראַרישע פאַרלעזונגען, ווייל מ'האָט געזאָלט ריידן יידיש...

„ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין ניו־בראַנזוויק, נ. דזש., אַז עס האַלט זיך ביים גרינדן אַ ברענטש פון אַ.־ר., איז געוואָרן אַ גע־רודער. די קהל־יידן פון די שול־חברות האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלד"... „דידאָזיגע יידן זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אַראָפּ־געריסן די אויסגעקלעפּטע מעלדונגען וועגן דער גרינדונג פון ברענטש (208), און אייניגע אייפערע חברה האָבן אפילו אויסגעבראָכן די שויבן ביי אַ קצב, וואָס האָט דערלויבט אָנקלעפּן אַ מעלדונג ביי אים אין פענסטער"... „צו דער אינסטאַלירונג פון ברענטש זיינען געקומען פון ניו־יאָרק עפּשטיין און פינגערהוד. ווען זיי האָבן גענומען ריידן וועגן אַ.־ר. און פאַנאַנדערוויקלען די פרינציפּן און פּראָגראַם פון אַ.־ר., האָבן אייניגע קאַנדידאַטן פאַר מיטגלידער באַ־קומען קאַלטע פיס און האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון זאַל. ווען עס איז געקומען דער פייערלעכער מאָמענט פון אינסטאַלירן, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס איז ניטאָ די גענוגענדיגע צאָל מיטגלידער. די צערעמאָניע איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויפן 12טן אויגוסט, ווען

דער ברענטש איז ענדלעך געגרינדעט געוואָרן" („אַרבעטער־רינג יובילעאום שטימע 1933-1908", ניו־בראַנזוויק, נ. דזש.).

אין קאָנפערענץ־באַריכט פון דער טעריטאָריע צפון־מזרח־פּענ־סילווייניע, אין 1916, ווערט געזאָגט, אַז „אַלע האָבן די זעלבע שוועריגקייטן פון די אַלטע פּאַנאַטישע עלעמענטן, וואו אין דער קאָנטרי איז זייער מאַכט קאָנצענטרירט. זיי זיינען אַלע מער אָדער ווייניגער אָרגאַניזירט קעגן יעדן פּראָגרעסיוון פּאַראיין. אָבער איצט זיינען די אומשטענדן פיל בעסער. דער א.־ר. איז מער אנערקענט און מען רעכנט זיך מיט אים אין אַלע אנגעלעגנהייטן".

אין זעלבן יאָר שרייבט א. ש. זאַקס אין „פריינד": „אונזערע בראַווע קאמילאָסער האָבן ניט ווייניג געהאַט אויסצושטיין ביים גרינדן דעם ברענטש. די פּאָרלייט און די באַסעס גופא האָבן ניט געוואָלט אַריינלאָזן 'סאָציאַליזם' אין קאָמילאָס (נ. י.). די יידישע אַרבעטער האָבן דאָ געגרינדעט דעם ברענטש מיט סכנות נפשות. עס האָט געהאַלטן מען זאָל זיי צוליב דעם אַרויסטרייבן פון מיל (פּאַבריק), און דאָס הייסט פון גאַנץ קאָמילאָס, ווייל גאַנץ קאָמילאָס מיט אַלע הייזער געהערן צו דער קאָמפּאַני" (אין דער פּאַבריק זיינען געווען באַשעפטיגט 15 הונדערט אַרבעטער). אָבער די בראַווע יידישע אַרבעטער „האָבן געשטעלט זייער עקזיסטענץ אין ריזיקע, און האָבן, ניט געקוקט אויף אַלע וואָרנונגען פון די באָסעס, געגרינדעט אַ ברענטש פון א.־ר.".

און אַזוי שטעטל נאָך שטעטל.

אין לאָנג ברענטש, נ. דזש., איז אין 1911 געגרינדעט געוואָרן ברענטש 429. די מיטגלידער פון די באַלעבאַטישע אָרדענס האָבן געדראָט די אַ.־ר.־מיטגלידער מיט אַריינלייגן אין חרם, מיט ניט לאָזן דורכגיין די גאַס און ענלעכע זאַכן. אין מילוואָקי האָט מען בעתן גרינדן דעם ברענטש 166 (יאָר 1908) אויך געדראָט מיט חרם. וועגן דער גרינדונג פון ברענטש 161 (יאָר 1913) אין מאַנע־סען, פּאַ., לייענען מיר אין „פריינד": „אַ שווערן קאַמף האָבן מיר געהאַט דורכצופירן מיט די ,פרומע' באַלעבאַטים פון אונזער שטעטל, איידער מיר האָבן דאָ דעם ברענטש אינסטאַלירט. זיי האָבן אָנ־געווענדט אַלע זייערע קרעפטן מיט פּאַרשידענע מיטלען, בלבולים, זידל־ווערטער, כדי אונזער אַרבעט צו צעשטערן". עס זיינען אין דעם שטעטל געווען אייניגע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אַ שול — און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער „קאָנקורענץ" פון אַרבעטער־

רינג. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „פריינד״ ווערט דערציילט וואָס עס האָבן געהאַט צו ליידן די ערשטע מיטגלידער פון ברענטש 118 אין יוטיקאַ, נ. י.. בעת דער גרינדונג פון ברענטש (יאָר 1907) איז ביי דער יידישער באַפעלקערונג „דער נאָמען ,סאָציאַליסט׳ אָדער ,אַרבעטער־רינג מעמבער׳ געווען טריף, ווי ביי אַ פרומען ייד חזיר״. פון דולוטה, מינ. ווערט דערציילט אין „פריינד״: „ווען עס זיינען דאָ פאַרוואָרפן געוואָרן אַ פּאָר מענטשן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט מען אויף זיי געקוקט ווי אויף משומדים, להבדיל. מיר האָבן דאָ אָנגעהויבן אונזער טעטיגקייט מיט אַן עדיוקיישאָנעל סאָסייעטי און אַ קלוב, **כדי צו צוגעוואוינען דעם עולם צו אַ פרייען וואָרט.** נאָך דעם האָבן מיר געגרינדעט אַ ברענטש פון אַ.־ר.״. און פון סאַוואַנאַה, דזש. (ברענטש 383): „דער גרעסטער שונא אונזערער איז געווען דער אַזוי־גערופענער רעליגיעזער עלעמענט. ער האָט תמיד פּרובירט וואַרפן שמוץ, ווייזלען זיך און האָט בכלל געהאַסט דעם אַרבעטער־רינג, ניט וויסנדיג פאַרוואָס און פאַרווען. ניט איינמאָל האָבן עלטערן געשטראָפט זייערע קינדער, ספּעציעל די טעכטער, אַז זיי זאָלן חלילה ניט האָבן צו טאָן מיט די טריפניאַקעס... עס איז געווען אַ שווערער און ביטערער קאַמף. אונזערע פריינד האָבן אָבער ניט פאַרלוירן דעם מוט״... ברענטש 373 פון וועסט פילאַדעלפיע (געגרינדעט 1912) דערציילט, אַז אין אָנהויב האָט קיינער ניט געוואָלט פאַרדינגען אַן אָרט אויף אָפּצוהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג. „מיט שווערער מי האָבן מיר ענדלעך באַקומען אַ מיטינג־זאַל ביי אַ קריסט״.

מען וואָלט געקאָנט ברענגען ביישפּילן פון נאָך אַ היפּשער צאָל שטעט און שטעטלעך, וואו די ערשטע מיטגלידער פון די אַ.־ר. ברענטשעס האָבן געהאַט אויסצושטיין צרות פון פאַנאַטיש־רעליגיעזע אָדער פּאָליטיש־רעאַקציאָנערע און קאָרומפּירטע עלעמענטן, וועלכע האָבן באַקעמפט דעם אַרבעטער־רינג מיט ציין און נעגל. טייל האָבן עס געטאָן צוליב אומטאָלעראַנץ, אַנדערע צוליב פּאָליטישע אויסרעכענונגען אָדער גאָר מחמת מורא, אַז דער אַ.־ר. וועט זיין אַ קאָנקורענץ פאַר די לאָדזשעס פון די באַלעבאַטישע אָרדענס. האָט דאָך טאַקע געטראָפן, אַז פאָלקס־מענטשן פלעגן איבעררייסן מיט די באַלעבאַטישע לאָדזשעס, ווען אין זייער שטעטל האָט זיך געגרינדעט אַ ברענטש פון אַרבעטער־אָרדען.

אַזוי איז געווען דער מצב אויף דער יידישער גאַס, אין שטאָט

און שטעטל, מיט אַ 40 יאָר צוריק. און עס זיינען געווען פיל שטעט־לעך, אָדער יידישע גאַסן פון די שטעטלעך, וואָס אויך אויסערלעך זיינען זיי געווען ווייט אָפּגעשטאַנען. „פאַראַן אין דער קאָנטרי יידישע געטאָס, וואָס דאָס פאַרוואָרפנסטע יידישע שטעטל אין דער ליטע איז אין פאַרגלייך מיט זיי אַ מוסטער פון שיינקייט און ריינקייט" — האָט געשריבן אין „פריינד" (1913) ד"ר נ. סירקין.

ניט בלויז אַרום די ענינים פון לעבן איז די סאָציאַליסטישע און וועלטלעכע פאָלקס־מענטשן אויסגעקומען צו פירן אַ שטרייט קעגן פינסטערניש און בייזווויליגקייט. אָפּט האָט מען אויך געדאַרפט בי־טער קעמפן אַרום ענינים, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט טויט.

דער גייסט פון „פרי ענטערפּרייז" האָט אין אַמעריקע אויסגע־שפּרייט זיינע פליגל אויך דאָרט, וואו עס פאָכן די פליגל פון מלאך־המות. די בית־עולמס זיינען דאָ ניט קיין ענין פאַר דער געמיינדע. האָט זיך פאַרשפּרייט דער סיסטעם פון אָפּקויפן קרקע דורך פאַרשי־דענע חברות פאַר זייערע מיטגלידער. פון ערשטן מאָמענט אָן האָבן אויך די אַ.־ר.־ברענטשעס געמוזט זאָרגן וועגן לויות און קברים פאַר זייערע מיטגלידער און פאַמיליעס. מ'האָט אויך געהאַלטן פאַר אַ פליכט צו זיין אויף אַ לויה פון אַ פאַרשטאָרבענעם מיטגליד. אין די אַלטע צייטן איז דאָס אפילו געווען אַ מוז־זאַך פון יעדן מיטגליד און פאַר ניט קומען צו אַ לויה איז מען באַשטראָפט געוואָרן.

ביזן יאָר 1905 איז אין ניו־יאָרק געווען איין פאַרוואַלטער פון די ענינים, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט לויות און קברים. דאָס איז געווען אַ פּיאָנער פון אַ.־ר., ד. גינגאָלד, אַ שמיד פון פאַך. מיטן וואוקס פון אָרדען, מיטן פאַרמערן זיך פון דער צאָל טויטע און מיטן קויפן נייע קרקע אויף פאַרשידענע בית־עולמס, איז נויטיג געוואָרן צו שאַפן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג, וואָס זאָל מיט דעם אַלעם פאַרוואַלטן. כדי צו שאַפן פאָנדן פאַר דעם צוועק צו פירן די אַרבעט פון דער בית־עולם אָפּטיילונג, האָט מען פון 1908 במשך פון 5 יאָר דורכ־געפירט פּיקניקס, וואָס האָבן געגעבן אַ גרעסערע הכנסה. יעדער מיטגליד האָט געמוזט נעמען אַ בילעט פאַר 25 סענט. פון 1907 פונקציאָנירט דער סעמעטערי־דעפּאַרטמענט ווי אַ באַזונדערע אינ־סטיטוציע ביים אַ.־ר.. שפּעטער זיינען צו דער אָפּטיילונג אויך אַריבער די ענינים פון איינאָרדענען און דעקן די הוצאות פון לויות. פון יאָר 1910 פירט אָן כסדר מיט דער דאָזיגער אָפּטיילונג פּרוי ראָוז אַש.

אויך אין אנדערע שטעט האָט דער אַ.־ר. געשאַפן זיינע באַזונדערע ווינקלען אויף די יידישע בית־עולמס. די באַזונדערע אייגענע ווינקלען זיינען געוואָרן נויטווענדיג צוליב דער ניט־געהעריגער באַציאונג פון די בית־עולם־פאַרוואַלטונגען צו לויות פון אַ.־ר.־מיטגלידער. אַ פּאָר ביישפּילן וועלן עם אילוסטרירן:

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון סקרענטאָן, פּאַ. („פריינד", מאַי־יוני 1911) ווערט דערציילט: „אַלע 6 פון די יידישע סאָסייעטיס האָבן זייער סעמעטערי, אויף 6 לאָטס, וואָס זיינען צוזאַמען. איצט גייען זיי בויען אַ קאָנקריט פענס (אַרומצוימען מיט אַ בעטאָן־וואַנט). דער אַ.־ר. האָט געקויפט דעם 7טן לאָט. זאָגן די פרומע יידן (וועלכע פאַרלאַנגען תמיד פון אַלע פעלקער, אַז מען זאָל זיין טאָלעראַנט צו זיי), אַז דער אַ.־ר. איז ניט גוט גענוג צו זיין מיט זיי אונטער איין פענס. אונזער ברענטש וויל באַצאָלן די קאָסטן פון זיין פענס, אָבער די גוטע און פרומע יידן ווילן פון קיין זאַך ניט וויסן".

אין די ערטער, וואו דער אַ.־ר. האָט ניט געהאַט קיין אייגענעם בית־עולם, האָבן די רעליגיעזע חברות דאָס אויסגענוצט און „גערים אַ פּאַס", ווען אַ מיטגליד פון אַ.־ר. האָט געדאַרפט אַנקומען צו זיי נאָך אַ קבר. עס זיינען געווען אויך איינצלנע פאַלן, ווען מ'האָט בכלל אָפּגעזאָגט קובר צו זיין אַ ראַדיקאַל־וועלטלעכן מענטש צוליב זיין פריידענקעריי און מ'האָט דעם מת געמוזט פירן אין אַ צווייטע שטאָט. אין אַ ריי ערטער איז די פראַגע פון האָבן אַן אייגענעם בית־עולם געווען זייער אַ דרינגענדיגע. ווייל קוים האָט פּאַסירט, אַז ביי איינעם איז אַ קינד געשטאָרבן און ער „האָט געמוזט אַנקומען צו דער שול, צו דער חברה קדישא, צו די אַזוי־גערופענע מחזיקי אמונה, דעמאָלט פלעגן זיי זיך אָפּרעכענען מיט די פריידענקער. ער פלעגט שוין דאַרפן באַצאָלן פאַר אַלעם: פאַר אַלע נדבות, וואָס ער האָט ניט געגעבן פאַר דער שול; פאַר די עליות, וואָס ער האָט ניט געקויפט; פאַר אַלץ, אַלץ וואָס איז נאָר אויפגעקומען אויפן זינען, און טאָקע טאָפּלט מיט גרויסע פראָצענטער"...

„אויך היינט וויסן מיר פון אַ סך ברענטשעס פון אַ.־ר. אין קאַנטרי, און באַזונדערס אין די קליינע שטעטלעך, אַז זיי האָבן אויסצושטיין פיל צרות צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט קיין סעמעטערי"...

„די אומשטענדן האָבן געצוואונגען די יידישע סאָציאַליסטן, די ראַדיקאַלן אָפּצוגעבן זיך מיט סעמעטערי, געצוואונגען צוליב זעלבסט־רעספּעקט זיך ניט צו לאָזן טרעטן מיט די פיס פון אַ גראָבן יונג, פון

אַ פּרעזידענט, גבאי אָדער שמש פון אַ שול, בעת מ'האָט געדאַרפט צו זיי אָנקומען" (י. ווײַנטרויב: „פריינד" נאָוו.־דעצ. 1911).

אין אַ.־ר. גופא זיינען, וואָס אַן אמת, געווען אַזעלכע „ראַדי־קאַלן", וואָס האָבן דעם גאַנצן ענין אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, געחוזקט פון דעם און געטענהט, אַז דער אַרבעטער־אָרדען דאַרף זיך מיט קיין בית־הקברות ניט פאַרנעמען. ס'איז אָבער פאַרט ניט גע־ווען קיין ענין „אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט". האָבן דאָך פיל ראַ־דיקאַלע מענטשן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך ניט געוואָלט געהערן צום אַ.־ר. בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט קיין אייגענעם בית־עולם אין די ערטער ניט פאַרמאָגט. זיי האָבן צוגעזאָגט אַרויס־צוטרעטן פון זייערע סאָסייעטיס און אַריבער צום אַ.־ר., אויב ער וועט זיך פאַרשאַפן אַן אייגענעם בית־עולם.

אין אייניגע ערטער איז געשטאַנען שאַרף אַ צווייטער ענין: עס זיינען פאָרגעקומען היציגע דעבאַטעס צי דער בית־עולם פון אַ.־ר. זאָל זיין אַ יידישער אָדער אַ רעליגיאָנסלאָזער? מיט דעם איז געווען פאַרבונדן אַ צווייטע דעבאַטע: צי זאָלן די ברענטשעס אַריינגעמען אַלס מיטגלידער קריסטן? אין אַ טייל ערטער זיינען טאַקע אַ צאָל ניט־יידן געווען מיטגלידער פון אַ.־ר.

די אָנהענגער פון רעליגיאָנסלאָזע בית־עולמס האָבן באַגרינדעט זייער שטעלונג ניט בלויז מיט פּרינציפּיעלע מאָטיוון, נאָר אויך מיט פּראַקטישע. מאַנכע האָבן געהאַט ניט־יידישע פרויען אָדער ניט געמלטע קינדער. און וואָס זאָל מען טאָן מיט די ניט־יידישע מיט־גלידער? אויב מ'איז ביים לעבן צוזאַמען, פאַרוואָס זאָל מען עס ניט טאָרן נאָכן טויט? אין ערטער, וואו דער ברענטש איז גע־שטאַנען אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פלעגט טרעפן, אַז ניט־יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך פאַרשריבן אין אַ.־ר.. אין געוויסע פאַלן האָבן איינצלנע מיטגלידער צוליב דעם גע־מאַכט אַ טומל: סטייטש, מ'וועט דאַרפן ליגן מיט זיי אויף איין בית־עולם. די קעגנער האָבן געמאָלט פאַנטאַסטישע בילדער פון קריסטלעכע לוויות וואָס עס וועלן זיין — מיט גלחים און צלמים. אין אַ טייל ברענטשעס האָט מען באַשלאָסן יאָ אָנצונעמען ניט־יידן, און אַנדערע — ניט. אין געוויסע ערטער האָבן די ברענטשעס גע־האָט נאָך־סעקטעריען סעמעטערים, צוליב וועלכע די ברענטשעס האָבן געמוזט אויסשטיין צרות פון די יידישע רעליגיעזע אינסטי־טוציעס.

דער אָפּיציעלער אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג, דער „פריינד״, האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דעם ענין. ער האָט געפּסקנט, אַז פּרינצי־פּיעל איז די פראַגע „שוין לאַנג געלייזט, ווייל דער א.־ר. האָט ביי זיין גרינדונג קיין אויסנאַם ניט געמאַכט פאַר קריסטן און ער האָט אויך היינט פאַר זיי ניט קיין אויסנאַמען. פּרינציפּיעל קענען קריסטן געוויס אַריינגענומען ווערן אין א.־ר. און דאַרפן אויך אַריינגענומען ווערן, וועגן דעם קען אַפילו קיין שום צווייפל ניט זיין און עס איז לחלוטין ניטאָ איבער וואָס צו דיסקוטירן. די פראַגע האָט אָבער אויסער איר פּרינציפּיעלער זייט אויך אַ פּראַקטישע, און די פּראַק־טישע זייט איז גראַד אין דעם פּרט דער עיקר״. דאָס זעלבע — איז געפּסקנט געוואָרן — איז מיטן ענין סעמעטערי. די פראַגע איז צי עס לאָזט זיך פּראַקטיש דורכפירן, און דאָס איז אָפּהענגיג פון אָרט און אומשטענדן. דאָס איז אַן ענין פאַר יעדן ברענטש באַ־זונדער צו באַשליסן פאַר זיך אַליין.

די פראַגע פון נאָן־סעקטעריען בית־עולמס איז געשטאַנען פאַר אַ קליינער צאָל ברענטשעס. דאַקעגן איז פאַר דער גרויסער מערהייט ברענטשעס געווען אָנגעוויטאָגט דער ענין פון שלעכטער באַהאַנד־לונג און חוצפּהדיקער באַציאונג פון די בית־עולם־באַלעבאַטים צו די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג. עס האָט אויסגעזען, אַז ניט קענענדיג אַרויפצווינגען זייער ווילן אויף די לעבעדיגע, ווילן די כלי־קודש און פרומאַקעס זיך אונטערטעניג מאַכן די טויטע, ווילן ווילקירלעך אויסנוצן זייער מאַכט אויפן טויטן־פעלד, כדי זיך אָפּ־רעכענען מיט דער משפּחה און פריינד פון פאַרשטאָרבענעם. די מיטגלידער פון אַרבעטער־אָרדען האָבן זיך געשטעלט אין שוץ פון זייער ווירדע און זיך פאַרשאַפט אייגענע פּלעצער אויף די יידישע בית־עולמס.

וואו פריער און וואו שפּעטער, אָבער אומעטום האָבן די ברענ־טשעס פון א.־ר. זיך פעסט פאַרוואָרצלט אין באָדן פון די שטעט און שטעטלעך. די שונאים האָבן געמוזט אַנטשוויגן ווערן. די יידישע באַפעלקערונג האָט געזען די גוטע אַרבעט פון די ברענטשעס און איר מורא איז פאַרשוואונדן, איר פרעמדקייט און קאַלטקייט האָבן אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ פאַר נאָנטקייט און וואַרעמקייט. די פאַרשידנאַרטיגע טעטיגקייט פון די ברענטשעס האָט גורם געווען אָט די ענדערונג. די ברענטשעס האָבן געפירט אַ קולטור־אַרבעט: געעפנט יידישע ביבליאָטעקן, איינגעאָרדנט עפנטלעכע פאָרלעזונגען,

אַריבערגעבראַכט פון די גרעסערע צענטערן רעדנער, פאַרשפּרייט יידישע ליטעראַטור, אין טייל ערטער איינגעאָרדנט קורסן פאַר דערוואַקסענע און זונטאָג־שולן פאַר קינדער, געפירט סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און געשטיצט די קעמפנדיקע אַרבעטער בעת סטרייקן. אַ דאַנק די אַ.־ר.־ברענטשעס האָט מען אין פיל ערטער צום ערשטן מאָל געהערט אַ יידישע פאַרלעזונג. אַ דאַנק זיי האָט אַ ייד געקענט באַקומען צו לייענען אַ יידיש בוך און אַ זשורנאַל. אַ דאַנק זיי האָבן יידישע אַרבעטער בעת אַ נויט געקענט אָרגאַניזירן זעלבסט־הילף.

לאָמיר הערן אַ פּאָר שטימען וועגן יענער צייט (פון די קאָרעס־פּאָנדענציעס אין „פריינד״):

ברענטש 273 פון פילאַדעלפיע דערציילט: „מיר האָבן שטענדיג אַן אויסוואַל פון די בעסטע ראַדיקאַלע ליטעראַטור, וואָס מיר פאַר־קויפן יערלעך ביז 500 דאָלער צו אַזעלכע נידריגע פּרייזן, וואָס אין קיין שום פּלאַץ קען מען עס ניט קריגן, ווייל מיר זוכן ניט קיין פּראָפיט״. אויסער דעם איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ביבליאָטעק פאַר 2 טויזנט דאָלער און פון איר קען יעדער נעמען ביכער צום לייענען.

ברענטש 353 פון דולוטה, מינ. דערציילט אין 1914, אַז מ׳האָט געעפנט אַ ביבליאָטעק אין דער בעסטער געגנט פון שטאָט. מ׳האָט פיין איינגעאָרדנט 2 גרויסע לייען־צימערן און במשך פון אַ קורצער צייט זיינען שוין געווען 200 שטענדיגע לייענער.

אין זעלבן יאָר ווערט דערציילט פון סאַוואַנאַה, דזש., אַז דער ברענטש 207 האָט געעפנט אַ יידישע ביבליאָטעק פאַר אַלעמען צום באַנוצן. די ביבליאָטעק איז אָפן אַ גאַנצע וואָך און מ׳קען באַ־קומען די נייסטע ביכער, ווי אויך צייטונגען און זשורנאַלן פון פאַר־שידענע לענדער.

ברענטש 505 פון סאָלט לייק סיטי, יוטאַ דערציילט: „אַלע יידן פון סאָלט לייק דאַנקען אונז פאַר דער ביבליאָטעק, ווייל אין אונזער שטאָט איז נאָך אַזעלכעס ניט געווען״.

ברענטש 114 פון סאַן פראַנציסקאָ, קאַל. שרייבט: „מיר קענען פּאָזיטיוו דערקלערן, אַז אַלע יידישע פאָרלעזונגען, וואָס זיינען גע־האַלטן געוואָרן אין סאַן פראַנציסקאָ, זיינען געווען איינגעאָרדנט פון ברענטש״.

„דער היגער ברענטש אַ.־ר. איז געווען די ערשטע אָרגאַניזאַ־

ציע, וואָס האָט איינגעאָרדנט פאַרלעזונגען אין דער יידישער שפּראַך, די מוטערשפּראַך פון טויזנטער אַטלאַנטער יידן". אין יידישן קהלשן לעבן האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש (מ. ראָס: „אין דרום-לאַנד", אַטלאַנטאַ, דזש. 1918).

פון ברענטש 67 אין באַלטימאָר ווערט באַריכטעט: „אין דעם קריזיס-יאָר 1907 האָבן מיר געגרינדעט אַ הילף-פאָנד. דעמאָלט זיינען אַרומגעגאַנגען מאַסן יידישע אַרבעטער אָן אַרבעט און האָבן פּשוט געהונגערט. מיר האָבן אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט מיט דער פולמאַכט צו צאָלן 3 דאָלער אַ וואָך צו אומפאַרהייראַטע און 5 דאָלער צו פאַרהייראַטע מיטגלידער".

בעתן גרויסן קריזיס אין די יאָרן 1907-8, ווען בוכשטעבלעכער הונגער האָט געהערשט צווישן דעם אימיגראַנטישן עולם, האָט דער אַ.-ר.-ברענטש 151 אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, געעפנט אַ פאָלקס-קיך, וואו מ'האָט געגעבן אַ מאָלצייט פאַר 6 סענט. די פאָלקס-קיך האָט מען אויסגעהאַלטן אַ האַלב יאָר צייט. שרייבט איינער פון די ברענטש-פּיאָנערן: „ווי ווייניג מיר האָבן דאַן ניט פאַרדינט, האָט יעדער מיטגליד בייגעטראָגן זיין טייל געלט אויסצוהאַלטן די קיך" (ה. קערין: „סואווענירבוך" פון מאיר לאָנדאָן ברענטש 151 אַ.-ר., 1932, מאָנטרעאַל).

אַ ריי ברענטשעס האָבן געגרינדעט ליי-קאַסעס, כדי דורך הלוואות צו קענען העלפן מיטגלידער אין אַן עת צרה, אָדער צו העלפן איינאָרדענען זיך אין אַ דירה נאָכן פאַרלייגן אַ פאַמיליע-היים און אין אַנדערע נויטיגע פאַלן.

די פאַרשידנאַרטיגע גוטע אַרבעט פון די ברענטשעס האָט גע-ביטן די שטימונג פון אַרום. דעריבער הערן מיר אַלץ אָפטער און אָפטער אַזעלכע מין גרוסן פון די ערטער דורכן „פריינד":

„די שטים פון דעם ראַדיקאַלן יידישן אַרבעטער לאָזט זיך איצט הערן אויף דער יידישער גאַס. אונזער ברענטש איז געוואָרן דער טאָן-געבער. ער נעמט דעם גרעסטן אָנטייל אין אַלע וויכטיגע פאַסירונגען וואָס שייך אונזערע יידן אימיגראַנטן. דער ייד האָט גענומען אַכטן און גלויבן דעם ראַדיקאַלן עלעמענט" (1915, מעמ-פיס, טענ.).

„מיט דער גרינדונג פון ברענטש (יאָר 1909) האָט אונזער שטעטל גענומען אויפלעבן" (1914, ברענטש 269 אין שעבאָיגען, וויסק.).

„עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אונזער ברענטש איז

דער איינציגער ליכטיגער פּונקט און מאָראַלער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אונזער שטאָט״ (1917, ברענטש 304 אין סיאַטל, וואַש.).

„מיר שטיצן זייער פיל אונזערע קראַנקע מיטגלידער, און אויך די געזונטע, וועלכע געפינען זיך אין נויט. מיר האָבן דעריבער באַקומען אַזאַ גוטן נאָמען צווישן דער יידישער אַרבעטער־באַפעל־קערונג פון בעיאָן (נ. דזש.), אַז יעדער יידישער אַרבעטער שעצט זיך גליקלעך, ווען ער ווערט אַריינגענומען אַלס מיטגליד אין ברענטש 316 פון בעיאָן. מיר פון אונזער זייט באַמיען זיך, אַז אַלע אונזערע מיטגלידער זאָלן זיין פּראָגרעסיווע אַרבעטער״.

אין איינצלנע ערטער זיינען געווען פאַלן, ווען מ׳האָט ניט גע־וואָלט פאַרדינגען אַ יידישן זאַל פאַר די מיטינגען און פאַרלעזונגען פון די ברענטשעס. די שטימונג האָט זיך אַזוי וויט געביטן, אַז שול־יידן פלעגן שוין אַליין ניט קענען ביישטיין דעם נסיון און אַריינ־כאַפּן זיך אויף די פאַרלעזונגען פון די אַ.־ר.־ברענטשעס.

ווי וויט דער אָנזען פון די ברענטשעס אין די שטעטלעך איז גע־שטיגן, דערציילט אונז אַ באַאָבאַכטער: „אונזער אָרדען איז פיל מאָל דער בית־דין פון אַ סך קריגערייען. דאָס קליינע שטעטל מיט דעם יידישן קליינלעכן לעבן איז, ווי באַוואוסט, רייך אין מחלוקות, אין משפּטים, און די מיטגלידער פון אַ.־ר. זיינען פיל מאָל די ריכטער, וועלכע מאַכן שלום צווישן די שטרייטנדיגע צדדים. אָן דעם וואָלטן זיי געוויס געקומען אין געריכט אריין צו פאַרשוואַרצן דעם יידישן נאָמען. נאָר דער רעספּעקט און אַכטונג צו די וואוילע יונגעלייט מיט דעם זשעטאָן פון אַ.־ר. אין קלאַפּע איז אַזוי גרויס, אַז די שטרייטנדיגע פאַרטרויען זיי זייערע טענות און מיידן אוים ליי־טיש געלעכטער״ (ב. באַטווינ‏יק: „פריינד״ 1913).

אַזוי האָט דער אַ.־ר. איינגענומען איין שטאָט נאָך דער צווייי־טער, איינגענומען פיל מוחות און הערצער, ביי וועלכע עס איז פריער געווען חשד און אומצוטרוי. סוף 1914, ווען דער אַרבעטער־אָרדען האָט שוין געציילט קרוב 50 טויזנט מיטגלידער, זיינען בערך 45 פּראָצענט פון זיי געווען אין דער פּראָווינץ — אין 157 שטעט און שטעטלעך פון 34 שטאַטן.

14. פראַטערנאַלע ראַטעס און דער בונט אין מאַסאַטשוזעטס

אין די יאָרן 1917-1907 זיינען אַנטשטאַנען אַ ריי שווערע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אויפגעשטורעמט דעם אַרבעטער־אָרדען, אַרויסגערופן טיפע חלוקי־דעות און אַפילו געדראָט מיט קאַטאַ־סטראָפאַלע פאָלגן. צווישן זיי איז געווען אַ פינאַנציעלער ענין, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע. ס'איז דערגאַנגען צו אַן אָפּשפּליטערונג און צו אַן אויפטרייסלונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן במשך פון יאָרן. דאָס איז געווען דער ענין פון פראַטערנאַלע ראַטעס („פראַטוירנעל רעיטס"). לכתחילה בלויז אַ לאָקאַלע שוועריגקייט — אין שטאַט מאַסאַטשו־זעטס — האָט דאָס מיט דער צייט אָנגערירט דעם גאַנצן אָרדען און ס'איז פאַר אים געוואָרן אַ פראַגע פון לעבן און טויט.

ווען וואָס האָט זיך דאָ געהאַנדלט?

— אין 1905 האָט דער אַרבעטער־רינג באַקומען זיין טשאַר־טער אין שטאַט ניו־יאָרק. נאָך דעם האָט ער, אין הסכם מיט די אינשורענס־געזעצן, געדאַרפט זיך אינקאָרפּאָרירן, אויפן סמך פון דעם הויפּט־טשאַרטער, אין יעדן שטאַט באַזונדער. דאָס הייסט, אַז ער האָט געדאַרפט אין די באַזונדערע שטאַטן אַרויסנעמען אַ לייסענס צו מעגן דאָרט פירן אַ טעטיגקייט. אומעטום איז עס געווען לייכט, בלויז צו דערליידיגן אַ פאָרמאַליטעט. אַן אויסנאַם איז געווען דער שטאַט מאַסאַטשוזעטס. בראַנטשעס פון אַ.־ר. האָבן אין דאָזיגן שטאַט עקזיסטירט זינט 1902, אָבער דעם אָרדען האָט מען דאָרט ניט געקענט לעגאַליזירן.

אַט פאַרוואָס: פון יאָר 1901 איז אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס געווען גילטיג אַ געזעץ, לויט וועלכן די מיטגלידער פון אָרדענס צאָלן אין פאָנד פון טויטן־בענעפיט ניט אַלע גלייך, נאָר אָפּהענגיג פון זייער עלטער. יינגערע מיטגלידער צאָלן ווייניגער, עלטערע — מער. אין אַ.־ר., ווי אין אַ ריי אַנדערע אָרדענס, האָבן אַלע מיט־גלידער געצאָלט די זעלבע ראַטעס. צוליב דעם דאָזיגן טעם האָט

מען ניט געקענט אינקאָרפּאָרירן דעם א״ר. אין מאַסאַטשוזעטס, במילא איז די טעטיגקייט פון די בראַנטשעס דאָרט געווען אומ־געזעצלעך. מיט דעם ענין האָט זיך באַשעפטיגט די 6טע קאָנווענ־שאָן און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצופאָרשן אין באָסטאָן דעם ענין און געפינען מיטלען ווי אַזוי צו מאַכן געזעצלעך דעם אַרבע־טער־אָרדען אין דעם שטאַט. נאָך אַ ריי באַראַטונגען האָט דער נ. ע. ק. באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל אויפהערן אַריינגעמען נייע מיטגלי־דער אין יענעם שטאַט, ווייל מ׳איז געקומען צום אויספיר, אַז ס׳איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט דאָרט צו לעגאַליזירן דעם אָרדען ביי דעם סיסטעם פון צאָלונגען, ביי וועלכן מ׳האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט ביי די טוער פון די בראַנ־טשעס אין מאַסאַטשוזעטס. עס זיינען דעמאָלט געווען אין יענעם שטאַט 9 בראַנטשעס מיט 245 מיטגלידער און בערך הונדערט פרויען. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די בראַנטשעס וועלן אָפּשטאַרבן, אויב זיי וועלן ניט קענען ווערבירן נייע מיטגלידער. זיי האָבן דעריבער פאָרגעלייגט, אַז ס׳זאָל געשאַפן ווערן אין דעם שטאַט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער און זי וועט זיך צופּאַסן צום געזעץ פון שטאַט וועגן די צאָלונג־ראַטעס. מ׳האָט געקענט אויס־מיידן די שוועריגקייט פון געזעץ, ווען דער טויטן־בענעפיט איז ניט העכער פון 200 דאָלער. און דאָס האָט מען געפּלאַנט צו טאָן. דער נ. ע. ק. האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז די מיטגלידער פון מאַסאַ־טשוזעטס זאָלן זיך אַרויסזאָגן צי זיי ווילן דאָס. אין אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג איז מיט אַן אומגעהויערער מערהייט דער פּלאַן אָפּ־געוואָרפן געוואָרן.

אַ גרופּע פון אָרטיגע טוער האָט אָבער איגנאָרירט די מיינונג פון די מיטגלידער און דעם 17טן דעצעמבער 1906 האָט זי אַרויס־גענומען אַ טשאַרטער אין שטאַט ראָד איילענד פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס צאָלט 200 דאָלער טויטן־בענעפיט. אַן אָרגאַניזציע, וואו די מיטגלידער זיינען פאַרזיכערט אויף אַזאַ נידריגע סומע, האָט גע־קענט אַרבעטן אומגעשטערט אין מאַסאַטשוזעטס. אין אַפּריל 1907 האָט די נייע אָרגאַניזאַציע — אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג — אָפּגעהאַלטן איר גרינדונגס־קאָנווענשאָן. דער גאַנצער אַרבעטער־רינג איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געשעענעם פאַקט. נאָך מער: עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די טוער פון דער נייער אָרגאַ־ניזאַציע האָבן גאָר ווייט־גייענדיגע אַמביציעס. זיי ווילן זיך ניט

באַנוגענען מיט דער טעריטאָריע פון זייער שטאַט, נאָר האָבן בדעה צו ווערן אַ קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציע צום אַרבעטער־רינג. באַלד אויף דער ערשטער גרינדונג־קאָנווענשאָן איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינצונעמען אין דער נייער אָרגאַניזאַציע ברענטשעס אויך פון אַנדערע שטאַטן. דער נ. ע. ק. האָט אין דער לעצטער רגע נאָך גע־פּרוּווט ראַטעווען די סיטואַציע דורך צוזאָגן צו געפינען אַנדערע וועגן און מיטלען צו לייזן די שוועריקייטן אין מאַסאַטשוזעטס, אָבער די אָרטיגע טוער האָבן ניט געוואָלט הערן פון דעם. זיי האָבן באַקומען די אַמביציע אויפצושטעלן אַ צווייטן אָרדען.

די נייע אָרגאַניזאַציע איז צוגעטראָטן רעאַליזירן אירע פּלענער און געפּרוּווט זיך אַריינכאַפּן אין אַנדערע שטאַטן. אַלס ענטפער דערויף האָט דער נ. ע. ק. פון אַ.־ר. געמאַכט אַן אינוואַזיע אין מאַ־סאַטשוזעטס און דאָרט געגרינדעט נייע ברענטשעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרשאַרפטער קאַמף און די מיטגלידער האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים — חסידים פון אַרבעטער־רינג און לאָ־קאַלע פּאַטריאָטן. אין סעפּטעמבער 1908 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו איינצושטעלן אַ שלום צווישן די צעקריגטע צדדים. ס'איז גערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע שלום־קאָנפערענץ. די פאַרשטייער פון די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל זיך צוריקציען פון אַלע שטאַטן אין ניו־ענגלאַנד און איבערגעבן די דאָרטיגע ברענטשעס צו דער אָרגאַניזאַציע פון מאַסאַטשוזעטס — די פאַרשטייער פון אַ.־ר. האָבן אַרויסגערוקט אַ פּשרה־פאָרשלאַג, אַז ביז וואַנען דער אַרבעטער־רינג וועט ווערן געזעצלעך אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס זאָל די נייע אָרגאַניזאַציע פירן אַ טעטיגקייט אין 4 שטאַטן — מאַסאַטשוזעטס, ווערמאָנט, ניו־העמפּשעיר און מעין. צו קיין אויסגלייך איז מען ניט געקומען — און ס'האָט זיך אויפסניי צעפלאַקערט אַ מלחמה. דער נ. ע. ק. האָט באַשלאָסן אָנווענדן אַלע מיטלען ניט צו לאָזן די נייע אָרגאַניזאַציע זיך אויסברייטערן אין אַנדערע שטאַטן און גלייכצייטיג אַליין זיך באַפעסטיגן אין קעגנ־נערס טעריטאָריע. צו דעם צוועק האָט דער נ. ע. ק. געטאָן דאָס זעלבע — אַרויסגענומען אין ראַד איילענד אַזאַ טשאַרטער, ווי ס'האָבן פריער אַרויסגענומען די אָפּגעשפּאָלטענע. סוף 1908 האָט דער אַר־בעטער־רינג שוין געהאַט אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס אייגענע 9 ברענטשעס מיט 343 מיטגלידער. מ'האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז די מלחמה וועט קיין גוטס ניט ברענגען און עס זיינען ווייטער גע־

מאַכט געוואָרן באַמיאונגען צו דערפירן צו אַ שלום. דעם 23טן יאַנואַר 1909 איז אין באָסטאָן ווידער פאָרגעקומען אַ שלום־קאָנ־פערענץ. ביידע צדדים האָבן זיך דעקלאַרירט אַלס אָנהענגער פון שלום און פאַראייניגונג. שווערער איז שוין געווען צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך װעגן דעם ווי אַזוי די פאַראייניגונג אַדורכצו־פירן. אויף אַ המשך פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 6טן פעברואַר אין ניו־יאָרק, איז מען דורכגעקומען, אַז ביידע בלייבן אין מאַסאַטשוזעטס. דער אַרבעטער־רינג טאָר אָבער ניט אַריינעמען קיין נייע מיטגלידער אָדער גרינדן נייע ברענטשעס. ביידע צדדים קענען פירן אַ טעטיגקייט אין די שטאַטן קאָנעטיקוט און ראָד איילאַנד. דער אָפּמאַך איז גילטיג אויף 5 יאָר צייט ביז דער אַרבעטער־רינג וועט איינפירן די פּראָטערנאַלע ראַטעס און קענען ווערן געזעצלעך אויך אין מאַסאַטשוזעטס.

אין אַרבעטער־רינג איז געווען אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט מיט דעם געשלאָסענעם אָפּמאַך. לויט דער איניציאַטיוו פון ברענטש 2 איז דעם 21טן פעברואַר 1909 פאָרגעקומען אַ דעלעגאַטן־קאָנפע־רענץ פון 80 ברענטשעס פון ניו־יאָרק, ווי אויך פון ניו־דזשוירזי, קאָנעטיקוט, פּענסילווייניע און אַנדערע שטאַטן. דער גענעראַל־סעק־רעטאַר ווײַנטרויב האָט פאַרטיידיגט דעם אָפּמאַך. דאָך האָט די קאָנפערענץ איינשטימיג באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן די ברענטשעס צו שטימען קעגן. אין רעפערענדום איז טאַקע דער אָפּמאַך אָפּ־געוואָרפן געוואָרן. אויך אין אינדעפּענדענט אַ.־ר. פון מאַסאַטשוזעטס איז ניט געווען קיין איינשטימיגקייט וועגן אָפּמאַך.

די מלחמה האָט זיך אויפסניי צעפלאַקערט. אין 1909 האָט דער אַרבעטער־רינג געפירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע אין מאַסאַטשוזעטס. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מאַסן־פאַרזאַמלונגען, מ׳האָט פאַר־שפּרייט בלעטלעך און ס׳איז געפירט געוואָרן אַ לעבהאַפטע אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע טעטיגקייט. מ׳האָט אָרגאַניזירט אַ ריי נייע ברענ־טשעס. סוף פון דעם יאָר זיינען אין דעם שטאַט שוין געווען 25 ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג. די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן אויך ניט גערוט. דער אינדעפּענדענט אַ.־ר. האָט זיך אַריינגעריסן אין אַ פּאָר שכנישע שטאַטן און דאָרט געגרינדעט איינציגע ברענטשעס. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי שונאים. די שפּראַך, וואָס איינער האָט באַנוצט קעגן צווייטן, איז געווען ניט איבערקלייבעריש. די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן באַשלאָסן אין זייער קאַמף נעמען צו

הילף דאָס געזעץ. אין 1910 האָבן זיי אַרויסבאַקומען אַן אינ־דזשאַנקשאַן קעגן אַרבעטער־אָרדען. אויפן סמך פון דעם האָט פּאָ־ליציי צעטריבן מיטינגען פון אַרבעטער־רינג און עטלעכע סעקרע־טאַרן פון ברענטשעס האָט מען אַרעסטירט. דער אַטורני דזשענעראַל פון מאַסאַטשוזעטס האָט אויך פאַראָרדנט צו אַרעסטירן דעם דע־מאָלטדיקן פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג ש. בולגאַטש, דעם סעק־רעטאַר י. ווײַנטרויב און א. העלד, אויב זיי וועלן זיך באַווייזן אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס. דער אַרבעטער־רינג האָט שוין דעמאָלט געהאַט אין דעם שטאַט 32 ברענטשעס און מ'האָט זיי געדאַרפט פאַרהיטן פון די ווירקונגען פון אינדזשאַנקשאַן. דער נ. ע. ק. האָט אויסגעאַרבעט און דורכגעפירט אַזאַ פּלאַן: די ברענטשעס האָט מען פאַנאַנדערגעלאָזט און די מיטגלידער זײַנען געבליבן „מעמ־בערס עט לאַרדזש" פון אַ.־ר.. גלייכצייטיג זײַנען די זעלבע מיט־גלידער אַריבער צו אַ נייער אָרטיגער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גע־טראָגן דעם נאָמען „לייבאָר־ליג". אונטער דער פירמע פון „לייבאָר־ליג" האָט דער אַרבעטער־רינג געפירט אין דעם שטאַט זײַן טע־טיגקייט. אין דער זעלבער צייט איז זיך אויך פאַנאַנדערגעוואַקסן דער אינדעפּענדענט אַ.־ר., וואָס האָט אין 1911 שוין געציילט אין דעם היים־שטאַט מאַסאַטשוזעטס 1943 מיטגלידער, אחוץ נאָך אַ פּאָר הונדערט אין די שטאַטן ניו־יאָרק, קאָנעטיקוט, ניו־דזשוירזי, פּענ־סילווייניע א. אַ., סך־הכל 2362 מיטגלידער.

דער שטרייט צווישן די צוויי אַרבעטער־רינגען האָט אויפגע־היצט אַ סך מוחות און פאַרברויכט פיל ענערגיע. פון צייט צו צייט פלעגן דעריבער ווידער אויפשווימען פּלענער וועגן שלום און פאַר־אייניגונג. מ'האָט וועגן דעם גערעדט אויף די קאָנווענשאַנס. ס'זײַנען ווידער געמאַכט געוואָרן אַ פּאָר פּרואוון צו דערפירן צו אַן אויסגלייך. אָבער אויך זיי האָבן קיין מזל ניט געהאַט. אפילו דאָס באַזייטיגן די מניעה פאַר דער לעגאַלער טעטיגקייט פון אַרבעטער־רינג אין מאַסאַטשוזעטס — דאָס איינפירן די פּראָטערנאַלע ראַטעס אין גאַנצן אַרבעטער־רינג — האָט די שפּאַלטונג ניט געקענט באַזייטיגן. עס האָבן געמוזט נאָך אַוועקגיין אַ היפּש ביסל יאָרן ביז די ווידער־פאַראייניגונג איז געוואָרן אַ פאַקט.

דערווייל איז דער ענין פון פראַטערנאַלע ראַטעס געוואָרן דאָס סאַמע אָנגעווייטאָגסטע אָרט אין אַרבעטער־רינג. דאַסמאָל שוין ניט ווי אַ לאָקאַל פּראָבלעם. פון דער פראַגע איז געווען אָפּהענגיג דער

עצם עקזיסטענץ פון אָרדען. אָט פאַרוואָס די פראַגע איז געוואָרן אַזוי אַנטשיידנדיג.

אין די אָרדענס האָבן פריער די מיטגלידער געצאָלט גלייך. ס׳איז ניט געווען קיין נפקא מינה צי מ׳איז יונג אָדער אַלט — אַלע האָבן געדאַרפט צאָלן אין דער זעלבער הויך אין פאָנד פון טויטן־בענעפיט. אין 1910 האָבן די גרויסע אָרדענס זיך פאַרשטענדיגט און אָפּגעמאַכט, אַז די גלייכע צאָלונגען זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן. אין יענעם יאָר איז אין מאָביל, אַלאַבאַמאַ, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנגרעס פון רוב פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס און אינשורענס קאָ־מישאָנערס. דער דאָזיגער קאָנגרעס האָט אויסגעאַרבעט אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן איינפירן וויסנשאַפטלעכע אינשורענס־צאָלונגען. אין 1912 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פון פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט מיט געוויסע ענדערונגען דעם פּראָיעקט באַשטעטיגט. נאָך דעם האָט די גרעסטע צאָל שטאַטן איינגעפירט דעם פּראָיעקט ווי אַ געזעץ, וואָס דאַרף זיין גילטיג פאַר די אָרדענס. דער דאָזיגער געזעץ איז געוואָרן באַקאַנט אַלס „נעשאָנעל פראַ־טוירנעל קאָנגרעס רעיטס״, אָדער „פראַטוירנעל רעיטס״. לויט דעם געזעץ, ווערט די מיטגלידערשאַפט פון די אָרדענס איינגעטיילט לויטן עלטער. וואָס יינגער אַ מיטגליד איז, אַלץ ווייניגער צאָלט ער. דאָס איינפירן דיפערענצירטע צאָלונגען, באַזירט אויף אַ וויסנשאַפט־לעכן סיסטעם, איז געוואָרן נויטיג, כדי צו פאַרהיטן די אָרדענס פון אַ פינאַנציעלן קראַך. מ׳האָט געמוזט מאַכן די רעפאָרם, ווייל מיט דער צייט איז געשטיגן דער דורכשניט־עלטער פון דער מיט־גלידערשאַפט און במילא די שטערבלעכקייט, און די אָרדענס האָבן ניט געהאַט אָנגעזאַמלט גענוגנדיגע פאָנדן צו דעקן די גרעסערע הוצאות. צווישן די, וועלכע זיינען געפאַלן אַ קרבן פון ניט־וויסנ־שאַפטלעכן סיסטעם פון צאָלונגען, זיינען אויך געווען איייניגע יידישע אָרדענס. ס׳איז אונטערגעגאַנגען דער אָרדען „אהבת ישראל״, וועל־כער האָט ניט געהאַט אויסצוצאָלן 90 טויזנט דאָלער די אלמנות און יתומים פון 180 פאַרשטאָרבענע מיטגלידער. אַחוץ דעם זיינען 18 טויזנט מיטגלידער געבליבן אָן אינשורענס נאָך דעם, ווי זיי האָבן במשך פון יאָרן געצאָלט אין יענעם אָרדען. אין 1911 איז אונ־טערגעגאַנגען דער אָרדען „בני בנימין״. און דאָס אַלץ צוליב דעם אַלטן סיסטעם פון נידעריגע און גלייכע צאָלונגען. ווען ס׳איז גע־שטיגן די שטערבלעכקייט און מ׳האָט געדאַרפט העכערן די צאָ־

לונגען, כדי צו קענען דעקן דעם טויטן-בענעפיט, פלעגן זיך די יינגערע מיטגלידער צעבונטעווען און אַנטלויפן. די אַלטע פאַרבליבענע מיטגלידער האָבן אַליין ניט געקאָנט טראָגן די לאַסט און דער גאַנצער בנין פון אַזאַ אָרדען האָט געקראַכט. צענדליגער אָרדענס האָבן אויף אַזאַ אופן באַנקראָטירט און זיינען אויפגעלייזט געוואָרן.

ווען ס'איז איינגעפירט געוואָרן דער געזעץ פון פראָטערנאַלע ראַטעס, האָט דעם אַרבעטער-רינג נאָך ניט געדראָט דירעקט די סכנה פון אַ פינאַנציעלן קראַך, אויב ער וואָלט זיך ווייטער געהאַלטן ביים אַלטן סיסטעם פון גלייכע צאָלונגען. די מיטגלידער זיינען נאָך דעמאָלט געווען יונג, דער פּראָצענט פון שטערבלעכקייט איז געווען אַ נידעריגער און ס'איז אויך געווען אַ היפּשער רעזערוו-פאָנד. אָבער אויך דער אַרבעטער-רינג האָט ניט געקענט און ניט געטאָרט זיך אַרויסדרייען פון דער זאַך. קודם-כל איז עס געווען אַ פראַגע פון געזעץ. אַזוי ווי דער געזעץ האָט שוין עקזיסטירט אין אַ סך שטאַטן, האָט מען זיך געמוזט צו דעם צופּאַסן. און עס איז געווען פאָראויסגעזען, אַז דאָס געזעץ וועגן פראָטערנאַלע ראַטעס וועט אין 1917 שוין זיין אין קראַפט אין אַלע שטאַטן.

אחוץ דעם לעגאַלן מאָטיוו איז געווען אויך אַ פינאַנציעלער. ס'האָט טאַקע ניט געדראָט קיין פינאַנציעלער קראַך אין יענעם מאָמענט, אָבער מ'האָט דאָך אויך געמוזט טראַכטן וועגן מאָרגן. מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דורכשניט-עלטער פון דער מיטגלידערשאַפט מוז כסדר שטייגן און במילא — אויך די שטערבלעכקייט. אויב מ'וועט באַצייטנס ניט אָננעמען די געהעריגע מיטלען, וועט אין אַרבעטער-רינג זיך מוזן איבערחזרן דאָס זעלביגע טרויעריגע קאַפּיטל, ווי אין די אונטערגעגאַנגענע אָרדענס.

צום ערשטן מאָל איז די פראַגע וועגן פראָטערנאַלע ראַטעס, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַרויפגעשוואומען אין אַ-ר. אין שייכות מיטן שטאַט מאַסאַטשוזעטס. אָבער ווי אַן ענין, וואָס איז שייך דעם גאַנצן אָרדען, איז זי געשטעלט געוואָרן אויף דער 8טער קאָנווענשאָן. דעמאָלט איז די פראַגע נאָך ווייט ניט געווען רייף צום באַשליסן. ס'האָט זיך גיכער געהאַנדלט וועגן אויספאַרשן און אויפקלערן די זאַך. אי ס'איז ניט געווען דרינגענדיג באַלד איינצופירן דעם נייעם סיסטעם פון צאָלונגען, אי מ'האָט ניט געוואָלט זיין די ערשטע אויף דער יידישער גאַס. מ'האָט מורא געהאַט, אַז ביי געהעכערטע צאָלונגען וועט שווערער זיין צו קאָנ-

קורירן מיט אַנדערע יידישע אָרדענס. עטלעכע יאָר צייט האָט מען באַהאַנדלט פאַרשידענע פאָרשלאַגן, ביז ס׳איז פון דער 11טער קאָנ־ווענשאָן צום ערשטן מאָל געקומען אַ רעקאָמענדאַציע וועגן צאָלונגען לויט עלטער־גרופּעס. נאָך דער 10טער קאָנווענשאָן האָט דער נ. ע. ק. זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן ספּעציאַליסט אין פראַגן פון לעבנס־פאַרזיכערונג ג. ד. עלדרידזש, און אים איבערגעגעבן אויס־צופאָרשן דעם סיסטעם פון צאָלונגען און בענעפיטס אין אַ־ר.. צו דער 11טער קאָנווענשאָן אין יאָר 1911 אין ראָטשעסטער, נ. י., איז שוין געווען די מיינונג פון עקספּערט, אַז די צאָלונגען זיינען צו קליינע, כדי צו פאַרזיכערן דעם פינאַנציעלן מצב פון אַ־ר. אין דער צוקונפט. ער האָט רעקאָמענדירט שטאַרק צו העכערן די צאָלונ־גען. די קאָנווענשאָן האָט אַזוי ווייט ניט געוואָלט גיין. כדי אויס־צומיידן באַלדיגע דעפיציטן, איז טאַקע אַ העכערונג באַשלאָסן גע־וואָרן, אָבער ניט אַזאַ הויכע ווי עלדרידזש האָט פאָרגעלייגט. די ראָטשעסטער קאָנווענשאָן האָט אויך געשיקט צום רעפערענדום אַ רעקאָמענדאַציע איינצופירן צאָלונגען לויט עלטער־קאַטעגאָריעס. אַלע מיטגלידער זאָלן איינגעטיילט ווערן אין 4 עלטער־גרופּעס. דאָס איז נאָך ניט געווען דער קלאַסישער מוסטער פון פראַטערנאַלע ראַטעס, אָבער אַ טריט צו דעם איז עס יאָ געווען. האָט דאָך מיט דעם געזאָלט אָפּגעשאַפט ווערן דער פּרינציפּ פון גלייכע צאָלונגען. אָבער אפילו דעם דאָזיגן ערשטן פאָרזיכטיגן טריט האָבן די מיט־גלידער נאָך ניט געהאַט קיין חשק צו מאַכן. אַ מערהייט שטימען איז געווען פאַר גלייכע געהעכערטע צאָלונגען. דער פאָרשלאַג וועגן צאָלונגען לויט עלטער־גרופּעס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. עס האָבן ניט געווירקט די ווערטער פון נ. ע. ק., וואָס האָט ביים אַרויסשיקן דעם רעפערענדום אָנגעוויזן, אַז „די פאָרגעלייגטע ראַטעס פון צאָלונגען זיינען פיל, פיל קלענער ווי אין וועלכע ניט איז אַנדערע אָרדענס, קריסטלעכע און יידישע, און ווייט פון די צאָלונגען וואָס די וויסנ־שאַפט פון לעבנס־פאַרזיכערונג פאַרלאַנגט״. אַזוי ווי דער רעפערענ־דום האָט דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן, איז די פראַגע ווידער גע־שטאַנען אויף דער 12טער קאָנווענשאָן. אויך נאָך דער דאָזיגער קאָנווענשאָן איז אין רעפערענדום ניט געווען קיין מערהייט פאַר צאָלונגען לויט עלטער־גרופּעס.

כל־זמן ס׳איז נאָך ניט געווען דער מאָטיוו פון צופּאַסן זיך צום געזעץ אין די שטאַטן און ס׳איז אויך ניט געווען קיין באַלדיגע

פינאַנציעלע סכנה, נאָר בלויז אַ פראַגע פון פאַרזיכערן זיך אויף להבא, האָבן די מיטגלידער די זאַך זיך ניט גענומען אַזוי שטאַרק צום האַרץ. מיט יעדן יאָר איז אָבער געוואָרן ערנסטער און ערנסטער. די מיטגלידער האָבן „פאַרטריבן" דעם געשפּענסט פון פראַטערנאַלע ראַטעס דורכן רעפערענדום, אָבער מיט אומבאַזיגבאַרע עקשנות האָט ער זיך ווידער אַריינגעריסן דורך דער טיר פון דער נאָנטער קאָנווענשאָן.

אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר איז געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן דער וויכטיקייט פון פראַטערנאַלע ראַטעס. ביז ס'איז געקומען די 15טע קאָנווענשאָן, אין שיקאַגאָ, וואו דער נ. ע. ק. איז געקומען מיט אַ פאַרשלאַג איינצופירן פראַטערנאַלע ראַטעס לויטן וויסנשאַפטלעכן סיסטעם, וואָס זעט פאָר, אַז מיט יעדן עלטערן יאָר זיינען די צאָלונגען העכערע. דער פאַרשלאַג, וואָס האָט געהאַט די אונטערשטיצונג אי פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אי פון נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד, איז אויף דער שיקאַגער קאָנווענשאָן ברייט דעבאַטירט געוואָרן. די דעלעגאַטן זיינען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איינפירן דעם סיסטעם פון פראַטערנאַלע ראַטעס איז אומפאַרמיידלעך און ווייטער אָפּשלעפּן די זאַך האָט קיין זין ניט. די קאָנווענשאָן האָט דעריבער באַשלאָסן איינשטימיג איינצופירן פראַטערנאַלע ראַטעס.

ניט געקוקט אויף דער איינשטימיגקייט פון דער קאָנווענשאָן, איז דאָס איינפירן פון נייעם צאָלונג־סיסטעם ניט צוגעגאַנגען אַזוי לייכט. צווישן דער שיקאַגער קאָנווענשאָן ביזן דורכפירן זיין איינשטימיגן באַשלוס איז נאָך געווען אַ גאַנצע סדרה אַמפּערייען און קאָנפליקטן אַרום דעם. בעת די דעלעגאַטן פון די ברענטשעס האָבן איינשטימיג איינגעזען די נויטווענדיגקייט פון ענדערן דעם סיסטעם פון צאָלונגען, איז ביי דער מיטגלידערשאַפט נאָך געווען גאַנץ ווייט צו איינשטימיגקייט. דער באַשלוס פון דער שיקאַגער קאָנווענשאָן איז אַוועק צום רעפערענדום, וואָס האָט זיך פאַרענדיגט דעם 20טן סעפּטעמבער 1915. 10,943 מיטגלידער פון 403 ברענטשעס האָבן אויסגענוצט זייער רעכט און זיך באַטייליגט אין רעפערענדום. מיט אַ מערהייט פון 6,485 שטימען קעגן 4,458 איז דער באַשלוס פון דער שיקאַגער קאָנווענשאָן באַשטעטיגט געוואָרן.

הייסט עס, אַז פראַטערנאַלע ראַטעס ווערן אַ געזעץ אין אַרבעטער־רינג? — ניין, עס זיינען דאָ ספקות... דער רוב פון דע־

מאָלטדיקן נ. ע. ק. האָט אויסגעטייטשט, אַז ניט געקוקט אויף דער מערהייט פאַר האָט דער רעפערענדום דאָך ניט באַשטעטיגט דעם באַשלוס פון דער שיקאַגער קאָנווענשאָן. מאָטיווירט האָט מען עס אויף אַזאַ אופן: דאָס ענדערן דעם סיסטעם פון צאָלונגען איז אַ נייע איינריכטונג און דערצו איז, לויט דער קאָנסטיטוציע פון אַ.־ר., נויטיג אַ מערהייט פון 2 דריטל שטימען און דאָס איז אין רעפערענדום ניט דערגרייכט געוואָרן. דער ווערטלעכער טעקסט פון דער קאָנסטיטוציע האָט געזאָגט: „באַשלוסן וועגן איינריכטונגען אין אַ.־ר., פאַר וועלכע די מיטגלידער זאָלן ווערן געטעקסט, מוזן האָבן אַ צוויי דריטל מערהייט פון די אָפּגעגעבענע שטימען ביי דער קאָנווענשאָן און ביים רעפערענדום”. דער צווייטער צד, די מינדערהייט פון נ. ע. ק., האָט געטענהט, אַז מ'האָט דאָ ניט צו טאָן מיט קיין נייער איינריכטונג, וואָרים דער פאָנד פון טויטן־בענעפיט האָט דאָך פריער עקזיסטירט. דאָס איינפירן פראָטערנאַלע ראַטעס איז בלויז אַן אויסבעסערונג פון אַן אַלטער איינריכטונג. דעריבער איז גענוג אַ געוויינלעכע מערהייט. מיט 15 שטימען קעגן 11 האָט דער נ. ע. ק. באַשלאָסן, אַז די פּלוגתא וועגן ס'איז גערעכט אין דעם קאָנסטיטוציאָנעלן שטרייט זאָל מען איבערגעבן צו אַנטשיידן דער נאָנטער קאָנווענשאָן און ביז דעמאָלט זאָל אַלץ בלייבן ביים אַלטן.

דער שטרייט אין נ. ע. ק. איז באַלד באַוואוסט געוואָרן צוםברייטן עולם מיטגלידער. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורם. די חסידים פון פראַטערנאַלע ראַטעס האָבן באַשולדיגט די מערהייט פון נ. ע. ק. אין סאַבאָטירן באַשלוסן פון אַ קאָנווענשאָן און אַ רעפערענדום און געפאָדערט דעם נייעם סיסטעם איינפירן גלייך פון אָנהויב 1916. דער צווייטער צד איז געבליבן איינגעעקשנט צו וואַרטן אויף דער אַנטשיידונג פון דער 16טער יערלעכער קאָנווענשאָן.

דער גאַנצער שטרייט איז געוואָרן נאָך מער קאָמפּליצירט און פאַרשאַרפט צוליב דער שטעלונג, וואָס ס'האָט פאַרנומען דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באָארד. ווי די העכסטע אינסטאַנץ אויסצוטייטשן די קאָנסטיטוציע, האָט דער נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד געטייטשט, אַז ס'איז גענוג אַ געוויינלעכע מערהייט און מ'דאַרף ניט וואַרטן אויף דער נאָנטער קאָנווענשאָן צו פּסקענען די שאלה. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט זיך אונטערגעוואָרפן דער אַנטשיידונג און איז צוגעטראָטן איינפירן פון יאַנואַר 1916 די

פראַטערנאַלע ראַטעס. מ׳האָט געוואָלט פון דעם מאַכן אַ גרויס גע־שעעניש — דער ערשטער יידישער אָרדען, וואָס פירט איין די צאָלונגען לויט אַ סאָלידן וויסנשאַפטלעכן סיסטעם. צוליב דעם זיי־נען אין אַ ריי שטעט אָרגאַניזירט געוואָרן ספּעציעלע פייערונגען. אָבער... דאָ האָט עס זיך ווידער פאַרהאַקט.

דער פאַרבאַנד פון די ניו־יאָרקער ברענטשעס האָט זיך גע־ווענדט צום נ. ע. ק. און פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל זיך ניט איילן מיטן איינפירן די פראַטערנאַלע ראַטעס. ער האָט אָנגעפירט אַן אַגיטאַ־ציע פאַר רופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן, וואָס זאָל באַשטימען צי מ׳זאָל בכלל איבערגיין צו דעם נייעם סיסטעם פון צאָלונגען. אַרויס־געוויזן האָט זיך, אַז בערך 400 ברענטשעס זיינען פאַר פראַטער־נאַלע ראַטעס און 127 קעגן, אָבער די מינדערהייט איז געווען גענוג שטאַרק ניט צו לאָזן איינפירן די ענדערונג, ביי די חלוקי־דעות, וואָס האָבן געהערשט אין נ. ע. ק.. אַ ווענדונג פון 25 ברענטשעס פון 5 שטאַטן האָט פאַרלאַנגט פון נ. ע. ק. אַרויסצושיקן אַ רעפערענדום וועגן רופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן. באַזונדערס עקשנותדיק האָבן געקעמפט קעגן דער רעפאָרם די אַלטע ברענטשעס, וואָס וואָלטן געדאַרפט טראָגן אויף זיך די לאַסט פון די העכערע צאָלונגען. טייל פון זיי האָבן געדראָט מיט גיין אין געריכט, אַרויסנעמען אַן אינ־דזשאַנקשאָן און מיט אָפּטיילן זיך פון אַ.־ר.. מ׳האָט אויך געדראָט ניט צו צאָלן די בילס. טייל קעגנער האָבן געטענהט, אַז מ׳קען זיך אַרויסדרייען פון דער „גזירה" דורך דערקלערן זיך פאַר אַ מין רעליגיעזע קערפּערשאַפט, פאַר אַ חברה פון איין גלויבן.

דעם 5טן דעצעמבער 1915 האָט דער נ. ע. ק. אָפּגעהאַלטן אַ געמיינזאַמע זיצונג מיטן נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד. דער נ. ע. ק. האָט אַפּעלירט צו די מיטגלידער פון דירעקטאָרן־באָארד, אַז זיי זאָלן רעווידירן זייער פריערדיגן באַשלוס, אַז ס׳איז גענוג אַ גע־וויינלעכע מערהייט און מיט דעם מעגלעך מאַכן דאָס אָפּלייגן די רעפאָרם. מיט 4 שטימען קעגן 3 האָט דער נאַצ. דירעקטאָרן־באָארד אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די פריערדיגע אַנטשיידונג וועגן דער גילטיגקייט פון אַ געוויינלעכער מערהייט איז אַ ריכטיגע. אַזוי ווי אַ גענוגנדיגע צאָל ברענטשעס פון 5 שטאַטן האָבן געזעצלעך געפאָדערט אַ רעפערענדום וועגן אַ ספּעציעלער קאָנווענשאָן און אַזאַ קאָנווענשאָן וואָלט געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות און צייט־פאַרלוסט, באַשליסט דעריבער דער דירעקטאָרן־באָארד, אַז ס׳זאָל

אַדורכגעפירט ווערן אַ רעפערענדום וועגן דער קאָנסטיטוציאָנעלער פראַגע: צי ס׳איז נויטיג אַ 2 דריטל מערהייט פאַר דער רעפאָרם אָדער ס׳איז גענוג אַ געוויינלעכע מערהייט. דער נ. ע. ק. האָט מסכים געווען מיט דעם און אַזאַ רעפערענדום איז באַלד דורכגע־פירט געוואָרן. געשטימט האָבן 434 ברענטשעס. באַטייליגט אין רעפערענדום האָבן זיך 12,338 מיטגלידער. פון זיי האָבן 6,831 געשטימט, אַז ס׳איז נויטיג פאַר איינפירן די רעפאָרם אַ מערהייט פון 2 דריטל שטימען, פאַר אַ געוויינלעכער מערהייט זיינען אָפּגע־געבן געוואָרן 5,507 שטימען. מיט דעם איז געפּסקנט געוואָרן, אַז די רעפאָרם קען ניט דורכגעפירט ווערן. די גאַנצע פראַגע איז ווי־דער געקומען צו דער 16טער קאָנווענשאָן.

כדי צו פאַרשטיין פאַרוואָס ס׳זיינען געווען אַזעלכע סתירות אין די פאַרשידענע אָפּשטימונגען, מוז מען זיך קלאָר מאַכן די מאָטיוון און כוחות, וואָס האָבן געווירקט פאַר און קעגן פראַטער־נאַלע ראַטעס. עלטערע מיטגלידער זיינען געווען קעגן, ווייל דאָס האָט פאַר זיי באַדייט העכערע צאָלונגען; צוליב זייערע קלענערע צאָלונגען זיינען יונגע געווען — פאַר. אין שטאַטן, וואו דער געזעץ האָט ניט דווקא געפאָדערט פראַטערנאַלע ראַטעס, איז מען געווען קאַלט צום ענין; אין שטאַטן, וואו דער אַרבעטער־רינג האָט צוליב דעם ניט געקענט אַרבעטן ווי אַ לעגאַליזירטע אינסטי־טוציע, איז מען געווען אומרואיג און געפאָדערט אַ לייזונג פון דער פראַגע. דער אַרבעטער־רינג האָט דעמאָלט געהאַט ברענטשעס אין 34 שטאַטן, אָבער בלויז אין 10 איז ער געווען אין הסכם מיטן געזעץ וועגן אינשורענס.

דאָ האָט זיך נאָך אַריינגעמישט אַ זייטיגער ענין, וואָס האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין קאָנפליקט. דער נאַציאָנאַלער עק־זעקוטיוו־קאָמיטעט איז נאָך דער שיקאַגער קאָנווענשאָן געווען באַ־הערשט פון אַזוי־גערופענע „יונגע״. מ׳האָט מורא געהאַט, אַז צוליבן איינפירן די פראַטערנאַלע ראַטעס וועלן אפשר אָפּפאַלן מיט־גלידער. די „יונגע״ האָבן ניט געוואָלט, אַז דער פאַרלוסט זאָל פאַרשריבן ווערן אויף זייער רעקאָרד. האָט זיך אויף אַ ווייל גע־שאַפן אַן „איינהייטלעכער פראָנט״ פון די „יונגע״ פירער פון דעם נ. ע. ק. און די אַלטע מיטגלידער.

פאַרשידענע מאָטיוון האָבן ביי די מיטגלידער אָנטשידן צי זיי זאָלן זיין פאַר אָדער קעגן דער רעפאָרם. דער קאַמף איז, ווי גע־

וויינלעך, געפירט געוואָרן מיט גרויסערליידנשאַפט און עס האָבן זיך געהערט דראָאונגען פון שפּאַלטונג. מ'האָט געוואָרנט, אַז די „מעשה מאַסאַטשוזעטס" וועט זיך איבערחזרן אין אַ סך שטאַטן. די קעגנער האָבן באַשטריטן די נויטווענדיקייט פון איינפירן די רעפאָרם און אַפילו פאָרגעוואָרפן, אַז מ'לאָזט זיך פירן פאַר דער נאָז פון קאַפּיטאַליסטישע זאַכקענער...

דער שטרייט איז ווייטער געפירט געוואָרן אויף דער 16טער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בראָנזווילער לייבאָר-לייסעאום. דאָרט זיינען געקומען צום אויסדרוק די קעגנזעצלעכע שטעלונגען פון נ. ע. ק. און פון נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן-באָארד. נאָך לעבהאַפטע דעבאַטן האָט די 16טע קאָנווענשאָן באַשלאָסן אין פּרינציפּ איינצופירן פּראָטערנאַלע ראַטעס. רעכענענדיג זיך מיט דער שטאַרקער קעגנערשאַפט פון אַ טייל מיטגלידער, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 7 מאַן מיטן ציל אויסצופאָרשן און אויפצוקלערן דעם ענין. ווען דער קאָמיטעט וועט קומען צום אויספיר, אַז די רעפאָרם איז אומבאַדינגט נויטיג, זאָל ער די רעקאָמענדאַציע שיקן צו אַ רעפערענדום, וואָס וועט וועגן דעם דאַרפן באַשליסן מיט אַ מערהייט פון 2 דריטל שטימען. דער געוויילטער קאָמיטעט האָט זיך פאַרשטענדיגט מיט זאַכקענער — אינשורענס-עקספּערט ג. ד. עלדרידזש און מיטן געוועזענעם ריכטער פון העכסטן געריכט טשאַרלז ע. יוהז. ביידע פּאַבליוט האָבן געעצהט איינדאָרסירן פּראָטערנאַלע ראַטעס, ווייל אָן דעם וועט דער אַ.־ר. געזעצלעך ניט קענען פירן זיין טעטיגקייט, אַחוץ דעם וואָס זיין פינאַנציעלע צוקונפט וועט זיין באַדראָט. דעם 30טן דעצעמבער 1916 האָט דער קאָמיטעט פון 7 אַרויסגעשיקט די פראַגע צום רעפערענדום און דערביי צוגעלייגט אַ בריוו, מיט אַן אויספירלעכער באַגרינדונג פאַרוואָס ס'איז ניטאָ קיין ברירה און מען מוז איינפירן די פּראָטערנאַלע ראַטעס. אויך דער נ. ע. ק. האָט אויפגעפאָדערט די מיטגלידער צו שטימען פאַר דער רעפאָרם. די קעגנער זיינען אָבער אויך ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און געפירט אַ שטאַרקע קעגן־אַגיטאַציע. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער רעפערענדום האָט ניט געגעבן קיין מערהייט פון צוויי־דריטל שטימען.

די 17טע יערלעכע קאָנווענשאָן (1917 אין בראָנקס) האָט ווידער זיך פאַרנומען מיט דער פאַרשלעפּטער פראַגע. די קאָנווענשאָן האָט פאַר זיך געהאַט צוויי פאָרשלאָגן: איינער פון דער מערהייט

פון דער ספעציעלער רעזאלוציע-קאמיסיע, וואס האט פארגעלייגט איינצופירן די רעפארם פון 1טן יאנואר 1918, און דאס זאל באשלאסן ווערן דורך א רעפערענדום מיט א געוויינלעכער מערהייט. דער מינדערהייט-פארשלאג האט רעקאמענדירט אפצולייגן די גאנצע פראגע אויף א יאר צייט. א דריטער קאמפראמיס-פארשלאג איז געקומען פון נ. ע. ק., וואס האט געזאגט, אז מ'זאל דעם נ. ע. ק. איבערגעבן די רעכט די פראגע איבערגעבן צו א רעפערענדום אדער ברענגען צו דער נאנטער קאנווענשאן. די מינדערהייט האט איר פארשלאג אראפגענומען לטובת דעם קאמפראמיס-פארשלאג. דער מערהייט-פארשלאג איז אנגענומען געווארן מיט 387 שטימען, בעת דער קאמפראמיס-פארשלאג האט באקומען בלויז 184. מיט דעם האט זיך עס אבער נאך ניט געענדיגט. דער אנגענומענער באשלוס האט באדייט, אז די רעפארם וועט זיכער אדורכגיין אין נאנטן רעפערענדום, ווייל עס וועט דאך בלויז נויטיג זיין א געוויינלעכע מערהייט. די פאראנטווארטלעכע טוער האבן מורא געהאט, אז דער אופן פון דורכפירן די וויכטיגע רעפארם — אפשאפן די צוויי דריטל מערהייט — קען נאך מער צערייצן די שטימונג און נאך מער אנגליען די אטמאספער. איז דעריבער אויף א שפעטערדיגער זיצונג די פראגע ווידער אויפגענומען געווארן אויף דער טאג-ארדנונג פון דער קאנווענשאן. ס'איז אריינגעבראכט געווארן א נייע קאמפראמיס-רעזאלוציע, וואס איז אנגענומען געווארן מיט 308 שטימען קעגן 276. דער תוך פון דער רעזאלוציע איז אזא: די נויטיגקייט פון א 2 דריטל מערהייט אין רעפערענדום בלייבט. דערפאר זאל דער נ. ע. ק. במשך פון 2 חדשים צייט פירן א ברייטע אויפקלערונג צווישן די מיטגלידער לטובת פראטערנאלע ראטעס, פון דער צווייטער זייט זאלן די קעגנער פון דער רעפארם בלייבן פאסיוו און ניט פירן קיין קעגן-אגיטאציע. אין הערבסט 1917 איז געפירט געווארן א ברייטע אגיטאציע פאר דער רעפארם. די פאראינטערעסירונג פון די מיטגלידער איז געווען א גרויסע. 496 ברענטשעס האבן זיך באטייליגט אין דער אפשטימונג. פון 18,253 אפגעגעבענע שטימען, האבן 13,191 געשטימט פאר פראטערנאלע ראטעס, און 5,062 — קעגן. די נויטיגע 2 דריטל מערהייט איז דערגרייכט געווארן, און דעם 1טן יאנואר 1918 איז דער סיסטעם פון פראטערנאלע ראטעס געווארן איינגעפירט אין ארבעטער-רינג.

מיט דעם איז אפגעשלאסן געווארן א שווער קאפיטל געשיכטע

פון אַרבעטער-אָרדען. פון צוזאַמענשטויס פון פאַרשידענע מיינונ-
גען און קעגנזײַטיקע אינטערעסן האָט נאָך אַ לאַנגן היים-בלוטיגן
שטרייט געוואונען דער העכסטער אינטערעס פון אַרבעטער-רינג
און די מינדערהייט האָט געבויגן דעם קאָפּ פאַרן בפירושן ווילן
פון דער מערהייט. אַ וויכטיגע ראָל אין דער אויפקלערונג וועגן
דער נויטיגקייט איינצופירן פראַטערנאַלע ראַטעס האָט געשפילט
דער גענעראַל-סעקרעטאַר ד"ר פּ. ראָזענבלאַט.

15. בילדונג און דערציאונג

וואָס זאָל זיין דער אַרבעטער־רינג? מיט וואָס זאָלן זיך די ברענטשעס פאַרנעמען? צי זאָל געזאָרגט ווערן בלויז פאַר באַשטימטע בענעפיטס, אָדער מ'זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט זאָרגן וועגן קולטורעלן מצב פון די מיטגלידער? — די דאָזיגע פראַגן האָבן אַ לאַנגע צייט פאַרנומען די מוחות פון די טוער און מיטגלידער פון אַ.־ר.. זיי זיינען געשטאַנען אויף די מיטינגען פון די ברענטשעס און פאַרנומען אַן אָרט אין די דעבאַטן פון די קאָנווענשאַנס. ניט מיט איינמאָל איז דער ענטפער אויף די דערמאָנטע פראַגעס געגעבן געוואָרן. ביסלעכווייז זיינען געקומען פּאָזיטיווע ענטפערס און שטופנווייז זיינען די תשובות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ממשותדיגע טאַטן.

פון סאַמע בראשית אָן איז דער אַרבעטער־רינג געווען ניט בלויז אַ בענעפיט־אָרגאַניזאַציע. בילדונגס־אַרבעט, הגם אַ פּרימיטיווע, איז די גאַנצע צייט געטאָן געוואָרן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסברייטערן און פאַרטיפן זי, וועגן אַרבעטן מיט אַ פּלאַן און אַ פּערספּעקטיוו און וועגן באַשטימען אַנטשפּרעכנדיגע פאָנדן אויף דעם צוועק. אויך אין דעם פאַל זיינען געווען קעגנער, אויך דאָ האָט געמוזט אויסגעפאָכטן ווערן די פראַגע — וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט. און אין רעזולטאַט האָט דער אַרבעטער־רינג געטאָן אַ ווייטן שפּרייז פאָראויס אויפן געביט פון פאַרשפּרייטן בילדונג אויף דער יידישער גאַס.

דער ווילן ניט אַרויסצוגיין פון די ראַמען פון בלויז אַ בענעפיט־אָרגאַניזאַציע איז ביי אַ טייל טוער געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן באַקעמפט אַפילו דעם געדאַנק פון אַן אייגענעם זשורנאַל. דאָ האָבן די קעגנער פון בילדונגס־אַרבעט זיך פאַראייניגט מיט די חסידים פון „די צוקונפט", וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס וועט שאַדן ברענגען דעם סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאַל, וואָס איז געווען אָנגעוויזן אויף דער מיטהילף פון די ברענטשעס. די באַדערפעניש צו האָבן אַן אייגענע טריבונע האָט אָבער פאָרט גובר געווען. די 10טע קאָנווענשאַן (1910) האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן איי־

גענע צייטשריפט. דער באַשלוס איז מיט 6,980 שטימען קעגן 2,449 באַשטעטיגט געוואָרן דורך אַ רעפערענדום. אין נאָוועמבער 1910 איז דערשינען דער ערשטער נומער „פריינד", וואָס גייט אַרויס ביז היינטיקן טאָג. דאָס אַרויסגעבן אַן אייגענעם חודש-זשורנאַל איז מאָטיווירט געוואָרן ניט בלויז מיט דעם וואָס דער פונאַנדערגע-וואַקסענער אַרבעטער-אָרדען דאַרף האָבן אַ טריבונע, וואו צו באַ-האַנדלען זיינע אייגענע פּראָבלעמען, נאָר ווי אַ רינג אין אַ סיסטעם פון אַ ברייטער בילדונג-טעטיגקייט.

אַט ווי אַזוי דער ערשטער רעדאַקטאָר — צביון — פאָרמולירט דעם ענין אין לייט-אַרטיקל פון ערשטן נומער „פריינד": „עס איז היינט מער ניט נויטיג צו דערקלערן, אַז דער אַרבעטער-רינג איז עטוואָס מער ווי אַן איינפאַכער פאַרזיכערונגס-אָרדען, וואָס האָט נאָר אַן אויפגאַבע צו צאָלן בענעפיטס זיינע מיטגלידער. עס ווייסט שוין היינט יעדער מיטגליד פון אַ.ר., אַז דער אַ.ר. אַנטהאַלט אין זיך, אחוץ דעם בענעפיט, אויך עטוואָס אַנדערעס, העכערעס און אידעאַלערעס, וואָס לאָזט זיך ניט מעסטן אין סענטן און דאָלאַרן".

נאָך דעם ווי די קעגנער פון אַרויסגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל האָבן פאַרשפּילט, האָבן זיי געקעמפט פאַר באַגרענעצן זיין פאַר-נעם און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך באַשעפטיגן אויסשליסלעך מיט די ספּעציעלע אַרבעטער-רינג-פראַגן. די פריינד פון „פריינד" האָבן זיך אָבער אַנטקעגנגעשטעלט אַזאַ פאַרשמעלערונג פון די אויפ-גאַבן. זייער שטאַנדפונקט ווערט פאָרמולירט אין פּראָגראַם-אַרטיקל פון אַ. ש. זאַקס, וועלכער האָט אין סעפּטעמבער 1912 איבערגענומען דעם רעדאַקטאָר-אַמט: „לויט דעם באַשלוס און גייסט פון דער לעצ-טער קאָנווענשאָן, דאַרף דער ‚פריינד' אויך זיין ביז צו אַ געוויסער מדרגה אַ דערציאונגס-שריפט. ער דאַרף זיין אַזאַ מין דערציאונגס-אָרגאַן, וואָס זאָל אין זיך האָבן לייכט מאַטעריאַל צום לעזן, אַזוי אַז ער זאָל ווערן אַ פאַמיליע-בלאַט אינם הויז פון יעדן מיטגליד פון אַ.ר.. עס זאָלן דאָרט געפינען וואָס צו לעזן אויך די פרוי און די דערוואַקסענע קינדער פונם אַרבעטער". ערשט די 12טע קאָנווענ-שאָן האָט אָראָפּגענומען דעם פאַרבאָט צו דרוקן אין „פריינד" אַרטיקלען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וואָס האָבן ניט קיין דירעקטן שייכות צו ענינים פון אַרבעטער-רינג.

די 10טע קאָנווענשאָן, וואָס האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל, האָט אויך מיט אַ צווייטן באַשלוס אַ רוק געטאָן

פאַראוים די בילדונגס־אַרבעט. ס׳איז דעמאָלט געוויילט געוואָרן אַ שטענדיקער קאָמיטעט פון 10 מיטגלידער, וואָס איז באַקרוינט גע־וואָרן מיטן נאָמען „עדיוקיישאָנעל ביוראָ״. (אַ באַשלוס וועגן שאַפן אַזאַ ביוראָ האָט פריער אָנגענומען די 8טע קאָנווענשאָן און אַסיג־נירט אַ סומע פון טויזנט דאָלער אויף בילדונגס־אַרבעט). אַ דאַנק דעם אַנטשטיין פון אַ ספּעציעלער קערפּערשאַפט האָט מען גע־קענט קלערן וועגן אַ מער פּראָדוקטיווער און סיסטעמאַטישער ביל־דונגס־אַרבעט. צווישן די רעקאָמענדאַציעס, וואָס די 10טע קאָנווענ־שאָן האָט אָנגענומען, איז אויך געווען, אַז מ׳זאָל איינאָרדענען קורסן פון לייענען און שרייבן יידיש. די קעגנערשאַפט צו אַ ברייטער בילדונגס־טעטיקייט איז נאָך דעמאָלט געווען אַ שטאַרקע אין דער אָנפירונג. דער נ. ע. ק. האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די סומע, וואָס וועט אַסיגנירט ווערן פאַרן „עדיוקיישאָנעל ביוראָ״, זאָל באַטרעפן סך־הכל 300 דאָלער אַ יאָר. די קאָנווענשאָן האָט אָבער באַשלאָסן באַ־דייטנדיק צו העכערן די סומע און באַשטימט צו שיקן צום רעפער־רענדום פאָלגנדיגע 2 סומעס: 2 אָדער 3 טויזנט דאָלער. מיט אַ גרויסער מערהייט איז אין רעפערענדום אַדורך 3 טויזנט דאָלער. מיט דעם האָט די מיטגלידערשאַפט געזאָגט, אַז זי וויל אַ ברייטערע קולטור־אַרבעט.

ניט בלויז איז געווען אַ שטאַרקער ווילן פאַר אַזאַ טעטיקייט, עס זיינען אויך געווען די מעגלעכקייטן. דער גרויסער איינוואַנ־דערונגס־שטראָם האָט געבראַכט פון מזרח־אייראָפּע אַ סך שרייבער, רעדנער און פאַרשידענע אַנדערע שיכטן פון דער יידישער אינטע־ליגענץ. צוזאַמען מיט די אינטעליגענטן פון די פריערדיגע איינ־וואַנדערונגען איז שוין געווען אַ היפשער שיכט פון גייסטיגע קרעפטן. ס׳איז געווען וועמען איינצושפּאַנען אין אַ סיסטעמאַטישער בילדונגס־אַרבעט. אין אויגוסט 1912 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון ניו־יאָרקער ברענטשעס, וואו עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די פּלענער פון דער בילדונגס־אַרבעט. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין אַ בוך אַ סעריע לעקציעס איבער „וועלט און מענטש־הייט״. ווי גרויס ס׳איז געווען די באַדערפעניש פון אַזאַ טעטיקייט, איז צו זען פון דעם, וואָס דאָס בוך „וועלט און מענטשהייט״ איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן אין 6 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אין גאַנצן לאַנד זיינען דורכגעפירט געוואָרן לעקציעס און פאָרלעזונגען. די ברענטשעס האָבן דעמאָלט פון זייערע פאָנדן אויסגעגעבן יעדן יאָר

עטלעכע צענדליג טויזנט דאלער אויף בילדונגס-־ארבעט. וואָס שייך די הוצאות פון צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט, זיינען זיי געדעקט געוואָרן פון אַ ספּעציעלן טעקס, וואָס די קאָנווענשאָנס, מיט דער צושטימונג פון רעפערענדום, האָבן אַרויפגעלייגט אויף די מיטגלידער.

אין שייכות מיט דער בילדונגס-אַרבעט איז אויף דער 13טער קאָנווענשאָן (1913) פאָרגעקומען אן אינצידענט, וואָס האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע. דער באַריכט-אָפּגעבער פון בילדונגס-קאָמיטעט איז אויף יענער קאָנווענשאָן געווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. ווען ער האָט באַגרינדעט די נויטווענדיגקייט פון שולן פאַר דערוואַקסענע צו לערנען לייענען און שרייבן יידיש, האָט ער געזאָגט, אַז 40 פּראָצענט פון די אַרבעטער-רינג מיטגלידער זיינען אַנאַלפאַבעטן, וועלכע קענען אפילו יידיש ניט שרייבן. די דאָזיגע דערקלערונג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג צווישן די מיטגלידער. מ׳האָט זשיטלאָווסקיס „זאָג״ באַטראַכט פאַר אַן עוולה לגבי דעם אַרבעטער-רינג און זיינע מיטגלידער. פון דער צווייטער זייט האָבן די קעגנערישע צייטונגען, וואָס האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט צו שטערן דעם אַרבעטער-רינג, ברייט צעשמירט זשיטלאָווסקיס ווערטער. אַ סך ברענטשעס האָבן פּראָטעסטירט און דערקלערט, אַז די מעשה שטימט ניט מיטן אמת. אָבער אַז קאַמף קעגן אַנאַלפאַבעטיזם אין געוויסע ראַמען איז נויטיג, האָט מען ניט געלייקנט.

אויף דער 14טער קאָנווענשאָן (1914) האָט דער בילדונגס-קאָמיטעט פאָרלאַנגט אַ העכערן בודזשעט. די העכערונג איז באַגרינדעט געוואָרן מיט דעם, וואָס די טעטיגקייט איז אַ פאַרצווייגטע. אָט ווי די טעטיגקייט האָט אויסגעזען אין די אייגענע ווערטער פון בילדונגס-קאָמיטעט: „אחוץ מינדלעכע און שריפטלעכע דערציאונגס-אַרבעט, דאַרף אויך דער בילדונגס-קאָמיטעט העלפן די ברענטשעס גרינדן ביבליאָטעקן פון דער בעסטער יידישער ליטעראַטור. צו דעם צוועק דאַרף ער איינלאַדן קאָמפּעטענטע מענטשן, וועלכע זאָלן אויסאַרבעטן גוטע קאַטאַלאָגן פאַר גרעסערע און קלענערע ביבליאָטעקן. דער בילדונגס-קאָמיטעט דאַרף באַזאָרגן אומעטום, וואו עס זיינען דאָ אין אַרבעטער-רינג אַנאַלפאַבעטן, אַלף-בית-שולן אויף צו לערנען לעזן און שרייבן יידיש און די ערשטע ידיעות אין חשבון, געשיכטע, די קאָנסטיטוציע פון לאַנד א. א. וו.. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרף געגעבן ווערן צו די זונטאָג-שולן, וואָס זיינען

געגרינדעט און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון א.־ר.. דער בילדונגס־קאָמיטעט דאַרף איינפירן ספּעציעלע קלאַסן פאַר סעקרעטאַרן פון ברענטשעס, וועלכע ווילן האָבן אַ בעסערע ידיעה אין פירן ביכער, שרייבן בריוו און בכלל אין אָנפירן די ביזנעס פון ברענטש" („פריינד", אַפּריל 1914). אין באַריכט צו דער 14טער קאָנווענשאָן זאָגט דער בילדונגס־קאָמיטעט: „דאָס פעלד איז זייער גרויס און ברייט, און גלייכצייטיק רוי און פאַרלאָזן. די אַנטוויקלונגס־מדרגה פון אונזערע מיטגלידער איז אַ פאַרשידנאַרטיגע. אונזער אַרבעט איז זייער און זייער אַ קאָמפּליצירטע. און צו דעם איז דער פאָנד אַן אומבאַדייטנדער — בלויז 2 טויזנט דאָלער אויף 45 טויזנט מענטשן! דאָס מאַכט אויס קאַרגע 4 סענט אַ יאָר אויף אַ מיטגליד". הגם דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט דאָ געמאַכט אַ טעות אין חשבון — ניט „קאַרגע" 4 סענט, נאָר איבער 4 — האָט ער אָבער ריכטיג אָפּגעשאַצט, אַז „דער פאָנד איז אַן אומבאַדייטנדער" און איז ווייט צו ווייניג אויף צו פירן די בילדונגס־אַרבעט, וואָס איז געווען נויטיג. דער באַריכט דערציילט אויך, אַז במשך פון יאָר זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דריי לעקציע־טורס אין 63 שטעט. אין ניו־יאָרק האָט מען געשיקט אין די ברענטשעס רעדנער איינצולייטן די דיסקוסיעס.

אין די וויטערדיגע פאַר יאָר איז די בילדונגס־טעטיגקייט נאָך מער אויסגעברייטערט געוואָרן. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרלעזונגען, ביכער־אויסגאַבן, עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט דורך קאָרעספּאָנדענץ, מ'האָט געפירט די־סקוסיעס, געגרינדעט כאָרן, געזאַנג־פאַראיינען און דראַמאַטישע קרייזן, אַראַנזשירט עקסקורסיעס אין מוזייען, געהאָלפן שאַפן לעזע־זאַלן און ביבליאָטעקן. מ'האָט אינסטרואירט די ברענטשעס, אַז זיי זאָלן פאָדערן פון די אָרטיגע שטאָט־ביבליאָטעקן אָריינצונעמען יידישע ביכער. מ'האָט זיך ברייט פאַרמאָסטן אויפן געביט פון פאַר־לאַג־טעטיגקייט. מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ סעריע ביכער פון פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע צווייגן. די אויסגאַבעס פון דער „אַרבעטער־רינג ביבליאָטעק" האָט מען געדרוקט אין 6 טויזנט עקזעמפּלאַרן, און פון איינציגע האָט מען נאָך געדאַרפט דרוקן אַ צווייטע אויפלאַגע. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט מען פון די ביכער, וואָס די „אַרבעטער־רינג ביבליאָטעק" האָט אַרויסגעגעבן, פאַרקויפט 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אין ניו־יאָרק איז פון א.־ר.־מיטגלידער געגרינדעט געוואָרן אַ כאָר, וואָס איז אונטער דער

אָנפֿירונג פֿון מוזיקער י. פּיראָזשניקאָוו צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אויף דער 16טער קאָנווענשאָן. אין אַ ריי שטעט האָבן די דראַמאַטישע קרייזן, צווישן זיי אויך „די פֿרייע יידישע פֿאָלקס-בינע", וואָס האָט אין 1915 זיך געגרינדעט אַלס ברענטש פֿון אַ.-ר. (555), געגעבן פֿאָרשטעלונגען. די הכנסה פֿון די פֿאָרשטעלונגען איז געגאַנגען פֿאַר פֿאַרשידענע הילף-צוועקן. דער בילדונגס-קאָמיטעט האָט זיך פֿאַרשטענדיגט מיטן „באָארד אָוו עדיוקיישאָן" פֿון דער שטאָט ניו-יאָרק און באַקומען פֿון אים די דערלויבעניש זיך פֿריי צו באַנוצן מיט די זאַלן פֿון די פּאָבליק-סקולס פֿאַר לעקציעס און פֿאָרלעזונגען. צו דער 16טער קאָנווענשאָן האָט דער בילדונגס-קאָמיטעט באַריכטעט, אַז דער „באָארד אָוו עדיוקיישאָן" האָט געגעבן די דערלויבעניש אויף 35 לעקציעס אַלס אַ פּראָבע. אויף דעם צווייטן יאָר זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן לעקציעס אין צוזאַמענאַרבעט מיטן שטאָטישן „באָארד אָוו עדיוקיישאָן". דאָס האָט אָבער געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן, ווייל דער „באָארד אָוו עדיוקיישאָן" האָט פֿאַרלאַנגט, אַז די לעקציעס, וואָס ער אַליין אָרגאַניזירט און וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שייכות מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג, זאָלן אויך אַנאָנסירט ווערן פֿון אַרבעטער-רינג. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט איז געווען קעגן דעם, אַז דער אַרבעטער-רינג זאָל נעמען וועלכע ניט איז פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר לעקציעס, וואָס די שטאָט-פֿאַרוואַלטונג אָרדנט איין. אַזוי האָט אויפֿגעהערט די בשותּפֿותדיגע אַרבעט צווישן ביידע צדדים — אַ צוזאַמענאַרבעט, אין וועלכער דער אַ.-ר. האָט געגעבן דעם עולם און די לעקטאָרן, און די שטאָט האָט געגעבן די זאַלן און דעם לוין פֿאַר די לעקטאָרן. די ערשטע 10 לעקטאָרן זיינען געווען ה. ראָגאָף, וו. עדלין, ד"ר נ. סירקין, מ. סמירנאָוו, ד"ר ה. זאָלאָטאַראָף, ד"ר ב האָפֿמאַן (צביון), מ. רעגאַלסקי, יצחק אייזיק הורוויטש, א. ש. זאַקס און פּ. געליבטער.

אויסער דער זאָרג פֿאַר אויסבילדן די מיטגלידער, באַקעמפֿן דעם אַנאַלפֿאַבעטיזם, געבן זיי געוויסע עלעמענטאַרע קענטענישן און בכלל אויסברייטערן דעם האָריזאָנט פֿון דעם יידישן אַרבעטער-עולם, האָט אַלץ מער און מער אָנגעהויבן פֿאַרנעמען די מוחות די פֿראַגע פֿון דערציאונג פֿאַר די קינדער. להיפּוך צו דער אַלטער היים, וואו עס איז דעמאָלט נאָך ניט געווען קיין אַלגעמיינע צוואַנגס-בילדונג און ס'איז אויך ניט געווען קיין גענוגנדיגע צאָל בילדונגס-אַנשטאַלטן פֿאַר אַלעמען, זיינען דאָ די שולן געווען אָפֿן פֿראַנק און

פריי פאַר אַלע קינדער. יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך אָבער ניט געקענט צופרידנשטעלן מיט דעם. עס האָט געפעלט אַ יידישע, אַ סאָציאַליסטישע דערציאונג.

דער ערשטער שריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט, זיינען געווען זונטאָג־שולן, וואָס האָבן געטראָגן אַ סאָציאַ־ליסטישן כאַראַקטער. אויף דער 8טער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן דעם 8־10 מאַי 1908 אין פילאַדעלפיע, איז אָנ־גענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע אַז „די ברענטשעס זאָלן אויף זיך נעמען די איניציאַטיוו צו גרינדן סאָציאַליסטישע קינדער־שולן, ווי עס האָבן שוין געטאָן אייניגע ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג".

די ערשטע סאָציאַליסטישע זונטאָג־שול איז געגרינדעט גע־וואָרן פון ברענטש 2 אַ.־ר. אין האַרלעם, ניו־יאָרק. געווען איז דאָס דעם 10טן נאָוועמבער 1906. אין 1907 איז אַנטשטאַנען אַ צווייטע, אין מעדיסאָן סטריט, דאָון טאַון ניו־יאָרק. אין זעלבן יאָר האָבן דריי ברוקלינער ברענטשעס געגרינדעט אַ דריטע זונטאָג־שול אין וויליאַמסבורג. אין די יאָרן 1911 זיינען בלויז אין ניו־יאָרק געווען 10 אַזעלכע שולן מיט בערך 1500 קינדער. די ניו־יאָרקער זונטאָג־שולן זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך 42 ברענטשעס. דעם ביישפּיל פון ניו־יאָרק האָבן נאָכגעטאָן אַ ריי פּראָווינץ־שטעט. אין די אָנ־פאַנג־קלאַסן פון די זונטאָג־שולן האָבן די קינדער פריילעך פאַר־בראַכט אין דער אַטמאָספער פון מוזיק, געזאַנג און טענץ. אין די העכערע קלאַסן האָט מען מיט די קינדער געלערנט קולטור־גע־שיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און זיי באַקאַנט געמאַכט מיטן לעבן און שאַפן פון גרויסע פּערזענלעכקייטן. אין 1911 האָט זיך גע־גרינדעט אַ פאַראיין פון די לערער, וועלכע האָבן געלערנט אין די סאָציאַליסטישע זונטאָג־שולן. דער פאַראיין האָט זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן אַן איינהייטלעך פּראָגראַם פאַר די שולן.

מיט דער צייט האָט זיך אַנטוויקלט אַן אומצופרידנקייט מיט דעם אינהאַלט פון די שולן. די זונטאָג־שולן האָבן ניט פאַרמאָגט קיין יידישן אינהאַלט. די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג האָבן גאָרניט געהאַט קעגן סאָציאַליסטישן און ראַדיקאַלן גייסט פון די שולן, זיי האָבן אָבער אויך געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן דאָרט באַ־קומען געוויסע יידישע קענטעניש, מ'זאָל זיי דאָרט לערנעןריידן, לייענען און שרייבן יידיש, אַביסל יידישע געשיכטע א. ד. ג. טייל מיטגלידער האָבן מחמת דעם אָנגעהויבן שיקן זייערע קינדער אין

נאַציאָנאַליסטישע שולן און אפילו אין תלמוד תורהס. איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן ביים אַרבעטער־רינג שולן, וואו די קינדער זאָלן באַקומען אי אַ סאָציאַליסטישע, אי אַ יידישע דער־ציאונג. שוין אויף דער 10טער קאָנווענשאָן (1910) האָט צביון אויפגעהויבן די פראַגע פון שאַפן יידישע אַרבעטער־רינג־שולן. קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג האָט די פראַגע ניט געפונען. אויף איניגע ווייטערע קאָנווענשאָנס איז די פראַגע ווידער אַרויפגעשוואומען. עס איז דעבאַטירט געוואָרן צי זאָל דער אַרבעטער־רינג זיך ווייטער האַלטן ביים טיפּ פון זונטאָג־שולן, אָדער שאַפן אַ טיפּ פון אַ מאָ־דערנער יידיש־וועלטלעכער שול. די קעגנער פון שאַפן יידיש־וועלט־לעכע שולן האָבן זיך געשטיצט אויף די אַלגעמיינע שפּראַכלעך־אַסי־מילאַטאָרישע טענדענצן, וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס, וואו ריידן יידיש און זיך אינטערעסירן מיט יידישער קולטור איז ביי פיל געווען אַ סימן פון „גרינקייט” אָדער פון נאַציאָנאַליזם. די פאַרקעמפער פאַר אַ יידישער שול האָבן זיך סומך געווען אויף די נייע באַגריפן, וואָס די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער און אינטעליגענץ האָבן געבראַכט פון דער אַלטער היים. דאָס זיינען געווען נייע באַגריפן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, נייע בליקן וועגן דער יידישער שפּראַך און קולטור.

ביי די ערשטע פאַר פּרואוון האָבן די אָנהענגער פון אַ מאָ־דערנער יידיש־וועלטלעכער שול פאַרלוירן. די אַלטע געוואוינהייט איז געווען שטאַרקער פון דראַנג צו געבן די קינדער אַ געזונטע, יידיש־סאָציאַליסטישע דערציאונג. דער שטרייט אין אַרבעטער־רינג אַרום דער פראַגע פון קינדער־דערציאונג איז ניט געווען קיין איזאָ־לירטע דערשיינונג.

„דאָס איז געווען אַ סך אַ טיפערער און אַ ברייטערער קאָנפליקט. דאָס איז, אין תוך גענומען, געווען אַ צוזאַמענשטויס צווישן פאַר־שידענע געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען. אַ מלחמה צווישן לעבנס־פילאָזאָפיעס, וואָס יעדע פון זיי האָט געשטרעבט צו באַהערשן דאָס גאַנצע יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־לעבן. פון דער אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכער סביבה האָבן די פאַרשידענע שיטות זיך אַריינ־געריסן אינם סאָציאַליסטישן אָרדען אַזוי, אַז זייער צוזאַמענשטויסן זיך אינעווייניג אינם אַרבעטער־רינג איז געווען אַ רעזולטאַט און אַ המשך פונם אידעען־קאַמף, וואָס האָט פריער נאָך אַרומגעכאַפּט

שיער ניט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט״ (ש. ניגער: „אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג״, 1940, ניו־יאָרק).

די דורכפאַלן האָבן ניט אַנטמוטיגט די אָנהענגער פון אַ נייער יידישער שול. ווידער און ווידער האָבן זיי אויפגעהויבן די פראַגע. און פאַמעלעך איז דער אַרבעטער־רינג אַרויף אויפן וועג פון בויען יידיש־וועלטלעכע שולן. אויף דער 15טער קאָנווענשאָן (1915) אין שיקאַגאָ איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ פאָרשלאַג, אַז דער ביל־דונגס־קאָמיטעט „זאָל שענקען אויפמערקזאַמקייט צו דער דערצי־אונג פון יונגן דור דורך פרייע סאָציאַליסטישע זונטאָג־שולן פאַר קינדער, יידישע און ענגלישע״. דאָס האָט באַדייט, אַז זונטאָג־שולן בלייבן, ענגליש בלייבט, דאָס איינציגע נייעס איז געווען, אַז עס קענען אויך זיין זונטאָג־שולן מיט דער יידישער שפּראַך. אָבער אפילו אָט די קליינע אָפּווייכונג האָט ניט נושא־חן געווען. אויף דער קאָנווענשאָן־קאָמיסיע איז געווען אַ מערהייט און אַ מינדערהייט. די לעצטע איז געווען קעגן דעם, אַז מ׳זאָל דערמאָנען דאָס וואָרט „יידישע און ענגלישע״, ווייל דער אַ.־ר. איז ניט קיין אָרגאַניזאַציע מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם יידישן שטעמפּל. עס האָבן ניט גע־האָלפן די קעגן־אַרגומענטן, אַז דער אַרבעטער־רינג באַשטייט דאָך פון יידן, ביי וועלכע די הויפּט־שפּראַך איז יידיש. דער באָדן איז נאָך ניט געווען רייף אפילו פאַר אַזאַ פאָרזיכטיגער פאַמעלעכדיגער רעפאָרם. אין אַ נאָמענטלעכער אָפּשטימונג האָט די קאָנווענשאָן מיט 52 שטימען קעגן 35 אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע־מערהייט.

מער מזל האָט דער געדאַנק וועגן בויען יידיש־וועלטלעכע שולן געהאַט מיט אַ יאָר שפּעטער אויף דער 16טער קאָנווענשאָן. די דעלעגאַטן האָבן פאַר זיך געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע פון דער ביל־דונגס־קאָמיסיע פון דער קאָנווענשאָן, אַז „די בראַנטשעס זאָלן גרינדן ראַדיקאַל־יידישע שולן פאַר די קינדער פון אַ.־ר.־מיטגלי־דער צו לערנען זיי יידיש״. וועגן זעלבן ענין האָט די רעזאָלוציע־קאָמיסיע פון דער קאָנווענשאָן אַריינגעטראָגן פאָלגנדיגע רעזאָלו־ציע: „מיר אָנערקענען דעם פאַקט, אַז פיל פון אונזערע מיטגלידער זיינען פאַראינטערעסירט זייערע קינדער זאָלן פיל־ווייניג האָבן אַ באַגריף פון דער יידישער געשיכטע, קולטור, שפּראַך און ליטע־ראַטור, און זיינען צוליב דעם אָפט געצוואונגען אָוועקצוגעבן זייערע קינדער צו אָרטאָדאָקסישע מלמדים, ווייל עס פעלן פרייע יידישע

ראַדיקאַלע פאָלקס-שולן; אַזוי ווי די לעצטע צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו גרינדן ראַדיקאַלע יידישע פאָלקס-שולן, אין וועלכע די קינדער זאָלן זיך לערנען אָן דעם איינפלוס פון פאַנאַטיזם אָדער רעליגיע — דעריבער באַשליסן מיר אויפצופאָדערן אונזערע ברענטשעס און אונזערע מיטגלידער זיך אָנצושליסן צו די סאָציאַליסטישע יידישע שולן אין די ערטער, וואו אַזעלכע עקזיסטירן שוין, און העלפן אויפבויען אַזעלכע דאָרט, וואו זיי זיינען נאָך דערוויל ניטאָ".

די דאָזיגע רעזאָלוציע איז געגאַנגען אַ סך ווייטער פון דער דורכגעפאַלענער — אויף דער פריערדיגער קאָנווענשאָן. זי האָט שוין קלאָר גערעדט וועגן כאַראַקטער פון די יידיש-סאָציאַליסטישע שולן, וואָס זאָלן געשאַפן ווערן. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז זי האָט אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטע דעבאַטע. די קעגנער האָבן גערעדט מיט נאַציאָנאַליזם. נ. פיינערמאַן, וועלכער האָט היים פאַרטיידיגט די פאַרגעשלאָגענע רעזאָלוציע, האָט זיך באַמיט די מורא וועגן נאַציאָנאַליזם צו באַזייטיגן דורך פאַררופן זיך אויף דעם „בונד" און אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַר אַזעלכע שולן. פאַרקערט, האָט ער אַרגומענטירט, דורך בויען אייגענע יידיש-וועלטלעכע שולן, מיט אַ סאָציאַליסטיש-ראַדיקאַלן אינהאַלט, וועט מען פאַרהיטן אַז די קינדער פון די אַרבעטער-רינגמיטגלידער זאָלן דאַרפן גיין אין שולן מיט אַ שאָוויניסטישן גייסט. מיט 55 שטימען פאַר און 43 קעגן איז די רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרן. דער דאָזיגער באַשלוס האָט געעפנט דעם וועג פאַר בויען יידיש-וועלטלעכע שולן.

ס'איז בלויז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ פּרינציפּ, ס'איז אָבער ניט געווען קיין בודזשעט. דאָס האָט געמוזט קומען, כדי ס'זאָל זיך קענען אָנהויבן דער ווירקלעכער איבערגאַנג פון טיפּ זונטאָג-שולן צו די יידיש-וועלטלעכע שולן. מיט אַ יאָר שפּעטער, אויף דער 17טער קאָנווענשאָן (1917) איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַזאַ רעזאָלוציע: „די קאָנווענשאָן פאָדערט אויף דעם בילדונגס-קאָמיטעט ענערגיש אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן נייע און העלפן די שוין עקזיסטירנדיגע שולן, וואו מען זאָל געבן די קינדער פון אַרבעטער-רינג אַ ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע דערציאונג אין יידיש אָדער ענגליש. זי רעקאָמענדירט אויך צו גרינדן אין ניו-יאָרק אַ יידישע אַ.-ר. מוסטער-שול, און אַסיגנירט אויף דעם

1,000 דאָלער. אויף וויפיל עס איז מעגלעך, זאָל מען אָנהויבן אַרויס-
געבן קינדער-ליטעראַטור און לער-ביכער פאַר די שולן״.

ס׳איז געווען אַ פשרה-רעזאָלוציע פון ביידע צדדים — אָנהענגער
פון יידישע און אָנהענגער פון ענגלישע שולן, וועלכע זיינען געווען
פאַרטראָטן אין בילדונגס-קאָמיטעט. הגם אַ קליינער, אָבער פאָרט
דער ערשטער בודזשעט פאַר שולן איז שוין דאָ אויך געווען. באַלד
נאָך דעם זיינען געקומען די יאָרן, ווען דער יידיש-וועלטלעכער שול-
וועזן ביים אַרבעטער-רינג האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעבויט.

אַ באַזונדער אָרט אין דער בילדונגס-טעטיגקייט פון אַרבעטער-
רינג האָבן פאַרנומען די לייבאָר-לייסעאומס. דעם אָנהויב האָט גע-
מאַכט אין 1910 ברענטש 2 אין האַרלעם ניו-יאָרק. פאַר 19 טויזנט
דאָלער האָט דער ברענטש געקויפט אויף 103טער גאַס 2 הייזער און
זיי איבערגעבויט פאַרן געברויך פון אַרבעטער-רינג. נאָך דעם
זיינען געקומען אַנדערע ברענטשעס פון ניו-יאָרק און פון דער
פראָווינץ. די באַדערפעניש צו האָבן אַן אייגן ווינקל, וואו די אַ״ר.
ברענטשעס און קרובישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן קע-
נען פירן זייער טעטיגקייט, וואו אַן אַרבעטער זאָל קענען
סתם פאַרברענגען אין אַ קולטורעלער אַטמאָספער, האָט באַ-
וואויגן אַ סך ברענטשעס צו פאַרווענדן ענערגיע און געלט אויף
שאַפן די לייבאָר-לייסעאומס. אין יאָר 1911 זיינען 110 ברענטשעס
געווען באַטייליגט אין לייבאָר-לייסעאומס אָדער אין אַקציעס אויפ-
צובויען אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע היימען. באַזונדערס פיל מי,
טרייטשאַפט און געלט פאַר די לייבאָר-לייסעאומס האָבן די מיטגלי-
דער פון אַ״ר. אַוועקגעגעבן אין אַ ריי פראָווינץ-שטעט, וואו עס
זיינען אויסגעבויט געוואָרן פרעכטיגע בנינים, וואָס זיינען במשך
פון לאַנגע יאָרן געווען אַ צענטער פאַר דער גאַנצער יידישער אַר-
בעטער- און קולטור-באַוועגונג. אַמווינציקסטן הצלחה האָבן די
לייבאָר-לייסעאומס געהאַט גראָד אין ניו-יאָרק, הגם אויך דאָ זיינען
זיי שטאַרק נויטיק.

16. ברייטע הילף־אַרבעט

פאַרשיידנאַרטיג איז געווען די טעטיגקייט פון אַרבעטער־רינג און זיינע ברענטשעס. אַ גרויס אָרט האָט תמיד פאַרנומען דאָס העלפן קראַנקע. קראַנקן־בענעפיט איז דאָך געווען איינער פון די זיילן, אויף וועלכע דער אָרדען האָט זיך געשטיצט. עס זייענען געווען צייטן, ווען דאָס צאָלן קראַנקן־בענעפיט איז אַרויס פון די נאָרמאַלע גרענעצן. ס'איז געווען „אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד", אַז עס באַנוצן זיך מיט דעם בענעפיט מענטשן, וועלכע זיינען ניט באַרעכטיגט דערצו. דאָס פלעגט טרעפן אין צייטן פון אַרבעטסלאָזיגקייט און פון סטרייקן. מ'האָט וועגן דעם גערעדט און געשריבן, אָבער ס'האָט קנאַפּ געהאָלפן. מיטגלידער, וועלכע האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן די צייט פון אַ לאַנג־דויערנדיגן סטרייק אָדער פון סתם אַרבעטס־לאָזיגקייט, האָבן זיך פּלוצלינג דערפילט קראַנק און געפאָדערט בענעפיט.

אויפן געביט פון העלפןווירקלעך קראַנקע האָט דער אַ.־ר. אַ סך געטאָן. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון העלפן שווינדזיכטיגע מיטגלידער. אַזוי ווי אין יענער צייט איז די געפערלעכע טובערקולאָז־קראַנקהייט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער, איז מען געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז גלייכער צו האָבן אַן אייגענע סאַנאַטאָריע פאַר די מיטגלידער. נאָך דער 7טער קאָנווענשאָן איז דורך אַ רעפערענדום באַשלאָסן געוואָרן אין פּרינציפּ, אַז אַזאַ אַנשטאַלט זאָל געשאַפן ווערן. נאָך דער 8טער קאָנווענשאָן איז מען שוין צוגעטראָטן בויען. פאַר 7 טויזנט דאָלער האָט מען געקויפט אַ פאַרם, וואו די סאַנאַטאָריע איז איינגעריכטעט געוואָרן. דעם 12טן פעברואַר 1910 איז דער אַנשטאַלט געעפנט געוואָרן מיט סך־הכל איין פּאַציענט. ליידער, האָבן שפּעטער קיין פּאַציענטן ניט געפעלט. אין ערשטן האַלבן יאָר זיינען שוין געווען 62 קראַנקע, און דאָס האָט געוויזן ווי נויטיג די אינסטיטוציע איז געווען. עס זיינען שוין דעמאָלט געווען אַ סך מער בעלנים, וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין אַ היילונג, אָבער זיי האָבן געמוזט וואַרטן

אין דער ריי, ווייל ס'איז מער קיין פּלאַץ ניט געווען. אויף די מיטגלידער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ טעקס לטובת דעם הייל־אַנשטאַלט. מיטן שאַפן די סאַנאַטאָריע איז צוגעקומען אַ שטענדיגע זאָרג וועגן אויסהאַלטן זי און פאַרזיכערן איר עקזיסטענץ. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ריי קאָנפערענצן, ספּעציעל וועגן שאַפן אַ פאָנד, וואָס זאָל זיכערן די עקזיסטענץ פון אַנשטאַלט.

אין די ערשטע יאָרן האָט מען געדאַרפט פטרן אַ סך מי און ענערגיע איינצושטעלן די נויטיגע דיסציפּלין צווישן די קראַנקע. פיל פּאַציענטן האָבן זיך געפילט און אויפגעפירט אַזוי, ווי קיינער זאָל ניט האָבן קיין רעכט זיי אַ דעה צו זאָגן. זיי האָבן זיך געמישט אין ענינים, וואָס געהערט צו דער פאַרוואַלטונג אָדער צום מעדיציינישן פּערסאָנאַל. גאַנץ אָפט איז דערגאַנגען צו שאַרפע קאָנפליקטן און ווילדע סקאַנדאַלן. די סכסוכים זיינען ניט געבליבן צווישן די ווענט פון הייל־אַנשטאַלט. זיי האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די ברענטשעס. אין 1913-14 האָט זיך שטאַרק געטומלט אין די ברענטשעס צוליבן באַזייטיגן פון סאַנאַטאָריע 3 פּאַציענטן, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן דער דיסציפּלין און געפּרואווט זיך מישן אין ענינים פון דער פאַרוואַלטונג. דאָס איז געווען אין שייכות מיט אַן אַרבעטס־סכסוך ביים בויען אַ שפּיטאָל. אין די ברענטשעס האָבן זיך געשאַפן צדדים. אַ סך האָבן אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס, אַנדערע האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער האַנדלונג פון דער אַדמיניסטראַציע.

ניט געקוקט אויף די שוועריגקייטן אין די ערשטע יאָרן, האָט פונדעסטוועגן דער סאַניטאָריע־קאָמיטעט געקענט באַריכטן צו דער 15טער קאָנווענשאָן (1915) וועגן געמאַכטן פאַרשריט אויפן געביט פון פאַנאַנדערבויען דעם הייל־אַנשטאַלט:

„איבער 5 יאָר ווי די סאַניטאָריע עקזיסטירט. וואָס אַ יאָר מער, אַלץ שענער איז זי געוואָרן. אַ גאַנצע שטאָט איז פאַרבויט געוואָרן מיט פיל פאַרשיידענע געביידעס. סיי אין דער מעדיציניש, סיי אין דער היגיענישער זייט זיינען איינגעפירט געוואָרן פאַרבעסערונגען. אָבער איין זאַך האָט זיך ניט געלאָזט איינפירן, ווי שטאַרק יעדער קאָמיטעט האָט זיך ניט באַמיט: און דאָס איז דיסציפּלין. זינט די סאַניטאָריע איז געעפנט געוואָרן, האָט זיך ווי אַ שטריך דורכגעצויגן די דיסציפּלינלאָזיגקייט, וואָס האָט אָן אויפהער עקזיסטירט. טיילווייז איז דאָס צוליב דעם, וואָס אונזערע

מיטגלידער פילן זיך ווי באַלעבאַטים אין אונזער סאַניטאָריע. דאָס מישן זיך אומעטום ברענגט געוויס ניט קיין גוטס די קראַנקע, וועלכע מוזן פאַרברענגען אין פולשטענדיגער רו אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטוירים".

אין שייכות מיט דעם הייל-אַנשטאַלט פאַר טובערקולאָז-קראַנקע, איז געווען אַ פּראָיעקט, אַז מ'זאָל שאַפן אַ פאַבריק פאַר געוועזענע פאַציענטן, וואו זיי זאָלן קענען אַרבעטן אָן שאַדן פאַר זייער שוואַכן געזונט. אַרום דער פראַגע איז אין די ברענטשעס געפירט געוואָרן אַ גרויסע דעבאַטע. עס איז געווען אַ קאָנקרעטער פאָרשלאָג צו שאַפן אַ שיך-פאַבריק. די קעגנער האָבן מורא געהאַט, אַז אַזעלכע אונטערנעמונגען וועלן ווערן אַ פינאַנציעלע לאַסט פאַרן א.-ר. און האָבן געקעמפט קעגן דעם. דער באַשלוס וועגן שאַפן אַן אינ-דוסטריעלע אונטערנעמונג פאַר געוועזענע פאַציענטן איז ניט פאַר-ווירקלעכט געוואָרן.

אין די ברענטשעס איז איינגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ פאָרם פון הילף פאַר די מיטגלידער. זיי האָבן געגרינדעט קאַסעס צו געבן קליינע הלוואות. אין צייט פון נויט, אַרבעטסלאָזיגקייט, ערנסטער קראַנקהייט אָדער עפּעס אַן אַנדערן דרינגענדיגן פאַל איז אַזאַ הלוואה געווען אַ הילף און פאַרלייכטערונג.

ניט בלויז די אייגענע מיטגלידער זיינען די ברענטשעס געקומען צו הילף. ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג צו העלפן אויך אַנ-דערע. די ברענטשעס זיינען כסדר באַוואָרפן געוואָרן מיט אַפּילן פון אָרגאַניזאַציעס און אפילו יחידים זיי צו העלפן. מ'האָט געפאָ-דערט הילף בעת קאַמפּיינס און סטרייקן — און מ'האָט די הילף געגעבן. מ'האָט זיך געווענדט וועגן העלפן קראַנקע, וועגן שטיצן וויכטיגע פּאָליטישע און קולטורעלע צוועקן, וועגן פינאַנציעל אונ-טערהאַלטן לאַנג-דויערנדיגע סטרייקן און פאַרשיידענע אונטערנע-מונגען. אַ סך ברענטשעס האָבן זיך שטענדיג וואַרים אָפּגערופן. געווען אָבער אויך אַזעלכע ברענטשעס, וואָס זיינען ניט געווען בכוח צו געבן און זיי האָבן פאַרגעלייגט, אַז דאָס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן. אַנשטאָט דעם זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אַ ספּעציעלער הילפס-פאָנד, פון וואַנען עס זאָל קומען די שטיצע פאַר אַזעלכע צוועקן. טייל ברענטשעס האָבן עפנטלעך געמאָלדן, אַז זייערע קאַסעס זיינען ליידיג און געבעטן, מ'זאָל זיך צו זיי ניט ווענדן נאָך שטיצע.

די מיטגלידער האָבן פון די ברענטשעס באַקומען הילף אויך אין

אַנדערע פֿאָרמען. די ברענטשעס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַגיטירן, אַז מ'זאָל ווערן בירגער. אין יענער צייט איז ביי אַ גרויסן טייל אימיגראַנטן געווען אַן אָפּגעלאָזנקייט און גלייכגילטיקייט צו דער פֿראַגע. האָט מען זיך פֿאַרנומען מיט אויפֿקלערן די וויכטיקייט פֿון בירגערשאַפֿט און טאַקע אויך פּראַקטיש מיטגעהאָלפֿן צו דערליידיגן אַלע נויטיגע פֿאָרמאַליטעטן.

אין איינצעלנע ערטער האָט מען אויך געפּרואווט פֿירן אַ טעטיגקייט אויפֿן געביט פֿון קאָאָפּעראַציוון. דאָ און דאָרט איז געעפֿנט געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי, אַ יאַטקע אָדער אַ שפּייז-געשעפֿט. זיי האָבן אָבער ניט אויסגעהאַלטן און זיינען אונטערגעגאַנגען. אין איינצעלנע פֿאַלן האָבן ברענטשעס אָנגעפֿירט קאַמפּיינס צו פֿאַרביליגערן די פּרייזן אויף שפּייז-פּראָדוקטן.

אונטערציענדיג אַ סך-הכל פֿון דער טעטיגקייט פֿאַר דער 13טער קאָנווענשאָן האָט דער „פֿריינד" (מאַי 1913) אין אַ לייט-אַרטיקל געקענט זאָגן: „לעקציעס, דיסקוסיעס, לייבאָר-ליסעאומס, זונטאָג-שולן, ביבליאָטעקן פֿון איין זייט; הלוואה-פֿאָנדן, שטיצע און הילף פֿאַר די נויט-ליידנדיגע, קראַנקע און נידערגעשלאָגענע מיטגלידער און אַן אָפֿענע האַנט פֿאַר אַלע סטרייקן, פֿאַרטיי-אויפֿרופֿן פֿון דער צווייטער זייט, — אָט איז דער סך-הכל פֿון באַריכט, וואָס דאָס פֿאָלק שטעלט צו צו זיינע פֿאַרטרעטער אויף דער קאָנווענשאָן".

אחוץ דער הילפֿס-אַרבעט אויפֿן אָרט האָט דער אַרבעטער-רינג אויך געגעבן הילף אויף יענער זייט ים. במשך פֿון לאַנגע יאָרן איז געפֿלאָסן פֿינאַנציעלע שטיצע צו די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אין די יאָרן פֿון רעאַקציע, ווען די ברייטע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט אין צאַרישן רוסלאַנד האָט אויפֿגעהערט, איז די דאָזיגע שטיצע כמעט ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן. איינצעלנע ברענטשעס, וואָס האָבן נאָך אין אַ געוויסער מאָס אָנגעהאַלטן דעם כאַראַקטער פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן, האָבן זיך ווייטער פֿאַרנומען מיט שיקן סך-מעס געלט אין זייערע היים-שטעטלעך פֿאַר פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע און קהלשע צוועקן. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז הערבסט 1914.

נאָכן אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט זיך פֿאַר די ברענטשעס געעפֿנט אַ ברייט פֿעלד פֿון הילפֿס-אַרבעט לטובת די מלחמה-געליטענע אין אייראָפּע. דעם 6טן דעצעמבער 1914 איז

אין ניו־יאָרק, לויט דעם רוף פֿון נ. ע. ק., אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפֿערענץ פֿון ברענטשעס וועגן העלפֿן די מלחמה־געליטענע אויף יענער זייט ים. 101 ברענטשעס האָבן געשיקט דעלעגאַטן. די קאָנפֿערענץ האָט באַשלאָסן צו באַשטייערן די מיטגלידער פֿאַר דעם צוועק און דורכפֿירן אַ ריי אונטערנעמונגען, כדי צו שאַפֿן אַ געהעריגן פֿאָנד פֿאַר די מלחמה־געליטענע יידן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפֿן אַ הילפֿס־קאָמיטעט פֿון ניו־יאָרקער אַ.־ר. ברענטשעס, וואָס זאָל זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט די ברענטשעס אין לאַנד און זען געמיינזאַם דורכפֿירן אַנטשפּרעכנדיקע אונטערנעמונגען. אין אַ רעפֿערענדום איז באַשטימט געוואָרן, אַז יעדער מיטגליד זאָל געטעקסט ווערן אויף דעם צוועק. דער נ. ע. ק. האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו שאַפֿן אַ הילפֿס־פֿאָנד. אין דער הילפֿס־אַקציע האָבן באַזונדער שטאַרק זיך אויסגעצייכנט די ברענטשעס פֿון דער פּראָווינץ. אין גאַנצן לאַנד זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן פֿאַרשיידענע אונטערנעמונגען, קאָנצערטן, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען און פּיקניקס און די הכנסה פֿון דעם איז געגאַנגען צום הילפֿס־פֿאָנד פֿאַר די מלחמה־געליטענע יידן. דעם 22טן פֿעברואַר 1917 איז געווען אַ ספּעציעלער אַרבעטער־רינג־טאָג צו זאַמלען הילף פֿאַר די מלחמה־קרבנות. דאָס איז געווען אין גאַנצן לאַנד אַ טאָג צו פֿאַרקויפֿן בלימלעך און דורכפֿירן אַנדערע זאַמלונגען. מ'איז אויך געגאַנגען פֿון הויז צו הויז און אַריינגעצויגן אַ גרויסן עולם אין דער הילפֿס־אַקציע.

די הילפֿס־אַרבעט פֿון אַ.־ר. פֿאַר די מלחמה־געליטענע איז געפֿירט געוואָרן אויף צוויי פֿלאַכן: אַ זעלבשטענדיקע דורך די ברענטשעס, און אַ צווייטע בשותפֿות מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

אין דעצעמבער 1914 איז דורך דעם „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט" (אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע) גערופֿן געוואָרן אַן אַלגעמיינע קאָנפֿערענץ אויסצואַרבעטן פּלענער וועגן העלפֿן יידן אין די מלחמה־פֿירנדיקע לענדער. אין קאָמיטעט פֿון הונדערט, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן, איז דער אַרבעטער־רינג געווען פֿאַרטראָטן דורך זיין גענעראַל־סעקרעטאַר ראָזענבלאַט און מאיר לאָנדאָן. דער לעצטער איז אויך אַריין אין „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון 25", וואָס האָט געדאַרפֿט האָבן די השגחה אויף דעם צעטיילן די געזאַמלטע געלטער. אין אַ ריי שטעט האָבן די אָרטיקע ברענטשעס זיך באַ-

טייליגט אין די אַלגעמיינע קאָנפערענצן און הילפס־קאָמיטעטן פאַר יידישע מלחמה־קרבנות.

ביי די טוער און מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג איז געווען אַ מורא, אַז ביים פאַרטיילן די געלטער פאַר די נויט־באַדערפטיגע וועט מען באַוואולהן די אַרבעטער און סתם אָרימערע פאָלקס־שיכטן. פון פריערדיגע דערפאַרונגען האָבן זיי געוואוסט, אַז די אַלגעמיינע קאָ־מיטעטן האָבן קודם אין זינען דאָס רואינירטע בירגערטום און די הילף גייט דורך די „פני", וואָס קענען אין פאַרשיידענע פאַלן אויס־מיידן גראָד די אָממערסטן נויט־באַדערפטיגע.

אויף דער 15טער קאָנווענשאָן (1915) האָט די רעזאָלוציע־קאָ־מיסיע פאָרגעשלאָגן, אַז דער נ. ע. ק. זאָל אויסצאָלן די געזאַמלטע געלטער פון טעקס צו די אַרבעטער־קאָמיטעטן, וואָס עקזיסטירן אין די מלחמה־פירנדיגע לענדער און פאַרנעמען זיך מיט הילפס־טע־טיגקייט. אַ מינדערהייט פון דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע האָט פאָר־געשלאָגן, אַז די געלטער זאָלן געשיקט ווערן דורך דעם „אַמערי־קאַנער יידישן הילפס־קאָמיטעט". די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער מערהייט מיט אַן אויסבעסערונג, אַז פון די געלטער זאָל מען אויך קענען נעמען הילף פאַר נויט־באַדערפטיגע אַרבעטסלאָזע אין אַמעריקע. אין הערבסט 1915 האָט דער אַ.־ר. אָוועקגעשיקט 20 טויזנט דאָלער פאַר מלחמה־קרבנות. די הילף איז געשיקט געוואָרן דורך דעם „אַמעריקאַנער יידישן הילפס־קאָ־מיטעט". צום טשעק איז געווען בייגעלייגט אַ בריוו פון נ. ע. ק., ווי אַזוי דאָס געלט זאָל צעטיילט ווערן. אין הסכם מיטן באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן — איז געווען געזאָגט אין בריוו — זאָלן די געלטער „צעטיילט ווערן אויף אַ פאַסיגן און גערעכטן וועג, בעיקר צווישן די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד און עסטרייך". עס זיינען אָנגעגעבן געוואָרן די אַדרעסן וואוהין דאָס געלט צו באַזאָרגן.

אין יאַנואַר 1916 האָט דער אָרגאַן פון אַ.־ר., דער „פריינד", געקענט מעלדן: „מיר האָבן ניט בלויז ווייט אַריבערגעיאָגט אין דעם פּרט (פון מלחמה־הילף) אַלע אַנדערע יידישע אָרדענס, נאָר מיר האָבן אויך געוויזן אַ ביישפּיל פאַר אַלע יידן אין דער נייער וועלט".

17. אין קאַמף פאַר יידישע רעכט

פון צייט צו צייט איז דעם אַרבעטער־אָרדען אויסגעקומען זיך צו באַטייליגן אין פאַרשיידענע אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע אַק־ציעס. דערביי האָט ער געברענגט צום אויסדרוק זיין ראַדיקאַלן און סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. דאָס זעלבע איז געווען, ווען ער האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ פּרינציפּיעלע שטעלונג צו אַ געוויסן פּראָבלעם.

אין יאָר 1911 האָט דער אַרבעטער־רינג אָנגענומען אַ רעזאָ־לוציע, וואָס פאַרלאַנגט פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט איבערצורייסן דעם עקזיסטירנדיגן האַנדלס־אָפּמאַך מיטן צאַריסטישן רוסלאַנד צוליב דער רוסישער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי יידן. אין יאָר 1916 איז געפירט געוואָרן אַ פּעטיציע־אַקציע אויף אונטערצושטיצן אין קאָנגרעס דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן פאַרבאָטן קינדער־אַרבעט.

די צוגעבונדנקייט צו די אידעאַלן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען באַזונדערס מאַניפעסטירט געוואָרן אין טאָג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב — דעם 1טן מאַי. דער נ. ע. ק. האָט גערופן די בראַנטשעס און מיטגלידער צו פייערן דעם דאָזיגן טאָג. אין אַן אויפרוף פון נ. ע. ק. צום ערשטן מאַי 1912 לייענען מיר: „דער דאָזיגער יום־טוב מוז וואָס וייטער אַלץ מער איינגעוואָרצלט ווערן אין אונזערע הערצער. פייערט דעם 1טן מאַי! דאָרטן וואו עס ווערן אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס, שליסט זיך אָן אין די טויזנטער; דאָרטן וואו עס ווערן ניט אָרגאַניזירט קיין דעמאָנסטראַציעס דורך אַנדערע, נעמט אויף זיך די איניציאַטיוו דאָס צו טאָן".

פאַרן אַ.־ר. האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן באַטייליגן זיך אין אַ „קהילה", וואָס די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" האָט גע־שאַפן אין ניו־יאָרק. דער פאָרזיצער פון דער דאָזיגער „קהילה", ד"ר י. ל. מאַגנעס, האָט זיך געווענדט צום אַ.־ר., אַז ער זאָל אַריינטרעטן אין דער קערפּערשאַפט. מאַגנעס האָט אין דעם בריוו

אויך אַריינגעשאַצט אין נדן, אַז דער אַ.־ר. וואָלט אָן צווייפל אויך געקענט זיין פאַרטראָטן אין דער „אַמעריקען דזשוּאיש קאָמיטע". אין מאַגנעסעס בריוו איז געוואָרן אָנגעוויזן, אַז „די קהילה איז פאַראינטערעסירט אין כשר פלייש, ווייל זי וויל אַריינברענגען אַן אָרדענונג אין תהו ובהו, וואָס הערשט אויף דעם געביט, אָבער ניט דערפאַר, ווייל זי וויל צווינגען יעדן צו עסן דווקא כשרות". און ווייטער: „מיר זיינען פאַראינטערעסירט צו סעטלען סכסוכים, וואָס קומען פאָר צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער ניט דערפאַר, ווייל מיר האָבן אָפיציעלע טעאָריעס בנוגע דעם קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, נאָר ווייל מיר גלויבן, אַז כדי עס זאָל זיין אָרדענונג אין אַן אָרגאַניזירטער יידישער קהילה, דאַרפן זיין פריינדלעכע באַציאונגען צווישן אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער". ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט קומען אויף אַ מיטינג פון נ. ע. ק., כדי זיך אַדורכצושמועסן וועגן דעם ענין. מ'האָט דעם אַ.־ר. אויך איינגעלאַדן צו שיקן דעלעגאַטן צו אַ קאָנפערענץ פון דער קהילה.

צוליב איר כאַראַקטער האָט דער נ. ע. ק. זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דער דאָזיקער קערפּערשאַפט. אָט וואָס ער זאָגט אין באַריכט צו דער 13טער יערלעכער קאָנווענשאָן: „מיר האָבן באַקומען אַן איינלאַדונג צו שיקן דעלעגאַטן צו דער קאָנווענשאָן פון דער ניו־יאָרקער יידישער קהילה. מיר האָבן באַשלאָסן ניט צו שיקן קיין דעלעגאַטן צוליב פאָלגנדיקע סיבות: ערשטנס, איז די קהילה אַ לאָקאַלע ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע. אויב דער אַ.־ר. זאָל זיין פאַרטראָטן אין דער אָרגאַניזאַציע, איז דאָס אַ פראַגע פאַר די ניו־יאָרקער בראַנטשעס. צווייטנס, ווייל די קהילה איז אַ פאַרשיידנפאַרביקע: דער רעליגיעזער עלעמענט זוכט דורך דער קהילה אויפצוהויבן די יידישע רעליגיע, דער פּאָליטישער עלעמענט זוכט צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל פאַר די פּאַרטייען. קורץ, מיר האָבן געזען, אַז דער אַ.־ר. האָט גאָרניט וואָס צו טאָן דאָרט".

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914, האָבן זיך געשטעלט גאָר נייע פּראָבלעמען — אַלגעמיינע און ספּעציעל יידישע. די גאַנצע צייט האָט דער „פריינד" אַגיטירט, אַז אַמעריקע זאָל שטיין פון דער ווייטנס און ניט אַריינטרעטן אין וועלט־קריג. מיט דעם האָט ער געבראַנגט צום אויסדרוק ניט בלויז די אַלגעמיינע פּאַציפיסטישע שטימונגען, וואָס האָבן בכלל געהערשט אין אַמעריקע, נאָר אויך די ספּעציעלע שטימונגען פון די יידישע

פאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט זען אַמעריקע זיך שלאָגן אויף דער זייט פון צאַרישן רוסלאַנד, וואו די נגישות לגבי יידן זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען. אין פעברואַר 1917 האָט דער נ. ע. ק. גערופן די ברענטשעס צו אָרגאַניזירן פּראָטעסט־מיטינגען קעגן קריג. אין לייט־אַרטיקל פון „פריינד", מערץ 1917, ווערט גע־זאָגט: „אַז עס וועט קומען צו אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד, וועט עס דאָך זיין פּשוט אַ טויט־קלאַפּ פאַר די אומגליקלעכע ברידער אונזערע אין פּוילן, ליטע און גאַליציע, פאַר אַלע וועלכע האָבן ביז־איצט באַקומען פינאַנציעלע הילף פון אַמעריקע". דער אַרטיקל פאַרענדיגט זיך מיט די ווערטער: „פריינד! קעמפט, קעמפט קעגן קריג".

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין אַמעריקע געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר זיכערן די רעכט פון די יידן אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער בעת דער קומענדיגער שלום־קאָנפערענץ. אויך דער אַרבעטער־רינג איז געווען באַטייליגט אין פאַרשיידענע אַקציעס און קאָמיטעטן.

שוין דעם 6טן דעצעמבער 1914 האָט אַ קאָנפערענץ פון ניו־יאָרקער ברענטשעס אָנגענומען פאָלגנדיגן באַשלוס וועגן דעם:

„מיר, די מיטגלידער פונם גרויסן ראַדיקאַלן יידישן אָרדען אַ.־ר., פאָדערן אויף די חשובע 25ער עקזעקוטיווע פון דער אַמעריקען דזשואיש רעליף־קאָמיטע, אַז זי זאָל אָנווענדן איר גאַנצע מאַכט און איינפלוס ניט בלויז צו שאַפן מאַטעריעלע שטיצע פאַר די קרבנות פון דער מלחמה, נאָר אויך צו ווירקן דורך אַלע מיטלען און וועגן אויף דעם צוקונפטיגן שלום־קאָנגרעס, אַז דעם יידישן פאָלק זאָלן אַבסאָלוט גאַראַנטירט ווערן אַלע בירגערלעכע און נאַ־ציאָנאַלע רעכט און פולקאָמענע גלייכהייט מיט אַלע אַנדערע פעלקער".

צוזאַמען מיט די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן, מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און „פאָרווערטס"־אַסאָסי־איישאָן האָט דער אַ.־ר. געגרינדעט אַ „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָ־מיטעט פאַר יידישע רעכט". זיין ציל איז געווען צו פירן אַ קאַמף לטובת פּאָליטישער, בירגערלעכער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכ־טיגונג פון די יידן אין יענע לענדער, וואו יידן זיינען געווען בירגער פון אַ צווייטער מדרגה. דעם 5טן און 6טן סעפּטעמבער 1915 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ נאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנווענשאָן,

וואו דער אַרבעטער־רינג איז געווען באַטייליגט. באַלד נאָך דעם האָט זיך געלאָזט מערקן אַן אומצופרידנקייט ביי אַ סך טוער און מיטגלידער פון אַ.־ר.. מ׳האָט אָנגעוויזן, אַז דער אַ.־ר. האָט געשפילט אַ קליינעם ראָל אויף דער קאָנווענשאָן, מ׳האָט אים „פאַרשטופּט אין אַ ווינקל", בעת ער טראָגט די הויפּט־לאַסט אין די פינאַנציעלע אַקציעס. דער „פריינד" האָט די קליינע ראָל פון אַ.־ר. דערקלערט מיט דעם, וואָס צוליב זיין כאַראַקטער האָט ער זיך אין אַ געוויסער מאָס געמוזט האַלטן אין הינטער־גרונט. און דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט געמוזט זיין נייטראַל אין געוויסע שטרייט־פראַגן. ער האָט ניט געקענט פאַרנעמען קיין אויסגעשפּראָכענע שטעלונג, ווייל ער האָט אַ פאַרשיידנאַרטיגן צוזאַמענשטעל פון מענטשן מיט פאַרשיידענע אָנשויאונגען. אויך אין דער צווייטער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 11טן און 12טן פעברואַר 1917, האָט דער אַ.־ר. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. אין איינינגע אָרטיגע אָפּטיילונגען פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט זיינען פאָרגעקומען שאַרפע רייבונגען צווישן די ברענטשעס פון אַ.־ר. און ציוניסטישע עלעמענטן צוליב פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות. בעת די ברענטשעס פון אַ.־ר. האָבן געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט איז צו קעמפן פאַר יידישע רעכט אומעטום, האָט די ציוניסטן אינטערעסירט בעיקר די פראַגע פון ארץ־ישראל.

דער אַ.־ר. איז אויך געווען אַקטיוו אין דער טעטיגקייט פון פּיפּלס־רעליף. וועגן דעם גרויסן אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער דאָזיגער הילפס־אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער און דעמאָקראַטישע פאָלקס־עלעמענטן זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס אויף דער קאָנפערענץ פון פּיפּלס־רעליף אין אויגוסט 1916 זיינען געווען פאַרטראָטן 101 ברענטשעס. אין דער אויסגעוויילטער פאַרוואַלטונג זיינען אויך אַריין אַ.־ר.־פאַרשטייער. די ברענטשעס האָבן אָבער ניט געהאַנדלט איינהייטלעך אויף דער קאָנפערענץ.

דער אַ.־ר. איז געווען פאַר אַ צוזאַמענאַרבעט פון אַרבעטער־סעקטאָר מיטן יידישן בירגערטום אויפן פראָנט פון רעכט פאַר די יידן אין אַנדערע לענדער. דעם 5טן אויגוסט 1915 האָט דער נ. ע. ק. אָנגענומען וועגן דעם אַזאַ רעזאָלוציע:

„מיר, דער נ. ע. ק., באַפולמעכטיגן אונזערע פאַרטרעטער צום נאַצ. אַרבעטער־קאָמיטעט, ווי אויך צו דער קאָנפערענץ, אַז זיי

זאָלן אַרבעטן און שטימען פאַר דעם געדאַנק דאָס די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זאָלן מיטגיין מיט דעם גרויסן יידישן קאָנגרעס, וואָס נעמט אַריין אַלע פאָלקס־שיכטן און ווערט צוזאַמענגעשטעלט אויף דעמאָקראַטישע יסודות. אַלס פּראָלעטאַרישער פליגל זאָל דער אַ.־ר. דאָרט אַרבעטן פאַר דעם פאָרשלאָג צו קריגן בירגערלעכע, נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע רעכט פאַר אַלע יידן אין די גלות־לענדער. וועגן פּאַלעסטינע דערקלערן מיר אויסדריקלעך, אַז דאָס איז ניט אונזער אידעאַל".

דער אַ.־ר. איז אין 1916 געווען פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ פאַר יידן־רעכט אין די מלחמה־פירנדיקע לענדער, וואָס די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" האָט צונויפגערופן.

די ליידן און צרות פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע, וועלכע זיינען געווען אַריינגעצויגן אין ווירבל פון מלחמה און עפּאָכע־מאַכנדיקע פּאָליטישע ענדערונגען, האָבן געהאַלטן אויפגערודערט די הערצער פון די אַ.־ר.־מיטגלידער און זיי האָבן געאיילט מיט מאָראַלישער, פינאַנציעלער און פּאָליטישער הילף.

18. „יונגע“ און „אַלטע“

דער אָרדען האָט אויך געהאַט זיינע אייגענע קליינע און גרויסע צרות. גראַד די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען גע־ווען יאָרן פון שאַרפע אינערלעכע סכסוכים און קאַמפן. עס איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער שטרייט צווישן צוויי לאַגערן, וואָס מ׳האָט באַצייכנט מיט די נעמען „יונגע“ און „אַלטע“. דאָס איז געווען אַ טעמפּעראַמענטפולער קאַמף פון צוויי שיכטן טוער, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר די נשמות און הערצער פון דעם גרויסן מיטגלידער־עולם.

ניט בלויז צוליב דער מעטריקע האָט מען די צדדים געקרוינט מיט דעם סימן „יונגע“ און „אַלטע“. מען האָט צווישן די „יונגע“ געטראָפן עלטערע מענטשן, און צווישן די „אַלטע“ — גאַנץ יונגע. און ניט בלויז צוליב פּראָגראַם־אונטערשיידן. ביי די „יונגע“ האָט טאַקע דאָמינירט אַ מער יידישלעכער עלעמענט, אַ דראַנג צו טאָן יידישע קולטור־אַרבעט, אָבער אויך צווישן די פאַרביסענע „אַלטע“ האָט מען געטראָפן הייסע קעמפער פאַר מער יידיש־נאַציאָנאַלע טענער און פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן, הגם צווישן די „אַלטע“ האָבן זיך רעקרוטירט די קעגנער פון די דאָזיגע שולן. דאָס וואָס האָט אַ גרופּע מענטשן צעמענטירט אין דער מחנה „יונגע“, איז גיכער געווען די שטרעבונג פון אַ נייעם שיכט טוער זיך אַרויפצו־הויבן און איבערנעמען די אָנפירונג פון אָרדען. זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן עס „בעסער מאַכן“, בעת דער אַלטער אָנפירנדיגער שיכט, די „אַלטע גוואַרדיע“, האָט אויף די נייע פּרעטענדענטן גע־קוקט מיט אומצוטרוי.

ווען מ׳זאָל צונויפנעמען די אונטערשיידן, וואָס האָבן געהאַלפן אויספאָרמירן די צוויי קעמפנדיגע בלאָקן, וואָלט זיך באַקומען מער־וויניגער אַזאַ צעטיילונג: א) די „אַלטע“ זיינען געווען לענגער אין אַ.־ר. און האָבן געקוקט אויף פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון אַ מער פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. ב) די „אַלטע“ האָבן געהאַט זייער פעס־טונג אין ניו־יאָרק, בעת די „יונגע“ זיינען געווען שטאַרק אין דער

פראָווינץ, וואו די ברענטשעס האָבן זיך מער פאַרנומען מיט קול־טורעלער און געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט. ג) די „אַלטע" זיינען געווען חסידים פון צענטראַליזאַציע און במילא פון אַ פאַרגרעסער־טער השפעה פון די ניו־יאָרקער, בעת די „יונגע" האָבן געוואָלט אַ מער דעצענטראַליזירטן פאַרוואַלטונגס־סיסטעם, וואָס זאָל זיך אויסדריקן אין אַ גרויסער קאָמפּעטענץ פון די שטאַט־קאָמיטעטן. ד) עס זיינען נאָך געווען געוויסע זייטיגע ענינים, וואָס האָבן די־רעקט צום אָרדען קיין שייכות ניט געהאַט און דאָך געהאָלפן פאַר־טיפן די צעטיילונג: אַ טייל זיינען געווען מיט די „יונגע", ווייל זיי זיינען געווען קעגנעריש צום „פאָרווערטס" א. ד. ג..

קיין קלאָרע אָפּגעגרענעצטע ליניעס צווישן די צוויי מחנות זיינען ניט געווען. אין געוויסע פראַגן האָבן אַ טייל „אַלטע" גע־האַלטן מיט די „יונגע", אָדער אַ טייל „יונגע" האָבן מסכים געווען מיט די „אַלטע". די גרענעצן זיינען דאָ און דאָרט פאַרווישט גע־וואָרן. ס'זיינען אויך געווען איבערלויפער פון איין צד צום אַנדערן. דאָך האָבן די צוויי מחנות פאַרביסן זיך באַקעמפט אַ ריי יאָרן.

איינער פון די פירער פון די „יונגע", א. ראַפּאַלאָווסקי (ברענטש 88) האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם אונטערשייד צווישן ביידע ריכטונגען:

„די ,אַלטע' זעען אין אַ.־ר. אַן אינשורענס־אָרדען מיט אַ סאָציאַליסטיש אָנגעהויכטער אַטמאָספער. זיי זיינען די היטער פון דעם אַלטן פריידענקערישן אפיקורסישן גייסט, ווייל דאָס פריידענ־קערטום און אפיקורסות איז ביי זיי איינע פון די הויפּט־יסודות פון אַ.־ר.. זיי זיינען אויך די היטער, אַז קיין נייע אידעען זאָלן ניט אַריינדרינגען אין דעם אַ.־ר.. זיי ווילן אָפּהיטן דעם אַ.־ר. אין זיין אַלטער ריינקייט, ווי זיי האָבן אים באַשאַפן". „די ,יונגע' ווילן זען דעם אַ.־ר. אַלס דעם הויפּט־טרעגער פון פרייען יידישן פּראָ־גרעסיוון און ראַדיקאַלן געדאַנק, זיי זיינען אָנהענגער פון וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונגען אין אַ.־ר.. זיי ווילן סטאַטיסטיקס אין אַ.־ר., זיי ווילן קולטור־אַרבעט, יידישע סאָציאַליסטישע זונטאָג־שולן א. אַ. וו., א. אַ. וו. פאַרוואָס זאָלן זיי עס פאַרלייקענען — די אַלטע זיינען קעגן דעם" („פריינד", נאָוו.—דעצ. 1911).

אין זיין אָפּשאַצונג פון דער 11טער קאָנווענשאָן גיט צביון אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון די אונטערשיידן: „די ,אַלטע' ווילן האָבן דעם אַ.־ר. אַלס אינשורענס־אָרדען און זיינען קעגן די נייע איינ־

פירונגען אין אים, ווי אַ ספּעציעלן בילדונגס־קאָמיטעט און אַ ספּעציעלן זשורנאַל, בעת די ,יונגע׳ ווילן זען אין דעם אַ.ר. פיל מער ווי אַן איינפאַכן אינשורענס־אָרדען. זיי באַטראַכטן אים בעיקר ווי אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס צאָלט אויך אינשורענס״... „די אויפפאַסונג פון אַ.־ר. אין דער פּראָווינץ איז אַ גאַנץ אַנדערע ווי זי איז אין ניו־יאָרק. דאָרט איז דער אַ.־ר. אַלץ. ער איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, ער איז דער טרעגער פון פרייען געדאַנק און ער איז דער איינציגער קולטור־צענטער. עס איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז דער מיטגליד אין דער פּראָווינץ קוקט אויף דעם אַ.־ר. ווי אויף אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס דער אידעאַל איז אין איר די הויפּט־זאַך. אין ניו־יאָרק און אין די פּאָר אַנדערע גרויסע שטעט זיינען די באַדינגונגען גאַנץ אַנדערע. עס איז פאַראַן אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַ יוניאָן־באַוועגונג א. אַ. וו. אין די גרויסע שטעט קוקט מען אויף דעם אַ.־ר. ווי נאָר אויף אַ געוויסן טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף דעם טייל, וואָס דאַרף באַזאָרגן מיט אינשורענס און ווייטער ניט״ („פריינד״, מאַי־יוני 1911).

אָנגעהויבן אויספּיקן זיך האָבן די צוויי ריכטונגען אין די יאָרן 1908-9. אָבער דער קאַמף צווישן זיי האָט זיך צעפלאַקערט אין די ווייטערדיגע יאָרן. דאָס איז געווען אַ שטורמישער קאַמף, מיט צייטווייליגע זיגן דאָ פון דעם און דאָ פון אַנדערן צד, ביז ער האָט זיך פאַרענדיגט אין 1917 מיטן פולשטענדיגן זיג פון די „אַלטע״. אַ גרויסער טייל פון די פאָדערונגען, פאַר וועלכע די „יונגע״ האָבן אַזוי אייפעריג געקעמפט, זיינען אָבער פאַרווירקלעכט געוואָרן.

יעדעס יאָר איז געווען עפּעס אַן אַנדערע פראַגע, וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון שטרייט: אַמאָל די פאָרם פון פאַרוואַלטונג, אַ צווייט מאָל וועגן דער בילדונגס־אַרבעט אָדער ווער עס זאָל זיין דער גענעראַל־סעקרעטאַר. אָט זיינען אייניגע ביישפּילן: אויף דער 10טער קאָנווענשאָן האָט די „אַלטע גוואַרדיע״ זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַ צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט און די „יונגע״ האָבן געקעמפט פאַר שאַפן אַזאַ אינסטיטוציע. אויף דער 11טער קאָנווענשאָן (1911 אין ראָטשעסטער) זיינען די „אַלטע״ געווען קעגן אָרגאַן פון אַ.־ר., דעם „פריינד״, וואָס האָט לויט אַ פריערדיגן באַשלוס אָנגעהויבן דערשיינען, בעת די „יונגע״ האָבן די צייטונג געהאַלטן פאַר אַ וויכטיגער פּאָזיציע און פאַרלאַנגט דעם זשורנאַל צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן. און ווייל ביי דער „אַלטער גוואַרדיע״ איז

געווען מער קאָנסערוואַטיזם און אַ ווילן צו גיין אויף אויסגעטראָטענע וועגן און זיך קאָנצענטרירן בעיקר אויף די בענעפיטס, האָט די פּריש-איינגעוואַנדערטע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ גיכער גע־צויגן צום צווייטן צד, וואו מ׳האָט זיך פּאַרמאָסטן צו גיין אויף נייע און ברייטע וועגן. אין די יאָרן 1914-16 האָט דער קאַמף צווישן די צוויי פליגלען אָנגענומען אַזעלכע פאַרביסענע פאָרמען, אַז ביידע צדדים האָבן אַפּילו אָפּגעהאַלטן באַזונדערע קאָנפערענצן און מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וואו מ׳האָט אַרומגערעדט די שטרייט-פראַגן אין אַ.־ר..

אויף דער 14טער קאָנווענשאָן האָבן די „יונגע" געהאַט אַ מערהייט דעלעגאַטן, אָבער די קומענדיגע פאַרוואַלטונג איז פאַר־בליבן אין די הענט פון די „אַלטע". אויף דער 15טער קאָנווענשאָן איז געווען פאַרקערט: די „אַלטע" האָבן געהאַט אַ מערהייט דע־לעגאַטן, אָבער די פאַרוואַלטונג איז דעמאָלט אַריבער אין די הענט פון די „יונגע". די דאָזיגע אומקאָנסעקווענטקייט איז געווען מעגלעך אַדאַנק דעם אופן פון וויילן די אַדמיניסטראַציע פון אַ.־ר. (די וואַלן קומען ניט פאָר אויף די קאָנווענשאַנס). דעם 14טן פעברואַר 1915 איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק די נאָמינאַציע־קאָנפערענץ, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסרוקן די קאַנדידאַטן פאַר דער קומענדיגער פאַר־וואַלטונג. די „יונגע" האָבן געהאַט אַ מערהייט. זיי האָבן צווישן די דעלעגאַטן צעטיילט קאַרטלעך מיט נעמען פון זייערע קאַנדידאַטן און אַגיטירט, אַז מ׳זאָל פאַר זיי שטימען. די „אַלטע" האָבן פּראָ־טעסטירט קעגן אַזאַ מעטאָד. אין זייער נאָמען האָט י. וויינבערג געבעטן אַ וואָרט צו ריידן וועגן דעם. מיט 65 שטימען קעגן 59 איז באַשלאָסן געוואָרן אים ניט צו געבן דאָס וואָרט. וויינבערג האָט דעמאָלט גערופן די 59 צו פאַרלאָזן דעם זאַל. דער גענעראַל־סעק־רעטאַר, ד״ר ראָזענבלאַט, האָט אַפּעלירט דאָס ניט צו טאָן. אַ טייל דעלעגאַטן האָט זיך ניט באַטייליגט ביים שטימען די קאַנדידאַטן. די „יונגע" האָבן דעריבער לייכט געקענט דורכפירן זייערע קאַנדי־דאַטן אויפן באַלאָט און במילא איז די אַדמיניסטראַציע נאָך דער 15טער קאָנווענשאָן געווען אין זייערע הענט (1915-16).

די „אַלטע" האָבן באַלד נאָך דער נאָמינאַציע־קאָנפערענץ פאַר־עפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אַן אָפענעם בריוו מיט באַשולדיגונגען קעגן די „יונגע". אין בריוו איז געזאָגט געוואָרן, אַז אויף דער קאָנפערענץ „זיינען פאַרגוואַלדיגט געוואָרן די עלעמענטאַרע רעכט

פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט דורך אָפּוואַרפן יעדן איינעם, וועלכער האָט נאָר געהאַט זיין פּערזענלעכע מיינונג וועגן די פאַר־מען פון פאַרוואַלטונג אָדער וועגן געוויסע אַנדערע פּרינציפּיעלע פראַגן". מיט אַ טאָג שפּעטער (15טן פעברואַר) האָבן די „אַלטע" אָפּגעהאַלטן אַן אייגענע קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון 70 דעלעגאַטן פון 55 ברענטשעס. זי האָט גערופן די ברענטשעס צו פאָדערן פון נ. ע. ק. ניט צו אָנערקענען דעם באַלאָט פון די „יונגע" און דורכפירן אַ צווייטע אָפּשטימונג פון די קאַנדידאַטן אין די ברענטשעס גופא. אָבער די ווענדונג איז געבליבן אָן אַ פּעולה.

דערפאַר האָבן די „אַלטע" זיך אָפּגערעכנט אויף דער קאָנפערענץ פון די ברענטשעס אין ניו־יאָרק און אַרומיגער געגנט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 7טן מערץ, מיטן צוועק צו נאָמינירן קאַנדידאַטן פאַר דעלעגאַטן צו דער יערלעכער קאָנווענשאָן. צווישן די 235 פאַרטרעטער פון 169 ברענטשעס זיינען די כוחות־פאַרהעלטענישן שוין געווען גאָר אַנדערע. די „אַלטע" האָבן דאָ געהאַט אַ מער־הייט. פון דעם איז אַרויסגעקומען, וואָס נאָך אַ קאָנווענשאָן מיט אַ מערהייט דעלעגאַטן פון „אַלטע" איז געקומען אַן אַדמיניסטראַציע פון „יונגע".

די „יונגע" האָבן רעגירט בלויז איין יאָר צייט, ווייל אויף דער נאָמינאַציע־קאָנפערענץ אין יאָר 1916 זיינען זיי שוין געווען אין דער מינדערהייט. אויף דער 16טער קאָנווענשאָן (1916) האָבן די „אַלטע" געהאַט אַ מערהייט דעלעגאַטן און נאָך דעם איז געקומען אויך זייערס אַ פאַרוואַלטונג.

די אינערלעכע רייסערייען האָבן פון די שפּיצן, פון די קאָנ־ווענשאָנס און קאָנפערענצן, אַראָפּגענידערט אין די ברענטשעס און שטאַרק געשטערט די נאָרמאַלע טעטיגקייט. די פאַרביטערטקייט האָט אָפּגעשטויסן אַ סך מיטגלידער, זיי געמאַכט פּאַסיוו. אויב דער שטרייט האָט ביי איין טייל צעקאָכט דיליידנשאַפטן, איז אָבער אַ צווייטן טייל נמאס געוואָרן דער גאַנצער טומל. וואָרן אויך פּערזענלעכע אָנפאַלן און חשדים האָבן אין די טומלענישן ניט גע־פעלט. אין דער צעהיצטקייט זיינען אפילו געפאַלן ווערטער וועגן שפּאַלטונג, אָבער קיין ערנסטע שפּאַלטונג־סכנה איז אין דעם פּעריאָד ניט געווען.

אַ ריי ברענטשעס האָבן געטאַדלט ביידע צדדים פאַר דער אומרואיגקייט און אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס. אַ טייל האָבן

געהאַלטן, אַז ס׳איז ניטאָ צוליב וואָס צו קעמפן. כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער שטימונג איז די רעזאָלוציע, וואָס ברענטש 264 אין שיקאַגאָ האָט אָנגענומען אין יאָר 1915: „דער קאַמף פון די אַזוי־גערופענע, ,יונגע׳ און ,אַלטע׳, טראָץ זייערע דערקלערונגען און פּלאַטפאָרמען, איז אַבסאָלוט פּרינציפּלאָז און איז בלויז אַ פּער־זענלעכער קאַמף פאַר פאַרשיידענע אומצופרידענע און געקריוודעטע פּערזאָנען״... „זייער קאַמף דעמאָראַליזירט די טעטיגקייט פון אַ.־ר. און ווירקט שעדלעך מאָראַליש און מאַטעריאַל אויף זיינע מיטגלידער״. דער ברענטש פּראָטעסטירט קעגן דעם „ברידער־קריג״ און פאַראורטיילט די „דעמאַגאָגן און טומל־מאַכער״.

עס זיינען געווען ברענטשעס, וואָס זיינען אין זייערע פּראָ־טעסט־רעזאָלוציעס קעגן די „טומל־מאַכער״ אַליין ניט געווען אָפּגע־היט מיטן טאָן און באַנוצט ניט־פּאַסיקע געפּעפּערטע ווערטער קעגן די שטרייטנדיגע צדדים.

סוף־כל־סוף האָט זיך דער שטרייט איינגעשטילט. די „אַלטע״ האָבן געזונומען די אויבערהאַנט; געוויסע פראַגן, וועגן וועלכע ס׳האָט זיך געטומלט, זיינען געוואָרן געלייזט אָדער האָבן פאַרלאָרן זייער אַקטועלקייט. סוף דעצעמבער 1916 האָט צו דעם נאַציאָנאַלן די־רעקטאָרן־באָארד געקענט באַריכטן זיין סעקרעטאַר י. ישורין: „דער אַ.־ר. האָט לעצטנס אָנגעהויבן קומען צו זיך. די נערוועזיטעט, אין וועלכער דער אַ.־ר. האָט זיך אַ לענגערע צייט געפונען, איז פאַרשוואונדן. דער ברודער־קריג, אין וועלכן דער אַ.־ר. איז פאַר אַ געוויסע צייט אַריינגעוואָרפן געוואָרן, איז שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט., צו וועלכער, מיר האָפן, דער אַ.־ר. וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן״.

איינע פון די פראַגן, צוליב וועלכע ס׳האָט זיך אַ סך געטומלט בעת דעם שטרייט צווישן די „אַלטע״ און „יונגע״, איז געווען וועגן דער פאָרם פון פאַרוואַלטונג — אַ פראַגע, וואָס האָט געהאַט אַ וויכטיגע באַדייטונג פאַרן לעבן און טעטיגקייט פון אַרבעטער־רינג. דער אַ.־ר., וואָס איז כסדר געוואַקסן און פאַרברייטערט זיין טע־טיגקייט, האָט ניט געקענט שטענדיג בלייבן ביי פריערדיגע פאָר־מען פון פאַרוואַלטונג. פון צייט צו צייט איז געווען נויטיג צו מאַכן ענדערונגען, וואָס זאָלן זיין מער צוגעפּאַסט צו די נייע באַ־דערפענישן.

די ערשטע פאָרם פון פאַרוואַלטונג איז געווען אַן עקזעקוטיוו

און אַ קאָנטראָל־קאָמיטעט. שפּעטער איז צוגעקומען דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באָארד. מיט דער צייט, ווען די טעטיגקייט האָט זיך פֿאַרברייטערט און פֿאַרצווייגט, האָט מען איינגעפֿירט די שטענדיגע קאָמיטעטן פֿאַר ספּעציעלע ענינים: בילדונג, סאַניטאָריע, פּרעסע, קאָנסטיטוציע. אָפֿט זיינען אַנטשטאַנען חלוקי־דעות וועגן דער קאָמפּעטענץ פֿון די באַזונדערע קאָמיטעטן. מיט די סכסוכים צווישן די קאָמיטעטן און דעם עקזעקוטיוו האָבן זיך געמוזט פֿאַרנעמען אייניגע קאָנווענשאָנס.

אין דעם דאָזיגן שטרייט זיינען געקומען צום אויסדרוק צוויי שטרעבונגען. איינע איז געווען אַ צענטראַליסטישע. זי האָט געוואָלט, אַז דער נ. ע. ק. זאָל האָבן די פֿולע דעה און מאַכט. די צווייטע שטרעבונג האָט געצויגן צו דעצענטראַליזאַציע, צו געבן אויטאָנאָמיע די באַזונדערע קאָמיטעטן. דער נ. ע. ק. האָט זיך געמישט אין די ענינים פֿון די באַזונדערע קאָמיטעטן און אומעטום געוואָלט אָנוואַרפֿן זיין ווילן. די סכסוכים אויף דעם באָדן האָבן זיך אַלץ מער פֿאַרשאַרפֿט און די 13טע קאָנווענשאָן (1913) אין פֿילאַדעלפֿיע האָט געפּסקנט לטובת דער אויטאָנאָמיסטישער שטרעבונג. זי האָט געגעבן פֿולע אויטאָנאָמיע די קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט די ענינים פֿון בילדונג, פּרעסע, סאַניטאָריע א. אַ. וו.. די קאָנווענשאָן האָט אויך געפּסקנט לטובת שטאָטישע און דיסטריקט־קאָמיטעטן קעגן די שטאַט־קאָמיטעטן.

די זעלבע 13טע קאָנווענשאָן האָט די דאָזיגע באַשלוסן געהאַלטן פֿאַר צייטווייליגע רעפֿאָרמען. כדי איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל צו געפֿינען אַ פּאַסיגע פֿאָרם פֿון פֿאַרוואַלטונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם אויסגעוואַקסענעם אָרדען, האָט די פֿילאַדעלפֿיער קאָנווענשאָן באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל במשך פֿון אַ יאָר צוגרייטן צו דער נאָנטער קאָנווענשאָן אַ פּלאַן מיט די נויטיגע אויסבעסערונגען. ביז דעמאָלט איז געווען אַ נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט, אַ נאַציאָנאַלער באָארד פֿון דירעקטאָרן און אייניגע שטענדיגע קאָמיטעטן פֿאַר ספּעציעלע צוועקן: קאָנטראָל, קאָנסטיטוציע, בילדונג, פּרעסע, סאַניטאָריע און אַ מעדיצינישער ראַט. מ׳האָט געהאַלטן, אַז דער סיסטעם איז קאָמפּליצירט און טויג ניט. צוליב דעם וואָס מ׳האָט זיך ניט געקענט אייניגן וועגן קאָמפּעטענץ־פֿראַגן, איז געפֿירט געוואָרן אַ פּאָלעמיק אין אַ שאַרפֿן און גערייצטן טאָן. אויף דער 13טער קאָנווענשאָן האָט דער נ. ע. ק. זיך באַקלאָגט, אַז די שטענדיגע

קאָמיטעטן האָבן געוואָלט איגנאָרירן דעם עקזעקוטיוו. די קאָמיסיע, וואָס די פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן האָט באַשטימט, האָט צוגעגרייט אַ פּלאַן, אַז מ׳זאָל אָפּשאַפן אַלע באַזונדערע קאָמיטעטן. אָנשטאָט דעם זאָל געשאַפן ווערן אַן עקזעקוטיוו פון 15 מאַן. דער עקזעקוטיוו זאָל זיך צעטיילן אין עטלעכע סוב-קאָמיטעטן. פאַר די קאָנווענשאָנס זאָלן ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך די באַזונדערע סוב-קאָמיטעטן, נאָר דער עקזעקוטיוו אַלס גאַנצער. דאָס האָט באַדייט, אַז עס זאָל ווערן איינגעפירט, ווי אַמאָל, אַ צענטראַליזירטער סיסטעם פון פאַרוואַל־טונג, אַ פאָרם, וואָס האָט אין אַ־ר. געהאַט אַ סך קעגנער. די לעצטע האָבן געשטרעבט צו באַגרענעצן די מאַכט פון נ. ע. ק. און געבן מער אויטאָנאָמיע די באַזונדערע קאָמיטעטן. דעם נייעם פּראָיעקט האָט די קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן, באַגרינדעט מיט פאָלגנדיגע מאָטיוון: די אַרבעטן פון אַלע קאָמיטעטן זיינען צווישן זיך פאַרבונדן און עס קומען פאָר רייבונגען. איינער שטערט דעם אַנדערן אין דער אַרבעט אויף טריט און שריט. דעריבער זאָל עס הייסן, אַז אַלץ טוט דער עק־זעקוטיוו דורך די סוב-קאָמיטעטן, וואָס ער אַליין טיילט אוים.

די 14טע קאָנווענשאָן האָט געהאַט דריי פאָרשלאָגן וועגן דער פאַרוואַלטונגס-רעפאָרם: א) אַלץ זאָל בלייבן ווי פריער, ב) דעם פריער־דערמאָנטן פּלאַן פון דער קאָמיסיע, וואָס די פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן האָט באַשטימט, ג) דעם אַזוי-גערופענעם ניו-דזשוירזי־פּלאַן, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט דער אַלטער טוער ס. מנקר — גראַד אַ פירער פון די „יונגע". ער איז מיט זיין פּראָיעקט געקומען אויף דריי קאָנווענשאָנס און קיין מזל ניט געהאַט. די 14טע קאָנ־ווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שיקן צו אַ רעפערענדום אַלע דריי פּראָיעקטן.

די גרעסטע צאָל שטימען אין רעפערענדום האָט באַקומען דער „ניו-דזשוירזי-פּלאַן". און ער איז אָנגענומען געוואָרן. לויטן דאָזיגן אָנגענומענעם פּראָיעקט ווערן געוויילט 6 ספּעציעלע קאָמיטעטן, וואָס האָבן צו 5 מיטגלידער. די קאָמיטעטן זיינען פאַר די ענינים פון אָרגאַניזאַציע, בענעפיטס, סאַניטאָריע, בילדונג, אָפּיס, אָנקלאַגעס. זיי אַלע צוזאַמען בילדן די פאַרוואַלטונג — דעם נאַציאָנאַלן עק־זעקוטיוו-קאָמיטעט. די דאָזיגע פאָרם פון פאַרוואַלטונג, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן נאָך דער 15טער קאָנווענשאָן, איז גע־בליבן ביזן היינטיגן טאָג. ענדערונגען זיינען פאַר דער צייט פאַר־

געקומען בלויז אין דער צאָל קאָמיטעטן. די „יונגע" האָבן באַשולדיגט די „אַלטע", אַז זיי זיינען קעגנער פון דער נײַ־אָנגענומענער פאַר־וואַלטונגס־פאָרם און דעריבער אַגיטירט צו ווײַלן „יונגע" אין נ. ע. ק..

עס איז געווען אַ צווייטע פאַרוואַלטונגס־פראַגע: פריער זיינען אויך געווען שטאַט־קאָמיטעטן. אויך דאָ זיינען געווען שטרייטן וועגן קאָמפּעטענצן און דער שטרייט צווישן די „יונגע" און „אַלטע" איז אין דעם געווען פאַרמישט. די „יונגע" האָבן געהאַט שטאַרקע שטיץ־פּונקטן אין די שטאַט־קאָמיטעטן, וואָס האָבן קאָנקורירט מיט דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. די 12טע קאָנווענשאָן (1912) האָט באַשלאָסן אָפּצושאַפן די שטאַט־קאָמיטעטן און אָנשטאָט דעם זאָלן זיין שטאַטישע און דיסטריקט־קאָמיטעטן, וואָס זיינען געווען אונטערגעאָרדנט דעם נ. ע. ק.. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיגט אַ שטרייט, וואָס איז אנגעגאַנגען אויף עטלעכע קאָנווענשאָנס וועגן דער ראָל פון די שטאַט־קאָמיטעטן. די אָנהענגער פון די שטאַט־קאָמיטעטן האָבן באַגרינדעט זייער נוצלעכקייט מיט דעם, אַז זיי זיינען נענטער צו די ברענטשעס און די מיטגלידער ווי דער נ. ע. ק.. דער לעצטער האָט זיי אָבער צוריקגעשלאָגן מיטן זעלבן געווער: די שטאַטישע קאָמיטעטן זיינען נאָך נענטער. טעאָרעטיש און פּראַקטיש וואָלטן געקענט זיין אַלע דריי פאָרמען — נ. ע. ק. פאַרן גאַנצן אָרדען, שטאַט־קאָמיטעטן און שטאַטישע קאָמיטעטן — ענלעך צו די דריי שטופן פון רעגירונג און פאַרוואַלטונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן. אין אַ־ר. איז אָבער אין דעם געווען פאַרמישט „פּאָליטיק" — דער קאַמף צווישן די „אַלטע" און „יונגע". מיט 49 שטימען קעגן 15 האָט די 12טע קאָנווענשאָן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּשאַפן די שטאַט־קאָמיטעטן, און דאָס איז מיט 4,577 שטימען קעגן 2,806 באַשטעטיגט געוואָרן דורך אַ רעפערענדום.

אין דעם פעריאָד איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַן ענדערונג אין דער קאָנסטיטוציע. אין יאָר 1906 איז פאָרגעקומען אַ רעוויזיע פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן בעת דער גרינ־דונג פון אָרדען. אין 1911 איז צו די ברענטשעס אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ נייער קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט. דאָס איז געווען די אַלטע קאָנסטיטוציע, אָבער מיט אַזוי פיל ענדערונגען, הוספות און איבער־רעדאַגירטן טעקסט, אַז מ'האָט עס געקענט האַלטן אין אַ געוויסן זין פאַר אַ נייע קאָנסטיטוציע.

דער קאָמיטעט פון די שטאַטן ניו־יאָרק, ניו־דזשוירזי און אַנ־

דערע זיינען געווען קעגן נייעם פּראָיעקט און גערופן צו שטימען קעגן אים. זיין קעגנערשאַפט האָט דער ניו־יאָרקער שטאַט־קאָמי־טעט באַגרינדעט אין אַ דערקלערונג, אין וועלכער עס ווערט גע־זאָגט:

„ווען מען לייענט דורך די אַלטע קאָנסטיטוציע און מען פאַר־גלייכט זי מיט דער נייער, דאַכט זיך אויבערפלעכלעך, אַז קיין גרויסער אונטערשייד איז ניט פאַראַן: אייניגע פּונקטן אַ ביסעלע געענדערט, אַ פּאָר נייע און דאָס איז אַלץ. טראַכט מען זיך אָבער אַריין אַ ביסעלע טיפער, דערזעט מען איין גרויסן אונטערשייד". און עס ווערט באַשולדיגט, אַז בעת די אַלטע קאָנסטיטוציע איז געווען מער אָדער ווייניגער אַ דעמאָקראַטישע, וועט די נייע געבן דער פאַרוואַלטונג מער מאַכט און רעכט. זי וועט „קאָנצענטרירן די מאַכט פון דער פאַרוואַלטונג אין אייניגע הענט און פאַרקלענערן די רעכט פון די איינצעלנע מיטגלידער און בראַנטשעס".

מיטן הסכם פון נ. ע. ק. האָט די קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע פאַר־עפנטלעכט אַ לענגערע דערקלערונג און באַלויכטן די פאַרגעשלאָגענע ענדערונגען. זי האָט אָפּגעוואָרפן די באַשולדיגונג אין כלומרשט וועלן באַגרענעצן די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פון אַ.־ר..

אין פּרינציפּיעלן טייל פון דעם קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט איז גע־זאָגט געוואָרן: „דער אַ.־ר. שטעלט זיך „אַלס טייל צו דער סאָציאַ־ליסטישער און טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג, צווישן די אַרבעטער צו העלפן דעם אַרבעטער־קלאַס פאַרבעסערן זיינע אַרבעטס־באַ־דינגונגען, פאַרגרעסערן די הכנסות און פאַרשטאַרקן זיין געזעל־שאַפטלעכן איינפלוס אַלס אַ קלאַס אויף דער געזעלשאַפט. פון דעם שטאַנדפּונקט איז יעדער מיטגליד פון אַ.־ר. פאַרפליכטעט צו געהערן צו אַ טרייד־יוניאָן און, ווען ער וויל אויסנוצן זיינע בירגער־רעכט אין צייט פון וואַלן, מוז ער שטימען פאַר די פּאַרטייען, וועלכע שטעלן אַרויס אין זייער פּראָגראַם אַלס ענד־ציל די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום. די דאָזיגע פּרינציפּן־דערקלערונג מוז פאַרגע־לייענט ווערן פון פאַרזיצער פון מיטינג ביים אויפנעמען יעדן קאַנדידאַט, און נאָר ווען דער קאַנדידאַט דערקלערט, אַז ער איז מיט דעם מסכים, קען דער קאַנדידאַט אויפגענומען ווערן אַלס מיט־גליד פון אַרבעטער־רינג".

די נייע קאָנסטיטוציע, מיטן אויסנאַם פון 4 פּונקטן, איז אָנ־גענומען געוואָרן דורך די מיטגלידער אין אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג.

דער נ. ע. ק. האָט די נייע קאָנסטיטוציע אָפּגעדרוקט אין 75 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

איינער פון די ביטערסטע שטרייטן אין דעם פּעריאָד איז געווען אַרום דער פראַגע — ווער זאָל זיין דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אָרדען?

אין יאָר 1913 איז דעם אַ.־ר. געשען אַ צרה מיטן גענעראַל־סעקרעטאַר י. וויינטרויב. באַלד נאָך דער 13טער קאָנווענשאָן האָבן דער נ. ע. ק. און קאָנטראָל־קאָמיטעט פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס” אַ דערקלערונג, אַז אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון ביידע קערפּערשאַפטן „איז באַשלאָסן געוואָרן צו סוספּענדירן י. וויינטרויבן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַ.־ר.”. די סיבה? — געלט־מיסברויכן.

די דאָזיגע דערקלערונג האָט געמאַכט אַ דערדריקנדיגן רושם. וויינטרויב איז אין פאַרלויף פון 8 יאָר געווען דער רוקנביין פון אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט און שטאַרק באַאיינפלוסט די טעטיגקייט פון אַ.־ר.. די ידיעה וועגן די געלט־מיסברויכן האָט געפּלאַצט ווי אַ באָמבע. שונאים האָבן זיך געפרייט, פריינד האָבן זיך געשעמט און געווען נידערגעשלאָגן. עס האָבן זיך באַלד געשאַפן צדדים און איינער האָט אויפן צווייטן געפּרואווט וואַרפן די „שולד”.

די לאַגע איז געוואָרן אַזוי שאַרף, אַז אויפן פאַרלאַנג פון אייניגע ברענטשעס האָבן דער נ. ע. ק. און דער קאָנטראָל־קאָמיטעט גערופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ וועגן דעם ענין. אין דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 12טן און 13טן יולי 1913 אין ניו־יאָרק, האָבן זיך באַטייליגט 267 דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע שטאַטן. דער סעקרעטאַר פון דעם קאָנטראָל־קאָמיטעט, י. ישורין, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אַז דער היזק, וואָס דער אַרבעטער־רינג וועט דאַרפן דעקן, באַטרעפט 5,728.55 דאָלאַר. אַחוץ איין אויסנאַם זיינען די מיסברויכן באַגאַנגען געוואָרן מיט געלטער, וואָס געהערן צו יורשים פון די פאַרשטאָרבענע אַ.־ר.־מיטגלידער. דער אויסנאַם איז געווען אַ סומע פון 565 דאָלער, וואָס מ׳האָט געזאַמלט פאַר די סטרייקנדיגע גאַרמענט־אַרבעטער. אַחוץ דעם זיינען געווען נאָך סומעס פון 7,000 דאָלער, וועגן וועלכע עס זיינען ניט געווען קיין קוויטירונגען. אַזוי ווי מ׳האָט זיי ניט געמאָנט, האָט מען געקענט רעכענען, אַז זיי זיינען אויסגעצאָלט געוואָרן. אַ גרעסערן באַריכט

וועגן דעם ענין האָט אויך אָפּגעגעבן דער געוועזענער אַדימאָר פון אַ.־ר., מאָרים ווינטשעווסקי.

אַרום די באַריכטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפע דעבאַטע, פול מיט צאָרן און פאַרביטערונג. טייל רעדנער האָבן באַשולדיגט דעם נ. ע. ק. פאַרוואָס ער האָט דערלאָזט, אַז אַזעלכעס זאָל געשען. מ׳האָט געליאַרמט און געטומלט. געענדיגט האָט זיך די קאָנפערענץ מיט דעם, וואָס מ׳האָט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט פון 15 מאַן אויסצופאָרשן דעם גאַנצן ענין. נאָך חדשים אַרבעט האָט דער 15ער קאָמיטעט פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט, אַז קיין מיטהעלפער אין זיינע מיסברויכן האָט ווײַנטרויב ניט געהאַט, אָבער געוויסע טוער פון אַ.־ר. זיינען שולדיג אין נאַכלעסיגקייט, אין ניט איינפירן אַזאַ אָרדענונג אין אָפּיס פון אָרדען, וואָס זאָל אוממעגלעך מאַכן אַזעלכע מיסברויכן.

כדי צו באַרואיגן די געמיטער, האָט מען זיך געפּרואווט טרייסטן מיט דעם, אַז ס׳איז אַ צרת אַדער צרעת רבים. דער „פריינד" (יולי 1913) האָט געשריבן: „דער אַרבעטער־רינג איז ניט דער איינציגער אָרדען, וואו אַזאַ פאַל האָט פּאַסירט. די געשיכטע פון יעדן אָרדען אַנטהאַלט אין זיך פיל מער שוואַרצע בלעטער פון גנבות און קאָרופּציע. יאָ, ביי די באַלעבאַטישע אָרדענס איז דאָס אפילו אַ געוויינלעכע דערשיינונג".

מ׳וואָלט נאָך געדאַרפט צוגעבן, אַז עס זיינען אויך געווען אייניגע פאַלן, ווען סעקרעטאַרן פון ברענטשעס האָבן פאַרכאַפּט די קאַסעס און זיינען נעלם געוואָרן. כדי צו פאַרהיטן די ברענטשעס פון היזקות, האָט דער הויפּט־אָפּיס פון אַ.־ר. געשטעלט די פינאַנץ־סעקרעטאַרן און קאַסירער פון די ברענטשעס אונטער באָנדס — פאַרזיכערט קעגן פאַרלוסטן. און אויך אין פאַל ווײַנטרויב איז מען געווען פאַרזיכערט.

וועגן דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין אַ.־ר. אין שייכות מיטן ווײַנטרויב־סקאַנדאַל, זאָגט עדות די געמיינזאַמע דערקלערונג פון נ. ע. ק. און קאָנטראָל־קאָמיטעט. מיר לייענען דאָרט:

„היינט קען איינער דעם צווייטן ניט קוקן גלייך אין די אויגן. באַליידיגונגען און באַשולדיגונגען פליען פון אַלע זייטן. אַן אַלגעמיינער אומצוטרוי הערשט אין די הערצער פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט און פון ברייטן פּובליקום. פאַרשיידענע שוואַרצזעער מאָלן דעם טייוול טויזנט מאָל שרעקלעכער ווי ער איז, און געפינען

גלויבן און צוטרוי. עס ווערן אויסגעזוכט די קלענסטע חטאימלעך פון אונטער דער ערד און ווערן פאַנאַנדערגעשמירט אויף טעלער, און דער עולם סמאַקעוועט זיך. די שונאים פון אַ־ר. האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד און אַלע ליגנס און זלזולים ווערן אָנגענומען פאַר בארעס געלט. די פריינד, די אמתע פריינד פון אַ־ר., גייען אַרום מיט אַרונטערגעלאָזענע קעפּ און איינגעבויגענע רוקנס און הערן אַליץ אויס און פילן דעם שרעקלעכן ווייטאָג און די ביטערע שאַנדע און ווייסן ניט וואָס צו ענטפערן און ווי צו האַנדלען".

הגם די 14טע קאָנווענשאָן האָט געשטורעמט בעת דעם באַריכט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, פונדעסטוועגן האָט זי איינשטימיג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דעם וויינטרויב־סקאַנדאַל.

נאָכן אויפדעקן די געלט־מיסברויכן און באַזייטיגן וויינטרויבן האָט זיך געשטעלט די האַרבע פראַגע — ווער זאָל זיין אָרט פאַרנעמען? עס האָט זיך געהאַנדלט ניט בלויז וועגן אַן ערלעכן מענטשן, נאָר אויך וועגן אַ פעאיגן, וואָס זאָל זיין ראוי צו שטיין בראש פון אָרדען. פאַר די 8 יאָר, וואָס וויינטרויב איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר, איז דער אַ־ר. אויסגעוואַקסן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער מאַסן־אָרגאַניזאַציע. דער נייער גענעראַל־סעקרעטאַר האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אי ערלעכקייט, אי אָרגאַניזאַציאָנעלע געניטקייט, אי אידעאישע אויסגעהאַלטנקייט צו קענען פאַרנעמען דעם פּאָסטן. און דאָ הויבט זיך אָן אַ סדרה קאָנפליקטן אַרום די קאַנדידאַטן פאַרן דאָזיגן וויכטיגן אַמט. עס בייטן זיך שנעל די סעקרעטאַרן. איינער אַראָפּ — אַ צווייטער אַרויף.

דאָס באַשטימען אַ נייעם גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם קאַמף, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט צווישן די „יונגע" און „אַלטע".

נאָך וויינטרויבן האָט אַ קורצע צייט געפירט דעם אָפיס ב. פינגערהוד, וועלכער איז אין די יאָרן 14־1908 געווען געהילף־סעקרעטאַר. אין אויגוסט 1913 איז וו. עדלין באַשטימט געוואָרן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר. דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון נ. ע. ק. און קאָנטראָל־קאָמיטעט. אָנגעשטעלט האָט מען אים אויף פּראָבע. באַלד נאָך דעם איז אָנטשטאַנען אַ סכסוך צוליב זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען. דער נ. ע. ק. האָט באַוויליגט עדלינס פאָדערונגען און דער קאָנטראָל־קאָמיטעט האָט געלייגט זיין וועטאָ. עדלין האָט דעמאָלט אָפּגעדרוקט אין „פריינד" אַן אַרטיקל קעגן

דעם קאָנטראָל־קאָמיטעט. דער סעקרעטאַר פון ק.־ק., ישורין, האָט פאַרעפנטלעכט אַן ענטפער קעגן גענעראַל־סעקרעטאַר און פאַר־טיידיגט די שטעלונג און דעם וועטאָ פון ק.־ק.. אויך אין נ. ע. ק. איז ניט געווען קיין אייניגקייט אין דער פראַגע, אָבער די מערהייט איז געווען מיט עדלינען. מיט דעם סכסוך האָט מען זיך אויך פאַר־נומען אויף דער 14טער קאָנווענשאַן (10־5 מאַי 1914, אין ניו־הייווען, קאָנ.). געענדיגט האָט זיך עס מיט דעם, וואָס עדלין איז ווייטער ניט אָנגעשטעלט געוואָרן.

אין אויגוסט 1914 האָט דער נ. ע. ק. צוזאַמען מיט דעם קאָנ־טראָל־קאָמיטעט אָנגעשטעלט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר ד״ר פ. ראָזענבלאַט. דאָס איז שפּעטער אויך באַשטעטיגט געוואָרן דורכן נאַציאָנאַלן באָארד פון דירעקטאָרן.

די „יונגע״ האָבן אין דעם געזען פּאָליטיק. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג. אַ טייל ברענטשעס האָבן אַרויסגערוקט די באַשולדיגונג, אַז מ׳האָט געביטן דעם סעקרעטאַר דערפאַר, ווייל די „אַלטע גוואַרדיע״ האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אַ פירער פון די „יונגע״. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם. דער „פאַרבאַנד פון ניו־יאָרקער ברענטשעס״, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די „יונגע״, האָט גערופן אַ קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון פּראָווינציעלע דעלעגאַטן. די קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זיינען געווען 350 דעלעגאַטן פון 206 ברענטשעס, האָט באַשלאָסן אויפפאָדערן דעם נ. ע. ק. צוריק אָנצושטעלן עדלינען. די פאָדערונג האָט אָבער קיין פּעולה ניט געהאַט.

די „יונגע״ האָבן זיך אָבער זייערם אָפּגענומען. נאָך דער 15טער קאָנווענשאַן האָבן די „יונגע״ איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון א.־ר.. האָבן זיי קודם געמאַכט פאַרן פאָרזיצער פון נ. ע. ק. ניט קיין אַנדערן ווי עדלינען. און ווי די „אַלטע״ האָבן אין 1914 ניט מער אָנגעשטעלט דעם „יונגן״ עדלינען אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר, אַזוי האָבן די „יונגע״ אין יאַנואַר 1916 מער ניט אָנגעשטעלט דעם דעמאָלטדיגן סעקרעטאַר, דעם „אַלטן״ ד״ר פ. ראָזענבלאַט. און עס איז ווידער געוואָרן אַ גרויסער טומל. דער נ. ע. ק. האָט פאַר־עפנטלעכט אַ דערקלערונג, אַז מ׳האָט ראָזענבלאַטן אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט ניט געטויגט פאַר דעם אַמט. אַ טייל ברענטשעס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, אים שטאַרק געלויבט ווי אַ גוטן און פע־איגן סעקרעטאַר און באַשולדיגט דעם נ. ע. ק. פון די „יונגע״, אַז

דער אָפּזאָג איז געווען צוליב פּראַקטיאָנעלע מאָטיוון. ראָזענבלאַט אַליין האָט אויך דערקלערט, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ פּאָליטישער נקמה. 150 ברענטשעס פון 20 שטאַטן האָבן פאַרלאַנגט אַ רעפערענדום וועגן ענין ראָזענבלאַט. דער נ. ע. ק. האָט געהאַלטן, אַז רעכט אָנצושטעלן אַ סעקרעטאַר איז אויסשליסלעך אין זיין קאָמפּעטענץ און קיינער דאַרף זיך אין דעם ניט מישן.

דאָ איז אַנטשטאַנען אַ ביטערער סכסוך צווישן דעם נ. ע. ק. און דעם נאַציאָנאַלן באַארד פון דירעקטאָרן. אין יאַנואַר 1916 האָט דער דירעקטאָרן־באַארד אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דאָס אָפּזאָגן ראָזענבלאַטן איז מצד דעם נ. ע. ק. געווען „אַ קאָנספּיראַטיווע און אומגעזעצלעכע האַנדלונג". צוליב דעם האָט דער דירעקטאָרן־באַארד באַשטימט אָפּצושאַפן דעם באַשלוס פון נ. ע. ק. און פעסטגעשטעלט, אַז ד"ר פ. ראָזענבלאַט דאַרף בלייבן אין אַמפּיס ווי פריער אַלס דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אָ.־ר.. דאָס איז באַשלאָסן געוואָרן מיט 11 שטימען קעגן 1. אין אַ לענגערער דערקלערונג איז דער באַשלוס מאָטיווירט געוואָרן מיט דעם, אַז דער אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר איז ניט קיין פּאָליטישער און מ'טאָר ניט איינפירן, אַז יעדער נייער עקזעקוטיוו זאָל צוליב זייטיגע טעמים טוישן דעם גענ.־סעקרעטאַר.

דער נ. ע. ק. איז אויך ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. ער האָט דעם באַשלוס פון דירעקטאָרן־באַארד דערקלערט פאַר אומגעזעצלעך און דעם 5טן מערץ 1916 צוגענומען אַ נייעם סעקרעטאַר — ד"ר ב. האָפמאַן (צביון). אין אַ ווענדונג צו די מיטגלידער (אַפּריל 1916) דערקלערט צביון, אַז „לויט דער קאָנסטיטוציע פון אָ.־ר. האָט דער נ. ע. ק. דאָס אויסשליסלעכע רעכט אָנצושטעלן אַ סעקרעטאַר". ס'איז ווידער געוואָרן אַ גרויסער טומל. אין מערץ 1916 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ צו נאָמינירן דעלעגאַטן צו דער 16טער קאָנווענשאָן, וואו די „אַלטע" האָבן געהאַט אַ מערהייט. אויך דאָ איז די פראַגע היים דעבאַטירט געוואָרן. די קעגנער פון נייעם סעקרעטאַר האָבן אַרגומענטירט, אַז כל־זמן דער קאָנסטיטוציאָנעלער סכסוך צווישן נ. ע. ק. און דירעקטאָרן־באַארד איז ניט דערליידיגט, האָט מען בכלל ניט געטאָרט אָנשטעלן אַ סעקרעטאַר. פיל ברענטשעס האָבן געפאָדערט אַ רעפערענדום וועגן דעם ענין. מיט אַ גרויסער מערהייט האָט די נאָמינאַציע־קאָנפערענץ זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אָנשטעלן דעם נייעם סעקרעטאַר. גלייכצייטיג זיינען די דעלעגאַטן צו דער 16טער קאָנווענשאָן מאָראַליש געוואָרן פאַרפּליכ־

טעט „ניט צו אָנערקענען די אומגעזעצלעכע וואַל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט". אויך אין שיקאַגאָ האָט אַ קאָנפערענץ פּראָטעסטירט קעגן נייעם סעקרעטאַר. אַזוי האָט זיך געטומלט עטלעכע וואָכן. די בירגערלעכע פּרעסע האָט סענסאַציאָנעל צעשמירט דעם גאַנצן ענין און געפּרואווט די לאַגע נאָך מער צו פאַרשאַרפן.

דער סוף איז געווען אַז צביון האָט רעזיגנירט פון אַמט. דער נ. ע. ק. און נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן-באָארד האָבן זיך געאייניגט אויף אַ געמיינזאַמער רעזאָלוציע, וואָס זאָגט, אַז עס ווערט אָנגענו־מען די רעזיגנאַציע פון ד"ר האָפמאַן און מיט דעם ווערט דער קאָנפליקט ליקווידירט. צביון האָט דערקלערט, אַז מ'האָט אים געזעצלעך געוויילט אַלס סעקרעטאַר און ער האָט געהאַט פולע רעכט אָנצונעמען דעם אַמט. געטאָן האָט ער עס מיט די בעסטע און אויפריכטיגסטע כוונות. ניט וועלנדיג זיין קיין סיבה פון ווייטער־דיגע רייסערייען און קריגערייען, רעזיגנירט ער, און זאָגט צו ווייטער טריי צו דינען דעם אַ.־ר. ווי דער גאַנצער אַרבעטער-באַוועגונג.

דאָס איז געווען דער לעצטער אַקט פון די שטורמישע אַמפּע־רייען אַרום דעם סעקרעטאַרן-אַמט, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר. נאָך דער רעזיגנאַציע פון צביונען האָט דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר איבערגענומען יוסף באַסקין, וועלכער איז פון אָקטאָבער 1914 געווען געהילפס-סעקרעטאַר. נאָך דער 16טער קאָנווענשאָן האָט באַסקין עטלעכע חדשים פאַרטראָטן דעם סעקרעטאַר און אין סעפּטעמ־בער 1916 איז ער איינשטימיג געוויילט געוואָרן אַלס גענעראַל-סעקרע־טאַר אויף אַ יאָר צייט. אויפן דאָזיגן פּאָסטן איז ער שוין פאַר־בליבן ביזן היינטיגן טאָג. נאָכן אָננעמען זיין אַמט האָט באַסקין אין אַן עפנטלעכער דערקלערונג געמאָלדן, אַז ער וועט „ניט זיין דער סעקרעטאַר פון אַ גרופּע אָדער פראַקציע פון אַ.־ר., נאָר דער סעקרעטאַר פון גאַנצן אָרדען, דער איבערגעגעבענער דינער און פריינד פון אַלע ברענטשעס און פון אַלע מיטגלידער".

אין זעלבן פעריאָד האָבן אויף אַ רואיגן, ניט דראַמאַטישן אופן אויך זיך געביטן די רעדאַקטאָרן פון „פריינד". דער ערשטער רע־דאַקטאָר, צביון, האָט אַמטירט פון נאָוועמבער 1910 ביז סעפּ־טעמבער 1912. דער צווייטער, א. ש. זאַקס, האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון אָקטאָבער 1912 ביז סוף 1913; דער דריטער, פיליפ קראַנץ, פון יאַנואַר 1914 ביז סוף 1917.

19. קאָנווענשאָנס

און ווידער זיינען יעדן יאָר זיך צונויפגעקומען אויסגעוויילטע פאָרשטייער פון די מיטגלידער אויף די קאָנווענשאָנס. מ׳האָט אויסגעהערט באַריכטן פון דער אָפּגעטוענער ארבעט און אָנגענומען באַשלוסן אויף להבא.

אין באַריכט צו דער 7טער קאָנווענשאָן (3־5 מאַי 1907 אין נוארק, נ. דזש.) זאָגט דער נ. ע. ק. אַז ער האָט אַ סך געאַרבעט צו פאַרשפּרייטן דעם אַ.־ר. אין דער פּראָווינץ. „אויסער דעם וואָס די פאַרשפּרייטונג פון אַ.־ר אין לאַנד איז וויכטיג פאַר דעם אַ־ר. אַליין, איז דאָס אויך וויכטיג פאַר אונזער באַוועגונג. אין דער שטאָט, וואו עס גרינדעט זיך אַ ברענטש פון אַ.־ר., ווערט שוין אין יענער שטאָט אָדער שטעטל אַ באַוועגונג. עס הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן״.

אויף דער 7טער קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע צי מ׳זאָל גרינדן אַן אייגענעם זשורנאַל פון אַ.־ר. אָדער מ׳זאָל זיך באַנוגענען מיט אַגיטאַציע דורך די אַנדערע צייטונגען. מיט 80 שטימען קעגן 50 האָט די קאָנווענשאָן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַן אייגענעם זשורנאַל. דאַקעגן האָט מען אַסיגנירט טויזנט דאָלער פאַר אַגיטאַציע דורכן „פאָרווערטס״, „אַרבייטער״ און „פרייע אַרבייטער שטימע״. אויף דער זעלבער קאָנווענשאָן איז לויטן פאָרשלאַג פון נ. ע. ק. באַשלאָסן געוואָרן צו וויילן אַ נאַציאָנאַלן באָארד פון דירעקטאָרן, צוזאַמענגעשטעלט פון 1 דעלעגאַט פון יעדן שטאָט.

די 8טע קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך אַ יאָר פון אַ זייער שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, האָט דאָך געהאַט צו פאַרצייכענען אַ גרויסן אויפשוואונג; די צאָל מיטגלידער האָט כמעט זיך פאַרטאָפּלט. צווישן די 8 יידישע אָרדענס וואָס האָבן געהאַט זייער טשאַרטער אין שטאַט ניו־יאָרק, האָט דער אַ.־ר. במשך פון דעם יאָר זיך אַרויסגערוקט פון 7טן אָרט אויפן 5טן.

דער ניי־געשאַפענער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באָארד האָט רעקאָמענדירט צו דער 8טער קאָנווענשאָן צו גרינדן אַ בילדונגס־ביוראָ. די אויפגאַבע פון דעם ביוראָ זאָל זיין צו באַזאָרגן אַלע ברענטשעס

מיט פאַרלעזונגען און מיט טעמעס פאַר דיסקוסיעס. אין דער באַגרינדונג פון דעם פאַרשלאַג ווערט געזאָגט, אַז די ברענטשעס אין לאַנד אינטערעסירן בעיקר די גייסטיגע פראַגן און מיט דער הילף פון אַזאַ ביוראָ וועט מען קענען באַפרידיגן אָט די באַדערפע־ניש. עס איז באַריכטעט געוואָרן, אַז „די אויסגאַבן פאַר שריפט־לעכער פראָפּאַגאַנדע זיינען דעם לעצטן יאָר געווען זייער קליין. די סיבות זיינען געווען, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין שרייבערס צו שרייבן אַרטיקלען, און דער „פאָרווערטס״ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען באַצאָלט פאַר אַרטיקלען״.

די 8טע קאָנווענשאָן האָט איינשטימיג אָנגענומען אַ רעזאָלו־ציע, וואָס דריקט אוים דעם וואונטש, אַז ס׳זאָל פאָרקומען אַ פאַר־אייניגונג צווישן די צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַמעריקע (ס.פּ. און ס.ל.פּ.). ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן זיך באַמיען אַריינצונעמען אַלס מיטגלידער אָנגעזעענע אַרבעטער־טוער, וועלכע קענען ניט צוליב זייער עלטער אַריין אין אַ.־ר. אויפן נאָרמאַלן וועג. מ׳זאָל דאָס מעגלעך מאַכן דורך פאַרשידענע פאַרלייכטערונגען. אַ רעזאָלוציע האָט אויפגעפאָדערט אַלע מיטגלידער אַריינצוטרעטן אין די יוניאָנס.

צו דער 9טער קאָנווענשאָן (6־9 מאַי 1909 אין באַלטימאָר) איז דער אַ.־ר. ווידער געקומען באַדייטנדיג פאַרגרעסערט. פון 5טן אָרט צווישן די יידישע אָרדענס האָט זיך דער אַ.־ר. אַרויסגערוקט אויפן דריטן אָרט.

צווישן די אָנגענומענע רעזאָלוציעס איז פאַראַן איינע, וואָס פאָ־דערט אויף די ברענטשעס צו גרינדן נאַטוראַליזיישאָן־ביוראָס אין אַלע שטעט. די ברענטשעס זאָלן אין זייערע שטעט שאַפן אינפאָר־מאַציע־ביוראָס וועגן קריגן אַרבעט. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו רעקאָמענדירן די ברענטשעס צו גרינדן אין זייערע שטעט סאָ־ציאַליסטישע זונטאָג־שולן.

די דאָזיגע קאָנווענשאָן האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון העלפן די אימיגראַנטן. דער דעמאָלטדיקער פאָרזיצער פון נ. ע. ק., י. ווייַנבערג, האָט גערעדט וועגן דער נויטיגקייט, אַז דער אַ.־ר. זאָל זיך מיט דער פראַגע אינטערעסירן און אונטערשטיצן די באַמיאונגען פון דער אימיגראַציע־געזעלשאַפט צו באַזעצן די ניי־איינגעוואַנדערטע אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. די פראַגע וואָס מ׳זאָל טאָן כדי די איינוואַנדערער זאָלן זיך ניט גרופּירן בלויז אין

אַ פּאָר גרויסע איבערגעפּאַקטע שטעט, איז אויך געשטאַנען אויף אַ פריערדיגער קאָנוועגשאָן. דער אַ.־ר. האָט זיך באַטייליגט אין דער גרינדונג־קאָנפערענץ פון דער „אַמעריקאַניש־יידישער געזעל־שאַפט פאַר רעגולירן די אימיגראַציע" און אין דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט.

אויף דער 9טער קאָנווענשאָן איז געווען אַ פאָרשלאַג פון ברענטש 162 אין שיקאַגאָ, אַז „די אָפיציעלע שפּראַך פון אַרבעטער־אָרדען זאָל זיין — ענגליש". ער האָט, נאַטירלעך, ניט געהאַט קיין אויס־זיכט אויף דערפאָלג.

די 10טע קאָנוועגשאָן (4־7 מאַי 1910 אין ניו־יאָרק) האָט זיך געעפנט גאַר פייערלעך לכבוד דעם 10־יאָריגן יובילײ. 3 שעה צייט האָט געדויערט אַ מאַניפעסטאַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליגט די ניו־יאָרקער מיטגלידער פון אַ.־ר.. פון דער צווייטער זייט האָט די קאָנוועגשאָן געמוזט אָננעמען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן די „טיימס", וואָס האָט דעם זעלבן טאָג אַטאַקירט דעם אַ.־ר., אַז ער איז אַן אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז קעגן געזעץ און קעגן דער עקזיסטירנדיגער אָרדענונג. אויף דער קאָנוועגשאָן גופא איז געווען אַן אינצידענט מיטן דעלעגאַט פון ברענטש 130. דער דאָזיגער דעלעגאַט האָט דערקלערט, אַז ער וועט אַגיטירן און שטימען בעת וואַלן פאַר וועלכן קאַנדידאַט ער וויל, אומאָפּהענגיג פון פּאַרטיי־אָנגעהעריגקייט. דאָס איז געווען קעגן דער פּרינציפּן־דערקלערונג פון אַ.־ר.. מיט 264 שטימען קעגן 8 איז באַשלאָסן געוואָרן צוצולאָזן דעם דעלעגאַט מיט אַ פּראָטעסט קעגן ברענטש 130 פאַר שיקן אים צו דער קאָנוועגשאָן.

אויך אויף דער דאָזיגער קאָנוועגשאָן האָט מען זיך פאַרנומען מיט דער אימיגראַציע־פראַגע און ס'איז אַפילו וועגן דעם פאָרגעקומען אַ הייסע דעבאַטע. ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע „קעגן יעדער באַגרענעצונג פון פרייער אימיגראַציע". ס'איז אויך געווען אַ מינדערהייט־רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך פאַרענדיגט מיט פאָלגנ־דיגע ווערטער: „מיר האָפן, אַז די גענאָסן, וועלכע דענקען, אַז די אינטערעסן פון די אַרבעטער פאָדערן פון זיי צו פאַרלאַנגען אַ פאַרבאָט פון אַזיאַטישער אימיגראַציע, וועלן זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז אַ טעות און די פּאַרטיי וועט פאַרשווינט ווערן פון קאָמ־פּראָמיטירן אירע אינטערנאַציאָנאַלע פּרינציפּן דורך דער פאָדערונג פון אויסנאַם־געזעצן קעגן וועלכע ניט איז נאַציע אָדער ראַסע".

די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט אויך פאַרלאַנגט פון דער סאָצ. פּאַרטיי צו פאַרנעמען אַ שטעלונג קעגן איינפירן באַגרענעצונגען. דער אַ.־ר. האָט געפירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע קעגן די פּרואוון צו באַגרענעצן די פרייע איינוואַנדערונג.

די קאָנווענשאָן האָט אָפּגעוואָרפן אַ פאָרשלאַג „זיך אָנצושליסן אָן דעם סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען" און שיקן אַהין אַ דעלעגאַט. (דאָס איז געווען אַ קאָנגרעס פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל). ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו האָבן קאָמיטעטן אין יעדער שטאָט צו אַגיטירן פאַרן טרייד־יוניאָניזם — די אַרבעטער זאָלן געהערן אַלס מיטגלידער און קאָנסומערס זאָלן פאַרלאַנגען אַ יוניאָן־לייבל.

אַ דעבאַטע איז געפירט געוואָרן צי מ'זאָל אָנהאַלטן אָדער אָפּשאַפן דעם טעקס לטובת דעם פאָנד פאַר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. ווען ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער טעקס זאָל בלייבן, האָבן די דעלעגאַטן געמאַכט אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע מיט אויסגעשרייען: „הוראַ! זאָל לעבן די רוסישע רעוואָלוציע". אָן איינדרוקספולע מאַניפעסטאַציע איז פאָרגעקומען, ווען קינדער פון די זונטאָג־שולן זיינען געקומען באַגריסן די קאָנווענשאָן.

נאָך אַ הייסער דעבאַטע איז מיט 225 שטימען קעגן 44 באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל. די יובילייקאָנווענשאָן האָט געשלאָסן מיט אַ באַגייסטערטער רעדע דער יורידישער בעל־יועץ פון אַ.־ר., מאיר לאָנדאָן, וועלכער האָט גערופן צו זיין אי גוטע יידן, אי גוטע אַמעריקאַנער.

אין באַריכט, וואָס דער נ. ע. ק. האָט אָפּגעגעבן אויף דער עלפטער קאָנווענשאָן (13-10 מאַי, 1911 אין ראָטשעסטער, נ. י.) איז צווישן אַנדערן דערציילט געוואָרן וועגן דער הילף, וואָס מ'האָט געגעבן פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און באַזונדערס בעת דעם גרויסן סטרייק פון די קלאָוקמאַכער. דער נ. ע. ק. האָט אויך דערציילט, אַז „עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנשליסן צום אַ.־ר. גאַנץ נייע גרופּעס, וועלכע זיינען ביז־איצט געשטאַנען ווייט פון אים. מיר מיינען דאָ די יידיש־סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון דער נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג. פאַר די יידישע נאַציאָנאַליסטישע סאָציאַליסטן איז ביז דער לעצטער צייט דער אַ.־ר. עפּעס געווען צו ווייניג יידיש ,כשר׳. זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל אָננעמען אַזאַ

פראָגראַם, ווי זיי וועלן אים דיקטירן, ניט וועלנדיג זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, אַז דער אַ.־ר. האָט זיין אויפגאַבע צו פאַראייניגן אין זיך אַלע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע ריכטונגען און גרופּעס פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע און קען ניט אָננעמען אַ פּראָגראַם, וואָס איין גרופּע אָדער איין ריכטונג וועט אים פאַרשרייבן. זעענדיג, אַז דער אַ.־ר. פאָלגט זיי ניט, האָבן טייל פון זיי פּרובירט אָרגאַניזירן אַ גאַנץ נייעם אָרדען און אַנדערע זיינען געבליבן שטיין ניט אַהין ניט אַהער. דאָס וואַקסן און בליען פון אַ.־ר. און זיין ברייטע טעטיגקייט, וואָס ער אַנטוויקלט, האָבן אָבער געמוזט האָבן זייער ווירקונג. אַלץ וואָס איז ראַדיקאַל און סאָציאַליסטיש אין דעם יידישן פאָלק, האָט געמוזט אָנהויבן אנערקענען, אַז דער איינציגער פּלאַץ פאַר זיי איז דער אַ.־ר.״... „דער אַ.־ר. האָט זיך געשטעלט אַלס זיין ציל צו פאַראייניגן אין זיך אַלץ, וואָס איז ראַדיקאַל און סאָציאַליסטיש אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט, לאָזנדיג די פולשטענדיגע פרייהייט צו יעדן איינעם צו געהערן צו דער ריכטונג אָדער גרופּע, וועלכע אים געפעלט און אין וועלכער ער גלויבט״.

די צוועלפטע קאָנווענשאָן (1־5 מאַי 1912 אין ניו־יאָרק) האָט ביי דער פייערלעכער עפענונג איינשטימיג אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן אַ ביל, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס וועגן באַגרענעצן די אימיגראַציע.

די 13טע קאָנווענשאָן (7־11 מאַי 1913 אין פילאַדעלפיע) איז געווען אַ רוישיגע. די אָפּאָזיציע, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרטראָטן, האָט אַטאַקירט דעם נ. ע. ק.. ניט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס פאַרלאָפענע יאָר איז גראַד געווען רייך אין טעטיגקייט, האָט אָבער דער צעפלאַקערטער קאַמף צווישן די „יונגע״ און „אַלטע״ דאָמינירט און פאַרנומען די אויפמערקזאַמקייט פון די דעלעגאַטן.

דאָס זעלבע איז אויך געווען אויף דער 14טער און 15טער קאָנווענשאָן.

אויף דער 15טער קאָנווענשאָן (2־8 מאַי 1915 אין שיקאַגאָ) האָט דער באַריכט־אָפּגעבער פון בילדונגס־קאָמיטעט, ז. שערעשעווסקי, אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם דראַנג פון די יידישע אַרבעטער נאָך בילדונג: „די יידישע אַרבעטער דורשטן נאָך בילדונג און אַנטוויקלונג, אָבער די אינטעלעקטועלע כוחות פון דער יידישער גאַס ווערן ניט פאַרווענדט צו באַפרידיגן די דאָזיגע זייער נאָבעלע פאָדערונגען

פון די יידישע מאַסן. די אַרבעטער אַליין נעמען די דאָזיגע אויפ־גאַבע אין זייערע הענט".

אויף דער דאָזיגער קאָנווענשאָן האָבן שוין אָפּגעהילכט עכאָס פון די מלחמה־פּראָנטן אין איירפּע. אָט זיינען איינגע רעזאָלו־ציעס, וואָס זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון דער לאַגע, וואָס עס האָט געשאַפן די ערשטע וועלט־מלחמה. נעמענדיג אין אכט — זאָגט איין רעזאָלוציע — אַז גלייך נאָך דער מלחמה וועלן גרויסע מאַסן פון די מלחמה־פּירנדיגע לענדער עמיגרירן אין די פאַראייניגטע שטאַטן און ס'איז נויטווענדיג צו רעגולירן די איינוואַנדערונג פון „אונזערע אומגליקלעכע ברידער" און אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו רעגולירן די עמיגראַציע־פּראַגע, ווערט די אַרבעט פון דעם עמיגראַציע־קאָמיטעט אנערקענט פאַר זייער אַ וויכטיגע און נויטווענדיגע.

אַ רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן וועגן שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־קאָמיטעטן אין די קריג־פירנדיגע לענדער: „נעמענדיג אין אכט, אַז אין רוסלאַנד און גאַליציע האָבן זיך געגרינדעט אַרבעטער־קאָמיטעטן צו פאַרטיילן שטיצע פאַר די מלחמה־ליידנדיגע, רעקאָמענדירן מיר, אַז דער נ. ע. ק. זאָל זיך שטעלן אין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער־קאָמיטעטן און שיקן צו זיי דירעקט שטיצע וויפיל דער נ. ע. ק. וועט געפינען פאַר נויטיג, לויט דעם פאַרלאַנג פון די קאָמיטעטן".

די 15טע קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן גלייכע רעכט פאַר יידן אין די מלחמה־פירנדיגע לענדער. אין אַ צווייטער רעזאָלוציע האָט די קאָנווענשאָן אויסגעדריקט דעם פאַר־לאַנג, „אַז אַ גערעכטער שלום זאָל וואָס גיכער מאַכן אַ סוף צו דער שרעקלעכער בלוט־באָד".

די זעלבע קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן אָפּצושאַפן דעם סיסטעם פון ברענטש־דאָקטוירים. איינער פון די מאָטיוון פאַרוואָס מ'האָט דאָס געטאָן, איז געווען דאָס צו שטאַרקע אויסנוצן דעם קראַנקען־בענעפיט. וועגן דעם האָט אין „פריינד" געשריבן ד"ר ס. סילווער־בערג: „עס איז אַ פאַקט, אַז ביז־איצט (1915) איז אין אַ.־ר. אויס־געצאָלט געוואָרן זייער פיל קראַנקען־בענעפיט. עס איז אויך גוט באַוואוסט, אַז זייער פיל קראַנקען־בענעפיט ווערט אויסגעצאָלט גאַנץ אומזיסט. דאָס קען לייכט באַמערקט ווערן אין צייט פון קריזיס אָדער סטרייק. ווען עס פּאַסירט אַ גרויסער סטרייק אָדער אַזוי

אַן אינדוסטריעלער קריזיס, הויבט אָן צו וואַקסן די אויסצאָלונג פון קראַנקען־בענעפיט״... „מיט דער איינשטעלונג פון דיסטריקט־מעדיקעל אַטענדאַנטס וועט מען גאַנץ זיכער פיל פאַרקלענערן די אומזיסטע קראַנקען־בענעפיט־אויסצאָלונגען״. אויסער דעם פריער־דערמאָנטן מאָטיוו, איז באַגרינדעט געוואָרן די רעפאָרם מיט דעם, אַז דער נייער סיסטעם וועט בכלל זיין בעסער פאַר די מיטגלידער.

צו דער 16טער קאָנוועגשאָן (2־8 מאַי 1916 אין ברוקלין) איז דער בילדונגס־קאָמיטעט געקומען מיט אַ ברייט פּראָגראַם. צווישן אַנדערן האָט ער פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַ ביוראָ פאַר זוכן באַ־שעפטיגונג פאַר אַרבעטסלאָזע, ווי אויך פאַרוואַנדלען דעם „פריינד״ אין אַ וועכנטלעכן זשורנאַל. באַזונדערס האָט ער אַקצענטירט די נויטווענדיגקייט פון יידישע שולן. די ווערטער, מיט וועלכע ער האָט דאָס באַגרינדעט, האָבן ניט פאַרלוירן זייער אַקטועלקייט אויך ביים היינטיגן טאָג:

„ניט געבנדיג אונזערע קינדער קיין יידישע דערציאונג, פאַר־לירן מיר זיי אויף אַזאַ אופן ביסלעכווייז פאַר זיך און פאַר די ברייטע יידישע מאַסן. אַ פאַרהעלטנישמעסיג קליינע צאָל קינדער באַקומט אַפילו יאָ אַ געוויסע יידישע דערציאונג. די דאָזיגע דער־ציאונג קען אונז אָבער בשום אופן ניט צופרידנשטעלן. געוויינלעך באַקומען די קינדער וועלכע ניט איז דערציאונג אין די תלמוד־תורהס און חדרים אָדער אין די אַזוי־גערופענע, ,נאַציאָנאַלע־ראַדיקאַלע שולן׳. די תלמוד־תורהס און חדרים קולטיווירן אָבער בלויז רע־ליגיע און אָפּטמאָל פאַנאַטיזם, פון וועלכע — מיר וואָלטן וועלן — אונזערע קינדער זאָלן זיין פריי. און אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן איז די דערציאונג אַן אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע און מערסטנ־טיילס אַפילו אַן אָפן ציוניסטישע. מיר ווילן, אַז אונזערע קינדער זאָלן באַקומען ניט קיין רעליגיעזע און ניט קיין ציוניסטישע דער־ציאונג, נאָר **אַ פרייע יידישע דערציאונג**. מיר ווילן קודם־כל, אַז אונזערע קינדער זאָלן קאָנען ריכטיג ריידן, לייענען און שרייבן יידיש — די שפּראַך פון די יידישע מאַסן. מיר ווילן, אַז זיי זאָלן זיין באַקאַנט מיט פאַרשידענע זייטן פון דעם יידישן לעבן — סיי פון דעם נאָענטן אַרומיקן אַמעריקאַנער לעבן, סיי מיט דעם לעבן פון די יידן אין די אַנדערע לענדער, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין און צוזאַמען מיט אַנדערע איבערלעבן די פריידן פון די יידישע מאַסן און נעמען אַן אַנטייל אין זייערע ליידן. מיר ווילן, אַז אונזערע קינדער זאָלן

באַקאַנט זיין מיט די רייכע יידישע קולטורעלע אוצרות, מיט דער יידישער ליטעראַטור — נייער און אַלטער — כדי צו קאָנען ווייטער שאַפן די יידישע קולטור"... „מיר ווילן אָבער, אַז די דערציאונג גופא זאָל זיין פריי פון דעם אתה-בחרתנו-גייסט און פון יעדן שאָוויניזם. מיר ווילן, אַז איבער דער גאַנצער יידישער דערציאונג זאָל תמיד ווייען דער גייסט פון פרייהייט, אַז די קינדער זאָלן אין דער יידישער שול זיך אויסלערנען און זיך צוגעוואוינען צו ליבן די פרייהייט". און דער אויספיר איז: „דער בילדונגס-קאָמיטעט גלויבט, אַז עס וואָלט געווען ראַטזאַם צו רעקאָמענדירן צו אונזערע ברענטשעס צו גרינדן אָדער העלפן גרינדן יידישע ראַדיקאַלע שולן אויף די דאָזיגע יסודות".

מיט 55 שטימען קעגן 43 ביי 3 אָפּגעהאַלטענע האָט די 16טע קאָנווענשאָן אָנגענומען פאָלגנדיגע רעזאָלוציע וועגן די שולן:

„אַנערקענענדיג דעם פאַקט, אַז פיל פון אונזערע מיטגלידער זיינען פאַראינטערעסירט, אַז זייערע קינדער זאָלן פיל-וויניג האָבן אַ באַגריף וועגן דער יידישער געשיכטע, קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור, און זיינען דורך דעם אָפט געצוואונגען אוועקצוגעבן זייערע קינדער צו אָרטאָדאָקסישע מלמדים מחמת פעלן פון פרייע יידישע ראַדיקאַלע פאָלקס-שולן; אַזוי ווי די לעצטע צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו גרינדן ראַדיקאַלע יידישע פאָלקס-שולן, אין וועלכע די קינדער זאָלן זיך לערנען אָן דעם איינפלוס פון וועלכן פאַנאַטיזם אָדער רעליגיע — באַשליסן מיר אויפצופאָדערן אונזערע ברענטשעס און אונזערע מיטגלידער זיך אָנצושליסן אָן די סאָציאַליסטישע יידישע שולן אין די ערטער, וואו אַזעלכע עקזיסטירן שוין און העלפן אויפבויען אַזעלכע דאָרט, וואו זיי זיינען נאָך דערווייל ניטאָ".

די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען רעזאָלוציעס קעגן דער מיליטערישער צוגרייטונג אין אַמעריקע און פאַר אַ גערעכטן שלום. אַ רעזאָלוציע וועגן דער הילפס-אַרבעט אין אייראָפּע זאָגט:

„די שרעקלעכע בלוטיגע קאַטאַסטראָפע, וואָס בושעוועט איצט און האָט כמעט רואינירט גאַנץ אייראָפּע, האָט אַמשטאַרקסטן געטראָפן אונזערע שוועסטער און ברידער, די יידן פון יענער זייט ים. וואוינענדיג אין די מלחמה-געגענטן, וואַלגערן זיי זיך איצט הונגעריג, נאַקעט און היימלאָז. עס איז אונזער פליכט אַלס מענטשן און אַרבעטער די אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער אונזערע

צו העלפן. אַזוי ווי עס האָבן זיך געגרינדעט פאָלקס־הילפס קאָנ־פערענצן אין מערערע שטעט, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דער אַר־בעט צו זאַמלען שטיצע און דאָס איבערשיקן צו אונזערע אומגליק־לעכע פאַרוואַנדעטע פון יענער זייט ים, באַגריסט די 16טע יערלעכע קאָנווענשאָן די גוטע, הייליגע אַרבעט פון די פאָלקס־הילף־קאָנ־פערענצן און רעקאָמענדירט זיי זייער שטאַרק צו אונזערע ברענ־טשעס און מיטגלידער. מיר פאָדערן זיי אויף זיך צו באַטייליגן אין דער זייער נאָבעלער אַרבעט צו העלפן אונזערע אומגליקלעכע ברי־דער און שוועסטער, וועלכע געפינען זיך איצט אין די מלחמה־פירנדיגע לענדער אויף דער העכסטער שטופע פון פאַרצווייפלונג".

אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן וועגן „בונד":
„נעמענדיג אין אַכט, אַז דער ,בונד' האָט ניט אָפּגעשטעלט זיין טעטיגקייט אונטער די שרעקלעכסטע באַדינגונגען און איז נאָך מער געוואָרן טעטיג בעת דעם אויסברוך פון קריג; נעמענדיג אין אַכט, אַז דער ,בונד' אין פוילן האָט גענומען אַן אויסער־געוויינלעך גרויסן אָנטייל אין העלפן יידן און אַרבעטער פון וואַרשע צו קו־מען צו זיך נאָך דעם איבערגאַנג פון דער רוסישער אונטער דער דייטשער הערשאַפט, באַגריסט די 16טע קאָנווענשאָן פון אַרבע־טער־רינג דעם ,בונד' און זיינע טוער און פאַרזיכערט זיי, אַז דער אַ.־ר. וועט שטענדיג נאָכפאָלגן מיט סימפּאַטיע זיין טעטיגקייט פאַר דער באַפרייאונג פון יידישן אַרבעטער. מיט דעם באַשליסן מיר אויך צו שטיצן דעם ,בונד' פינאַנציעל".

20. די באַציאונגען מיט די אַנדערע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג

די מיטגלידערשאַפט פון אַרבעטער־רינג איז געווען אַ פאַר־שידנאַרטיקע. ס'האָבן געהערט צום אַ.־ר. מענטשן פון אַלע סאָציאַ־ליסטישע ריכטונגען: סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (ס. פּ.), סאָציאַליס־טישע אַרבעטער־פּאַרטיי (ס. ל. פּ.), אַנאַרכיסטן, בונדיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן־טעריטאָרי־אַליסטן און אַנדערע, ווי אויך סתם אַרבעטער און יידן. דער גייסט און די אָנפירונג פון אָרדען איז געווען אַ סאָציאַליסטישע.

ווען ס'איז איבערגעדאַגירט געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון אַ.־ר., האָט זיך אַפילו געפונען אַ ברענטש — 128 — וואָס האָט זיך אַרויס־געזאָגט קעגן דער נייער פּרינציפּן־דערקלערונג צוליב איר סאָציאַ־ליסטישן כאַראַקטער. די באַגרינדונג איז געווען, אַז דאָס טויג ניט צוליב פּראַקטישע טעמים, ווייל ס'וועט שטערן דעם וואוקס פון אַ.־ר.. ווי אַן ענטפער אויף דעם האָט די רעדאַקציע פון „פריינד" דערקלערט: „זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג און זיין דערפאָלג האָט דער אַ.־ר. אָן שום צווייפל צו פאַרדאַנקען דעם סאָציאַליסטישן פּרינציפּ, אויף וועלכן ער האָט זיך געגרינדעט, און ביי אים מוז ער זיך האַלטן, אויב ער וויל האָבן אויף ווייטער אַן עקזיסטענץ־באַ־רעכטיגונג און אַרבעטן מיט דערפאָלג"... „מיר טאָרן ניט אויף איין מאָמענט אַפילו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דער וואוקס פון אַ.־ר. זאָל זיך הויבן אויף דער רעכענונג פון דער פאַרנאַכלעסיגונג פון זיינע פּרינציפּן. בעסער קלענער און פּרינציפּן־טריי, איידער גרויס און פּרינציפּנלאָז".

אַז די סאָציאַליסטן זיינען געווען אַ באַדייטנדיגער טייל פון דער מיטגלידערשאַפט און דער פירנדיגער שיכט פון דער אָרגאַני־זאַציע, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז געווען איר לעבעדיגער גייסט, זאָגן עדות אַ ריי בוויער און טוער פון אָרדען:

„מער פון אַ דריטל מיטגלידער פון ברענטש (45 אין פּיטסבורג)

געהערן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי". (פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „פריינד" 1913).

„אין אַלגעמיין פילט זיך ווי דער ברענטש (117 אין סקענעקטעדי, נ. י.) וואָלט געווען אַ יידישער ס.־פּ.־ברענטש"... „מיר זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז אונזער ברענטש קען און מוז טאָן די אַרבעט, וואָס אַ יידישער ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט געדאַרפט טאָן און וואָס איז ביי אונז ליידער ניטאָ" („פריינד" 1913).

ברענטש 29 (אין באָפאַלאָ, נ. י.) איז אין 1904 געגרינדעט געוואָרן דורך 15 סאָציאַליסטן. מיט 3 יאָר שפּעטער האָבן זיי „גענומען אַ טיכטיגן אָנטייל אין גרינדן די יידישע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע־ביוראָ" („פריינד", 1914).

„ברענטש 10 פון דער ס. פּ. באַשטייט פון 30 מיטגלידער, און זיי זיינען כמעט אַלע מיטגלידער פון אַ.־ר." (בר. 207 אין עליזאַבעט, נ. דזש.). „זיי טוען גוטע אַרבעט פאַר דער סאָצ. פּאַרטיי צווישן דער יידישער באַפעלקערונג" („פריינד" 1914).

„מיר זיינען זייער פאַרזיכטיג מיט אַריינגעמען מיטגלידער (ברענטש 257 אין לואיוויל, קענטאָקי). אַלע אונזערע מיטגלידער זיינען שאַפּ־אַרבעטער, פיל פון אונז געהערן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי".

„אונטערן וואָרט אַרבעטער־רינג ווערט אין דאַלאַס, טעקסאַס, פאַרשטאַנען די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי" („פריינד", 1914).

„שווער איז אָנגעקומען די גרינדונג פון אונזער ברענטש (494 אין פאָרט וואָרט, טעקס.), אָבער אונזער מוט און ענערגיע האָבן ביינגעקומען אַלע שוועריגקייטן"... „שוין מיט דעם אַליין, וואָס מיר האָבן געלערנט די פאָרט וואָרטער יידן רעספּעקטירן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, אַז אַ סאָציאַליסט איז אַ מענטש גלייך מיט אַלעמען (און דאָס איז גאַנץ שווער אָנגעקומען), האָבן מיר שוין עטוואָס גוט אויפגעטאָן".

אַזוי איז געווען שטאָט נאָך שטאָט, שטעטל נאָך שטעטל. דער רוב איז שוין געקומען איבערצייגטע סאָציאַליסטן פון דער אַלטער היים, און פון זיי האָט דער באַדייטנדיגסטער טייל דורכגעמאַכט די רעוואָלוציאָנערע שול פון „בונד".

„פון דעם יאָר 1906, ווען די אימיגראַציע פון די בונדיש־אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון רוסלאַנד, ליטע, פּוילן, רומעניע און גאַלי־

ציע האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן, האָט דער א.־ר. אָנגעהויבן צו מאַכן ריזן־שריט, וואָס האָבן אים געבראַכט צו זיין איצטיגער מאַכט און גרויס. אין 1906 האָט דער א.־ר. געהאַט נאָר 8,840 מיט־גלידער און דעמאָלט זיינען שוין מער ווי אַ העלפט פון דער צאָל גע־ווען רעקרוטירט פון די רייען פון ,בונד׳. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן באַהויפטן, אַז 60 טויזנט מיטגלידער אין א.־ר. זיינען געוועזענע בונדיסטן, אָדער זיינען געשטאַנען אונטער דעם בונדס השפעה" (לייט־אַרטיקל פון „פריינד", נאָוו. 1922).

„אין יעדן שטעטל, וואו די בונדיסטן האָבן זיך באַזעצט, איז גע־גרינדעט געוואָרן אַ נייער ברענטש און ער האָט זיך גערופן דער בונד־ברענטש פון א.־ר.. אַזעלכע ברענטשעס זיינען דאָ אין דעם א.־ר. זייער פיל. די גאַנצע קולטורעלע טעטיגקייט פון דעם א.־ר., קען מען זאָגן, איז אַ רעזולטאַט פון דעם איינפלוס, וואָס די אַריבערגעקומענע בונדיסטן האָבן אויסגעאַרבעט אין דעם א־ר." (י. באַסקין, „פריינד", נאָוו. 1922).

„די היימישע סאָציאַליסטישע ירושה פון ,בונד׳ וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך און געהאַט אין זיך, האָט אונז געהאָלפן צו אַנט־וויקלען אונזערע שאַפונגס־כוחות דאָ אין לאַנד און זיין אַ געזונטער בוי־מאַטעריאַל פאַר דעם אויפבוי פון דער היגער אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע, פון דעם אַרבעטער־רינג. דאָס וואָס דער ,בונד׳ האָט פאַרזייט אין אונזער אַלטער היים, האָט דער אַרבעטער־רינג דאָ געשניטן" (ב. רובין: „דער בריסקער", 1934, נ. י.).

„צווישן די ניי־געקומענע זיינען געווען אַ סך רעוואָלוציאָנערן, צווישן די לעצטע אַ מערהייט בונדיסטן". 1909 געגרינדעט ברענטש 324. „ביי דעם ערשטן מיטינג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער מיט־גליד זאָל צאָלן 15 סענט אַ קוואַרטל פאַרן ,בונד׳ און 20 פּראָצענט פון אַלע אונטערנעמונגען זאָל גיין פאַרן זעלבן צוועק" (בן אליעזר: „לאָדזשער אַלמאַנאַך", 1934 נ. י.).

„דאָס איז געווען אין יאָר 1907, אין דעם רעכטן שטראָם פון אימיגראַציע, ווען גרויסע מאַסן רעוואָלוציאָנער־געשטימטע און מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט פון דער אַלטער היים האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען אין אַמעריקע. און אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן געמאַכט זייער היים אין שיקאַגאָ. האָבן אָט צווישן די ניי־אַריבערגעקומענע זיך געפונען אייניגע היימישע בונדיסטן, וועלכע האָבן זיך ניט צופרידנגעשטעלט נאָר מיט דעם אַמעריקאַנער דאלער,

וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן, — עס איז זיי ניט איינגעגאַנגען די היגע פרייהייט וואָס זיי האָבן דערפילט נאָכן אַנטלויפן פון צאַרישן רוסלאַנד. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויף יענער זייט ים, אין זייער אַלטער היים, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייערע חברים פון ,בונד׳, וועלכע פירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט צו באַפרייען רוסלאַנד פון דער דעספּאָטישער הערשאַפט". און דאָס האָט זיי געבראַכט צו דער גרינדונג פון אַ.־ר. ברענטש. (אייב לעווין: „באָברויסקער ראַיאָנער ברענטש 131", 1933 שיקאַגאָ).

שוין צוליב זיין מענטשן־מאַטעריאַל האָט דער אַ.־ר. געמוזט זיין געקניפּט און געבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. **ער האָט מיט איר קאָאָפּערירט אין די ערטער, וואו זי איז געווען, און זי פּאַרטראָטן, וואו זי איז ניט געווען.**

עס זיינען געווען ברענטשעס, וואו עס האָבן געהאַט אַן השפּעה אַנאַרכיסטן און אין אייניגע — ס.ל.פּ.־ניקעס. געווען אַ פּאָר ברענטשעס אויפן נאָמען פון דעניעל דע ליאָן. דער גרויסער רוב איז אָבער גע־ווען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס. פּ.). ניט גע־קוקט דערויף האָט דאָך אין די רייען פון דער סאָצ. פּאַרטיי ניט אויפגעהערט דאָס מורמלען, אַז דער אַ.־ר. שטעלט זיי בדלות. ווען ניט דער אַ.־ר., האָבן זיי געטענהט, וואָלט די מערכה פון דער סאָצ. פּאַרטיי געווען אַ פיל בעסערע. געהייסן האָט עס, אַז דער אָרדען האָט פאַרכאַפּט דעם פּלאַץ, און מיטן אַ.־ר. איז מען יוצא די מצווה פון סאָציאַליזם. און די טוער פון אַ.־ר. האָבן זיך געמוזט פון צייט צו צייט פאַרענטפערן און אויפווייזן, אַז ס'איז פאַרקערט, אַז אַ דאַנק דעם אָרדען געווינט אַ סך אויך די סאָצ. פּאַרטיי. און פון דער צווייטער זייט האָבן אין די רייען פון אַ.־ר. זיך שוין אויך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך דעררעדט צו דעם, אַז די סאָצ. פּאַרטיי איז איבעריג, ווייל די ברענטשעס טוען שוין סאָציאַליסטישע אַר־בעט.

אין 1907 האָבן יידישע סאָציאַליסטן אויף אַ קאָנפערענץ באַ־שלאָסן צו גרינדן אַ יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. אין דער ס. פּ. האָט מען געקוקט קרום אויף דעם. אין 1908 האָט די ס. פּ. אָנגענומען אַ באַשלוס צו דערלאָזן, אַז ס'זאָלן געגרינדעט ווערן ביי דער פּאַרטיי **נאַציאָנאַלע פעדעראַ־ציעס**, לויט די באַזונדערע שפּראַכן און נאַציאָנאַליטעטן. פאָרמעל האָט זיך דעריבער אויך געקענט גרינדן אַ יידישע פעדעראַציע אין

די ראַמען פון דער סאָצ. פּאַרטיי. איינפלוסרייכע עלטערע סאָציאַ־ליסטן־יידן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ גאַנץ אַלטן קוק אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָבן זיך אָבער קעגנגעשטעלט און געשטערט דאָס צו רעאַליזירן. און עס קען זיין, אַז דאָס האָט אויך מיטגע־ווירקט וואָס רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער און גוטע סאָציאַ־ליסטן האָבן גיכער געשטראַמט אין אַרבעטער־רינג איידער אין דער ס. פּ., ווייל זיי האָבן אין דער פּאַרטיי ניט געהאַט די אַנטשפּרעכנ־דיגע פאָרם פאַר זייער אַלזייטיגער טעטיגקייט צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן. ערשט אין 1912 איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, בעת די יידישע אַרבעטער האָבן שוין געהאַט אויפגעבויט דעם מאַסנהאַפטיגן אַרבעטער־רינג און אַ ריי יוניאָנס. בעת איר גרינדונגס־קאָנפערענץ אין מאַי 1912 (אין פּע־טערסאָן, נ. דזש.) האָט די פעדעראַציע פאַרמאָגט 25 ברענטשעס מיט בערך 700 מיטגלידער. דעם העכסטן פּונקט האָט זי דערגרייכט אין 1917, ווען זי האָט פאַרמאָגט בערך 10 טויזנט מיטגלידער, אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט („די נייע וועלט") און געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אין היגן יידישן אַרבעטער־לעבן. אַ באַדייטנדיגער טייל מיטגלידער און טוער, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אין אַ.־ר. און אין דער פעדעראַציע, האָבן באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז צווישןביידע אָרגאַניזאַציעס זיינען קיין סתירות ניט פאַראַן, אַז יעדע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אירע אויפגאַבן און איר פעלד פון טעטיגקייט.

אַלע ריכטונגען האָבן געפונען אַ פּלאַץ אין אַ.־ר., אַחוץ די פּועלי־ציון. אַפילו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וועלכע זיי־נען געווען שטאַרק נאַציאָנאַל געשטימט, האָבן אויף זייערם אַ קאָנ־ווענשאָן אין 1911 באַשלאָסן צו אַגיטירן צווישן זייערע אָנהענגער צו גרינדן ברענטשעס פון אַ.־ר.. אַנדערש איז געווען מיט די פּועלי־ציון. אין זייער פּרעסע („אידישער קעמפּפער" נומער 24) האָבן זיי געשטעלט אַ פראַגע „אויב דער אַרבעטער־רינג קען צוזאָגן צו טאָן בלויז זאַכן, וואָס קענען באַפרידיגן אַלע ברענטשעס און איבערלאָזן די ענגע פּאַרטיי־זאַכן צו דער טעטיגקייט פון איינצלנע ברענטשעס?" נאָר אויף אַזעלכע באַדינגונגען, האָבן די פּועלי־ציון געזאָגט, וואָלטן זיי געווען גרייט אַריינצוטרעטן אין אַ.־ר.. אויף דעם האָט דער אַ.־ר. געענטפערט מיט אַזאַ דערקלערונג („פריינד" נאָוו.־דעצ. 1911):

„עס איז אמת, אַז דער אַ.־ר. שטיצט סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע, אַז דער אַ.־ר. העלפט פאַרשפּרייטן און שטיצט סאָצ. ליטעראַטור,

אַז דער אַ״ר. פירט אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז דער „בונד׳ ווערט פון אַרבעטער־רינג געשטיצט — דאָס איז אַלץ אַרבעט, מיט וועלכער מיר שטאָלצירן. דאָס איז אייגנטלעך די פּרינציפּיעלע און גייסטיגע אויפגאַבע פון אַ״ר.. דאָס איז אָבער די טעטיגקייט פון איינצלנע ברענטשעס, און ניט די אַרבעט פון אַ״ר. אַלס אַ גאַנצן, מיטן אויסנאַם פון ספּעציעלע פּאַסירונגען, וואָס טראָגן אַ מער אָדער ווייניגער אַלגעמיינעם כאַראַקטער״... „דער אַרבעטער־רינג אַלס אַ גאַנצער האָט ניט קיין באַשטימטע ריכטונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַ״ר. זיינען פאַרטראָטן כמעט אַלע ריכטונגען, און די וואָס זיינען אין אַ״ר. פאַרטראָטן, ווערן טאָלערירט״... „כמעט אַלע עלעמענטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָבן אין אַ״ר. געאַרבעט געמיינשאַפטלעך, אַלע פאַר איין צוועק״.... „דער אַ״ר. איז אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אין אַמע־ריקע. אין אים קענען אַריינקומען אַלס מיטגלידער: יידישע אַרבעטער אַסימילאַטאָרן אַזוי גוט ווי יידישע אַרבעטער נאַציאָנאַליסטן. די מיטגלידער קענען זיך גרופּירן לויט זייערע איבערצייגונגען. און אַזוי ווי די ברענטשעס פון אַ״ר. האָבן פולע אויטאָנאָמיע אין דער גייסטי־גער און קולטורעלער אַרבעט, קענען זיין ברענטשעס אַסימילאַטאָריש געשטימטע אַזוי גוט ווי ברענטשעס נאַציאָנאַליסטיש געשטימטע. עס קען אָבער יעדנפאַלס ניט זיין קיין ברענטשעס רעליגיעז־נאַציאָ־נאַליסטיש אָדער בורזשואַז־פּאָליטיש״.

די צוגעבונדנקייט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט דער אַרבעטער־רינג אין יאָר 1914 דעמאָנסטרירט מיט דעם וואָס אויף דער 14־טער קאָנווענשאָן איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן מאיר לאָנדאָן אַלס פּראַטערנאַלן דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַ־ליסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין חודש אויגוסט אין ווין (ער איז ניט פאָרגעקומען צוליבן מלחמה־אויסברוך). דער אַרבעטער־רינג איז אויך געווען אַקטיוו באַטייליגט אין די וואַל־קאַמפּאַניעס, בעת וועלכע דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד מאיר לאָנדאָן, איז געוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעסמאַן. די ברענטשעס זיינען געווען זייער אַקטיוו אין פאַרשידענע אַקציעס און וואַל־קאַמפּאַניעס, וואָס די סאָצ. פּאַרטיי האָט געפירט.

אויך מיט די יוניאָנס האָט דער אַ״ר. זיך באַמיט איינצוהאַלטן די פריינדלעכסטע באַציאונגען און שטיצן זייערע קאַמפן. אין יענע

יאָרן זיינען די יוניאָנס געווען זייער שוואַך און זיך שטאַרק גענויטיגט אין הילף פון אַנדערע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. וועגן דער שוואַכקייט פון די יוניאָנס זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס 1909 זיינען אין די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן געווען אַנגעשלאָסן 41 יידישע יוניאָנס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון סך-הכל 5 טויזנט. ערשט נאָכן גרויסן סטרייק פון די לײדיס ווייסט מאַכערס יוניאָן איז די פאַר־איינינונג פון די יידישע יוניאָנס אויסגעוואַקסן און געציילט 60 יוניאָנס מיט אַ פאָר צענדליג טויזנט מיטגלידער. אין אָנהויב 1914 זיינען שוין געווען אין די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן 107 יוניאָנס מיט בערך 200 טויזנט מיטגלידער.

אַ צייט איז געווען אַ געוויסער אַנטאַגאָניזם צווישן די יוניאָנס און דעם אַ.־ר., ווי אויך צווישן טייל מיטגלידער פון אַ.־ר. וועלכע זיינען געווען יוניאָן-לייט און אַנדערע, וועלכע זיינען עס ניט געווען. איינער האָט דעם צווייטן אַפילו מכבד געווען מיטן צונאָמען — „סקעב״. גענומען האָט זיך עס פון דעם, וואָס דער אַ.־ר. האָט ניט געוואָלט פאַרשליסן די טירן פאַר אַרבעטער, וועלכע האָבן ניט גע־הערט צו אַ יוניאָן. דער אַ.־ר. האָט געהאַלטן, אַז אַלע אַרבעטער דאַרפן זיין מיטגלידער פון אָרדען און די ניט-אָרגאַניזירטע דאַרפן באַווירקט ווערן אַריינצוטרעטן אין די יוניאָנס. שלעכט פאַרדינענדיגע אַרבעטער האָבן דערקלערט, אַז זיי קענען ניט אַריינטרעטן אין דער יוניאָן, ווייל מ׳פאָדערט צו הויכע איינטריט-געלט, וואָס זיי זיינען ניט בכוח צו באַצאָלן.

דער אַ.־ר. האָט קיין „סקעבס״ ביי זיך ניט געוואָלט דולדן און אויך ניט קיין באַלעבאַטים, וואָס קעמפן קעגן אַרבעטער. שרייבנדיג וועגן די דאָזיגע ענינים, האָט דער „פריינד״ אָנגעוויזן:

„עס איז אַן אומפאַרשעמטהייט צו וועלן בלייבן אין אַן אָרגאַ־ניזאַציע, וועלכע מען האָט פאַרראַטן. אַזעלכע מיטגלידער דאַרפן אויף איבעריגע פריינדלעכע באַציאונגען צו זיי אין אַ.־ר. ניט האָפן און אויף רעספּעקט געווים ניט. עס איז דעריבער פיל פּראַקטישער פאַר זיי, אַז זיי זאָלן אַוועקגיין אַהין, וואו זיי געהערן״.

אַלע סטרייקן וואָס די יוניאָנס האָבן געפירט, זיינען וואַרעם אונטערשטיצט געוואָרן דורך דעם אַ.־ר. אַלס גאַנצן און דורך די באַזונדערע בראַנטשעס. מ׳האָט געשטיצט פינאַנציעל און מאָראַליש. בעת די לאַנג-דויערנדיגע פאַרצויגענע סטרייקן האָבן פיל בראַנ־

טשעם שטאַרק געשטיצט זייערע סטרייקנדיגע מיטגלידער און מיט דעם מעגלעך געמאַכט פאַר זיי אויסצוהאַלטן דעם קאַמף.

אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן פון אַ סך:

„ווען דאָ אין לאַנד זיינען אין די יאָרן 1910־1912 פאָרגעקומען די באַרימטע סטרייקן פון די קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער, שניידער און פאַריער, וועלכע האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר די יוניאָנס אין די דאָזיגע פאַכן, איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַזאַ עלעמענט ווי אונזערער זאָל מיט לייב און נשמה אריינגעצויגן ווערן אין די סטרייקן. די טעטיגקייט פון ברענטשעס איז אינגאַנצן פאַרנומען געוואָרן מיט שאַפן מיטלען צו העלפן די אַרבעטער אין זייערע קאַמפן מיט די באַלעבאַטים פאַר אנערקענען זייערע יוניאָנס" („מאָהילעווער סאָוועניר־בוך, בר. 275", 1934, נ. י.).

די ברענטשעס זיינען אַזוי געווען אריינגעצויגן אין די סטרייקאַקציעס, אַז זיי איז אָפּטמאָל אויסגעקומען גאַנץ שטאַרק פון דעם צו ליידן. אַזוי, למשל, שרייבט י. ב. סאַלוצקי אין „פריינד": „דער גוטבאַקאַנטער קלאָוקמאַכער־סטרייק (אין קליוולאַנד, אָהייאָ) פון לעצטן זומער האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט אונזערע ברענטשעס, פינאַנציעל, ווי אין דער צאָל מיטגלידער. פיל זיינען ניט געווען אימשטאַנד צו צאָלן זייערע בילס און האָבן זיך געלאָזט שטרייכן. נאָך מער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. צוליב דעם דורכפאַל פון סטרייק האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דאָס רעקרוטירן נייע מיטגלידער".

וועגן כאַראַקטער פון אַזעלכע ברענטשעס קען מען זיך שאַפן אַ באַגריף, וואָס אין ברענטש 79 אין קליוולאַנד זיינען פון 203 מיטגלידער בלויז עטלעכע און דרייסיג ניט געווען קיין אַרבעטער. 85 פּראָצענט זיינען געווען אַרבעטער פון איבער 30 פאַרשידענע פאַכן.

אין קליינע שטעטלעך, וואו קיין יוניאָנס האָבן ניט עקזיסטירט — און מאַנופעקטשורערס פלעגן קומען אַהין פון גרויסע שטעט, כדי ניט האָבן צו טאָן מיט יוניאָנס — האָבן די אַ.־ר. ברענטשעס זיך אריינגעוואָרפן אין קאַמף, ווען די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיינען אַרויס אין אַ סטרייק פאַר מענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען. זיי האָבן געהאָלפן אָנפירן די סטרייקן, געשטיצט מיט געלט, פּיקעטן און אין די געריכטן, ווען דאָס איז געווען נויטיג. בעת דעם גרויסן קלאָוקמאַכער־סטרייק אין ניו־יאָרק האָט אַ פירמע געעפנט „סקעבשעפּער אין טראָי, נ. י.. דער ברענטש 123 האָט אָרגאַניזירט פּיקעטן

און אַרונטערגענומען די „סקעבס" און זיי געגעבן געלט צוריק צו פאָרן קיין ניו־יאָרק. די פּיקעט־פירער זיינען דערביי געוואָרן אַרעס־טירט. אויך פון עליזאַבעט, נ. דזש., האָט ברענטש 47 פאַרטריבן „עטלעכע ניו־יאָרקער סקעב־באָסעס, וועלכע האָבן געקלערט צו מאַכן עליזאַבעט פאַר אַן ,עיר מקלט' פון ,סקעבעריי'". ענלעכע פאַלן זיינען אויך געווען אין אַנדערע ערטער.

אין די יאָרן 1909-10 האָט דער אַרבעטער־רינג גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די אַקציעס צו אָרגאַניזירן די קלאָוקמאַכער. דעם 21 מערץ 1909 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע קאָנ־פערענץ מיטן אַנטייל פון דעלעגאַטן פון 97 ברענטשעס און טרייד־יוניאָנס, געווידמעט דער פראַגע פון העלפן אָרגאַניזירן די קלאָוק־מאַכער צום קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען.

אין אַלע גרויסע קאַמפן פאַר די יוניאָנס איז דער א.־ר. געווען פאַרוויקלט. די ברענטשעס אין גאַנצן לאַנד האָבן געזאַמלט הילף און געהאָלפן פאָפּולער מאַכן די פאָדערונגען פון די סטרייקנדיקע.

ניט געקוקט דערויף איז קיין פולע האַרמאָניע צווישן א.־ר. און די יוניאָנס דאָך ניט געווען. איין צד האָט זיך באַקלאָגט אויפן צווייטן. די א.־ר.־טוער האָבן געהאַט שטאַרקע טענות פאַרוואָס אין די יוניאָנס ווערט ניט געפירט קיין אַגיטאַציע לטובת דעם א.־ר.. אומאָפּהענגיג דערפון, האָבן אָבער די טוער פון א.־ר. כסדר געהאַלטן, אַז ס'איז אַלעמענס פליכט צו שטאַרקן און העלפן די טרייד־יוניאָנס. ביסלעכווייז האָט זיך אויך אין דער הינזיכט די לאַגע געבעסערט און מיט דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן ספּעציעלע טרייד־יוניאָן־ברענטשעס פון א.־ר..

דער אַרבעטער־רינג האָט סוף־כל־סוף זיין פּלאַץ און אָנער־קענונג געוואונען. גוטע באַציאונגען מיט די אַנדערע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך איינגעשטעלט.

„מען האָט אַמאָל געהערט", האָט געשריבן א. ליעסין צום 10־יאָריגן יובליי פון א.־ר., „און מען הערט נאָך אויך איצט אָפט מאָל זיך קלאָגן, אַז דער אַרבעטער־רינג שוואַכט אָפּ די אַלגעמיינע באַ־וועגונג, אַז ער ציט אָפּ קרעפטן פון די יוניאָנס, אַז ער ציט אָפּ קרעפטן פון דער פּאַרטיי"... „דער אָרדען פון א.־ר. איז אַ גרויסע פּראַקטישע שול, וואו דער אַרבעטער לערנט זיך אויס צו שעצן די וויכטיגקייט פון סאָלידאַריטעט און די וויכטיגקייט פון אויפקלערונג, וואו ער לערנט זיך אויס צו קענען און צו אַכטן די יוניאָן, די יוניאָן

פון די אַרבעטער, אַזוי ווי די פּאַרטיי פון די אַרבעטער" („דער אַר־בעטער־רינג", זאַמל־בוך, 1910, נ. י.).

„עס איז געווען אַמאָל אַ צייט", שרייבט ש. יאַנאָווסקי, „ווען מ'האָט מורא געהאַט, אַז דער אַ.־ר. מיט זיינע ברענטשעס וועט טויטן אונזער גאַנצע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, אונזערע צייטונגען, צייטשריפטן, פאַרלעזונגען, ווייל דער אַרבע־טער וועט ווערן אַן אַרבעטער־רינג־מאַן, ד. ה. איינער, וועלכער האָט נאָר אין זינען זיין קראַנקען־בענעפיט, זיין אינשורענס און זיין שטיקל קרקע און צו אַלץ אַנדערש וועט ער ניט האָבן קיין חשק און ניט קיין צייט. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? אָט וואָס: פיל גרופּן און סעקציעס, וואָס האָבן ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק גע־האַלטן אין איין געבוירן ווערן און אין איין שטאַרבן, עקזיסטירן איצט בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין דער זעלבער צייט ברענ־טשעס פון אַ.־ר." („דער אַרבעטער־רינג", 1910, נ. י.).

„ווען מיר וואָלטן דאָ געהאַט אַ געזונטע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע", שרייבט אין זעלבן זאַמל־בוך צביון, „שטאַרקע פאַר־מירטע יידישע יוניאָנס, אַן אָרגאַניזירטע קולטורעלע טעטיגקייט פאַר די פאָלקס־מאַסן, וואָלט דאַן דער טעטיגקייט־קרייז פון אַ.־ר. געווים געווען פיל באַשרענקטער ווי היינט און ער וואָלט אויך באַוואוסטער און קלערער געווען אין זיינע אויפגאַבן. פון די דריי אויסגערעכנטע זאַכן האָבן מיר אָבער קיין איינע ניט, מיר האָבן בלויז איין איינציגע געזונטע, שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַ פעסטן באָדן אונטער זיך און דאָס איז דער אַרבעטער־רינג"...
„די זעלביגע סאָציאַליסטן, יוניאָניסטן, ראַדיקאַלן, וועלכע האָבן גאָר ניט געקענט אויפטאָן אין די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און אין די יוניאָנס צוליב דער שוואַכקייט און דער דיסציפּלינלאָזיגקייט, וואָס הערשט דאָרט, האָבן פאַר זיך געפונען זייער אַ פרוכטבאַרן באָדן פאַר זייער טעטיגקייט און ענערגיע אין דעם שטאַרק אָרגאַניזירטן און גוט דיסציפּלינירטן אַרבעטער־רינג"... „איך וועל ניט איבער־טרייבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז שטאַרקע ניינציג פּראָצענט פון דער קולטורעלער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן צווישן די יידישע אַר־בעטער און פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, געהערט צום אַ.־ר. און אויב דאָס זעט זיך אַזוי ניט אָן אין ניו־יאָרק, איז דאָס זייער באַמערקבאַר אין דעם לאַנד"... „מען קען זאָגן, אַז דאָס גאַנצע שטעטל באַ־קומט אַן אַנדער פּנים".

אויב דער אַ.־ר. איז ווייט אַרוים פון גדר פון בענעפיטס, אין וועלכן עס זיינען געווען איינגעצוימט די בירגערלעכע אָרדענס, און זיך פאַרנומען מיט אַ ברייטער קולטור־טעטיגקייט, און דאָ און דאָרט אויך געטאָן, ווען ס׳איז נויטיג געווען, פּאָליטיש־סאָציאַליסטישע און טיילמאָל אַפילו טרייד־יוניאָניסטישע אַרבעט, איז עס ניט זיין „שולד״. אויב מ׳קען בכללריידן וועגן אַ „שולד״, איז זי צו זוכן ביי יענע צווייגן פון דער באַוועגונג, וואָס האָבן עס דעמאָלט ניט געטאָן און ביי יענע היסטאָרישע באַדינגונגען אפשר ניט געווען בכוח צו טאָן. די יוניאָנס האָבן שפּעטער אָנגעיאָגט און געוואָרן גרויס און שטאַרק. ליידער איז דאָס דער פאַל ניט געווען ביי דעם צווייג, וואָס וואָלט געדאַרפט פאַרנעמען דעם פאָדערשטן פּלאַץ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיין איר אידעאישער און פּאָליטישער וועג־ווייזער — ביי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

פערטער טייל

די פריערדיגע קוואַלן טריקענען אויס. — שטעלונג צו דער ערשטער וועלט־מלחמה. — די באַציאונג צום ציוניזם. — באַטייליגונג אין געמיינזאַמע יידישע און אַרבעטער־קערפערשאַפטן. — גרויסע הילפס־אַקציעס. — יידישע און אַלגעמיינע רעאַקציע. — 1925 דער הויך־פונקט אין דער צאָל מיטגלידער. — יוגנט. — פרויען. — ברייטע בילדונגס־טעטיגקייט. — קאָאָפעראַטיוו. — סאָציאַלע דינסט. — דאָקטוירים. — בית־עולם. — יידיש־וועלטלעכע שולן. — דער קאַמף אַרום זיי. — די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. — צעשטערונגס־אַרבעט פון די קאָמוניסטן. — ביטערע שטרייטן. — קאָמוניסטישע אָפשפאַלטונג. — באַשלוסן פון קאָנווענשאָנס. — צוריק אין מאַסאַטשוזעטס. — די טאָראָנטער קאָנווענשאָן. — באַשלוסן וועגן סאָוועט־רוסלאַנד און וועגן די קאָמוניסטן. — אַ נייע פרינציפן־דערקלערונג. — 25־יאָריגער יוביליי. — באַמיאונגען איינצוהאַלטן די דיסציפלין. — הילף פאַר סטרייקנדיגע אַרבעטער. — פינאַנציעלע פעסטקייט אין אַ צערודערטער צייט.

21. נאָכווייענישן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

צוויי געשעענישן האָבן געהאַט אַ גורלדיקע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־רינג אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די ערשטע איז געווען דאָס פאַרשליסן די טויערן פון אַמעריקע פאַר אַ פרייער מאַסן־איינוואַנדערונג, די צווייטע — די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין רוסלאַנד און איר השפעה אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט.

די פריש־איינגעוואַנדערטע זיינען געווען דער קוואַל, פונוואַנען דער אַ.־ר. האָט יעדן יאָר וואָרבירט טויזנטער מיטגלידער. שוין אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די איינוואַנדערונג שטאַרק געפאַלן. אויב אין 1914 זיינען אַריינגעקומען אין די פאַר־איייניקטע שטאַטן 138 טויזנט יידן, איז אין יאָר 1915 די ציפער געפאַלן צו 26 טויזנט, און אין די ווייטערדיקע יאָרן נאָך נידעריקער, ביז זי איז דערגאַנגען אין 1919 צו סך־הכל 3 טויזנט. אָבער אין יאָר 1921 זיינען ווידער אַריינגעקומען אַרום 120 טויזנט יידן. באַדייטנדיקע צאָלן זיינען אויך געווען אין די יאָרן 1922-23. שפּעטער, ווען ס׳איז איינגעפירט געוואָרן דער סיסטעם פון קוואָטעס, זיינען אַריינגעקומען קוים אַרום 10 טויזנט יידן יערלעך אָדער נאָך ווייניקער.

דאָס פאַרבאָטן די פרייע מאַסן־איינוואַנדערונג האָט געהאַט אַ גורלדיקע ווירקונג אויפן היגן יידישן ישוב בכלל און אויף די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס בפרט. איינער פון די רעזולטאַטן איז געווען וואָס עס איז אויסגעטריקנט געוואָרן דער שפרודלדיקער קוואַל, פונוואַנען די אָרגאַניזאַציעס האָבן כסדר געקענט שעפּן אַ יונגן, יידיש־ריידנדיקן און יידיש־טראַכטנדיקן עלעמענט. די לאַנדסמאַנשאַפטן און פאַסייעטים האָבן אָנגעהויבן פאַרגליווערט ווערן. הונדערטער פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס — גרויסע און קליינע — האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאָזט אָדער סתם אָפּגעשטאָרבן און אפילו קיין קדיש־זאָגער נאָך זיך ניט געלאָזט. אין אַ באַגריסונגס־אַרטיקל פון „פריינד" צו אַ קאַנווענשאָן פון אַ.־ר. (מאַי 1927) ווערט פעסטגעשטעלט:

„אַלע יידישע פּראָטערנאַלע אָרדענס אין אַמעריקע לעבן דורך אַ שווערן קריזיס. פיל פון זיי האָבן אין די לעצטע יאָרן פאַרלאָרן צענדליגער טויזנטער מיטגלידער. דער אַ.־ר. איז געווען דער גליקלעכסטער פון זיי אַלעמען. ניט קוקנדיג אויף די שווערע צייטן, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט, איז אונז דאָך געלונגען ביז ניט לאַנג איינצוהאַלטן די גלייכגעוויכט. דער לעצטער יאָר איז אָבער געווען פאַר אונז ניט קיין גינסטיגער. מיר האָבן אַ טראָט געטאָן אויף צוריק; מיר האָבן פאַרלאָרן אַריבער דריי טויזנט מיטגלידער. און אונזערע פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט זיינען אויך ניט צופיל פאַרשפּרעכנדיגע"... „די קוואַלן, פון וועלכע מיר קענען שעפּן נייע מיטגלידער, ווערן בישלעכוויז אויסגעטריקנט".

דאָס אויסטריקענען פון די קוואַלן איז געווען אַ פאַרלוסט ניט בלויז פון צאָל. אין די פריערדיגע יאָרן, ווען דער אַ.־ר. איז געגאַנגען כסדר באַרג־אַרויף האָט מען פון די קוואַלן געשעפּט ניט בלויז טויזנטער נייע מיטגלידער, נאָר אויך דעם דינאַמיזם און יוגנטלעכקייט, וואָס די ווערבירטע טויזנטער האָבן אין זיך געהאַט. מיטן נעלם ווערן פון די פרישע קוואַלן האָט זיך געמוזט אָנהויבן אַ פאַרשנעלערטער פּראָצעס פון עלטער ווערן. דאָס איז געוואָרן אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין גאַנצן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס האָט נאַטירלעך ניט געקענט אויסמיידן אויך דעם אַ.־ר.

די צווייטע דערשיינונג, וואָס האָט באַווירקט דעם אַרבעטער־אָרדען, איז געווען די פאַרשפּרייטונג פון קאָמוניזם. די רוסלענדער רעוואָלוציע, וואָס איז שפּעטער איבערגענומען און ווייטער געטריבן געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס, האָט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון כמעט אַלע לענדער אויפגעוועקט אַ סך האָפענונגען און אילוזיעס. אויך די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע זיינען אין דעם פּרט ניט געווען קיין אויסנאַם. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז די אַנטשטאַנענע קאָמוניסטישע באַוועגונג זאָל באַקומען אַ השפּעה און פירן נאָך זיך געוויסע טיילן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. די קאָמוניסטן האָבן באַהערשט אַ צאָל ברענטשעס פון אַ.־ר. און דורך זיי געפּרוּווט אַנוואַרפן זייער פּאָליטיק. דאָס האָט סוף־כל־סוף דערפירט צו אַן אָפּשפּאַלטונג און צו דער גרינדונג פון אַ צווייטן אַרבעטער־אָרדען.

צוליב די צוויי דערמאָנטע טעמים האָט דער וואוקס פון אַ.־ר. זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון קאַמף פאַר

איינהאַלטן דעם באַזיץ, פאַר פאַנאַנדערבויען און פאַרפעסטיקן דעם אָרדען. דאָס איז די צייט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדער־וואקסן אַ נייער צווייג — יידיש־וועלטלעכע שולן. מ׳האָט געוועגדט די בליקן צום אונטערוואַקסנדיגן דור — צו אַ נייעם עלעמענט אין אַ.־ר. — הי־געבוירענע. מ׳האָט געפּרואווט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, וואָס עס האָבן זיך געשאַפן אין די פאַראייניגטע שטאַטן, און געבן אַן ענטפער אויף די נייע פראַגן, וואָס דאָס לעבן האָט אַוועקגעשטעלט.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן פאַרן אַ.־ר. זיך גע־שטעלט אַ ריי פּאָליטישע פראַגן, צו וועלכע ער האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ שטעלונג.

נאָך דעם 4טן מערץ 1917 האָט נ. ע. ק. באַשלאָסן צו שיקן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז „מיר באַשטעטיגן אַן איבעריגן מאָל דאָס מיר זיינען קעגן קריג אונטער אַלע אומשטענדן און מיר האָפן, אַז דער מיטינג, וואָס עס האָט אַראַנזשירט דער לאָקאַל ניו־יאָרק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועט האַנדלען אין הסכם מיט די דאָזיגע פּרינציפּן און אידעאַלן״.

עס זיינען אַוועק סך־הכל עטלעכע געציילטע וואָכן און דער „פריינד״ (מאַי 1917) האָט שוין אין זיין לייט־אַרטיקל געזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש: „אונזער פאָטערלאַנד איז אין מלחמה, און מיר זיי־נען, נאַטירלעך, לאָיאַלע בירגער. איידער די קריגס־דערקלערונג איז אָנגענומען געוואָרן אין קאָנגרעס לויט די פאָרשריפטן פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, האָבן מיר אַלס סאָציאַליסטן און פּאַ־ציפיסטן געהאַט אונזערע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט, אין הסכם מיט אונזערע איבערצייגונגען, צו אַגיטירן מיט אַלע אונזערע כוחות קעגן. איצט אָבער, ווען מיר שטייען שוין אין קריג, בלייבט אונז קיין אַנדערע ברירה ניט, ווי צו דערפילן אונזערע בירגערלעכע פליכטן. אין דער זעלבער צייט דאַרפן מיר אויך שטרעבן צו וואָס אַ שנעלערן סוף פון דאָזיקן וועלט־צעשטערנדיגן קריג און אַרבעטן פאַר שלום צווישן אַלע פעלקער״.

2,500 מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג זיינען געוואָרן מאָבילי־זירט און איבער 50 פון זיי זיינען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער.

פאַקטיש איז אין אַ.־ר. ניט געווען קיין איינשטימיגקייט אין

דער פראַגע ווי אַזוי מ׳זאָל זיך באַציִען צו דער מלחמה. דאָס וואָס דער „פריינד״ האָט געשריבן אין פריער-דערמאָנטן אַרטיקל, איז ניט געווען קיין אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס די גרויסע מערהייט מיטגלידער האָבן געטראַכט און געפילט. דאָס האָט מען בולט געזען אויף דער 17טער קאָנווענשאָן אויף וועלכער מ׳האָט מיט אַלע שטי־מען קעגן 4 אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס סאָלידאַריזירט זיך מיט דער אַנטי-מלחמה-שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די רעזאָלוציע זאָגט:

„העלפנדיג אַלע מאָל די סאָציאַליסטישע פּאַרטייַ אין אַלע אירע טעטיגקייטן, פּאַרפליכטן מיר זיך און פאָדערן אויף אַלע מיטגלידער פון אַ.-ר. באַזונדערס ענערגיש צו שטיצן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דעם איצטיגן מאָמענט, ווען מען העצט די אַרבעטער צו מאַרד-פּאַטריאָטיזם. צוגלייך מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּראָטעסטירן מיר קעגן יעדן פּרואוו צו פאַרוואַנדלען די פרייע אַמעריקאַנער רעפּובליק אין אַ קאַזאַרמע״.

דער אַ.-ר. איז אויך געווען שטאַרק אַקטיוו אין וואַל-קאַמפּיין אין נאָוועמבער 1917, ווען די סאָציאַליסטן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון אין די לאָקאַלע וואַלן און אויסגעוויילט אַ צאָל פאַר־שטייער אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג.

פאַרן סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה איז דעם אַ.-ר. אויך אויסגעקומען זיך אַרויסצוזאָגן אין דער פראַגע פון ציוניזם אין שייכות מיט דער באַלפור-דעקלאַראַציע, וואָס איז דעמאָלט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן. אַ לייט-אַרטיקל פון „פריינד״ (פעברואַר 1918) זאָגט וועגן דעם:

„דער אַ.-ר. האָט זיך ניט געשטעלט די אויפגאַבע צו באַזאָרגן דאָס יידישע פאָלק מיט אַן אייגן לאַנד און האָט אַלס אָרגאַניזאַציע קיין מאָל ניט גענומען אַ שטעלונג פאַר ציוניזם אָדער קעגן ציוניזם, פאַר פאַלעסטינע אָדער קעגן פאַלעסטינע. עס איז ניטאָ קיין ספק, אַז די גאַנץ גרויסע מערהייט פון אַ.-ר. איז תמיד געווען קעגנעריש געשטימט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָבער דער אַ.-ר. אַלס גאַנצער האָט ניט אָנגענומען קיין באַשלוסן קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט זיין מיינונג ניט געזאָגט וועגן פאַלעסטינע, אויב יידן דאַרפן דאָרט האָבן אַ מלוכה אָדער ניט. דער אַ.-ר. האָט ניט פאַרשלאָסן זיינע טירן פאַר ציוניסטן. ער האָט אַריינגענומען אויך ציוניסטן אין זיינע רייען, ווען זיי זיינען נאָכגעקומען די פאָדערונ־

גען פון דער אַ.־ר.־קאָנסטיטוציע. מיר וואָלטן זאָגן, אַז דער אַ.־ר. אַלס אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַצויגן צום ציוניזם, ווי צו רעליגיע. עס איז אַ פּריוואַטע זאַך און האָט מיט דעם אַ.־ר. אַלס אַזעלכן ניט צו טאָן. דער אַ.־ר. אַלס אָרגאַניזאַציע האָט געזוכט בלויז, אַז עס זאָל הערשן דער סאָציאַליסטישער גייסט אין זיינע רייען. אויב איינער וויל צו זיין סאָציאַליזם פאַרבינדן אַן אַנדער ,איזם׳, איז דאָס זיין זאַך״.

שפּעטער, ווען ס׳איז אויפגעקומען דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר פּאַלעסטינע, האָט דער נ. ע. ק. דעם 2טן מערץ 1924 באַשלאָסן, אַז ס׳איז אַן ענין פאַר יעדן ברענטש באַזונדער צו באַשטימען צי ער זאָל דעם קאַמפּיין אונטערשטיצן אָדער ניט.

קיין קלאָרע אויסגעשפּראָכענע ליניע האָט דער אַ.־ר. אויך ניט געהאַט אין דער פראַגע פון צוזאַמענאַרבעט מיט די בירגערלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס. אַ צייט האָט ער זיך באַמיט אי צו גיין אויפן וועג פון גרופּירן באַזונדער די אַרבעטער־כוחות, אי גלייכצייטיג צו קאָאָפּערירן מיט די בירגערלעכע עלעמענטן.

אָנהויב 1917 איז פאָרגעקומען די נאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנווענשאָן, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע. 462 דעלעגאַטן זיינען געקומען פון 190 אָרגאַניזאַציעס, און פון זיי זיינען געווען אַזש 115 אַ.־ר. ברענטשעס. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, איז אין קאָמיטעט פון 25, וואָס די קאָנווענשאָן האָט אויסגעטיילט, אַריין בלויז איין פאָרשטייער פון אַ.־ר.

אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אַ געדאַנק צו שאַפן אַ פּערמאַנענטן קאָמיטעט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, אויפן אָרט פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט, אויף וועלכן מ׳האָט געקוקט ווי אויף אַ צייטווייליגע קערפּערשאַפט. דער פּערמאַנענטער קאָמיטעט האָט געזאָלט אויך טאָן געוויסע געמיינזאַמע פּראַקטישע אַרבעט. אין אַ.־ר. איז קיין איינהייטלעכע מיינונג וועגן דעם ניט געווען. לסוף האָט אַ מערהייט פון נ. ע. ק. געשטימט קעגן שאַפן אַ פּערמאַנענטן קאָמיטעט. איינער פון די מאָטיוון קעגן איז געווען, אַז דאָס וועט אָפּטויטן די איניציאַטיוו און טעטיגקייט פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. די קעגנער האָבן געטענהט, אַז פאַרן לעבן פון די אָרגאַניזאַציעס איז נויטיג אייגענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט,

און ס׳וועט ברענגען שאַדן, ווען די אַקטיווקייט וועט טראַנספּערירט ווערן אין אַ צווייטע קערפּערשאַפט.

דער אַ.־ר. איז אויך געווען באַטייליגט אין אַנדערע צוויי אָר־גאַניזאַציעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה: אין פּיפּלס־קאָונסיל און וואָירקמענס־קאָונסיל. זייערע אויפגאַבעס זיינען געווען צו קעמפן פאַר שלום און צו קעמפן קעגן די שלעכטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע דערשיינונגען, וואָס די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט.

די שטעלונג צום אַזוי־גערופענעם יידישן קאָנגרעס איז געווען אַ וואַקלדיגע. דער „פריינד" פון יוני 1917 האָט געשריבן: „נאָך דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע קען אַ ,יידישער קאָנגרעס׳, ווי מען האָט אים געפּלאַנעוועט אויף דער יידישער גאַס אין ניו־יאָרק, האָבן בלויז איין צוועק און באַדייטונג — און דאָס איז ציון"... „פאַר ניט־ציוניסטן, ווי זיי זאָלן זיך ניט רופן, איז דעריבער קיין פּלאַץ ניט אויף אַזאַ אסיפה. און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט, פון וועלכן דער אַ.־ר. איז נאַטירלעך אַ וויכטיגער טייל, האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט האַנדלען, ווי צוריקציען זיך".

צו די איינלאַדונגען אַנטיילצונעמען אין יידישן קאָנגרעס (18 מאַי 1918) האָט דער נ. ע. ק. באַשלאָסן ניט צו פאַרנעמען קיין שטעלונג, כדי ניט צו דיקטירן די בראַנטשעס, ווי אַזוי זיי זאָלן האַנדלען אין דער פראַגע.

דעם 17טן נאָוועמבער 1918 איז פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די מזרח־שטאַטן, גערופן פון נאַצ. אַרבעטער־קאָמיטעט. פון 784 דעלעגאַטן האָבן איבער 400 פאַרטראָטן בראַנטשעס פון אַ.־ר.. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן יאָ צו באַטייליקן זיך אין יידישן קאָנגרעס. מאָטיווירט איז דאָס געוואָרן מיט דעם, וואָס ס׳איז נויטיג אַן אויטאָריזירטע פאַרטרעטונג, וואָס זאָל קאָנען ריידן אין נאָמען פון אַלע יידן. אַנדערש איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז די ציוניסטן אָדער איינצלנע כלל־טוער זאָלן זיך אוזורפּירן די רעכט צו ריידן אין נאָמען פון יידישן פאָלק. די קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן, אַז ס׳זאָל גערופן ווערן אַן אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער־קאָנ־גרעס מיטן ציל צו שאַפן אַן איינהייטלעכע שטעלונג צו די פראַגן, וואָס שטייען פאַר די יידישע אַרבעטער — אַלס אַרבעטער און יידן.

אין נ. ע. ק. זיינען געווען שטאַרקע חלוקי־דעות צי דער אַ.־ר. זאָל גיין צום יידישן קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט זיך צוזאַמענקומען

דעצעמבער 1918. אויף אַ זיצונג דעם 9טן דעצעמבער 1918 האָט דער נ. ע. ק. מיט 12 שטימען קעגן 5 באַשלאָסן ניט צו שיקן קיין פאַרטרעטער. דאָס איז געווען קעגן דער שטעלונג, וואָס די נאַצ. אַרבעטער־קאָנפערענץ האָט נאָר־וואָס געהאַט באַשלאָסן. מיט 4 טעג נאָך זיין באַשלוס האָט דער נ. ע. ק. גערופן אַ ספּעציעלן מיטינג און מיט אַ מערהייט פון 1 שטים באַשלאָסן ווידער צו באַהאַנדלען די פראַגע. אַ פאָרשטייער פון נאַצ. אַרבעטער־קאָמיטעט האָט גערעדט פאַר באַטייליקן זיך. אַ הייסע דעבאַטע איז געפירט געוואָרן און מיט 13 שטימען קעגן 11 איז באַשלאָסן געוואָרן יאָ אָנטייל צו נעמען אין יידישן קאָנגרעס. אַזוי ווי אָבער די גאַנצע אַרבעטערשאַפט האָט באַקומען אַ „לעכערלעך־קליינע און אומבאַדייטנדיקע פאַרטרעטערשאַפט", איז געוואָרן באַשלאָסן צו נעמען בלויז אַ פּאַסיוון אָנטייל און שיקן בלויז איין פאַרטרעטער. דער פאַרטרעטער פון אַ.־ר. איז געווען י. וויינבערג. פאַקטיש איז אויך ווייטער געווען אַ מערהייט קעגן באַטייליגן זיך, איינינע האָבן אָבער געשטימט פאַר, כדי ניט צו ברעכן דעם געאייניגטן פראָנט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. פאַר באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס האָבן זיך שוין פריער געהאַט אַרויסגעזאָגט: די יידישע געווערקשאַפטן, די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע און דער „פאָרווערטס". נאָכן אָפּגעהאַלטענעם קאָנגרעס האָט דער „פריינד" (יאַנואַר 1919) געלאָזט פאַלן ביטערע ווערטער אויף זיין אַדרעס: „ציימנווייז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז גאָרניט קיין **יידישער** קאָנגרעס, וואו עס זיינען פאַרטראָטן אַלע קלאַסן און אידעאָלאָגיעס ביי יידן, נאָר אַ **ציוניסטישער**. קיין צופיל דעמאָקראַטיע האָט זיך דאָרט ניט געוואַלגערט. דערפאַר אָבער האָט עס געהויכט מיט דיפּלאָמאַטיע אויף טריט און שריט, אָפענע און געהיימע. אונזער קליינינקע אַרבעטער־גרופּע האָט זיך ניט גאַנץ היימיש געפילט און ניט איינמאָל האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט וואו זיינען זיי דאָ ערגעץ אויף דער וועלט. דער רבנישער עלעמענט האָט זיך אַזוי פיל געוואָרפן אין די אויגן און אָפטמאָל זיך אַזוי קנאיש־אינקוויזיטאָריש אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי דער חרם און נדוי זיינען צוריק אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים. אָבער נאָך די אַלע זאַכן האָט דער קאָנגרעס געהאַט זיין באַרעכטיגונג". די באַרעכטיגונג זאָל האָבן געווען אין דעם, וואָס ס'איז געלונגען אַרויסצוברענגען „**אַן איינהייטלעכע דעקלאַראַציע** וועגן די ציווילע, נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און רעליגיעזע רעכט

פון די יידן אין די אייראָפּעאישע לענדער, ווי אויך אין פּאַלעסטינע".
דעם 16־19 יאַנואַר 1919 איז פאָרגעקומען אַ נאַצ. אַרבעטער־קאָנגרעס, וואו די גרעסטע צאָל דעלעגאַטן זיינען געווען פון אַ.־ר.־ברענטשעס.
אין מאַי 1920, ווען ס'איז ווידער געשטאַנען די פראַגע וועגן באַטייליגן זיך אין „יידישן קאָנגרעס", האָט דער נ. ע. ק. באַשלאָסן נים צו באַטייליגן זיך. דאָס מאָל איז דער באַשלוס געווען אַן איינשטימיגער. אין דער דעבאַטע איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער פּראַקטישער לעקציע, וואָס דער „יידישער קאָנגרעס" האָט געגעבן. די אַרבעטער קענען גאָר נים געווינען, ווען זיי שלעפּן זיך נאָך דער שתדלנות־פּאָליטיק פון די בירגערלעכע עלעמענטן. אַפילו אין דער הילף־אַרבעט איז פאַראַן אַ טיפער תהום צווישן דער אַר־בעטערשאַפט און די פאַרטרעטער פון די רייכערע קלאַסן.
דער אַ.־ר. איז געווען זייער אַקטיוו אין דער פּראַקטישער הילף־אַרבעט בעת דער מלחמה און אין די שפּעטערדיגע יאָרן. פון אויגוסט 1915 ביז יוני 1924 איז געווען טעטיג דער פּיפּלס־רעליף. פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ האָט ער צונויפגעזאַמלט קרוב 7 און אַ האַלבן מיליאָן דאָלער. דער אַ.־ר. האָט אַ סך צושטייער געגעבן צו אָט דער סומע. בלויז אין 1920־1 האָט אַ קאָמפּאַניע פון אַ.־ר. געגעבן דעם פּיפּלס־רעליף 100 טויזנט דאָלער. „זינט די מלחמה־יאָרן האָט דער אַ.־ר. געשאַפן אַרום 300 טויזנט דאָלער פאַר פאַרשידענע רעליף־צוועקן" (פ. געליבטער, „פריינד", מאַי 1923). ווען מ'האָט געקענט שיקן הילף אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט דער אַ.־ר. געשאַפן אַרום 72 טויזנט דאָלער פאַר רוסישער און רוסיש־יידישער „רעליף אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט".
נאָכן אויסהערן אַ דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון ב. וולאַדעק און אַ. העלד, וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג אין שייכות מיטן דעמאָלטדיקן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס אין דייטשלאַנד, האָט דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באַארד סוף דעצעמבער 1923 באַשלאָסן אויפצופאָדערן אַלע ברענטשעס אַדורכצופירן זאַמלונגען לטובת דער דייטשער אַר־בעטער־באַוועגונג.
אין די אַלע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער אַ.־ר. געשטיצט די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן, רומעניע, לעט־לאַנד און ליטע. אין 1924 האָבן קאָנפערענצן פון אַ.־ר. ברענטשעס

באַשלאָסן צו באַשטימען אַ טעקס פון 10 סענט אַ קוואַרטל במשך פון אַ יאָר צייט אויף דעם דאָזיגן צוועק.

אַלע זאַמל־אַקציעס, וואָס עס האָבן דאָ געפירט דער „בונד" און די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע פון פוילן זיינען וואַרעם אונטערגעשטיצט געוואָרן דורכן נ. ע. ק. און די בראַנטשעס פון אַ.־ר.. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן ספּעציעלע אַקציע־קאָמיטעטן צו העלפן די שלוחים, וואָס די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַהער געשיקט.

אויך פאַרן „דזשאָינט" האָט דער אַ.־ר. געשפּאָן געלט. אין 1926 האָט דער נ. ע. ק. זיך פאַרפּליכטעט צו שאַפן פאַר דעם צוועק אַ סומע פון 50 טויזנט דאָלער.

במשך פון די יאָרן, ווען ס'איז געפירט געוואָרן אַ גרויסע הילף־אַרבעט, האָט דער אַ.־ר. געהיטן, אַז אַנטשפּרעכנדיקע סומעס פון די הילף־געלטער זאָלן אָנקומען צו אַרבעטער־אינסטיטוציעס. שוין אין מערץ 1917 האָט אויף אַ זיצונג פון נ. ע. ק. דער פאָרשטייער פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון „בונד", מ. גורעוויטש, דערקלערט: „לויט די ידיעות, וואָס האָבן זיך לעצטנס באַקומען, צעטיילט די צענטראַלע קערפּערשאַפט אין רוסלאַנד מער געלטער פאַר ישיבות און רבנים, ווי פאַר פאָלקס־קיכן, אַרבעטער־היימען און אָוונט־שולן". אויך אין שפּעטערדיקע יאָרן איז געווען אַ גרויסע אומצופרידנקייט מיטן אופן פון צעטיילן די הילף, ווייל דער אַ.־ר. האָט זיינע געלטער ניט געשיקט דירעקט, נאָר דורך דעם פּיפּלס־רעליף און דזשאָינט. די אומצופרידנקייט מיט דעם מצב איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ לייט־אַרטיקל אין „פריינד" (נאָוו.־דעצ. 1920): „אונזער הילף האָט געדאַרפט זיין אַ רעקאָנסטרוקטיווע, אַזאַ וואָס גיט ניט אין האַנט אַריין אַ פּעני און צאַפּט אָפּ בלוט פאַר צען; אַזאַ פאַר וועלכער מ'דאַרף ניט אַראָפּלאָזן די אויגן. מיר האָבן געדאַרפט אויפבויען פאַר זיי קאָאָפּעראַטיווע שעפּער, קינדער־היימען, קיכן, שולעס. מיר האָבן געדאַרפט פינאַנציעל פאַרשטאַרקן זייערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס (יוניאָנס), וואָס זיי אַליין זיינען בכוח אויסצוקעמפן אַרבעט און גוטע באַדינגונגען פאַר דער אַרבעט. מיר האָבן גע־דאַרפט... אָבער ווי אַ בייזער שטן וואָלט זיך דאָ אַריינגעמישט און מבלבל געווען אונזערע כוונות און מבטל געמאַכט אונזער ווילן און צעשטערט אַלע אונזערע פּלענער און מחשבות. אונזערע בלוט־טיגע דאָלערס און פּענים, וואָס מיר האָבן געזאַמלט, האָבן ניט גע־

קענט פארווענדט ווערן דירעקט פון אונז. דער ‚פיפלס-רעליף’ האט געמוזט זיינע זאמלונגען איבערגעבן אין די הענט פון ‚דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטעט’, אין די הענט פון יידן, וואס האבן אינגאנצן אן אנדער קוק אויף הילפס-ארבעט. זיי, די באנקירן און פאבריקאנטן, באהאנדלען מיט צדקה זייער ניט תמיד רואיגן געוויסן. זיי אידעאליזירן דאס, וואס מיר פאראכטן. זיי פארהערלעכן דאס, וואס מיר באשפייען. דורך זיי איז דאס די הילף געווארן צעטיילט און געפירט. און דער רעזולטאט איז געווען ביז לעצטנס, מערסטנטיילס א פיינלעכער, אויב ניט קיין שרעקלעכער”.

פונדעסטוועגן האבן זיך אין איינצלנע ערטער אין דער פראווינץ געפונען ברענטשעס, וואס האבן געמיינט קאפויער. אמת, זיי זיינען ניט געווען קיין סך, אבער זיי זיינען געווען. ברענטש 197 אין סען אנטאניא, טעקס. האט אין 1917 געזאמלט 200 דאלער און איז געווען אזוי נאאיוו צו פאדערן, אז דאס געלט „זאל איבערגעגעבן ווערן דירעקט צו ה. פ. ווארבורג און ניט צו אונזער פאלקס-הילף-קאמיטעט”. פארוואס? ווייל „דער פאלקס-הילף-קאמיטעט ווערט ניט פארוואלטעט פון פאלקס-מענטשן, נאר פון ענג-הארציגע פארטיי-מענטשן”.

אזעלכע וועלכע האבן געזען די פאלקס-מענטשן צווישן די ווארבורגס און דעם מוסטער פון יושר און אומפארטייאישקייט דווקא דארט, זיינען געווען זייער ווייניג אין א.-ר.. די גרויסע מיטגלידערשאפט האט וועגן דעם געהאט גאר אן אנדערע מיינונג. די 20טע קאנווענשאן (1920 אין נוארק) האט באשלאסן צו שטעלן אן אולטימאטום דעם דזשאינט. אויב ער וועט ניט דערלאזן דעם פיפלס-רעליף-קאמיטעט צו שיקן געלט דירעקט צו די ארבעטער-אינסטיטוציעס, זאל מען זיך אפטיילן און אנפירן זעלבסטשטענדיג די הילף-ארבעט.

ווען די פראגע איז שפעטער געשטאנען אויף דער קאנווענשאן פון פיפלס-רעליף אין פילאדעלפיע, האבן די פארשטייער פון א.-ר. צוזאמען מיט אלע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס און א טייל יוניאנס פארנומען די זעלבע שטעלונג אין דער פראגע. דער רוב פון די יוניאנס האט אבער געהאלטן אנדערש און דאס האט דעצידירט. אין דער געשאפענער לאגע האט דער א.-ר. פארלאנגט פון פיפלס-רעליף א טייל פון די הילף-פאנדן, וואס דער א.-ר. האט געזאמלט

דירעקט צו שיקן צו די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע. בלויז אין יאָר 1920 האָט דער אַ.־ר. געזאַמלט בערך 75 טויזנט דאָלער.

שפּעטער האָט דער אַ.־ר. זיך באַטייליגט אין די אַקציעס פאַרן „אָרט", ווי אויך אין דעם ספּעציעלן געצייג־קאַמפּיין פאַר די יידן אין רוסלאַנד, וואָס אַ קאָמיטעט מיט ב. וולאַדעק בראש האָט אָנגעהויבן אין 1929.

ביי פאַרשידענע געלט־אַקציעס האָט מען דאָ און דאָרט אויך געטראָפן אַן אַקטיווע קעגנערשאַפט מצד די, וועלכע ווילן האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף כלל־ישראל. אין 1917 האָט דער אַ.־ר. אָרגאַניזירט אין גאַנצן לאַנד אַ פאַרקויף פון בלימלעך („טעגס") לטובת די מלחמה־קרבנות. דאָס האָט געגעבן עטלעכע און צוואַנציג טויזנט דאָלער. פון פאַרשידענע ערטער האָט מען געמאָלדן, אַז ציוניסטן און קאָנגרעגיישאָנס האָבן גערופן צו באָיקאָטירן די זאַמל־אַקציע.

די זאַמל־אַקציעס פון אַ.־ר. זיינען אויך געווען וויכטיג מיט זייער אויפקלערונגס־אַרבעט. דאָס געזאַמלטע געלט איז טאַקע געווען זייער וויכטיג פאַר די נויטבאַדערפטיגע אין אייראָפּע, אָבער ניט ווייניגער נויט־באַדערפטיג איז געווען פאַר די געלט־געבער, אַז זיי זאָל געבן. מיט דעם האָבן די יידישע פאָלקס־שיכטן זיך מצרף געווען צו זייער פלייש און בלוט אויף יענער זייט ים און זיך פאַרטראַכט וועגן די נויטן און פּראָבלעמען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אַלטער היים. וואָס די אַקציעס האָבן באַדייט דאָ אין אַמעריקע, גיט אַ באַגריף אַ באַריכט פון אַ קאָנפערענץ פון די אַ.־ר.־ברענטשעס אין פּיטסבורג און אַרומיגער געגנט (17 דעצ. 1922). דער באַריכט אין „פריינד" מאַכט אַזאַ סך־הכל פון די באַריכטן, וואָס די דעלעגאַטן האָבן אָפּגעגעבן:

„קליינע שטעטלעך מיט אַ קליינער יידישער באַפעלקערונג, מיט אַ סך יידישער פינסטערניש. און דאָס איינציגע ליכטיגע שטערנדל אין אַ קליין שטעטל איז דער אַ.־ר. ברענטשל. און כאָטש דער ברענטש איז קליין, דאָך טוט ער זייער פיל נוצלעכע אַרבעט. ניטאָ קיין איין קאַמפּיין אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, וואָס דער קליינער ברענטש זאָל ניט זיין דער אָנפירער פון דעם. מעג דאָס זיין אַ קאַמפּיין פאַר דעם האַיאַס, צי פאַר רוסלאַנד אָדער אַ געצייג־קאַמפּיין פאַר פּיפּלס רעליף — וואָס דאָס זאָל ניט זיין, איז דער אַ.־ר. ברענטש אין די קליינע שטעטלעך דער טיכטיגסטער אָנפי־

רער פון אַלע קאַמפּיינס. ווען ניט די אַ.־ר. ברענטשעס וואָלטן די
יידן אין די קליינע שטעטלעך אפשר גאָר ניט געוואוסט וואָס עס
הייסט אַ קאַמפּיין צו קלייבן געלט״.

ס׳איז טאַקע פאָרגעקומען אַ וועלט־מלחמה, מיט עפּאָכע־מאַכנ־
דיגע איבערקערענישן און רעוואָלוציעס, אָבער אין אַמעריקאַנער
יידישן שטעטל זיינען די באַגריפן און געוואוינהייטן געבליבן פאַר־
גליווערט און ניט געענדערט. דערציילט מען פון דאלאַס, טעקס.:
„צו אונזער באַדויערן זיינען נאָך די קאַנטרי־שטעט אַזוי צוריקגע־
שטאַנען, אַז מען באַטראַכט דעם סאָציאַליסט פאַר ניט קיין גע־
וויינלעכן, אפילו פאַר אַ ניט־נאָרמאַלן מענטשן. איינע באַטראַכטן
אים פאַר אַ מלאך, אַנדערע פאַר אַ טייוול. אַזוי צי אַזוי, איז ער אָבער
אַן אויסנאַם־מענטש. עס פאָדערט זיך אַ שטאַרקער אידעאַליזם
אַרויסצוטרעטן אַלס אַ סאָציאַליסט, און אידעאַליסטן געפינען זיך
בכלל זייער ווייניג, אַפשיטא שוין אין די קאַנטרי־שטעט. די אַ.־ר.־
מיטגלידער קומט טאַקע אויס גאַנץ אָפט צו הערן דאָס זידל־וואָרט
,סאָציאַליסט׳״... „איך קען איינעגע פּערזאָנען, וועלכע זיינען
סימפּאַטיקער פון אַ.־ר. און דאָך זיינען זיי ניט קיין מיטגלידער.
פאַרוואָס? ווייל זיי ווילן ניט מען זאָל זיי אויף יעדן טריט רופן
סאָציאַליסט, אָדער ווייל דער באָס קען זיך דערוויסן, און דאָס קען
שאַטן״ („פריינד״, אַפּריל 1917).

און אָט דערציילט דער „פריינד״ אין אַ לייט־אַרטיקל, ווי אַזוי
מ׳האָט געקוקט אויפן אַ.־ר. אין אַ צווייט שטעטל: „אַ נייער ברענטש,
617, האָט זיך געגרינדעט אין ביווער־פאָלס ביי אָריגינעלע אומ־
שטענדן. אַזוי ווי די שול־יידן האָבן דערהערט וועגן שרעקלעכן
סקאַנדאַל, אַז מ׳קלייבט זיך דאָרט צו גרינדן אַן אַ.־ר.־ברענטש, אַ
זאַך וואָס איז ניט געהערט געוואָרן אין אַזאַ כרך ווי ביווער־פאָלס,
האָבן זיי גלייך אַריינגעלייגט אין חרם אַלע ,באָלשעוויקעס׳, וואָס
וועלן צושטיין צו דעם ברענטש״. (יוני־יולי 1919). דער ברענטש האָט
זיך געגרינדעט מיט 28 מיטגלידער און די פאַרחרמטע פאַר מנינים
יידן האָבן גלייך געזאַמלט 291 דאָלער פאַר די מלחמה־קרבנות.

ניט געקוקט אויף דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד פון רעאַקציאָנערע
כוחות אויף דער יידישער גאַס, האָבן אומעטום זיך געפונען עקשנים,
וועלכע האָבן דעם אַ.־ר. געבויט און מוטיג געטאָן די נויטיגע גע־
זעלשאַפטלעכע אַרבעט. אָט ווערט דערציילט פון סאַנטאַ אַנאַ, קאַ־
ליפאָרניע: „קוים 2 יאָר ווי עס עקזיסטירט ביי אונז, אין סאַנטאַ

אַנאַ, דער מאיר לאָנדאָן אַ.־ר.־ברענטש 677 און זיין איינפלוס אין שטאָט איז ניט אָפּצושאַצן. אַ קליינע יידישע באַפעלקערונג, מיט די מערסטע „בני בריתניקעס", האָט מען אויפגעהויבן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט צום איינפלוס פון אַ.־ר.. קוים דריי חדשים האָבן זיי געגעבן דעם ברענטש צום לעבן, אָבער זיי זיינען שטאַרק אַנטוישט. טראָץ דער קליינער צאָל מיטגלידער, וואַקסט דער איינפלוס פון טאָג צו טאָג"... „וואָס שייך דער טעטיגקייט פון אונזער ברענטש, מעג געזאָגט ווערן, אַז ער האָט זיינע פאַרדינסטן אַפילו אויף אַזעלכע געביטן, וואו אַנדערע ברענטשעס איז ניט אויסגעקומען אַנטייל צו נעמען. אונזערע מיטגלידער זיינען געווען פון די ערשטע און אפשר פון די שטאַרקסטע באַקעמפער פון דעם קו־קלוקס־קלען דאָ אין שטאָט. דער ברענטש האָט דאָ באַשאַפן אַ נייע אַטמאָספער פון וועלכער עס איז פריער קיין שפור ניט געווען. דאָס קליינע הייפעלע אַ.־ר.־מיטגלידער פילן זיך ווי אין אַן אמתער משפחה („פריינד", יאַנואַר 1929).

די רעאַקציע אויף דער יידישער גאַס האָט זיך געהאַט אירע אייגענע וואָרצלען און גלייכצייטיג איז זי אויך געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס ס'האָט זיך בכלל געטאָן אין אַמעריקאַנער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אַ בלאָז געטאָן רעאַקציאָנערע ווינטן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. סאָציאַליסטישע טוער זיינען פאַרפאָלגט און אַרעסטירט געוואָרן.

עס זיינען געווען פאַלן, ווען מ'האָט אַנטזאָגט אַרויסצוגעבן בירגערשאַפט־פּאַפּירן צו מענטשן אויפן סמך פון דעם, וואָס זיי זיינען מיטגלידער פון אַרבעטער־אָרדען. אויף אַ זיצונג פון נ. ע. ק. דעם 8טן נאָוועמבער 1925 האָט מען באַריכטעט: „אין טשאַטאַנוגאַ, טענעסי, האָט מען איינציגע מיטגלידער פון אַ.־ר. אַנטזאָגט אַרויסצוגעבן בירגערשאַפט־פּאַפּירן. די פראַגע איז געבראַכט געוואָרן אין געריכט. מיר האָבן אָנגעשטעלט אַ לאָיער צו פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון אונזערע מיטגלידער און דאָס העכסטע געריכט פון יענעם שטאָט האָט באַשלאָסן צו באַוויליגן בירגערשאַפט־פּאַפּירן פאַר אונזערע מיטגלידער".

דאָס איז ניט געווען קיין לאָקאַלע דערשיינונג. עס זיינען געווען נאָך איינציגע פאַלן אין אַנדערע שטאָטן. אין באַריכט פון נ. ע. ק. צו דער קאָנווענשאָן אין 1927 ווערט דערציילט, אַז פאָרשטייער פון

א.־ר. האָבן וועגן דעם געהאַט אַ קאָנפערענץ מיט אַ פאַרטרעטער פון לייבאָר־דעפּאַרטמענט, צו וועלכן עס האָבן דעמאָלט געהערט די ענינים פון בירגערשאַפט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער לייבאָר־דעפּאַרטמענט האָט וועגן דעם ניט געשיקט קיין אינסטרוק־ציעס צו די געריכטן, נאָר איינצלנע ריכטער האָבן געהאַנדלט אויף אייגענער אחריות. דער פאַרטרעטער פון לייבאָר־דעפּאַרטמענט האָט צוגעזאָגט דעם ענין צו דערליידיגן דורך לאָזן וויסן אַלע נאַטוראַ־ליזירונגס־ביוראָס, אַז דער א.־ר. איז אַ געזעצלעך אינקאָרפּאָרירטע געזעלשאַפט און דעריבער זאָל מען ניט מאַכן קיין שוועריגקייטן די א.־ר. מיטגלידער ביים ווערן בירגער.

אין דער זעלבער צייט האָט דער אַרבעטער־רינג געהאַט אַ סכסוך מיטן לייבאָר־דעפּאַרטמענט. אין יערלעכן באַריכט צום קאָנ־גרעס (דעצעמבער 1926) האָט דער אַרבעטס־מיניסטער דייוויס דער־ציילט וועגן טעקסטיל־סטרייק אין פּאַסייק, נ. דזש., איז אין דעם באַריכט געזאָגט געוואָרן: „די סטרייקנדיגע אַרבעטער זיינען אָר־גאַניזירט געוואָרן אין אַ האַלב־מיליטערישע מאַרשירנדיגע מחנה אונטער דער אָנפירונג פון אַלבערט וויסבאָרד, וועלכער זאָל זיין אַ מיטגליד פון אַרבעטער־רינג, אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל".

דער נ. ע. ק. האָט באַלד געשיקט אַ בריוו צום אַרבעטס־מיני־סטער און דערקלערט: א) וויסבאָרד איז ניט און איז קיינמאָל ניט געווען קיין מיטגליד אין א.־ר.; ב) דער א.־ר. איז ניט קיין פּאָלי־טישע, נאָר אַ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע; ג) דער א.־ר. איז קיינ־מאָל ניט געווען קיין קאָמוניסטישע קערפּערשאַפט און איז קיינמאָל ניט געווען אָנגעשלאָסן אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל. עס איז אויך אויסגעדריקט געוואָרן אַן אַנטשיידענער פּראָטעסט קעגן דער דער־קלערונג אין באַריכט צום קאָנגרעס. לסוף האָט דער א.־ר. פאַר־לאַנגט צו פאַרריכטן די עוולה. ווען ס'זיינען אַוועק קנאַפּע צוויי וואָכן און פון לייבאָר־דעפּאַרטמענט איז קיין ענטפער ניט געקומען, האָט דער נ. ע. ק. געשיקט אַ צווייטן בריוו מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט און דערקלערט, אַז אויב די עוולה וועט תיכף ניט פאַרריכט ווערן, וועט דער א.־ר. מוזן אָנווענדן אַנדערע מיטלען. 2 טעג נאָך דעם דאָזיגן בריוו זיינען צוויי פאַרטרעטער פון לייבאָר־דעפּאַרטמענט געקומען אין אָפיס פון א.־ר. און דערקלערט, אַז אין באַריכט פון אַרבעטס־מיניסטער דייוויס צום קאָנגרעס איז געמאַכט געוואָרן אַ

טעות: אנשטאָט „וואָירקערס פּאַרטי״ איז געשריבן געוואָרן „וואָירק-מענס סוירקל״. נאָך דעם איז אָנגעקומען אַן אָפיציעלער בריוו מיט אַ באַשטעטיגונג, אַז ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ טעות. דער אַ.־ר. האָט דעמאָלט געפאָדערט, אַז דער לייבאָר-דעפּאַרטמענט זאָל וועגן דעם עפנטלעך מעלדן. אַזוי איז טאַקע געווען. דער לייבאָר דעפּאַרט-מענט האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַ תיקון טעות צו דער פּרעסע און צו אַלע קערפּערשאַפטן, צו וועלכע עס איז פריער געשיקט געוואָרן דער באַריכט פון לייבאָר-דעפּאַרטמענט.

דער אַ.־ר. האָט זיך באַטייליגט אין די אַקציעס קעגן די איינ-וואַנדערונג-באַגרעניצונגען. ווען אין די יאָרן 1920-1 זיינען אין קאָנ-גרעס צוגעגרייט געוואָרן געזעץ-פּראָיעקטן וועגן דער פראַגע, האָט דער דעמאָלטדיגער פּרעזידענט פון אַ.־ר., י. ישורין, אויף אַ פאַר-הער אין דער סענאַט-קאָמיסיע אין נאָמען פון אַרבעטער-אָרדען זיך אַרויסגעזאָגט קעגן באַגרענעצן די איינוואַנדערונג.

אויף איניגע קאָנווענשאָנס זיינען אָנגענומען געוואָרן פּראָ-טעסט-רעזאָלוציעס קעגן פאַרשידענע אויסדריקן פון רעאַקציע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די יאָרן פון מלחמה און האָבן אָנגעהאַלטן אויך שפּעטער. אין איינער פון די רעזאָלוציעס, וואָס עס האָט אָנגענומען די 19טע קאָנווענשאָן (1919) ווערט געזאָגט: „אַרוים-טראָגנדיג אונזער פּראָטעסט קעגן אַלע גוואַלדטאַטן, וואָס ווערן איצט באַגאַנגען קעגן פאָלק, פאַרפליכטן מיר זיך מיטצוהעלפן אַלע ראַ-דיקאַלע עלעמענטן אין דעם לאַנד, וואָס אַרבעטן ניט בלויז צוריק צו געבן דעם אַמעריקאַנער פאָלק זיינע אָוועקגערויבטע פרייהייטן, נאָר אויך פאַר אַ ווידערגעבורט פון דער נאַציאָן און פאַר דער איבער-בויאונג פון אירע קאָנסטיטוציאָנעלע יסודות, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתער דעמאָקראַטיע״.

22. פון דער וויג ביז צום קבר

אין דעם פעריאָד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער אַרבעטער־רינג דערגרייכט זיין העכסטן פונקט אין דער צאָל מיט־גלידער. דאָס איז געווען אין יאָר 1925, ווען זי איז דערגאַנגען צו איבער 85 טויזנט. פון 1917 איז דאָס געווען אַ פאַרגרעסערונג פון 25 טויזנט מיטגלידער. נאָך 1925 קומט פאַר במשך פון אַ ריי יאָרן אַ כסדרדיגע פאַרקלענערונג פון דער מיטגלידערשאַפט, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צוליב אַ ריי פאַרשידנאַרטיגע סיבות.

דער וויכטיגסטער פאַקטאָר איז אָן ספק געווען דאָס אָפּשטעלן פון דער מאַסן־איינוואַנדערונג. נאָך דעם איז געקומען די קאָמו־ניסטישע אָפּשפּאַלטונג. עס זיינען געווען נאָך אייניגע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אויך גורם געווען די פאַרקלענערונג. במשך פון אַלע פריערדיגע יאָרן זיינען געווען אַ סך אויסגעשטראָכענע מיטגלידער. דער דאָזיגער פאַרלוסט איז כמעט שטענדיג געדעקט געוואָרן מיט אַ גרויסן עודף דורך די ניי־ווערבירטע. נאָך 1925 איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער צו פאַרשטאָפּן די לעכער. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען? עס איז געווען אָן אַלגעמיינע סיבה, וואָס האָט גע־ווירקט אויף אַלע אָרדענס — אַ פאַרקלענערטער אינטערעס. דאָס האָט געשלאָגן אַלע יידישע אָרדענס און אייניגע אַפילו דערשלאָגן צום טויט. פאַרהעלטנישמעסיג האָט דער אַ.־ר. נאָך גוט אָפּגעשניטן פון אָט דער אַלגעמיינער צרה. עס איז אָבער אויך געווען אַ סיבה, וואָס איז געווען ספּעציפיש פאַרן אַרבעטער־רינג. אַ סך אַרבעטער זיינען געוואָרן רייך, געוואָרן פאַבריקאַנטן און סוחרים, און פאַר־לוירן דעם אינטערעס צום אַ.־ר.. די בענעפיטן — זיי האָבן דאָס מער ניט געדאַרפט און צום געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט האָט זיי מער ניט געצויגן. סאָציאַל און אידעאיש זיינען זיי אַוועק פון דער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן פריער געשטעקט. באַזונדערס האָט זיך דאָס געלאָזט מערקן אין די קליינע שטעטלעך, וואו דער איבער־גאַנג פון אַרבעט צו ביזנעס און אונטערנעמעריי איז געווען אינטענ־סיווער. אמת, ניט אַלע, וואָס זיינען געוואָרן אויס אַרבעטער, זיינען אַוועק פון אַ.־ר.. עס זיינען געווען פיל אַזעלכע, וואָס טראָגן זייער

סאָציאַלער אומוואַנדלונג זיינען זיי דאָך געבליבן געטריי זייערע יוגנט־אידעאַלן, און מיטן אָ.־ר. ניט איבערגעריסן. אין יאָר 1922 זיינען צווישן די אָ.־ר.־מיטגלידער געווען בערך 11 פּראָצענט ביזנעס־לייט, על פּי רוב — קליינע.

אויפֿן פֿאַרלוסט פֿון מיטגלידער האָבן אויך שטאַרק געווירקט די פֿאַרשלעפּטע עקאָנאָמישע קריזיסן מיט דער גרויסער אַרבעטסלאָזיגקייט, וואָס האָבן גורם געווען, אַז מ׳זאָל ניט קענען צאָלן די בילס און געשטראָכן ווערן. אַ ריי ברענטשעס האָבן זיך באַמיט צו העלפֿן זייערע אַרבעטסלאָזע מיטגלידער, קיין גרויסע פּעולה האָט עס אָבער ניט געהאַט. הגם די אַרבעטסלאָזיגקייט האָט שטאַרק געווירקט ביי אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אַרויספֿאַלן פֿון אָ.־ר., איז אָבער ביי זיי דער פּראָצענט אַרויסגעפֿאַלענע געווען קלענער ווי ביי ביזנעס־לייט, וועלכע זיינען אַוועק ניט על פּי נויט, נאָר בכוונה. אין טייל יוניאָנס האָט מען איינגעפֿירט פֿאַרשידענע בענעפֿיטס און דאָס האָט אויך געווירקט, אַז אַ טייל אַרבעטער זאָלן וועלן יוצא זיין בלויז מיט דער יוניאָן.

ביי דעם אַלעם, ווי שוין געזאָגט, האָט דער אָ.־ר. נאָך פֿאַרהעלטניסמעסיג גוט אָפּגעשניטן. אין זיין באַריכט צו דעם נ. ע. ק. (3 יוני 1923) האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר י. באַסקין דערקלערט: „איינער פֿון די גרעסטע יידישע באַלעבאַטישע אָרדענס האָט אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע 5 יאָר פֿאַרלוירן אַריבער 60 טויזנט מיטגלידער. דער צווייטער אַלטער יידישער אָרדען האָט פֿאַרלאָרן כמעט צוויי דריטל פֿון זיין מיטגלידערשאַפֿט פֿאַר די לעצטע פֿינף יאָר צייט, בעת מיר זיינען פֿאַר די לעצטע פֿינף יאָר געוואַקסן מיט אַרום 25 טויזנט נייע מיטגלידער". אויך אין דער צייט זיינען די פֿאַרלוסטן פֿון אָ.־ר. געווען גרויסע, אָבער מ׳האָט זיי שטענדיג געדעקט דורך ניי־ווערבירטע און ס׳איז נאָך געבליבן אַ גרויסער עודף. נאָך 1925 איז דאָס שוין מער ניט געווען מעגלעך. ערב דעם 25־יאָריגן יובילײ (1925) האָט מען נאָך געפּרואווט פֿאַרווירקלעכן די לאַנג־געשפּייזטע אַמביציע צו דערפֿירן די מיטגלידערשאַפֿט צו דער אימפּאָזאַנטער ציפֿער פֿון 100 טויזנט. דעם 1טן אָקטאָבער 1924 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאַמפּיין פֿאַר דעם צוועק. דער ציל איז ניט דערגרייכט געוואָרן. דער העכסטער פּונקט איז געווען דעם 1טן אָקטאָבער 1925, ווען די צאָל מיטגלידער האָט באַטראָפֿן 86,532.

ס'איז געווען נאַטירלעך, וואָס מ'האָט געווענדט די אויגן צו א נייעם נאָך ניט געעפנטן קוואַל — צו דער הי־געבוירענער און הי־אויפגעוואַקסענער יוגנט. שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אויך קאָנווענשאָנס זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז מ'דאַרף אַריינציען די אַמעריקאַניזירטע יידישע יוגנט אין א.־ר.. די זאָרגן פאַר א המשך האָט אונטערגעזאָגט אייניגע טוער, אַז מ'דאַרף א קלער טאָן וועגן אונטערוואַקסנדיגן דור. די פאַראיינצלטע שטימען האָבן דעמאָלט קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען. ווי ביי א סך אַרבעטער־פאַרטייען אין פאַרשידענע לענדער, האָט מען דעמאָלט אויך אין א.־ר. נאָך ניט פאַרשטאַנען ווי אומגעהויער וויכטיג ס'איז צו זאָרגן וועגן נאָכוואוקס. א סך האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז בכלל ניטאָ אַזאַ פּראָבלעם ווי יוגנט, ווייל זיי אַליין זיינען דאָך דעמאָלט נאָך יונג געווען. איצט אָבער איז אין אַרבעטער־רינג געווען א גאַנץ היפּשער שיכט, וועמענס קינדער זיינען שוין ראוי געווען צו זיין א.־ר. מיט־גלידער. (דער דורכשניט־עלטער פון די א.־ר. מיטגלידער איז שוין געווען אין מיטן די דרייסיגער יאָרן). ווען ס'איז געוואָרן רייף די פאַרשטענדעניש פאַר אַריינציען די יוגנט, האָט מען זיך ערשט אַרומגעזען וואָס מ'האָט פאַרזאַמט: קינדער פון אַרבעטער זיינען פילפאַך אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון זייערע עלטערן — סאָציאַל, נאַציאָנאַל, קולטורעל, שפּראַכלעך. קינדער פון אַרבעטער זיינען אַליין ניט קיין אַרבעטער און זייערע פאַראינטערעסירונגען זיינען אַנדערע. דאָס פעלד פון יוגנט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַרוואָרלאָזט און פעלזיג. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן צו נעמען זיך צו דער נייער אויפגאַבע מיט מוט און ערנסט.

ווי אַזוי זאָל מען צוציען די יוגנט? איינער פון די, וועלכע האָבן דערפאַר געזאָרגט, פ. געליבטער, האָט וועגן דעם געשריבן: „עס איז א פאַקט, אַז די קינדער פון די ראַדיקאַלע עלטערן גייען אַוועק פון אונז און ווערן אַריינגעצויגן אין קאָנסערוואַטיווע קרייזן, וועלכע באַאיינפלוסן זיי קעגן אונז. עס איז דעריבער צייט, אַז מיר זאָלן זיך ערנסט פאַרטראַכטן ווי אַזוי צו ברענגען נענטער צו אונז די יידישע אַמעריקאַנער יוגנט״.... „אויב מיר ווילן, אַז די יידישע אַמעריקאַנער קינדער זאָלן אין מאַסן קומען צו אונז, מוזן מיר זיי געבן די פאַרוויילונגען און די געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס זיי קריגן אין די אַנדערע קאָנסערוואַטיווע סענטערס. אונזערע שולן זיי־נען אָן שום ספק א גוטער מיטל איינצופלאַנצן ביי די קינדער א

גייסטיגע פֿאַרבינדונג מיט אונזערע אידעאַלן. אָבער דער מיטל איז צו שוואַך, ניט גענוג אָנציִענדיג צו קענען ווירקן אויף צענדליגער טויזנטער קינדער, אַז זיי זאָלן וועלן קומען צו אונז". ער לייגט דעריבער פֿאָר צו אָרגאַניזירן קלובן פֿון קינדער פֿון אַ.־ר.־מיטגלידער און איינאָרדענען פֿאַרוויילונגען פֿאַר יינגלעך און מיידלעך אין די לייבאָר ליסעאומס („פֿריינד", אויגוסט 1924). אין זעלבן יאָר איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן אַ קלוב פֿון די קינדער פֿון אַ.־ר.־מיטגלידער (ברענטש 20).

די פּראַקטישע אַרבעט אויף אַ ברייטערן פֿאַרנעם האָט זיך אָנגעהויבן אין 1925. אין יענעם יאָר האָט די קאָנווענשאָן פֿון אַ.־ר. באַשלאָסן, אַז „דער בילדונגס־קאָמיטעט זאָל אָרגאַניזירן די עלטערע קינדער פֿון 15 יאָר און העכער אין קלובן פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער און סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג אין יידיש און אויך אין ענגליש". אויף דער זעלבער קאָנווענשאָן איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַן אָפּצאָל פֿון 1 סענט אַ קוואָרטל פֿאַר אַ פֿאָנד אויף צו גרינדן ענגליש־ריידנדיגע ברענטשעס פֿון יוגנט. פֿון אָקטאָבער 1925 האָט מען צוליב דעם זעלבן צוועק איינגעפֿירט אַן ענגלישע אָפּטיילונג אין „פֿריינד". אין משך פֿון די יאָרן 1925-7 האָט מען געשאַפֿן אַ צוויי צענדליג יוגנט־קלובן. אין 1927 איז אויף אַ קאָנפֿערענץ געשאַפֿן געוואָרן אַ ניו־יאָרקער קאָמיטעט פֿון די קלובן. אין מאַי 1928 האָט דער פֿאָרזיצער פֿון בילדונגס־קאָמיטעט, נ. כאַנין, באַריכטעט צום נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד וועגן די שוועריגקייטן וואָס עס טרעפֿט אַן די אַרבעט אויפֿן נייעם פֿעלד פֿון אָרגאַניזירן די ענגליש־ריידנדיגע יוגנט: „ביז איצט האָט זיך אונז איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן בלויז 21 קלובן אין ניו־יאָרק, און בערך 20 אין די אַנדערע טיילן פֿון לאַנד. די צאָל מיטגלידער פֿון די קלובן איז ניט קיין גרויסע".

דאָך האָט זיך געלאָזט מערקן אַ פֿאָרשריט. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט דער נ. ע. ק. געקענט באַריכטן צו דער קאָנווענשאָן (1929), אַז „מיר האָבן איצט אַרום 60 יוגנט־קלובן"... „ווען מיר האָבן געזען ווי שנעל עס פֿאַרשפּרייט זיך די באַוועגונג פֿון יוגנט־קלובן, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן פֿון די יוגנט־קלובן געזעצלעכע, זעלבסטשטענדיגע ברענטשעס פֿון אַ.־ר., מיט די זעלבע פֿליכטן און אויפֿגאַבן ווי די עקזיסטירנדיגע ברענטשעס". די קאָנווענשאָן האָט געגעבן איר הסכּמה. כּדי זיי זאָלן קענען נעמען אויף זיך די פֿליכטן, האָט

די קאָנווענשאָן באַשלאָסן, אַז פּאָר די מיטגלידער פון די יוגנט־ברענטשעס זאָלן זיין קלענערע אָפּצאָלן. זיי זיינען געוואָרן מיטגלידער פון קלאַס 6, וואָס נעמען אַרום דעם עלטער פון 18־25 יאָר מיט אַן אינשורענס פון 100 דאָלער.

זומער 1930 זיינען שוין געווען 92 יוגנט־קלובן אין 21 שטאַטן, און 12 פון די קלובן זיינען געווען יוגנט־ברענטשעס פון אַ.־ר.. די אַלע קלובן האָבן געציילט 1500 מיטגלידער. דערביי זיינען די קלובן געווען איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס לויטן עלטער: 35 האָבן אַרומגענומען די יאָרן צווישן 18 און 25; 21 — צווישן 16 און 18 יאָר; 36 — צווישן 13 און 16 יאָר. די יוגנט־קלובן האָבן געפירט אַ קולטורעלע אַרבעט דורך דיסקוסיעס, פאָרלעזונגען, דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און פייערונגען פון אַרבעטער־יום־טובים.

די אַרבעט צווישן דער יוגנט האָט זיך אָנגעטראָפן אויף פּסיכאָלאָגישע שטערונגען. צווישן אַלטן ראַדיקאַלן דור און דער קאָנסערוואַטיווער יוגנט איז געווען אַ תהום, און זייער פיל יוגנטלעכע האָבן ניט געהאַט דעם מוט דעם דאָזיגן תהום אַריבערצושפּרייזן. אויף די צוזאַמענקונפטן פון דער יוגנט האָט מען באַהאַנדלט אַ ריי פראַגן, ביי וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע פּאַראַדאָקסאַלקייט פון דער לאַגע. אָט איז אַ ביישפּיל. אין 1930 איז אין ניו יאָרק פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון „יאַנג סוירקל ליג”. מען האָט דעבאַטירט וועגן מאַכן פון די יוגנט־קלובן יוגנט־ברענטשעס פון אַ.־ר. און דער באַריכט אין „פריינד” (מאַי 1930) דערציילט וועגן דעם: „די איינציגע מורא איז, אַז די וועלט וועט זאָגן אויף אַ יאַנג סוירקל מעמבער, אַז ער אָדער זי איז געוואָרן אַ ,סאָשעליסט׳. דאָס איז פריער געווען און איז אויך איצט אַ גרויסער אָפּהאַלט”. מיט אַ גרויסער מערהייט איז דאָך באַשלאָסן געוואָרן לטובת אַריינגיין אַלס מיטגלידער אין אַ.־ר.. „די רעזאָלוציע וועגן אַרבעטסלאָזיגקייט האָט אויך געהאַט קעגן זיך די מורא פאַר ראַדיקאַליזם — און איז אויך אנגענומען געוואָרן”. „די רעזאָלוציע וועגן יידישער קולטור איז די נייסטע זאַך, וואָס די ליג מעמבערס האָבן געהערט”. אויך די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן.

אַרום און אַרום האָט געקראַכט צוליבן גרויסן אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס — אָבער יוגנט האָט זיך געשראָקן צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם מחמת מורא פאַר ראַדיקאַליזם. אַזוי מיט דעם

אַ״ר., מיט יידישער קולטור און אַנדערע ענינים, וואָס זיינען געווען ברענענדיקע לעבנס־פראַגן פאַר די טאַטעס און מאַמעס פון דער זעלבער יוגנט.

ערשט אין גאַנג פון דער אַרבעט איז געוואָרן באַשיינפּערלעך קלאָר וואָס מ׳האָט פאַרפעלט צו טאָן אין לויף פון יאָרן צווישן אונטערוואַקסנדיקן דור. קאָנווענשאָנס האָבן שוין געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט דער פראַגע. אין 1929 האָט די קאָנווענשאָן באַשלאָסן אַ טעקס פון 5 סענט אַ קוואַרטל במשך פון יאָר 1930, וואָס יעדער אַ״ר.־מיטגליד זאָל צאָלן אויף צו דעקן די הוצאות פאַר דער אַרבעט צווישן דער יוגנט.

דער אַרבעטער־אָרדען איז אַ לאַנגע צייט אין תוך געווען אַ מענער־אָרגאַניזאַציע. דאָ און דאָרט זיינען געווען איינצלנע פרויען מיטגלידער פון אַ״ר., אָבער דאָס זיינען געווען אויסנאַמען, וואָס האָבן באַשטעטיקט דעם כלל. ערשט ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן זיינען געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען אריינצוציען גרעסערע מאַסן פרויען אין די רייען פון אַ״ר.. אין 1928 איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָיעקט וועגן אַ ברייטערער אַרבעט צווישן פרויען. דעם 10טן נאָוועמבער 1928 איז דעם נ. ע. ק. צוגעשטעלט געוואָרן אַ געמיינזאַמער פּראָיעקט פון די קאָמיטעטן פאַר אָרגאַניזאַציע און בילדונג, וואָס האָט צווישן אַנדערן פאָראויסגעזען: א) שאַפן קלובן א. נ. „פרויען־קלובן פון אַ״ר.״; ב) די פרויען־קלובן זיינען קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע הילף־אָרגאַניזאַציעס צו די עקזיסטירנדיקע ברענטשעס פון אַ״ר.. יעדע טעטיקייט פון די פרויען־קלובן זאָל זיין אין הסכם מיט די פּרינציפּן און אידעאַלן פון אַ״ר.; ג) אַלע מיטגלידער פון די פרויען־קלובן געהערן צו אַ ספּעציעלן קלאַס — נומער 5 — און זיי זיינען באַרעכטיקט צו 100 דאָלער אינשורענס.

דער רוף צו אָרגאַניזירן פרויען־קלובן האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג. אין משך פון וואָכן האָבן זיך געשאַפן אַרום הונדערט אַזעלכע קלובן.

אין די טעג פון 1־3 מערץ 1929 איז שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ פון די פרויען־קלובן. 113 פאָרשטייערינס פון איבער הונדערט קלובן אין אַמעריקע און קאַנאַדע זיינען זיך צונויפגעקומען אַרומצורייד̈ן די אויפגאַבן פון די פרויען־אָרגאַניזאַציעס. צווישן די, וועלכע האָבן באַגריסט די ערשטע פרויען־קאָנפערענץ פון אַ״ר., איז אויך געווען וויקטאָר אַלטער, דער בונדישער

פירער, וועלכער איז שפּעטער, בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה, אומגעבראַכט געוואָרן דורך סטאַלינס רעזשים. אין זיין באַגריסונגס-רעדע האָט ער דערציילט וועגן דער בונדישער פּרויען-אָרגאַניזאַציע „יאַף" אין פּוילן. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט קלאָר געמאַכט דעם כאַראַקטער פון די פרויען-קלובן און אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן וועגן דער טעטיקייט. די קלובן זיינען גערופן געוואָרן צו זיין אַקטיוו אין די שולן און העלפן די אַקציעס, וואָס דער אַ.-ר. פירט. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קלובן זיינען אַ.-ר. ברענטשעס פון קלאַס 5.

די נאָענטע קאָנווענשאָן פון אַ.-ר. (1929) האָט באַשטעטיגט די באַשלוסן פון דער פרויען-קאָנפערענץ און די פרויען-ברענטשעס האָבן אָנגעהויבן אָפיציעל צו פונקציאָנירן אַלס טייל פון אָרדען דעם 1טן אָקטאָבער 1929. אין יענעם מאָמענט זיינען געווען 130 פרויען-קלובן מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 5 טויזנט, אָבער ניט אַלע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ברענטשעס. ביז דעם 15טן אַפּריל 1930 האָבן בלויז 57 קלובן זיך איבערגעבויט אויפן יסוד פון זעלבסט-שטענדיגע אַ.-ר. ברענטשעס און די רעשט זיינען געווען הילף-קערפּערשאַפטן ביי די געוויינלעכע ברענטשעס.

אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה איז די קולטור-טעטיקייט פון אַ.-ר. אויסגעברייטערט געוואָרן. מ'האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף אַ נייעם און זייער וויכטיגן געביט — אויפן פעלד פון יידישע שולן. דאָס האָט פאַרנומען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ סך ברענטשעס און דער דערפאָלג איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיגער.

כדי די אַרבעט פון בילדונגס-קאָמיטעט זאָל ניט פאַרנאַכלעסיגט ווערן, האָט מען אין 1918 אָנגעשטעלט אַ ספּעציעלן באַצאָלטן סעק-רעטאַר, וואָס זאָל קענען ווידמען די גאַנצע צייט דער דאָזיגער אויפגאַבע. דאָס איז געווען י. ב. ביילין, וועלכער איז אויך געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „פריינד". דעם דאָזיגן אַמט האָט ער אָנגע-האַלטן ביז אויגוסט 1924, ווען רעדאַקטאָר פון „פריינד" איז געוואָרן י. באַסקין און געהילף-רעדאַקטאָר — פ. גליבטער.

וועגן פאַרנעם און דערפאָלג פון דער בילדונגס-אַרבעט וועלן עדות זאָגן אייניגע ביישפּילן: אין יאָר 1918 האָט דער פאַרלאַג פון אַ.-ר. אַרויסגעגעבן 7 נייע ביכער: וועגן אַסטראָנאָמיע (ד"ר ב. האָפמאַן-צביון), וועגן פיזיאָלאָגיע (ד"ר י. אַ. מעריסאָן), וועגן פּאָ-ליטישע עקאָנאָמיע (אַ. ש. זאַקס) און וועגן געאָלאָגיע (ד"ר אַ. קאַספּע). צו דעם שוין עקזיסטירנדיגן כאָר, מאַנדאָלין-אָרקעסטער

און „פרייער יידישער פאָלקס־בינע" האָט מען יענעם יאָר געגרינדעט אין ניו־יאָרק אַ סימפאָנישן אָרקעסטער. די דאָזיקע קולטור־אינסטיטוציעס זיינען געשטאַנען אונטער דער דירעקטער השגחה פון בילדונגס־קאָמיטעט און באַקומען פון אים יערלעכע סובסידיעס. און ניט בלויז אין ניו־יאָרק. כאָרן און אָרקעסטערס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אין שיקאַגאָ, פעטערסאָן, נואַרק, ניו־הייווען און אַנדערע שטעט. אין 1920 האָט דער פאַרלאַג פון אַרבעטער־רינג ווידער אַרויסגעגעבן 7 ביכער מיטן ציל צו שאַפן אַ ווויסנשאַפטלעכע פאָלקס־ביבליאָטעק: וועגן אַריפמעטיק (הערץ בורגין), זאָאָלאָגיע (ד״ר ב. האָפמאַן־צביון), כעמיע (ס. פיינסטאָן), פאָליטישע עקאָנאָמיע (א. ש. זאקס), פיזיאָלאָגיע (ד״ר י. א. מעריסאָן), פיזישע דערציאונג פון קינד (האַנאַה סאַלוצקי), קאָאָפעראַציע (אהרן סטאַלינסקי). אין 1921 איז אַרויס דאָס בוך „די פאָגראָמען אין אוקראַינע" (פראָפ. איליאַ חפץ). אין 1920 האָט זיך געלאָזט באַמערקן אַן איבערברוך אין דער באַציאונג צו די אַרויסגעגעבענע ביכער. אויב די ערשטע אויסגאַבעס זיינען ממש צעכאַפט געוואָרן, איז שוין איצט דער פאַרקויף געווען אַ שוואַכער. און במילא האָט געמוזט פאַרקלענערט ווערן די אַרבעט פון פאַרלאַג. אָפגעשטעלט איז זי פאָרט ניט געוואָרן און אויך אין די וויטערדיגע יאָרן זיינען דורכן פאַרלאַג אַ״ר. דערשינען אַ ריי ביכער. אין 1922 האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט באַשלאָסן צו טוישן זיך מיט די ביכער פון פאַרלאַג „קולטור־ליגע" אין וואַרשע און מיט דעם מעגלעך געמאַכט צו פאַרשפרייטן די אַ״ר. אויסגאַבעס אין פוילן און יידישע ביכער פון פוילן מאַכן צוגענגלעך צום היגן לייענער־עולם.

אויף די ערטער האָבן די בראַנטשעס געשאַפן ביבליאָטעקן און אַנטוויקלט די שוין עקזיסטירנדיגע. אין פיל שטעט און שטעטלעך זיינען די אַ״ר.־ביבליאָטעקן בכלל געווען די איינציגע, וואו מ׳האָט געקענט קריגן צו לייענען אַ יידיש בוך. דורכן בילדונגס־קאָמיטעט האָבן די פראָווינצער ביבליאָטעקן געקענט קויפן נייע ביכער אויף גינסטיגע באַדינגונגען.

באַזונדערס שטאַרקע אנשטרענגונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אויפן געביט פון בויען און אויפהאַלטן לייבאָר־לייסעאומס — די היימען פאַר די מיטגלידער און אינסטיטוציעס פון אַרבעטער־רינג ווי אויך פון אַנדערע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1925 זיינען געווען לייבאָר לייסעאומס אין אַרום הונדערט שטעט. ווען

ס'איז געקומען אין אַ שטאָט צו בויען אַזאַ היים פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן די מיטגלידער פון אַ.־ר. ניט געזשאַלעוועט און אָפט געגעבן גאַנץ באַדייטנדיגע סומעס. אין פיל פאַלן איז דאָס געווען אַן אָנשטרענגונג אויסשליסלעך פון אַרבעטער־רינג, אין טייל פאַלן בשותפות מיט אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

די ברענטשעס האָבן געבראַכט דאָס לעבעדיגע יידישע וואָרט אין די ווייטע און פאַרוואָרפענע מקומות. פאַר צענדליגער פאָפּולערע רעדנער און שרייבער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פאָרלעזונג־טורן אין דער פּראָווינץ און מיט דעם אריינגעבראַכט קולטורעלע אויפלעבונג און דערהויבונג אין די ערטער, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון יידישע קולטור־צענטערן. פון 1926 האָט מען אויך איינגעפירט קאָנצערט־טורן און מיט דעם געבראַכט דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט אין די ווייטע שטעט און שטעטלעך. מ'האָט איינגעפירט און אַנטוויקלט די אָפענע פאָרומס. ווענן פאָרנעם פון דער דאָזיגער אַרבעט ווערט דערציילט אין יערלעכן באַריכט פון נ. ע. ק., אין 1928: בלויז אין ניו־יאָרק זיינען דורכגעפירט געוואָרן עטלעכע און פופציג אָפענע פאָרומס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. אַ טייל פון זיי האָבן יעדן מאָל געהאַט אַ באַזוך פון עטלעכע הונדערט מענטשן, אפילו אַרום 500.

אין איניגע ערטער האָט דער אַ.־ר. אויסגעבויט אייגענע קעמפּס, וואו די מיטגלידער און זייערע קינדער האָבן געקענט פאַרברענגען די זומער־וואַקאַציע.

באַלד ביים באַגינען פון אַ.־ר. האָט מען זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו אַרבעטן אויפן געביט פון קאָאָפּעראַטיוון. די ערשטע פּרוּוון האָבן קיין הצלחה ניט געהאַט. ניט קוקנדיג אויף די דורכפאַלן, האָט מען דאָ און דאָרט דאָך געפּרוּווט אויפסניי. אַ נייער ערנסטער פּרוּוו איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געמאַכט געוואָרן אין ניו־יאָרק מיט אַ קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי. אויך אין פּעטערסאָן איז געשאַפן געוואָרן אַ בעקעריי אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. וואָסערע האָפענונגען מ'האָט געלייגט אויף דעם נייעם פּרוּוו, קען מען זען פון די דאָזיגע ווערטער: „ענדלעך האָט זיך פאַרענדיגט אַ ריזיגע אָרגאַניזיר־אַרבעט. די אַ.־ר. קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט עפנט איר ערשטע גרויסע אונטערנעמונג אין די בראָנקס — די בעקעריי״ ... „דער אָנהויב איז אַלזאָ געמאַכט געוואָרן, אָבער טאַקע נאָר דער אָנהויב. דער ציל פון דער אַ.־ר. קאָ־

אָפּעראַטיווער געזעלשאַפט איז אַ גאַנצע נעץ פון קאָאָפּעראַציעס, וואָס זאָלן פּראָדוצירן און פאַרקויפן אַלע וויכטיגע פּראָדוקטן פאַר די מיטגלידער פון אַ.־ר., וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין דער געזעלשאַפט. די דערשיינונג איז אַ צו באַדייטנדיגע, אַז עס זאָלן נאָך אַלץ בלייבן סקעפּטיקער צווישן אונז, וואָס קוועטשן מיט די פּלייצעס. קיין מיטגליד פון אַ.־ר. טאָר ניט בלייבן אויסער דער ריזיגער און אַזוי פיל צוזאָגנדיגער אונטערנעמונג („פריינד", יאַנואַר 1921). די בע־קעריי, אויפן נאָמען פון אַ.־ר., האָט אַרויסגעלאָזט שערס צו 5 דאָלער אויף אַ סומע פון 50 טויזנט דאָלער. עס איז געווען געפּלאַנט דעם קאָאָפּעראַטיוו אויסצוברייטערן צו קענען פּראָדוצירן און פאַר־קויפן אויך אַנדערע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. דער אַפּיל האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי 125 בראַנטשעס, וועלכע האָבן געקויפט שערס צו 50 דאָלער. עס איז געקויפט געוואָרן אַן אייגן הויז און די בעקעריי איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. אָבער אויך דער פּרואוו האָט זיך געענדיגט מיט אַ דורכפאַל. אין 1923 האָט די אונטער־נעמונג באַנקראָטירט און איז אונטערגעגאַנגען.

אין דער שטרעבונג אַלזייטיג צו העלפן די אַ.־ר.־מיטגלידער איז געמאַכט געוואָרן נאָך אַ פּרואוו — דאָס מאָל אַ געלונגענער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער דינסט. דעם געדאַנק צו פירן אַזאַ טעטיגקייט האָט געוואָרפן ראַוז אַש. דעם געדאַנק האָט אויפגעכאַפּט בראַנטש 367 און לויט זיין איניציאַטיוו איז גערופן געוואָרן דעם 5טן דעצעמבער 1926 אַ קאָנפערענץ פון ניו־יאָרקער בראַנטשעס. 84 בראַנטשעס האָבן זיך אָפּגערופן. די 154 דעלעגאַטן האָבן אין פּרינציפּ באַשלאָסן אַזאַ אָפּטיילונג צו שאַפן און אויסגעטיילט אַ קאָמיטעט אויסצופאָרשן דעם ענין און צוגרייטן קאָנקרעטע פאָרשלאָגן. די צווייטע קאָנפערענץ איז פאָר־געקומען דעם 31טן יאַנואַר 1927. דאַסמאָל זיינען שוין געווען 291 דעלעגאַטן פון 146 בראַנטשעס. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען די פאָרשלאָגן צו שאַפן אַן אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער דינסט מיטן צוועק צו העלפן די אַ.־ר.־מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס אין ספּעציעלע נויט־פאַלן. אין אַ רעפערענדום האָבן שפּעטער די מיטגלידער אָנ־גענומען דעם פאָרשלאַג פון דער קאָנפערענץ צו צאָלן 5 סענט אַ קוואַרטל און מיט דעם האָבן זיי מעגלעך געמאַכט, אַז די דאָזיגע נייע אָפּטיילונג זאָל קענען אָנהויבן איר טעטיגקייט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען אויך געמאַכט אויס־

בעסערונגען אויפן געביט פון באדינען מיט דאקטוירים די מיט־גלידער. אין די ערשטע יארן פון א.־ר. איז געווען דער סיסטעם פון ברענטש־דאקטוירים. יעדער ברענטש האט זיך געהאט זיין דאק־טאר. אזא דאקטאר האט באהאנדלט קראנקע, עקזאמינירט ביים אריינגעמען נייע מיטגלידער און אויסגעשטעלט צייגענישן אויף צו באקומען קראנקען־בענעפיט. צוליב כמה טעמים האט זיך ארויס־געוויזן, אז דער סיסטעם טויג ניט — אי פאר די מיטגלידער, אי פארן גאנצן ארדען. געענדערט דעם סיסטעם האט מען אבער ניט אזוי שנעל און אויך ניט מיטאמאל.

די ערשטע ענדערונג האט געמאכט די 10טע קאנווענשאן (1910), וואס האט באשלאסן איינצופירן דיסטריקט־דאקטוירים ביים עקזא־מינירן נייע מיטגלידער. שפעטער האט מען אויך געפרואווט איינ־פירן דיסטריקט־דאקטוירים אויף צו באהאנדלען קראנקע און ארויס־געבן צייגענישן אויף קראנקען־בענעפיט, אבער דאס איז שוין ניט געווען לייכט צו מאכן. קאנווענשאנס האבן עס טאקע באשלאסן, אבער רעפערענדומס האבן עס אפגעווארפן. אזוי איז אויך געווען נאך דער קאנווענשאן פון 1917, ווען פאר דיסטריקט־דאקטוירים זיי־נען אפגעגעבן געווארן 3105 שטימען און קעגן 3465.

די קעגנערשאפט צו ברענטש־דאקטוירים איז, ווי ס'איז שוין אין פריערדיגן טייל דערמאנט געווארן, בעיקר געקומען פון דעם, וואס מ'האט ניט געגלויבט אין זייער אומפארטייאישקייט ביים אויסשטעלן צייגענישן אויף קראנקען־בענעפיט. אזא דאקטאר איז געוויינלעך געווען אויסגעבונדן מיט די טוער פון ברענטש און אפט־מאל גענומען אין אכט זייער מיינונג. מיט דעם האט מען דערקלערט וואס אין צייטן פון עקאנאמישן קריזיס און לאנג־דויערנדיגע סטרייקן איז די צאל נעמער פון קראנקען־בענעפיט ניט־נארמאל אויסגעוואקסן. א געוויסע ראל האט אויך געשפילט דער מאטיוו, אז ברענטש־דאק־טוירים זיינען ניט בכוח צו געבן א געהעריגע מעדיצינישע הילף די מיטגלידער. באזונדערס זיינען געווען שוועריגקייטן פאר מיט־גלידער, וועלכע האבן געוואוינט אין אנדערע געגענטן פון שטאט. די פראגע האט זיך געשטעלט גאר שארף באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין אמעריקע, אזוי גוט ווי אין די מלחמה־פירנ־דיגע אייראפעאישע לענדער, האט געבושעוועט די אינפלוענציע־עפידעמיע. די ברענטשעס האבן אליין זיך ניט געקענט קיין עצה געבן ביים באדינען אזוי פיל קראנקע, פון דער צווייטער זייט האט

מען אין ערשטן האַלבן יאָר פון דער עפּידעמיע געדאַרפט אויסצאָלן 160 טויזנט דאָלער קראַנקען־בענעפיט.

די פראַגע פון איינפירן דיסטריקט־דאָקטוירים איז ווידער גע־שטאַנען אויף דער קאָנווענשאָן אין דעטראָיט (1919). די דאָזיגע קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן אַלע גרויסע שטעט און טעריטאָריעס איינצופירן דיסטריקט־דאָקטוירים, כדי צו קענען געבן די מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס, אַ בעסערע מעדיצינישע באַהאַנדלונג. די זאַך האָט זיך אַ ריר געטאָן פון טויטן פונקט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ גרעסערער צאָל ניו־יאָרקער בראַנ־טשעס, וואָס האָבן אין אָקטאָבער 1919 געשאַפן אַ מעדיצינישן דע־פּאַרטמענט. דער דעפּאַרטמענט האָט באַלד אָנגעשטעלט אַ גרע־סערע צאָל דאָקטוירים, וואָס זיינען געווען באַזונדערס אַקטיוו אין באַדינען די קראַנקע בעת דער אינפלוענציע־עפּידעמיע. אין פאַרלויף פון ערשטן יאָר טעטיגקייט האָבן די דאָקטוירים פון דעם דעפּאַרטמענט געמאַכט 63 טויזנט וויזיטן. די גוטע אַרבעט האָט איבערצייגט אויך די אַנדערע בראַנטשעס, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין מעדיצינישן דעפּאַרטמענט און פאַרוואַנדלען אים אין אַן אַלגעמיינע אינסטיטוציע פון אַרבעטער־רינג.

אויך אין שיקאַגאָ איז געשאַפן געוואָרן אַ מעדיצינישער דע־פּאַרטמענט. סיי אין ניו־יאָרק, סיי אין שיקאַגאָ זיינען עס געווען לאָקאַלע אינסטיטוציעס. די קאָנווענשאָן אין יאָר 1925 איז גע־גאַנגען אַ שריט ווייטער און רעקאָמענדירט, אַז די מעדיצינישע דע־פּאַרטמענטס זאָלן איינגעפירט ווערן אין יעדן גרעסערן צענטער און זאָלן געשטעלט ווערן אונטער דער השגחה פון נ. ע. ק.. אין די ערטער, וואו עס עקזיסטירן די מעדיצינישע דעפּאַרטמענטס, זאָלן די צייגענישן אויף קראַנקען־בענעפיט אונטערגעשריבן ווערן דורך די דיסטריקט־דאָקטוירים, כדי צו פאַרמיידן „אומגעזעצלעכע קראַנקען־בענעפיטס". עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אין משך פון פאַרגאַנ־גענעם באַריכט־יאָר זיינען געווען אָפיציעל 10 טויזנט קראַנקע מיט־גלידער — אַרום 12 פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט, וואָס מ'האָט געהאַלטן פאַר אַ צו הויכע ציפער, הגם אין פריערדיגע יאָרן איז דער פּראָצענט קראַנקע מיטגלידער געווען אַ באַדייטנדיג העכערער און האָט אַפילו איינמאָל — אין יאָר 1914 — דערגרייכט די רעקאָרד־ציפער פון 22 אויף יעדע הונדערט.

אויך דער סאַנאַטאָריום האָט זיך אַנטוויקלט, הגם די אַלטע

צרות מיט דער דיסציפּלינלאָזיגקייט פון פּאַציענטן זיינען ניט אינ־גאַנצן פאַרשוואונדן. אין 1920 האָט מען געפייערט דעם 10־יאָריגן יובילײ פון דעם הייל־אַנשטאַלט, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ רעקאָרד פון 1,400 פּאַציענטן. אין 1927 האָט מען אויפגעבויט אַ נייעם מאָדערנעם פּאַוויליאָן.

אַ פראַגע, וואָס איז אויפגעקומען און ניט געלאָזט רוען פיל פון די מיטגלידער און טוער, איז געווען וועגן שאַפן אַ היים פאַר די אַלטע לייט. די מיטגלידערשאַפט איז עלטער געוואָרן. ווען מען זאָל נעמען דעם צענדליג יאָר 1911־1920 איז דער דורכשניט־עלטער געשטיגן פון 28.3 יאָר צו 33.7. פון יאָר צו יאָר איז געוואָרן גרעסער דער שיכט עלטערע מענטשן. און מ׳האָט פאָראויסגעזען, אַז עס וועט זיך מיט דער צייט אָנזאַמלען אַ גרעסערע צאָל אַלטע עלנטע מיט־גלידער, וועלכע וועלן מוזן אָנקומען צו אַ מושב זקנים. כדי אַזעלכע מיטגלידער זאָלן קענען אויסלעבן זייערע יאָרן אין אַן אייגענער סביבה, איז אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג, אַז דער אַ.־ר. זאָל אַליין בויען אַן אַנשטאַלט פאַר אַלטע מיטגלידער. אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע איז פאַר דעם געפירט געוואָרן אין יאָר 1919. מ׳האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען ניט גלייך געמאַכט ווערן, אַז פאַר אַזאַ אַנשטאַלט איז נויטיג אַ גרויסער פאָנד. מ׳האָט דעריבער פאַרלאַנגט, אַז אַזאַ פאָנד זאָל געשאַפן ווערן. די 21טע קאָנווענשאָן האָט איינשטימיג באַ־שלאָסן, אַז דער נ. ע. ק. זאָל ברענגען צו דער נאָנטער קאָנווענשאָן אַ פאָרשלאָג ווי אַזוי צו זאַמלען אַ פאָנד, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן, אַז אין יאָר 1930 זאָל מען צוטרעטן בויען אַ הויז פאַר אַלטע מיט־גלידער. אין די שפּעטערע יאָרן האָט מען טאַקע דורך קליינע צאָ־לונגען פון די מיטגלידער אָנגעהויבן זאַמלען אַ פאָנד אויף דעם צוועק.

אין גאַנג פון דער צייט, ווען דער אַרבעטער־אָרדען האָט אויס־געברייטערט זיין טעטיגקייט, האָט ער זיך באַמיט צו באַדינען די פאַמיליעס פון זיינע מיטגלידער אויף דער גאַנצער לענג פון זייער לעבנס־וועג — פון דער וויג ביז צום קבר. ס׳איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס אויך דער בית־עולם פאַרנעמט אַ געהעריג אָרט אין דער טעטיגקייט פון אַ.־ר..

23. יידיש־וועלטלעכע שולן

אין פעריאד נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה האט זיך אנטוויקלט א גרויסע שול-באוועגונג. דער א.-ר. איז שוין דעמאלט געווען אן ארגאניזאציע, וואס האט געהאט א כאראקטער אי פון א סאלידן ארדען מיט בענעפיטס, אי פון א גרויסער קולטור-געזעלשאפט. דאס נייע אין דער קולטור-ארבעט, דאס נייע וואס האט גאר גיך זיך ארויסגערוקט אויפן אויבנאן און צוגעשמידט צו זיך דעם אינטערעס פון ברייטע מיטגלידער-קרייזן, זיינען געווען די יידישע שולן.

די דאזיגע שולן זיינען געקומען אויף דער וועלט נאך א הארטן קאמף אין די רייען פון א.-ר. גופא. די ערשטע אימיגראנטישע דורות זיינען געקומען פון אייראפעאישע לענדער, וואו עס האט ניט עקזיסטירט אזא זאך, ווי א יידישע מאדערנע שול. די „יידישע שול" איז דארט געווען דער חדר אדער ישיבה. א קליינער טייל האט באזוכט די ניט-יידישע שול פון שכנישן מערהייטס-פאלק. נאכן קומען דא אהער, וואו ס'איז געווען פריי דער צוטריט צו די אלגעמיינע שולן פון אלע מינים, האבן די איינגעוואנדערטע יידן בכלל זיך ניט געזארגט וועגן א יידישער דערציאונג, אדער זיי האבן די זארג געשטילט דורך א רעליגיעזער צוגאב-שול, דורך א מלמד, וועלכער האט געלערנט דאוונען און אביסל תנ"ך. די ראדיקאלע קרייזן האבן דא און דארט דערגאנצט די אלגעמיינע שול דורך סאציאליסטישע זונטאג-שולן, וואוהין יידישע ראדיקאלע און פריידענקערישע פאלקס-מענטשן האבן געשיקט זייערע קינדער.

ווי אין דער אלטער היים, איז אויך דא ביי די באוואוסטזיניגע יידישע ארבעטער און פאלקס-אינטעליגענץ רייף געווארן דער געדאנק וועגן דער נויטווענדיגקייט און מעגלעכקייט פון א נייעם טיפ יידישע שול: א שול אויף יידיש מיט מאדערנע מעטאדן און וועלטלעך-פראגרעסיוון אינהאלט. די שטרעבונג צו בויען אזא מין שול האט זיך אנגעשטויסן אויפן ווידערשטאנד מצד די אסימילאטאריש-געשטימטע עלעמענטן, וועלכע האבן קאסמאפאליטיזם אנגענומען פאר

אינטערנאַציאָנאַליזם, יידיש — פאַר אַן אויסדרוק פון סעפּאַראַטיזם און „גרינקייט”, דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער קולטור — פאַר אַ נויטיגן קרבן אויפן מזבח פון סאָציאַליזם. אַז דאָס איז אַ פּראָדוקט פון בורזשואַזע אַסימילאַציע־שטרעבונגען, אונטערגעטראָגן מיט אַ פאַלשן עטיקעט פון כלומרשט פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישער קולטור, דאָס האָבן די סאָציאַליסטן פון אַלטן שניט ניט באַגריפן.

דער קאַמף פאַר אַ מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער שול אין די רייען פון אַ.־ר. האָט זיך געענדיגט מיט אַ פּרינציפּיעלן זיג פון אירע אַנהענגער. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די זעלבע יאָרן, ווען אין פּוילן, ליטע, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע פּראַקטישע שריט צו עפענען יידיש־וועלטלעכע שולן. די אַ.־ר.־קאָנווענשאָן אין יאָר 1916 האָט צום ערשטן מאָל געגעבן איר הכשר אויף סאָציאַליסטישע יידישע שולן. אָבער די צאָלרייכע קעגנער האָבן דעם קאַמף ניט אויפגעגעבן און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — אין דער פּרעסע, אין די בראַנטשעס און אויף קאָנווענשאָנס — די פראַגע ווידער דעבאַטירט און אַרויסגעבראַכט אַלע אַרגומענטן קעגן אַזאַ שול. און דאָס וויכטיגסטע: צו רעאַליזירן די פּרינציפּיעלע באַשלוסן און פאַרוואַנדלען זיי אין מעשים, זיינען געווען נויטיג גרויסע פאָנדן. וואו־זשע זאָל מען זיי נעמען?

אין 1917 האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט געהאַט אין זיין רשות פאַר שול־צוועקן סך־הכל טויזנט דאָלער. אַ לעכערלעך קליינע סומע. איז אויף דעם 20טן יאַנואַר 1918 גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון ניו־יאָרקער בראַנטשעס, וואָס האָט באַשלאָסן צו מאַכן צווישן די מיטגלידער פון ניו־יאָרק אַ רעפערענדום וועגן אַ ספּעציעלן שול־טעקס. עס זיינען געווען צוויי פאָרשלאַגן: 3 אָדער 5 סענט אַ קוואַרטל. פון גאַנצן רעפערענדום איז גאָר ניט אַרויסגעקומען, ווייל בלויז 20 בראַנטשעס האָבן זיך באַטייליגט אין דער אָפּשטימונג. דער אינטערעס צו אָט דעם וויכטיגן ענין איז נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג און אַ גרויסער טייל פון מיטגלידער־עולם האָט נאָך ביי זיך ניט געהאַט אָפּגעמאַכט צו זיין פאַר אָדער קעגן די שולן.

דער בילדונגס־קאָמיטעט איז געקומען צו דער 18טער קאָנווענשאָן (1918) מיט אַ טענה, אַז אָן אַ געהעריגן פאָנד איז אוממעגלעך צו פירן אַ שול־טעטיגקייט. ער האָט דעריבער פאָרגעלייגט צו באַשליסן 1 סענט אַ קוואַרטל פאַרן שול־פאָנד. די קאָנווענשאָן האָט

באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ רעפערענדום מיט פאָרשלאַגן וועגן 1 און 2 סענט אַ קוואַרטל. מיט אַ קליינער מערהייט איז באַשלאָסן גע־וואָרן 2 סענט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן דער שול־פאָנד אין אָנהויב 1919.

די ערשטע שולן האָט מען אָנגעהויבן שאַפן אין דער צווייטער העלפט 1918. דעם 22טן סעפטעמבער פון דעם יאָר זיינען גערופן געוואָרן קאָנפערענצן פון אַ.־ר.־ברענטשעס אין דריי ראַיאָנען פון ניו־יאָרק — דאַון־טאַון, האַרלעם און וויליאַמסבורג. אין די קאָנ־פערענצן האָבן זיך אויך באַטייליקט פאָרשטייער פון די יידישע ברענ־טשעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די פאָרשטייער פון די ברענטשעס האָבן אויף די קאָנפערענצן געבילדעט ספּעציעלע שול־קאָמיטעטן, וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דער פּראַקטישער שול־אַרבעט. גלייכצייטיק האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט באַשטימט אַ פּעדאַגאָגן־ראַט צו העלפן אויסאַרבעטן אַ שול־פּראָגראַם. דאָס אויס־געאַרבעטע פּראָגראַם האָט געשטעלט אַלס ציל פון די אַ.־ר.־שולן: א) צו לערנען די קינדער גוט לייענען, שרייבן און ריידן יידיש; ב) באַקענען זיי מיט די בעסטע מוסטערן פון דער יידישער ליטעראַ־טור; ג) באַקענען די קינדער מיטן לעבן פון די אַרבעטער און פון די ברייטע יידישע מאַסן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער; ד) באַקענען זיי מיט דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק און מיט עפּי־זאָדן פון פרייהייטס־קאַמף אין דער אַלגעמיינער געשיכטע; ה) אַנטוויקלען ביי די שילער די געפילן פון יושר, ליבע צו אונטער־דריקטע און צו פרייהייט ווי אויך אַכטונג צו די קעמפער פאַר פרייהייט; ו) אַנטוויקלען ביי זיי דאָס געפיל פון שיינקייט און קערפּערלעכער און מאָראַלישער ציכטיגקייט; ז) אַנטוויקלען אי־דעאַליזם און די שטרעבונג צו הויכע מעשים, וואָס איז נויטיק פאַר יעדן קינד פונם אונטערדריקטן קלאַס אויף זיין ווייטערדיגן לעבנס־וועג צו אַ בעסערער אָרדענונג.

אין נאָוועמבער 1918 זיינען געעפנט געוואָרן די ערשטע 2 שולן — אין האַרלעם און וויליאַמסבורג, און אַביסל שפּעטער, אין אַפּריל 1919 — אין בראָנזוויל. אויך די פּראָווינץ האָט זיך אַ ריר געטאָן. שולן זיינען געעפנט געוואָרן אין נוארק, פילאַדעלפיע, שי־קאַגאָ, באַלטימאָר, ראָטשעסטער, פּעטערסאָן, טאָראָנטאָ און אין אַ ריי אַנדערע שטעט.

דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט אין דער זעלבער צייט באַשלאָסן

אויך צו שטיצן א.־ר.־שולן אויף ענגליש, אויב נאָר זייער פּראָגראַם וועט זיין אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון א.־ר.. כדי די שול־אַרבעט זאָל קענען גיין מיט דערפאָלג און אין א ברייטן מאַסשטאַב, האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט געשאַפן שטאָטישע און דיסטריקט־קאָמי־טעטן ספּעציעל צו פירן די אָרטיקע בילדונגס־ און שול־אַרבעט. די לאָקאַלע בילדונגס־קאָמיטעטן האָבן מיט זייער כסדרדיקער זאָרג און השגחה א סך מיטגעהאָלפן צו דעם וואוקס פון דער שול־באַ־וועגונג.

צו דער 19טער קאָנווענשאָן (1919) אין דעטראָיט איז מען שוין געקומען מיט עפּעס ממשותדיגס. עס זיינען שוין געווען אייניגע אָנהויבן און א ביסעלע דערפאַרונג. די חסידים פון די שולן האָבן דעריבער מיט מער זיכערקייט געפאָדערט גרעסערע פאָנדן, און די קעגנער האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט אַרויסצוברענגען זייערע טענות. און זייערע טענות זיינען געווען, אַז דער מיין פון די פריערדיגע באַשלוסן איז געווען צו האָבן סאָציאַליסטישע שולן אויף ענגליש און אויף יידיש — און אויסגעלאָזט האָט עס זיך מיט יידישע שולן. שוין די ערשטע טריט פון די נייע יידישע שולן האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט די צאָל פון זייערע אָנהענגער און באַשיינ־פּערלעך געוויזן ווי נויטיג זיי זיינען פאַרן יידישן פאָלקס־קינד. די 19טע קאָנווענשאָן האָט דעריבער באַשלאָסן צו שיקן צום רע־פערענדום וועגן א טעקס פון 4 אָדער 5 סענט א קוואָרטאל פאַרן שול־פאָנד, דערביי האָט זי אַליין רעקאָמענדירט 5 סענט. מיט א גרויסער מערהייט האָבן די מיטגלידער אין דער רעפערענדום־אָפּשטימונג זיך אַרויסגעזאָגט פאַר 5 סענט. די ווייטערדיגע קאָנווענשאָנס האָבן גע־העכערט די באַשטייערונג פאַרן שול־פאָנד. די 22טע קאָנווענשאָן (1922) אין טאָראָנטאָ האָט דעם שול־טעקס געהעכערט צו 10 סענט א קוואָרטאל. דאָס איז געווען דער בעסטער סימן ווי איבערצייגנדיג עס האָט געווירקט די שול גופא אויף דעם ברייטן עולם א.־ר.־מיט־גלידער.

דאָס פאַנאַנדערוואַקסן זיך פון דער שול־באַוועגונג האָט גע־שטעלט פאַר נייע אויפגאַבן. אין סעפּטעמבער 1921 איז אין ניו־יאָרק געעפנט געוואָרן די ערשטע א.־ר.־מיטלשול; שפּעטער איז ענלעכעס פאָרגעקומען אויך אין אייניגע אַנדערע שטעט. עס איז אויסגעוואַקסן א שיכט קינדער, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט באַ־נוגענען מיט דעם סאַמע עלעמענטאַרן יידישן וויסן פון דער פאָלקס־

שול, נאָר געשטרעבט צו פּאַרטיפּערן זיך אין יידישע לימודים. צו־זאַמען מיט די שולן איז אויך געוואַקסן אַ שיכט לערער. אין 1919 זיינען דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע לערער־קורסן. אין דער פּראָ־ווינץ האָבן די לערער אין משך פון די ווייטערדיגע יאָרן געשפּילט אַ וויכטיגע ראָל ווי פירער פון דער אַלגעמיינער בילדונגס־אַרבעט פון אַרבעטער־רינג. עס זיינען דערנאָך פאַרגעקומען רעגולערע לע־רער־ און שול־קאָנפערענצן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די לערן־פּראָגראַמען און אַנדערע וויכטיגע פּראָבלעמען פון דער שול־באַ־וועגונג.

וועגן דער ווירקונג פון די יידישע שולן אויף די קינדער ווערט דערציילט אין אַ באַריכט פון שיקאַגאָ: „עלטערן הויבן אָן באַגרייפן די גוטע ווירקונג פון אונזערע שולן אין זייער פאַמיליע־לעבן. ענג־ליש־ריידנדיגע קינדער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן קאַלט צו זייערע יידיש־ריידנדיגע טאַטע־מאַמעס, געשעמט זיך מיטן טאַטן גיין איבער דער גאַס, ווען ער האָט געלייענט אַ יידישע צייטונג, האָבן פאַראַכט טאַטע־מאַמע פאַר זייער סאָציאַליסטישן אידעאַל — אָט די אַלע זיינען איצט גאַנץ אַנדערע קינדער געוואָרן. די אַטמאָספער פון אונזערע שולן און דער גייסט פון אונזערע לערער דרינגען אַריין טיף אין לעבן פון דעם קינד. דאָס מאַכט לייכטער זייער קוק אויפן לעבן און עפנט דעם קינדס מוח פאַר די טעגלעכע געזעלשאַפטלעכע פּאַסירונגען" („פריינד", סעפּטעמבער 1919). אין שיקאַגאָ האָט מען אין 1919 געעפנט דריי שולן און עס האָבן זיך פאַרשריבן ביז 800 קינדער. שפּעטער איז די צאָל אַראָפּגעפאַלן ביז 500, ווייל „די עלטערן האָבן אויסגעפונען, אַז מען לערנט ניט אין אונזערע שולן דאַוונען, לייענען די הפטורה אָדער תפלין לייגן".

און ניט בלויז ביים צוריקציען קינדער איז געקומען צום אויס־דרוק אַ ווידערווילן פון געוויסע שיכטן פון דער יידישער באַפעל־קערונג צו דער נייער שול. ס'איז אויך געווען אַקטיווער קאַמף. אין אַ באַריכט פון דער וויליאַמסבורגער שול ווערט דערציילט: „עפּעס האָט זיך דער עולם אונזערער געקווענקלט און ניט געוואָלט אָפּנעמען זייערע קינדער פון די פינצטערע חדרים און תלמוד־תורה־הייזער. אַריינצוגעבן זיי אין באַקוועמע שולן, אונטער דער אויפ־זיכט פון מאָדערנע לערער, איז זיי אויסגעקומען צו זיין אַ ,געוואַג־טער' שריט. זיי האָבן זיך דערפאַר געשראָקן. עס זיינען אויך געווען פיל מוראדיגע ,ראַדיקאַלן' צווישן אונזערע מיטגלידער, וועל־

כע האָבן געמיינט, אַז מיר ווילן מאַכן זייערע קינדער פאַר פרומע ייִדן און ניט פאַר סאָציאַליסטן". אָבער מיט דער צייט איז אונז געלונגען צו איבערצייגן אַלעמען, אַז אונזער שול פלאַנצט איין אין די קינדער דעם ווירקלעכן גייסט פון אונזער ייִדישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער-רינג („פריינד", סעפּטעמבער 1919).

אין זעלבן נומער „פריינד" ווערט דערציילט וועגן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד פון פרומאַקעס אין בראָנזוויל: „צו ערשט האָט דאָרט די שול געהאַט קעגנער פון צוויי צדדים: פון איין זייט — די אָרטאָדאָקסן, וועלכע האָבן ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז די אַ.-ר.-שול גראַבט אונטער די גאַנצע ייִדישקייט און זיי האָבן באַשלאָסן צו שעדיגן איר מיט וואָס זיי קענען נאָר. זיי האָבן די קאַרטן, וואָס האָבן אַנאָנסירט די שול, אַרויסגענומען פון די פענסטער פון אַ ריי קראָמען. זיי האָבן געלאָזט וויסן דעם קצב, וואָס האַלט אַ קראָם ניט ווייט פון דער שול און ביי וועמען עס איז אויך געווען אַזאַ קאַרט אין פענסטער, אַז מען וועט אסרן זיין פלייש, אויב ער וועט די קאַרט ניט אַרויסוואַרפן". אויך דאָ איז געווען די זעלבע מעשה — די צוויי עקסטרעמען האָבן זיך באַגעגנט אין דער קעגנערשאַפט צו דער נייער ייִדיש-וועלטלעכער שול: „פון דער צווייטער זייט — לייענען מיר ווייטער אין באַריכט וועגן דער בראָנזווילער שול — האָבן געשטערט מיטגלידער פון אַרבעטער-רינג גופא: זיי האָבן געזאָגט, אַז די שול מאַכט פון די קינדער צו פיל ייִדן, אַז זי איז אַ צווייטע תלמוד-תורה אד"גל און זיי האָבן ניט דערלאָזט, אַז געוויסע בראָנזווילער ברענטשעס זאָלן שיקן זייערע פאַרטרעטער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער שול און בכלל געסטאַרעט זיך צו שעדיקן איר. לעצטנס אָבער האָבן ביידע צדדים אויפגעגעבן דעם קאַמף".

אין דער פּראָווינץ האָט דער אַקטיווער קאַמף פון די אָרטאָדאָקסן און פרומאַקעס קעגן די שולן פון אַרבעטער-רינג אָנגעהאַלטן נאָך אַ לאַנגע צייט. אין זייער אַגיטאַציע קעגן די שולן האָבן זיי דערציילט אַ סך אומזיניגקייטן און געפּראַוועט דעמאַגאָגישע שטיק. געווען שול-טוער, וואָס האָבן גערופן צו אַ קעגן-אָפענסיווע. איינער פון זיי, — י. שטיינבוים — פון די סאַמע ערשטע און אַקטיווסטע בויער פון די אַ.-ר.-שולן האָט געשריבן: „מיר מוזן באַגעגענען די פרומע ייִדן ניט בלויז אויף די שפּאַלטן פון צייטונגען און ביכער, נאָר אויפן פעלד פון טאָג-טעגלעכן לעבן. פאַר יעדן חדר, וואָס

זיי בויען אויף, דאַרפֿן מיר אויפֿבויען צוויי מאָדערנע יידישע שולן. פֿאַר יעדן סידור, וואָס זיי גיבן אַרויס, דאַרפֿן מיר אַרויסגעבן צענד־ליגער ביכער פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. פֿאַר יעדע שול, וואָס זיי בויען אויף צו פֿאַרקויפֿן בילעטן אויף ראש השנה און יום כיפור, דאַרפֿן מיר אויפֿבויען אַרבעטער־טעמפּלען, וואָס זאָלן ווערן צענטערן פֿאַר אַלע יידישע אַרבעטער, וואו זיי זאָלן שאַפֿן דאָס נייע לעבן" („פֿריינד", מערץ 1924).

די שולן פֿון אַ״ר. זיינען ניט געווען איינהייטלעך אין דער פֿו־לער מאָס. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די מיטגלידערשאַפֿט פֿון אָרדען באַשטייט ניט פֿון מענטשן מיט שטרענג־איינהייטלעכע אנשויאונגען. הגם זיי האָבן זיך אַלע געהאַלטן ביי געוויסע גרונט־כללים — יידישע שפּראַך, סאָציאַליסטישע אַטמאָספֿער, ליבע צו פֿרייהייט און אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דאָך יעדע גרופּע מיט־גלידער, וואָס איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט אַ געגעבענער שול, אַהין אַריינגעטראָגן אירע נייגונגען און באַזונדערקייטן. וועגן אינ־האַלט פֿון דער שול האָט מען אַנטשידן אויף די לערער־ און שול־קאָנפֿערענצן און אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט. ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן האָט מען וועגן דעם אויך געשטריטן אויף די קאָנווענשאָנס פֿון אַ״ר. און ביי אַזעלכע פֿאַלן זיינען אויך גע־קומען מיט זייער וואָרט די אַלטע קעגנער.

נאָך 7 יאָר פֿון פּראַקטישער שול־אַרבעט האָט דער באַוואוסטער סאָציאַליסטישער פֿירער מאיר לאָנדאָן אויף דער קאָנווענשאָן פֿון אַ״ר. אין יאָר 1925 אַרויסגעבראַכט זיינע ספֿקות בנוגע דער שול און אַרגומענטירט, אַז מען דאַרף זיך אַמעריקאַניזירן. אָט דאָס זיינען זיינע ווערטער: „מיר מוזן האָבן די יוגנט און עס איז דע־ריבער אפֿשר ראַטזאַם, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל אונטערשטיצן שולן און צוציען די יוגנט, אָבער איך מוז זאָגן, אַז די אַרבעט פֿון די שולן איז ניט צוגעפּאַסט צו די אַמעריקאַנער אומשטענדן. מיר מוזן זיך אַליין אַמעריקאַניזירן און ניט מאַכן אונזערע קינדער פֿאַר ,גרינהאָרנס'. די אימיגראַציע איז אָפּגעשטעלט, און דעריבער מוזן מיר צופּאַסן אונזער טעטיגקייט לויט די באַדערפֿענישן פֿון דעם אַמעריקאַנער יונגן דור. מען דאַרף אפֿשר האָבן מוט צו ריידן וועגן דעם, אָבער איך בין פֿערזענלעך ניט אָפּהענגיג פֿון קיינעם, און דעריבער קען איך אַרויסזאָגן מיין מיינונג אָפֿן. לאָזט זיך ניט

פארשלעפן פון שאָווינִיסטישע פּראַזן. גיט אייערע קינדער אַ ריכ־טיגע אַמעריקאַנער בילדונג אין סאָציאַליסטישן גייסט".

דעם אַנערקענטן סאָציאַליסטישן פירער, דעם יידישן אינטע־ליגענט פון דעם אַלטן אימיגראַנטן־דור, האָט געענטפערט נ. כּאַנין, אַליין אַן אַרבעטער פון דער נייער איינוואַנדערונג, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע צווישן דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע און דער ערשטער וועלט־מלחמה. לאַנדאַנס שטאַנדפּונקט — האָט געזאָגט כּאַ־נין — „איז אויך דער שטאַנדפּונקט פון פיל טוער, וועלכע זיינען ניט גענוג באַקאַנט מיט דעם גייסטיגן לעבן פון יידישן אימיגראַנט. גע־נאָסע לאַנדאָן איז צופיל פאַרנומען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און ער זעט ניט דעריבער די גייסטיגע שטרעבונגען פון די יידישע מאַסן. יידישע אימיגראַנטן שיקן זייערע קינדער אין די תּלמוד־תּורהס. כּדי אָפּצוציען די קינדער פון די תּלמוד־תּורהס האָבן מיר געגרינדעט די אַ.־ר.־שולן. די יידישע שפּראַך ווערט דאָ אין אַמעריקע אַלץ מער אַנטוויקלט, אַפילו תּלמוד־תּורהס זיינען געווען געצוואונגען אַריינצו־נעמען אין זייערע לימודים יידיש. צווישן די ראַדיקאַלע עלטערן און זייערע קינדער איז דאָ אַ גרויסער אָפּגרונט, אַ פיל גרעסערער ווי ביי די אָרטאָדאָקסישע שיכטן. כּדי דעם אָפּגרונט צו מאַכן ווייניגער טיף, זיינען נויטיג די שולן. מיר זיינען ניט קעגן ענגליש, אָבער מיר ווילן, אַז אויך אונזער יידישע קולטור זאָל געאַכטעט ווערן פון אונזערע קינדער".

אַז די יידיש־וועלטלעכע שולן זיינען אויך געווען נויטיג, כּדי אַרויסצוציען פון די תּלמוד־תּורהס און חדרים קינדער פון אַרבעטער־פאַמיליעס, דערציילט דער לאַנג־יאָריגער לערער און שול־טוער יעקב לעווין: „אייניגע אַרבעטער־טוער באַהויפּטן נאָך עד־היום, אַז עס איז בכלל ניטאָ ביי דעם יידישן אַרבעטער קיין באַדערפעניש אין אַ יידישע שול, ווייל ער קען גאַנץ לייכט אויסקומען מיט דער פּאַבליק־סקול אַליין. זיי זאָגן, אַז עס איז אין דער אמתן ניטאָ שוין ביי דעם יידישן אַרבעטער קיין באַזונדערע צוגעבונדנקייט צו עפּעס יידישעס. אָט די דאָזיגע אַרבעטער־טוער וואָלט מען געדאַרפט אַן עצה געבן — דורכצושפּאַצירן זיך איבער די תּלמוד־תּורהס און חדרים, וואָס פילן אָן אַלע גאַסן, וואו יידן וואוינען נאָר אין גרעסערע מאַסן, און באַקע־נען זיך מיט די קינדער, וועלכע לערנען דאָרט. זיי וואָלטן גלייך געזען, אַז דער גרעסטער טייל פון די קינדער, וועלכע לערנען דאָרט, קומען פון פאַמיליעס פון יידישע אַרבעטער, מיטגלידער פון יוניאָנס, פון אַ.־ר.־

ברענטשעס, פון די סאָציאַליסטישע און אַפּילו קאָמוניסטישע פּאַר־טייען. די דאָזיגע באַדערפעניש פון אַ יידישער שול איז אַזוי נאַ־טירלעך און טיף, אַז די ראַדיקאַלע און אָפּטמאָל אַטעאיסטישע אַר־בעטער פּאַראַטן זיך אַליין און גיבן אָפּ זייערע קינדער לערנען אין פלעצער, וואו מען לערנט זיי צו קוקן אויף זייערע עלטערן ווי אויף גויים, ווי אויף אַפּיקורסים" („פריינד", מערץ־אַפּריל 1922).

ווי ווייט די יידישע שול איז געווען אַ שטאַרקע באַדערפעניש פון יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, קען מען זען פון דעם, וואָס אין פאַרלויף פון די ערשטע 10 חדשים ביז אָקטאָבער 1919 האָבן שוין פונקציאָנירט 19 אַ.־ר.־שולן און מיט 31 שטעט איז דער בילדונגס־קאָמיטעט געשטאַנען אין פאַרבינדונג וועגן עפענען דאָרט שולן. פון יאָר צו יאָר איז געוואָרן גרעסער זייער צאָל. אין אַ רייע ערטער, באַזונדערס אין די קלענערע שטעטלעך, האָבן מיטגלידער באַוואוסטזיניק (?) — באין ברירה געשיקט זייערע קינדער צו מלמדים, ווייל זיי האָבן געוואָלט געבן עפּעס אַ יידישע דערציאונג. ווי נאָר דער אַ.־ר. האָט געשאַפן אַ שול, האָבן די דאָזיגע עלטערן מיט צופרידנ־קייט אַוועקגענומען די קינדער פון די מלמדים און זיי אַריינגעגעבן אין דער שול.

אין אַ לייט־אַרטיקל (אַפּריל 1923) האָט דער „פריינד" געוויזן ווי ניט גערעכט עס זיינען די קעגנער פון דער שול און ווי נויטווענדיג זי איז פאַר די מיטגלידער: „עס איז ניט קיין קאַפּריז פון עטלעכע יידישיסטן, ווי אייניגע ווילן דאָס האָבן. עס איז ניט קיין שפּיל אין חדר, ווי אַנדערע באַנעמען עס איבערפלעכלעך. די אַ.־ר.־שול קומט ענטפערן אויף אַ טיפער, פאַרשאָלטענער פראַגע, וואָס הענגט איבער די פאַמיליע־געצעלטן פון אונזערע מיטגלידער. און וואָלטן מיר נאָר ניט געלעבט אין אַזאַ הו־האַ־אַטמאָספער, אין אַזאַ מין צו־שטאַנד, וואו מיר זיינען שטענדיג פאַרהאַוועט און פאַרדולט אין דער יאָגעניש נאָך פּרנסה, וואָלטן מיר נאָך מיט אַ צייט פריער דערפילט די וויכטיגקייט פון דער פראַגע פון געבן אַ געהעריגע, מאָדערנע און ראַדיקאַלע יידישע דערציאונג אונזערע קינדער".

ניט געקוקט אויף דעם וואָס די קעגנערשאַפט האָט נאָך אַנ־געהאַלטן אַ לענגערע צייט ביי אַ טייל טוער און מיטגלידער, האָט אָבער די גרויסע מערהייט מיט אַלץ וואַקסנדיגער סימפּאַטיע אַרומ־גערינגלט די שולן. די סימפּאַטיע האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין ממשותדיגע געלט־ציפערן. אָט איז דער כסדרדיגער וואוקס פון דער

באשטייערונג פארן שול-פאנד: אין יאר 1918 האט יעדער מיט-גליד געצאלט פאר דעם פאנד 8 סענט, אין 1919 — 20 סענט, אין 1920 — 32 סענט, אין 1921 — 36 סענט, אין 1922 — 40 סענט, אין 1925 — 60 סענט, אין 1927 — 80 סענט א יאר. אויסער דעם האט מען נאך אין באזונדערע שטעט באשטימט לאקאלע שול-באשטייערונגען פון עטלעכע דאלער א יאר. די שול-הוצאות פון נאציאנאלן בילדונגס-קאמיטעט האבן אין ערשטן שול-יאר — 1919 — באטראפן קרוב 6 טויזנט דאלער, און מיט 10 יאר שפעטער קרוב 50 טויזנט. פארשטייט זיך, אז די בודזשעטן פון אלע שולן זיינען געווען פיל העכערע און זיינען געדעקט געווארן פון שכר-לימוד, סובסידיעס, ביישטייערונגען און לאקאלע אונטערנעמונגען.

דער וואוקס פון די א.-ר.-שולן קען מען זען פון פאלגענדיגער טאבעלע, וואס עס האט צונויפגעשטעלט דער דירעקטאר פון בילדונגס-דעפארטמענט, פ. געליבטער:

יאר	1919	10	שולן —	400	קינדער
„	1920	30	„ —	1,200	„
„	1921	47	„ —	1,800	„
„	1922	58	„ —	2,300	„
„	1923	61	„ —	3,000	„
„	1924	73	„ —	4,700	„
„	1925	82	„ —	5,800	„
„	1926	83	„ —	5,300	„
„	1927	103	„ —	6,000	„
„	1928	105	„ —	6,500	„

אונטערציענדיג א סך-הכל צום 10-יאריגן יובילײ פון די שולן האט דער „פריינד" געשריבן אין א לייט-ארטיקל: „די א.-ר.-שולן האבן געזיגט. זיי האבן באקומען זייער בירגער-פלאץ אין אונזער ארגאניזאציע נאך פיל יארן פון קאמף, נאך לאנגע יארן פון וויכוחים פאר און קעגן זיי"... „די א.-ר.-שולן זיינען ניט קיין ספעציעלע יידישע שולן, זיי זיינען אויך ניט קיין ספעציעלע סאציאליסטישע שולן. זיי זיינען געגרינדעט געווארן אלס יידיש-סאציאליסטישע שולן" (יאנואר 1929).

און וואס די שולן באדייטן פארן ארבעטער-רינג אליין האט אין זעלבן נומער ארויסגעבראכט דער אלטער בונדישער טוער א.

ליטוואַק: „די שול וואַקסט אַרום מיט אַלערליי קולטור-אינסטיטו־ציעס: אַ דראַמאַטישער קלוב, סיסטעמאַטישע לעקציעס, שמועסן און אָפּען־פֿאָרומס, קורסן פֿאַר עלטערן, פֿאַר מוטער־קלובן. ער־טערווייז ווערן ביי די שולן געגרינדעט כאָרן, ניט בלויז פֿון קינדער, נאָר טאַקע פֿון דערוואַקסענע אויך. די אַלע אינסטיטוציעס העלפֿן די שולן מאַטעריעל, און די שולן העלפֿן זיי גייסטיק. די טויטע ווענט פֿון די לייבאָר־לייסעאומס און קלוב־צימערן באַקומען אַ לע־בעדיקע נשמה".

און נ. פֿיינערמאַן זאָגט אין זעלבן נומער „פֿריינד" צום 10־יאָריקן יובילײ פֿון די שולן: „די שול האָט ביז אַ געווויסן גראַד רעוואָלוציאָניזירט אונזערע באַגריפֿן און געמאַכט אַן איבערקע־רעניש אין אונזערע באַציאונגען צום לעבן פֿון אונזער אָרגאַניזאַ־ציע און צום ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן בכלל. ביזן יאָר 1915 איז דער אַ.־ר. געווען אינגאַנצן אונטערן איינפֿלוס און ווירקונג פֿון דער אַסימילאַטאָריש־געשטימטער אינטעליגענץ. ייִדן זיינען קיין פֿאָלק ניט און ייִדיש איז קיין שפּראַך ניט. דער אַ.־ר. איז ניט קיין ייִדישע אָרגאַניזאַציע און האָט במילא ניט קיין ספּעציעלע ייִדישע קולטור־אינטערעסן. מען רעדט דאָרט ייִדיש, ווייל קיין אַנדערע שפּראַך קענען מיר ניט. דער ייִדיש, וואָס מען רעדט, דאַרף טאַקע דעריבער זיין אַ פֿאַרדייטשמערישטער מיט אַ ביסל צעדרייטע און פֿאַרגרייזטע ענגלישע ווערטער. אויף אַ ייִדן, וואָס האָט גע־קענט ריידן אַביסל ענגליש, האָט מען געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ. ריידן אַ פֿאַרגרייזטן ייִדיש איז געווען אַ סימן פֿון אינטע־ליגענץ, האָט מען געמעגט אַפֿילו ריידן אַ שלעכטן ענגליש".

די שול־באַוועגונג האָט אין אַ.־ר. און אַרום אים געשאַפֿן אַ נייע קולטורעלע אַטמאָספֿער און אַרויסגערופֿן צום לעבן אַ ריי אינ־סטיטוציעס. אַזוי, למשל, זיינען אין 1923 געווען אין די שולן 60 קינדער־קלובן, 36 קינדער־כאָרן און 21 דראַמאַטישע קלובן. בערך אין דער זעלבער צייט האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין זומער־קאָלאָ־ניעס פֿאַר קינדער. הונדערטער קינדער האָבן פֿאַרבראַכט אין די קעמפּס פֿון אַ.־ר.. אין 1927 האָבן בלויז פֿון ניו־יאָרק פֿאַרבראַכט אין זומער־קעמפּ פֿון אַ.־ר. 500 קינדער.

ווי ס'איז שוין פֿריער דערמאָנט געוואָרן, האָט די נייע ייִדישע שול געהאַט גובר צו זיין אַ סך מניעות: אויסקעמפֿן פֿאַר איר ביר־גער־רעכט אין אַ.־ר. גופֿא, אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פֿון אַרומיקע

אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן, בייקומען די גלייכגילטיגקייט צום פּראָ־בלעם פון ייִדישער דערציאונג, ווי אויך די אַלע שוועריגקייטן, וואָס מ'טרעפט אָן ביי אַ פּיאָנערן־אַרבעט. באַלד אין די ערשטע יאָרן האָט זיך באַוויזן נאָך אַ שטערנדיגע קראַפט: די קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַמיט צו באַהערשן די שולן. אין באַ־ריכט פון בילדונגס־קאָמיטעט פאַרן יאָר 1922־3 ווערט וועגן דעם געזאָגט: „די פּאַרטיי־סכסוכים האָבן זיך, לײדער, אויך אַריינגע־כאַפּט אין און אַרום די שולן. וויפיל מיר האָבן ניט געזוכט דאָס צו פאַרמיידן, איז דאָס אונז ניט אין אַלע ערטער געלונגען. מיר האָבן כסדר אויפגעפאָדערט אונזערע לערער און טוער אין די אַ.־ר.־שולן, אַז זיי זאָלן ניט אַריינטראָגן דעם פּאַרטיי־קאַמף צווישן די פיר ווענט פון די שולן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונזער שול האָט ניט צו טאָן מיט פּראָגראַמען און פּאַרטייען. מיר דערוואַרטן נאָר, אַז די לימודים און די אַטמאָספער זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט דעם אַל־געמיינעם, סאָציאַליסטיש־פרייהייטלעכן גייסט. אין אַ סך ערטער איז אונז געלונגען איינצושטילן דעם ,פּאַרטיי'־קאַמף אַרום די שולן און שאַפן די נויטיגע האַרמאָניע".

די „האַרמאָניע" איז געווען אַן אילוזאָרישע. דער פּאַרטיי־קאַמף אַרום די שולן איז ווייטער אָנגעגאַנגען און האָט אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיך פאַרענדיגט מיט אַ שפּאַלטונג. אין ניו־יאָרק האָבן די קאָ־מוניסטן אין 1925 פאַרכאַפּט די שולן און זיי אָפּגעריסן פון אַ.־ר.. דאָס איז מעגלעך געווען צוליב דעם, וואָס להיפוך צו דער פּראַק־טיק אין אַנדערע שטעט, זיינען די שולן אין ניו־יאָרק ניט געווען אונטער דער השגחה פון די ברענטשעס. די קאָנווענשאָן אין 1925 האָט באַשלאָסן, אַז „די שול־פאַרוואַלטונגען זאָלן באַשטיין פון פאַרטרעטער פון אַ.־ר.־ברענטשעס און פון פאַרשטייער פון די עלטערן־פאַראיינען, וועלכע זיינען מיטגלידער פון אַ.־ר.". די קאָמוניסטן האָבן פאַרשטאַ־נען, אַז אַ דאַנק דער רעפאָרם וועט זיך ענדיגן זייער ממשלה אין די ניו־יאָרקער שולן. זיי האָבן זיך דעצידירט צו פאַרכאַפּן די שולן. צו דעם האָבן אַ סך צוגעהאָלפן די לערער, פון וועלכע אַ טייל איז געווען גאַנץ ווייט פון קאָמוניזם און אַפילו נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. גאָר גיך האָט דער טייל לערער איינגעזען דעם פאַטאַלן טעות, איז אַליין אַנטלאָפן פון דער קאָמוניסטישער שותפות, איבערלאָזנדיג ביי די שותפים דעם גאַנצן שול־רויב. דער אַ.־ר. איז באַלד צוגעטראָטן בויען נייע שולן אין ניו־יאָרק. סוף 1926 זיינען שוין אין ניו־יאָרק צוריק

געווען ביים אַ״ר. 22 שולן, צווישן זיי אויך אַ מיטל־שול. דעם 28 אַפּריל 1926 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ וואו 258 דעלעגאַטן פון 125 ברענטשעס און 16 שולן פון ניו־יאָרק און אַרומיגער געגנט האָבן באַשלאָסן צו שאַפן 50 טויזנט דאָלער אויף צו בויען אַ קעמפּ פאַר קינדער און דערוואַקסענע. אין זעלבן יאָר האָט מען געקויפט דעם פּלאַץ ביי סילווען לעיק, נ. י.

24. קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע און שפּאַלטונג

אין פעברואַר 1917 איז מקוים געוואָרן דער טרוים פון פיל אונטעריאָכטע פעלקער און פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־שאַפט. ווען דער בעכער פון פיין און טרערן איז געוואָרן פול, איז דער פאַרהאַסטער צאַרישער רעזשים געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די אויפגעבראַזטע פאָלקס־מאַסן. די זון פון פרייהייט און האָפענונג האָט אַריינגעשיינט אין די הערצער פון די אונטערדריקטע און ליידנדיגע. די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן געפונען אַ הילכיגן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט און בפרט ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, וועמענס אויסוואַנדערונג פון דער אַלטער היים איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ פועל־יוצא פון די נגישות און רשעות פון אַלטן רעזשים.

די געפילן פון דער אַ.־ר.־מיטגלידערשאַפט האָט געבראַכט צום אויסדרוק דער אָפיציעלער אָרגאַן פון אָרדען אין פאָלגנדיגע ווערטער:

„די יעניגע, וואָס האָבן געהאַלטן די יידישע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן בכלל פאַר טרוימער און פאַרפירטע צוליבן גלויבן, אַז די פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג פון יידן קען נאָר קומען צוזאַמען מיט דער באַפרייאונג פון רוסישן פאָלק — אַזעלכע קענען איצט זען אין וואָס פאַר אַ גרויסן טעות זיי האָבן געלעבט. זיי קענען זען ווי גערעכט עס זיינען געווען די יעניגע יידן, וועלכע האָבן ניט בלויז שטענדיג פעסט געגלויבט אין דער אויסלייזנדיגער מאַכט פון דעם רוסישן פרייהייטס־קאַמף אויך פאַרן יידישן פאָלק, נאָר האָבן אויך מיטגעהאָלפן לויט זייערע קרעפטן אין דאָזיגן קאַמף און געצאָלט דערפאַר זייער פיל מיט זייער אייגענער פרייהייט, מיט זייערע אייגענע לייב־און־לעבנס". („פריינד", אַפּריל 1917).

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון 17טן מערץ 1917 האָט דער נ. ע. ק. באַשלאָסן צו שיקן אַ באַגריסונגס־דעפּעשע צו דער צייט־ווייליגער רעגירונג אויפן נאָמען פון יוסטיץ־מיניסטער קערענסקי. אין דער דעפּעשע איז געזאָגט געוואָרן: „מיר וועלן אויף יעדן מעגלעכסטן אופן אונטערשטיצן די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגי־

רונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף אמת דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, פּונקט ווי מיר האָבן אונטערגעשטיצט די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905. עס איז אונזער ערנסטע האָפענונג, אַז אַנהויבנדיג פון דעם איצטיגן רעזשים, וועלן די יידן, אַזוי גוט ווי די אַנדערע אונטער־דריקטע נאַציעס, געניסן אין רוסלאַנד די פולשטענדיגע נאַציאָנאַלע פרייהייט״.

דער אַ״ר. צוזאַמען מיט אַנדערע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דורכגעפירט אַ גרויסן מיטינג אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדען לכבוד דעם זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר האָט די רוסלענדער רעוואָלוציע אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. איין פראַקציע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — דער באָלשעוויסטישער — איז געלונגען דורך אַן איבערקערעניש צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די מאַכט און אַ קירעווע טאָן די רעוואָלוציע אויף אַן אַנדערן וועג. די באָלשעוויסטישע אי־בערקערעניש האָט גורם געווען אַ צעמישונג און צערודערונג אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער ערשטער רגע האָבן בלויז געציילטע סאָציאַליסטישע פירער דערזען מיט פולער קלאָרקייט דעם וועג, אויף וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן. פיל אַנדערע האָבן ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט זען די אַלע געפאַרן, מיט וועלכע אַזאַ וועג איז פאַרבונדן. און אַפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן יאָ געזען, האָבן געהאָפט, אַז גע־וויסע שטריכן פון באָלשעוויסטישן סאָוועטישן רעזשים זיינען צייט־ווייליגע דערשיינונגען, „קינדער־קראַנקהייטן״, וואָס וועלן בקרוב פאַרשווינדן. אַזוי זיינען אין כמעט אַלע לענדער אַנגעוואַקסן פּראָ־באָלשעוויסטישע שטימונגען, און אויך אַמעריקע איז ניט געווען קיין אויסנאַם.

די מענטשן פון אַרבעטער־רינג זיינען ניט געווען שטאַרק באַ־גייסטערט פאַר דעם, וואָס עס האָט געטאָן דער סאָוועטישער רע־זשים אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ, אָבער זיי האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט, וועמען מ׳טאָרף ברידערלעך העלפן אין אַ נויט. די גרייטקייט צו העלפן — פּאָליטיש און מאַטעריעל — האָט דער אַ״ר. אַרויסגעוויזן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אין סעפּטעמבער 1919 האָט דער נ. ע. ק. פון אַ״ר. אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט פון דער אַמעריקאַנער רע־גירונג, אַז די אַליאירטע מלוכות זאָלן אַראָפּנעמען די בלאָקאַדע פון

סאָוועט־רוסלאַנד. אין דער צייט פון שרעקלעכן הונגער, אין 1921, האָט דער אַ.־ר. אָרגאַניזירט אַ גרויסע הילף־אַקציע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און פאַר דער וואָלגאַ־געגנט, וואָס האָט באַזונדערס שטאַרק געליטן פון הונגער. די באַציאונג פון אַ.־ר. צום סאָוועטישן רעזשים, איז געבראַכט געוואָרן צום אויסדרוק בעתן 5־יאָריגן יובילייו אין פאָלגנדיגע ווערטער: „מיר זיינען גליקלעך וואָס אונזערע גרוסן און ברידערלעכע וואונטשן צו דער רוסישער סאָוועט־רעגירונג צו איר 5־יאָריגן יובילייו, ווערן אויך באַגלייט מיט ממשותדיגער הילף: מיט דעם באַשיידענעם, אָבער פּאַסיגן ביישטייער, וואָס אונזער אָרדען גיט — דעם שפּיטאָל אין האָמעל״ („פריינד״, דעצעמבער 1922).

באַציאונגען זיינען ניט קיין איינזייטיגער וועג. זיי קענען ניט אָנגעהאַלטן ווערן, ווען אויף גוטע געפילן און גוטע מעשים ענטפערט מען מיט ביזוויליגקייט, באַליידיגונג און קלעפּ.

דער סאָוועטישער רעזשים האָט פון אָנהויב אָן געגומען שפּילן אַ טאָפּעלטע ראָל: אי ווי אַ דיקטאַטאָרישע רעגירונג פון אַ גרויסער מלוכה, אי ווי אַ דיקטאַטאָרישער צענטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע עקן וועלט. לויט די דירעקטיוון פון די באָלשעוויסטישע פירער זיינען אין כמעט אַלע לענדער געשאַפן געוואָרן קאָמוניסטישע פּאַרטייען, פאַר וועלכע עס איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע צו באַהערשן די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע פאָרמען. און אויך דער אַרבעטער־רינג איז געווען אויף דער דאָזיגער ליסטע. די פּראָ־סאָוועטישע שטימונגען זיינען אויסגענוצט געוואָרן דורך די קאָמוניסטן פריער צו באַהערשן אַ טייל ברענטשעס און נאָך דעם האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן צו באַהערשן דעם גאַנצן אָרדען. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ביטערער שטרייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן און זיך פאַרענדיגט מיט אַ שפּאַלטונג.

בעת די באַמיאונגען פון די קאָמוניסטן צו באַהערשן דעם אָרדען איז דעם אַ.־ר. אויסגעקומען צו האָבן איינציגע אינצידענטן מיט די סאָוועטישע מלוכה־אָרגאַנען. די דאָזיגע אינצידענטן האָבן געהאַט אַן ענגע שייכות מיט דער קאָמוניסטישער סטראַטעגיע אין אַרבעטער־רינג.

דער אַרבעטער־אָרדען האָט זיך אונטערגענומען אויסצושטאַטן אַ שפּיטאָל אין האָמעל. דער רוסישער רויטער קרייץ האָט איינגעלאַדן דעם אַ.־ר. צו שיקן פאַרשטייער צו זיין אָנוועזנדיג ביים

לייגן דעם גרונט־שטיין פון שפּיטאָל. דער אָ.־ר. האָט געשיקט אַלס זיינע פאָרטרעטער י. וויינבערג און ר. גוסקין און דערביי זיי באַ־אויפטראגט אין בערלין איינצוקויפן די נויטיגע שפּיטאָל־מכשירים. פון רויטן קרייץ איז געווען אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז די וויזעס פאַר דער דעלעגאַציע פון אָ.־ר. זיינען אָנגעגרייט אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין בערלין. שרייבנדיג וועגן דער דעלעגאַציע, האָט דער „פריינד" געזאָגט, אַז זי „האָט מיטגעפירט מיט זיך אויסער די אָנווייזונגען אויף היפשע סומעס געלט, אויך די בעסטע און וואַרימסטע געפילן פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט פון אָ.־ר. צו זייערע ברידער אין רוסלאַנד" (יאַנואַר 1923). די אָ.־ר. דעלעגאַציע האָט מיט זיך געפירט 15 טויזנט דאָלער פאַרן האָמלער שפּיטאָל און 20 טויזנט דאָלער פאַר אַנדערע הילף־צוועקן.

וויינבערג און גוסקין האָבן אָבער זייער שליחות ניט געקענט אויספירן. אין בערלין האָט מען זיי אין דער סאָוועטישער אַמ־באַסאַדע געמאָלדן, אַז זיי וועלן קיין אַריינפאַר־וויזעס ניט באַקו־מען. די דעלעגאַציע האָט דעריבער ניט געקענט אויספירן די שליחות און זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק.

ס'איז געווען קלאָר, אַז די סקאַנדאַליעזע האַנדלונג פון די סאָ־וועטישע רעגירונגס־אָרגאַנען איז געווען אַ רעזולטאַט פון די באַ־מיאונגען מצד די יידישע קאָמוניסטן. וואָרים אַ ריי קאָמוניסטיש־באַהערשטע ברענטשעס האָבן אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן שיקן אַ דעלעגאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער כלומרשטער מאָטיוו איז געווען, אַז ס'איז אַ שאָד געלט. פון דער צווייטער זייט איז אין מאָסקווער „עמעס" (4 יאַנואַר 1923) געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון באַקאַנטן קאָמוניסטישן טוער מ. ליטוואַקאָוו קעגן דער דעלעגאַציע. ער האָט געשריבן: „דער עקזעקוטיוו פון דעם אָ.־ר. איז שוין אַן אויסגעפּרוּווטער אינם קאַמף קעגן ראַטן־רוס־לאַנד. פאַר יעדן אַסיגנירטן צדקה־גראָשן שיקט מען אונז אַ טוץ מרגלים אויסשפּירן און וואָס דאַרפן ,אויספאָרשן' די לאַגע. האָט דער עקזעקוטיוו פון אָ.־ר. אויך באַשלאָסן צו אַסיגנירן ביי 6־7 טויזנט דאָלער אויף שיקן צוויי ,אויספאָרשער' ".

אין מאָסקווע האָט מען זיך דערנאָך געכאַפּט, אַז מען האָט פאַר־קאָכט אַ צו הייסע „קאַשע". צו דער דעלעגאַציע, וואָס איז שוין געווען צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט די סאָוועטישע אַמבאַסאַדע נאָכגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן: „צוויי

טעג נאָך אייער אָפּפאָרן פון בערלין איז דערהאַלטן געוואָרן א טע־לעגראַמע פון מאָסקווע, וואָס האָט אונז געלאָזט וויסן, אַז דאָס צוריקציען די דערלויבעניש, וואָס איז אייך פריער געגעבן געוואָרן אויף אַריינצופאָרן אין רוסלאַנד, איז אַרויסגעקומען צוליב אַ טרויע־ריגער מיספאַרשטענדעניש. מ'האָט אונז באַאויפטראַגט זיך צו אַנט־שולדיגן פאַר אייך צוליב די אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס זיינען פאַר אייך אַרויסגעקומען צוליב דעם". שפּעטער האָט דער פאַרשטייער פון רוסישן רויטן קרייץ אין אַמעריקע, ד"ר דובראָווסקי, דערקלערט דעם נ. ע. ק. פון אַ.־ר., אַז ס'איז געווען בלויז אַ מיספאַרשטענדניש און געבעטן, אַז די דעלעגאַציע זאָל פאָרן אַ צווייט מאָל. דער נ. ע. ק. האָט באַשלאָסן מער קיין דעלעגאַציע ניט שיקן און דאָס געלט פאַרן שפּיטאַל אין האָמעל איבערגעבן דורכן רוסישן רויטן קרייץ.

דער נ. ע. ק. האָט פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכע דערקלע־רונג וועגן גאַנצן טרויעריגן אינצידענט און דערביי באַשול־דיגט, אַז דאָס האָבן גורם געווען די יידישע קאָמוניסטן. דער „פריינד" האָט וועגן דעם געשריבן: „מיר פילן זיך שטאָלץ מיט דעם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אַליין איינגעזען וועגן זיי־נען אירע כלומרשטע פריינד דאָ און האָט עפנטלעך דערקלערט איר צוטרוי צו דעם אַ.־ר., ווייל דער אַ.־ר. און זיין פאַרוואַלטונג האָט מיט זיין באַשלוס צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין רוסלאַנד געהאַט איין ציל, איין געדאַנק — העלפן די אַרבעטנדיגע מאַסן פון רוסלאַנד. דער אַ.־ר. וועט שטענדיג אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט צו די אַרבעטנדיגע מאַסן פון רוסלאַנד, כל־זמן זיי וועלן זיך נויטיגן אין שטיצע, כל־זמן זיי וועלן זיך נויטיגן אין ברידערלעכע הילף" (אַפּריל 1923).

נאָכן דורכפאַל מיט דער נסיעה, האָט דער אַ.־ר. איבערגעגעבן דעם רוסישן רויטן קרייץ 15 טויזנט דאָלער אויף אויסצושטאַטן אַ שפּיטאַל אין האָמעל. שפּעטער איז פון רויטן קרייץ אָנגעקומען אַ בריוו, אַז דער שפּיטאַל וועט דערווייל ניט געבויט ווערן. די שולד פאַר דעם איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן אַרבעטער־רינג. דאַקעגן דאָס געלט — האָט געשריבן דער רוסישער רויטער קרייץ — איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף איינצוקויפן שפּיטאַל־אינסטרומענטן און מעדיקאַמענטן. דער רויטער קרייץ האָט געטענהט, אַז פריער זאָל מען האָבן באַשלאָסן אויסצוהאַלטן דעם שפּיטאַל און דער אַ.־ר. זאָל שפּעטער האָבן געענדערט זיין באַשלוס. דער נ. ע. ק. האָט

געמאַכט אַן עפנטלעכע דערקלערונג וועגן דעם און אויסגעדריקט זיין אַנטוישונג צוליב דער האַנדלונג פון רויטן קרייץ. ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער אַ.־ר. האָט קיינמאָל ניט באַשלאָסן אויסצוהאַלטן דעם שפּיטאָל, במילא האָט ער זיין באַשלוס ניט געענדערט. געענדיגט האָט זיך די זאַך מיט דעם, וואָס אין 1925 האָט מען געעפנט אין האָמעל אַ דיספּענסערי פאַר ווענערישע קראַנקהייטן און מען האָט דאָרט אויפגעהאַנגען אַ שילד פון אַרבעטער־רינג. דער אַ.־ר. האָט אויסגעדריקט זיין אַנטוישונג צוליב דעם וואָס מען האָט פאַר דעם צוועק פאַרנוצט די געזאַמלטע 15 טויזנט דאָלער. אין שייכות מיט אַנדערער הילפס־אַרבעט האָט מען אַלס דאַנק אַ שפּיטאָל ביי דער וואָלגאַ אָנגערופן אויפן נאָמען פון אַרבעטער־רינג.

אַ צווייטער ענין, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו סאָוועט־רוסלאַנד, איז געווען אַן אונטערנעמונג, וואָס די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס״ — די יוניאָן פון מענער־שניידער — האָט דאָרט אָרגאַניזירט. דאָס איז געווען אַ רוסיש־אַמעריקאַנער אינדוסטריעלע קאָרפּאָראַציע מיטן צוועק צו בויען שניידער־פאַבריקן און אַנדערע אונטערנעמונגען אין רוסלאַנד. דער אַ.־ר. איז איינגעלאַדן געוואָרן צוצושטיין, אָבער ער האָט זיך אַנטזאָגט פון דעם. ערשטנס, צוליב דעם וואָס דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן דורך דער גאַנצער באַוועגונג, נאָר דורך איין יוניאָן. צווייטנס, ווייל דער אַ.־ר. קען ניט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו רופן אַרבעטער אַריינצולייגן זייער אָפּגעשפּאָרט געלט אין אַזאַ ניט־זיכערע אונטערנעמונג. הילף געבן — דאַרף מען, אָבער אַריינלאָזן זיך אין געשעפטן — דאָס קען ניט דער אַ.־ר.. ווען דער פירער פון „אַמאַלגאַמייטעד״, סידני הילמאַן, איז געקומען צו דער זיצונג פון נ. ע. ק. פון אַ.־ר. (21 יאַנואַר 1923) און אַפּעלירט, אַז דער אַ.־ר. זאָל זיך אַנגאַזשירן אין דער אונטערנעמונג, האָט מען אים אויך אָנגעוויזן אויף דער ביטערער דערפאַרונג מיט דער אַ.־ר.־דעלעגאַציע, וואָס האָט ניט געקענט דורכפירן איר שליחות אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דער שטרייט מיט די קאָמוניסטן האָט זיך געלאָזט פילן אין אַ.־ר. שוין אין יאָר 1919. אין יענעם יאָר איז פאָרגעקומען דער 4טער צוזאַמענפאָר פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, וואו עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ לינקע פראַקציע. הגם דער אַ.־ר. האָט די פּראָבלעמען, וואָס האָבן צעטיילט די אַרבעטער־רייען ניט באַהאַנדלט, זיינען אָבער די מיטגלידער אַליין געוואָרן צעטיילט און

די צעטיילונג איז במילא אריינגעקומען אין די ברענטשעס. אויף דער זיצונג פון נ. ע. ק. דעם 7טן דעצעמבער 1919 איז באריכטעט געווארן פון א קאנפערענץ אין דעטראיט, אז „צוליב דעם קאמף צווישן ,רעכטע' און ,לינקע' איז די א.־ר.־טעטיגקייט אין גאנצן רואינירט און א הארמאנישע ארבעט איז דארט כמעט אוממעגלעך".

פארן א.־ר. האט זיך אנגעהויבן א ביטערע צייט. די פארביסענע שטרייטן אין דער ארבעטער־באוועגונג — אין דער פאליטישער ווי אין דער טרייד־יוניאניסטישער — די רייסערייען און שפאלטונגען האבן געפונען זייער אפקלאנג אין ארבעטער־ארדען. אחוץ דעם האבן די קאמוניסטן אויפגעשטעלט א באזונדערן פראנט ארום די ענינים, וואס האבן געהאט א דירעקטן שייכות צו די ברענטשעס און דעם גאנצן א.־ר.. ביי פארשידענע געלעגנהייטן האבן די קאמוניסטן געשאפן אקציע־קאמיטעטן, גערופן קאנפערענצן פון ברענטשעס און דורך דער פרעסע ווי אויך דורך ספעציעלע אויפרופן און בראשורן פארדרייט פאקטן, גערופן צו דיסציפלינלאזיגקייט און אטאקירט אן שום ריקזיכט די געזעצלעכע פארוואלטונג פון ארדען. מ'האט געלאזט אין גאנג דעם טרויעריג בארימטן קאמוניסטישן לעקסיקאן. די אנפירונג איז געשטעמפלט געווארן, ווי א רעאקציאנערע און קאנטער־רעוואלוציאנערע.

אין 1921 איז געשאפן געווארן א קאמוניסטישער 15ער קאמיטעט, וואס האט געפירט א קאמף קעגן דער אנפירונג. דער קאמיטעט האט געטענהט, אז די אדמיניסטראציע האט אפגעשאפט די דעמאקראטיע פון א.־ר. און פארראטן זיינע פרינציפן, בעת אין דער אמתן זיינען געמאכט געווארן אייניגע ענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע, כדי צו קענען געזעצלעך ארבעטן אין שטאט מאסאטשוזעטס. אין 1922 האבן די קאמוניסטן געפרואווט אויפרייסן די נאמינאציע־קאנפערענץ און געוואלט שטערן דאס אפגעבן די שטימען. אין זעלבן יאר, אויף דער קאנווענשאן אין טאראנטא, נאך דעם ווי זי האט אנגענומען א רעזאלוציע וועגן באפרייען די פאליטישע ארעסטירטע אין רוסלאנד און קעגן די אטאקעס פון דער קאמוניסטישער צייטונג „פרייהייט" אויפן א.־ר., זיינען די קאמוניסטישע דעלעגאטן אוועק. זיי האבן אפגעהאלטן א „פראטעסט־קאנווענשאן", אויסגעקליבן אן אקציע־קאמיטעט, איינגעפירט א באשטייערונג פאר דעם קאמיטעט און אנגענומען א פרינציפן־דערקלערונג ווי אויך אנדערע באשלוסן.

דער נ. ע. ק. האט פארעפנטלעכט א דערקלערונג קעגן דער

„פּראָטעסט־קאָנווענשאָן". דער נ. ע. ק. האָט געוואָרנט, אַז **„דער אַ.־ר. קען ניט, וועט ניט, און טאָר ניט זיין דער פּלאַץ פאַר אַזעלכע** קאַמפן, וועלכע טראָגן פון איין זייט אַן ענג־פּאַרטייאישן כאַראַקטער און פון דער צווייטער זייט קענען זיי פירן צו דער אָפּשוואַכונג פון דער אָרגאַניזאַציע. דער אַ.־ר. איז געגאַנגען און גייט אויף אַ נאָרמאַלן וועג פון אַנטוויקלונג און יעדע פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע באַוועגונג קריגט אַן אָפּקלאַנג אין אונזערע רייען. און פון אָט דעם **שטאַנדפּונקט טאָר ניט דערלאָזט ווערן, אַז דער אַ.־ר. זאָל זיין דאָס שלאַכטפעלד, וואו פּאַרטיי־גרופּן מחוץ דעם אַ.־ר. זאָלן אויסקעמפן זייערע אַמביציעס און פּאַרטיי־סכסוכים**"... „ווען עס וועט זיין נויטיג, וועט דער נ. ע. ק. אָננעמען די שריט, וואָס די קאָנסטיטוציע פון אַ.־ר. גיט אים, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו מאַכן אַ סוף צו דעם הפקר־צושטאַנד, וואָס איז לעצטנס געשאַפן געוואָרן. מען מעג קריטיקירן די פאַרוואַלטונג, מען מעג פּראָטעסטירן קעגן די באַשלוסן, אָבער אַלץ אין די ראַמען פון אנשטענדיגקייט, אין דער אָרגאַניזאַציע גופא און צווישן די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע".

אין 1923 האָט דער נ. ע. ק. פאַנאַנדערגעלאָזט אייניגע דיסטריקט־קאָמיטעטן. דער מאָטיוו איז געווען, אַז זיי פאַרנעמען זיך ניט מיט אייגנטלעכער אַ.־ר.־טעטיגקייט, נאָר זיינען בעיקר פאַרנומען מיט פירן אַקציעס קעגן דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אָרדען.

די קאָנפערענצן זיינען געווען שטורמישע. אויף יעדן גרעסערן צוזאַמענקונפט האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז עס וועלן זיין סקאַנדאַלן. מ'האָט זיך פאַרמאָסטן מיט די כוחות. אויף דער נאָמינאַציע־קאָנפערענץ דעם 24טן פעברואַר 1924 זיינען די כוחות פאַרהעלטניש געווען 446 קעגן 186. די מערהייט, די אָנהענגער פון דער אַדמיניסטראַציע, האָט געמאַכט אַ פּאָליטישע מאַניפעסטאַציע דורך זאַמלען געלט פאַר די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד. אַ קאָמוניסטישער רעדנער האָט דערנאָך פון דער טריבונע געזאָגט, אַז ער פּראָטעסטירט קעגן פאַרזיצער פאַרוואָס ער האָט דערלויבט צו זאַמלען געלט פאַר „הינט". ס'איז געוואָרן אַ מוראדיגער טומל. דעם רעדנער האָט מען אַראָפּגעטראָגן פון דער טריבונע און די קאָנפערענץ האָט געהאַלטן ביים אויפגעריסן ווערן.

וואָס ס'האָט זיך אין יענעם יאָר אָפּגעטאָן אין די ברענטשעס דערציילט דער יערלעכער באַריכט פון נ. ע. ק.: „מיר האָבן היינטיגס יאָר געהאַט אַ היפּש ביסל אַרבעט, כדי אָנצוהאַלטן דעם האַרמאָנישן

גייסט אין אונזערע ברענטשעס. די פראַקציאָנעלע רייסערייען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אַלע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן אויך געלאָזט געוויסע שפּורן אין אונזערע רייען. אין איינעגע ברענטשעס האָט דער פראַקציאָנעלער קאַמף צווישן „רעכטע" און „לינקע" אָנגענומען אַזאַ פאָרם, אַז ס'איז פאַר ביידע צדדים געוואָרן אומ־מעגלעך ווייטער אָנצוגיין מיט וועלכער ניט איז אַקטיוויטעט. דער נ. ע. ק. איז געווען געצוואונגען אין אַזעלכע פאַלן צו פאַרנעמען אַ פעסטע שטעלונג, כדי ניט צו לאָזן דעמאָראַליזירן און דיסאָרגאַ־ניזירן די דאָזיגע ברענטשעס און זאָרגן, אַז זיי זאָלן ווייטער קענען פירן זייער אַרבעט". דער נ. ע. ק. דערקלערט, אַז איינעגע ברענ־טשעס האָט מען געמוזט צעטיילן, איינצלנע מיטגלידער געמאַכט מעמבערס עט לאַרדזש. דערביי האָט דער נ. ע. ק. פאַרזיכערט, אַז „רעכטע" און „לינקע" האָט מען באַהאַנדלט גלייך. איינעגע אָנ־געזעענע קאָמוניסטישע טוער זיינען געוואָרן אַרויסגענומען פון די ברענטשעס און איבערגעפירט אין דער קאַטעגאָריע פון מעמבערס עט לאַרדזש פאַר באַטייליגן זיך אַקטיוו אין „לינקן" אַקציע־קאָמיטעט קעגן דער פאַרוואַלטונג פון אַ.־ר.. צווישן זיי האָט זיך אויך גע־פונען דער פאַרזיצער פון אַקציע־קאָמיטעט, דער געוועזענער פרע־זידענט פון אַ.־ר. אייב עפּשטיין. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ נייע כוואַליע פון פראָטעסטן מצד קאָמוניסטיש־באַהערשטע ברענטשעס. די מיטגלידער זיינען פשוט פאַרשיט געוואָרן מיט קאָמוניסטישע פאַמפלעטן. דער נ. ע. ק. האָט זיך באַמיט דורך פאַרשידענע דערקלע־רונגען אָפּשלאָגן די אַטאַקעס און ריכטיג־שטעלן די פאַקטן.

די אָנהענגער פון דער אַדמיניסטראַציע האָבן אויך ניט גע־שוויגן. דעם 23טן נאָוועמבער 1924 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון 280 דעלעגאַטן פון 179 ברענטשעס אין דריי שטאַטן מיטן ציל זיך קעגנשטעלן דער קאָמוניסטישער צעשטערונגס־אַרבעט. אויך אין פילאַדעלפיע איז פאָרגעקומען אַן ענלעכע קאָנ־פערענץ. די דעלעגאַטן האָבן געפאָדערט אָנצונעמען שטרענגע מיט־לען קעגן די אַלע, וועלכע ברעכן דעם אָרדען און דעמאָראַליזירן די אַרבעט.

דער „לינקער" אַקציע־קאָמיטעט האָט אין 1924 פראָקלאַמירט אַ זאַמלונג פון 10 טויזנט דאָלער פאַר אַ פאָנד אויף צו באַקעמפן דעם נ. ע. ק.. וועגן דעם איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אַן אויפרוף צו אַלע ברענטשעס. אַ סך ברענטשעס האָבן געענטפערט מיט רע־

זאָלוציעס, וואָס פאָדערן אויף דעם נ. ע. ק. אויסצושליסן פון אַ.־ר. די שטערער. דער עלטסטער ברענטש — נומער 1 — האָט פאַרעפנט־לעכט אַן אָפענעם בריוו צום נ. ע. ק. און צו אַלע מיטגלידער פון אָרדען מיט אַן אויפפאָדערונג זיך צו פאַראייניקן און אַקטיוו זיך קעגנשטעלן די צעשטערערישע מעשים פון „לינקן" אַקציע־קאָמי־טעט. דער בריוו דערקלערט, אַז פראָטעסט־רעזאָלוציעס וועלן ניט העלפן. „אויב די שטערערישע עלעמענטן וועלן זייער שעדלעכע טאַקטיק ניט אויפהערן, מוזן זיי פון אַ.־ר. אויסגעשלאָסן ווערן, כדי זיי זאָלן מער ניט קענען שפילן די פאַלשע ראָל ווי פריינד פון אונ־זער אָרגאַניזאַציע".

אַ בילד פון דעמאָלטדיקן מצב אין אַ.־ר. גיט אונז אַ לייט־אַרטיקל פון „פריינד": „נאָך קיינמאָל האָט דער צעשטערונגס־גייסט פון אונזערע אַזויגערופענע ,לינקע' אין דער אַ.־ר. ניט דערגרייכט אַזאַ מדרגה ווי די לעצטע צייט. נאָך קיינמאָל זיינען אונזערע ,לינקע' פריינד ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי חוצפהדיג, אַזוי אומפאַראַנטוואָרט־לעך און זיך אַרויסגעוויזן אין זייער אמתן קאָליר פאַר דער ברייטער מיטגלידערשאַפט, ווי איצט. מען דערלויבט זיך זאַכן, וואָס וואָלטן אין קיין שום אָרגאַניזאַציע ניט געדולדעט געוואָרן; מען מאַכט אַזעלכע עפנטלעכע באַשולדיגונגען, אַז ווען דאָס וואָלט פּאַסירט ערגעץ אַנדערש, וואָלט מען אַזעלכע עלעמענטן קיין איין טאָג ניט געהאַלטן אין דער אָרגאַניזאַציע"... „די ברענטשעס מעגן זיין זיכער, אַז די פאַרוואַלטונג וועט ניט אַפּנאַרן זייערע דערוואַרטונגען. זי וועט שטיין אויף דער וואַך און וועט נעמען די געהעריגע מיטלען איינצוהאַלטן די גאַנצקייט פון אַ.־ר." (נאָוו.־דעצ. 1924).

אין אָנהויב, ווען די חלוקי־דעות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרטיפן, האָט דער אַ.־ר. געפּרואווט זיין נייטראַל, בפרט ווען די אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע שטרייטן זיינען פאָרגעקומען אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער באַווע־גונג גופא. אַזוי איז געווען בעת די שפּאַלטונגען פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. דער אַרבעטער־רינג האָט זיך אַרויס־געזאָגט פאַר איינהייט. ס'איז אָבער געוואָרן אַלץ שווערער זיך צו פאַרהאַלטן אויף אַ נייטראַלער פּאָזיציע. ס'איז גאָר ניט גע־ווען אַפּהענגיג פון אַ.־ר.. דער ריקזיכטלאָזער פראַקציאָנעלער קאַמף פון די קאָמוניסטן אין די רייען פון אָרדען, האָט געוויזן באַשיינ־פּערלעך, אַז נייטראַליטעט איז אַן אילוזיע.

דער נאַציאָנאַלער באַארד פון דירעקטאָרן האָט אויף זיין סע־
סיע פון 19טן יאַנואַר 1922 נאָך געפּרואווט פאָרמולירן אַ נייטראַלע
פּאָזיציע אין פאָלגנדיגע ווערטער: „דער א.־ר. איז געווען און איז
איצט אַן אָרגאַניזאַציע פון קלאַסן־באַוואוסטע יידישע אַרבעטער,
וועמענס אויפגאַבע איז צו אַנטוויקלען קעגנזייטיגע הילף, שאַפן אַר־
בעטער־סאָלידאַריטעט און אויפלעבן דעם קולטורעלן צושטאַנד פון
זיינע מיטגלידער אין שטרענגן גייסט פון סאָציאַליזם"... „אונזער
אַלעמענס ענדציל איז אָפּצושאַפן די איצטיגע קאַפּיטאַליסטישע
אָרדענונג און אויף איר פּלאַץ אויפבויען אַ געזעלשאַפט, וואו עקס־
פּלואַטאַציע זאָל פאַרשווינדן. נעמענדיג אין אַכט, אַז דער מאָדער־
נער סאָציאַליזם שלאָגט פאָר פאַרשידענע מיטלען צו דערגרייכן
דעם ענדציל און אַז אין א.־ר. זיינען פאַראַן מיטגלידער, וועלכע
פאַרטרעטן אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, קענען מיר ניט דער־
לאָזן, אַז דער א.־ר. אַלס גאַנצער זאָל נעמען די אָדער יענע שטעלונג
אין טאַקטישע פראַגן. דער א.־ר., דער ,רויטער קרייץ' פון דער יידי־
שער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען און איז איצט נייטראַל, וואָס
שייך סאָציאַליסטישער טאַקטיק"... „מיר פּראָטעסטירן העפטיג
קעגן יעדן פּרואוו פון דרויסנדיגע פּערזאָנען, גאָר ניט קיין מיט־
גלידער פון א.־ר., זיך אַריינצומישן אין אונזערע אינערלעכע ענינים
און צו דיקטירן אונזער פּאָליטיק".

די קאָמוניסטן האָבן געהאַט די פולע פרייהייט צו אַגיטירן
אין א.־ר. פאַר זייערע אידעען. זיי האָבן געהאַט זייערע ברענטשעס,
זיי האָבן געקאָנט איינלאַדן אַלס רעדנער וועמען זיי האָבן געוואָלט
און פּריידיקן וואָס זיי האָבן געוואָלט. מ'האָט בלויז פון זיי פאַר־
לאַנגט צו זיין לאָיאַל צו די באַשלוסן פון דער אָרגאַניזאַציע, ניט
אַרונטעררייסן איר אַנזען און ניט אַנווענדן אומגעזעצלעכע מיטלען.
די קאָמוניסטישע העץ־קאַמפּאַניע האָט ניט אויפגעהערט, די אומ־
געזעצלעכע מעשים האָבן זיך געמערט. דאָס האָט באַוואויגן די קאָנ־
ווענשאָן אין 1925 אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע וועגן איינהאַלטן דיס־
ציפּלין. די רעזאָלוציע באַפולמעכטיגט דעם נ. ע. ק. אָנצוּווענדן
שאַרפע מיטלען קעגן צעשטערערישע עלעמענטן, און ווען ס'וועט זיין
נויטיג — אויסשליסן. אָנהויב יאַנואַר 1926 האָבן קאָמוניסטן גע־
רופן אַ פּראָטעסט־קאָנפערענץ און דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע
פאַרן אָפיס פון א.־ר. אויף איסט־בראָדוויי. די פּראָטעסט־קאָנפע־
רענץ האָט געשאַפן אַ „ליגע פון פּראָגרעסיווע ברענטשעס פון א.־ר."

מיטן ציל צו טאָן פּאַראַלעלע אַרבעט אויפן געביט פון אָרדען. די אַנגעשלאָסענע ברענטשעס האָבן אויך געדאַרפט צאָלן דער ליגע אַ ספּעציעלן שטייער. מיט איין וואָרט: אַ מלוכה אין אַ מלוכה. דעם 15טן יאַנואַר 1926 האָט דער נ. ע. ק. אין אַ קאָמוניקאַט גע־וואָרנט די ברענטשעס קעגן אָנשליסן זיך אין דער ליגע. פיל ברענטשעס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער אַוואַנטורע, אָבער 64 ברענטשעס מיט בערך 7 טויזנט מיטגלידער זיינען געבליבן מיט דער ליגע. ווי אַן ענטפער אויף דעם, האָט דער נ. ע. ק. פאַנאַנדערגעלאָזט די ווידער־שפּעניגע ברענטשעס און זייערע מיטגלידער איבערגעפירט אין דער קאַטעגאָריע פון מעמבערס עט לאַרדזש. די לאַגע איז געוואָרן אַזאַ אָנגעשטרענגטע, אַז אין איניגע ברענטשעס איז דערגאַנגען צו געשלעגן צווישן די מיטגלידער.

ס'איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז די קאָמוניסטן וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען צו באַהערשן דעם אָרדען, און אויב זיי וועט דאָס ניט געלינגען, וועלן זיי טאָן אַלץ אים צו שפּאַלטן און ברעכן. דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן אין יענער צייט, דאָס זיינען געווען עטאַפּן צו דער ענדגילטיגער אָפּשפּאַלטונג. זיי האָבן פאַרכאַפּט אין ניו־יאָרק 20 שולן און דעם קעמפּ „קינדערלאַנד". אין קאַנאַדע האָבן זיי געפּרואווט שאַפן אַן אָרטיקן אַ.־ר., וואָס איז באַלד אונטערגעגאַנגען. אין מאַסאַטשוזעטס האָבן זיי געהייסן זייערע ברענטשעס אַריינטרעטן אין אינדעפּענדענט אַ.־ר.. זעענדיג, ווי עס ווערט שיטערער אַרום זייער „ליגע", האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע פאַר איבערבעטן זיך מיטן אַ.־ר.. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ „שלום־אָפענסיווע" מיט קאָנפערענצן, שלום־דעלעגאַציעס, אונטערהאַנדלונגען און באַדינגונגען. אַ יאָר נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די 64 ברענטשעס זיינען 62 צוריק אינסטאַלירט גע־וואָרן און כמעט אַלע 7 טויזנט מיטגלידער זיינען צוריק אַריין אין די ברענטשעס. אין 1927 האָבן די קאָמוניסטן געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די מיטגלידער, אַז זיי זאָלן אַריינטרעטן אין אינדעפּענדענט אַ.־ר.. זיי האָבן געקלערט צו באַהערשן דעם קליינעם לאָקאַלן אָרדען און אויפבויען פון אים אַ קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציע צום אַ.־ר. אין גאַנצן לאַנד. אין דער זעלבער צייט האָבן אָבער די קאָמוניסטן אויך געפירט ווייטער זייער „שלום־אָפענסיווע". דערביי האָבן זיי געפאָדערט פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג אין דער פאַרוואַלטונג פון אָרדען, און אַז דער אַ.־ר. זאָל זיך ניט מישן אין קאַמף צווישן די

„רעכטע" און „לינקע" אין די יוניאָנס. בעת זייער „שלום-אָפּענ-סיווע" איז די קאָמוניסטן אויך געלונגען צוציען צו זייער אַקציע געוויסע אומפּאַרטייאישע עלעמענטן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז די שלום-זוכער מיינען ערנסט און האָבן ניט קיין זייטיגע כוונות. פון די אַלע שלום-אונטערהאַנדלונגען איז גאָר ניט אַרויסגעקומען, די פאַרוואַלטונג איז געווען גרייט צו געבן די קאָמוניסטן פולע פריי-הייט, וואָס יעדער מיטגליד האָט, אָבער ער האָט דערביי געפאָדערט דיסציפּלין און לאָיאַלקייט. זי האָט אויך געפאָדערט צוריקצוגעבן די פאַרכאַפּטע שולן און דאָס אייגנטום פון אַ.־ר.. אין 1928 האָבן די קאָמוניסטן געפירט אַן אַקציע, אַז דער אַ.־ר. זאָל שיקן אַ דעלע-גאַציע קיין סאָוועט-רוסלאַנד. דאָס האָבן געטאָן די זעלבע, וועלכע האָבן מיט 5 יאָר פריער גורם געווען, אַז אַן אַ.־ר־דעלעגאַציע זאָל ניט קענען אַריינפאָרן אין סאָוועט-רוסלאַנד. די טומלענישן האָבן אָנגעהאַלטן ביז הערבסט 1929, ווען די קאָמוניסטן האָבן געמאַכט דעם לעצטן שריט אויפן וועג צו פאַרלאָזן דעם אַ.־ר.

דעם 23טן מאַי 1929 איז אין ניו-יאָרק געגרינדעט געוואָרן אַ „נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון לינקע ברענטשעס פון אַ.־ר.". דער קאָמיטעט האָט גערופן ניט צו צאָלן די טעקסעס, וואָס די שיקאַגער קאָנווענשאָן (5-11 מאַי 1929) האָט באַשלאָסן. דעם 11-13 אָקטאָ-בער פון זעלבן יאָר איז אין ניו-יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ „נאַ-ציאָנאַלע קאָנפערענץ פון לינקע און פּראָגרעסיווע ברענטשעס פון אַ.־ר.". די קאָנפערענץ האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט, וואָס האָט גערופן די מיטגלידער און ברענטשעס צו פאַרלאָזן דעם אַ.־ר. און אַריינטרעטן אין אינדעפּענדענט אַ.־ר.. אין געהיימע צירקולאַרן צו קאָמוניסטישע סעקרעטאַרן און קאַסירער האָט מען געהייסן צו-נעמען די ביכער און געלטער פון די ברענטשעס. פון פריער האָבן די קאָמוניסטן זיך שוין געהאַט פאַרשטענדיגט מיט דער אָנפירונג פון אינדעפּענדענט אַ.־ר. אין מאַסאַטשוזעטס וועגן שידוך. די קאָ-מוניסטן האָבן אָבער געמאַכט אַ שטיקל טעות אין חשבון. די מער-הייט מיטגלידער פון אינדעפּענדענט איז געווען קעגן דעם אָפּמאַך מיט די קאָמוניסטן. און צווישן די קאָמוניסטישע נאָכלויפער זיינען אויך געווען פיל, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן דעם אַ.־ר.

דעם 23טן אָקטאָבער 1929 האָט דער נ. ע. ק. אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג געווידמעט דער פראַגע פון דער שפּאַלטונג. דער

גענעראַל־סעקרעטאַר, י. באַסקין, האָט דערקלערט, אַז עס ווערן אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז דער פאַרלוסט פון מיטגלידער זאָל זיין וואָס קלענער. ער האָט איבערגעגעבן, אַז אַפילו אין פיל קאָמו־ניסטיש־באַהערשטע ברענטשעס האָט די מערהייט מיטגלידער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר ווייטער בלייבן אין אַ.־ר.. אויף אַ זיצונג פון נ. ע. ק. דעם 3טן נאָוועמבער האָט באַסקין באַריכטעט: „ביז היינט זיינען 35 ברענטשעס געוואָרן פאַנאַנדערגעלאָזט און 22 רעאָרגאַ־ניזירט. לויט די באַריכטן, וואָס זיינען אָריינגעקומען פון פאַרטרע־טער, וועלכע האָבן באַזוכט מיטינגען פון ברענטשעס, ווייזט זיך אַרויס, אַז ביז איצט האָבן אין די לינקע ברענטשעס אַרום 1,000 מיטגלידער געשטימט צו פאַרלאָזן דעם אַ.־ר.״. שפּעטער איז די צאָל געשטיגן. אויף דער זיצונג פון נ. ע. ק. דעם 8טן דעצעמבער 1929 האָט שוין באַסקין באַריכטעט, אַז אין דער קאָמוניסטישער שפּאַלטונג־אַקציע „זיינען געוועזן פאַרוויקלט אַרום 100 ברענטשעס. די מיטגלידערשאַפט פון די אַלע ברענטשעס איז אַרום 9,000. פון זיי האָבן 2,700 געשטימט צו פאַרלאָזן אונזער אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען טראַנספערירט געוואָרן אַלס מעמבערס עט לאַרדזש און ס׳איז זיי געגעבן געוואָרן 10 טעג איינצוצאָלן זייערע בילס אין אָפיס. ביז איצט זיינען 1,000 גע־שטראָכן געוואָרן״. אויף דער זיצונג פון נ. ע. ק. דעם 5טן יאַנואַר 1930 האָט באַסקין געשאַצט די צאָל געשטראָכענע צוליב דער קאָ־מוניסטישער שפּאַלטונג אויף 2,500.

דער נ. ע. ק. האָט פאַרעפנטלעכט אַ דעקלערונג, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן: „יעדער מיטגליד האָט אַ רעכט אָפן צו פּראָ־פּאַגאַנדירן און אַגיטירן פאַר די ראַדיקאַלע אידעען, וואָס זיינען אים ליב און טייער, דער עקזעקוטיוו מישט זיך ניט אין די אינערלעכע ענינים פון די מיטגלידער. קיינער איז אין אַ.־ר. ניט באַשטראָפט געוואָרן פאַר האָבן פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשידנקייטן. עס זיינען באַשטראָפט געוואָרן בלויז די, וועלכע זיינען באַגאַנגען אַ פאַרראַט קעגן דעם אַ.־ר. אָדער די, וועלכע האָבן געבראָכן די דיסציפּלין פון דער אָרגאַניזאַציע״.

אין יערלעכן באַריכט פון נ. ע. ק. אין 1930 ווערט פעסטגע־שטעלט, אַז פון די ברענטשעס, וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער שפּאַלטונגס־אַקציע, זיינען דריי טויזנט מיט־גלידער טראַנספערירט געוואָרן אין דער קאַטעגאָריע פון מעמבערס עט לאַרדזש און בערך 2,400 זיינען געשטראָכן געוואָרן פאַר ניט

צאָלן זייערע בילס. „פיל פון זיי זיינען עטלעכע חדשים שפּעטער געקומען אין אָפיס און דערקלערט, אַז זיי האָבן פשוט ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך".

„אויב אין אַ.־ר."; האָט געשריבן דער „פריינד", „זיינען פאַרבליבן אַ טייל אויפריכטיגע ,לינקע' עלעמענטן, האָבן מיר זיך וועגן זיי גאָר ניט וואָס צו זאָרגן. דאָס זיינען די מער באַוואוסטזיניקע, מער אינטעליגענטע טיילן פון דער אַזוי־גערופענער לינקער באַוועגונג, וועלכע פאַרשטייען, אַז אין דעם אַ.־ר איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, אַז דער אַ.־ר. האָט אַלע מאָל געגעבן אַ פרייע פּלאַטפאָרם פאַר אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטן, און אַז עס איז דאָ אַ ברייט פעלד פאַר אַקטיוויטעט פאַר יעדן אויפריכטיגן ערלעכן מענטשן" (יוני־יולי 1930).

דער קאָמוניסטישער חשבון איבערצונעמען דעם אינדעפּענדענט אַ.־ר. האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַלשער. אין רעפערענדום האָט די מיטגלידערשאַפט פון אינדעפּענדענט אַ.־ר. מיט אַ מערהייט פון 2 צו 1 אָפּגעוואָרפן די פּאָליטיק פון דער פּראָ־קאָמוניסטישער אַדמיניסטראַציע. אויסער דעם האָבן די קאָמוניסטן געהאַט גרויסע שוועריגקייטן מיט אַלטע אַרויסגעטראָטענע מיטגלידער פון אַ.־ר. ביים איבערפירן זיי אין אינדעפּענדענט אַ.־ר., זיי האָבן דעריבער געביטן זייער פּלאַן. זיי האָבן גערופן אַ קאָנפערענץ פון אויסגעשלאָסענע ברענטשעס פון אַ.־ר. ווי אויך פון זייערע אָנהענגער אין אינדעפּענדענט אַ.־ר. און דעם 30טן מערץ 1930 געגרינדעט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדען.

די אָפּשפּאַלטונג איז פאַרחתמעט געוואָרן. און מיט דעם איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דער שטורמישסטער און שווערסטער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אַרבעטער־רינג.

25. קאָנווענשאָנס

די קאָנווענשאָנס, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן, האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ רייכע אַלזייטיגע טעטיגקייט און דורך די אָנגענומענע באַשלוסן זיינען זיי געוואָרן וויכטיגע עטאַפּן-פּונקטן אויפן וועג פאָראויס.

די 17טע קאָנווענשאָן (1־6 מאַי 1917 אין בראָנקס, נ. י.) איז פאָרגעקומען, ווען אַמעריקע האָט זיך שוין אַקטיוו באַטייליגט אין דער ערשטער וועלט-מלחמה. דאָס האָט געלייגט אַ פינסטערן שאָטן אויף די געמיטער. ס'איז אויך געווען אין די ערשטע וואָכן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פונוואַנען עס זיינען געקומען אַזוי פיל ליכטיגע האָפענונגען, אַזוי פיל אויפמונטערנדיגע טענער. אָט די צוויי גרויסע היסטאָרישע געשעענישן האָבן מיט זייער ליכט- און שאָטן-שפּיל באַווירקט די מוחות און הערצער פון די דעלעגאַטן אויף דער 17טער קאָנווענשאָן.

אין יענער צייט האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע אויף דער קאָנווענשאָן אין סט. לואיס אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָגט זיך אָנטשידן אַרויס קעגן דער מלחמה. מיט אַלע שטימען קעגן 4 האָט די אַ.־ר.־קאָנווענשאָן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס סאָלידאַריזירט זיך מיט דער שטעלונג פון דער סאָצ. פּאַרטיי. אָט איז דער טעקסט: „די 17טע יערלעכע קאָנווענשאָן פון אַרבעטער-רינג אינדאָרסירט די שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו די פראַגן פון מלחמה און שלום, ווי דאָס איז קלאָר און דייטלעך פאָרמולירט געוואָרן אין דער פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. העלפנדיג אַלע מאָל די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַלע אירע טעטיגקייטן, פאַרפליכטן מיר זיך און פאָדערן אויף אַלע מיטגלידער פון אַ.־ר. באַזונדערס ענערגיש צו שטיצן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דעם איצטיגן מאָמענט, ווען מען העצט די אַרבעטער צו מאָרד-פּאַטריאָטיזם. צוגלייך מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּראָטעסטירן מיר קעגן יעדן פּרואוו צו פאַרוואַנדלען די פרייע אַמעריקאַנער רעפּובליק אין אַ קאַזאַרמע".

לכבוד דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיגע רעזאָלוציע:

„די 17טע קאָנווענשאָן פון אַ.־ר., פאַרזאַמלט אין ניו־יאָרק, שיקט איר ברידערלעכן גרוס צו דעם קעמפנדיגן יידישן אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד און צו דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד". גענאָסן! מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם זיג פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־קרעפטן אין רוסלאַנד. מיר זיינען שטאָלץ מיט דער טעטיגקייט פונם ,בונד' אין דער היינטיגער שטורמישער צייט צו זיכערן אַ פרייע צוקונפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, און מיר זיינען באַזונדערס שטאָלץ און באַגייסטערט פון דעם פאַקט, וואָס דער ,בונד' איז די גאַנצע צייט געבליבן טריי דער רויטער פאָן פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט. מיר ווינטשן דעם בעסטן דערפאָלג דער פעטראָגראַדער ,אַרבעטער־שטימע' און באַשליסן צו געבן 1,000 דאָלער פאַרן פאָנד פון דער ,אַרבעטער־שטימע'".

די קאָנווענשאָן האָט באַגריסט דעם „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט" און „פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס דער יידישער קאָנגרעס־קאָמיטעט האָט אָפּגעשוואַכט דעם דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון די וואַלן צום קאָנגרעס דורכן אָפּשאַפן די פאַרטרעטערשאַפט פון די מינדערהייטן און פאַרוואָרן ניט־בירגער צו רעפּרעזענטירן די יידישע מאַסן אין קאָנגרעס. די קאָנווענשאָן פאָדערט אויף אַלע בראַנטשעס צו שטיין פעסט ביי די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַלע אונטערנעמונגען".

אין 1918 האָט דער אַ.־ר. געציילט קרוב 64 טויזנט מיטגלידער. דער וואוקס פון אָרדען האָט אָנגעהאַלטן אויך אין די ווייטערדיגע יאָרן און דערגרייכט זיין העכסטן פּונקט אין 1925, ווען די צאָל מיטגלידער איז איבערגעשטיגן 85 טויזנט. דאָס איז געווען די צייט, ווען ס'האָט שוין אָנגעהויבן ווירקן דאָס נייע אימיגראַציע־געזעץ מיט אַלע שאַרפע באַגרענעצונגען, וואָס האָבן רעדוצירט די איינוואַנדערונג ביז אַ מינימום. דאָס איז אויך געווען די צייט, ווען די קאָמוניסטישע טומלענישן און שטערענישן האָבן זיך שוין שטאַרק אויסגעווירקט אין די בראַנטשעס. פון יאָר צו יאָר קומען אָפּ מיטגלידער ביז זייער צאָל איז אין 1930, נאָך דער שפּאַלטונג, געפאַלן צו 70 טויזנט. אַ גרויסע ראָל אין דער פאַרקלענערונג האָט אויך געשפּילט דער עקאָנאָמישער קריזיס מיט דער אומגעהויערער אַר־

בעטסלאָזיגקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן און אָנגעהאַלטן במשך פון יאָרן.

די 18טע קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (1918) איז באַלד פון דער ערשטער רגע אָן געגאַנגען אונטערן סאָציאַליסטישן צייכן. די עפענונג איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן אויף דעם 5טן מאַי, ווען ס'איז אויסגעפאַלן דער 100יאָריגער געבורטס־טאָג פון באַגרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם — קאַרל מאַרקס. דאָס איז אונטער־געשטראָכן געוואָרן אין דער עפענונגס־רעדע דורך דעם פּאָרזיצער אב. עפּשטיין, און דורך אַנדערע רעדנער. אויך אב. קאַהאַן, וועל־כער האָט באַגריסט אין נאָמען פון „פאָרווערטס", האָט אין זיין רעדע געזאָגט: „היינט, אין דעם טאָג, ווען איר עפנט אייער קאָנ־ווענשאָן, ווערט געפייערט דער געבורטס־טאָג פון קאַרל מאַרקס, דעם מאַן, וועלכער האָט געגעבן אַ נייע רעליגיע און אַ נייע תורה פּראָקלאַ־מירט פאַר דער וועלט, און דאָס איז די תורה פון סאָציאַליזם. דער א.־ר. איז צו מיר, אַלס אַ דרויסנדיגן, טייער דערפאַר, ווייל ער פאַרשפּרייט די דאָזיגע תורה".

אויך אין טעטיגקייטס־באַריכט פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן די פאַרבינדונג פון א.־ר. מיט דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. אין באַריכט צו דער 18טער קאָנווענשאָן האָט דער נ. ע. ק. געזאָגט: „אַ גאַנץ גרויסן חלק האָט דער א.־ר. אין דעם זיג, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט אין די לעצטע וואַלן אין גרוים ניו־יאָרק. אחוץ וואָס כמעט אַלע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג זיינען געווען זייער אַקטיוו אין דעם סאָציאַ־ליסטישן וואַל־קאַמף, איז פון אַ געמיינזאַמען מיטינג פון נ. ע. ק. און נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ צו־שריפט צו אַלע ברענטשעס צו געבן פינאַנציעלע שטיצע. אַלע ברענ־טשעס איבערן גאַנצן לאַנד האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויפן דאָזיגן אַפּיל און ס'זיינען אַריינגעקומען גרויסע סומעס געלט. פיל שטעט און שטעטלעך האָבן געמאַכט ספּעציעלע אונטערנעמונגען און זאַמלונגען פון הויז צו הויז, כדי צו העלפן דעם סאָציאַליסטישן קאַמפּיין. דער לעצטער קאַמפּיין האָט נאָכאַמאָל באַוויזן, אַז די ברייטע מיטגלידערשאַפט פון א.־ר. איז דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאַליסטישן גייסט".

אויך אין איינער פון די אָנגענומענע רעזאָלוציעס האָט די פּיטסבורגער קאָנווענשאָן אַרויסגעבראַכט די סאָציאַליסטישע שטרע־

בונגען פון א.־ר.. די רעזאָלוציע זאָגט: „די 18טע קאָנווענשאַן פון א.־ר. אינדאָרסירט די נייע טענדענצן, וואָס די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן ווייזט אַרויס די לעצטע צייט, צו קאָנטראָלירן פרייזן פון לעבנס־מיטלען און איבערצונעמען די פאַרוואַלטונג פון נויטיגע אינדוסטריעס. זי דריקט אויס די האָפענונג, אַז די דאָזיגע טענדענץ וועט אָנהאַלטן ניט בלויז אין מלחמה־צייטן, נאָר אויך אויף ווייטער, ביז אַלע אינדוסטריעס וועלן ווערן דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק".

אויף דער זעלבער קאָנווענשאַן האָבן ציוניסטן געפּרואווט דורכ־פירן אַ רעזאָלוציע לטובת זייערע ארץ־ישראל־צילן. מער ווי 4 אונטערשריפטן פון די דעלעגאַטן פאַר דער רעזאָלוציע האָבן די איניציאַטאָרן ניט געקענט צונויפזאַמלען. די גרויסע מערהייט איז געווען אַן אַנטי־ציוניסטישע און זי האָט געוואָלט אָננעמען אַ קעגן־רעזאָלוציע. איינפלוסרייכע טוער האָבן אָבער געפּועלט, אַז מ׳זאָל קיין שום רעזאָלוציע וועגן דער פראַגע ניט שטימען.

צו דער 19טער קאָנווענשאַן איז דער א.־ר. שוין געווען לעגאַל אינקאָרפּאָרירט, אַ דאַנק דעם איינפירן די פּראַטערנאַלע ראַטעס, אין 24 שטאַטן און אין 2 קאַנאַדער פּראָווינצן, בעת פריער האָט ער געקענט לעגאַל אַרבעטן בלויז אין 10 שטאַטן. אין דעם באַ־ריכט־יאָר איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו צו פירן בשותפות קולטור־אַרבעט מיט די יוניאָנס. דער פּרואוו האָט אָבער קיין הצלחה ניט געהאַט. אויף דער 19טער קאָנווענשאַן אין דעטראָיט (4־10 מאַי 1919) האָט דער פּאָרזיצער פון אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט, א. דינערשטיין, דערציילט וועגן די ספּעציעלע באַמיאונגען צו ווערבירן מיטגלידער און שאַפן בראַנטשעס אין די טרייד־יוניאָנס. איינציגע טרייד־יוניאָן־בראַנטשעס זיינען שוין געווען פאַרטראַטן אויף דער דאָזיגער קאָנ־ווענשאַן, בעת אין פריערדיגע יאָרן איז געווען אַן אומווילן צו שאַפן ספּעציעלע טרייד־יוניאָן־בראַנטשעס. אויף דער קאָנווענשאַן איז באַריכטעט געוואָרן, אַז די אָנפירונג פון א.־ר. האָט ביז דעמאָלט איבערגעשיקט אין די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס האָבן געליטן פון דער מלחמה, איבער 100 טויזנט דאָלער. דאָס איז געווען אַחוץ די סומעס, וואָס די בראַנטשעס האָבן געשיקט דירעקט אין די שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער היים.

אין אַ ריי רעזאָלוציעס פון דער 19טער קאָנווענשאַן איז געקומען צום אויסדרוק דער פּראָטעסט קעגן די רעאַקציאָנערע דערשיינונגען,

וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אַמעריקע נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איין רעזאָלוציע האָט פּראָטעסטירט קעגן אריינ־יעצן אין תפיסה אויף 10 יאָר דעם סאָציאַליסטישן פירער יודזשין וו. דעבס. אין אַ צווייטער איז געזאָגט געוואָרן: „די 19טע יערלעכע קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. באַטראַכט די גזירה קעגן די ,פרעמדע׳ שפּראַכן פון די מיליאָנען מאַסן איינגעוואַנדערטע אַרבעטער פאַר אַ געמיי־נעם פּרואוו פון קאַפּיטאַל צו פאַרדעקן מיט דעם מאַנטל די אייגענ־נוציגע עקספּלאָאַטאַרישע אַפּעטיטן, צו האַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס פאַריאָכט, צעטיילט און אומאָרגאַניזירט. מיר פאָדערן אויף אַלע אונזערע ברענטשעס אַנצושליסן זיך אין יעדער באַוועגונג, וואָס וועט אויפנעמען דעם קאַמף קעגן די רדיפות אויף די פאַר־שידענע שפּראַכן, קעגן אַלע פּרואוון אָפּצונעמען דאָס רעכט אויף פאַרזאַמלונג און די פרייהייט צו ריידן אויף יעדער שפּראַך״. און אַ רעזאָלוציע אין שוץ פון דער רויטער פאָן: „די 19טע יערלעכע קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. פּראָטעסטירט העפטיג קעגן דעם באַרבאַרישן פאַרבאָט צו נוצן אין עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען די רויטע פאָן — דעם סימבאָל פון פרייהייט אין אַלע ציימן. טראָץ די דאָזיגע פאַר־פאָלגונגען און דערנידערונגען, דריקן מיר אויס אונזער אומבאַ־גרענעצטע טרייהייט צו דער רויטער פאָן — צו די פּרינציפּן פון פריי־הייט און גערעכטיגקייט, וואָס זי דריקט אויס״.

אין אַ באַזונדערער רעזאָלוציע האָט די קאָנווענשאָן צוגעזאָגט די פולע שטיצע פאַר דעם צוגעגרייטן גענעראַל־סטרייק פון די קלאָוק־מאַכער אין ניו־יאָרק. אַלע ברענטשעס פון די נאָנטע און ווייטע שטעט זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן, אַז „זיי זאָלן ענערגיש מיט־העלפן דער יוניאָן צו באַקעמפן די סקעב־נעסטן, וואָס די באַלעבאַטים וועלן פּרובירן אויפעפענען אין די אַרומיגע שטעט״.

רעזאָלוציעס זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן קעגן די רדיפות, אָנפאַלן און פּאָגראָמען אויף יידן אין „פּוילן, גאַליציע, רומעניע, פּאַלעסטינע און טערקיי״, ווי אויך „קעגן אַלע געזעצן, וואָס באַ־צוועקן די פאַרשפּאַרונג פון די טויערן פון אַמעריקע פאַר איינוואַנ־דערער״.

אין דער שלום־רעדע פון דער קאָנווענשאָן האָט י. וויינבערג אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט פון די דעלעגאַטן קעגן דעם, וואָס ס׳איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרענדיגן דעם צוזאַמענקונפט אונטערן סימ־באָל פון דער רויטער פאָן.

אין באריכט צו דער 20טער קאנווענשאן האט דער נ. ע. ק. דערציילט ווי אזוי די הערשנדיגע רעאקציע האט פאראליזירט די טעטיגקייט פון א.־ר.: „אין איינציגע שטעט זיינען אן גזעצלעכע מאטיוון אונזערע ברענטשעס גערודפט געווארן און באאמטע זיינען ארעסטירט געווארן. מיטן אויסנאם פון די גאר גרויסע שטעט, איז דאס לעבן און די ארגאניזאציע־טעטיגקייט פון די ברענטשעס כמעט פאראליזירט געווארן. די פארזאמלונגען — אויב אזעלכע זיינען אפ־געהאלטן געווארן — זיינען זייער שוואך באזוכט געווארן, און דאס האט נאטירלעך פיל געשטערט אונזער ארגאניזאציע־קאמפיין"...

„אין די ערטער, וואו ברענטשעס זיינען געשטערט געווארן אין זייער טעטיגקייט דורך אנפאלן אדער ארעסטן, האבן מיר פראטעס־טירט צו די דארטיגע רעגירונגס־באאמטע און געמאנט פון זיי צו פארשטיין, אז דער א.־ר. איז א לעגאלע אינשורענס־ארגאניזאציע, וואס קען ניט לויטן געזעץ געשטערט ווערן אין דער טעטיגקייט. דארט וואו עס איז געווען נויטיג, האבן מיר אויך געצאלט די גע־ריכטס־קאסטן, און אזוי זיינען די אנקלאגעס בטל געווארן".

אויף דער 20טער קאנווענשאן אין ניו־יארק (מאי 1920) איז פארגעקומען א הייסער וויכוח וועגן ענדערן די קאנסטיטוציע. דער אינשורענס־דעפארטמענט האט געפאדערט, אז מען זאל ענדערן דעם פונקט, אז יעדער מיטגליד איז מחויב ביי וואלן צו שטימען נאר פאר די פארטייען, וואס האבן ארויסגעשטעלט אלס זייער ענד־ציל דאס אפשאפן פריוואט־אייגנטום. דער יורידישער בעל־יועץ, מאיר לאנדאן, האט פארגעשלאגן צו ענדערן דעם פונקט צוליב דער זי־כערקייט פון א.־ר.. ארום דעם פארשלאג איז פארגעקומען א גרוי־סע דעבאטע, אין וועלכער כמעט אלע רעדנער האבן זיך ארויסגע־זאגט פאר ניט ענדערן דעם פונקט. נאך דעם האט די קאנווענשאן מיט 81 שטימען קעגן 47 באשלאסן צו ענדערן דעם פונקט. ס'איז אנגענומען געווארן א פרינציפן־דערקלערונג, אין וועלכער עס איז געזאגט געווארן, אז דער א.־ר. איז א טייל פון דער אלגעמיינער ארבעטער־באוועגונג, אבער ס'איז גארניט דערמאנט געווארן וועגן סאציאליסטישן ענדציל. די פרינציפן־דערקלערונג האט אבער ניט געהאט קיין גוטע מערכה אין רעפערענדום. 1,876 האבן געשטימט פאר איר און 3,539 קעגן איר און זי איז דורכגעפאלן.

צווישן די אנגענומענע רעזאלוציעס איז אויך געווען איינע וועגן דער קאאפעראטיווער באוועגונג: „די 20טע קאנווענשאן פון א.־ר.

באַגריסט די דערשיינונג פון אַ גרעסערער צאָל קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אויף דער יידישער גאַס, וואָס זיינען כמעט אומעטום געשאַפן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו און מיט דער הילף פון די בראַנטשעס פון דעם אַ.־ר.. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז איינע פון די מיטלען, וואָס קענען העלפן באַפרייען די אַרבעטער־מאַסן פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע. די קאָנווענשאָן דריקט דעריבער אויך אויס דעם וואונטש, אַז די בראַנטשעס פון אַ.־ר. צוזאַמען מיט זייערע צענטראַלע אָפּטיילונגען זאָלן אויף ווייטער אָנווענדן נאָך מער ענערגיע צו שטיצן און בויען די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג".

דאָס יאָר 1921 האָט זיך געעפנט מיט אַ וויכטיגן זיג פאַרן אַ.־ר.. דעם 31טן יאַנואַר פון דעם יאָר האָט דער קאָמישאָנער פון מאַסאַטשוזעטס ענדלעך אונטערגעשריבן דעם טשאַרטער פון אַ.־ר. צו קענען ווערן לעגאַל אין דעם שטאַט. דער פאַקט, וואָס דער אַ.־ר., וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל צרות פון מאַסאַטשוזעטס, וועט שוין קענען דאָרט פירן אַ טעטיגקייט פראַנק און פריי, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע שמחה ביי די מיטגלידער. ווען באַסקין און ישורין זיינען אַרויס פון שטאַט־הויז אין באָסטאָן מיטן טשאַרטער אין האַנט, האָט אויף זיי געוואַרט אַ גרויסער עולם. געפרייט האָבן זיך די פריינד פון אַ.־ר. ניט בלויז אין מאַסאַטשוזעטס, נאָר אין גאַנצן לאַנד. לכבוד דעם, וואָס מ'האָט גובר געווען די מניעות אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוהאַלטן די 21טע קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, וואו זי איז געעפנט געוואָרן דעם 1טן מאַי 1921.

דער באַריכט־אָפּגעבער פון נ. ע. ק., י. ישורין, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז „די לעצטע קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ פּרינציפּן־דערקלערונג, וואָס איז ביים רעפערענדום דורכגעפאַלן דערפאַר, ווייל זי איז ניט געווען צופרידנשטעלנדיג פאַר דעם סאָציאַליסטישן גייסט פון די אַ.־ר.־מיטגלידער. די מיטגלידער האָבן געטראַכט, אַז עס איז גלייכער צו האָבן אַן אמתע פּרינציפּן־דערקלערונג אין אונזער נשמה, איידער צו האָבן אַ פאַרעוועע פּרינציפּן־דערקלערונג אויפן פּאַפּיר". באַסקין האָט אין זיין באַריכט אָנגעוויזן, אַז די רעגירונגאָרגאַנען האָבן צוויי צוגאַנגען צום אַ.־ר.: ווי אַ פּראַטערנאַלן אָרדען האָבן זיי די בעסטע מיינונג וועגן אַ.־ר., אָבער זיי קוקן מיט חשד אויף זיין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיגקייט. איבערהויפּט האָט מען אין די רעגירונגס־קרייזן ניט קיין צוטרוי צו „איסט־בראָדוויי".

דעם דעמאַלטדיקן מצב אילוסטרירט די באַגריסונגס־רעדע פון „פאָרווערטס”־רעדאַקטאָר, אב. קאַהאַן, וועלכער האָט אָנגעוויזן, אַז אין אַמעריקע הערשט דערווייל אַ פינסטערע רעאַקציע, אָבער עס וועט אינגיכן ווערן בעסער. און די ענדערונג וועט קומען, ווייל „עס איז פאַראַן אַ לאַנד, וואו דער סאָציאַליזם ווערט שוין אויסגעפּרוווט. פון דאָרט צעטראָגט זיך צו אונז אַ ליכטיגער שטראַל”...

צום ערשטן מאָל אויף אַ קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע וולאַדימיר מעדעם. ער האָט באַגריסט די דעלעגאַטן אין נאָמען פון „בונד” אין פּוילן: „דער אַרבעטער־רינג און דער ,בונד׳ ”, האָט ער געזאָגט, „ זיינען צוויי אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע לענדער, מיט פאַרשידענע אויפגאַבן, און דאָך — אַ טיפער אינערלעכער צוזאַמענבונד. ניט ווייניג פון אייערע מענטשן האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט ביי אונז אין דער היים, זיינען געקומען אַהער און געוואָרן וויכטיגע טוער, זיינען געוואָרן יענער וויכטיגער מאַטעריאַל, מיט וועמענס הילף עס איז אויפגעבויט געוואָרן אייער אָרגאַניזאַציע. איר און מיר האָבן אייגנטלעך פאַרשידענע אויפגאַבן. מיר זיינען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, איר זייט אַ ברידערלעכער אָרדען. ס׳איז אָבער דאָ אַ סך בשותפותדיקס. מיר זיינען מער ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, און איר זייט מער ווי אַן אינשורענס אָרדען. סיי מיר, סיי איר האָבן דעם כאַראַקטער פון אַזאַ מין זאַך, וואָס גיט דעם אַרבעטער אַ שטיקל היים”.... „אונזער אַלטע בונדיסטישע דערציאונג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז העכער פון אַלץ איז די אייניגקייט פון דער באַוועגונג. עס איז בעסער צו ראַטעווען זיך צוזאַמען, איידער זינקען אינדיווידועל”.

מאַקס פּיין, וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פון די יידישע געווערקשאַפטן, האָט געזאָגט, אַז „אין די יאָרן, ווען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג איז געווען צעטראָטן ווי שטויב, האָבן מיר תמיד אָנגעוויזן אויף דער אייניגקייט און וואוקס פון אַ.־ר.”.

צווישן די אַנגענומענע רעזאָלוציעס האָט איינע אויפגעפאָדערט די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן צו שטעלן זיך אין פריינדלעכע האַנדלס־באַציאונגען מיט סאָוועט־רוסלאַנד. אַ צווייטע רעזאָלוציע איז געווען געווענדעט קעגן די מאַנופעקטשורערס־אַסאָסיאיישאַנס און אַנדערע רעאַקציאָנערע כוחות, וועלכע באַמיען זיך מיט די פאַרשידנסטע פּראָוואָקאַטאָרישע מיטלען שעדיגן די יוניאָנס.

אַ שאַרפן פּראָטעסט האָט די קאָנווענשאָן אַרויסגעטראָגן קעגן די אימיגראַציע־גזירות.

דאָס לעגאַליזירן דעם אַ.־ר. אין מאַסאַטשוזעטס איז אויסגענוצט געוואָרן, כדי צו רופן דעם אינדעפּענדענט אַ.־ר. צו אַ פאַראייניגונג. אָבער ביז אַזאַ פאַראייניגונג וועט דורכגעפירט ווערן, איז איינשטימיג מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן אָנגענומען געוואָרן אַ פאַראייניגונגס־אָפּמאַך מיט דער לייבאָר־ליגע אין מאַסאַטשוזעטס, וואָס איז געווען אַ פריינדלעכע אָרגאַניזאַציע צום אַ.־ר.. די מיטגלידער און פאָנדן פון דער לייבאָר־ליגע זיינען אָפיציעל אַריבער צום אַ.־ר. סעפּטעמבער 1921. פון דער לייבאָר־ליגע זיינען אַריבער אין אַ.־ר. בערך 3 טויזנט מיטגלידער.

אין זעלבן חודש, ווען אין די רייען פון אַרבעטער־רינג איז פאָרגעקומען די דאָזיגע פאַראייניגונג, איז אין די רייען פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאָרגעקומען אַ צעשפּאַלטונג. ס'איז דעמאָלט פאָרגעקומען די קאָנווענשאָן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. די הויפּט־שטריט־פראַגע איז געווען: בלייבן אָדער אַרויסטרעטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי? די מערהייט איז געווען פאַרן אַרויסטריט, די מינדערהייט האָט געוואָלט בלייבן טריי דער סאָצ. פּאַרטיי. געענדיגט האָט זיך עס מיט אַ שפּאַלטונג. די מינדערהייט האָט פאַרלאָזט די קאָנווענשאָן און געגרינדעט דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

אַ גרויסער טייל מיטגלידער פון דער פעדעראַציע, צווישן זיי אויך אַקטיווע טוער פון אַ.־ר., זיינען שפּעטער אַוועק צו דער קאָמוניסטישער וואָרקערס פּאַרטיי. דער ברידער־קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט. אין 1922 האָבן די „לינקע" זיך גענומען גרופּירן אַרום דער צייטונג „פרייהייט", וואָס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן, די רעכטע האָבן זיך גרופּירט אַרום „פאָרווערטס".

דער ערשטער גרויסער פאַרמעסט צווישן די צדדים איז געווען אויף דער קאָנפערענץ צו באַשטימען קאַנדידאַטן פאַרן נ. ע. ק. אויפן יאָר 1922-3. פון ביידע זייטן איז מען געקומען מאָביליזירט. די „רעכטע" האָבן געהאַט אַ מערהייט פון דריי צו איינס. די „לינקע" האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל און ניט געשטימט.

אין 1921 איז אַרויפגעקומען אַ שטריט־פראַגע וועגן דער הילף פאַר רוסלאַנד. דעם 29טן אויגוסט 1921 איז פאָרגעקומען אַ קאָנ־

פערענץ מיט דער באטייליגונג פון 385 דעלעגאטן פון 176 ניו־יארקער ברענטשעס. א הייסע דעבאטע איז געפירט געווארן ווי אזוי צו געבן די הילף פאר רוסלאנד. דער פיפלס־רעליף, מיט וועלכן דער א.־ר. האט צוזאמענגעארבעט, האט געהאלטן, אז די זאמלונגען זאלן זיין „בלויז צו העלפן די יידישע באפעלקערונג אין רוסלאנד". דער נ. ע. ק האט אריינגעטראגן א פארשלאג, אז די „הילף־געלטער פון א.־ר. זאלן גיין פאר די הונגעריגע אין רוסלאנד בכלל און פאר די יידן אין רוסלאנד בפרט". דער נ. ע. ק. זאל די געלטער צעטיילן, אין הסכם מיט די פארלאנגען פון די ברענטשעס און לויט די אומשטענדן אין רוסלאנד. די קאנפערענץ האט זיך ארויסגעזאגט פאר דעם, אז די געלטער זאלן געשיקט ווערן צום אלגעמיינעם רוסישן הילפס־פאנד. אזוי איז אבער געווען בלויז אין ניו־יארק. אין לאנד האבן כמעט אלע ארטיגע קאנפערענצן געשטיצט די שטעלונג פון נ. ע. ק.

פון 30טן אפריל ביזן 6טן מאי 1922 איז אין טאראנטא, קאנאדע, פארגעקומען די 22טע קאנווענשאן. אין זיין עפענונגס־רעדע האט דער פארזיצער ר. גוסקין איבערגעגעבן, אז דער א.־ר. „האט אין פארלויף פון די מלחמה־יארן איבערגעשיקט פאר אונזערע מלחמה־ליידענדיגע ברידער און שוועסטער ארום א פערטל מיליאן דאלער". ער האט אויך דערציילט, אז אויף בילדונגס־ארבעט „האבן מיר לעצטן יאר אויסגעגעבן איבער 50 טויזנט דאלער. איז דא נאך א יידישע ארגאניזאציע, וואס קען ווייזן, אז זי האט אויסגעגעבן אזא באדייטנדיגע סומע אויף קולטורעלע טעטיגקייט?" — האט ער געפרעגט.

אויף דער קאנווענשאן איז פארגעקומען א גענעראל־שלאכט מיט די קאמוניסטן. אין אלע באריכטן האט מען דערציילט וועגן די רייבונגען און סכסוכים צווישן „רעכטע" און „לינקע", און ווי שלעכט דאס ווירקט אויף דער טעטיגקייט.

צווישן די באגריסער איז אויך געווען מ. אלגין, וועלכער האט גערעדט אין נאמען פון דער „פרייהייט" און פון דער יידישער פעדעראציע פון דער ווארקערס פארטיי. ער האט געזאגט: „די טויער פון דער פעדעראציע זיינען ניט קיין נייע אין דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. איר קענט זיי ניט בלויז פון אמעריקע, נאר אויך פון דער אלטער היים — פוילן, ליטע און רוסלאנד. די אלטע טוער, וואס זיינען געווען טעטיג אין דער אלטער היים, זיינען אויך די טוער דא אין אלע יידישע יוניאנס און בעיקר אין א.־ר.. עס איז מערקוויר־

דיג, מען באַשולדיגט איצט די „לינקע", אַז זיי ווילן ברעכן די אַר־בעטער־באַוועגונג. עס איז ניט ריכטיג. מיר ווילן בלויז אַריינטראָגן אַ נייע נשמה, אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט אין די מוחות פון די אַרבעט־טער־מאַסן. אנשטאָט די איצטיגע יוניאָנס, ווילן מיר שאַפן איין גרויסע אינדוסטריעלע יוניאָן, וואָס זאָל פאַראייניגן אַלע אַרבעטער פון לאַנד. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז טויט. מיר ווילן פאַר־אייניגן די אַרבעטער אין אַן אַנדערער פאַרטיי. מיר מיינען, אַז אין אַ.־ר. האָט יעדער מיטגליד די רעכט צו פריידיגן די אידעאַלן, וואָס זיינען אים טייער. אין אַ.־ר. דאַרף זיין פּלאַץ פאַר אַלע ריכ־טונגען. מיר מיינען, אַז טראָץ דעם וואָס די פירער פון אַ.־ר. זיינען ניט מיט אונז, וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען די מיטגלידער וועלן יאָ זיין מיט אונז".

נאָך אים האָט באַקומען דאָס וואָרט נ. כאַנין צו באַגריסן אין נאָמען פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. די רעדע פון כאַנינען, וועמען די דעלעגאַטן האָבן אויפגענומען מיט אַ גרויסער אָוואַציע, איז געווען אַ דירעקטער ענטפער אויף אַלגינס ווערטער. „לויט די אויסרעכענונגען, וואָס איך האָב געמאַכט", האָט כאַנין דערקלערט, „זיינען 106 דעלעגאַטן פון דער איצטיגער קאָנווענשאָן מיטגלי־דער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (בכלל זיינען דעלעגאַטן פון די בראַנטשעס געווען 164). די אַ.־ר. מיטגלידער האָבן אָט די דעלעגאַטן אויסגעוויילט, און דאָס ווייזט, אַז די מיטגלידער פון אַ.־ר. זיינען מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. עס טוט מיר לייד וואָס איך דאַרף ריידן נאָך דעם פריערדיגן רעדנער, וועלכער האָט באַליי־דיגט אונזערע געפילן און איז טראָץ דעם אויסגעהערט געוואָרן מיט דער גרעסטער טאָלעראַנץ"... „אַלגין וויל אַריינברענגען אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן גייסט אין אַ.־ר.. אָט די צעקראַכענע אינטעליגענ־טישע נשמות, וואָס ווערן יעדן טאָג באַגייסטערט פון אַ נייעם אי־דעאַל, וואָס ס'איז פאַראַן אויפן מאַרק, ריידן פון אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט. וויפיל איראָניע איז פאַראַן אין אָט די ווערטער! מיט צוויי יאָר צוריק האָבן די זעלביגע פערזאָנען דורך בילינגע פאַטריאָטישע פראַזן גערופן די יידישע אַרבעטער צו מאָרד קעגן אַנדערע אַרבע־טער. היינט ריידן זיי פון רעוואָלוציע"... „דער אַ.־ר. שטייט אויף זיינע אייגענע פיס. מיר דאַרפן ניט וואַרטן ביז אונזערע אינ־טעליגענטן זאָלן אונז קומען אַריינבלאָזן אַ נייע נשמה".

דער פרינציפיעלער שטרייט מיט די „לינקע" איז געפירט גע־

װאָרן ביים אָפּשטימען אייניגע רעזאָלוציעס. קודם איז געװען אַ רעזאָלוציע װעגן סאָװעט־רוסלאַנד מיט פאָלגנדיגן אינהאַלט:

„די 22טע קאָנװענשאָן פון אַ.־ר. שליסט זיך אָן צו דער פאָדערונג פון דעם אַלװעלטלעכן אַרבעטער־קלאַס, אַז די רוסישע סאָװעט־רעגירונג זאָל אַנערקענט װערן פון די מלוכות, װאָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גענוא און אויך פון די פאַראייניגטע שטאַטן, װאָס זיינען דאָרט ניט פאַרטראָטן.

גלייכצייטיג שליסט זיך די קאָנװענשאָן אָן צו דעם פאַרלאַנג פון דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג פון דער װעלט, אַז די סאָװעט־רעגירונג זאָל געבן פולע פרייהייט צו אַלע סאָציאַליסטישע פּאָליטישע אַרעסטירטע, װעלכע זיינען אין דער גאַנצער צייט פון זייער פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט געבליבן טריי דעם אַרבעטער־קלאַס און ניט צוגעשטאַנען צו דעם קאָנטער־רעװאָלוציאָנערן עלעמענט קעגן דער סאָװעט־רעגירונג“.

דער ערשטער טייל — צו אַנערקענען די סאָװעט־רעגירונג — איז איינשטימיג אָנגענומען געװאָרן. נאָך אַ דעבאַטע איז אויך דער צװייטער טייל — באַפרייען די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן — אָנגענומען געװאָרן מיט אַ מערהייט פון 100 שטימען קעגן 49.

נאָך אַ דעבאַטע האָט די טאָראָנטער קאָנװענשאָן מיט 111 שטימען קעגן 26 אָנגענומען אַ רעזאָלוציע װעגן דער צעשטערונגס־אַרבעט פון די קאָמוניסטן. צװישן אַנדערן האָט די רעזאָלוציע געזאָגט: „די װאָרקערס פּאַרטי מיט איר יידישער אָפּטיילונג האָט דורך איר אָפיציעלן אָרגאַן, ‚די פרייהייט‘ זיך גענומען פאַרזייען אומצוטרוי און פערזענלעכן האַס אין אונזערע אייגענע רייען — אין דעם אַ.־ר.. איר אָפיציעלער אָרגאַן האָט זיך דערלויבט צו באַטיטלען די טוער און פירער פון אַ.־ר. אַלס סקעבס און פאַרקויפטע נשמות. אָט די אָרגאַניזאַציע האָט זיך דערלויבט אַרויסצוגעבן אַ באַפעל צו אירע מיטגלידער צו גרינדן סיטי־ און דיסטריקט־קאָמיטעטן פון אַ.־ר. פּאַראַלעל צו די אָפיציעלע סיטי־ און דיסטריקט־קאָמיטעטן מיטן צװעק צו פאַרכאַפּן דעם אַ.־ר.. די 22טע קאָנװענשאָן דערקלערט, אַז דער אַ.־ר. איז ניט קיין אָרגאַניזאַציע, װאָס לאָזט זיך פאַרכאַפּן פון דער אָדער יענער פראַקציע. אין דעם אַ.־ר. איז דאָ פּלאַץ פאַר אַקטיװיטעט פאַר אַלע שאַטירונגען און ריכטונגען פון דער אַרבעטער־באַװעגונג און פאַר געמיינשאַפטלעכער גוטער אַרבעט פאַרן אַ.־ר.. די קאָנװענשאָן פּראָטעסטירט שטאַרק קעגן די מע־

טאָדן פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער וואָרקערס פּאַרטי און פּאַדערט אויף די מיטגלידער און ברענטשעס אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון א.־ר.״.

די זעלבע קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ נייע פּרינציפּן־דער־קלערונג, וואָס איז שפּעטער באַשטעטיגט געוואָרן אין אַ רעפערענ־דום מיט אַ מערהייט פון 5,539 קעגן 2,612. דער אינהאַלט פון דער דאָזיגער פּרינציפּן־דערקלערונג איז אַזאַ:

„די מאָדערנע אינדוסטריעלע אומשטענדן זיינען מערסטנטייל די סיבות פון קראַנקהייט און אומגליקס־צופאַלן צווישן דעם אַרבע־טער־קלאַס. די אַרבעטער נויטיגן זיך דעריבער ניט בלויז אין מאַ־טעריעלע שטיצע אין אַזאַ צייט, נאָר אויך אין מאָראַלער הילף און פריינדשאַפט פון זייערע פריינד. אַט די נויטווענדיגקייט האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון דעם אַרבעטער־רינג.

די וואַקסנדיגע צאָל אַרבעטער, סיי די וועלכע אַרבעטן פיזיש, סיי די וועלכע אַרבעטן מיטן מאַרך, הויבן אָן צו פאַרשטיין, אַז דורך פאַראייניגטע כוחות, דורך אָרגאַניזאַציע און קאָאָפּעראַציע, איז מעג־לעך צו פאַרלייכטערן און פאַרמיידן אַ סך פון די ליידן, וואָס פאַלן אויס אויפן גורל פון די אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס אין דער צייט פון קראַנקהייט.

דער א.־ר. איז איבערצייגט, אַז אָרימקייט, קראַנקהייט און נויט צווישן די אַרבעטער זיינען דער רעזולטאַט פון די איבלען פון אונזער עקאָנאָמישן סיסטעם. קעגנזייטיגע הילף אַליין וועט ניט אָפּשאַפן די סיבות פון די נויטן פון די אַרבעטער. אַלס מיטגלידער פון אַר־בעטער־רינג שטרעבן מיר דעריבער צו דער פולשטענדיגער באַ־פרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

פאַר דעם צוועק באַטראַכט זיך דער אַרבעטער־רינג אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג. ער שטרעבט צו העלפן די אַרבעטער אין זייער באַמיאונג אויפצוהויבן זייער סטאַנדאַרד פון לעבן דורך פאַרגרעסערן זייער פאַרדינסט, דורך פאַרקירצן די אַר־בעטס־שעה׳ן און פאַרשטאַרקן זייער איינפלוס אויפן אינדוסטריעלן און פּאָליטישן געביט.

פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף יעדער מיטגליד פון א.־ר. געהערן צו דער יוניאָן פון זיין פאַך. און ווען ער וויל אויסנוצן זיין בירגער־רעכט אין צייט פון וואַלן, איז ער פאַרפליכטעט צו שטיצן די פּאַר־

טייען, וואָס שטעלן אַרויס אין זייער פּראָגראַם דאָס איינפירן פּאָלי־טישע און עקאָנאָמישע פרייהייט".

די טאָראָנטער קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן דורכפירן אַ ספּעציעלע שול־וואָך בעת וועלכער מ'זאָל מאַכן געלט־זאַמלונגען לטובת דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן (צישאַ); וועגן זאַמלען און שיקן יידישע ביכער פאַר סאָוועט־רוס־לאַנד; פאַר אַמנעסטירן אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמערי־קע; אַז אַלע מיטגלידער פון אַ.־ר. זאָלן ווערן בירגער. ס'איז אויך געוואָרן באַשלאָסן, אַז די נאָנטסטע קאָנווענשאָן זאָל פאָרקומען ערשט אין 1925 און דערמיט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער מנהג פון די יערלעכע קאָנווענשאָנס. עס זיינען אָבער געבליבן די יערלעכע נאָמינאַציע־קאָנפערענצן און יעדעס יאָר איז געוויילט געוואָרן אַ נייער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. דעמאָלט איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ היים פאַר אַלטע מיטגלידער און מ'האָט נאָכדעם אָנגעהויבן צאָלן 5 סענט אַ קוואַרטל אויף דעם צוועק.

אין 1925 איז געווען אַ יובילײ־יאָר — אַ פערטל יאָרהונדערט פון דער גרינדונג פון אַרבעטער־אָרדען. לכבוד דעם האָט דער דיכ־טער א. ליעסין, אַליין אַ טוער פון אָרדען, אָנגעשריבן דעם הימן פון אַרבעטער־רינג. די טוער און מיטגלידער האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אַ פייערלעכע שטימונג, דאָס איז אָבער געווען שווער צו דערגרייכן מחמת דעם פאַרביסענעם קאַמף מצד די קאָמוניסטן. אַ פאָרשפּיל צו דער יובילײ־קאָנווענשאָן איז געווען די נאָמינאַציע־קאָנ־פערענץ דעם 15טן פעברואַר 1925. עס זיינען דאָרט געווען פאַר־טראָטן 448 ברענטשעס דורך 621 דעלעגאַטן. דער גייסט פון אומ־איינינקייט האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן ביים שטימען קאַנדידאַטן פאַר אַ פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ. כאַנין האָט באַקומען 385 שטימען און דער קאָמוניסטישער קאַנדידאַט אַשינסקי — 130 שטימען.

די פייערלעכע עפענונג פון דער יובילײ־קאָנווענשאָן איז פאָר־געקומען אין אַן איבערגעפּאַקטן מעדיסאָן סקווער גאַרדען. 30 טויזנט מענטשן זיינען געקומען צו דער עפענונג און פיל האָבן ניט געקענט אַריין. משה גאָלדרייך — פּיאָנער און פאָרזיצער פון אַרבעטער־רינג אין 1892 — איז דערקלערט געוואָרן פאַר ערן־פּרעזידענט פון דער קאָנווענשאָן. אויף דער פייערלעכער עפענונג האָבן גערעדט י. וויינ־בערג, אב. קאַהאַן, י. באַסקין, יודזשין וו. דעבס און מאיר לאָנדאָן.

דאָ האָבן די קאָמוניסטן געמאַכט אַ טומל און געפּאָדערט, אַז אַלגין זאָל ריידן.

די קאָנווענשאָן, וואָס האָט געדויערט פון 3טן ביזן 10טן מאַי 1925, האָט זיך מיט דער פראַגע נאָכאַמאָל פאַרנומען. ס'איז אָנגעקומען אַ ווענדונג פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער וואָרקערס פּאַרטיי און פון דער „פרייהייט" וועגן צולאָזן אַלגינען באַגריסן אין זייער נאָמען. נאָך אַ דעבאַטע איז מיט 722 שטימען קעגן 237 באַשלאָסן געוואָרן ניט צוצולאָזן דעם קאָמוניסטישן פאָרשטייער צוליב די אומאויפהערלעכע פיינדלעכע אַטאַקעס, וואָס די קאָמוניסטן פירן קעגן אַרבעטער־רינג. ביי פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן האָבן אויך די קאָמוניסטן געטומלט, אָבער זיי האָבן תמיד אָנגעטראָפן אויף אַ געשלאָסענעם ווידערשטאַנד פון דער גרויסער מערהייט פון די בערך טויזנט דעלעגאַטן.

אויף דער יובילײ־קאָנווענשאָן איז אונטערגעפירט געוואָרן אַ סך־הכל פון דורכגעמאַכטן וועג. אין באַריכט פון נ. ע. ק. איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן: „אונזער אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אַ סך שפּעטער, ווי די אַלטע אָרדענס. דער גלויבן אין אונזערע אייגענע כוחות און די אידעאַלן, וואָס האָבן אונז אַלע באַהערשט, האָבן געהאָלפן, אַז אונזער אָרדען זאָל גיין שטיל, רואיג און געלאַסן פון איין דערפאָלג צום אַנדערן און ווערן ביסלעכווייז דער ריז צווישן די יידישע אָרדענס. שטאָלץ מעגן מיר אויך זיין מיט דעם, וואָס דער אַ.־ר. איז די גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ געפירט געוואָרן פון אַרבעטער, פון דער מיטגלידער־מאַסע, וואָס האָט טייל־מאָל מיט אמתן מסירת־נפש אָפּגעגעבן די גאַנצע פרייע צייט פאַר די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע".

די קאָנווענשאָן האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן ווייטערדיגן וואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע, וועגן די קוואַלן פון ווערבירן נייע מיטגלידער. צוליבן באַגרענעצן די איינוואַנדערונג, איז באַשלאָסן געוואָרן ווענדן די ענערגיע צו ווערבירן מיטגלידער צווישן דער ראַדיקאַלער ענגליש־ריידנדיגער יוגנט.

די יובילײ־קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס, צווישן וועלכע עס זיינען געווען: קעגן באַגרענעצן די איינוואַנדערונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן. „מיר באַדויערן ספּעציעל — זאָגט די רעזאָלוציע — די אכזריותדיגע פאַנאַנדערשיידונגען פון פאַמיליעס אויפן סמך פון אַ קוואָטע־געזעץ, וואָס איז אומוויסנשאַפט-

לעך און דיסקרימינאַטאָריש באַזירט אויף דעם צענזוס פון 1890". וועגן סאָוועט-רוסלאַנד: „דאָס צוריקהאַלטן די אַנערקענונג פון דער סאָוועטן-רעגירונג איז קעגן די אינטערעסן פון אַמעריקאַנער פאָלק, און אוודאי קעגן די אינטערעסן פון דעם רוסישן פאָלק"... „די קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. פאָדערט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג די אַנערקענונג פון רוסלאַנד".

נאָך אַ דעבאַטע איז מיט אַ גרויסער מערהייט אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע קעגן די רדיפות אין סאָוועט-רוסלאַנד ווי אויך אין אַ ריי רעאַקציאָנערע לענדער. ס'איז דערביי געמאַכט געוואָרן אַ מאַניפעסטאַציע פון 10 מינוט צייט לכבוד די פּאָליטישע אַרעסטירטע. „די 25טע קאָנווענשאָן פון אַ.־ר.", זאָגט די רעזאָלוציע, „דריקט אויס איר פּראָטעסט קעגן די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען, וואָס די סאָוועטן-רעגירונג ווענדעט אָן קעגן די סאָציאַליסטן פון רוסלאַנד און מיר פאָדערן זייער פולע און שנעלע באַפרייאונג. מיר שליסן זיך אָן צו דער אַרבעטער-באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט אין פּראָטעסט קעגן דער גוואַלדיגער רעאַקציע, וואָס הערשט איצט אין פיל לענדער, און פאָדערן פון אַלע מלוכות די באַפרייאונג פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע". ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַרלאַנגט באַלד צו באַפרייען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמעריקע, ווי אויך אַ פאָדערונג צום אַמעריקאַנער פּרעזידענט „אומצוקערן צו גענאַסע דעבס זיין בירגער-רעכט". אַ מאַניפעסטאַציע לכבוד די פּאָליטישע אַרעסטירטע איז אויך פאָרגעקומען, ווען ס'איז איבערגעלייענט געוואָרן אַ שריפטלעכע באַגריסונג פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון „בונד" אין רוסלאַנד.

אַ היציגע דעבאַטע איז פאָרגעקומען ביים אָפּשטימען אַ רעזאָלוציע וועגן דיסציפּלין אין אַ.־ר.. די פאַרטיידיגער פון דער רעזאָלוציע האָבן אָנגעוויזן אויפן חורבן, וואָס די קאָמוניסטן מאַכן אין די ברענטשעס. זיי האָבן אויסגעדריקט דעם ווילן צו פאַרטיידיגן דעם אַ.־ר. קעגן די קאָמוניסטישע פּלענער צו פאַרכאַפּן אים. אַ פירער פון די „לינקע" — אַשינסקי — איז אין זיין רעדע אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט געזאָגט: „אַ רעזאָלוציע וועט קיינמאָל ניט אונטערדריקן אַ רעוואָלוציע. אַ לינקער אַקציע-קאָמיטעט האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר און דאָס זעלבע וועט איבערגעחזרט ווערן דאָ".

מיט 834 שטימען קעגן 171 האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען די דאָזיגע רעזאָלוציע: „די לעצטע צייטן זיינען אין אַ.־ר. פאָרגעקו-

מען פיל פאַלן פון ברעכן די דיסציפלין און פון אומדערהערטע האַנד־לונגען, ווי גרינדן אַקציע־קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר זייער אויפגאַבע צו אַרבעטן קעגן די אָנגענומענע באַשלוסן פון די געזעצלעכע אַ.־ר.־קאָנפערענצן, קאָנווענשאַנס און רעפערענדומס, ווי אויך צו פאַרשפּרייטן פאַרשידענע אינסינואַציעס און בילבולים קעגן די פאַרוואַלטנדיגע קאָמיטעטן און דעם אַרבעטער־רינג אַלס גאַנצן. דאָס שטערט דעם וואוקס פון אַ.־ר. און טראָגט אַריין אַן אומצוטרוי און דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע. נעמענדיג דאָס אין אַכט, באַשליסט די 25יאָריגע קאָנווענשאָן צו פאַראורטיילן דעם אַזוי־גערופענעם לינקן אַקציע־קאָמיטעט פאַר זיין צעשטערערישער אַרבעט. די קאָנווענשאָן באַטראַכט זיי אַלס פערזאָנען, וועלכע זיינען שעדלעך פאַר דעם וואוקס און וואוילזיין פון אַ.־ר.. די קאָנווענשאָן וואָרנט די מיטגלידער פון אַ.־ר. ניט צו האָבן קיין שום פאַרבינדונגען מיט די שעדלעכע עלעמענטן. די קאָנווענשאָן גיט איבער דעם נ. ע. ק. אָנצונעמען אַלע מעגלעכע מיטלען צו באַזייטיגן דעם שעדלעכן עלעמענט פון אַ.־ר.. עס מאַכט ניט אויס אונטער וועלכע נעמען אַזעלכע גרופּעס זאָלן זיך רופן. דער עקזעקוטיוו זאָל זיך באַנוצן מיט אַלע מיטלען און זאָל האָבן דאָס רעכט אַזעלכע מיטגלידער אַפילו אויסצושליסן פון אַ.־ר.״.

אַ דעבאַטע מיט די קאָמוניסטן איז אויך געווען ביים פאַרשלאַג צו שטיצן דעם אָרגאַן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, דעם „וועקער״ מיט 2 טויזנט דאָלער. דער פאַרשלאַג איז געוואָרן אָנגענומען מיט אַ גרויסער מערהייט.

אַ ריי רעזאָלוציעס וועגן שטיצן אָרטיגע אינסטיטוציעס זיינען איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן. נאָך אַ קורצער דעבאַטע איז מיט אַ גרויסער מערהייט אָנגענומען געוואָרן צו שטיצן דעם „בונד״ און זיין אָרגאַן די „פאָלקס־צייטונג״ מיט 6 טויזנט דאָלער. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן פאַר קומענדיגן יאָר צו באַשטימען אַ טעקס פון די מיטגלידער אין דער הויך פון 10 סענט אַ קוואָרטל לטובת די יידישע שולן אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע, רוסלאַנד און פּאַלעסטינע.

די וויכטיגע קאָנווענשאָן איז פאַרגעקומען דעם 1־7 מאַי 1927 אין קליוולאַנד. אין זיין עפענונגס־רעדע האָט דער פאָרזיצער פון נ. ע. ק., נ. פיינערמאַן, אונטערגעשטראָכן די ענגע פאַרבינדונג צווישן אַ.־ר. און דער אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס אילוסטרירט מיט אַ ריי פאַקטן. ער האָט געזאָגט: „אונזערע קאָנווענשאָנס ווערן אָפּ־

געהאלטן אין מאי צו דעמאנסטרירן אונזער סאלידאריטעט מיט דער אינטערנאציאנאלער ארבעטערשאפט און אונזער גרייטקייט צו העלפן מיט אלע כוחות דער ארבעטער-באוועגונג אין אלע קאמפן, אין אלע אירע אונטערנעמונגען"... "ווי א גאלדענער פאדים ציט זיך דורך אונזער גאנצער געשיכטע אט די גרייטקייט צו העלפן דער באוועגונג. נאך מיט 25 יאר צוריק, אין 1902, האבן מיר ארויסגעלאזט א מאניפעסט צו אלע אונזערע מיטגלידער זיך אנצושליסן און נעמען אן אקטיוון אנטייל אין די טרייד-יוניאנס. אין 1904, אין דעם גרויסן היסטארישן קוילן-סטרייק אין קאלאראדא, האט דער עקזעקוטיוו ארויסגעשיקט אן אפיל צו אלע ברענטשעס צו שטיצן די סטרייקערס. אין 1909, ווען די קלאוקמאכער-יוניאן פון ניו-יארק האט זיך געגרייט צו א גענעראל-סטרייק, האט דער עקזעקוטיוו-קאמיטעט פון א.-ר. גערופן א טרייד-יוניאן-קאנפערענץ צו העלפן ארגאניזירן די קלאוקמאכער. אין 1910, ווען עס איז אויסגעבראכן דער גרויסער גענעראל-סטרייק פון די קלאוקמאכער, האט דער נ. ע. ק. דורך די ברענטשעס, סיי אין ניו-יארק און סיי איבערן לאנד, געשאפן א היפשע סומע געלט פאר די סטרייקער. דער נ. ע. ק. האט דעמאלט אלע א.-ר-ברענטשעס אין די קלענערע און גרעסערע שטעט פארוואנדלט אין פיקעט-מחנות צו היטן די שעפער אין יענע געגענטן, כדי מ'זאל ניט מאכן קיין סקעב-ארבעט און עס איז נאך פריש אין זכרון דער נאר-וואס פארענדיגטער גענעראל-סטרייק פון די קלאוקמאכער, וועלכן דער א.-ר. האט מיט א פולער האנט געשטיצט. איבער 35 טויזנט דאלער איז געזאמלט געווארן דורך א נאציאנאלן טעקס און צענדליגער טויזנטער דאלער זיינען דורך די ברענטשעס, ספעציעל אין ניו-יארק, אויסגעגעבן געווארן צו שטיצן זייערע סטרייקנדיגע קלאוקמאכער".

אויף דער קליוולאנדער קאנווענשאן איז די אפאזיציע ניט געווען פארטראטן דורך דעלעגאטן, דאקעגן איז צו דער קאנווענשאן געקומען א "שלום-קאמיטעט", וואס האט דערקלערט, אז זיין ציל איז צו שאפן א שלום-בית אין א.-ר.. וועגן דער ווענדונג האט די קאנווענשאן אנגענומען פאלגנדיגע רעזאלוציע: "אויסהערנדיג דעם פארלאנג פון אזוי-גערופענעם שלום-קאמיטעט און וויסנדיג, אז די זעלבע מענטשן, וועלכע פאדערן איצט שלום, האבן זיך באטייליגט אדער געהאלפן יענע מיטגלידער פון אונזער ארדען אין צונעמען מיט אומגעזעצלעכע מיטלען אייגנטום פון א.-ר., באשליסט די 27טע קאנ-

ווענשאַן צו געבן איר הסכם אויף דעם פּאַסיגן ענטפער, וואָס דער נ. ע. ק. האָט שוין געגעבן. דער קומענדיגער נ. ע. ק. ווערט אינ־סטרואירט צו האַנדלען אין זעלבן גייסט״.

צו דער קאָנווענשאַן איז אויך געקומען אַ צווייטער קאָמיטעט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „איניציאַטיוו־קאָמיטעט״ און וואָס איז שוין באַשטאַנען פון אויסגעשפּראָכענע קאָמוניסטן. אַלס ענט־פער אויף דער ווענדונג מצד דעם קאָמיטעט, איז אָנגענומען געוואָרן אַזאַ רעזאָלוציע: „די 27טע קאָנווענשאַן פון אַ.־ר. דריקט אויס צו־פרידנקייט מיט דעם פּאַקט, וואָס די דורכגעפירטע באַשלוסן פון דער 25טער קאָנווענשאַן האָט געבראַכט צו איינינקייט און פאַרשטענדי־גונג אין אַ.־ר.. מיר האַלטן, אַז די טענות פון אַזוי־גערופענעם ,אי־ניציאַטיוו־קאָמיטעט׳, וואָס איז געקומען צו דער קאָנווענשאַן, זיינען ניט מער ווי אַן איבערחזרונג פון די פאַלשע באַהויפּטונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון די זעלבע עלעמענטן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. דעריבער אינסטרואירן מיר דעם נייעם נ. ע. ק. אָנ־צואווענדן די זעלבע טאַקטיק אין די ראַמען פון אונזערע געזעצן, וואָס זאָלן איינהאַלטן און פאַרפאָלקאָמען די גאַנצקייט און דיסציפּלין פון אַ.־ר.״.

צווישן די אַנדערע אָנגענומענע באַשלוסן איז אויך געווען „צו רעקאָמענדירן צו דעם קומענדיגן נ. ע. ק., אַז ער זאָל באַטראַכטן די מעגלעכקייט אָנצוהייבן אַ באַוועגונג פאַר אַן אַ.־ר.־שפּיטאָל״.

שטורמישער איז געווען די ווייטערדיגע קאָנווענשאַן אין 1929. דאָס איז שוין געווען ערב דער שפּאַלטונג, און די קאָמוניסטן האָבן ניט געהאַט קיין באַדערפעניש זיך צו צוימען. דער פאָרשפּיל איז פאָרגעקומען אויף דער נאָמינאַציע־קאָנפערענץ דעם 17טן פעברואַר 1929. ביים ציילן די שטימען פאַר אַ פאָרזיצער זיינען די כוחות־פאַרהעלטעניש געווען 305 קעגן 73 מצד די קאָמוניסטן. די גרעסטע צאָל שטימען, וואָס אַ „רעכטער״ קאַנדידאַט האָט געצויגן איז גע־ווען 384, און פון אַ „לינקן״ איז געווען — אַרום 90. אַ גרויסער סקאַנדאַל איז אויסגעבראָכן, ווען אַ קאָמוניסט האָט אין אַ רעדע וועגן אַ פונקט צו דער אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ באַצייכנט די „אינטערנעשאַנעל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן״ אַלס „שלע־זינגערס סקעב־אַגענטור״.

דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער אַקציע, וואָס די קאָ־מוניסטן האָבן דעמאָלט געפירט קעגן דער „אינטערנעשאַנעל״. פאַר

דער אַ.־ר. קאָנוועגשאָן אין שיקאַגאָ (11-5 מאַי 1929) האָבן די „לינקע" ברענטשעס אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפֿערענץ און אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל צווישן אַנדערן ברענגען צו דער קאָנווענ־שאָן פֿאָלגנדיגע פֿאָדערונג: „דער נ. ע. ק. פֿון אַ.־ר. זאָל אינסטרו־אירט ווערן צו געבן זיין פֿולע מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע צו דער אינדאָסטריעל נאָדל־טריידס יוניאָן אין אַלע אירע קאַמפּן און אונטערנעמונגען, ווי אויך צו פּראָטעסטירן קעגן דער פּאַרוואַל־טונג פֿון אַ.־ר. פֿאַר ארויסטרעטן לטובת דער אינטערנעשאָנעל".

צו דער שיקאַגער קאָנווענשאָן זיינען אָנגעקומען פֿון נאָענט און ווייט באַגריסונגען פֿון פֿאַרשידענע סאָציאַליסטישע, אַרבעטער און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די באַגריסונגען האָבן געוויזן די פֿעדים פֿון פֿריינדשאַפֿט, וואָס ציען זיך פֿון אַלע זייטן צום אַ.־ר.. אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע האָט די קאָנווענשאָן אויסגעדריקט דעם דאַנק אַלע אָרגאַניזאַציעס פֿאַר זייער וואַרעמער באַציאונג: „די 29טע קאָנווענשאָן דריקט אויס איר דאַנק צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פֿון אַמעריקע, צו דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין פּוילן, צו דער אינטערנעשאָנעל לייִדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, צו דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אוו אַמעריקע, צום יידישן סאָ־ציאַליסטישן פֿאַרבאַנד, צו די פֿאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפֿטן פֿון ניו־יאָרק, צו דעם ,בונד' פֿון רומעניע, צו דער אָרגאַניזאַציע ,אָרט', דעם לעטישן ,בונד', צו די יידישע אַרבעטער פֿון פּאַלעסטינע, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען ,הסתדרות העובדים הכללית', דעם יידיש־וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע — פֿאַר זייערע וואַרעמע באַגריסונגען".

צווישן די, וועלכע האָבן געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס, זיינען אויך געווען דער שליח פֿון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן, וויקטאָר אַלטער, און דער פֿאָרשטייער פֿון דער אינטערנעשאָנעל — דוד דובינסקי. זיין רעדע האָט דובינסקי פֿאַרענדיגט מיט פֿאָלגנדיגע ווערטער: „פֿריינד וויינבערג האָט געזאָגט ביי שלעזינגערס באַנקעט, אַז דער אַ.־ר. איז אַלע מאָל גרייט צו שטיין מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. עס קען זיין, אַז אין גיכן וועלן מיר זיין פֿאַרוויקלט אין אַ קאַמף. איך האָף, אַז איר וועט אונז שטיצן אין דאָזיגן קאַמף". ס'האָט אויך באַגריסט דער פֿירער פֿון די ס. ר'ען וויקטאָר טשערנאָוו.

די קאָנווענשאָן האָט באַגריסט די איניציאַטיוו פֿון נ. ע. ק. (צוזאַ־מען מיטן „פֿאָרווערטס", פֿאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפֿטן און

יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד) צו רופן אַ פאָלקס־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק וועגן „באַזאָרגן די דעקלאַסירטע יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד מיט געצייג, מאַשינען און אַרבעטס־מאַטע־ריאַלן, אין שייכות מיט דער אַרבעט פון ,אָרט׳ און ,אַגראָ־דזשאָינט׳ ”. די מיטגלידער זיינען גערופן געוואָרן צו שטיצן די אַקציע (די ניו־יאָר־קער ברענטשעס האָבן באַשלאָסן אַ טעקס פון 15 סענט אַ קוואַרטל).

נאָך דער 29טער קאָנווענשאָן זיינען די קאָמוניסטן צוגעטראָטן ענדגילטיק דורכצופירן די שפּאַלטונג. זיי האָבן גערופן ניט צו צאָלן די נאַציאָנאַלע טעקסעס, וואָס די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען, ווי אויך צו שאַפן פּאַראַלעלע סיטי־ און דיסטריקט־קאָמיטעטן. דער נ. ע. ק. האָט אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע ברענטשעס און געוואָרנט קעגן די צעשטערערישע מעשים מצד די קאָמוניסטן. אין צירקולאַר איז געזאָגט געוואָרן: „פון אַזאַ סאָרט פּראָוואָקאַציע האָבן מיר נאָך ביז־איצט אין א.־ר. ניט געהערט. דאָס איז מער ווי פּראָ־וואָקאַציע — דאָס איז איינפאַכער פאַרראַט. זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז ווען אַ ברענטש אָדער אַ מיטגליד פון אַ.־ר. וועט ניט צאָלן קיין געזעצלעכן שטייער, ווערט ער אויסגעשלאָסן און פאַרלירט אַלע זיינע רעכט”... „מיר זיינען פעסט אַנטשלאָסן איינצוהאַלטן די דיסציפּלין אין אונזערע רייען מיט אַלע מיטלען. מיר רופן דעריבער די ברענטשעס און מיטגלידער פון אַ.־ר. ניט צו לאָזן זיך פאַרפירן פון אַט דער נייער שענדלעכער אַרויסטרעטונג פון אונזערע רע־נעגאַטן”.

דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באָארד האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף מיט אַן ענלעכן אינהאַלט.

די קאָמוניסטן האָבן געמאַכט דעם לאַגישן אויספיר פון זייערע האַנדלונגען — און זיינען אַוועק. די נאָמינאַציע־קאָנפערענץ דעם 16טן פעברואַר 1930 איז שוין געווען פריי פון אַן אָרגאַניזירטער קאָ־מוניסטישער אָפּאָזיציע.

דעם 30טן אויגוסט 1929 האָט דער נ. ע. ק. אַרויסגעשיקט אַ רוף צו די ברענטשעס צו העלפן די פּאָגראָם־געליטענע יידן אין פּאַלעסטינע. אין דער ווענדונג איז געזאָגט געוואָרן: „דער אַ.־ר. האָט זיך שטענדיק אָפּגערופן אויף יעדן הילפס־געשריי, וואָס איז געקומען פון די יידן פון אַלע לענדער. אין אַ מאָמענט פון אַ גרוי־סער קאַטאַסטראָפע טאָר מען זיך ניט אָפּשטעלן אויף פּאָליטישע אַנשויאונגען און אויף פּאַרטייאישע באַציאונגען צו דער אָדער

יענער פראַגע. דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אונזער באַציאונג צו דער פּאַלעסטינע-פראַגע אָדער צום ציוניזם. דאָ האַנדלט זיך וועגן שאַפן באַלדיגע הילף פאַר הונדערטער פאַמיליעס, וועלכע זיינען דורך די פּאָגראָמען בוכשטעבלעך רואינירט געוואָרן און זייערע היימען זיינען אונטערגעצונדן און צעראַבירט געוואָרן".

אין די צוואַנציגער יאָרן האָט דער אַ.־ר., זיינע ברענטשעס און מיטגלידער, געשטיצט אַ ריי סטרייקן אין לאַנד, און באַזונדערס די סטרייקן פון די שניידער-אַרבעטער. אין דער צווייטער העלפט פון 1926 איז פאָרגעקומען אַ קלאָוקמאַכער-סטרייק, וואָס האָט געדויערט עטלעכע חדשים. אַ קאָנפערענץ פון ניו-יאָרקער ברענטשעס, דעם 10טן אָקטאָבער 1926, האָט באַשלאָסן אַ דאָלאַר טעקס פון יעדן אַ.־ר.־מיטגליד אין גאַנצן לאַנד. די הילף איז געגעבן געוואָרן נאָך אַ ווענדונג פון דער „אינטערנעשאַנעל". אַ חוץ דעם האָבן די ברענטשעס געהאָלפן זייערע אייגענע שטרייקנדיגע מיטגלידער. אויך אין 1929 איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון די ניו-יאָרקער ברענטשעס און ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן אַן אַקציע-קאָמיטעט צו פירן אַ הילף-אַקציע פאַר די קעמפנדיגע קלאָוקמאַכער. די קאָמוניסטישע „פרייהייט" האָט זיך באַמיט צו דיסקרעדיטירן די הילף-אַרבעט פון אַ.־ר. פאַר די סטרייקנדיגע שניידער. איינמאָל האָט זי געשריבן, אַז דער אַ.־ר. האָט „אָפּגעשטעקט" 25 טויזנט דאָלער, וואָס מ'האָט געזאַמלט פאַר די סטרייקנדיגע. אַ צווייט מאָל, ווען מ'האָט אויסגעצאָלט 10 טויזנט דאָלער פאַרן זעלבן צוועק, האָט זי געשריבן, אַז מ'האָט דאָס געלט אַוועקגעגעבן זיגמאַנען און זיין חברותא (זיגמאַן איז געווען דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן).

אין 1927 האָט דער נ. ע. ק. דורכגעפירט אין די ברענטשעס אַ זאַמלונג לטובת די סטרייקנדיגע קוילנגרעבער. מ'האָט די סטרייקנדיגע איבערגעגעבן געלט, שפּייז און מלבושים.

הגם די צוואַנציגער יאָרן זיינען געווען יאָרן פון צערודערונג צוליב דער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציע, איז אָבער דער אַ.־ר. פינאַנציעל געשטאַנען פעסט. אין 1928 איז די „וואַליואיישאָן", די פאַר־זיכערונגס-נאָרמע פאַר די צוקונפטיגע בענעפיטס, געווען 122 פּראָצענט, דאָס הייסט 22 פּראָצענט מער, ווי די אינשורענס-געזעצן זעען פאָר. דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען אַלטע יידישע אָרדענס זיינען געגאַנגען באַרג-אַראָפּ און דער אַמאָל מעכטיגער

יידישער אָרדען „ברית אברהם” איז פינאַנציעל געוואָרן צוזאַמענ־געבראָכן און איז אונטערגעגאַנגען.

די קראַפט פון אַ.־ר. איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז ניט בלויז געווען אַ בענעפיט־אָרדען, נאָר גלייכצייטיג אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען אין מיטן שטראָם פון לעבן, פול מיט געזעלשאַפט־לעכע פראַגן. אין אַ לייט־אַרטיקל האָט דער „פריינד” געשריבן: „מיר האָבן אונזער באַשיידענעם חלק אין דער פאַרשטאַרקונג פון כמעט יעדער יוניאָן, פון יעדן פאַרטיי־ברענטש אויף דער יידישער גאַס. מיר העלפן אויסטראָגן אויף אונזערע פּלייצעס ניט איין ביטערן סטרייק און מיר באַטייליגן זיך, און מיר וועלן זיך באַטייליגן אין יעדער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג אויף אונזער גאַס, וואָס דינט די אינטערעסן פון אונזערע מאַסן. מיר האָבן אָבער קיין גרונט ניט צו באַהאַלטן זיך הינטער עמיצנס רוקן, און צו לאָזן אונזער שיף שווימען אונטער אַן אַנדערער פאָן” (אויגוסט 1918). אויך אין די ווייטערדיגע יאָרן האָט דער אַ.־ר. זיך באַמיט צו גיין אויפן דאָזיגן אָנגעצייכנטן וועג.

פינפטער טייל

עקאָנאָמישער קריזיס. — זיין ווירקונג אין א.־ר.. — אַר־בעטסלאָזע נוצן אויס דעם קראַנקען־בענעפיט. — הילף פאַר אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. — רוזוועלט און זיין „ניו־דיל". — דער שאָטן פון האַקנקרייץ. — אַקציעס קעגן היטלער־טעראָר. — יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט. — מ'קען ניט גיין מיט באַלעבאַטישע עלעמענטן. — וועגן הילף פאַר פאַלעסטינע. — הילף פאַר פוילן און אַנדערע לענדער. — שטיצע פאַרן אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף. — שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. — ווענדונגען און אַטאַקעס פון די קאָמוניסטן. — פריינדשאַפטלעכע באַ־ציאונג מיט די יוניאָנס. — ווער עס גייט אַוועק און ווער עס בלייבט. — פאַראייניקונג מיטן אינדעפּענדענט א.־ר.. — דער בּרענטש אין קליינעם שטעטל. — די שולן אין די קריזיס־יאָרן. — די יוגנט און אירע פּראָבלעמען. — די קולטור־אַרבעט. — שטרייט אַרום אַ היים פאַר זקנים. — די קאָנווענשאַנס און זייערע באַשלוסן.

26. אין די דרייסיגער יאָרן

די דרייסיגער יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דעם גרעסטן עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס און זיך פֿאַרענדיגט מיטן אָנהויב פֿון דער גרעסטער וועלט־מלחמה. צווישן אָט די ביידע קאַטאַסטראָפֿעס — איינע וואָס האָט צעשטערט דעם לעבנס־ניוואָ און געריסן די נערוון פֿון די מענטשן, די אַנדערע וואָס האָט שוין צעשטערט דעם עצם לעבן און איבערגעהאַקט די נערוון פֿון צענדליגער מיליאָנען — זיינען די יאָרן געווען אָנגעפֿילט מיט דערשיינונגען און געשעענישן אין וועלכע די אַ.־ר. מיטגלידערשאַפֿט איז געווען שטאַרק פֿאַרוויקלט.

דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט במשך פֿון יאָרן מיט זיינע שאַרפֿע ציין געביסן ביזן ביין די אַרבעטער און פֿאָלקס־מאַסן פֿון אַמעריקע. גרויסע צאָלן מיטגלידער פֿון אַ.־ר. האָבן דעם וויטיק געפֿילט אין דעם אייגענעם גוף, האָבן די פּיין געהאַט אין דער אייגענער נשמה. להיפּוך צום אַמעריקאַנער אַרום, האָבן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן דאָ קיינמאָל ניט פֿאַרמאָגט דעם איינגעוואָרצלטן איזאָלאַציאָניזם. איז דאָך „יענע זייט ים״ געווען נאָך אַלץ — די היים: „די אַלטע היים״, אָבער — פֿאָרט אַ היים, וואו עס האָבן נאָך געלעבט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, סתּם קרובים און פֿריינד, און חברים פֿון די זעלבע אידעען און אידעאַלן. דעריבער האָט דאָס פֿאַנאַנדערבושעווען זיך פֿון נאַציזם און פֿאַשיזם, די ערשטע רויך־וואָלקנס, וואָס האָבן סיגנאַליזירט די אָנקומענדיגע וועלט־שׂרפֿה, אַזוי אומרואיג פֿאַנאַנדערגעוויגט די הערצער פֿון די יידישע אַרבעטס־מענטשן.

דער אַרבעטער־רינג האָט געמוזט זיך שיצן קעגן די כוואַליעס פֿון צעשטערונג, וואָס האָבן געשלאָגן אָן זיינע ווענט. ער האָט געמוזט זיך אָריענטירן אין די ניי־געשאַפֿענע סיטואַציעס און געבן אַן ענטפֿער אויף אַ ריי נייע פֿראַגן, וואָס האָבן פֿריער ניט עקזיסטירט. ביים סוף פֿון דאָזיגן שווערן קריזיס־פּעריאָד איז דער אַ.־ר. געבליבן שטיין גאַנץ און פֿעסט. מיט דעם איז מאַניפֿעסטירט געוואָרן ווי טיף פֿאַרוואָרצלט ער איז אין היגן יידישן לעבן און ווי

נויטיג ער איז פאַר די מיטגלידער און ווי נויטיג ס׳איז זיין געזעל־שאַפטלעכע ראָל.

דער גרויסער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן אין 1929 מיטן קראַך אויף וואָל־סטריט (וואָס געפינט זיך גראָד אין נאָענטער שכנות פון דער יידישער איסט־סייד אין ניו־יאָרק), האָט נאַטירלעך אויך שטאַרק געטראָפן ברייטע קרייזן פון די אַ.־ר.־מיטגלידער. דער עולם איז געבליבן אָן אַרבעט. די אָפּ־שפּאָרונגען האָט מען אויפגעגעסן. דער הונגער אין דער פאַמיליע איז געוואָרן אַ שטענדיגער גאַסט. וועגן צאָלן די בילס אין דער אָר־גאַניזאַציע האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין, ווען ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו קויפן ברויט אָדער צאָלן דירה־געלט.

פאַר די פירער און טוער פון אָרדען איז געוואָרן קלאָר, אַז אויב מ׳וועט ניט אָננעמען קיין עקסטרא־מיטלען, קען אַ באַדייטנדיגער טייל מיטגלידער פּשוט אַרויספאַלן צוליבן ניט צאָלן די בילס. אין יאַנואַר 1931 האָט דער נ. ע. ק. אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע בראַנטשעס וועגן העלפן די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער. ס׳איז דאָרט געזאָגט געוואָרן: „מיר פילן, אַז ס׳איז אונזער אַלעמענס חוב צו העלפן אונזערע אייגענע מיטגלידער, וועלכע זיינען אַרבעטסלאָז און קענען צוליב דעם ניט דערפילן זייערע פינאַנציעלע פליכטן צו דער אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָבן די בראַנטשעס פון אַ.־ר. דורך אַ ספּעציעלן טעקס געשאַפן אַ פאָנד צו דעקן דעם שטייער פון די מיטגלידער, וועלכע זיינען גערופן גע־וואָרן אין דער אַרמיי. אונזערע אַרבעטסלאָזע מיטגלידער ליידן איצט פון דער „עקאָנאָמישער מלחמה", וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט. פּונקט ווי מיר האָבן געהאָלפן אונזערע מיטגלידער אין דעם גרויסן וועלט־קריג, אַזוי מוזן מיר העלפן אונזערע מיטגלידער אין דער איצטיגער מלחמה, וואָס זיי דאַרפן פירן טאָג־טעגלעך פאַר זייער עקזיסטענץ". דער אויספיר: „נעמט אָן אַלע מעגלעכע מיט־לען און לאָזט ניט שטרייכן אייערע אַרבעטסלאָזע מיטגלידער". די בראַנטשעס האָבן געשאַפן לאָקאַלע פאָנדן און דורכגעפירט ספּעציע־לע אונטערנעמונגען פאַרן צוועק פון אַרויסהעלפן די אַרבעטסלאָזע. אין פיל ערטער האָט די נויט אַזוי געווירקט אויף די מיטגלידער, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם אינטערעס צו יעדער געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט. פאַר די בראַנטשעס איז געשטאַנען די פראַגע פון ניט לאָזן אָפּשטאַרבן ביי די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער זייערע גייס־

טיגע באַדערפֿענישן. דער נ. ע. ק. האָט אין דער זעלבער צייט אַסיגנירט אַ גרעסערע סומע אויף צו דעקן די בילס פֿון יענע ברענ־טשעס, וואָס זיינען עס ניט געווען בכוח צו טאָן מיט אייגענע מיטלען. ביז דער קאָנווענשאָן פֿון 1931 האָט די אַסיגנירטע סומע פֿון נ. ע. ק. אויף דעם צוועק באַטראָפֿן 10 טויזנט דאָלער. די קאָנווענשאָן גופא האָט באַשלאָסן צו באַשטימען נייע 25 טויזנט דאָלער פֿאַר העלפֿן צאָלן די בילס פֿון אַרבעטסלאָזע מיטגלידער. אין משך פֿון ערשטן יאָר האָבן מיט דעם פֿאָנד זיך באַנוצט קרוב 9 טויזנט מיטגלידער.

שפּעטער האָט מען געדאַרפֿט באַשטימען נייע סומעס. עס האָבן זיך געהערט שטימען, אַז עס קומען פֿאַר מיסברויכן, ד. ה. אַז פֿון דעם פֿאָנד גניסן אויך אַזעלכע, וועלכע זיינען דערצו ניט באַ־רעכטיגט.

דער אַ״ר. איז געווען געצוואונגען דורכפֿירן אָפּשפּאָרונגען אין פֿאַרשידענע אינסטיטוציעס. ער האָט רעדוצירט דעם געהאַלט פֿון די אָנגעשטעלטע און פֿאַרקלענערט אַנדערע הוצאות. פֿון אַלע זייטן האָט מען זיך געווענדט נאָך הילף, מאַרטגעדזשעס און הלוואות. דאָס האָבן געטאָן ברענטשעס, לייבאָר לייסעאומס און שולן. דער נ. ע. ק. האָט אָבער אין פֿיל פֿאַלן געמוזט אָפּזאָגן, ווייל ער האָט ניט געטאָרט רירן די געלטער פֿון די אַנדערע פֿאָנדן. אין די יאָרן 1932־1931 האָט מען געהאָלפֿן אַרבעטסלאָזע מיטגלידער מיט איבער 100 טויזנט דאָלער.

אַ פֿיינלעכע אָפּעראַציע האָט מען דורכגעפֿירט מיטן קראַנקען־בענעפֿיט. אין 1932 האָט די קאָנווענשאָן מיט אַ מערהייט פֿון 79 שטימען קעגן 24 באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל ניט צאָלן קיין בענעפֿיט פֿאַר דער ערשטער וואָך פֿון קראַנק זיין. דער באַשלוס איז געוואָרן אָנ־גענומען, ווייל אין פֿאַרגאַנגענעם יאָר האָט מען אויסגעצאָלט קראַנ־קען־בענעפֿיט מיט 70 טויזנט דאָלער מער, ווי דער פֿאָנד האָט גע־האַט הכנסה. ס׳איז געווען קלאָר, אַז מיט דעם פֿאָנד באַנוצן זיך פֿיל אַרבעטסלאָזע, וועלכע זיינען ניט קראַנק, נאָר די נויט שטופּט זיי צו סימולירן אַ קראַנקהייט. אַזוי ווי עס זיינען געווען אַ סך פּראָטעסטן קעגן אָפּשאַפֿן דאָס צאָלן קראַנקען־בענעפֿיט פֿאַר דער ערשטער וואָך, האָט די קאָנווענשאָן באַשלאָסן צו שיקן צום רע־פֿערענדום אויך אַ צווייטן פֿאָרשלאַג: די ערשטע וואָך קראַנקען־בענעפֿיט בלייבט, דערפֿאַר זאָל דער טעקס פֿאַרן קראַנקען־בענעפֿיט געהעכערט ווערן מיט 36 סענט אַ קוואַרטל. אין רעפֿערענדום איז

אדורך, אז „די רעכט אויף קראַנקען־בענעפיט הויבט זיך אָן פון דעם אַכטן טאָג פון מיטגלידס קראַנקהייט". בעת דער דאָזיגער רע־פערענדום־אָפּשטימונג איז געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן פאַרשידענע סובסידיעס פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די קאָנווענשאָן האָט באַשטימט. מ'האָט אַרגומענטירט, אַז אַנשטאָט אָוועקצוגעבן אַנדערע, זאָל מען דאָס געלט בעסער פאַרברויכן פאַר די אייגענע מיטגלידער. די אַגיטאַציע האָט קיין פּעולה ניט געהאַט. אַלע סובסידיעס זיינען אין רעפערענדום באַשטעטיגט געוואָרן, הגם מיט אַ קלענערער מערהייט ווי געווײנלעך.

נאָך דער דאָזיגער אָפּעראַציע האָט דער „פריינד" אייניגע מאָל אַלאַרמירט, אַז דעם פאָנד דראָט ווייטער אַ געפאַר ניט גע־קוקט אויף דעם, וואָס מיטן אָפּשאַפן די צאָלונגען פאַר דער ערשטער וואָך קראַנק זיין, האָט מען איינגעשפּאָרט 80 טויזנט דאָלער אַ יאָר. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, איז דערקלערט געוואָרן אין אַ לייט־אַר־טיקל מאַי 1933: „מענטשן ווענדן זיך היינט צו דעם קראַנקן־בע־נעפיט־פאָנד צוליב אַרבעטסלאָזיגקייט, צוליב דחקות"... „פאַראַן ברענטשעס, וואָס האָבן פאַר די לעצטע דריי, פיר קוואַרטלען ניט איינ־געצאָלט צום גענעראַל־אָפיס קיין איין סענט. זיי דעקן זייערע בילס מיט די קראַנקען־בענעפיטס, וואָס זיי ציען און, וואָס איז נאָך אינ־טערעסאַנטער — דער אָפיס קומט נאָך זיי געלט. אַ ברענטש פון 60־70 מיטגלידער, וועלכער צאָלט איין צום קראַנקען־בענעפיט־פאָנד קאַרגע הונדערט דאָלער, ציט פון גענעראַל אָפיס ביז 350 אָדער 400 דאָלער. פיל דאָקטוירים האָבן אונז איבערגעגעבן, אַז טוער פון ברענטשעס קומען צו זיי און פאַרלאַנגען אונטערצושרייבן סערטיפיקאַטן פאַר אַזעלכע מיטגלידער, וועלכע זיינען, לויט דער מיינונג פון דאָקטער, ניט אַזוי קראַנק, אַז זיי זאָלן ניט קענען אַר־בעטן. אַ טייל פון אַזעלכע מיטגלידער זיינען טאַקע אַרבעטסלאָז. זיי אַרבעטן ניט, אָבער זייער אַרבעטסלאָזיגקייט איז ניט קיין רע־זולטאַט פון זייער קראַנקהייט".

אין יאָר 1932 האָט מען אויסגעצאָלט מיט 107 טויזנט דאָלער מער קראַנקען־בענעפיט, וויפיל מ'האָט איינגעצאָלט אין דעם פאָנד. אין יערלעכן באַריכט פון נ. ע. ק. אין 1933 איז אויך אויסגעדריקט געוואָרן די מורא, אַז די רעפאָרם פון אָפּשאַפן די ערשטע וואָך קראַנקען־בענעפיט וועט ניט העלפן, ווייל פיל ברענטשעס און מיט־גלידער האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם קראַנקען־בענעפיט־פאָנד

פאַר אַ מין הילף־פאָנד. אין באַריכט ווערט געזאָגט, אַז „ס׳איז כמעט ניטאָ קיין איין ברענטש, וועלכער זאָל ניט האָבן איבערגעצויגן קראַנקען־בענעפיט אַ סך מער וויפיל ער צאָלט איין צו דעם פאָנד”. אין אַ באַריכט צום נ. ע. ק. דעם 11טן יוני 1933 האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר באַסקין איבערגעגעבן: „עס איז אַ פאַקט, אַז אַ גאַנץ גרויסע צאָל ברענטשעס שיקן גאָר ניט קיין קאָמיסיעס צו די קראַנקע און מען שרייבט אונטער סערטיפיקאַטן ביי די מיטינגען”... „די בעסטע און ערלעכסטע דאָקטוירים ווערן גאַנץ אָפט באַאיינפלוסט פון די פירער פון די ברענטשעס אָדער פון די מיטגלידער גופא אונטערצושרייבן סערטיפיקאַטן. זיי טוען דאָס פשוט, ווייל עס ווערט זיי דערעסן צו אַרגומענטירן מיט זיי”.

די מיטגלידער האָבן אָנגעשטרענגט אַלע כוחות, כדי ניט לאָזן אונטערגיין די לייבאַר־לייסעאומס און קעמפּס. די ברענטשעס און די מיטגלידער האָבן פשוט ניט געקענט פועלן ביי זיך צו לאָזן פאַרלוירן גיין דאָס פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אין די אינסטיטוציעס במשך די פּראָספּעריטי־יאָרן. ניט אומעטום זיינען די באַמיאונגען געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. אין אַ ריי ערטער האָט מען ניט געקענט אויסהאַלטן די לייבאַר־לייסעאומס און מ׳האָט זיי געמוזט ליקווידירן. פון דער צווייטער זייט זיינען אויך געווען פאַלן, ווען דווקא אין די קריזיס־יאָרן זיינען געעפנט געוואָרן נייע לייבאַר־לייסעאומס אָדער אַנדערע אינסטיטוציעס.

הגם דער א.־ר. האָט אַליין שטאַרק געליטן פון קריזיס און געמוזט קאַרגן פאַר זיינע מיטגלידער, פונדעסטוועגן האָט ער שטענדיק געאיילט מיט הילף פאַר אַנדערע דאָרט, וואו עס איז נויטיק געווען. מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט די אָפּשטימונג וועגן די סובסידיעס. אויך אין אַנדערע פאַלן האָט דער א.־ר. אַרויסגעוויזן זיין פאַרשטענדניש און פליכט. וועגן דעם האָט דער פאַרזיצער פון נ. ע. ק., י. וויינבערג, באַריכטעט צום נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד (19 מאַי 1933): „אונזער גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג, בעיקר די יוניאָנס, געפינט זיך אין אַ קריטישער לאַגע. עס איז געבליבן איין אָרגאַניזאַציע — דער אַרבעטער־רינג, וועלכער שטייט אייזן־שטאַרק”. „מען קומט צו אונז נאָך שטיצע פאַר אַלע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. צום לויב פון די ברענטשעס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז זייער אָפּרוף אויף יעדן אַפּיל, וואָס קומט פון אַ צווייטער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, איז זייער אַ וואַרימער און ברידערלעכער”.

דער אַ.־ר. האָט זיך שווער געראַנגלט מיט די דראָענדיגע סכנות, וואָס זיינען געקומען פון גרויסן, לאַנג־דויערנדיגן עקאָנאָמישן קריזים און פון דער מאַסן־אַרבעטסלאָזיגקייט, און איז אַרויס ניט געניזוקט.

דער אומגעהויערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיל נויט און ליידן צו מיליאָנען מענטשן און אַזוי באַשיינפּערלעך געוויזן דעם באַנקראָט פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, האָט פּאָליטיש גורם געווען דעם „ניו־דיל” פון רוזוועלטן. אין אַמעריקאַנער לעבן איז דאָס געווען אַ נייע דערשיינונג, צו וועלכער מ'האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ שטעלונג — זאָגן יאָ אָדער ניין. נאָך דעם ווי פראַנקלין ד. רוזוועלט איז אין 1932 צום ערשטן מאָל געווילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, האָט דער אַ.־ר. אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט, וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט ניט געלערנט פון דער ביטערער לעקציע, אַז בלויז סאָציאַליזם קען פאַרהיטן פון עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפעס. אין דער אָפּשאַצונג פון די וואַלן האָט דער אָרגאַן פון אַ.־ר. („פריינד”, נאָוו.־דעצ. 1932) געזאָגט: „ליידער מוזן מיר מיט ביטערער אַנטוישונג קאָנסטאַטירן אָט דעם פאַקט, אַז די אַמעריקאַנער מאַסן זיינען נאָך ווייט, ווייט פון זיין פּאָליטיש רייף אַנטוויקלט צו שטימען מיט באַוואוסטזיין און פאַרשטאַנד. זיי זיינען בלינד און באַגרייפן ניט, אַז ניט הואָווער און ניט רוזוועלט אַלס פּערזאָנען וועלן קענען אַרויספירן אַמעריקע פון איר שרעקלעכער עקאָנאָמישער לאַגע”... „ביידע האָבן ניט געהאַט דעם מוט אָנצורירן די אמתע וואונדן פון אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָנרירן אָט די וואונדן הייסט אַ טרייסל טאָן דעם פונדאַמענט פון אונזער גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, און דאָס האָט קיין פאַרנינפטיגער מענטש ניט דערוואַרט פון זיי ביידן. דאָס איינציגע אמתע וואָרט, וואָס האָט אָנגערירט די הערצער פון די מאַסן און וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל באַגייסטערונג, איז געזאָגט געוואָרן פון די סאָציאַליסטן”... אָבער ליידער האָט דאָס „ניט אָנגערירט די טיפענישן פון די ברייטע שיכטן פון פאָלק”. דער קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט דעמאָלט באַקומען איבער 800 טויזנט שטימען.

און נאָכן ערשטן האַלבן יאָר פון רוזוועלטס פּרעזידענטשאַפט האָט מען געקענט לייענען אין אָרגאַן פון אַ.־ר. אַזעלכע ווערטער: „זייערע נעמען געהערן אין איינעם, ווייל ביידע — **היטלער און**

רוזוועלט — שטייען אויף איין ברעט, אויף איין סאָציאַל־פּאָליטישער **פּלאַטפאָרם.** וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַטפאָרם? עס איז שווער אַרויסצוזאָגן דאָס שווערע וואָרט, אָבער קיין אַנדער נאָמען פאַר איר איז ניטאָ: דאָס איז — **דער פאַשיזם**"... „רוזוועלט איז דער פאָנען־טרעגער און דער עקספּאָנענט פון דעם קולטיווירטן פאַשיזם. ער איז אַ הויך־קולטיווירטער, פאַשיסטישער עפּלבוים. אָבער פאַשיסטן זיינען זיי ביידע, אי ער, אי היטלער" (ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, „פריינד", אויגוסט 1933). מ'דאַרף ניט זיין קיין חסיד פון רוזוועלטן כדי צו זען, אַז זשיטלאָווסקי האָט אים פאַלש געאָורטיילט. און כאָטש זשיטלאָווסקי האָט ניט פּרעטענדירט צו רעדן אין נאָמען פון אַ.־ר. און האָט ניט אויסגעדריקט די מיינונג פון די אַ.־ר.־פירער, איז אָבער זיין אַרטיקל אין „פריינד" געווען כאַראַקטעריסטיש. ס'האָט דער רעדאַקציע ניט געאַרט וואָס מ'האָט רוזוועלטן אַריינגעזאָגט...

ביי די צווייטע וואַלן — אין 1936 — האָבן מיר שוין געהערט אַנדערע ווערטער. פון אַקטיווער קעגנערשאַפט איז מען אַריבער צו אַ פאָרמעלער נייטראַליטעט. נאָכן אויסוויילן רוזוועלטן אַלס פּרעזידענט דעם צווייטן מאָל, האָט דער לייט־אַרטיקל פון „פריינד" געזאָגט: „דער אַ.־ר. האָט ניט גענומען קיין שטעלונג אין די וואַלן. מיר נעמען איבערהויפּט ניט קיין שטעלונג אין פּאָליטישע וואַלן: ערשטנס, צוליב ספּעציעל לעגאַלע סיבות; צווייטנס, האָבן מיר היינטיגס יאָר ניט געקענט נעמען קיין שטעלונג, ווייל מיר האָבן ניט געוואָלט אַריינברענגען קיין צעשפּליטערונג אין אונזערע אייגענע רייען"... און וועגן דער ניי־געגרינדעטער ניו־יאָרקער לייבאָר־פּאַרטיי: זי איז „ניט אַרויסגעטראָטן אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע פּאַרטיי מיט אייגענע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע קאַנדידאַטן, נאָר האָט זיך בלויז אָנגעהאַנגען אויף דעם וואָגן פון דעם פּרעזידענט־קאַנדידאַט און גאָווערנאָר־קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי"... „דער נצחון פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין ניו־יאָרק קען צו קיינעם ניט צוגעשריבן ווערן. מיר וואָלטן וועלן זען אַ לייבאָר־פּאַרטיי, וואָס זאָל אויף איר אייגענעם חשבון האָבן אייגענע פאַרדינטע נצחונות אויף אַלע וועגן און אונטערנעמונגען, אויף אַלע געביטן פון איר אַקטיוויטעט"... „דער דערפאָלג פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי קען נאָר דאַן זיין געזיכערט, ווען די פּאַרטיי וועט זיין דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און אידעאַל, וואָס זאָלן באַלויכטן איר וועג — פּונקט ווי דער סאָציאַליסטישער געדאַנק

און אידעאַל זיינען דער וועגווייזער פון דער מעכטיגער לייבאָר-פּאַר-טיי אין ענגלאַנד״.

ביי דער דאָזיגער פאָרמעלער נייטראַליטעט און פּאַקטישער אָפּאָזיציע, הגם אין אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטער פאָרם, איז דער אַ.-ר. ניט געבליבן שטיין. דאָס איז געווען בלויז אַן עטאַפּ אויפן וועג צו פּאַקטישער אונטערשטיצונג. אויף דער באַלטימאָרער קאָנווענ-שאָן אין 1939 האָבן אַ ריי רעדנער געבראַכט צום אויסדרוק די גע-ענדערטע באַציאונג. אין דער עפענונגס-רעדע האָט מען פון פאָר-זיצער י. וויינבערג געהערט ווערטער פול מיט לויב פאַר רוזוועלטן, „וועלכער האָט מיט אַזוי פיל מענטשן-ווירדע און ליבשאַפט צו די אונטערדריקטע זיך איינגעשפּאַנט צו ראַטעווען די ציוויליזאַציע פון אונטערגאַנג. ספּעציעל מיר, יידן, וועמענס האַרץ בלוטיגט אַזוי פיל פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלן אַלע מאָל מיט אַכטונג און רעספּעקט דערמאָנען דעם נאָמען, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל שטאָלץ געגעבן אַ וואָרנונג צו די פאַשיסטישע און נאַצישע פירער, אַז זיי זאָלן אָפּשטעלן די הריגות און פאַרפאָלגונגען אויף אומשולדיגע מענטשן״. און די קאָנווענשאָן גופא האָט אין אַ ספּע-ציעלער רעזאָלוציע „באַגריסט פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט פאַר זיין מוטיגער שטעלונג קעגן דיקטאַטור און פאַר זיין צוזאָג, אַז דעמאָקראַטיע, פרייהייט און טאָלעראַנץ איז געווען און וועט זיין דער פונדאַמענט פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק״.

דעם דאָזיגן בהדרגהדיגן איבערגאַנג אין דער באַציאונג צו רוזוועלטן האָבן גורם געווען דריי פאַקטאָרן: די רעאַלע געווינסן פון די אַרבעטער און זייערע יוניאָנס ביי דעם „ניו-דיל״; די שפּאַל-טונג און באַרג-אַראָפּ פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַ-וועגונג; די נאַציש-פאַשיסטישע פאַרפלייצונג אין אייראָפּע און די דראָענדיגע סכנה פון היטלערס וועלט-הערשאַפט.

היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויך אויף דער אַמעריקאַנער ערד. אויך דאָ האָבן זיינע חסידים אויפ-געהויבן דעם קאָפּ. די ידיעות וועגן דער טרויעריגער לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד און שכנישע לענדער, וואו עס שטאַרקט זיך די היטלערישע השפעה, האָבן אויפגערודערט די יידישע געמיטער. דער אַקטיווער טייל פון די אַמעריקאַנער יידן האָט אָנגעהויבן באַ-גרייפן די געפאַר, וואָס עס ברענגט מיט זיך דער נאַציזם.

דער אַ.-ר. האָט באַלד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין

1933 זיך באַטייליגט אין די פּראָטעסט־באַוועגונגען פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג. דאַקעגן האָט דער נ. ע. ק. זיך אָפּגעזאָגט צו זיין אָנגעשלאָסן אין דער קאָנפערענץ, וואָס עס האָט גערופן די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״. די קאָנפערענץ האָט ניט געוואָלט קיין **עפנטלעכע** אַרויסטרעטונגען קעגן דעם היטלער־טעראָר. דער נ. ע. ק. האָט זיך ניט געקענט שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אַזעלכע אַרויסטרעטונגען וועלן נאָך מער פאַרערגערן די לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד. פאַרקערט, דער אַ.־ר. האָט זיך באַטייליגט אין פאַרשידענע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם היטלעריזם. אין 1933 האָט דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באָארד איבערגעשיקט צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג אַ רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט פון איר אַרויסצוטרעטן קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף יידן און אַרבעטער־טוער אין דייטשלאַנד. מ׳האָט אויך גערופן צו באָיקאָטירן דייטשע סחורות. אין אַ רעזאָלוציע פון 30טן דעצעמבער 1933 האָט דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באָארד „באַגריסט די באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איבער דער גאַנצער וועלט צו באָיקאָטירן דייטשע סחורות אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן די פאַרפאָלגונגען פון דעם היטלער־רעזשים אויף סאָציאַליסטן, ראַדיקאַלן און יידן אין דייטשלאַנד. דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן־באָארד רופט די בראַנטשעס אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין לאַנד, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן צו דער באָיקאָט־באַוועגונג אין זייערע ערטער״. דער אַ.־ר. האָט זיך אויך באַטייליגט אין פּראָטעסט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג קעגן דער געפּלאַנטער הלוואה פאַר נאַצי־דייטשלאַנד. אויך אין אַ ריי אַנדערע אַנטי־היטלערישע אַקציעס, פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס זיינען דער אַ.־ר. און זיינע בראַנטשעס געווען אַקטיוו באַטייליגט.

27. הילף־גרייטקייט

אויך אין די שווערע קריזיס־יאָרן איז דער א.־ר. געווען אַקטיוו אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין פאַרשידענע הילף־אַקציעס — סיי יידישע, סיי אינטערנאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישע.

אין יאָר 1934 האָבן די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע געשאַפן אַ נייע קערפּערשאַפט — דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. וועגן גרויסן חלק פון א.־ר. אין אַט דער געמיינזאַמער קערפּערשאַפט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס אויף דער ערשטער גרינדונגס־קאָנפערענץ האָבן פון די בערך טויזנט דעלעגאַטן אַרום 500 פאַרטראָטן ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג. בעת דער גרינדונג איז אַרויפגעקומען די פראַגע צי קען אַן אַנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציע גלייכצייטיג אויך געהערן צו אַנדערע ענלעכע קערפּערשאַפטן, ווי „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" אָדער יידישער קאָנגרעס. דער א.־ר. ווי אַ ריי אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען קעגן אַזאַ טאָפּלטער בירגערשאַפט. נאָך דעם ווי די דאָזיגע שטעלונג איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט, האָבן די ציוניסטישע עלעמענטן פאַרלאָזט די קאָנפערענץ. דער אַרבעטער־רינג איז געווען און פאַרבליבן דער הויפּט־זייל פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. אויף דער קאָנווענשאָן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין יאָר 1935 האָבן 80 פּראָצענט דעלעגאַטן פאַרטראָטן ברענטשעס פון א.־ר..

דער א.־ר. איז געבליבן געטריי דעם באַשלוס צו קאָנצענטרירן די הילף־אַרבעט און די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַקציעס דורך דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן אין די בירגערלעכע קערפּערשאַפטן. אין 1934 איז אָנגעקומען אַן איינלאַדונג צום אַרבעטער־רינג וועגן אָנשליסן זיך צום „יידישן קאָנגרעס". דער נ. ע. ק. האָט אין אַפּריל 1934 אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע ברענטשעס, אַז אין הסכם מיט דער רעזאָלוציע אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, קען מען ניט זיין אָנגעשלאָסן גלייכצייטיק אין אַ צווייטער קערפּערשאַפט, וואָס פירט אַן ענלעכע טעטיגקייט. דער „יידישער קאָנגרעס" האָט זיך דאָך באַמיט אַריינצוציען צו זיך א.־ר. ברענ־

טשעם. דעם 8טן יאַנואַר 1935 האָט דעריבער דער נ. ע. ק. פאַר־עפנטלעכט אַ דערקלערונג, אין וועלכער עס איז מאָטיווירט געוואָרן פאַרוואָס מ׳דאַרף ניט געהערן צו דער דאָזיגער קערפּערשאַפט. צווישן אַנדערן ווערט אין דער דערקלערונג געזאָגט: „די יידישע אַרבע־טער־מאַסן האָבן ניט קיין שום אינטערעס אין דעם יידישן קאָנגרעס. זיי האָבן דאָרט ניט וואָס צו טאָן, ווייל רײדן אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער קענען בלויז זייערע אמתע פאַרטרעטער, וועמען זיי האָבן אַליין געוויילט: דאָס איז דער יידישער אַרבעטער־קאָמי־טעט און ניט קיין אַנדערע קערפּערשאַפט״... „אונזער אידעאָלאָ־גיע און אונזערע מאָטיוון זיינען גאַנץ אַנדערע ווי פון די עלעמענטן, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם יידישן קאָנגרעס״.

אַ שטיקל צייט האָט דער אַ.־ר. זיך מיטבאַטייליקט צוזאַמען מיט די באַלעבאַטישע עלעמענטן פון יידישן קאָנגרעס אין פּראָטעסטן קעגן די היטלער־רציחות. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ביידע צדדים קוקן מיט אַנדערע אויגן אויף דער זאַך. באַגרינדנדיג די שטעלונג פון נ. ע. ק. צו דעם ענין, האָט דער פּרעזידענט י. וויינ־בערג מיט פאַקטן אילוסטרירט די אוממעגלעכקייט פון גיין צוזאַ־מען: „מיר זיינען פרייהייטס־קעמפער, מיר פּראָטעסטירן און מיר זיינען גרייט אַנצופירן אַ קאַמף קעגן יעדער פאַשיסטישער רע־גירונג, ווייל דאָרט וואו עס איז פאַראַן פאַשיזם, דאַרף מוזן אויך זיין פאַרפאָלגונגען אויף יידן. די עסטרייכישע און לאַטווישע פאַ־שיסטישע רעגירונגען זיינען בנוגע יידן אין תוך ניט בעסער פון דער היטלער־רעגירונג. די באַלעבאַטישע עלעמענטן קימערן זיך אָבער ניט וואָס מען פאַרפאָלגט סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן. אויב אַ רעגירונג פאַרפאָלגט דערווייל ניט קיין יידן, זיינען זיי שוין צו־פרידן און זיי פּראָטעסטירן ניט. מיר האָבן אידעאיש ניט געקענט זיין פאַרבונדן מיט דעם יידישן קאָנגרעס און דערפאַר זיינען מיר געווען אַזוי אַקטיוו ביים שאַפן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט״.

אייניגע מאָל איז אויסגעקומען זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דער באַ־ציאונג צום יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע. דעם 2טן יאַנואַר 1931 האָט בן גוריון אין נאָמען פון „הסתדרות״ געהאַלטן אַ באַגריסונגס־רעדע אויף אַ סעסיע פון נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד פון אַ.־ר.. בן־גוריון האָט קריטיקירט די שטעלונג פון אַ.־ר. צום ציוניזם און געזאָגט: „אונז איז פיינלעך וואָס לגבי אונז עקזיסטירט דאָ אַ ,קראָמיע יעווריעיוו פּאָליטיק׳״. אויף דעם האָט געענטפערט דער פּרעזידענט

פון אַ.־ר. נ. כּאַנין: „איר האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן ארץ־ישׂראל אַוועקגעשטעלט אין דער קאַטעגאָריע פון ,קראַמיע יעווריעיוו׳, דאָס איז דורכאויס ניט ריכטיג. אַלע מאָל האָט דער אַ.־ר. אין זיינע אַקציעס אַריינגענומען ארץ־ישׂראל צוזאַמען מיט אַנדערע לענדער. וואָלט מען געמאַכט אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג, וואָלט מען איינגעזען, אַז פּראָפּאָרציאָנעל האָבן מיר געשטיצט ארץ־ישׂראל מער ווי אַן אַנדער לאַנד. אַזוי האָבן מיר געהאַנדלט אין די צייטן פון ,פּיפּלס רעליף׳, און מיט אונזער שטיצע פאַר די שולן, הגם מיר האָבן געהערט וועגן דיס־קרימינאַציעס קעגן יידיש. אויך פאַר די פּאָגראָם־געליטענע אין ארץ־ישׂראל האָט דער אַ.־ר. פּראָפּאָרציאָנעל געגעבן אַ סך מער, ווי וועלכע ניט איז קערפּערשאַפט פון אַן ענלעכן כאַראַקטער״...

„אמת, אָפיציעל באַטייליגט זיך ניט דער אַ.־ר. אין ציוניסטישע אַקציעס. דאָס איז דערפאַר וואָס אין זיין גרויסער מערהייט איז דער אַ.־ר. ניט ציוניסטיש. אָבער אונזערע ברענטשעס האָבן פולע אויטאָנאָמיע צו האַנדלען אין דער פראַגע, ווי זיי געפינען פאַר נויטיג. איך וויל אונטערשטרייכן, אַז די אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל זיינען אונז אַזוי נאָענט און טייער ווי די יידישע אַרבעטער פון פוילן, לעטלאַנד און אַלע אַנדערע לענדער. מיר שטעלן קיינעם ניט אין דער קאַטעגאָריע פון ,קראַמיע יעווריעיוו׳ און גיבן אויך קיינעם ניט קיין פאָרצוג. מיר טיילן בכלל ניט די יידישע אַרבעטער פון דער וועלט אין שטיפקינדער און לייבלעכע קינדער. אַלע יידישע אַרבע־טער זיינען פאַר אונז גלייכע יחסנים״.

נאָך דער רעדע האָט בן־גוריון געמאַכט די דאָזיגע דערקלערונג: „אין דער אַרבעט פון אַרבעטער־רינג האָב איך באמת קיינמאָל קיין דיסקרימינאַציע קעגן אונז ניט געזען. וואָס שייך דער שפּראַך־פראַגע, וויל איך זאָגן, אַז איך באַטראַכט דעם קאַמף קעגן יידיש פאַר אַ שעדלעכן. אָבער מיר באַטראַכטן די יידישע קולטור אין העברעאיש ניט פאַרן אייגנטום פון אַ קליינער גרופּע קאַפּיטאַליסטן, וואָס קען זיך דעם לוקסוס פאַרגינען, נאָר פאַרן אייגנטום פון די גרויסע מאַסן אַרבעטער״...

דער אַ.־ר. איז געווען ווייט פון געדאַנק צו דיסקרימינירן קעגן די יידן אין פּאַלעסטינע, ער איז אָבער פּונקט אַזוי ווייט געווען פון געדאַנק זיי צו פּריווילעגירן. גאַנץ בולט האָט דאָס אַרויסגעבראַכט דער גענעראַל־סעקרעטאַר י. באַסקין אין אַ רעדע, וואָס ער האָט גע־

האַלטן דעם 15טן יאַנואַר 1938 פֿאַר די טוער פֿון אַ.־ר. אין שיקאַגאָ: „ווען עס האַנדלט זיך וועגן הילף פֿאַר יידן בכלל — האָט געזאָגט באַסקין — אָדער פֿאַר יידישע אַרבעטער, דאַרף ניט געמאַכט ווערן קיין אויסנאַם. מען דאַרף ניט טראַכטן, אַז יידישע אַרבעטער פֿון פּאַלעסטינע זיינען מער באַרעכטיגט צו הילף ווי די יידישע אַרבעטער פֿון פּוילן אָדער אַנדערע לענדער. דער אַרבעטער־רינג איז פֿאַר דעם — און דאָס איז באַשטעטיגט געוואָרן פֿון די אַ.־ר.־קאָנווענ־שאַנס — אַז ווען הילף איז נויטיג, זאָל אָרגאַניזירט ווערן איין זאַמל־אַקציע און די געזאַמלטע געלטער זאָלן פּראָפּאָרציאָנעל פֿאַרטיילט ווערן צו אַלע, וועלכע נויטיגן זיך אין הילף".

אַרויסגייענדיג פֿון דעם שטאַנדפּונקט, האָבן די קאָנווענשאַנס פֿון אַ.־ר. ניט געוואָלט פֿאַרבינדן דעם אַ.־ר. מיט דעם „געווערק־שאַפֿטן־קאַמפּיין פֿאַר הסתדרות", און אַ טייל פֿון די ברענטשעס האָבן זיך פֿאַרבונדן אויף זייער אייגענער אחריות.

פֿאַקטיש האָט דער אַרבעטער־רינג אַלס גאַנצער געגעבן הילף פֿאַר יידן אומעטום, וואו ס'איז געווען נויטיג. ער האָט דאָס זעלבע געטאָן בנוגע דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט נאָכן זיג פֿון פֿאַשיזם און נאַציזם אין אַ ריי לענדער שטאַרק זיך גענויטיגט אין הילף. פֿון פּוילן, וואָס האָט דעמאָלט פֿאַרמאָגט דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע, זיינען כסדר אָנגעקומען הילף־רופֿן. די פֿאַרערגערטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פֿון די דאָרטיגע יידן האָט באַוואויגן דעם יידישן אַרבעטער־קאָ־מיטעט אין 1937 צו רופֿן אַן „עמוירדזשענסי"־קאָנפֿערענץ, וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפֿן אַ פֿערטל מיליאָן דאָלער. 75 פּראָ־צענט פֿון דער סומע, איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר די יידן אין פּוילן און 25 פּראָצענט פֿאַר דער אומלעגאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פֿאַשיסטיש־באַהערשטע לענדער. אין דער דאָזיגער קאָנפֿערענץ זיינען געווען העכער 500 דעלעגאַטן פֿון אַ.־ר. ברענטשעס. דער אַרבעטער־רינג האָט זיך פֿאַרפּליכטעט צו שאַפֿן 50 טויזנט דאָלער. אין 8־1937 האָט מען געזאַמלט ספּעציעל פֿאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן 50 טויזנט דאָלער, און די מיטגלידער פֿון אַ.־ר. האָבן צו דער סומע אַ סך ביייגעשטייערט. אין 1938 האָבן די ברענטשעס פֿון אַ.־ר. געפֿירט אַ זאַמל־אַקציע פֿאַר דעם יידישן אַרבעטער־קאָ־מיטעט, „אָרט" און לאָס אַנדזשעלעסער סאַנאַטאָריע. אין 1939 האָבן

די ברענטשעס זיך באַטייליקט אין דער הילף-אַקציע פאַר דער יידי־שער אַרבעטער-באַוועגונג אין פּוילן און אירע אינסטיטוציעס. ווי אין די פריערדיקע יאָרן, האָט מען אויך געשטיצט דעם היאַס מיט באַדייטנדיקע סומעס. ווען דער היאַס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק גענויטיקט אין הילף, האָט מען אויף די ברענטשעס באַשטימט אַ ספּעציעלן טעקס פאַר דער אינסטיטוציע. באַזונדערס אַקטיוו זיינען די מיטגלידער און ברענטשעס אין די שטעט און שטעטלעך געווען אין דעם געצייג-קאַמפּיין פאַר די יידן אין רוסלאַנד, וואָס אַ ספּע־ציעלער קאָמיטעט מיט ב. וולאַדעק בראָש האָבן געפירט. די פאַר־שטייער פון „בונד" און פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַ־ניזאַציע (ציש"א), וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט קומען אַהער, האָבן שטענדיק געפונען די וואַרעמסטע מאָראַלישע און פינאַנציעלע אונטערשטיצונג אין אַרבעטער-רינג. בכלל איז דער אַ.-ר. געשטאַ־נען אין פריינדלעכע באַציאונגען מיט אַ גרויסער צאָל אָרגאַניזאַ־ציעס אין אויסלאַנד, האָט זיי איבערגעשיקט פינאַנציעלע הילף און זייערע שלוחים האָבן אין די קרייזן פון אַ.-ר. געפונען אַן אָנשפּאַר פאַר זייערע אַקציעס דאָ אין לאַנד.

דער פאַשיזם און היטלעריזם האָבן צעשמעטערט די אַרבעטער־פּאַרטייען און די יוניאָנס אין אַ ריי לענדער — איינפלוסרייכע און שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פריער ניט געדאַרפט אָנקומען צו הילף פון אַנדערע. די אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג האָט געהאַלטן פאַר איר מאָראַלישע פליכט איילן צו הילף די אַנטי-פאַ־שיסטישע קעמפער, וואָס האָבן זיך פאַרמירט אין דער אונטערערדי־שער אַרבעטער-באַוועגונג. די אַמעריקען פעדערייטשאַן אָוו לייבאָר האָט אין 1935 באַשלאָסן צו שאַפן אַ „לייבאָר-טשעסט" פאַרן קאַמף קעגן פאַשיזם און פאַר די קרבנות פון דאָזיקן בלוטיקן רעזשים. דער יידישער אַרבעטער-קאָמיטעט איז געווען אַקטיוו באַטייליקט אין שאַפן אָט דעם „לייבאָר-טשעסט" און די אַ.-ר. ברענטשעס האָבן ביישטייערט גרויסע סומעס אויף דעם צוועק.

נאָך דער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין עסטרייך און דעם העלדישן אויפשטאַנד פון די דאָרטיקע סאָציאַליסטן אין 1934 האָט דער אַ.-ר. זיך באַטייליקט אין די סימפּאַטיע-אויסדריקן און געלט־זאַמלונגען פאַר דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. באַזונדערס וואַרים האָבן די מיטגלידער פון אַ.-ר. זיך אָפּגערופן

בעת דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע. מיטן פּולן האַרץ האָבן זיי געענטפערט באַלד אין 1936 אויפן ערשטן רוף פון נ. ע. ק. צו זאַמלען 25 טויזנט דאָלער פאַר די שפּאַנישע פרייהייטס־קעמפער. אַחוץ געלט, האָט מען אויך געזאַמלט קליידער, מעדיקאַמענטן און שפּייז. צו דער קאָנווענשאָן פון 1937 האָט דער נ. ע. ק. געקענט באַריכטן: „מיר קענען מיט שטאָלץ אָנווייזן, אַז עס איז כמעט ניטאָ קיין איין איינציגער אַ־ר־ברענטש, וואָס זאָל ניט האָבן בייגעשטייערט זיין חלק פאַר דער שפּאַנישער הילף־אַקציע". מ'האָט זיך ניט באַנוגנט מיט פינאַנציעלער אונטערשטיצונג אַליין, נאָר אויך פּאָליטיש אונ־טערגעשטיצט די שפּאַנישע פרייהייטס־קעמפער. דאָס איז געטאָן געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אין מאַי 1938 האָט דער נ. ע. ק. אַוועקגעשיקט צום פּרעזידענט רוזוועלט און צום אַמעריי־קאַנער אויסערן־מיניסטער האַל אַ דעפּעשע מיט אַ פאָדערונג „אַז עס זאָל אָפּגענומען ווערן דער עמבאַרגאָ אין שייכות מיטן נייטראַ־ליטעט־אַקט"... „דאָס לאָיאַליסטישע רעפּובליקאַנישע שפּאַניע", האָט געזאָגט די דעפּעשע, „קעמפט פאַר די דעמאָקראַטישע אידעען, וואָס זיינען טיף איינגעוואָרצלט אין אונזער אַמעריקאַנער לעבן. דער עקזיסטירנדיגער נייטראַליטעט־אַקט האָט געשאַפן אַ לאַגע, וואָס העלפט פאַקטיש די פאַשיסטישע כוחות און ניט דעם רעפּובליקאַ־נישן שפּאַניע. אין נאָמען פון פרייהייט, אין נאָמען פון דעמאָקראַ־טיע פאַרלאַנגען מיר פון אייך, אַז איר זאָלט אָפּשאַפן דעם עמבאַרגאָ לגבי שפּאַניע".

אויך דאָ אין לאַנד גופא זיינען געשטיצט געוואָרן פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ווען זיי זיינען געווען אין אַ נויט. פון פריער ווייסן מיר שוין, ווי אַקטיוו דער אַ־ר. האָט זיך באַטייליגט אין די גרויסע קאַמפן פון די יידישע שניידער און פון יידישע אַרבע־טער אין אַנדערע פאַכן. אָבער אויך ניט־יידישע אַמעריקאַנער אַר־בעטער פלעגן זיך ווענדן נאָך הילף צום אַרבעטער־רינג. אַזוי, למשל, איז אויף אַ זיצונג פון נ. ע. ק. דעם 9טן נאָוועמבער 1930 געקומען אַ פאַרשטייער פון דער יוניאָן פון די קוילן־גרעבער אין אַמעריקע און אַפּעלירט צו שטיצן דעם סטרייק פון די קוילן־גרעבער אין וועסט־ווירדזשיניאַ. די יוניאָן האָט אַרויסגעשיקט אַן אַפּיל צו אַלע ברענטשעס פון אַ־ר. און דער נ. ע. ק. האָט באַשלאָסן צו אינ־דאָרסירן דעם אַפּיל. אויך אין די ווייטערדיגע יאָרן האָבן אַ ריי יוניאָנס פון ניט־יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע זיך געווענדט צום

נ. ע. ק. וועגן הילף אין זייערע שווערע אקציעס. דער נ. ע. ק. האָט שטענדיג געהאַנדלט אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט.

דער אַרבעטער־רינג האָט תמיד געדענקט, אַז ער האָט צו דערפילן אַ טאָפּלטע פליכט: אַ נאַציאָנאַלע — העלפן די אייגענע פאָלקס־ברידער; אַ סאָציאַלע — איילן מיט הילף צו די קעמפנדיגע אַרבעטער פון אַלע פעלקער. זיין הילפס־טעטיגקייט האָט ניט אָנערקענט קיין לאַנד־גרענעצן און פאָלקס־מחיצות.

28. פֿאַרבינדונג מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און טרייד־יוניאָנס

פֿון די ערשטע טעג פֿון זיין עקזיסטענץ האָט דער אַרבעטער־אָרדען מאַרשירט זייט ביי זייט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער איז מיט איר געגאַנגען באַרג־אַרויף אין די יוגנט־יאָרן, און זיך באַמיט איינצופֿלאַנצן ביי זיינע מיטגלידער טריישאַפֿט צו איר. ביי וואַלן האָבן מיטגלידער פֿון אַ.־ר. נאָרמאַל געדאַרפֿט שטימען פֿאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן, וואָרים פֿאַר די קאַפּיטאַליסטישע קאַנדידאַטן האָט מען דאָך על פּי קאָנסטיטוציע ניט געטאָרט שטימען. די טוער און פֿירער פֿון אַ.־ר. זיינען גלייכצייטיג געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט אין אַמעריקע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, גראַד אין די יאָרן, ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע זיינען מעכטיג אויסגעוואַקסן און איניגע פֿון זיי זיינען געוואָרן בכוח איבערצונעמען די רעגירונגען פֿון זייערע לענדער, איז דאָ אין אַמעריקע געווען פֿאַרקערט: די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז כסדר געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. אַמאָל שטילערהייט און אַמאָל מיט רעש זיינען קלענערע אָדער גרעסערע גרופּעס אַוועק פֿון איר. אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס זיינען פֿון איר אַוועק די קעגנער פֿון דער אַנטי־מלחמה־שטעלונג, וואָס עס האָט פֿאַרנומען די פּאַרטיי. שפּעטער האָבן פֿאַרלאָזט אירע רייען די אָנהענגער פֿון קאָמוניזם. אין יאָר 1936 האָט זיך שוין געשפּאָלטן דער סאַמע קערן פֿון דער אָרגאַניזאַציע. און געשפּאָלטן האָט מען זיך דאָס מאָל צוליב פּאָראיבערגייענדיגע חלוקי־דעות.

אין אָט דער שפּאַלטונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פֿאַטאַל פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן דער אַ.־ר.. דער ריס אין דער סאָצ. פּאַרטיי האָט זיך פֿאַרטיפֿט נאָך דעם, ווי די סאָצ. קאָנווענשאָן אין דעטראָיט האָט אין יאָר 1934 אָנגענומען אַ פּרינציפּן־דערקלערונג,

וואָס האָט געהאַט קעגן זיך אַ מינדערהייט. נאָך דער דאָזיגער קאָנווענשאָן האָט מען איינגעלאַדן די פירער פון אַרבעטער־רינג צו אַ באַראַטונג וועגן קאָנפליקט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער פּאַרזיצער און גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַ.־ר. האָבן אין נאָמען פון אָרדען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר איינהאַלטן די איינהייט. ווען דער עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג, געווידמעט די אַנטשטאַנענע חלוקי־דעות און דעם סכסוך צווישן די ריכטונגען, האָט דער נ. ע. ק. פון אַרבעטער־רינג צוגעשיקט צו דער דאָזיגער זיצונג אַ בריוו מיט אַזאַ אינהאַלט:

„דעם קומענדיגן מאַי וועט דער אַ.־ר. פייערן זיין 35־יאָריגן יובילײ. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ איז ניט געווען קיין איין מאָמענט, ווען דער אַ.־ר. האָט ניט געפילט, אַז ער איז אַ טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און ספּעציעל אַ טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ווען אין 1928 איז פאָרגעקומען אַ ווידער־אויפלעבונג פון אונזער פּאַרטיי אין אַמעריקע און מיר האָבן נאָמינירט אונזער פאַנען־טרעגער נאָרמאַן טאָמאַס אַלס קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן, זיינען אין לאַנד די אַ.־ר.־בּרענטשעס געווען די איינציגע פאַקטאָרן צוריק אויפצושטעלן די פּאַרטיי. זיי האָבן געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז געווען מעגלעך, אַז דער פּאַרטיי־קאַנדידאַט זאָל זיין געזעצלעך אויפן באַלאָט אין יענע שטאַטן, וואו די פּאַרטיי האָט אַפילו ניט געהאַט קיין בּרענטש אָדער לאָקאַל. מיר דערמאָנען דעם פאַקט צוליב דעם, כדי איר זאָלט וויסן, אַז הגם מיר זיינען ניט דירעקט אַ פּאַרטיי־אָפּטיילונג, זיינען מיר אָבער מיט אונזער גאַנצן וועזן פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צום באַדויערן האָט זינט דער לעצטער קאָנווענשאָן אין דעטראָיט זיך אַנטוויקלט אַזאַ סיטואַציע, וואָס קען אונטערגראָבן די עקזיסטענץ פון אונזער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און וועט במילא אויך זיך אָפּרופן אויף אונזער אָרגאַניזאַציע. מיר אַפּעלירן צו אייך אין נאָמען פון אונזער סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַז איר זאָלט געפינען אַ וועג צו באַזייטיגן אויף וויפיל עס איז נאָר מעגלעך דעם איצטיגן צושטאַנד. ביי אַזאַ מצב איז אוממעגלעך צו פירן וועלכע ניט איז אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פאַרן סאָציאַליזם. מיר קענען אייך פאַרזיכערן, אַז ס׳איז ניטאָ נאָך אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז אַזוי שטאַרק פאַר־

אינטערעסירט, אַז אין די סאָציאַליסטישע רייען זאָל עקזיסטירן איינינקייט, ווי מיר. מיר האָפן, אַז איר וועט זיך צוהערן צו אונזער אַפּיל און טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך צו אַרבעטן פאַר האַרמאָניע. מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז איינינקייט אין אונזערע רייען איז היינט מער וויכטיג ווי אין וועלכער ניט איז אַנדערער צייט".

דער הייסער וואונטש פון אַ.־ר. איז ניט מקוים געוואָרן; דער אויפריכטיגער אַפּיל צו איינינקייט איז ניט געהערט געוואָרן. די פירער און טוער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי — פון דער מערהייט און פון דער מינדערהייט — האָבן אויסגעקליבן דעם לייכטן וועג פון שפּאַלטונג פאַרן שווערן פּרייז פון באַדראָען די גאַנצע צוקונפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. אויב אין אָנהויב, ווען דער קאָנפליקט אין דער פאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, איז די אָנפירונג פון אַ.־ר. געווען פאַר איינהאַלטן די איינינקייט, איז עס אָבער שפּעטער געוואָרן אַנדערש. טייל פירער פון אַ.־ר. האָבן זיך אָפן אַנגאַזשירט אויף דער זייט פון דער „אַלטער גוואַרדיע" (מינדערהייט) און דאָס האָט גורם געווען, אַז אין אַרבעטער־רינג גופא זאָל זיך צעפלאַקערן אַ שטרייט אַרום דער פראַגע.

אין באַריכט פון נ. ע. ק. צו דער קאָנווענשאָן אין 1937 איז געזאָגט געוואָרן, אַז די פאַרוואַלטונג פון אַ.־ר. האָט פאַרנומען אַ נייטראַלע שטעלונג אין פראַקציאָנעלן קאַמף און אַ דאַנק דעם איז פאַרהיט געוואָרן, אַז די שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי זאָל אַריינברענגען אַ צערודערונג אין דעם אַרבעטער־רינג. „אויף וויפיל אונזער שטעלונג איז געווען אַ געזונטע", זאָגט דער באַריכט, „איז צו זען פון דעם, וואָס אין אונזערע ברענטשעס הערשט האַרמאָניע און איינינקייט".

די פאַטאַלע רעזולטאַטן פון דער שפּאַלטונג האָבן ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך. פאַר אַ סך איז אויך געוואָרן קלאָר, אַז די חלוקי־דעות זיינען ניט געווען פון אַזאַ מין, וואָס זאָלן אוממעגלעך מאַכן דאָס זיין צוזאַמען אין איין פאַרטיי. מ'האָט דעריבער אָנגעהויבןריידן וועגן צוריק אויפשטעלן די גאַנצקייט פון דער סאָצ. באַוועגונג. שוין מיט 3 יאָר נאָך דער שפּאַלטונג האָט אַ קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג קלאָר זיך אַרויסגעזאָגט פאַר צוריק פאַראייניגןביידע סאָציאַליסטישע טיילן. די קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. אין

יאָר 1939 האָט וועגן דעם אָנגענומען אָט די רעזאָלוציע: „דעם אַ.־ר. איז אַלע מאָל געווען טייער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. ער האָט שטענדיק געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך, צו העלפן און שטאַרקן די דאָזיגע באַוועגונג. ווען די שפּאַלטונג אין דער סאָצ. פּאַרטיי איז פֿאָרגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט דאָס אונז זייער וויי געטאָן. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס וועט ברענגען צו אַ פּאַקטישן שטילשטאַנד אין דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און עס וועט אין גאַנצן אָפּשוואַכן דעם איינפֿלוס אויף דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין אַמעריקע, וואָס אַ פֿאַראייניגטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געקענט אויסאיבן. די 39טע קאָנווענשאָן פֿון אַ.־ר. באַגריסט דעם פּרוּוו, וואָס עס ווערט געמאַכט, אַז עס זאָל פֿאָרקומען אַ פֿאַראייניקונג פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿעדעראַציע און סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער וואונטש פֿון דער קאָנווענשאָן איז, אַז די אונטערהאַנדלונגען זאָלן ווייטער פֿאָרקומען און אַז ביידע צדדים זאָלן טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך, צו פֿאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פֿון אַ פֿאַראייניגטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן".

אין זעלבן יאָר איז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פֿון אַ.־ר. פֿאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אַ געמיינזאַמע מאַי־פֿייערונג פֿון דער סאָצ. פּאַרטיי, סאָצ. דעמ. פֿעדעראַציע און אַרבעטער־רינג.

נאָכן אַוועקגיין פֿון די קאָמוניסטן איז דעם אַ.־ר. נאָך פֿיל מאָל אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט זיי. קודם האָבן זיי אומאויפֿהערלעך אַטאַקירט דעם אַ.־ר. אין זייער פּרעסע. ווייטער זיינען געווען צרות צוליב דעם, וואָס זיי האָבן פֿאַרכאַפּט אייגנטום פֿון ברענטשעס אָדער לייבאָר־לייסעאומס, און אין אייניקע ערטער האָט מען געמוזט גיין זיך לאָדן מיט זיי אין געריכט. ניט בלויז זייערע קלעפּ און אַטאַקעס האָט מען געדאַרפֿט אָפּשלאָגן, נאָר אויך אָפּוואַרפֿן זייערע „ליבעס־דערקלערונגען". ווען די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט מיטאַמאָל געביטן איר טאַקטיק און גענומען כּסדר באַמבאַרדירן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס מיט פֿאָרשלאָגן צו שאַפֿן אַ „איינהייטלעכן פֿראָנט", האָט אויך דער אַרבעטער־רינג אַזעלכע ווענדונגען באַקומען. אין 1933 איז אַזאַ ווענדונג געווען וועגן רופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַלע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס צו שאַפֿן אַ באַוועגונג איינצופֿירן אין אַמעריקע סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג. עס זיינען אויך געווען אַנדערע קאָמוניסטישע ווענדונגען, ווי למשל צו

באַטייליגן זיך אין אַ „קאָנגרעס קעגן מלחמה און פאַשיזם", און נאָך און נאָך. אין דער זעלבער צייט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַר־בעטער־אָרדען האָט געמאַכט אַזעלכע ווענדונגען וועגן געמיינזאַמע אַקציעס, איז דער אַ"ר. ווייטער כסדר אַטאַקירט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דער נ. ע. ק. האָט די אַלע ווענדונגען אָפּגעוואָרפן און דעם אָפּזאָג מאָטיווירט מיט דעם, אַז ער גלויבט ניט אין דער אויפריכטיגקייט און ערלעכע כוונות פון די קאָמו־ניסטן. די לעצטע האָבן זיך ניט באַנוגנט מיטן אָפּזאָג פון נ. ע. ק. און זיך געווענדט דירעקט צו די ברענטשעס, אָבער אויך דאָ קיין מזל ניט געהאַט.

אַן אויסנאַם זיינען געווען איניגע ברענטשעס, וועלכע זיינען געווען באַאיינפלוסט פון אַ גרופּע, וואָס איז אַוועק פון דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי — די אַזוי־גערופענע לאָוועסטאָניסטן. אין 1933 האָבן זיי אויסגעבילדעט אַ קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון 7 ברענ־טשעס, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די קאָמו־ניסטן אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַקציעס. דער קאָמיטעט האָט גערופן אַ קאָנפערענץ פון ברענטשעס, אויף וועלכער דער נ. ע. ק. איז שאַרף אַטאַקירט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער זאָגט זיך אָפּ צו־זאַמענאַרבעטן מיט די קאָמוניסטן. דער נ. ע. ק. האָט אָבער אין דער פראַגע אויסגעדריקט דעם ווילן פון דער גרויסער מערהייט פון דער אַ"ר. מיטגלידערשאַפט. די קאָנווענשאָן אין 1935 האָט אַקצעפּטירט די שטעלונג פון נ. ע. ק. און פעסטגעשטעלט, אַז די באַציאונג פון די קאָמוניסטן צום אַ"ר., „זייער ראָל אין דער אַל־געמיינער אַרבעטער־באַוועגונג און זייער טאַקטיק האָט זיך ביז היינט ניט געענדערט. דעריבער דערקלערן מיר, אַז דער ענטפער פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַ"ר. איז דער ענטפער פון דער קאָנווענשאָן". די דאָזיגע שטעלונג איז אָנגענומען געוואָרן מיט 699 שטימען קעגן 44.

אין גיכן נאָך מיטגלידער האָט די קאָמוניסטישע פרעסע גע־שריבן, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדען דאַרף אַריינ־נעמען אויך דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער. דער נ. ע. ק. פון אַ"ר. האָט אין אַן עפנטלעכער דערקלערונג אָנגעוויזן, ווי פרינציפּנלאָז די קאָמוניסטן האַנדלען און ווי פאַלש און אומאויפריכטיג ס'איז דער קאָמוניסטישער געשריי, אַז דער אַ"ר. איז כלומרשט אַן אָרדען פון „באָסעס און סקעבס", אַז ער זאָל זיך האָבן אָפּגעקערט פון אַר־

בעטער־קלאס און פארלוירן זיין סאציאליסטישע נשמה. אין דער דערקלערונג פון נ. ע. ק. איז געזאגט געווארן, אז ס'איז פונקט פארקערט: דער א.־ר. קען מיט פיל פאקטן „באווייזן ווי שטארק עס זיינען באשטראפט געווארן מיטגלידער, וועלכע זיינען ניט געווען לאיאל צו די פרינציפן פון א.־ר. אין צייט פון א סטרייק, אדער וועלכע האבן זיך ענראלט אלס דעמאקראטן אדער רעפובליקאנער. עס זיינען געווען פאלן, ווען מיטגלידער פון א.־ר., וועלכע זיינען באטראכט געווארן פאר סקעבן פאליטיש אדער עקאנאמיש, האב געשלעפט דעם א.־ר. אין געריכט. מיר האבן זיך אבער פאר דעם קיינמאל ניט אפגעשראקן". ווייטער האט דער נ. ע. ק. דערמאנט, אז מיטגלידער, וועלכע זיינען פון א.־ר. אויסגעשלאסן געווארן פאר סטרייקברעכעריי און אנדערע „פרינציפיעלע פארברעכנס" האט מען „אויפגענומען אין אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדען מיט אפענע ארעמס" .. „דער א.־ר. גלויבט, אז עס איז יא שעדלעך צו עפענען די טויערן פאר אלע פאליטישע בורזשואזע ריכטונגען אין אן ארגאניזאציע ווי אונזערע. מיר זאגן אונזערע נייע מיטגלידער גלייך פון אנהויב וואס מיר פארלאנגען פון זיי, וואס מיר פאדערן פון זיי, און געווים ווילן מיר ניט עפענען אונזערע טירן פאר טעמעני־האלניקעס און אנדערע פאליטישנס".

אויך אין די ווייטערדיגע יארן זיינען אנגעקומען ענלעכע ווענדונגען פון די קאמוניסטן וועגן געמיינזאמע אקציעס און „איינהייט־לעכע פראנטן", אבער יעדעס מאל איז מצד דעם א.־ר. געקומען אן אפזאג. דעם 3טן מאי 1936 איז צום נ. ע. ק. געקומען א דעלעגאציע און פארגעלייגט, אז דער א.־ר. זאל האבן א פארטרעטער אין א גרויסער פאלקס־דעלעגאציע קיין בירא־בידזשאן אויף די הוצאות פון דער סאוועטישער רעגירונג. אויך דא האט דער נ. ע. ק. געהאנדלט ווי בנוגע אלע אנדערע קאמוניסטישע ווענדונגען. די כסדרדיגע אפזאגן האבן אבער ניט אנטמוטיגט די קאמוניסטן און זיי זיינען ניט מיד געווארן איבערצוחזרן זייערע ווענדונגען אויך אין די ווייטערדיגע יארן, ווי לאנג עס האט אנגעהאלטן די טאקטיק פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון פרואוון אריינציען די אנדערע ארבעטער־ארגאניזאציעס אין אן אזוי־גערופענעם „איינהייטלעכן פראנט".

אין דער צייט, ווען דער א.־ר. האט ניט געוואלט האבן קיין מגע ומשא מיט דער קאמוניסטישער באוועגונג, האט ער באפעסטיגט זיין פריינדשאפט מיט די גרויסע מאסן־ארגאניזאציעס פון דער אר־

בעטערשאַפט און באַזונדערס מיט די יוניאָנס, מיט וועלכע ער איז במשך פון יאָרן געשטאַנען אין נאָנטע באַציאונגען.

באַזונדערס וואַרעם זיינען געווען די באַציאונגען מיט די אינטערנעשאַנעל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן — מיט דער גרויסער אָרגאַניזאַציע פון שניידער פון פרויען־קליידער. אין דעצעמבער 1929 האָט די 20טע קאָנווענשאָן פון אינטערנעשאַנעל אין אַן איינשטימיג אנגענומענער רעזאָלוציע רעקאָמענדירט צו דער אָנפירונג פון דער יוניאָן אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף צו אַלע מיטגלידער אַריינצוטרעטן אין אַרבעטער־רינג. די אָרטיגע אָפּטיילונגען און די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאַנעל זיינען גערופן געוואָרן צו „העלפן אויף יעדן מעגלעכן אופן דעם אַ.־ר. אין די קאַמפּיינס, וואָס דער אָרדען פירט צו ווערבירן נייע מיטגלידער”. די קאָנווענשאָן האָט אויסגעדריקט „די אנערקענונג און האַרציגע דאַנקבאַרקייט צום אַ.־ר. פאַר דער הילף וואָס ער האָט שטענדיג געגעבן דער אינטערנעשאַנעל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן”. אין הסכם מיט דעם איז אין די צייטונגען פון דער יוניאָן, אין „גערעכטיגקייט” און „דזשאַסטיס”, געווען אָפּגעדרוקט אַן אויפפאָדערונג צו די לאָקאַלן און מיטגלידער וועגן דער נויטיגקייט פון געהערן צום אַרבעטער־רינג.

ענלעך האָט די אינטערנעשאַנעל אויך געהאַנדלט אין די ווייטערדיגע יאָרן. אין 1938 האָט פּרעזידענט דוד דובינסקי פאַנאַנדערגעשיקט צו די לאָקאַלן אַ בריוו, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן: „די לעצטע קאָנווענשאָנס פון אונזער אינטערנעשאַנעל האָבן אָפיציעל אינדאָרסירט דעם אַרבעטער־רינג. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויפצופאָדערן אונזערע לאָקאַלן, אַז זיי זאָלן העלפן דעם אַ.־ר. אין זיינע קאַמפּיינס אויף יעדן מעגלעכן געביט”... „אין דער צייט, ווען אונזער אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַרוויקלט אין סטרייקן מיט די באַלעבאַטים אָדער איז געווען אָפּגעשוואַכט צוליב אַנדערע סיבות, האָט דער אַ.־ר. אונז געגעבן פולע און ברידערלעכע הילף. איצט, ווען דער אַ.־ר. פירט אַ קאַמפּיין פאַר נייע מיטגלידער, איז די פליכט פון אונזערע לאָקאַלן צו געבן זיי די ברייטהאַרציגע שטיצע, וואָס זיי פאַרדינען”.

ענלעך איז געווען די באַציאונג פון דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן — פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע פון שניידער פון מענער־מלבושים. אין 1936 האָט די קאָנווענשאָן פון אַמאַלגאַמייטעד אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט פעסט־

געשטעלט: „זינט דער גרינדונג פון דער אַמאַלגאַמייטעד איז דער אַרבעטער־רינג געווען אַ פריינד פון אונזער יוניאָן. דער אַרבע־טער־רינג אַלס גאַנצער און אויך די באַזונדערע ברענטשעס אין לאַנד האָבן זיך אַלע מאָל ווארעם אָפּגערופן מיט הילף, ווען נאָר די אַמאַלגאַמייטעד האָט עס פון זיי פאַרלאַנגט". דעריבער שיקט די קאָנווענשאָן „איר פראַטערנאַלן גרוס צום אַרבעטער־רינג און באַ־שליסט אויפצופאָדערן אַלע מיטגלידער פון דער אַמאַלגאַמייטעד צו גרינדן אַמאַלגאַמייטעד ברענטשעס פון אַ.־ר. אָדער זיך אָנשליסן אַלס מיטגלידער פון די עקזיסטירנדיגע ברענטשעס".

אין די יאָרן 1936־1939 האָט דער אַ.־ר. ווערבירט נייע מיט־גלידער אויך אין אַנדערע יוניאָנס, ווי מילינערי (הוט), אָנגעשטעלטע און אין אַנדערע פאַכן. פון די יוניאָנס זיינען צוגעקומען ניט בלויז איינצלנע מיטגלידער, נאָר אויך גאַנצע טרייד־יוניאָן־ברענטשעס.

דעם 1טן מאַי 1936 האָט דער אַרבעטער־רינג זיך באַטייליגט אין דער גרויסער ניו־יאָרקער דעמאָנסטראַציע־פאַרזאַמלונג אין „פּאָ־לאָ גראַונדס" צוזאַמען מיט די טרייד־יוניאָנס — אינטערנעשאָנעל, אַמאַלגאַמייטעד, מילינערי־יוניאָן, פאַראייניגטע יידישע געווערק־שאַפטן און אַנדערע.

ניט קיין אָפּגעזונדערטע, איזאָלירטע אָרגאַניזאַציע פאַר זיך, נאָר מיט אַן אַ שיעור פעדים איז דער אַרבעטער־רינג געווען גע־קניפּט און געבונדן מיטן אַרבעטער־לעבן און מיט די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט.

29. מיטגלידער און ברענטשעס אין אַ ביטערער צייט

צום אַרבעטער־רינג געהערט מען פרייוויליג. קיין שום צוואַנג איז דאָ ניטאָ. פאַרשידענע לעבנס־אומשטענדן האָבן דעריבער געקענט ווירקן, אַז אַ טייל מיטגלידער זאָל מיט דער צייט אַוועק פון דער אָרגאַניזאַציע. פון דער צווייטער זייט האָט גראַד די פרייוויליגקייט, די באַוואוסטזיניגע אָנגעהעריגקייט גורם געווען, אַז זייער פיל זאָלן זיך ניט לאָזן אַוועקשטויסן פון אָרדען דורך אויסערלעכע אומשטענדן.

אין די ערשטע יאָרן האָט דער פריש־איינגעוואַנדערטער אַרבעטער ניט געהאַט קיין היים, אַלנפאַלס ניט קיין וואַרעמע. פיל האָבן ניט געהאַט קיין משפחה. דער אָרדען איז פאַר אָט די מענטשן געווען אַ כמו־היים, וואָס האָט געוואַרעמט אין הו־האַדיגן, אָבער דאָך עלנטן לעבן. אין די דרייסיגער יאָרן איז שוין געווען ווייט אַנדערש. די מענטשן האָבן שוין געהאַט היימען, משפחות און באַלעבאַטישקייט. ס'זיינען געקומען די קריזיס־צייטן. צו צאָלן די בילס איז געוואָרן שווער אָדער לחלוטין אוממעגלעך. האָט אַ טייל זיך געלאָזט שטרייכן פון דער מיטגלידער־רשימה. די וועלכע זיינען געווען אידעאיש מער צוגעבונדן צו דער אָרגאַניזאַציע, האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען און אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטן, כדי ווייטער צו בלייבן אין דער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען געווען נאָך אַנדערע מאָטיוון, וואָס האָבן באַשטימט וועגן דער ווייטערער אָנגעהעריגקייט צום אָרדען.

וועגן דעם האָט דערציילט דער באַריכט־אָפּגעבער פון נ. ע. ק. אויף דער קאָנווענשאָן אין 1931, נ. כאַנין: „אונזער פאַרלוסט פון מיטגלידער איז אַממערסטן דאָרט, וואו אַרבעטער זיינען ניטאָ. אין די גרויסע צענטערן, וואו אונזער מיטגלידערשאַפט באַשטייט בעיקר פון אַרבעטער, איז אונזער פאַרלוסט געווען אַ סך קלענער, ווי אין די שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע עס זיינען פאַראַן ווייניג אַרבעטער. דער געוועזענער אַרבעטער און מיטגליד פון אַרבעטער־רינג, וועלכער איז געקומען צו פאָרן אין די ווייטע שטעט און שטעטלעך פון די דרום־ און מערב־שטאַטן, איז געוואָרן אויס אַרבעטער, האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און איז דערווייטערט געוואָרן פון אונזערע

אידעאלן. מען האָט זיך אָנגעהויבן שעמען מיט אונזער אָרגאַניזאַ־ציע, מיטן נאָמען אַרבעטער בכלל — און זיי זיינען פון אונז אַוועק. אָבער אין די גרויסע צענטערן, מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג פון אַרבעטער, האָבן מיר כמעט קיין פאַרלוסט ניט געהאַט. אויך אין די גרויסע שטעט זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דעם סאָ־ציאַלן מצב פון אונזער מיטגלידערשאַפט. אין דער צייט פון „פּראָס־פּעריטי" זיינען אַ סך פון אונזערע מיטגלידער אַוועק פון אונז. ניט די אָרימערע זיינען פון אונז אַוועק, נאָר גראַד די רייכע"... „די צאָל געשטראָכענע אין 1930 איז געווען אַ קלענערע, ווייל צוליבן קריזיס האָט מען אונז געדאַרפט. גראַד אין דער צייט, ווען דאָס לאַנד מאַכט דורך אַ קריזיס, ווען ס'איז שווער צו צאָלן די בילס, גראַד אין דער צייט ווילן מענטשן ניט אַוועקגיין".

ס'זיינען אַוועק נאָך צוויי יאָר פון עקאָנאָמישן קריזיס, און עס בייט זיך שוין די לאַגע. די אַרבעטסלאָזיגקייט ווירקט זיך שטאַר־קער אויס און מער אַרבעטער פאַלן אַרויס פון אָרדען. ס'פאַלן אַרויס גראַד מיטגלידער פון יינגערע יאָרן, ווייל די עלטערע טוען אַלץ, כדי ניט געשטראָכן צו ווערן. אין אַ באַריכט צום נ. ע. ק. דעם 11טן יוני 1933 האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר י. באַסקין איבערגעגעבן, אַז „דעם לעצטן יאָר האָבן די פּראָטערנאַלע אָרדענס פאַרלוירן איבער אַ מיליאָן מיטגלידער". דער אַרבעטער־רינג האָט ניט געקענט זיין קיין אויסנאַם פון דער אַלגעמיינער דערשיינונג. „עס איז ניטאָ קיין ספק", האָט באַסקין דערקלערט, „אַז אַ טייל פון די פאַרלוסטן קען מען צושרייבן צו דעם קאַמף מיט די ‚לינקע' עלעמענטן און צו דער שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען. אָבער די הויפּט־סיבה פון די פאַרלוסטן ליגט נאַטירלעך אין דעם שווערן קריזיס".

ניט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט דער אַרבעטער־רינג באַוויזן אין די דרייסיגער יאָרן איינצוהאַלטן די צאָל מיטגלידער אויף דער זעלבער הויך. דער צוריקגאַנג אויף 4 טויזנט מיטגלידער אין יאָר 1933 איז שפּעטער געדעקט געוואָרן, ביז ס'איז ווידער דערגרייכט געוואָרן די סטאַבילע ציפער פון אַרום 70 טויזנט (איבער 72 טויזנט אין 1939).

נאָך דער קאָמוניסטישער שפּאַלטונג, וואָס האָט געבראַכט אַ פאַרלוסט פון בערך 5 טויזנט מיטגלידער, איז פאָרגעקומען די פאַר־אייניגונג מיטן אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג פון מאַסאַטשוזעטס. פון דער דאָזיגער פאַראייניגונג האָט דער א.־ר. געוואונען 3,666

מיטגלידער. די פריערדיגע באַמיאונגען צו מאַכן אַ סוף צו דער לאַנג־דויערנדיגער שפּאַלטונג אין מאַסאַטשוזעטס, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אפילו נאָך דעם ווי דער אַ.־ר. איז לעגאַליזירט געוואָרן אין דעם דאָזיגן שטאַט, האָבן קיין הצלחה ניט געהאַט. נאָך דעם ווי די מיטגלידער פון אינדעפּענדענט אַ.־ר. האָבן פאַרזוכט אַ שטיקל צייט דעם טעם פון קאָמוניסטישער ממשלה, האָט זיך ביי זיי די שטימונג געענדערט לטובת דער פאַראייניגונג. זיי האָבן קלאָר איינגעזען, אַז די וויטערדיגע באַזונדערע עקזיסטענץ ווערט זינלאָז.
די קאָנווענשאָן פון ארבעטער־רינג וואָס איז פאָרגעקומען דעם 3־9 מאַי 1931 אין וואַשינגטאָן, האָט באַנייט די רעזאָלוציע וועגן פאַראייניגונג, וואָס די קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. האָט אָנגענומען אין 1925. נאָך אין זעלבן חודש איז די דאָזיגע רעזאָלוציע באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ קאָנווענשאָן פון אינדעפּענדענט אַ.־ר. אין באָסטאָן און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אין פּרינציפּ זיך צו פאַראייניגן. מיט אַ חודש שפּעטער האָבן פאָרשטייער פון ביידע אָרגאַניזאַציעס זיך געטראָפן און מ׳איז שנעל געקומען צו אַ הסכם. אויף וויטערע באַגעגענישן האָט מען אויסגעאַרבעט אַלע טעכנישע פּרטים. דעם 26טן דעצעמבער 1931 האָבן פאָרשטייער פון ביידע אָרגאַניזאַציעס אָפיציעל אונטערגעשריבן דעם געשלאָסענעם פאַראייניגונגס־אָפּמאַך. דעם 31טן יאַנואַר 1932 האָט אַ קאָנווענשאָן פון אינדעפּענדענט אַ.־ר. מיט אַ גרויסער מערהייט באַשטעטיגט דעם אָפּמאַך. דאָס זעלבע האָבן די מיטגלידער געטאָן אין אַ רעפערענדום. די באַמיאונגען פון די קאָמוניסטן ניט צו דערלאָזן צו דער פאַראייניגונג זיינען דאָס מאָל דורכגעפאַלן.

לכבוד דער פאַראייניגונג האָט דער אַ.־ר. אין מאַי 1932 אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, וואו די איינהייט־רעזאָלוציע איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן מיט גרויסער באַגייסטערונג. די אָנגענומענע רעזאָלוציע זאָגט: „די 32טע קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג אַנערקענט דעם וויכטיגן פאַקט וואָס די פאַראייניגונג פון ביידע אַ.־ר. וועט קאָנצענטרירן די כוחות פאַר אַ גרויסער און ברייטער טעטיגקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און וועט אין אַ פיל גרעסערער מאָס שאַפן די נויטיגע הילף פאַר אונזערע מיטגלידער. די קאָנווענשאָן אַפּעלירט דעריבער צו אַלע טיילן פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון אַרבעטער־רינג און פאַראייניגן זייערע כוחות אין איין

שטאַרקן סאָלידאַרישן צענטער, כדי צו זײַן אײניג אין אונזערע צילן און אויפגאַבן אין אונזער קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט".

פון די טעכנישע שוועריגקייטן, וואָס מ'האָט געדאַרפט באַזייטיגן ביים צונויפגיסן ביידע אָרגאַניזאַציעס, איז די וויכטיגסטע געווען דער סיסטעם פון צאָלונגען פאַר טויטן־בענעפיט. הגם אין מאַסאַטשוזעטס האָט מען נאָך פריער געהאַט אײנגעפירט די פּראָטערנאַלע ראַטעס — און דאָס איז אײגנטלעך געווען די סיבה פון דער לכתחילהדיגער שפּאַלטונג — איז אָבער דער סיסטעם געווען נישט דער זעלבער, וואָס עס האָט אײנגעפירט דער אַרבעטער־רינג. דער אינדעפּענדענט האָט געהאַט דעם סיסטעם, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „סטעפּ רעיטס". לויט דעם סיסטעם, ווערן די צאָלונגען פון די מיטגלידער פאַרן טויטן־בענעפיט געהעכערט יעדן יאָר. דער אַרבעטער־רינג האָט אײנגעפירט אַ צווייטן אופן פון צאָלונגען — „לעוועל רעיטס". דער סיסטעם איז אַזאַ, אַז די הויך פון די צאָלונגען ווערט באַשטימט, אָפּהענגיג פון עלטער, ווען דער מיטגליד טרעט אַרײַן אין אָרדען, און ווערט שוין שפּעטער ניט געענדערט. אָבער אַלע טעכנישע שוועריגקייטן זײַנען באַזײַטיגט געוואָרן און דער פאַראײניגונגס־אָפּמאַך איז סוף 1932 אַרײַן אין קראַפט. אין די ערשטע חדשים פון 1933 האָט מען די ברענטשעס פון אינדעפּענדענט פייערלעך אינסטאַלירט אַלס רעגולערע ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג. מיט דעם איז פאַרהיילט געוואָרן אַן אַלטע וואונד אין קערפּער פון אַרבעטער־אָרדען.

אין אָנהויב פון די דרייסיגער יאָרן, נאָך דעם ווי מען איז פּטור געוואָרן פון דער אינערלעכער אומפּאַראַנטוואָרטלעכער אָרגאַניזירטער אָפּאָזיציע פון די קאָמוניסטן, האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צרות פון אַן אַנדערער זייט: עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף צווישן צוויי קלובן, וואָס האָבן געווירקט אין אָרדען. די קלובן, וואָס האָבן עקזיסטירט נאָך פון פריער און געשטעלט זיך אויפגאַבן אויפן געביט פון פריינדשאַפט, האָבן מיט דער צייט זיך פאַרוואַנדלט אין פּאָליטישע אַפּאַראַטן. עס האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אַ געיעג צו באַאײנפלוסן ברענטשעס. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מ'האָט אַ פּאָר ברענטשעס באַשולדיגט אין פעלשונגען ביים ציילן שטימען. עס זײַנען אויך געלאָזט געוואָרן אין גאַנג שאַרפע אַטאַקעס קעגן דער אָנפירונג פון א.־ר..

מיט דער פראַגע האָט זיך באַשעפטיגט אויף דער סעסיע פון

4טן יאַנואַר 1931 דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן-באַארד. ער האָט אין אַ רעזאָלוציע פעסטגעשטעלט, אַז „די אַקטיוויטעט פון די קלובן אין א.־ר. האָט דערגרייכט אַ שטופּע פון דעמאָראַליזאַציע, און אַז דאָס שעדיגט דעם פּרעסטיזש און קען אויך שטעלן אין סכנה אונזער אָרגאַניזאַציע"...

אין מערץ 1931 האָט אַ ספּעציעלער געמיינזאַמער קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן-באַארד און נ. ע. ק. אָנגענומען וועגן דעם זעלבן ענין אַ רעזאָלוציע, „אַז לעצטנס האָבן די קלובן, וואָס זיינען ביי זייער גרינדונג געווען ניט מער ווי פּאַרוויילונגס-אָרגאַניזאַציעס, זיך פּאַרוואַנדלט אין אומאָפיציעלע פּאָליטישע קערפּערשאַפטן. זיי האָבן גורם געווען אַן אומגעוואונטשטן קאַמף צווישן אַקטיווע מיטגלידער און טוער פון א.־ר.". עס זיינען געווען פּאַסירונגען און טאַטן, וואָס „האָבן דעם א.־ר. זיכער קיין כבוד ניט צוגעגעבן און מוזן פירן צו דעם, אַז דער פּרעסטיזש און איינפלוס פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלן ליידן"... „קריטיק דאַרף געפירט ווערן אין די ראַמען פון דער אָרג. און ניט דורך רכילות און איבערטרייבונגען". נאָך דעם ווי די רעזאָלוציע שטעלט פעסט אַ פּאַרבעסערונג פון דער לאַגע און אַ מער האַרמאָנישע באַציאונג צווישן די טוער פון די קלובן, אַפּעלירט זי צו די „אַרבעטער-רינג-מיטגלידער פון ביידע קלובן, זיי זאָלן אָנווענדן זייער גאַנצן איינפלוס צו ווירקן, אַז די קלובן זאָלן אין גאַנצן אויפהערן צו זיין פּאָליטישע אַפּאַראַטן".

אין די יאָרן פון עקאָנאָמישן קריזיס האָבן אַ באַזונדערע ראָל געשפּילט די בראַנטשעס אין די קליינע שטעטלעך. מער ווי אין די גרויסע שטעט האָבן זיי געזאָרגט פאַר די נויט-באַדערפטיגע מיטגלידער און אָרגאַניזירט אַ קעגנזייטיגע הילף. אין קליינעם שטעטל איז ביי די מיטגלידער געווען שטאַרקער דאָס געפיל פון משפּחה-דיגקייט. לאָמיר הערן אַ שטים דירעקט פון אַ קליינעם יידישן ישוב: „דער בראַנטש האָט איינגעזען, אַז עס איז אונזער פליכט צו קומען צו הילף יעדן נויט-באַדערפטיגן. אין אַ קורצער צייט האָט דער בראַנטש געגרינדעט אַ ליי-קאַסע און געהאָלפן יעדן מיטגליד מיט אַזוי פיל, וויפיל ער האָט זיך גענויטיגט. אַפילו ביזנעסלייט האָבן זיך געווענדט צו אונז נאָך הילף. נאַטירלעך, מיר האָבן זיי געהאָלפן לויט אונזער מעגלעכקייט. פאַר דער קורצער צייט וואָס די ליי-קאַסע עקזיסטירט, האָבן מיר וואונדער אויפגעטאָן. פריער האָט די יידישע באַפעלקערונג פון שאַיען געקוקט אויפן בראַנטש פון אויבן-

אראפּ — עפּעס ווי אויף אַ בייזער אַנשיקעניש, רחמנא לצלן. אָבער דורך דער וואונדערבארער ארבעט, וואָס דער ברענטש האָט אויפ־געטאָן אין שטאָט סיי פינאַנציעל און סיי קולטורעל, האָבן אַלע גע־ביטן זייער מיינונג. מען האָט אָנגעהויבן רעספּעקטירן דעם ברענטש און מען האָט אָנגעהויבן מיט אים זיך רעכענען אין אַלע קרייזן פון שטאָט" (ברענטש 463 אין שאיען, וויאָמינג, „פריינד", פעב. 1933).

געווען ערטער, באַזונדערס אין די שטאַרק אינדוסטריאַליזירטע געגנטן, וואו די ברענטשעס זיינען געווען הילפלאָז פּנים אל פּנים מיט דער גרויסער נויט. מ'האָט געהונגערט אין פּשוטן זין פון וואָרט — דאָך האָבן די ברענטשעס געפירט זייער טעטיגקייט. וועגן דער שטימונג אין אַזעלכע ערטער דערציילט אַ באַריכט פון דיסטריקט־קאָמיטעט אין שטאָט אָהייאָ (1933): „דער געמיט פון יעדן יחיד און במילא שוין אויך פון יעדער קערפּערשאַפט איז אַ געדריקטע. ווי אַ צוגאָב צו דעם געדריקטן געמיט, האָבן די בענק, וואָס האָבן זיך לעצטנס אין אַזאַ גרויסער צאָל פּאַרמאַכט, צוגע־נומען יעדן סענט, וואָס די ברענטשעס האָבן צום באַדויערן גראָד געהאַלטן אין יענע בענק".

און אַחוץ עקאָנאָמישע צרות, זיינען אויך געווען אַנדערע. דער בירגערלעכער אָרום האָט געפּרעסט און געדריקט, און געמאַכט ענגער און ענגער. דערציילט אונז הלל ראָגאָף אין זיינע איינדריקן נאָך אַ טור אין לאַנד: „די גרופּעס אַ.ר.־מיטגלידער אין די קליינע שטעטלעך זיינען אַזוי ווי אינזלען אין אַ ים. זיי זיינען אַרומגע־רינגלט מיט גרעסערע גרופּעס יידן און ניט־יידן, וועלכע זיינען אַנדערש ווי זיי, וועלכע זוכן פון זיי אָפּצורייסן מיטגלידער אָדער זיי צו באַאיינפלוסן צו גיין אויף אַנדערע וועגן. דער נסיון איז זייער גרויס, בפּרט אין אַזעלכע שטעטלעך, וואו די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג איז אַ גאָר קליינע"... „ניט באַוואוסטזיניג און ניט אויס־גערעכנט גייט אָן אַ מלחמה צווישן די ראַדיקאַלע און קאָנסערוואַ־טיווע גרופּעס. און דאָס געווער, וואָס ווערט באַנוצט, באַשטייט פון גאָר זייטיגע זאַכן, שטימונגען און טעטיגקייטן, וואָס האָבן דוכט זיך מיט דעם עצם קאַמף קיין שייכות ניט. דער פאַקט איז, אַז אַ סך געוועזענע מיטגלידער פון אונזערע ברענטשעס, פון אונזער ראַ־דיקאַלער באַוועגונג זיינען היינט אין דעם קאָנסערוואַטיוון אָדער אפילו פרומען לאַגער". („פריינד", מאי 1933).

אָבער ניט אומעטום איז אַזוי געווען. אין פיל ערטער האָבן די מיטגלידער און ברענטשעס מיט דערפאָלג אויסגעהאַלטן די אַטאַקעס פון דער בירגערלעכער סביבה. די ברענטשעס האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז זייער אויפגאַבע איז צו שפּילן אַ פּראָגרעסיווע ראָל און איינשטעלן פאַרבינדונגען מיט די פּראָגרעסיווע שיכטן און מיט דער אַרבעטערשאַפט פון ניט־יידישן אַרום. די ברענטשעס אין די קליינע שטעטלעך האָבן איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט די אָרטיגע לאָקאַלן פון די יוניאָנס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. און שטענדיג זיינען די ברענטשעס געווען גרייט איילן צו הילף, ווען אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרוויקלט אין שווערע קאַמפן. בלויז איין ביישפּיל פון אַ סך: אין 1937 האָט ברענטש 120 פון ריטשמאָנד, ווירדזשיניא, געפייערט דעם 30יאָריגן יובילײ. און ער האָט באַריכטעט, אַז במשך פון די 30 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער ברענטש געגעבן פאַר פאַרשידענע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דאָ אין אַמעריקע און אין אייראָפּע די סומע פון 10,500 דאָלער.

וואָס די קולטור־אַרבעט פון די ברענטשעס האָבן באַדייט אויף די ערטער, האָט דערציילט אַן אָבסערוואַטאָר, וועלכער איז אין 1933־4 דורכגעפאָרן איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד — דער שליח פון „בונד״ שלמה מענדעלסאָן: „אין דער גייסטיגער ווימטעניש איז ממש אַן אָפּפרישונג די קולטור־אַרבעט פון אַ.־ר.. דאָס זיינען ניט קיין פּשוטע אונטערנעמונגען, נאָר עפּעס, ווי אַ גלאָק וואָס וועקט, רופט און מאָנט. צווישן ביזנעס אָדער שאָפּ, צווישן דעם פּיקניק אָדער קאָרטן־שפּיל קומען די פאָרלעזונגען און קאָנצערטן, וואָס ברענגען אויפלעבונג, באַהעפטן מיט פראַגן פון פּאָליטישער אַקטואַליטעט, מיט ענינים פון ליטעראַטור און קונסט. דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן פאַרשפּרייטן און פאַרפעסטיגן די מאָדערנע יידישע קולטור (דאָס איז אויך אַ זייער וויכטיגע אויפגאַבע), נאָר בכלל וועגן איינגלידערן די יידישע אַרבעטנדיגע מאַסע אין קרייז פון קולטור און פּאָליטישע פראַגן. אָן דעם ווערט ביסלעכווייז דער טייך אויסגעטריקנט!״ („פריינד״, אויגוסט 1934).

די ברענטשעס האָבן זיך געראַנגלט קעגן דער נויט־פאַרפלייצונג און קולטור־טריקעניש, קעגן דעם בירגערלעכן דרוק און קאָמוניסטישער צעשטערונג — און זיינען די ביטערע צייט בייגעשטאַנען און איבערגעקומען.

30. קינדער — יוגנט — זקנים

די שולן זיינען געוואָרן אַ וויכטיגער באַשטאַנד-טייל פון דער טעטיגקייט פון אַרבעטער-רינג. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט, נאַטירלעך, אויך זיי שטאַרק געטראָפן. אייניגע שולן האָבן זיך צוליב דעם צוגעמאַכט, דער רוב פון זיי האָט יאָר-איין יאָר-אויס געמוזט קעמפן פאַר דער עקזיסטענץ.

אין אָט דעם שווערן פעריאָד איז אויף זיי געקומען אַן אָנגריף פון אַ זייט, פון וועלכער מ'האָט זיך גאָר ניט געריכט. מ'האָט געמיינט, אַז די קעגנער, נאָך דעם ווי זיי האָבן געזען די רעזולטאַטן פון דער שול-אַרבעט במשך פון ערשטן צענדליג יאָר, וועלן שוין מער ניט וואַגן צו קוועסטיאָנירן די עקזיסטענץ-באַרעכטיגונג פון די שולן. דאָס איז געווען אַ טעות. די אַטאַקע האָט אָנגעהויבן גראָד אַן איינפלוסרייכער מענטש — דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אב. קאַהאַן. דאָס איז געווען אַ דערמוטיגונג פאַר יענע, וועלכע האָבן בעת די פריערדיגע יאָרן ערב דער גרינדונג פון די שולן פאַרשפּילט אין גרויסן היסטאָרישן שול-שטרייט.

הגם דאָס אָפּפרעגן די עקזיסטענץ-באַרעכטיגונג האָט קיין גוטס די שולן ניט געקענט ברענגען, זייַנען זיי שוין אָבער געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין דער סביבה פון אַרבעטער-רינג, אַז זיי זיינען פון דעם אידעאישן שטרייט אַרויס זיגרייך. די טוער, לערער און סתם פריינד פון די שולן האָבן זיך געשטעלט אַרום זיי ווי אַ שוץ-מויער. דעם 19-17 אַפּריל 1931 איז אין ניו-יאָרק פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון 229 דעלעגאַטן פון 57 שולן אין 26 שטעט פון די מזרח-שטאַטן. די דעבאַטע אין „פאָרווערטס" וועגן די שולן האָט פאַרנומען אַ צענטראַל-אָרט אויף דעם צוזאַמענפאָר. אין שוץ פון די שולן קעגן די אָנגריפן זיינען אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פון נאַציאָנאַלן בילדונגס-קאָמיטעט י. פישמאַן, דער פרעזידענט פון אַרבעטער-רינג נ. כאַניך, דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון אַרבעטער-רינג י. באַסקין, נ. פיינערמאַן, א. ליטוואַק, דער בילדונגס-דירעקטאָר פון אַ.-ר. פּ. געליבטער, דער פאָרזיצער פון פעדאַגאָגן-ראַט אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, און אַנדערע. ליטוואַק, וועלכער האָט

גערעדט אין נאָמען פֿון יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד, האָט אָנגעוויזן, „אַז די פּאָליטישע טוער קוקן אויפֿן קולטור־טוער ווי אויף אַ מלמד. די קולטור־טוער ווידער זיינען געוואוינט צו קוקן מיט פֿאַראַכטונג, מיט האַס אויף דעם פּאָליטישן טוער פֿון דער באַוועגונג. אַזאַ באַציאונג איז אַ פֿאַלשע. די פּאָליטישע און קולטורעלע אַרבעט פֿון דער באַוועגונג דאַרף זיין אַ בשותּפֿותדיגע"... „אונזערע שולן זיינען אַ טייל פֿון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד און אַזוי דאַרף מען אויף די שולן קוקן". פּ. גליבטער האָט געזאָגט, אַז „די עלטערן האָבן מיט 25 יאָר צוריק ניט געטראַכט וואָס צו טאָן, כּדי צו ברענגען די קינדער נענטער צו די אידעען און אידעאַלן, צו וועלכע זיי האָבן געשטרעבט. די אַ.־ר.־שול האָט אָוועקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַזאַ קעגנזייטיגער פֿאַרשטענדניש צווישן די עלטערן און די קינדער". גליבטער האָט אין זיין באַריכט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז „ניט געקוקט אויף די שוועריגקייטן, וואָס דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט געשאַפֿן, זיינען די שולן געבליבן פֿעסטע, איינגעפֿונדעוועטע אַ.־ר.־אינסטיטוציעס"... „די אַ.־ר. מיטגלידער אין גאַנצן לאַנד זיינען גרייט צו ברענגען אַלע מעגלעכע קרבּנות, כּדי מ'זאָל ווייטער פֿירן די דערציאונגס־אַרבעט". דער אַ.־ר. האָט דאַן פֿאַרמאָגט 103 שולן אין 57 שטעט.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע מיט אַ באַפֿולמעכטיגונג אַרויסצוגעבן אין נאָמען פֿון צוזאַמענפֿאָר אַ דערקלערונג וועגן דער אַטאַקע אויף די שולן. אין דער פֿאַרעפֿנטלעכטער דערקלערונג איז געזאָגט געוואָרן, אַז בעת דער דיסקוסיע אין „פֿאַרווערטס" „זיינען געמאַכט געוואָרן אומבאַגרינדעטע באַהויפּטונגען סיי וועגן די פּרינציפּן און פּראָגראַם פֿון די שולן און סיי וועגן די לימודים און כאַראַקטער פֿון דער דערציאונג אין די שולן". אַב. קאַהאַן איז באַשולדיגט געוואָרן, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער פֿראַגע מיט פֿאָראורטיילן „און דערפֿאַר איז ער ניט געווען אַזוי איבערקלייבעריש אין זיינע אַרגומענטן, און דערפֿאַר אַזוי פֿיל אומפּינקטלעכקייטן און אַזוי פֿיל גרונדלאָזע באַהויפּטונגען אין זיינע אַרטיקלען"... „גענ. קאַהאַן געפֿינט אַ סך גוטס און סימפּאַטישעס אין די ‚דזשואיש סענטערס'. ער געפֿינט אַפֿילו ניט קיין גרויסן אומגליק אין די תּלמוד־תּורהס. ער באַציט זיך צו זיי אַפֿילו מיט אַ ביסל דרך־ארץ. אָבער פֿאַר די יידישע סאָציאַליסטישע שולן האָט ער קיין גוט וואָרט ניט".

אין שויץ פון די שולן האָט זיך אויך געשטעלט די קאָנווענשאָן פון ארבעטער־רינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1931. אין אָן אָנגענומענער רעזאָלוציע איז געזאָגט געוואָרן: „די 31טע קאָנווענשאָן פון א.־ר. באַשטעטיגט און אונטערשטרייכט נאָך אַמאָל די גרויסע באַדייטונג פון די א.־ר.־שולן פאַר דעם ארבעטער־רינג אַזוי גוט, ווי פאַר דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג בכלל״... „די קאָנווענשאָן אַנערקענט און שאַצט אָפּ די ארבעט, די איבערגעגעבנקייט, די מסירת־נפש און קרבנות, וואָס אונזערע ברענטשעס, שול־פאַרוואַלטער און לערער ברענגען פאַר אונזער שול־באַוועגונג״. די דאָזיגע רעזאָלוציע איז געווען אַן ענטפער אויף דער באַהויפּטונג אין די קעגנערישע אַרטיקלען, אַז ניינציג פּראָצענט פון די א.־ר.־מיטגלידער זיינען קעגן די שולן.

פון צייט צו צייט האָט נאָך אַ קעגנער געפּרואווט אויפהויבן אַ שטים קעגן די שולן. איינער פון זיי — דער אַלטער א.־ר.־טוער מ. דייווידאָף — האָט עס געטאָן אויף דער קאָנווענשאָן אין 1937 מיט זיינע ווערטער, אַז ער זעט „ניט די נוצלעכקייט פון די יידישע שולן פאַר דעם יונגן דור״ און מיט זיין פאַרלאַנג צו שאַפן ענגלישע זונטאָג־שולן. דאָס איז אָבער געווען אַ סענטימענט פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע און די דאָזיגע שטים האָט קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען. דער פאַקט, וואָס די שולן האָבן זיך געהאַלטן אַפילו אין די שווערסטע צייטן פון עקאָנאָמישן קריזיס, האָט אָמבעסטן באַוויזן, אַז די א.־ר.־שול איז ניט קיין קאַפּריז פון יחידים, נאָר אַז זי איז געקומען באַפרידיגן אַ קולטור־נויט פון די יידישע ארבעטס־מענטשן, פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ.

אין אַפּריל 1935 איז אין פילאַדעלפיע פאַרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די א.־ר.־שולן. עס איז אונטערגעפירט געוואָרן אַ סך־הכל פון דער שול־טעטיגקייט אין די קריזיס־יאָרן. פון 1928 ביז 1935 איז די צאָל שולן פון 109 געפאַלן אויף 103. דאַקעגן די צאָל קינדער איז ניט פאַרקלענערט געוואָרן און האָט אין יענעם יאָר דערגרייכט איבער 6 טויזנט. אויף דער קאָנווענשאָן פון א.־ר. אין יאָר 1937 האָט ב. גער בינער אַלס פאַרזיצער פון בילדונגס־קאָמיטעט באַריכטעט, אַז עס זיינען פאַראַן 145 שולן (פון זיי 50 אין ניו־יאָרק) מיט 7512 קינדער. ס׳איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז עס קומען שוין אין די שולן קינדער פון עלטערן, וועלכע זיינען אַליין געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע. אויף די לערער־קורסן לערנען זיך איבער פערציג סטו־

דענטן, די מערהייט פון זיי — אַמעריקאַנער געבוירענע, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין די אַ.־ר.־שולן. (נאָך דער קאָנווענשאָן האָט דער נ. ע. ק. געוויילט ב. געבינערן אַלס געהילף־גענעראַל־סעקרעטאַר, און דעם אַמט פאַרנעמט ער ביז היינטיקן טאָג).

וועגן דער נייער דערשיינונג — קינדער פון הי־געבוירענע — האָט אויך דערציילט אויף אַ סעסיע פון נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד (1 יאַנואַר 1938) נ. כאַנין, וועלכער איז אָנהויב 1936 געוואָרן בילדונגס־דירעקטאָר אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם פּ. געליבטער. כאַנין האָט געזאָגט אין זיין באַריכט: „אין אונזערע שולן הויבן אָן אריינקומען קינדער פון עלטערן, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין דער אַמעריקאַנער אַטמאָספער. דאָס איז אַ זייער דערפרייענדיקע דערשיינונג. מיר דאַרפן אָבער באַצייטנס זיך צוגרייטן צו באַגעגענען די נייע סיטואַציע. אונזערע לערן־ביכער דאַרפן זיין מאָדערן, אינטערעסאַנט און לעבעדיק געשריבן. און דער לימוד דאַרף זיין מער אין גייסט פון אַמעריקאַנער לעבן. מיר שאַפן איצט אַזעלכע לערן־ביכער".

אין דער זעלבער צייט, ווען מ'האָט די שול גענומען פירן „אין גייסט פון אַמעריקאַנער לעבן", האָט אויך אַ צווייטע טענדענץ אַלץ מער און מער באַהערשט די אַ.־ר.־שול. שטאַרקער און שטאַרקער האָבן זיך געלאָזט הערן נאַציאָנאַלע טענער אין פּראָגראַם, מער און מער האָט מען אָנגעהויבן איינפירן נאַציאָנאַלע פאָרמען. צום 20־יאָריקן יובילייַ פון די אַ.־ר.־שולן האָט דער 11טער שול־צוזאַמענפאָר (1939) באַשלאָסן, אַז עס זאָל „אויסגעאַרבעט ווערן אַ גענויער צערעמאָניאַל צו קענען אויף אַ נייעם שטייגער פייערן יידישע יום־טובים". אין דער דעקלאַראַציע, פאַרפאַסט פון ז. יעפּרויקין און אָנגענומען דורכן זעלבן שול־צוזאַמענפאָר, ווערן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע צילן פון דער אַ.־ר.־שול ענג צוזאַמענגעפלאָכטן. „דאָס יידישע פאָלק ליידט", זאָגט די דעקלאַראַציע, „ווייל קראַנק איז די וועלט. מיר דאַרפן לערנען אונזערע קינדער דאָס פאַרשטיין, זיך צוגרייטן צום קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער וועלט, פאַר אַ געזונטער וועלט, אין וועלכער דער ייד וועט ערשט געפינען זיין רו. און ניט דאַרפן צאָלן פאַר דעם קיין שום פּרייז, אוודאי ניט קיין פּרייז פון זעלבסט־פאַרלייקענונג. ווען עס איז טייער די יידישע קולטור, איר פולע אומבאַגרענעצטע אַנטוויקלונג, דעם דאַרף זיין טייער דער אידעאַל פון סאָציאַליזם".

דור הולך ודור בא. צי קומט ער טאַקע דער נייער דור? די דאָזיגע פראַגע האָט באַאומרואיגט אַ סך מיטגלידער און טוער פון אַרבעטער-אָרדען. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז מיטן „דור הולך" זאָל זיך ענדיגן דער סאָציאַליסטישער אידעאַל ביי יידן, און דער ייד — אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. איז צו דעם צוועק געשאַפן געוואָרן די יידיש-וועלטלעכע שול. און נאָכן שול-עלטער? אין די צוואַנציגער יאָרן איז דער ענטפער געגעבן געוואָרן: יוגנט-ברענטשעס און יוגנט-קלובן.

ניט לייכט איז געווען צו באַאַרבעטן דאָס נייע פעלד. שווער איז געווען דער וועג אַריין און לייכט דער וועג אַרויס. אַ טייל פון דער יוגנט האָט זיך דאָך אָפּגעשטעלט און געבליבן פעסט אין אַרבעטער-רינג און מיט אים. די געבליבענע האָבן אָנגעהויבן באַגרייפן וואָס מ'וויל פון זיי. און זיי האָבן איינגעזען, אַז דער אַרבעטער-רינג האָט געוויסע אידעאַלן, וואָס זיינען שיין און גוט אויך פאַר אַ יונגן אַמעריקאַניזירטן ייד, און אַז דער אַרבעטער-אָרדען טוט פּאָזיטיווע אַרבעטן, אין וועלכע דאָס קינד אָדער אייניקל פון יידישן אימיגראַנט איז אויך פאַראינטערעסירט און צו וועלכן עס איז ווערט צוצולייגן אַ האַנט.

פּאַמעלעך האָט זיך די יוגנט-אָפּטיילונג אין אַ.-ר. אויסקריסטאַליזירט און קאָנסאָלידירט. אין די טעג פון 20-23 פעברואַר 1931 איז פאָרגעקומען אַ יוגנט-קאָנפערענץ פון 50 דעלעגאַטן פון 7 מזרח-שטאַטן. עס זיינען געווען פאַרטראָטן 12 יוגנט-ברענטשעס און קרוב 20 קלובן. ס'איז נאָך ניט געווען קלאָר וועמען זאָל מען אַריינגעמען אין די קלובן. אַ מינדערהייט האָט געוואָלט, אַז צו דער יאַנג-סוירקל ליגע זאָלן געהערן בלויז אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטן און אויך די טעטיגקייט זאָל האָבן אַ שייכות בלויז צו ענינים פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער-באַוועגונג. די מערהייט, הגם אויך סאָציאַליסטן, האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ פּראָגראַם וואָלט געווען אַ שטער פאַרן אויפבלי פון דער אָרגאַניזאַציע. וואָרים פיל יוגנטלעכע וועלן ערשט אין אַ.-ר. האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם. באַשלאָסן איז געוואָרן, אַז מען זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט סאָצ. טעטיגקייט און זיך באַטייליגן אין אַקציעס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. גלייכצייטיג זאָלן די מיטגלידער זיך באַקענען מיט דער יידישער קולטור און יידישער גע-

שיכטע. סוף נאָוועמבער פון זעלבן יאָר איז אין שיקאַגאָ פאָרגע־קומען אַ יוגנט־קאָנפערענץ פון 22 דעלעגאַטן פון 5 שכנישע שטאַטן.

אין פעברואַר 1932 איז פאָרגעקומען די צווייטע קאָנפערענץ פון די מזרח־שטאַטן. עס זיינען געקומען 65 דעלעגאַטן פון 21 שטעט. דער לאָזונג פון דער קאָנפערענץ איז געווען: אַ יאָנג־סוירקל־קלוב ביי יעדן אַ.־ר.־ברענטש. אַ לעבהאַפטע דעבאַטע איז געפירט געוואָרן אַרום אַ פאָרשלאַג, אַז די יאָנג־סוירקל־ליגע זאָל אָפיציעל זיך פאַרבינדן מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיט אַלע שטימען קעגן 3 איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז די יאָנג־סוירקל־ליגע איז אַ דערציאונגס־אינסטיטוציע צו דערציען די יוגנט אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז סימפּאַטיש צו די אידעאַלן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו באַטייליגן זיך אַקטיוו אין פאַרשידענע דעמאָנסטראַציעס, סטרייק־אַקציעס, פּיקעטן, הילף־אַרבעט און ענלעכע טעטיגקייטן. אין זעלבן יאָר 1932 האָט דער נ. ע. ק. אין זיין באַריכט צו דער אַ.־ר. קאָנ־ווענשאָן אָנגעוויזן, אַז „אַמעריקאַנער יונגעלייט אינטערעסירן זיך גאַנץ ווייניג מיט אינשורענס־פּראָגן" און זיי „זיינען ניט דערצויגן געוואָרן אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן אַן אינטערעס פאַר ריינעם אידעאַ־ליזם". דאָס זאָל זיין די סיבה פאַרן קליינעם צופלוס פון יוגנט. מ'האָט דעריבער זיך באַמיט אַריינצוציען די יוגנט „דורך געזעל־שאַפטלעכער און לייכטער אינטעלעקטועלער טעטיגקייט, צו וועל־כער אויך די אַמעריקאַנער יונגעלייט האָבן אַ חשק".

ביי אַ סך איז אַנטשטאַנען אַן אומצופרידנקייט מיט די קליינע רעזולטאַטן פון דער אַרבעט. צווישן די טוער פון אַ.־ר. און די יוגנט־טוער זיינען אויפגעקומען מיינונגס־פאַרשידנקייטן און מיספאַרשטענ־דענישן. אייניגע יוגנט־טוער האָבן געפּרואווט אַריינפירן אַן אַסי־מילאַטאָרישן גייסט. אַלטע אַסימילאַציע־אידעען זיינען געפּריידיגט געוואָרן דורכן מויל פון יונגע. דער דירעקטאָר פון די יוגנט־קלובן, דזשייקאָב ל. עפּראָס, האָט אָפן דערקלערט, אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי נאַציאָנאַלע פּראַגן, און יידישע סאָציאַליסטן זיינען בלויז יענע, וועלכע באַהערשן ניט די ענגלישע שפּראַך. די דאָזיגע שטי־מונגען זיינען באַקעמפט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון אָפיציעלן אָרגאַן פון אַ.־ר.: „זייער פיינלעך און וויטאַגדיג איז די שטעלונג פון דער פירערשאַפט פון די יוגנט־קלובן צו די יידיש־סאָציאַליסטי־שע אידעאַלן פון דעם אַ.־ר.. איך אונטערשטרייך קלאָר און דייט־

לעד, אז די הויפט-שולד פאַלט אויף דער פירערשאַפט פון די קלובן״ (ב. געבינער: „פריינד״, מאַי 1933).

אין יאָר 1935 האָבן די יוגנט-ברענטשעס און קלובן געציילט איבער 3 טויזנט מיטגלידער. אין באַריכט צו דער אַ.־ר.־קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1935, האָט דער נאַציאָנאַלער יוגנט-קאָמיטעט (בראָש פון וועלכן עס איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען ב. ליליענבלום) געשילדערט דעם וועג פון דער יוגנט-באַוועגונג: פריער איז מצד פיל מיטגלידער און טוער פון אָרדען געווען אַן אַקטיווע קעגנערשאַפט. מיט דער צייט איז דאָס פאַרשוואונדן און ס׳איז פאַרבליבן אַ גלייכגילטיגקייט. צו דער קאָנווענשאָן פון 1937 האָט דער נ. ע. ק. באַריכטעט, אַז פאַר די פאַרגאַנגענע 2 יאָר האָט די צאָל יוגנט-מיטגלידער זיך פאַרגרעסערט מיט 800 און דערגרייכט די ציפער פון 4 טויזנט. פון זיי זיינען 1,700 געווען מיטגלידער פון אַ.־ר. און די איבעריגע — פון די יוגנט-קלובן. דער באַריכט האָט אויך דערציילט, אַז „די יוגנט-באַוועגונג נעמט אַן אַנטייל אין די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און טרייד-יוניאָן-טעטיגקייטן, אין וועלכע דער אַ.־ר. אַלס גאַנצער באַטייליגט זיך. די יוגנט-קלובן און ברענטשעס האָבן גענומען אַ ספּעציעל טיכטיגן אַנטייל אין דער באָיקאָט-באַוועגונג קעגן דייטשע סחורות און אין אַנדערע אַרויס-טרעטונגען, וואָס ווערן אָרגאַניזירט דורכן יידישן אַרבעטער-קאָמי-טעט״... „דער נאַציאָנאַלער יוגנט-קאָמיטעט האָט אויך געטאָן אַלץ וואָס ס׳איז מעגלעך צו באַקענען די קלובן און ברענטשעס פון דער יוגנט מיט יידישע פּראָבלעמען און מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטער-באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט״. די זעלבע אַ.־ר.־קאָנווענ-שאָן (1937) האָט באַשלאָסן, אַז „עס זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון נ. ע. ק., וועלכער זאָל אָנפירן די אָרגאַניזאַציע-אַרבעט פון דעם ענגליש-ריידנדיגן טייל פון אַר-בעטער-רינג — סיי פון דער יוגנט און סיי פון די דערוואַקסענע״... „די דערוואַקסענע ענגליש-ריידנדיגע ברענטשעס זאָלן צוזאַמען מיט די יוגנט-ברענטשעס גרופּירט ווערן ווי די ענגליש-ריידנדיגע אָפּ-טיילונג פון אַרבעטער-רינג. די יאַנג-סוירקל-ליגע זאָל ווייטער אָר-גאַניזירן די קלובן פון די ייִנגערע, מיטעלע און עלטערע גרופּן״.

בעת דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, איז די צאָל מיט-גלידער פון די יוגנט-ברענטשעס (אַחוץ די קלובן) געווען 1500. בערך אַזאַ צאָל איז אויך געווען אין די ענגליש-ריידנדיגע ברענ-

טשעס פון עלטערע מיטגלידער, וועלכע זיינען על פּי רוב טאַקע אויך געקומען פון פריערדיגע יוגנט־ברענטשעס. ביים סוף פון די דרייסיגער יאָרן האָבן ביידע קאַטעגאָריעס מיטגלידער אין דער ענג־ליש־ריידנדיגער אָפּטיילונג געציילט אַרום 4 טויזנט. די צאָל ברענ־טשעס פון דער יוגנט איז געווען בערך 80, און פון די עלטערע (ענגליש־ריידנדיגע) — 40 אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון 650 אַ.־ר.־ברענטשעס.

דער פאַרזיצער פון דער ענגליש־ריידנדיגער און יוגנט־אָפּטיי־לונג, ב. לעווינין, האָט סוף 1939 אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם מצב אויף דעם געביט: „ניט אַלע מיטגלידער, וואָס מיר קריגן אַריין סיי אין די ברענטשעס פון יוגנטלעכע, סיי אין די ענגליש־ריידנדיגע ברענטשעס פון דערוואַקסענע פאַרבלייבן אין אונזער אָרדען. אַ גרויסע צאָל פון זיי פאַלט אַרויס, ווייל די אַטמאָספער איז זיי פרעמד און זיי קענען זיך ניט אַריינפּאַסן אין אונזער אָרגאַניזאַציע. די דער־פאַרונג האָט אָבער באַוויזן, אַז די מערסטע פון די, וועלכע זיינען אַרויסגעפאַלן פון די ברענטשעס, קומען צוריק פריער אָדער שפּע־טער און זיי בלייבן שטענדיגע מיטגלידער אין אַרבעטער־אָרדען"...

„דער ערשטער און בעסטער קוואַל (צו שעפּן מיטגלידער פאַר דער אָרגאַניזאַציע), איז אונזער אייגענע סביבה — אונזערע אייגענע קינדער, ברידער און שוועסטער, שניר און איידעמס. זיי האָבן געדאַרפט זיין די קאַנדידאַטן פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע. צום באַ־דויערן באַגעגענען מיר אַ גוואַלדיגע גלייכגילטיגקייט פון פיל מיט־גלידער פון דעם אַ.־ר. און אָפט אַפילו אַ קעגנערשאַפט צו דער דאָ־זיגער אַרבעט. עס קומט אָפט אויס, אַז אַנשטאָט צו העלפן אַריינ־צוברענגען די קינדער אין דעם אַ.־ר., געפינען זיך אַ.־ר.־מיטגלידער, וועלכע שטערן אין דער אַרבעט, ווייל זיי ווילן זייערע קינדער האָבן אין אַזוי־גערופענע באַלעבאַטישע אָרגאַניזאַציעס".

ביז 1937 איז בראש פון דער אַרבעט אַלס דירעקטאָר פון דער ענגליש־ריידנדיגער און יוגנט־אָפּטיילונג געשטאַנען מאָרעי גאָלד־מאַן. אין 1937 האָט דעם אַמט איבערגענומען ד"ר עזריאל נאַקס. פון יאַנואַר 1933 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די ענגלישע אָפּטיילונג אין „פריינד" און ס'האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ ספּעציעלער ענג־לישער זשורנאַל „קאָל אָוו יוטה". פון פעברואַר 1938, ווען דער מאַנאַטלעכער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן דערשיינען אונטערן גע־

ענדערטן נאָמען „דהי וואָרקמענס סוירקל קאָל", איז געביטן געוואָרן אויך דער אינהאַלט. דאָס איז געווען נויטיג, ווייל דער זשורנאַל האָט שוין געדאַרפט באַדינען אַלע ענגליש־ריידנדיגע מיטגלידער, און ניט בלויז די יוגנטלעכע.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זיינען געווען די קינדער־קלובן ביי די אַ.־ר. שולן. אין 1931 זיינען געווען 120 אַזעלכע קינדער־קלובן. מ'האָט זיך באַמיט, אַז די קינדער, וועלכע גראַדואירן פון די שולן, זאָלן ווייטער בלייבן פאַרבונדן מיט דער שול־טעטיגקייט און ניט אַרויס פון דאָזיגן קולטור־קרייז. צו דעם צוועק זיינען געשאַפן געוואָרן אַלומני־קלובן. דאָ איז אָבער אויפגעקומען אַ קאָנפליקט וועגן דעם ווער עס זאָל אָנפירן מיט די אַלומני־קלובן. אין די יאָרן 1934־5 האָט מען זיך מיט דעם קאָנפליקט באַשעפטיגט און מ'איז סוף־כל־סוף געקומען צו אַן אויסגלייך, אַז די אַלומני־קלובן זיינען אַ המשך פון דער אַרבעט פון די אַ.־ר.־שולן און שטעלן זיך אַלס ציל צוצוגרייטן זייערע מיטגלידער פאַר דער אַ.־ר.־יוגנט־באַוועגונג און פאַר דעם אַרבעטער־רינג בכלל. די אויפגאַבע פון די קינדער־קלובן איז צו פאַרבינדן די מיטגלידער מיט דעם לעבן און קאַמף פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, מיט דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און מיט דעם יידישן קולטור־לעבן. די אַרבעט אין די קלובן זאָל געפירט ווערן אויף יידיש און אויף ענגליש. מיט די קלובן פירן אָן בשותפות דער לערער פון דער שול, פאַרטרעטער פון דער שול־פאַרוואַלטונג און פאַרשטייער פון אָרטיגן יוגנט־קאָמיטעט.

אין 1937 האָט דער פאַרלאַג פון אַרבעטער־רינג אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין יידיש אַ סעריע ביכלעך פאַר קינדער און יוגנטלעכע. די אויסגאַבעס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. בכלל האָט דער פאַרלאַג פון אַרבעטער־רינג אַ גרויסן חלק אין דער אנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון אַ יידישער שול־ליטעראַטור אין אַמעריקע.

די קולטור־טעטיגקייט האָט ווייטער פאַרנומען אַ חשוב אָרט אין די בראַנטשעס. אַ בילד פון דער דאָזיגער אַרבעט און איר באַדייטונג געפינען מיר אין דער שילדערונג פון ח. ש. קאַזדאַן, וועלכער האָט באַזוכט פיל שטעט און שטעטלעך אַלס פאַרטרעטער פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן: „דער אַרבעטער־רינג איז איצט דער הויפט־פאַקטאָר פון מאָדערנער יידישער און וועלטלעכער קולטור איבער די ברייטע שטרעקעס פון אַמעריקע. יעדער בראַנטש פון אַ.־ר. — דאָס איז אַ פעסטונג פון יידישער שפּראַך

און ברייטע קולטור־אינטערעסן, אַ פעסטונג פון סאָציאַלן באַוואוסט־זיין און געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט. די הונדערטער לעקציעס און קולטורעלע פאַרוויילונגען — ווינטער אין די ברענטשעס און זומער אין די קעמפּס — דאָס איז אַ קוואַל פון גייסטיגן לעבן און שאַפן. דאָ לעבן זיך אויס און באַפרידיגן זייערע גייסטיגע באַדער־פעניששן און נאַציאָנאַל־קולטורעלע געפילן צענדליגער טויזנטער מיט־גלידער און זייערע פאַמיליעס. אונזערע געשוואָרענע און פאַטענ־טירטע יידישיסטן אין אַמעריקע זיינען גאָרניט חושד וואָס פאַר אַ פעסטע באַזע עס איז דער אַ.־ר. און זיינע ברענטשעס פאַרן ריינעם יידישיזם". („פריינד", אויגוסט־סעפּטעמבער 1936).

מיטן פולן באַוואוסטזיין וועגן דער וויכטיגקייט פון דער קול־טור־אַרבעט, האָט די אַ.־ר.־קאָנווענשאָן אין 1937 אָנגענומען אַ רע־זאָלוציע, וואָס זאָגט: „דער אַ.־ר. איז די גרעסטע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע אויף דער יידישער גאַס. זיינע מענטשן שטייען אין די פאָדערשטע רייען פון אַלע צווייגן פון יידישן קולטור־לעבן. אַלס אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, איז דער אַ.־ר. שטאַרק פאַראינטערעסירט ניט בלויז אין דער גייסטיגער דערהויבונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, נאָר ער ווייסט, אַז אַ העכערער קולטור־לעבן פון די ברייטע יידישע מאַסן מיינט אויך שאַפן די מעגלעכקייטן פאַר אַ ברייטערער און פאַרגרעסערטער מיטגלידערשאַפט אין דעם אַ.־ר.״...

אויף דער סעסיע פון נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד דעם 29טן דעצעמבער 1939 האָט דער פאָרזיצער פון בילדונגס־קאָמיטעט צביון געקענט באַריכטן: „אין פאַרלויף פון דעם ווינטער 9־1938 האָט דער נאַציאָנאַלער אָפיס דורכגעפירט אין ניו־יאָרק און אַרומיגער געגנט איבער 300 לעקציעס, וואָס זיינען באַזוכט געוואָרן פון עטלעכע און צוואַנציג טויזנט צוהערער. ביי די קאָנצערטן, אַראַנזשירט דורך דעם נאַציאָנאַלן אָפיס, איז די צאָל באַזוכער געווען 51 טויזנט״... „דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט דורך זיין פאַרלאַג פאַרשפּרייט עטלעכע און פערציג טויזנט ביכער״... „מיר פאַרמאָגן 125 עלעמענטאַר־שולן, 5 גאַנצע מיטלשולן און 17 מיטל־שול־קלאַסן. אין די שולן געפינען זיך אַרום 8 טויזנט קינדער״.

אחוץ דעם זיינען געפירט געוואָרן אָפּען־פאָרומס. ביי אַ ריי שולן האָבן זיך געשאַפן לייען־קרייזן פון פרויען. אין 1939 זיינען געווען 19 אַרבעטער־רינג־כאָרן מיט 900 זינגער, אַ גרעסערע צאָל מאַנדאָלין־אָרקעסטערס און דראַמאַטישע קרייזן. עס זיינען געווען

אַ רײ לײבאָר-לײסעאומס. די הוצאות פאַר דער בילדונגס-אַר־בעט האָט דעמאָלט באַטראָפן אַ האַלבן מיליאָן דאָלער אַ יאָר.

4 צײַטונגען — „דער פרײַנד", „דהי קאָל", „קולטור און דער־ציאונג", „קינדער-צײַטונג" זײַנען צוזאַמען דערשינען אין 80 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

ווי אַ צוגאָב צו דער קולטור- און שול-טעטיגקײט זײַנען געוואָרן די זומער-קעמפּס פאַר קינדער און דערוואַקסענע. במשך פון די ערשטע 10 יאָר פון זײער עקזיסטענץ, 1925-35, האָבן אויף די קעמפּס פאַרבראַכט בערך 14 טויזנט קינדער און 140 טויזנט דערוואַקסענע. דער גרעסטער פון די קעמפּס איז דער ניו-יאָרקער. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927 דורך די ניו-יאָרקער בראַנטשעס מיט דער הילף פון נ. ע. ק. (געפינט זיך אין האָפּוועל דזשאַנקשאַן, נ. י.).

פון 1929 פונקציאָנירט די אָפּטײלונג פאַר סאָציאַלער דינסט. איר אַרבעט איז באַזונדערס געווען נויטיק אין צײַט פון עקאָנאָמישן קריזיס, ווען צו דער ביורא זײַנען במשך פון אַ יאָר אָנגעקומען ווענדונגען פון בערך צוויי טויזנט מענטשן.

ס'איז ווײַטער אָנגעגאַנגען די אַנטוויקלונג פון סאַנאַטאָריום, הגם די צאָל טובערקולאָזע פּאַציענטן איז געפאַלן. אין פאַרלויף פון די ערשטע 25 יאָר עקזיסטענץ, 1910-35, האָבן עטלעכע טויזנט אַרבעטער-רינג-מיטגלידער זיך באַנוצט מיט דעם הייל-אַנשטאַלט. אחוץ דעם זײַנען אויסגעצאָלט געוואָרן גרעסערע סומעס געלט צו טובערקולאָז קראַנקע, וועלכע האָבן געמוזט האָבן אַן אַנדערן קלי־מאַט אָדער זיך גערדאַרפט היילן אין אַן אַנדערן אַנשטאַלט. אין די דרײַסיגער יאָרן איז אַזאַ קראַנקער געווען בארעכטיגט צו באַקומען פון סאַנאַטאָריום-פאָנד 600 דאָלער.

בכלל האָט דער אַ.-ר. אין די ערשטע 40 יאָר פון זײַן עקזיס־טענץ אויסגעצאָלט בערך 15 מיליאָן דאָלער פאַר קראַנקן-טובערקו־לאָז- און טויטן-בענעפיט.

געטומלט האָט זיך שטאַרק אַרום דער פראַגע וועגן אַ היים פאַר אַלטע לײַט. אַ באַשלוס צו שאַפן אַזאַ היים איז געווען. ס'איז אָבער נאָך ניט געווען קיין געלט און די גענוגנדיגע צאָל קאַנדידאַטן. אין אָנהויב פון די דרײַסיגער יאָרן איז דער דורכשניט-עלטער פון די מיטגלידער געווען 40 יאָר. אַלטע מיטגלידער צווישן 65 און 72 יאָר זײַנען געווען סך-הכל 36. אין פאָנד פאַר אַ זקנים-היים איז געווען 150 טויזנט דאָלער.

פון יאָר צו יאָר איז אָבער געוואָרן העכער דער דורכשניט־עלטער, גרעסער די צאָל זקנים און מער אין פאָנד פאַר דער „אַלד אײדזש האָום". די אַנהענגער פון אַזאַ היים האָבן דעריבער גענומען פּרעסן, אַז מ׳זאָל צוטרעטן רעאַליזירן דעם אַלטן באַשלוס. דעם 13טן מערץ 1932 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ געווידמעט דעם דאָזיגן ענין. עס זיינען געווען 358 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן 202 בראַנטשעס פון 4 שטאַטן. די קאָנפערענץ האָט אויסגעטיילט אַ קאָמיטעט פון 25 מאַן צו אַרבעטן פאַר רעאַליזירן דעם פּלאַן פון אַ זקנים־היים. די אַ.־ר.־קאָנווענשאָן פון זעלבן יאָר האָט באַשלאָסן צו העכערן דעם טעקס אויף דעם פאָנד מיט 80 סענט אַ יאָר (פריער האָט מען געצאָלט בלויז 20 סענט יערלעך). דער פאָנד איז, אַלזאָ, געוואַקסן. אָבער וואָס מער דער פאָנד איז געוואַקסן און מ׳האָט פון ווערטער געדאַרפט איבערגיין צו מעשים, אַלץ קילער זיינען די פירער פון אַ.־ר. געוואָרן צו דעם פּלאַן. אויף דער קאָנווענשאָן פון 1935 האָט דער נ. ע. ק. געמאָלדן, אַז „נאָך אַ גאַנץ לאַנגער באַטראַכטונג, האָבן מיר באַשלאָסן צו קומען צו דער קאָנווענשאָן מיט אַ רעקאָמענדאַציע אָפּצושאַפן די צאָלונגען פון 25 סענט אַ קוואַרטל פאַרן אַלד־אײדזש פאָנד. די געלטער, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין דעם פאָנד, זאָלן אומגעקערט ווערן צו די מיטגלידער". דער נ. ע. ק. האָט דעם דאָזיגן פאָרשלאַג אַריינגעטראָגן, ווייל ער האָט ניט געגלויבט, אַז מ׳וועט די אינסטיטוציע קענען אויסהאַלטן. ווי ווייט די ברייטע מיטגלידערשאַפט איז געווען אַריינגעצויגן אין שטרייט פאַר און קעגן אַזאַ היים, איז צו זען פון דעם, וואָס צו דער קאָנווענשאָן זיינען אָנגעקומען אַזש 150 פאָרשלאָגן און רעזאָלוציעס פון די בראַנטשעס. די קאָנווענשאָן האָט לסוף באַשלאָסן דעם טעקס פון אַ דאָלער אַ יאָר ניט אָפּצושאַפן און האָט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל במשך פון 2 יאָר באַטראַכטן די דאָזיגע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן צו לייזן דאָס פּראָבלעם: א) שאַפן אַן אַלגעמיינע היים; ב) שאַפן לאָקאַלע היימען; ג) איינפירן פּענסיעס פאַר עלטערע מיטגלידער.

דער קאָמיטעט איז צו דער קאָנווענשאָן אין 1937 געקומען מיט אַ פאָרשלאַג צו בויען אַן אַלגעמיינע היים. אָנגענומען זאָל מען קענען ווערן ערשט ווען מ׳ווערט אַלט 70 יאָר. די קאָנווענשאָן האָט באַקומען 70 רעזאָלוציעס און טעלעגראַמען פון בראַנטשעס פאַרן פאָרשלאַג פון תיכף צוטרעטן בויען די היים. אויף דער קאָנ־

ווענשאן גופא איז געפירט געווארן א הייסע דעבאטע. די קעגנער האבן געטענהט, אז מ׳וועט די היים ניט קענען אויסהאלטן. זיי האבן אפעלירט מיט לאגיק און ציפערן. די אנהענגער האבן אויך געבראכט ציפערן און באוויזן שווארץ אויף ווייס, אז עס וועט יא ארבעטן. און צו דעם האבן זיי אויך אונטערגעשפארט זייער ארגומענטאציע מיט — יושר: דער א.־ר. איז מחויב צו זארגן פאר זיינע זקנים, וועלכע „קענען ניט קלאפן אין די טירן פון אזעלכע היימען, וואו מען דארף אפהיטן אלע רעליגיעזע נארישקייטן, וואו מען דארף בענטשן און דאווענען און גיין אין א יארמולקע", ווי איינער פון די היים־פארטיידיגער האט ארגומענטירט.

מיט א גרויסער מערהייט האט די קאנווענשאן באשלאסן, אז אין פרינציפ בלייבט מען ביים באשלום צו בויען אין דער צוקונפט א היים, אבער דערוויל לייגט מען אפ די פראגע. די קומענדיגע קאנ־ווענשאן זאל די פראגע נאכאמאל באטראכטן. דער טעקס פון א דאלער א יאר זאל בלייבן ניט געענדערט. פון יעדן איינגעצאלטן דאלער זאלן 60 סענט בלייבן אין פאנד, און 40 סענט זאלן פאר־ווענדעט ווערן אויף הילף פאר אלטע מיטגלידער, וועלכע קענען ניט צאלן די בילס אדער מוזן אנקומען אין א זקנים־היים. (במשך פון 6 יאר ביז 1939 האט מען אויסגעגעבן אויף דעם צוועק איבער 200 טויזנט דאלער).

פאר יעדער קאנווענשאן זיינען פארגעקומען גרויסע קאנפע־רענצן פון פארשטייער פון ברענטשעס, וואו דער ענין איז היים דעבאטירט געווארן. דער קאמף איז ווייטער געפירט געווארן אויף דער קאנווענשאן אין 1939. מיט א גרויסער מערהייט האט די קאנווענשאן אנגענומען א באשלום, וואס האט באדייט א טויט־קלאפ פארן פלאן צו בויען א היים: ערשטנס, 150 טויזנט דאלער פון פאנד פאר א זקנים־הויז זאל איבערגעפירט ווערן אין פאנד פאר קראנקען־בענעפיט; צווייטנס, אנשטאט 25 סענט א קווארטל פאר בויען א זקנים־היים, זאל מען צאלן 15 סענט פאר העלפן אלטע מיטגלידער און 10 סענט זאל גיין צום פאנד פון קראנקען־בענעפיט. דער ערשטער פונקט איז אנגענומען געווארן מיט 66 שטימען קעגן 26, דער צווייטער פונקט — מיט 66 קעגן 10. די קאנווענשאן האט אבער ניט אפגעשפיגלט די מיינונג פון די מיטגלידער אין דער פראגע. דער באשלום פון דער קאנווענשאן האט ניט אפעלירט צו די מיטגלידער. עס האבן אויך ניט איבערצייגט די ווערטער פון

לייט־אַרטיקל אין „פריינד": „עס איז איצט ביי קיינעם קיין ספק ניט אַז די אידעע וועגן בויען אַן אַלד אײדזש האָום פּאַרלירט איר באָדן. מיר וועלן קיין אַלד אײדזש האָום אין דעם אַר.־ר. ניט קענען בויען. מיר וועלן ניט זיין בכוח אונטער קיין שום אומשטענדן אויס־צוהאַלטן אַ היים פאַר די, וועלכע וועלן זיין באַרעכטיגט דערצו. דעריבער דאַרפן די פאָנדן, וואָס זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן, און די צאָלונגען צו דעם פאָנד באַנוצט ווערן פאַר אַנדערע וויכטיגע צוועקן" (יוני־יולי 1939). דעם 10טן יולי 1939 האָט אַ קאָנפערענץ פון 300 דעלעגאַטן פון 163 ברענטשעס אָפּגעוואָרפן ביידע פונקטן פון קאָנווענשאָן־באַשלוס. די מיטגלידער זיינען גערופן געוואָרן אין נאָנטן רעפערענדום צו טאָן דאָס זעלבע. די מיטגלידער האָבן זיך צוגעהערט צום באַשלוס פון דער דאָזיגער קאָנפערענץ און ניט פון דער קאָנווענשאָן. ביידע פונקטן זיינען אין רעפערענדום דורכ־געפאַלן: פאַרן איבערגעבן 150 טויזנט דאָלער אין פאָנד פאַר קראַנ־קען־בענעפיט האָבן געשטימט 3,533 מיטגלידער, קעגן — 8,738; פאַר איבערפירן 10 סענט אַ קוואָרטל צום קראַנקען־בענעפיט זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן 5,534 שטימען, קעגן — 5,827.

אין דער פראַגע פון דער זקנים־היים האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע, וואָס ביי אַנדערע אינסטיטוציעס. יעדע נייע זאַך האָט באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד. ווער ס'האָט פשוט ניט געזען די נויטווענדיגקייט און ווער ס'האָט ניט געגלויבט, אַז מ'וועט עס קענען אויסהאַלטן. אַנדערע האָבן מורא געהאַט, אַז מ'וועט אַראָפּ־פירן דעם אַרבעטער־אָרדען פון דרך־הישר. מ'האָט געמוזט לאַנג קעמפן ביז דאָס נייע האָט זיך איינגעבירגערט אין די מוחות פון גרויסן רוב מיטגלידער און — אין לעבן פון אַ.־ר.. אַזוי איז געווען מיט דער קולטור־אַרבעט, מיט די שולן, יוגנט, סאַנאַטאָריע, אַזוי אויך מיט אַ זקנים־היים א. א. וו.. ערשט ווען מ'האָט זיך באַ־שיינפּערלעך איבערצייגט, אַז דאָס „אוממעגלעכע" איז מעגלעך און דאָס „אומנויטיגע" — נויטיג, האָט מען שלום געמאַכט מיטן אומ־פאַרמיידלעכן אָדער מיט אַ געשאַפענעם פאַקט. די דאָזיגע פּראָצע־דור האָט טיילמאָל אָפּגעשלעפּט דאָס שאַפן געוויסע אינסטיטוציעס, אָבער אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. דער אַ.־ר. איז אַ דעמאָ־קראַטישע אָרגאַניזאַציע און קען מיט דעקרעטן ניט אַרבעטן.

31. אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע פראַגן אויף די קאַנווענשאַנס

פון 3טן ביזן 9טן מאַי 1931 איז אין וואַשינגטאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאַנווענשאַן פון אַרבעטער־רינג. דאָס איז געווען אין דער צייט פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס און די נויט פון מיליאָנען אַרבעטער האָט זיך געלאָזט הערן אין די רעדעס און באַשלוסן.

עס זיינען אויך געווען פּאָליטישע מאָמענטן. די קאָמוניסטן זיינען שוין געווען אַוועק פון א.־ר.. דאָך איז אויסגעקומען צו דעבאַטירן וועגן זייערע מעשים. אין א.־ר. זיינען דעמאָלט געווען 6 ברענטשעס פון לאַוועסטאָניסטן, אַן אָפּאָזיציע, וואָס איז אַוועק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָט די ברענטשעס האָבן געשיקט 2 פאָרשטייער, און געבעטן, אַז מ׳זאָל זיי אויסהערן. זיי האָבן באַקומען אַ וואָרט און פאָרלאַנגט: א) אָפּשאַפן קליינע קאַנווענשאַנס; ב) די פירערשאַפט פון א.־ר. זאָל ניט שטיצן די אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר; ג) אַרבעטן פאַר דער אָנערקענונג פון סאָוועט־רוסלאַנד; ד) דער א.־ר. זאָל ניט פאָדערן דאָס באַפרייען פון פּאָליטישע אַרעסטירטע אין סאָוועט־רוסלאַנד. די לאַוועסטאָניסטן האָבן נאָך באַנוצט אַ היפּש ביסל פון קאָמוניסטישן לעקסיקאָן און גערעדט גאַנץ שאַרף און באַליידיגנדיג. אַן ענטפער האָבן זיי באַקומען אין די רעדעס פון נ. כאַנין און א. ליטוואַק. דער ענטפער איז געווען, אַז אין א.־ר. איז דאָ אַ פּלאַץ פאַר אַלע ריכטונגען. מיט די קאָמוניסטן איז דער קאַמף געפירט געוואָרן ניט צוליב זייער פּראָגראַם נאָר צוליב זייער אומדערלאָזבאַרע פאַרברעכערישע טאַקטיק. ליטוואַק און כאַנין האָבן פאַרגעוואָרפן די לאַוועסטאָניסטן טאָפּלטע מאָראַל, ווען זיי זיינען קעגן אַרעסטירן קאָמוניסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד און זיינען קעגן באַפרייען סאָציאַליסטן. א. ליטוואַק, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, האָט די לאַוועסטאָניסטן פאַרגעוואָרפן, אַז „זיי האָבן פאַר אונז אין די אויגן געקושט די פיס, וואָס האָבן זיי אַרויסגעשטויסן”.

אין שייכות מיט די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע פראַגן, וואָס זיינען דע־

מאָלט געשטאַנען אויף דער טאָג-אָרדענונג פון אַמעריקאַנער לעבן, האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען איינצעלנע באַשלוסן: „דער אַ.־ר. אַלס גאַנצער און די ברענטשעס אין די פאַרשידענע שטעט זאָלן העלפן שאַפן און זיך באַטייליקן אין אַ באַוועגונג, וואָס זאָל קעמפן, אַז די באַזונדערע שטאַטן זאָלן אָננעמען אַ געזעץ פאַר אַרבעטס-לאָזן-פאַרזיכערונג". עס ווערט „אינדאָרסירט די באַוועגונג פאַר עלטער-פענסיעס". די ברענטשעס אין לאַנד ווערן אויפגעפאָדערט, „אַז זיי זאָלן אַרבעטן פאַר אַזאַ געזעץ אין זייערע שטאַטן". „דער אַ.־ר. אַלס גאַנצער און די ברענטשעס אין לאַנד זאָלן אַקטיוו העלפן דער טרייד-יוניאָן-באַוועגונג אין זייער קאַמף פאַר קירצערע אַרבעטס-טעג".

די וואַשינגטאָנער קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט, אַז אַמעריקע זאָל אָנערקענען סאָוועט-רוסלאַנד. די רעזאָלוציע זאָגט: „דער אַ.־ר. פאָדערט דאָס אָנערקענען ניט אויפן זעלבן סמך, ווי עס פאַרלאַנגט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, אַז דאָס איז נויטיק צוליב די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די פאַרשידענע לענדער, נאָר אויף דעם סמך, וואָס יעדעס לאַנד האָט אַ רעכט צו באַשטימען זיין גורל, האָט אַ רעכט צו באַשטימען וואָסער רעגירונגס-פאָרם צו האָבן". אַ צווייטע רעזאָלוציע האָט באַשטעטיקט דעם אַלטן ווילן פון אַרבעטער-רינג „צו פאָדערן דאָס באַפרייען די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין אַלע לענדער און בפרט אין סאָוועט-רוסלאַנד".

פון 8טן ביזן 13טן מאַי 1932 איז אין באָסטאָן פאָרגעקומען די קאָנווענשאָן לכבוד דער פאַראייניקונג מיטן אינדעפּענדענט אַ.־ר.. די שטימונג צווישן דעם גרויסן עולם איז געווען אַ יום-טובדיקע צוליבן פאַקט פון דער פאַראייניקונג.

די פרייד מחמת דער פאַראייניקונג האָט אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן באַלד געמוזט מאַכן אַ וואָרע פאַר דעם נויט-געשריי, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פון דער גאַס און פון די ברענטשעס. דער באַריכט פון אַפּיס-קאָמיטעט האָט דערציילט: „פון דער לעצ-טער קאָנווענשאָן ביזן 1טן אַפּריל ה. י. האָבן מיר אויסגעגעבן די-רעקטע שטיצע, אויף העלפן מיטגלידער אין נויט, אויף ברויט און מילך פאַר זיי און זייערע פאַמיליעס אַרום 15,700 דאָלער און ביי 28 טויזנט דאָלער אויף צו דעקן זייער ניט באַצאָלטן דיוס". דער בילדונגס-קאָמיטעט האָט אין זיין באַריכט דערציילט, אַז גראָד דעם לעצטן יאָר האָט די קולטור-אַרבעט געהאַט גרויס דערפאָלג.

דערקלערט איז עס געוואָרן מיט דעם, וואָס „מענטשן וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פון דערהווייטנס פון די אַ.־ר.־מיטינגען און אונטער־נעמונגען — מענטשן וועלכע האָבן געמאַכט געלט אין דער צייט פון ,פּראָספּעריטי׳ און האָבן דאָס אין קריזיס־צייט פאַרלוירן, האָבן אָנגעהויבן צו פילן, אַז דער אַ.־ר. און זיין קולטור־אַרבעט זיינען פּאָרט דאָס איינציגע היימישע און וואַרעמע ווינקל, וואו מ׳קען זיך צוריק פילן נאָנט צווישן אייגענע פריינד״. צוליבן קריזיס האָבן מענטשן אויך ניט געקענט אויסגעבן אַ סך געלט אויף פאַרוויי־לונגען, האָט מען אָנגעהויבן קומען מער צו די קולטורעלע אונ־טערנעמונגען פון אַרבעטער־רינג.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו שיקן אַ פּעטיציע צו די אַמעריקאַנער געזעץ־געבענדיגע קערפּערשאַפטן, צו באַשטימען 5 ביליאָן דאָלער פאַר בוי־אַרבעטן, כדי אויף אַזאַ אופן צו העלפן מאָמענטאַל די גרויסע אַרמיי אַרבעטסלאָזע, וועלכע נויטיגן זיך אין באַלדיגער הילף. די קאָנווענשאָן האָט באַשטימט 50 טויזנט דאָלער צו העלפן אַרבעטסלאָזע און נויטבאַדערפטיגע מיט־גלידער. גלייכצייטיג איז באַשלאָסן געוואָרן צו צעטיילן 60 טויזנט דאָלער שטיצע פאַר פאַרשידענע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין אַמעריקע און אויף יענער זייט ים.

אַ וויכטיג אָרט אויף דער באַסטאָנער קאָנווענשאָן האָבן פאַר־נומען די פאָרגעשלאָגענע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע. אין נאָמען פון דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע האָט רעפערירט י. ישורין. די קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגן צו ענדערן די צאָל קאָמיטעטן, פון וועלכע עס שטעלט זיך צונויף די נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונג. אַנשטאָט פון 6 זאָל דער נ. ע. ק. באַשטיין בלויז פון 4 קאָמיטעטן. ליקווידירט זאָלן ווערן דער בענעפיט־קאָמיטעט און דער גריוועגס־קאָמיטעט. בלייבן זאָלן בלויז די קאָמיטעטן פאַר אָרגאַניזאַציע, בילדונג, אָפּיס און סאַנאַטאָריום. יעדער קאָמיטעט זאָל האָבן 7 מיטגלידער. אַ נ. ע. ק. זאָל מען וויילן אויף 2 יאָר און מער ווי 2 יאָר כסדר זאָל מען ניט טאָרן זיין אַ מיטגליד אין פאַרוואַלטונג. די קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע האָט אויך פאָרגעלייגט אַנדערע פאָרשלאָגן, צווישן זיי, אַז קראַנקע זאָלן באַקומען ווי פריער אויסגעצאָלט פאַר מאַקסימום 15 וואָכן קראַנקען־בענעפיט במשך פון אַ יאָר, אָבער ערשט פון דער צווייטער וואָך פון קראַנק ווערן, און אַז אין די באַזונדערע פאָנדן זאָל מען ניט צולאָזן קיין דעפיציטן — צו דעקן היזקות פון איין פאָנד מיט

סומעס פון אַ צווייטן זאָל ניט דערלויבט זיין. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן, אַז וואַלן פון נ. ע. ק. זאָלן פאָרקומען יעדע צוויי יאָר, אנשטאָט יעדעס יאָר. אַ מיטגליד אין נ. ע. ק. קען מען זיין כסדר ניט מער ווי איין טערמין (2 יאָר). דאָס זעלבע איז אויך חל אויף דעם נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באַארד. איינשטימיג איז באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז פון 1935 זאָלן קאָנווענשאָנס פאָרקומען איין מאָל אין 2 יאָר. די באַשטאַנד־טיילן פון דער פאַרוואַלטונג זיינען געבליבן ווי פריער. מיט 66 שטימען קעגן 41 איז באַשלאָסן געוואָרן איבער־צולאָזן אַלע פריערדיגע קאָמיטעטן אין נ. ע. ק.

אַ דעבאַטע איז ווידער געפירט געוואָרן וועגן סאָוועט־רוסלאַנד. אויף אַ ריי קאָנווענשאָנס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס, אַז אַמעריקע זאָל אנערקענען סאָוועט־רוסלאַנד און אַז די סאָוועט־טישע רעגירונג זאָל באַפרייען די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן. אַזוי ווי ביידע פאַרלאַנגען זיינען ביז דער באַסטאַנער קאָנווענשאָן ניט מקוים געוואָרן, איז ווידער וועגן דעם געווען אַ רעזאָלוציע — אַן איבערחזרונג פון אַ פריערדיגן טעקסט. ד״ר סילווערבערג, וועלכער איז אויך געווען פאַר דער פאָדערונג צו אנערקענען סאָוועט־רוס־לאַנד, איז אָבער אַרויסגעטראָטן קעגן דער מאָטיווירונג, ווייל עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די סאָוועטישע רעגירונג עקזיסטירט לויטן ווילן פון פאָלק, בעת זי איז בלויז אַ דיקטאַטור איבערן פאָלק. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרעסערע דעבאַטע און מיט 51 שטימען קעגן 10 איז דער פאָרגעשלאָגענער אַלטער טעקסט אָנגענומען גע־וואָרן.

די קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען פון 5טן ביזן 11טן מאַי 1935 אין ניו־יאָרק, איז געווען פאַרבונדן מיט דער פייערונג פון 35יאָריגן יובילייו. איבער צוואַנציג טויזנט מענטשן האָבן אויסגע־פילט דעם מעדיסאָן־סקווער־גאַרדען בעת דער עפענונג.

צווישן די באַגריסער זיינען אויך געווען פאָרשטייער פון דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן, פון דער אינטערנע־שאָנעל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און פון די קעפּמייקערס און מילינערי יוניאָן. י. שלאָסבערג האָט גערעדט אין נאָמען פון אַמאַלגאַמייטעד און דערמאָנט די מאָראַלישע און פינאַנציעלע הילף, וואָס דער אַ.־ר. האָט געגעבן דער יוניאָן פון מענער־שניידער. די מיטגלידער פון אַמאַלגאַמייטעד באַציען זיך מיט ליבע און רעס־פּעקט צום אַרבעטער־אָרדען. ד. דובינסקי האָט גערעדט אין נאָ־

מען פון אינטערנעשאַנעל. ער האָט געזאָגט: „היינט זיינען מיר אַ שטאַרקע און רייכע אָרגאַניזאַציע, אָבער ניט לאַנג צוריק זיי־נען מיר געווען שוואַך און אָרעם. איך געדענק, ווען איך בין גע־קומען צו אייך אויף אייער קאָנווענשאָן אין וואַשינגטאָן און האָב אַפּעלירט צו אייך נאָך שטיצע צו ראַטעווען אונזער יוניאָן פון אונ־טערגאַנג און איר האָט מיט אַזאַ ברייטער האַנט אונז געגעבן אייער ברידערלעכע הילף און האָט אונז געראַטעוועט אין דער שווערסטער צייט פון אונזער לעבן". אין נאָמען פון די קעפּ־מייקערס און מילי־נערי־יוניאָן האָט באַגריסט דער פּרעזידענט זאַריצקי.

צווישן די רעדנער ביי דער פייערלעכער עפענונג זיינען גע־ווען: י. ישורין, י. וויינבערג און ב. וולאַדעק. בעת דער באַ־גריסונגס־רעדע פון אַב. קאַהאַן האָבן מיליטאַנטישע סאָציאַליסטן און אַנדערע געשטערט. שפּעטער האָט די קאָנווענשאָן באַדויערט דעם אינצידענט און פאַראורטיילט די שטערער.

דער פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט, ל. דינערשטיין, האָט אין זיין באַריכט אויף דער קאָנווענשאָן דערציילט וועגן דער ווערבירונגס־אַרבעט פון אַ.־ר. אין די יוניאָנס. די אינטערנעשאָנעל האָט אַ סך געהאָלפן ביים ווערבירן אַ.־ר.־מיטגלידער אין דער יוניאָן. אויך די אַמאַלגאַמייטעד און די פאַראייניגטע יידישע געווערקשאַפטן האָבן צוגעהאָלפן. מ'האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט סאָ־סייעטיס. בלויז דריי פון זיי זיינען אַריין אין אַ.־ר.. אַ סך מער סאָסייעטיס האָבן געוואָלט זיך פאַרוואַנדלען אין ברענטשעס פון אַ.־ר., מ'האָט עס אָבער ניט געקענט טאָן, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ צו גרויסע צאָל אַלטע מיטגלידער. בכלל האָט מען פון 1טן אָק־טאָבער 1934 ביזן 1טן אַפּריל 1935 אַריינגענומען 8 טויזנט נייע מיטגלידער, צווישן זיי אַ סך, וועלכע זיינען פריער אַרויסגעפאַלן פון אַ.־ר., ווייל זיי האָבן צוליב אַרבעטסלאָזיגקייט אַ לענגערע צייט ניט געקענט צאָלן.

צווישן דער גרויסער צאָל אָנגענומענע רעזאָלוציעס איז אויך געווען איינע וועגן דער פאַרערגערטער לאַגע פון די יידן אויף דער וועלט. אין דער רעזאָלוציע איז געזאָגט געוואָרן: „די איצטיגע קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע אין דייטשלאַנד, פוילן, רומעניע, ליטע און לעטלאַנד פאָדערט פון אונז, יידישע אַרבעטער, די גרעסטע אויפ־מערקזאַמקייט. מיר טאָרן ניט בלייבן גלייכגילטיג צו זייער רוף פאַר

הילף. די מאַטעריעלע הילף, וואָס מיר גיבן זיי, שטאַרקט זייער מוט, פאַרפעסטיגט זייער גלויבן אין זייער גערעכטן קאַמף מיט די פינסטערע כוחות אין די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן״... „אין די לעצטע יאָרן איז אין פּאַלעסטינע געוואָרן אַ באַדייטנדיגער יידי־שער ישוב. אונז אינטערעסירט שטאַרק דער גורל פון די יידן, וואָס וואוינען אין פּאַלעסטינע, פּונקט ווי עס אינטערעסירט אונז דער גורל פון די יידן אין אַנדערע לענדער. איבערהויפּט אינטערע־סירט אונז דער גורל פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין פּאַלעסטינע און זייער קאַמף פאַר אַ בעסער און נאָרמאַל לעבן. מיר סימפּאַטי־זירן מיט דעם אידעאַליזם, וואָס זיי ווייזן אַרויס. טראָץ דעם וואָס מיר האַלטן ניט, אַז דער ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען קען לייזן די יידן־פראַגע, פאַרדינען דאָך די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע אונזער אויפמערקזאַמקייט, אויב אַפילו ניט אין קיין גרעסערער פּראָפּאָרץ ווי די נויטבאַדערפטיגע יידישע מאַסן אין אַנדערע לענדער. אָבער אין פאַלן, ווען ספּעציעלע הילף איז נויטיג אין פּאַלעסטינע, איז דער אַ.־ר. אַלע מאָל געווען און איז איצט פון די ערשטע אַזאַ הילף צו שאַפן״... „אויך די יידן אין סאָוועט־רוס־לאַנד נויטיגן זיך איצט אין אונזער הילף און מיר דאַרפן זיי געבן אונזער געהעריגע אויפמערקזאַמקייט״ (דורך „אָרט״ און „דזשאָינט״)... „די אויפגאַבע צו העלפן די יידישע אַרבעטער אין אייראָפּע און פּאַלעסטינע קען בעסער און צוועקמעסיגער אויסגעפירט ווערן, ווען אַלע אַרבעטער־רעליף־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער ,אָרט׳, ,געווערק־שאַפטן קאַמפּיין׳, ,יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט׳ און אַנדערע אַר־בעטער־רעליף־אָרגאַניזאַציעס, וועמענס צוועק איז צו שאַפן הילף סיי פאַר צייטווייליגע און סיי פאַר שטענדיגע יידישע אינסטיטו־ציעס אין אייראָפּע און פּאַלעסטינע, זאָלן זיך פאַראייניגן אין איין גרויסער הילפס־אָרגאַניזאַציע״.

אַ רעזאָלוציע האָט אויסגעדריקט די פרייד, וואָס אַמעריקע האָט ענדלעך אַנערקענט סאָוועט־רוסלאַנד און איינגעשטעלט נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע און האַנדלס־באַציאונגען. גלייכצייטיג איז פעסטגע־שטעלט געוואָרן, אַז עס „קען קיין פאַרענטפערונג ניט זיין פאַרוואָס די סאָוועטישע רעגירונג זאָל ניט שליסן קיין פאַראייניגטן פראַנט מיט די סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן אין איינענעם לאַנד, וואו עס געפינען זיך נאָך היינט פיל סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן אין טורמעס און פאַרשיקונגס־לאַגערן״. עס ווערט גע־

פאַדערט זייער באַלדיגע באַפרייאונג. נאָך אַ קורצער דעבאַטע איז די דאָזיגע רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרן מיט 815 שטימען קעגן 68.

וועגן פאַרשאַרפטן פראַקציאָנעלן קאַמף אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן: „אין מאָמענט, ווען פאַר די סאָציאַליסטן אין אַמעריקע שטייען פאַר גרויסע מעגלעכקייטן, האָבן זיך צום באַדויערן אַנגעהויבן חלוקי-דעות אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, חלוקי-דעות וואָס קענען ברענגען צו אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי. די קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. אַפּעלירט צו אַלע צדדים אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך צו געפינען אַ וועג פאַר איינהייט אין דער פּאַרטיי. מיר אַפּעלירן גלייכצייטיג צו אַלע ברענטשעס פון אַ.־ר. צו זען ווי מעגלעך אויסצומיידן, אַז דער פראַקציאָנעלער קאַמף זאָל אַריינגעבראַכט ווערן אין אונזערע רייען".

אַ רעזאָלוציע האָט גערופן ווייטער צו פירן די באָיקאָט-באַוועגונג קעגן נאַצי-דייטשלאַנד, דערביי איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז „דער באָיקאָט באַצוועקט ניט אויף קיין פאַל אַ שנאה קעגן דייטשן פאָלק", ווייל די דייטשע פאָלקס-מאַסן „זיינען אויך קרבנות פון דעם זעלבן בלוטיגן רעזשים".

אַנדערע רעזאָלוציעס האָבן גערופן צום קאַמף פאַר אַרבעטסלאָזן-פאַרזיכערונג, שטיצן די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער פון אַר־בעטער-רינג (פון דער פריערדיגער קאָנווענשאָן האָט דער נ. ע. ק. זיי געהאָלפן מיט 208 טויזנט דאָלער), מיטהעלפן אין קאַמף פאַר אַ 30-שעהדיגער אַרבעטס-וואָך און שטיצן פינאַנציעל דעם „לייבאָר-טשעסט". עס זיינען באַגריסט געוואָרן די אַנטי-פאַשיסטישע קעמפער אין פאַרשידענע לענדער. ס'איז אויך באַגריסט געוואָרן די גרינדונג און די טעטיגקייט פון יידישן אַרבעטער-קאָמיטעט. די קאָנווענשאָן האָט אַקצעפּטירט דעם אַנטייל פון אַ.־ר. אין דאָזיקן קאָמיטעט. אַ רעזאָלוציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט לטובת דער יידישער שפּראַך אין אַלע לענדער, אייַנשליסנדיג פּאַלעסטינע.

אין 1937 איז די קאָנווענשאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 2-7 מאַי אין פילאַדעלפיע. דער באַריכט פון אָרגאַניזאַציע-קאָמיטעט האָט דערציילט: „אַ דאַנק דער גרויסער הילף און קאָאָפּעראַציע פון די באַאַמטע אין די יידישע יוניאָנס איז אונז געלונגען צו אָרגאַניזירן נייע ברענטשעס אין די פאָלגנדיגע יוניאָנס: אַמאַלגאַמייטעד, אינטערנעשאָנעל, בעקערס, מואווינג-פּיקטשור-אָפּערייטאָרס, גראָסע-

רי קלוירקס. אחוץ דעם זיינען אויך אַריינגעקומען פיל נייע מיט־גלידער אין די אַלטע עקזיסטירנדיגע ברענטשעס". דער גענעראַל־סעקרעטאַר י. באַסקין האָט אין זיין באַריכט געזאָגט: „אונזער פינאַנציעלער צושטאַנד איז אַ גלענצענדער. קיין שום אָרגאַניזאַציע, אַפילו די שטאַרקסטע און מעכטיגסטע, האָט ניט אַזוי אומבאַשעדיגט דורכגעמאַכט די קריזיס־יאָרן, ווי מיר. דער פונדאַמענט פון איינציגע ריזיגע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך גענומען טרייסלען. מיר זיינען אָבער געשטאַנען אַזוי פעסט ווי דער גיבראַלטאַר".

אויף דער קאָנווענשאָן האָט זיך אַנטוויקלט אַ דעבאַטע וועגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אַ דעלעגאַציע פון דריי פּערזאָן האָט זיך געמאָלדן און דערקלערט, אַז זי רעדט אין נאָמען פון 13 ברענטשעס, וועלכע האָבן זיך קאָנסטיטואירט אַלס „פּראָגרעסיווע גרופּע אין דעם אַ.־ר.". די דעלעגאַציע האָט געפאָדערט צו אַנערקענען דעם „פּראָגרעסיוון פליגל" דורך געבן אים פאַרטרעטערשאַפט אין אַלע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע קאָמיטעטן. עס זיינען אויך אַרויסגערוקט געוואָרן פּאָליטישע פאָדערונגען, צווישן זיי, אַז דער אַ.־ר. זאָל זיך שטעלן אויף דער זייט פון דער סי־איַ־אָ קעגן דער אַמעריקען פעדערייִשאָן אָוו לעיבאָר. ס'איז אויך קריטיקירט געוואָרן די שטעלונג פון אַ.־ר. צו סאָוועט־רוסלאַנד. נאָכן אויסהערן די טענות פון דער דעלעגאַציע האָט איר געענטפערט דער פּאָרזיצער פון אַ.־ר. ר. גוסקין. ער האָט געזאָגט, אַז פאָרמעל פאַרטרעט די דעלעגאַציע 13 ברענטשעס, פאַקטיש אָבער — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ער האָט באַגרינדעט די אומפּאַרטייאישע שטעלונג פון אַ.־ר. אין קאַמף צווישן ביידע טרייד־יוניאָן־קערפּערשאַפטן. די שטרעבונג פון אַ.־ר. איז ניט קיין מלחמה אין די רייען פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, נאָר איר פאַראייניגונג. קלאָר מאַכנדיג די שטעלונג פון אַ.־ר. צו סאָוועט־רוסלאַנד, האָט גוסקין געזאָגט: „מיר זיינען גרייט צו אַנערקענען דאָס גוטע אין רוסלאַנד, אָבער מיר טאָרן אויך ניט פאַרזען אירע טעותן. ווען רוסלאַנד וואָלט היינט אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ מלחמה מיט די פאַשיסטישע לענדער, וואָלטן מיר אָן שום חשבונות געשטאַנען אויף דער זייט פון רוסלאַנד. מיר האָבן אָבער דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז די רוסישע דיקטאַטור זאָל אויפהערן צו שיסן היינט 14, מאָרגן 16 און איבערמאָרגן 17".

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס וועגן וויכטיגע אַקטועלע פּראָבלעמען. אַ רעזאָלוציע האָט סאַלוטירט די

געפאלענע העלדן אין שפאנישן פרייהייטס-קאמף און צוגעזאגט צו העלפן די לעבעדיגע פרייהייטס-קעמפער. די ברענטשעס און די מיט-גלידער זיינען גערופן געווארן צו פארשטארקן זייערע געלט-זאמ-לונגען פאר די שפאנישע אנטי-פאשיסטישע קעמפער. ביז דער קאנ-ווענשאן האבן די א.־ר.־מיטגלידער געהאט צונויפגעזאמלט העכער 20 טויזנט דאלער. די רעזאלוציע האט דערקלערט, אז „דאס שפאני-שע פאלק מיט דעם ארבעטער-קלאס בראש קעמפט פאר דעם זיג פון פרייהייט פאר דער גאנצער וועלט".

די קאנווענשאן האט געלאזט הערן איר שטים קעגן דער פאר-שטארקטער אנטיסעמיטישער רעאקציע אין פוילן: זי האט אויס-געדריקט „איר שארפסטן פראטעסט קעגן דער הערשנדיגער רעאק-ציע אין פוילן, קעגן די שווארץ-מאהדיגע אויסראטונגס-מעטאדן לגבי דער יידישער באפעלקערונג" און איבערגעשיקט „איר ברידערלעכן גרוס צו די יידישע מאסן, וועלכע צאלן מיט טרערן און בלוט פאר יעדער שעה פון זייער לעבן". ווייטער האט די רעזאלוציע געזאגט: „מיר זיינען באגייסטערט פון אייער מוטיגן קאמף פאר אייערע נא-ציאנאלע און סאציאלע רעכט, וואס זיינען אויך גאראנטירט אין דער קאנסטיטוציע פון לאנד, פון אייער קאמף פאר מענטשלעכע רעכט אויף לעבן, ברויט און פרייהייט. מיר זיינען שטאלץ מיט דעם סא-ציאליסטיש-ארגאניזירטן פוילישן ארבעטער". עס איז אויך איבער-געשיקט געווארן א ברידערלעכער גרוס צו די יידיש וועלטלעכע שולן אין פוילן און די א.־ר. מיטגלידער זיינען גערופן געווארן צו העלפן אין קאמפיין פאר די דאזיגע שולן. עס איז אנגענומען געווארן א באגריסונג צו די יידישע ארבעטער אין רומעניע און א רוף צו די ברענ-טשעס צו העלפן די יידישע ארבעטער-אינסטיטוציעס אין דאזיקן לאנד.

די אנגענומענע רעזאלוציע וועגן יידישן ארבעטער-קאמיטעט האט געלויבט זיין ארבעט אויפן געביט פון קאמף קעגן פאשיזם, היטלעריזם און אנטיסעמיטיזם און געשטיצט זיין קאמפיין צו שאפן א פערטל מיליאן דאלער פאר די יידן אין פוילן. דערביי איז פעסט-געשטעלט געווארן, אז „אלע אומבאגרינדעטע בייזוויליגע אטאקעס, וואס זיינען לעצטנס געמאכט געווארן סיי אויף דעם יידישן ארבעטער-קאמיטעט, סיי אויף זיין פארזיצער פריינד ב. וולאדעק, זיינען ניט בארעכטיגט און האבן באצוועקט בלויז צו שעדיגן די איצטיגע וויכ-טיגע קאמפאניע וואס דער יידישער ארבעטער-קאמיטעט איז אלע

זיינע טיילן פירן לטובת די קעמפנדיגע יידישע ארבעטער און פאָלקס־מאַסן אין פוילן״.

די קאָנווענשאָן האָט באַדויערט דעם ביטערן שטרייט צווישן דער סי־אַי־אָ און אַ. פּ. אָוו ל.. זי האָט גערופן „די מיטגלידער און ברענטשעס פון אַ.־ר. צו העלפן ברענגען דעם נויטיגן שלום און אַזוי אַרום מעגלעך מאַכן פיל גרעסערע דערפאָלגן פון דער אַמעריקאַנער ארבעטערשאַפט אויף פארשידענע געביטן פון איר אַרבעט״. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט אונטערגעשטיצט די באַמיאונגען פון פרעזידענט רוזוועלט צו פאַרגרעסערן דאָס העכ־סטע געריכט פון לאַנד, ווייל „דאָס וועט מעגלעך מאַכן, אַז די נויטיגע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע געזעצן לטובת די אַרבעטער־מאַסן זאָלן וואָס שנעלער אנערקענט ווערן אַלס קאָנסטיטוציאָנעלע דורך דעם געענדערטן צוזאַמענשטעל פון העכסטן געריכט״.

ב. וולאַדעק, וועלכער האָט געשלאָסן אַ ריי קאָנווענשאָנס פון אַ.־ר. און מיט זיינע מייסטערהאַפטע רעדעס דערהויבן די דעלעגאַטן און זיי באַגייסטערט צו טאָן די געזעלשאַפטלעכע ארבעט לטובת די יידישע פאָלקסמאַסן, האָט דאָס מאָל געהאַלטן זיין לעצטע שלום־רעדע. ער האָט געזאָגט: „ביי היינטיגן טאָג האָט דער אַ.־ר. אַ ספּע־ציעלע פליכט: דאָס יידישע לעבן, פון וועלכן מיר זיינען אַ טייל, איז אַ לעבן פול מיט פּראָבלעמען און מיט האַרץ־ווייטאָג. ס'איז ניט בלויז שווער צו טאָן, נאָר אויך צו דענקען. און עס וואָלט גע־ווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אין אַ וועלט, וואָס איז האַלב־פאַ־שיסטיש, זאָלן ניט זיין קיין פאַשיסטישע עלעמענטן אין יידישן לעבן. דער אַ.־ר. דאַרף זיין די קערפּערשאַפט, וואָס זאָל קעמפן קעגן פאַשיזם ניט בלויז אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר אויך קעגן פאַשיזם אינם יידישן לעבן. מיר האָבן אויסגעפונען פון אונזער אייגענער דער־פאַרונג, אַז יעדע אַקציע, וואָס מיר אונטערנעמען, איז געזונט, אויב מיר שאַפן און קאָנטראָלירן זי. און יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט פאַרשלעפּן פון אַנדערע, זיינען מיר אריין אין אַ בלאָטע. פאַר די לעצטע 25, 30 און 35 יאָר, ווען דאָס יידישע ארבעטער־לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו בויען, האָבן מיר אַ סך אויפגעבוים. מיר ווייסן אַליין ניט וויפיל מיר האָבן אויפגעבוים. דאָס גרעסטע, וואָס מיר האָבן אויפגעבוים, וואָס מיר האָבן אין נייעם לאַנד פאַר זיך געשאַפן, איז אַ היים, אַ טעמפּל, אַן אינטערעס — ניט בלויז מיטן שכל, מיטן קאָפּ, מיטן חשבון, נאָר אויך דורך געפיל, דורך אונזער

אינסטינקט. מיר האָבן געפילט, אַז אויב מיר וועלן בויען צוזאַ־מען, וועלן מיר עפּעס אויפבויען. דער אַ.־ר. איז איינער פון די מוטיגסטע שותפים אין דעם קאַפּיטל, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט דאָ אין לאַנד געשאַפן. ניט בלויז אַ שותף אין געלט, ווייל די יוניאָנס האָבן מער ווי צו 7-8 מיליאָן דאָלער. אָבער וואו עס איז דאָ אַ ברענטש פון אַ.־ר., איז דאָ אַ פּראָגרעסיווער צענטער. אומע־טום וואו עס איז דאָ אַן אַ.־ר.־טוער, איז דאָ אַ האַרץ, וואָס רופט זיך אָפּ אויף אַלע נויטן".

אויף דער זעלבער קאָנווענשאָן איז אויך געווען צום לעצטן מאָל — שוין אַ שווער קראַנקער — ל. ראָטמאַן, וועלכער האָט אין די יאָרן 1926-38 פאַרנומען דעם אַמט פון עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר און איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון די קאָנווענשאָן־בולעטינס.

אָנהויב מאַי 1939 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר. דער האַקנקרייץ האָט געוואָרפן זיין אומהיימלעכן שאָטן איבער אַ גרויסן טייל פון אייראָפּע. די צערודערונג פון דער וועלט איז געוואָרן גרעסער. היטלער האָט שוין געמאַכט די לעצטע צו־גרייטונגען צו רעאַליזירן זיינע פּלענער וועגן דעראָבערן די וועלט און ווערן איר דעספּאָטישער הערשער. אויף דער קאָנווענשאָן האָט מען שוין גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ נאָענטן מלחמה־אויסברוך. פון די ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מכוח געוויינלעכע אַרבעטער־רינג־פראַגן, האָט אַרויסוויברירט אַן אומרו פאַרן מאָרגן.

ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, איז דער פינאַנציעלער מצב פון אַ.־ר. געווען אַ גוטער, ניט געקוקט אויפן שווערן קריזיס אין די דרייסיגער יאָרן. פון יאָר 1931 ביז 1939 איז דער פאַרמעגן פון אַרבעטער־אָרדען געוואַקסן פון 5,551,547 דאָל. צו 7,150,000 דאָל. פון מאַי 1937 ביז מאַי 1939 איז די צאָל מיטגלידער געשטיגן פון 69,692 צו 72,470. אין פאַרגלייך מיט די יינגערע יאָרן זיינען אַריינ־געקומען ווייניגער נייע מיטגלידער, דערפאַר אָבער האָט זיך אויך פאַרקלענערט די צאָל פון די געשטראָכענע. במשך פון די 2 יאָר האָט מען אָרגאַניזירט 80 נייע ברענטשעס, וואָס האָט באַוויזן, אַז דער אַ.־ר. האָט נאָך ניט פאַרלאָרן זיין ווערביר־קראַפט.

אויף דער באַלטימאָרער קאָנווענשאָן איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן ווערבירן מיטגלידער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אין זיין באַריכט האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר באַסקין געזאָגט:

„במשך די לעצטע עטלעכע יאָר האָט מען אָפּט פאַרן נ. ע. ק. גע־שטעלט די פראַגע — פּאַרוואָס זאָלן מיר אויך ניט אָרגאַניזירן אַ.־ר.־ברענטשעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, פון עלעמענטן וועלכע האָבן סימפּאַטיע צו אונז און קענען צוזאַמען מיט אונז פירן ווייטער די אַרבעט. דער ענטפער פון נ. ע. ק. איז געווען — און דאָס איז אויך מיין ענטפער — אַז מיר דערוואַרטן ניט קיין דערפאָלג אויף דעם געביט".

די קאָנווענשאָן האָט געזאָגט איר וואָרט וועגן דער לאַגע אין דער וועלט. אין דער אנגענומענער רעזאָלוציע איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז „דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דאָס יידישע פאָלק אין די פאַשיסטישע לענדער, איז ניט קיין ריין יידיש אומגליק, הגם יידן ליידן פון דעם אַמשטאַרקסטן. דער פאַשיזם איז היינט דאָס אומגליק פון דער גאַנצער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און דער קאַמף מיטן פאַשיזם איז דער געבאָט פון אונזער פינסטערער צייט". די רע־זאָלוציע אַפּעלירט צו די אַרבעטער פון דייטשער און איטאַליענישער אָפּשטאַמונג אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן דאָ אין לאַנד „ניט באַ־איינפלוסט ווערן פון דעם באַרבאַריזם, וואָס הערשט אין אַ גאַנצער ריי אייראָפּעאישע לענדער. צו די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע און צו די יידישע אַרבעטער פון גאַר דער וועלט זאָגן מיר, אַז ווי שווער, פינסטער און גרויזאַם די צייט זאָל ניט זיין, טאָר אונזער פאָלק ניט פאַרלירן די האָפענונג אין דער גרויסער מענטשלעכער באַפרייאונג. מיר טאָרן ניט פאַרלירן אונזער גלויבן אין דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס וועט ברענגען פרייהייט און גליק פאַר אַלע פעלקער און אויך פאַר אונזער פאָלק".

אין אַ רעזאָלוציע צו באָיקאָטירן דייטשע סחורות איז געזאָגט געוואָרן: „קיין איין ייד מיט אַ פונק פון זעלבסט־רעספּעקט טאָר זיך ניט צורירן צו סחורות, וואָס זיינען אויסגעווייקט אין יידיש בלוט און וואָס ווערן געשאַפן אויף די חורבות פון די דייטשע אַר־בעטער־אינסטיטוציעס".

אַ באַזונדערע רעזאָלוציע האָט כאַראַקטעריזירט די לאַגע פון די יידן אין אַ ריי לענדער און די נויטיגקייט זיי קומען צו הילף. דערביי איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די הילף וועט זיין אַ מער ווירקזאַמע, ווען „אַלע אַרבעטער רעליף־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער אָרט, געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט און אַנדערע אַרבעטער־רעליף־אָרגאַניזאַציעס, וועמענס צוועק עס איז

צו שאפן הילף סיי פאר צייטווייליגע און סיי פאר שטענדיגע אר־בעטער־אינסטיטוציעס אין איראפּע און פּאלעסטינע, זאָלן זיך פאר־אייניגן אין איין גרויסע הילף־אָרגאניזאציע". און ווייטער: „די קאָנווענשאָן דריקט אויך אויס אַ פּראָטעסט קעגן באַשרענקען די אימיגראציע אין פאַרשידענע לענדער, ספּעציעל אין די דעמאָקראַ־טישע, און בפרט קעגן דער ענגלישער אימפּעריע פאַר דער שטאַר־קער באַשרענקונג פון דער אייַנוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע". עס איז אויך געפאָדערט געוואָרן, אַז אַמעריקע זאָל פריי עפענען די טויערן פאַר די קרבנות פון פאַשיזם. די קאָנווענשאָן האָט אָנגע־נומען אַ באַגריסונג פאַרן „בונד" אין רומעניע און אַ פּראָטעסט קעגן די ווילדע רציחות פון רומענישן פאַשיסטישן רעזשים.

די קאָנווענשאָן האָט אויפגעפאָדערט די ברענטשעס צו זאָרגן, אַז דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט זאָל קריגן די אַנערקענונג און סובסידיעס פון די „וועלפער פאָנדן" אין די שטעט און שטעט־לעך, ווי ער איז באַרעכטיגט אַ דאַנק זיין טעטיגקייט.

איינשטימיג האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פון אַנערקענונג פאַרן נ. ע. ק. און אָקצעפּטירט: זיין אַנטייל אין דער גרינדונג פון יידישן קאָנסיל, דעם הילף־קאַמפּיין פאַר די שפּאַנישע פרייהייטס־קעמפער, דעם אַנטייל אין שאַפן די „ציקאָ", די מיטאַר־בעטערשאַפט מיטן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, „האיאס", „אָרט" און אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. מיט דעם האָט „דער נ. ע. ק. ווידער אַמאָל דעמאָנסטרירט דאָס מענטשלעכע האַרץ און די אי־בערגעגעבנקייט פון אַרבעטער־רינג". די זעלבע רעזאָלוציע זאָגט אויך: „מיט דעם וואָס דער נ. ע. ק. האָט געגעבן אַ מאַנדאַט זיין פאַרזי־צער (י. וויינבערג) צו באַגריסן אין נאָמען פון אַרבעטער־רינג צום 40יאָריגן יובילײ די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אונז אַזוי שטאַרק איינ־געבאַקן אין די הערצער, דעם ,בונד' אין פּוילן, האָט ער אויפסניי דערוועקט יענעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס איז געווען איינגע־פלאַנצט אין די הערצער פון די חברים, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען אין די ערשטע יאָרן פון קאַמף".

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער זומער 1939, ווען דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט איז געלעגן אין די הענט פון געציילטע יחידים, וועלכע האָבן געהאַט די מאַכט צו אַנטשיידן — שלום אָדער מלחמה, לעבן אָדער טויט.

זעקסטער טייל

צווייטע וועלט־מלחמה. — דער יידישער חורבן. — נייע שווערע אויפגאבן. — שטעלונג צום קריג. — אין דינסט פון דער מלחמה־פירונג. — פּרעזידענט־וואַלן. — פאַר־שאַרפטע באַציאונג מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. — פריינדשאַפט מיט דער יוניאָן־באַוועגונג. — אין אָנבליק פון די יידן־שחיטות. — יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט. — ציוניזם און מדינת ישראל. — די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף דער וועלט. — „בונד" און די ערליך־אַלטער־טראַגעדיע. — הילף פאַר סאָוועט־רוסלאַנד און דאָס אָפּ־גרענעצן זיך פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. — אין קאַמף פאַר פּראָגרעסיווע געזעצן. — הילף אין גרויסע סטרייקן. — רעאַקציאָנערע אַטאַקעס. — „ברייטע" און „שמאָלע". — באַשלוסן פון די קאָנווענשאָנס. — סטאַביל־קייט פון אַרבעטער־אָרדען. — די ווערבירונגס־קוואַלן. — אָרגאַניזאַציאָנעלע און בענעפיט־ענינים. — מיטגלידער־שאַפט, קראַנקען־בענעפיט, היים פאַר אַלטע לייט. — שול און יוגנט. — סך־הכל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

32. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 האָט די וועלט אַ ציטער געטאָן. פון דריי זייטן האָבן היטלערס פּאַנצער־דיוויזיעס אַריינמאַרשירט אין פּוילן. מיט 16 טעג שפּעטער האָבן די סאָוועטישע חיילות אַריינמאַרשירט פון דער פּערטער זייט. דער רינג — אויסגעשמידט אין דער געהיימער דיפּלאָמאַטישער קוזשניע — איז געשלאָסן געוואָרן. דער לעבעדיגער קערפּער פון פּוילן איז לויטן היטלער־סטאַלין־אָפּמאַך צעשניטן געוואָרן אויף צוויי טיילן. די וועלט האָט אַ ציטער געטאָן. — די ערשטע קאָנוואולסיע פון דער גיגאַנטישסטער קאַטאַסטראָפע אין דער וועלט־געשיכטע. צעשניטן איז אויך געוואָרן דער לעבעדיגער אָרגאַניזם פון גרעסטן און שעפערישסטן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע. דאָס געוועב פון יידישן לעבן איז באַלד צעפּליקט געוואָרן אויף פּיצלעך.

ווי אַ ווייטער עכאָ האָט דאָס אַלץ אָפּגעקלונגען אין די אויערן און הערצער פון אַמעריקאַנער פאָלק. צי האָט דאָס אַ שייכות מיט אונז? די יידישע מאַסן האָבן געוואוסט באַלד פון דער ערשטער רגע: — יאָ, ס'האָט אַ שייכות. קאַרג זיינען געווען די ידיעות, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען דורך די שפּאַרונעס אין די אייזערנע פּאָרהאַנגען פון די צוויי טאָטאַליטאַרע רעזשימען. אָבער אפילו דאָס קאַרגע און ניט־דערזאָגטע איז געווען גענוג אַרויסצורופן אומרו און שרעק פאַרן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

היטלערס אַריינמאַרש אין פּוילן איז געווען דער אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, צו וועלכער אויך אַמעריקע האָט שפּעטער געמוזט צושטיין. ניט ווי זייטיגע צוקוקער און מיטפילער, נאָר ווי אַקטיווע מיטבאַטייליגטע האָבן די אַמעריקאַנער געוואָרפן זייער גרויסע קראַפט, כדי צו פאַרהיטן די מענטשהייט פון נאַצישער פאַרשקלאַפונג, כדי צו פאַרהיטן שוואַכערע פעלקער פון פיזישער אויסראָטונג. און ביז דער דאָזיגער ציל איז דערגרייכט געוואָרן, איז מער ווי אַ דריטל פון יידישן פאָלק אַוועק פון דער וועלט — 6 מיליאָן

לעבנס זיינען אין גאז־קאמערן און דורך אנדערע מיתות משונות אומגעבראכט געווארן.

פאמעלער איז דערגאנגען צום באוואוסטזיין דער פארנעם פון דער קאטאסטראפע. אין געוויינלעכן טאג־טעגלעכן לעבן, וואס איז מיט אקעאנען געוויין אפגעטיילט פון ארט, וואו די טראגעדיע האט זיך אפגעשפילט, האבן אלץ מער און מער גענומען זיך אריינרייסן צער און אבלות. און צווישן די ערשטע טירן, וואו דער צער און אבלות האבן אנגעקלאפט, זיינען געווען די טירן פון ארבעטער־רינג. זיינען דאך די פעדים פון די א.־ר.־ברענטשעס קיינמאל ניט איבערגעריסן געווארן מיט די שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראפע. זיינען דאך יאר איין יאר אוים פון די א.־ר.־מיטגלידער געפלאסן אהין מאטעריעלע הילף אוןווארעמע פריינדשאפט־געפילן. נייע דאגות, פראבלעמען און אויפגאבן האבן זיך געשטעלט.

באלד נאכן אויסברוך פון קריג האט דער נ. ע. ק. געבראכט צום אויסדרוק די שטעלונג פון ארבעטער־רינג אין א דערקלערונג, אין וועלער עס איז געזאגט געווארן: „דער היטלער־אנפאל אויף פוילן האט אין א טייך פון בלוט דערטרונקען די פוילישע רעפובליק, האט אויסגעווארצלט דאס לעבן און די דערגרייכונגען פון דער דארטיגער מיליאניגער יידישער מאסע, אפגעווישט אט די פראכטפולשיינע, מיט מסירת־נפש אויפגעבויטע אינסטיטוציעס פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג — ווי די טרייד־יוניאנס, קינדער־שולן, קולטור־אינסטיטוציעס, סאנאטאריעס און אנדערע וויכטיגע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. אט דער חורבן פון פוילן, אט די מיליאניגע קרבנות פון דער יידישער מאסע אין פוילן וואלטן ניט מעגלעך געווען, ווען די סטאלין־ארמיי וואלט ניט צוגעשטאנען צו היטלערן״... „עס איז זיכער, אז היטלער וואלט זיין בלוטיגן מארש ניט אנגעהויבן, ווען ער וואלט ניט געוואוסט, אז די סטאלין־חיילות וועלן אים העלפן״... „גרוים איז דער ווייטאג און טיף איז די שאנד וואס דאס ,הארסט וועסעל־ליד׳ האט זיך אין די שטעט פון פוילן צוזאמענגעגאסן מיט דעם ,אינטערנאציאנאל׳״... „אין דעם איצטיגן מאמענט, ווען עס שטייט אויסצוקלייבן צווישן פאשיזם און דעמאקראטיע, דארפן מיר מיט געשלאסענע כוחות שטיצן די דעמאקראטישע קרעפטן און באקעמפן אט די דיקטאטורן, וואס שטערן דעם זיגרייכן מארש פון אמתער דעמאקראטיע און אמתן סאציאליזם״.

אויך אַ סך ברענטשעס האָבן אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלו־ציעס קעגן סטאַלין־היטלער־שותפות און מיט וויטאָג אָנגעוויזן אויף די טראַגישע פאָלגן.

ס'איז ערשט געווען דער אָנהויב — אָבער דער געשפּענסט פון פאַרניכטונג האָט פאַר די ווייטזעעוודיקע שוין געשוועבט פאַר די אויגן. איינער פון זיי האָט עס אַזוי אויסגעדריקט: „אַ הונדערט־פּראָצענטיגע אומנייטראַלע אין ריכטיגן זין פון וואָרט איז אונזער יידישע פאָלקס־מאַסע אין אַמעריקע. אָנמעכטיג איז דאָס מענטשלע־כע וואָרט אויסצושעפּן דעם תהום פון אומגליק און ליידן, וואָס דער קריג האָט שוין באַוויזן צו עפענען פאַר די יידן אין פוילן, די ליידנס־גענאָסן פון דעם פאַרגוואַלדיגטן פוילישן פאָלק. דער קריג איז אַ טאָטאַלער פאַגראָם אויף אַלע פעלקער, פאַר אונזערע שוואַכע פּלייצעס באַדייט זיין אוממענטשלעכע לאַסט אַ טאָטאַלן צוזאַמענ־ברוך. די יידישע פאָלקס־מאַסע אין אַמעריקע איז בלוטיג, אָרגאַניש צונויפגעקניפּט מיט איר אייראָפּעאישער פאָלקס־משפּחה, פיל ענ־גער און אינטימער, ווי אַלע איבעריגע פאָלקס־גרופּן, וואָס בילדן די אַמעריקאַנער נאַציע". (סערגיי בראַון, „פריינד", אָקטאָבער 1939).

דער אַ״ר. האָט פאַרשטאַנען וואָס זיין פליכט איז. אין די ערשטע וואָכן פון קריג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, מיט דער באַטייליגונג פון 2 טויזנט דעלעגאַטן, פון וועלכע אַ באַדייטנדיגער טייל איז באַשטאַנען פון אַ.־ר.־פאַרטרעטער. די דאָזיגע קאָנפערענץ האָט פייערלעך דער־קלערט: „מיר גיבן אָפּ אַ הייליגע שבועה צו טאָן וואָס ס'איז נאָר אין אונזערע כוחות צו העלפן די ליידנדיגע און צו שטיצן די קעמפנ־דיגע"..... „זאָל יעדער איינער אָפּגעבן אַ טאָג פון זיין לעבן פאַר די, וועלכע געפינען זיך אין טויט־סכנה".... און דער אַרבעטער־רינג האָט גערופן צו זיינע מיטגלידער: „גיט אָפּ אייער ,טאָג לעבן'! זאָל דער רוף דערגרייכן צו יעדן ברענטש, צו יעדן מיטגליד פון אַ.־ר.". „זאָלן אונזערע לעבנס־טעג אַריבערפליען אַהינצו — צו די טאָלן פון טויט, פון גוואַלד, אָבער אויך פון האָפענונג און גלויבן" („פריינד", נאָוועמבער־דעצעמבער 1939).

נייע אויפגאַבן האָט פאַר זיך דער אַרבעטער־רינג דערזען. ער האָט געוואוסט, אַז די אויגן פון די יידן אין יאָמער־טאָל פון אייראָפּע איז געווענדט צו אַמעריקע. און אויב די ברוטאַלע מערדערישע גוואַלד פון די נאַצים האָט אָפּגעשטעלט די שעפערישע אַרבעט פון די יידן

דאָרט, איז עס די פליכט פון די יידן דאָ צו פאַרפילפאַכן זייער ענערגיע און מאַכן אינטענסיווער און שעפערישער זייער געזעלשאַפטלעך לעבן. אַט ווי דער אַרבעטער-רינג האָט עס פאַרשטאַנען: „צו אַמעריקע זיינען איצט געווענדט די צייטווייליג אויסגעלאָשענע בלקן פון די פאַרייאָכטע און פאַרשמאַכטע יידישע מאַסן אין אייראָפּע, אין וועמענס הערצער די האָפענונגען זיינען ניט אויסגעלאָשן. מיט זייערע שטו־מע בליקן ווענדן זיי זיך צו אונז — דער יידישער מאַסע אין אַמע־ריקע — וועגן הילף פאַר זייער גוף, וועגן הילף פאַר זייער נשמה. און פון זייערע בליקן קענט איר אויך אַרויסלייענען דעם וואונטש און דעם פאַרלאַנג, אַז אין דער צייט, ווען זייערע קולטור-געזעלשאַפט־לעכע און סאָציאַלע פּאָזיציעס זיינען דורך שטורעם צייטווייליג פאַר־ניכטעט געוואָרן אין אייראָפּע, זאָלן מיר דאָ נעמען אויף זיך די פליכט שטאַרקער מאַכן דאָס אַלזייטיגע יידיש-געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע לעבן אין אַמעריקע, אויסברייטערן און אויסשפּרייטן די קולטור-אַרבעט אויף דער יידישער גאַס פון אַמעריקע" („פריינד", אויגוסט-סעפּטעמבער 1940).

פאַרן אַרבעטער-רינג איז פון דער ערשטער מינוט אָן ניט געווען קיין ספק, אַז אַמעריקע דאַרף מיט אַלע מיטלען העלפן באַ־זיגן היטלער-דייטשלאַנד. גאַנץ בולט האָט וועגן דעם שפּעטער אויך זיך אַרויסגעזאָגט די קאָנווענשאָן אין 1941. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע האָבן די דעלעגאַטן דערקלערט: „מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם וואָס סיי אונזערע איינצלנע מיטגלידער, סיי אונזער אָר־גאַניזאַציע אַלס גאַנצע האָבן געשטיצט און זיינען ווייטער גרייט צו שטיצן אונזער רעגירונג און דעם פּרעזידענט אין זייער איצטיגן קאַמף פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט"... „באַהערשט אַלע מאָל פון גרויסע מענטשלעכע און סאָציאַליסטישע אידעאַלן, איז דער אַרבעטער-רינג קעגן מלחמות און קעגן מענטשלעכער בלוט-פאַר־גיסונג"... „די היינטיגע אחריותפולע צייט צווינגט אונז צו באַ־טראַכטן די איצטיגע מלחמה אַנדערש ווי אַלע פריערדיגע מלחמות. די איצטיגע מלחמה איז אַ קאַמף פון פרייע פעלקער קעגן רעגי־רונגען פון טיראַניי"... „ווי שווער עס זאָל ניט זיין פאַר אונז דער געדאַנק, אַז אונזער פאָלק קען אַריינגעצויגן ווערן אין דער מלחמה, זאָגן מיר צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אַז מיר זיינען גרייט צו פאַרטיידיגן די פרייהייט פון אַמעריקע, די פרייהייט פון דער וועלט מיט אונזער בלוט און מיט אונזער לעבן!"

די קאָנווענשאָן האָט שארף געטאַדלט די קאָמוניסטיש-נאַצי-סטישע שותפות. די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט געזאָגט: „שוין באַלד צוויי יאָר ווי די בלוטיגע מלחמה ווערט געפירט און די סאָ-וועטישע רעגירונג האָט כסדר געגעבן דעם דייטשן נאַציזם און דעם איטאַליענישן פאַשיזם פולע אונטערשטיצונג אין דער מלחמה. מיר באַטראַכטן די האַנדלונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג און פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון דער וועלט פאַר דעם גרעסטן פאַר-ראַט פון דער היינטיגער צייט"... „דאָס יידישע פאָלק איז דער גרעסטער קרבן פון פאַשיזם, נאַציזם און קאָמוניזם. דערפאַר באַ-טראַכטן מיר די יידישע קאָמוניסטן ניט בלויז אַלס אַן אומגליק פאַר דער ציוויליזירטער מענטשהייט, נאָר אויך אַלס פאַררעטער פון יידישן פאָלק און פון די הייליגסטע טראַדיציעס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער-באַוועגונג".

ניט געקוקט אויף דעם וואָס בעת דער קאָנווענשאָן, אין מאַי 1941, איז די לאַגע פון דער אַנטי-נאַצישער קאָאַליציע געווען זייער אַ שלעכטע און פיל האָבן געמיינט, אַז זי איז אַ האָפענונגסלאָזע, האָבן פונדעסטוועגן די דעלעגאַטן אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע אויס-גערופן: „ניט פאַרצווייפלען! ניט מיט טרויער און יאוש דאַרפן מיר זיך איצט דורכנעמען, נאָר מיט עקשנותדיגן ווילן צום ווייטער-דיגן קאַמף. היטלער האָט איצט נצחונות, אָבער זיי זיינען פאַר-איבערגייענדיגע. די וועלט קען ניט און וועט ניט פאַרניכטעט ווערן! עס זיינען נאָך פאַראַן גענוג כוחות, וואָס וועלן אימשטאַנד זיין צו דערשטיקן די גיפטיגע שלאַנג. די ענגלישע פאָלקס-מאַסן האָבן שוין געשאַפן אַ וואונדערלעכע לעגענדע פון העראָאיזם. מיר שיקן איבער אַ ברידערלעכן גרוס, פול מיט באַוואונדערונג צו די ענגלישע מענער און פרויען, וועלכע ווייזן אַרויס טאָג-טעגלעך אַזאַ שטאָלענעם ווילן, אַזאַ אויסדויער, וואָס וועט אין משך פון הונדערטער יאָרן באַזונ-גען ווערן"... „אַקסל ביי אַקסל מיט די ענגלישע מאַסן וועט זיך שטעלן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, דערצויגן אין טראַדיציע פון פריי-הייט און דעמאָקראַטיע".

געציילטע וואָכן זיינען אַוועק נאָך דער דאָזיגער קאָנווענשאָן, און די גאַנצע סאָוועטיש-נאַצישע שותפות, געבויט אויף אומאויפריכ-טיגקייט און רויב-גיריקייט, איז איינגעפאַלן מיט אַ קראַך. היטלער, וועמען די סאָוועטישע מלוכה-מענער און קאָמוניסטישע פראָפאַגאַנדע האָבן פאַרגעשטעלט ווי אַ פריינד פון סאָוועט-רוסלאַנד און קעמפער

פֿאַר שלום, האָט אַרויסגעצויגן דאָס באַהאַלטענע מעסער און איז ווי אַן עכטער גענגסטער באַפֿאַלן זיין פֿאַרבינדעטן. דער אַרבעטער־רינג האָט גלייך גערופֿן: — הילף פֿאַר סאָוועט־רוסלאַנד. טראָץ אַלע פֿריערדיגע עוולות און פֿאַרברעכנס — געבן די גרעסטע הילף. געבן הילף, אָבער ניט אַוועקגעבן — די נשמה. אָט ווי דער אַר־בעטער־רינג האָט עס פֿאָרמולירט: „סאָוועט־רוסלאַנד איז איצט אַ פֿולשטענדיגער שותף און באַטייליגער אינם וויכטיגן קאַמף קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. און דערפֿאַר איז זייער וויכטיג, אַז אַלע דעמאָקראַ־טישע כוחות (און איבערהויפּט ענגלאַנד און די פֿאַראייניגטע שטאַטן) זאָלן געבן די פֿולסטע און מאַקסימאַלסטע שטיצע דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין דער איצטיגער מלחמה קעגן דעם נאַצי־רעזשים”... „שטיצנדיג דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין זיין ביטערן קאַמף קעגן דעם אַנגרייפֿנדיגן, אַלץ פֿאַרניכטנדיגן נאַציזם, האַלטן מיר אָבער, אַז אונזער נעגאַטיווע און קריטישע שטעלונג צו דיקטאַטור, צום קאָ־מוניזם און סטאַליניזם אַן און פֿאַר זיך טאָר ניט און דאַרף ניט גע־ענדערט ווערן”... „שטיצנדיג דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין דעם קאַמף קעגן די נאַצים, וועלן מיר זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן פֿון אונזער אויפֿריכטיגער סאָציאַליסטישער פֿליכט איינצושטעלן זיך פֿאַר אמתער פֿרייהייט און פֿאַר אמתער דעמאָקראַטיע” („פֿריינד”, יוני־יולי 1941).

ווען אַמעריקע איז סוף 1941 אַריין אַקטיוו און דירעקט אין קריג, האָט דער יידישער אַרבעטער־אָרדען געווידמעט אַ גרויסן טייל פֿון זיין ענערגיע פֿאַר פֿאַרשידענע טעטיגקייטן, וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט דער מלחמה. טייל פֿון זיינע מיטגלידער זיינען אַוועק אויף די מלחמה־פֿראָנטן. אויך טויזנטער זין און טעכטער פֿון די מיטגלידער האָבן אַנגעטאָן דעם אוניפֿאָרם און אַוועק זיך שלאָגן מיטן געפֿערלעכן אוממענטשלעכן נאַצי־שונא. די בראַנטשעס אין לאַנד האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין די קאַמפּאַניעס פֿאַר קויפֿן באָנדס פֿון די מלוכה־הלוואות, געהאָלפֿן דעם רויטן קרייץ און אויף פֿאַרשי־דענע אַנדערע אופֿנים זיך באַטייליגט אין די מלחמה־אַקטיוויטעטן.

ווען די דעלעגאַטן פֿון די בראַנטשעס זיינען אין מאַי 1943 זיך צונויפֿגעקומען אויף דער קאָנווענשאָן האָבן זיי מיט רעכט געקענט זאָגן אין אַ רעזאָלוציע: „דאָס יידישע אַמעריקע דערפֿילט די פֿליכט פֿון אונזער לאַנד צו דער מענטשהייט. צענדליגער טויזנ־טער יידישע בחורים האָבן זיך פֿרייוויליג אַנגעשלאָסן אין די פֿאַר־שידענע צווייגן פֿון דעם אַמעריקאַנער מיליטער. די וועלכע זיינען

גענומען געוואָרן דורך דעם נאָרמאַלן פּראָצעס — דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־דרעפט — זיינען אויך געגאַנגען מיט שטאָלץ, מיט ווירדע און מיט גרייטקייט. צווישן די אַמעריקאַנער העלדן געפינען זיך אויך יידישע נעמען — העלדן וואָס אַרום זייער אָנדענק וועבן זיך שיינע לעגענדעס — שיין פאַר אונז יידן און שיין פאַר אונז אַמעריקאַנער. אגב דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אַ סך פון די העלדן זיינען אויך מיט־גלידער פון דעם אַרבעטער־רינג. אונזער אָרגאַניזאַציע איז היפּש־לעך פאַרטראָטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ביי אונז אין נאַ־ציאָנאַלן אָפיס געפינען זיך די נעמען פון בערך 7 טויזנט מיטגלי־דער און זין פון מיטגלידער, וועלכע דינען אונזער לאַנד. די פולע צאָל איז וואַרשיינלעך אַ סך גרעסער". און אַ פייערלעכן צוזאָג האָט די קאָנווענשאָן געגעבן „צום פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן, אַז די מיטגלידערשאַפט פון דעם אַרבעטער־רינג וועט ניט זשאַלע־ווען קיין מי, קיין קרבנות און איז גרייט צו דער גרעסטער אָפּ־פערוויליגקייט אין דער איצטיגער מלחמה קעגן אַלע אונזערע שונאים — פאַר דער פרייהייט פון אונזער לאַנד, פאַר דער אָפּהיטונג פון אַלע אונזערע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען און שטייגער לעבן, פאַר דער באַפרייאונג פון די לענדער, וואָס זיינען פאַריאָכטע און פאַר־שקלאַפטע דורך די נאַציס, פאַשיסטן און יאַפּאַנער".

אויף דער זיצונג פון נ. ע. ק. דעם 7טן מאַי 1944 האָט דער גע־נעראַל־סעקרעטאַר י. באַסקין באַריכטעט: „מיר האָבן איצט 1941 מיטגלידער אין דינסט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי".

אָנהויב 1942 האָט דער נ. ע. ק. אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע ברענטשעס און קלובן פון אַ.־ר. צו קויפן פאַר אַ מיליאָן דאָלער באָנדס, העלפן אין דער געלט־קאַמפּאַניע פאַרן רויטן קרייץ און געבן בלוט. די מיטגלידער זיינען גערופן געוואָרן אַקטיוו זיך צו באַטיי־ליגן אין אַלע פאָרמען פון ציווילער פאַרטיידיגונג־דינסט. דעם 20טן יאַנואַר 1942 האָט אַ פאַרזאַמלונג פון 2 טויזנט מיטגלידער אין ניו־יאָרק זיך פאַרנומען מיט די פראַגן פון דער מלחמה און ס'איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ הייסער רוף צו מאָביליזירן די גאַנצע ענער־גיע און אַלע מיטלען פאַרן זיג פון די פאַרבינדעטע מלוכות. די ברענטשעס האָבן געגרינדעט „סורוויס־קלובן". די אויפגאַבע פון די קלובן איז געווען זיך צו פאַרבינדן מיט די אַ.־ר.־מיטגלידער, ווי אויך מיט די זין פון די מיטגלידער אין דער אַרמיי, ים־פלאָט און לופט־פלאָט. מ'האָט זיי געשיקט בריוו, ביכער און פעקלעך מיט

כלערליי נויטיגע זאַכן. אין 1944 האָבן די קלובן באַדינט 5 טויזנט
אַ.־ר.־מיטגלידער קינדער פון מיטגלידער. אין 85 שטעט, וואו
עס זיינען געווען מיליטערישע קעמפּס, האָבן ברענטשעס באַדינט
מאָביליזירטע זעלנער פון דער אַ.־ר.־משפּחה. אין 1942 האָבן די
ברענטשעס באַשלאָסן פאַר דעם צוועק אַ פּריווילעגן טעקס פון 60
סענט אַ יאָר פון יעדן מיטגליד.

די אַקציע צו פאַרקויפן באנדס איז געפירט געוואָרן מיט אַ סך
ענערגיע. אַלס אויסצייכענונג פאַר דער גוטער אַרבעט פון אַ.־ר.
אין פאַרקויף פון באנדס האָט די רעגירונג אין 1944 אַ ליבערטי־שיף
אַ נאָמען געגעבן ב. וולאַדעק. ס'איז אויך געווען אַן אויפשריפט,
אַז די דאָזיגע שיף איז געווען מעגלעך צו בויען אַ דאַנק די באַנדס,
וואָס די מיטגלידער פון אַ.־ר. האָבן געקויפט. אויך באָמבער־עראָפּלא־
נען האָט מען, אַלס אויסדרוק פון אַנערקענונג, באַצייכנט מיט דעם
נאָמען פון אַרבעטער־רינג. באַזונדערע אַנערקענונג און אויסצייי־
כענונגען האָבן באַקומען די ברענטשעס אין אַ ריי שטעט. בעת דער
קאָנווענשאָן אין 1943 האָט דער אַ.־ר. געגעבן דעם רויטן קרייץ 2
אַמבולאַנסן. די ברענטשעס פון אַ ריי שטעט, ווי לאָס אַנדזשעלעס,
שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און אַנדערע האָבן
אויך געגעבן אַמבולאַנסן דעם רויטן קרייץ.

אין באַריכט פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט צו דער
קאָנווענשאָן אין 1946 איז געמאַכט געוואָרן אַזאַ סך־הכּל: „בלויז
אין דעם יאָר 1943 האָבן מיר דורך דעם הויפּט־אָפיס פון אַ.־ר. און
לויט דער צוגעשטעלטער צו אונז אינפאָרמאַציע פון די דיסטריקט־
קאָמיטעטן אין די באַזונדערע שטעט פאַרקויפט מלחמה־באַנדס אויף
דער סומע פון העכער 4 מיליאָן דאָלער. דער טרעזשורי־דעפּאַרטמענט
האָט באַצייכנט אַ היפּשע צאָל באָמבער־עראָפּלאַנען מיט דעם
נאָמען ,ספּיריט אָוו דהי וואָירקמענס סוירקל'". בכלל האָט אויף די
ערטער און דורכן הויפּט־אָפּיס „אונזער אָרגאַניזאַציע געקויפט
מלחמה־ און וויקטאָרי־באַנדס אין פאַרלויף פון די מלחמה־יאָרן אויף
דער סומע פון דרייסיג מיליאָן דאָלער". נאָך דער מלחמה האָט
דער אַ.־ר. פאַרקויפט פאַר קאָרגע צוויי מיליאָן דאָלער באַנדס און
דערפאַר איז אַ שפּיטאָל־אָפּטיילונג פון 200 בעטן באַצייכנט געוואָרן
מיטן נאָמען פון אַרבעטער־רינג. צענדליגער אַמבולאַנסן פון רויטן
קרייץ האָבן געטראָגן דעם נאָמען פון אַ.־ר.. די פרויען־קלובן און
די ברענטשעס זיינען אויך געווען אַקטיוו אין יו־עס־אָ (יונייטעד

סוירוּוים אָרגאַניזיישאָן). אין פיל שטעט האָבן זיי איינגעאָרדנט פאַרוויילונגען און יום־טובדיגע צוזאַמענקונפטן פאַר די זעלנער פון די שכנישע קעמפּס.

פיל מיטגלידער פון אַ.־ר. האָבן אויף די שלאַכט־פעלדער אָוועקגעגעבן דאָס טייערסטע פון זייער פאַרמעגן — זייער בלוט. 23 האָבן אַוועקגעגעבן אַלץ — זייערע יונגע לעבנס. פיל גרעסער איז די צאָל קרבנות פון די מיטגלידערס קינדער. אַ טייל פון די געפאַלענע אין דער מלחמה פאַר מענטשלעכער פרייהייט און רעכט אויף לעבן זיינען שפּעטער געבראַכט געוואָרן פון די פראָנטן, און זייערע צעלעכערטע גופים האָבן געפונען זייער אייביגע רו אין די קברים אויף די בית־עולמס פון אַרבעטער־רינג.

33. אמעריקאנער, סאציאליסטישע און יידישע פראבלעמען

אין די יארן פון דער מלחמה און אין נאכמלחמהדיגן פעריאד איז דעם א.־ר. אויסגעקומען צו פארנעמען שטעלונג צו א ריי פאליטישע פראבלעמען.

אין 1940 זיינען פארגעקומען אין אמעריקע די פרעזידענט־וואלן. מיר האבן שוין אין די פריערדיגע קאפיטלעך געזען די אנטוויקלונג וואס דער א.־ר. האט אדורכגעמאכט אין זיין באציאונג צו פרענקלין ד. רוזוועלט. דאס מאל איז די קאנדידאטור פון רוזוועלטן אינדארסירט געווארן אן שום וואקלונגען. מיט וואס איז דאס באגרינדעט געווארן? אין דעם באשלוס, וואס דער נ. ע. ק. האט איינשטימיג אנגענומען דעם 8טן אויגוסט 1940 איז געזאגט געווארן: „דער א.־ר. איז ניט קיין פאליטישע ארגאניזאציע. אפיציעל האבן מיר זיך קיינמאל ניט באטייליגט אין קיין פאליטישע קאמפאניעס. מיר האבן אבער אין פארלויף פון די 40 יאר פון אונזער עקזיסטענץ זיך אלע מאל באטראכט אלס א באשטאנד־טייל פון דער ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע און פון אלץ, וואס איז פראגרעסיוו אין דעם אלזייטיגן אמעריקאנער לעבן. מיר האבן דערצויגן אונזער מיטגלידערשאפט מיט דעם געדאנק, אז אין צייט פון פאליטישע וואלן זאלן זיי שטימען פאר יענער פאליטישער פארטיי, וואס האט אין איר פראגראם די פאדערונג פון אפשאפן פריוואט־אייגנטום און די איינפירונג פון אן ארדענונג פון פרייהייט, גלייכהייט און מענטשלעכקייט. ביי דעם פרינציפ האבן מיר זיך געהאלטן אלע יארן פון אונזער עקזיסטענץ. מיר לעבן אבער איצט אין אן אויסערגעוויינלעכער צייט"...

„אונזער צוגאנג מוז זיין אן איין און איינציגער — ווי אזוי אםשטארקסטן צו פארזיכערן דעם וואוילזיין, די פרייהייט און די פראגרעסיווע שטרעבונגען פון די אלגעמיינע און יידישע מאסן אין די פאראייניגטע שטאטן און דורך דעם אויך העלפן אויף דעם אינטערנאציאנאלן געביט אין דעם קאמף פאר פרייהייט, דעמאקראטיע, פאר א מענטשלעך לעבן, ווייל אן דעם איז דער וועג צו א סאציאליסטישער

געזעלשאַפט פון יושר און גערעכטיגקייט אויסגעשלאָסן"... „ווען מיר רעקאָמענדירן צו די מיטגלידער פון אַ.־ר. צו שטימען פאַר רוזוועלטן, מיינט עס ניט, אַז מיר אינדאָרסירן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און אַז מיר זיינען אויף וועלכן ניט איז אופן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אירע האַנדלונגען. אונזערע מיטגלידער טאָרן זיך ניט ענראָלן פאַר דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווייל דאָס וואָלט געמיינט אינדאָרסירן די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי".

ווען רוזוועלט האָט אין 1944 דערקלערט זיין גרייטקייט צו קאַנדידירן אַ פערטן מאָל פאַרן אַמט פון פּרעזידענט, האָט דער נ. ע. ק. דעם 11טן יולי געשיקט צו אים אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע און צוגעזאָגט אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער און זייערע משפחות די פולע שטיצע אין די קומענדיגע וואַלן. נאָך די וואַלן האָט דער „פריינד" געזאָגט אין אַ לייט־אַרטיקל: „די אַ.־ר.־מיטגלידערשאַפט האָט אין אַלע שטעט און שטאַטן געשטיצט און ענערגיש געאַרבעט פאַר רוזוועלטס ווידערדערוויילונג, פאַר דער דערוויילונג פון פּראָגרעסיווע, ניו־דיל־קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן" (נאָוועמבער־דעצעמבער 1944).

מיט דער נויטיגקייט פון געווינען די מלחמה און אונטערשטיצן דעם „ניו־דיל" איז באַרעכטיגט געוואָרן דאָס אָפּשאַפן דעם אַלטן מנהג פון שטיצן בלויז סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. נאָך פאַרן אינדאָרסירן רוזוועלטן האָט די אָנפירונג פון אַ.־ר. אָפּגעוואָרפן אַ ווענדונג צו שטיצן דעם סאָציאַליסטישן פּרעזידענט־קאַנדידאַט. אין אַן ענטפער אויף אַזאַ ווענדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט דער נ. ע. ק. דעם 30טן יולי 1940 דערקלערט: „מיר וואָלטן געוואָלט אויך איצט קאָאָפּערירן מיט אייך, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער לײדער גייען זיך פונאַנדער אונזערע מיינונגען אין דער פראַגע, וואָס שטייט אונז פאַר היינט אין דעם קאַמף פאַר לעבן און טויט צווישן דעמאָקראַטישן וועג פון לעבן און דעם וועג פון פאַשיסטישן טאָטאַליטאַריאַניזם".... „שטעלן זיך אין דער קומענדיגער פּרעזידענט־קאַמפּאַניע אויף אייער זייט, וואָלט געהייסן ניט בלויז שטעלן זיך קעגן דער אַלטער, אויספּרובירטער אַרבעטער־פּאַרטיי פון ענגלאַנד, דאָס וואָלט געהייסן שטעלן זיך קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, קעגן צענדליגער טויזנטער סאָציאַליסטן, וועלכע געפינען זיך היינט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דייטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, נאָרוועגיע און פראַנקרייך"... „דער אמת איז, אַז ווי סאָציאַליסטן און — צו זיין גאַנץ אָפנהאַרציג מיט אייך —

ווי יידן, קענען מיר, מיטגלידער פון א.־ר., ניט אננעמען אייער פלאט־פארם און אייער באציאונג צו אויסלענדישע פאסירונגען. עס וואלט דעריבער געווען לעבערלעך פון אונזער זייט, אז מיר זאלן אייך העלפן פארשפרייטן אייער ,דאקטרין', וואס מיר האלטן פאר א געפערלעכע און פאר אן אמתן אומגליק אין דער קאטאסטראפאלער צייט".

עס זיינען געווען איניגע ברענטשעס, וואס זיינען ניט געווען צופרידן מיט דער שטעלונג פון נ. ע. ק. צו די וואלן, אבער די איבער־וועגנדיגע מערהייט האט דערצו מסכים געווען. איניגע מאל איז געקומען צום אויסדרוק די דערמאנטע אומצופרידנקייט. אין „פריינד" איז וועגן דעם געווען א בריוו־אויסטויש צווישן י. גרינהאף און נ. כאנין. דער בריוו־שרייבער, א מיטגליד פון ברענטש 96, שרייבט, אז ער וויל „איבערגעבן דעם יאוש, מיט וועלכן מאנכע מיטגלידער טראגן זיך ארום אין באצוג צו דעם סאציאליסטישן אידעאל פון א.־ר.. זיי זאגן, אז דער א.־ר. איז ניט מער סאציאליסטיש געזאנען. אט די מיינונג דריקן אוים גוטע און אקטיווע מיטגלידער פון א.־ר.". דער בריוו־שרייבער אליין מיינט, אז דאס איז פאלש, „ווייל דער א.־ר. איז אויך היינט די איינציגע, גרויסע און וויכטיגע סאציאליסטי־שע ארגאניזאציע צווישן יידן אין אמעריקע" (יאנואר־פעברואר־מערץ, 1945). אין זיין ענטפער האט נ. כאנין דערקלערט: „מיר האבן גע־האלפן רוזוועלטן געוויילט צו ווערן, ווייל ער איז געווארן דער טשעמפיאן פאר א גרויסער, סאציאלער געזעצגעבונג. ער איז גע־ווארן דער וועלט־פירער אין קאמף קעגן פאשיזם, אין קאמף פאר פרייהייט און דעמאקראטיע"... „און דער ארבעטער־רינג איז היינט אין זיין טאג־טעגלעכער ארבעט ברייטער, אלזייטיגער, סאציאלי־סטישער, ווי ער איז געווען אין אלע זיינע פריערדיגע יארן".

אויף דער קאנווענשאן אין יאר 1941 איז געפירט געווארן א דעבאטע צי מ'זאל צולאזן א פארשטייער פון דער סאציאליסטישער פארטיי. עס איז געווען א פארשלאג, אז א פארשטייער פון דער ס. פ. זאל מען ניט צולאזן, נאר בלויז פון איר יידישער סעקציע. דער חילוק איז געמאכט געווארן, ווייל די יידישע סעקציע האט ניט מסכים געווען מיט דער קעגנערישער אנטי־מלחמה שטעלונג פון דער פארטיי. י. ווײנבערג, וועלכער האט גערעדט קעגן צולאזן די ס.־פ., האט אונטערגעשטראכן, אז ער טוט עס דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן און ס'איז פאר אים א שווערע איבערלעבונג. אבער מען מוז אזוי האנדלען, כדי אויף אזא אופן צו דעמאנסטרירן קעגן

דער פּאַלשער שטעלונג פון דער ס. פּ. אין אַזאַ וויכטיקער לעבנס־פראַגע. י. הילמאַן און י. עבעריל האָבן גערעדט אפילו קעגן צולאָזן די יידישע סעקציע, ווייל זי טראָגט אויך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי. מילער פון ברענטש 127 אין שיקאַגאָ האָט גערעדט פאַר צולאָזן די ס. פּ.; באַסקין האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר צולאָזן די יידישע סעקציע, אָבער ניט די ס. פּ.. דער פאָרשלאָג וועגן ניט צולאָזן די ס. פּ. איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַלע שטימען קעגן 4. דער פאָרשלאָג וועגן יאָ צולאָזן די יידישע סעקציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט 90 שטימען קעגן 24.

די קאָנווענשאָן האָט זיך ניט באַנוגנט מיט ניט צולאָזן אַ פאָרשטייער פון ס. פּ.„ נאָר האָט אויך וועגן איר אנגענומען אַ שאַרפע רעזאָלוציע, אין וועלכער עס געפינען זיך אַזעלכע ווערטער: „מיט גרוים באַדויערן שטעלן מיר פעסט דעם פאַקט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע האָט צוליב איר מלחמה־שטעלונג זיך פּאַקטיש אויסגעשלאָסן פון די רייען פון דער סאָציאַליסטישער און פּראָגרעסיווער באַוועגונג"... „דער א.־ר.„ וועלכער האָט אין אַלע ציימן געקעמפט פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע, קען ניט בלייבן שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער סאָצ. פּאַרטיי ווּעמענס שטעלונג עס שעדיגט די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס, די אינטערעסן פון פּראָגרעס און סאָציאַליזם".

אַנדערש איז געווען די באַציאונג צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע און צום יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. אין באַריכט פון נ. ע. ק. צו דער זעלבער קאָנווענשאָן איז געזאָגט געוואָרן: „דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד שטעלט מיט זיך פאַר אין זיין פילאָזאָפיע, אין זיין פּאָליטיק, אין זיינע צוגאַנגען צו יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען דעם אמתן און ריכטיקן גייסט פון דעם אַרבעטער־רינג. דאָס איז געווען אין די פאַרגאַנגענע יאָרן און אַט די פאַרהעלטעענישן זיינען נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן אין די לעצטע פאַר יאָר". וועגן דער ס. ד.־פעדעראַציע האָט דער באַריכט געזאָגט, אַז זי האָט „פון אונז באַקומען די נויטיגע אנערקענונג און פולע קאָאָפּעראַציע, ווייל אויך זי שפּיגלט אָפּ אונזער פּאָליטיק און אונזער גייסט".

דאָס פעלן פון אַ שטאַרקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע באַאומרואיגט כסדר די מיטגלידער פון א.־ר.. זייערע דע־

לעגאַטן האָבן די דאָזיגע אומרואיגקייט געבראַכט צום אויסדרוק אויף
דער לעצטער קאָנווענשאָן אין 1948 און געגעבן אַ צוזאָג צו העלפֿן
בויען אַן אייגענע פּאָליטישע פּאַרטיי פֿון אַרבעטער-קלאַס. אַט וואָס
די רעזאָלוציע פֿון דער קאָנווענשאָן זאָגט: „48 יאָר, אַז דער אַר-
בעטער-רינג טראָגט דאָ אין לאַנד צווישן די יידישע מאַסן און דורך זיי
צו דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפֿט דעם גלויבן און האָפֿענונג אין
אַ גערעכטער און יושרדיגער וועלט, אַ וועלט פֿון סאָציאַליזם”...
„מיר גלויבן היינט נאָך שטאַרקער און טיפֿער אין דעם הייליגן אמת
פֿון דעמאָקראַטישן, פֿרייהייטלעכן סאָציאַליזם. און היינט, מער
ווי אַלע מאָל, זיינען מיר טיף געטראָפֿן פֿון דעם וואָס אין אַמעריקע,
אין דעם לאַנד, אין וועלכן עס געפֿינט זיך אַזאַ מעכטיגער און רי-
זיגער אַרבעטער-קלאַס, איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שוואַך און
צעטיילט”... „די קאָנווענשאָן פֿון אַ.-ר. פֿאַרפֿליכטעט זיך צו העלפֿן
אין דער צוזאַמענפֿלוס אַלע פּאָליטיש-סאָציאַליסטישע גרופּן, וועלכע שטיי-
ען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון פֿרייהייט און דעמאָקראַטיע אין זייערע
שטרעבונגען צו בויען אַ געאייניגטן אינסטרומענט פֿאַר די אידעאַלן
פֿון אַרבעטער קלאַס, פֿאַר די אידעאַלן פֿון סאָציאַליזם”.

ווי פֿריער האָט דער אַ.-ר. אָנגעהאַלטן זיינע פֿריינדלעכע באַ-
ציאונגען מיט דער יוניאָן-באַוועגונג. די פֿריינדשאַפֿט איז מאַניפֿעס-
טירט געוואָרן דורך פֿאַרשידענע אַקטן און אַרויסטרעטונגען. די פֿי-
רער פֿון די טרייד-יוניאָנס האָבן ביי אַ ריי געלעגנהייטן אָנגעוויזן
ווי וויכטיג עס איז ווייטער צו וועבן די פֿעדים וואָס עס פֿאַרבינדן
דיביידע צווייגן פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

אויף דער קאָנווענשאָן פֿון אַ.-ר. אין 1943 האָט דער פּרעזידענט
פֿון אַמאַלגאַמייטעד, סידני הילמאַן, געזאָגט אין זיין באַגריסונגס-
רעדע: „איך באַטראַכט עס ווי אַ פּריווילעגיע צו האָבן די מעגלעכקייט
ניט בלויז צו ברענגען אייך די באַגריסונג פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע,
נאָר אויך די אָנערקענונג און די דאַנקבאַרקייט פֿון דער אַמאַל-
גאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס אָוו אַמעריקאַ פֿאַר דער וואונדער-
לעכער שטיצע און קאָאָפּעראַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען פֿון אייך
אין דער צייט, ווען מען האָט אונז נאָך ניט געגעבן די אָנערקענונג,
וואָס מיר האָבן ביים היינטיגן טאָג. מיט יאָרן צוריק האָבן מיר ניט
געהאַט קיין צופֿיל פֿריינד, ווי מיר האָבן היינט. איצט איז ניט שווער
פֿאַר אונז צו האָבן אַ סך פֿריינד, ווייל מיר זיינען שטאַרק. איך
בין גליקלעך צו זיין צווישן אייך. איר זענט געווען אונזערע פֿריינד

דעמאָלט, ווען מיר האָבן נאָך ניט געהאַט אַזוי פיל כוח און אַנער־קענונג ווי מיר פאַרמאָגן עס היינט".

פון פּרעזידענט פון אינטערנעשאָנעל דוד דובינסקי זיינען אויך געקומען ענלעכע ווערטער. אין זיין באַגריסונגס־רעדע אויף דער זעל־בער קאָנווענשאַן האָט ער געזאָגט: „די פאַרבונדנקייט, וואָס עק־זיסטירט צווישן אונזער אינטערנעשאָנעל און דעם אַ.־ר. איז אַ שטענדיגע"... „אין אונזערע קאַמפן האָבן מיר שטענדיג געפילט, אַז דאָס זיינען אויך געווען די קאַמפן פון אַ.־ר."... „ווען מיר האָבן דורכגעמאַכט אונזערע שוועריגקייטן, אונזערע אינערלעכע שטרייטן, זיינען דאָס אויך געווען די שטרייטן און שוועריגקייטן פון דעם אַרבעטער־רינג. עס איז דאָ אַזאַ מין צוגעבונדנקייט פון אונזער אינטערנעשאָנעל מיט דעם אַ.־ר., אַז אָפט מאָל איז מיר שווער צו זאָגן ,אונזערע', און ,אייערע'. פאַר אונזער וואוקס און אַנטוויקלונג ווילן מיר געבן קרעדיט דעם אַ.־ר.. ווען איך זאָג ,אונזער', מיין איך, ,אונזער און אייער'. דער אַ.־ר. איז שטענדיג געווען אַ טייל פון אונ־זער אַרבעט — אויפן קולטורעלן, אויפן פּאָליטישן און אויך אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. איך קען קיין מאָל ניט געפינען קיין פאַנאַנ־דערטיילונג צווישן אינטערנעשאָנעל און אַ.־ר.. אונזער פּאָליטיק, אונזערע אידעאַלן זיינען שטענדיג די זעלביגע. עס איז ניט פון איצט, ניט פון נעכטן. עס הויבט זיך ניט אָן מיט דער איצטיגער אַדמיניסטראַציע. דאָס זעלבע איז געווען, ווען שלעזינגער איז גע־ווען פּרעזידענט, ווען זיגמאַן איז געווען פּרעזידענט, און עס וועט אויך בלייבן — ווער עס זאָל ניט זיין פּרעזידענט פון דער אינטער־נעשאָנעל".

די דאָזיגע וואַרעמע פריינדשאַפט און חברשאַפט, וואָס איז גע־בוירן געוואָרן אין געמיינזאַמע ליידן און שווערע קאַמפן, איז ניט באַגרענעצט בלויז צו יוניאָנס, וואָס זיינען לכתחילה אויפגעקומען ווי אָרגאַניזאַציעס פון יידישע אַרבעטער און וואָס פאַרמאָגן נאָך היינט אַ היפּשן פּראָצענט יידישע אַרבעטער, צו יוניאָנס וואָס האָבן אַליין אין זייערע רייען אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג. פעדים פון פריינדשאַפט און חברשאַפט ציען זיך צווישן אַר־בעטער־אָרדען און דער גאַנצער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. אויף דער קאָנווענשאַן פון אַ.־ר. אין דעטראָיט אין 1946 האָט דער פאַרשטייער פון דער אַמעריקען פעדערייש אַן אָוו לייבאָר, ס. מאַרטעל, דערקלערט אין זיין באַגריסונגס־רעדע: „די מיטגלידער פון אַ.־ר. זיינען פון די

בעסטע טרייד־יוניאָניסטן". און דער פאָרשטייער פון דער סי־אי־אָ, דער פרעזידענט פון דער מעכטיגער יוניאָן פון אויטאָמאָביל־אַרבעטער, וואַלטער רוטער, האָט דערקלערט אין זיין רעדע צו דער זעלבער קאָנווענשאַן: „איר רעדט וועגן אַ פריי יידיש פאָלק אין אַ פרייער וועלט. אייערע פּראָבלעמען זיינען אויך אונזערע פּראָבלעמען. עס איז אַ פּראָבלעם פון אַמעריקע און פון דער גאַנצער וועלט. די פראַגע וועגן היימלאָזע יידן און בכלל היימלאָזע מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס מיר מוזן געבן די דאָזיגע מענטשן אַ מעגלעכקייט אַריינצוקומען דאָרט, וואו זיי ווילן".

כדי צו מאַניפעסטירן די פאַרבינדונג צווישן אַרבעטער־אָרדען און דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, האָט די קאָנווענשאַן אין באָסטאָן (1948) באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם פרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, וויליאַם גרין, אַ טאָוול מיט אַ געהעריגער אויפשריפט. דעם 8טן דעצעמבער 1948 איז אין ניו־יאָרק אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון מיטגלידער פון אַ.־ר. און יוניאָנס פאָרגעקומען דער פייערלעכער אַקט פון אויסדריקן אַנערקענונג צו וויליאַם גרין. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן געהאַלטן רעדעס דער פרעזידענט י. ישורין, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל ליידים גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן דוד דובינסקי, דער פאָרשטייער פון דער ניו־יאָרקער שטאָט־פאַרוואַלטונג בענעט און אַנדערע. פריער נאָך איז די פריינדשאַפט צווישן אַרבעטער־רינג און די יוניאָנס אויך מאַניפעסטירט געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר אין סינסינעטי, אָהייאָ. די קאָנווענשאָן האָט באַגריסט אין נאָמען פון אַרבעטער־רינג זיין גענעראַל־סעקרעטאַר יוסף באָסקין, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער ראָל פון אַרבעטער־אָרדען אין דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון אַ ריי וויכטיגע יוניאָנס און אויף דער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, וואָס איז תמיד געווען און פאַרבליבן דער תמצית פון אַ.־ר.. ביים סוף פון זיין רעדע האָט באָסקין איבערגעגעבן דעם פרעזידענט פון אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר אַ בראָנזענעם טאָוול מיט אויסדריקן פון אַנערקענונג פאַר זיין טעטיגקייט. אין זיין רעדע האָט וויליאַם גרין אָנגעוויזן, אַז „דורך זיינע ברענטשעס אין די שטעט פון אַמעריקע איז דער אַרבעטער־רינג דער גרויסער מאָראַלישער כוח פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע נויטן און שטרעבונגען".

אין קאַנאַדע, וואו די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שפּילט אַ ראָל אין פּאָליטישן לעבן, איז דער אַ.־ר. אַקטיוו באַטייליגט אין דער סאָציאַליסטישער טעטיגקייט. די דאָרטיגע סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי — סי. סי. עף — האָט אין אירע רייען אַ סך מיטגלידער פון אַ.־ר.. אויך גאַנצע ברענטשעס זיינען אָנגעשלאָסן אָן דער סי. סי. עף..

אַ צענטראַל אָרט אין דער געזעלשאַפטלעכער און הילף־טעטיג־קייט פון אַרבעטער־אָרדען האָט שטענדיג פאַרנומען „די אַלטע היים". ווי נאָר אַ צרה און אַ פּלאָג, האָט דאָס האַרץ פון אַרבעטער־רינג אַ ציטער געטאָן. ווען עס האָבן אנגעהויבן אָנקומען די איוב־בשורות פון פּוילן און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער וועגן די נאַ־צישע רציחות און שחיטות, האָט אַן אומרואיגקייט אַרומגעכאַפּט די מיטגלידער און טוער פון אַרבעטער־רינג פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. לײדער, האָט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אין די מלחמה־יאָרן זיך ניט דערהויבן צו דער הויך, ווי עס האָט פאַרלאַנגט די טיפקייט פון דער יידישער טראַגעדיע. קיין ווירקזאַמען פּראָטעסט האָט די אַמעריקאַנער יידישע באַפעלקערונג פון זיך ניט אַרויס־געבראַכט, אַפילו קיין גענוגנדיגע מאַטעריעלע הילף איז ניט געשיקט געוואָרן, ווען די פאַרהונגערטע און געפּייניגטע יידן האָבן געווענדט זייערע הילף־רופן צו זייערע אַמעריקאַנער ברידער און שוועסטער. און כאָטש דער אַ.־ר. איז געווען צווישן די ערשטע, אויפן סאַמע אויבנאָן פון די, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן, האָט די אַלגעמיינע אַפּאַטיע און קאַלטקייט פון אַרום גורם געווען, אַז אויך די אונטערנ־גונגען און טאָטן פון גאַנצן אַרבעטער־אָרדען, ווי פון זיינע באַזונדערע ברענטשעס און מיטגלידער, זאָלן זיין ווייט פון דעם, וואָס ס'איז געווען נויטיג. פּנים אל פּנים מיט דער פאַרניכטונג פון מיליאַנען יידן, וואָס איז אָנגעגאַנגען במשך פון עטלעכע יאָר, איז אַלץ, וואָס איז יאָ געטאָן געוואָרן, געווען קליין און האָט לגמרי ניט אַנטשפּראָכן דער גרויס פון דער קאַטאַסטראָפע.

אין 1940 האָט דער נ. ע. ק. אינדאָרסירט די ווענדונג פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" צו די ברענטשעס פון אַ.־ר.. אין זעלבן יאָר האָט ער געשטיצט די אַקציע פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פון וועלכן דער אַ.־ר. איז אַ באַשטאַנד־טייל, צו ברענגען אַ גרעסערע צאָל סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־טוער, וועמענס לעבן איז אין אייראָפּע געווען באַדראָט פון דער געסטאַפּאָ אין מערב און פון דער נ. ק. וו. ד. אין מזרח.

אַז היטלער וויל טאָן און טוט שלעכטס ייִדן — דאָס האָט מען געוואוסט פֿון דער ערשטער רגע. אָבער אַז ער קלייבט זיך צו פֿאַרניכטן דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק — דאָס איז אַריין אין באַוואוסטזיין פֿון דער וועלט שפּעטער — און צו שפּעט. אָבער ביסלעכווייז האָט מען דאָך אָנגעהויבן באַגרייפֿן וואָס ער וויל טאָן מיט דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אומעטום, וואוהין זיין מאַכט וועט גרייכן. וועגן דעם האָט זיך שוין אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון די קאָנווענשאָן פֿון אַ.־ר. אין יאָר 1941, ווען זי האָט אין אַ רעזאָלוציע געזאָגט: „דער נאַציזם האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל — פֿאַרניכטן די ייִדישע נאַציע. מיט רציחה האָט היטלער געפּריידיגט, אַז דער קוואַל פֿון אַלדאָסבייז אויף דער וועלט זיינען ייִדן. ער האָט אָרגאַניזירט די רעאַקציע פֿון אַלע לענדער, כדי צו פֿאַרטיליגן די ייִדישע באַפֿעלקערונג״...

„מיט אַלע פֿיבערן פֿון אונזער נשמה זיינען מיר פֿאַרבונדן מיט אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים. סיי מיט הילף, סיי מיט קאַמף פֿאַר באַפֿרייאונג קענען מיר זיי ברענגען טרייסט״... „די קאָנווענשאָן פֿילט די אחריות, וואָס ליגט אויף די ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע — דער איינציגער גרויסער פֿרייער קיבוץ אויף דער וועלט, וואָס דאַרף אין דער איצטיגער צייט ווערן דער אַרסענאַל פֿון מוט, פֿון אַרבעט פֿאַר אַלע געביטן פֿון אונזער קאַמף און הילף צו די ייִדישע מאַסן אויף אַלע ערטער״.

די האָפֿענונג, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דער רעזאָלוציע, אַז די ייִדישע מאַסן אין אייראָפּע וועלן איבערלעבן דעם שרעקלעכן שונא, איז ליידער ניט מקוים געוואָרן. אַלץ מער און מער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות, בעיקר דורך די אויספֿירלעכע געהיימע באַריכטן פֿון אונטערערדישן „בונד״ אין פּוילן, וועגן די שחיטות, גאַזקאַמערן און טאָטאַלער ליקווידאַציע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס די נאַציס פֿירן דורך אויף דער ערד פֿון אייראָפּע. דאָס האָט באַוואויגן דעם פּרעזידענט פֿון אַ.־ר., י. וויינבערג, אויסצושרייען אין זיין עפֿענונגס־רעדע אויף דער קאָנווענשאָן אין 1943: „אייראָפּע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־עולם פֿון אונזערע ברידער און שוועסטער. מיר וועלן אַפֿילו ניט קענען גיין אויף קבר־אבות, ווייל מיר וועלן ניט וויסן וואו די מיליאָנען קרבנות זיינען באַגראָבן. קיין אונטערשייד — מענער, פֿרויען, קינדער, זקנים — אַלע אויסגעמאָרדעט. עד־מתי?! — ווי איז אונז, די האַק פֿון מערדער איז נאָך ניט אָפּגעשטעלט״...

און געווען איז די דאָזיגע קאָנווענשאָן אין די טעג, ווען עס זיינען געפאַלן די לעצטע שאָסן אינם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. האָט שלמה מענדעלסאָן, וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פון אונטערערדישן „בונד” אין פוילן, גערעדט וועגן דעם אַזעלכע ווערטער צו די דעלעגאַטן: „שוין צען טעג דויערט דער ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. די גאַסן און די הייזער זיינען פאַרבאַריקאַדירט. די דייטשן באַצאָלן טייער.”... „ווידערשטאַנד אין געטאָ. אַ ליכט, וואָס פאַרבלאַסט אַלץ און אַלעמען”... „שטעלט צונויף די צוויי בילדער: געטאָ — נאָך אַכט חדשים אויסמאָרדונג — שטעלט אַ ווידערשטאַנד. צי האָבן זיי — די אָפּגעריסענע, אויסגעהונגערטע, פאַרפּייניגטע, באַשפּיגענע, באַליידיגטע און פאַרלאָזענע יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מענטשן ניט געשטעלט אין שאָטן אפילו די העראָאישע פאַרטיידיגער פון סטאַלינגראַד? אָן אַן אַרמיי, מיט אויסגעבעטעלט געווער, אָן קריגס־פירער, אָן אויסזיכטן, אָן האָפענונגען, נאָר געטריבן דורך דער מענטשלעכער ווירדע, דורך דעם מענטשלעכן שטאָלץ, געטריי די אַלטע קאַמפּס־טראַדיציעס האָבן זיי אָנגעהויבן אַ שלאַכט”... „דערציילט אייערע קינדער, אַז אין לאַנד, וואו דער נאַצישער רוצח ברענט יעדן לעבעדיגן וואָרצל, האָט אויפגעשיינט אַ ליכט פון דערהויבנקייט, וואָס פאַרבלענדט”.

און הגם דער שוידערלעכער אמת האָט ווי מיט אַ שאַרף מעסער געשניטן דאָס הארץ, האָט זיך דאָך ניט געוואָלט פאַרלירן די האָפענונג. זאָגט דעריבער די אָנגענומענע רעזאָלוציע פון דער זעלבער קאָנווענשאָן: „ניט קוקנדיג אויף דעם בלוטיגן גורל־צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינען זיך אונזערע ברידער און שוועסטער אין די נאַציאָקופּירטע לענדער, ווערן מיר באַהערשט און געפירט פון דער גרויסער האָפענונג, אַז אַ גרויסער טייל פונם יידישן פאָלק וועט בלייבן לעבן אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה אין די לענדער, וואָס זיינען אָקופּירט דורך היטלערן. און דאָס יידישע פאָלק וועט בלייבן לעבן מיט די פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבט. דאָס יידישע פאָלק וועט פאָרזעצן זיין עקזיסטענץ און וועט מיט אַלע אַנדערע פעלקער בויען אַ ליכטיגע צוקונפט — אַ צוקונפט פון אייביגן שלום, פון גלייכהייט פאַר אַלע פעלקער ווי אויך פאַר דער נאָרמאַלער און נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון אונזער יידישן פאָלק”... „מיט פרייד קענען מיר פעסטשטעלן, אַז יענע דייטשע אַרמייען, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די טויערן פון פּאַלעסטינע און האָבן געוואָלט דעם יידישן ישוב

פארניכטן, זיינען פון די ענגלישע ארמייען געשלאגן און פארטריבן געווארן. היינט איז די זעלבע דייטשע ארמיי שוין אויך פארטריבן פון אפריקע, און דאס האט געראטעוועט דעם יידישן ישוב אין פאלעסטינע און א סך קלענערע יידישע ישובים אויף דער אפריקא־נער ערד"... „מיר האבן דעם טיפן גלויבן, אז די אליאירטע ארמייען וועלן אין דער גאר נאנטער צייט מארשירן איבער די לענדער פון אייראפע און וועלן באפרייען די פעלקער, וועלכע געפינען זיך אונ־טער היטלערס יאך און וועלן אויך ראטעווען די מיליאנען יידן פון מזרח־ און מערב־אייראפע".

דער א.־ר. איז געווען פון די גאר ווייניגע ארגאניזאציעס — צו ציילן אויף די פינגער פון איין האנט — וואס האבן גערופן די מיטגלידער צו פראטעסט־מיטינגען קעגן נאצי־שחיטות. פרייטאג אוונט דעם 26טן פעברואר 1943 זיינען אין גאנצן לאנד פארגעקומען פראטעסט־מיטינגען פון די ארבעטער־רינג־ברענטשעס. בלויז אין ניו־יארק זיינען אין 63 ערטער פארגעקומען פארזאמלונגען פון גרויסע צאלן מיטגלידער פון א.־ר., וועלכע האבן ארויסגעבראכט זייער צער און צארן.

אין סעפטעמבער 1944, ווען ס'איז פארגעקומען דער אויפשטאנד פון דער ווארשעווער באפעלקערונג קעגן די נאצים, אן אויפשטאנד, וואס האט געדויערט 2 חדשים, האט דער נ. ע. ק. פון א.־ר. איבער־געשיקט דורך א קורץ־כוואליעדיגן ראדיא אין לאנדאן א באגריסונג צו די ווארשעווער קעמפער. נאכן אויסדריקן באוואונדערונג פארן העראאיזם און אומדערשראקנקייט פון די ווארשעווער קעמפער קעגן די נאצי־בעסטיעס, זיינען באזונדערס געגריסט געווארן „אונזערע יידישע ברידער און שוועסטער, וואס באטייליגן זיך אזוי העראאיש אין דעם אויפשטאנד קעגן די נאצים".

געהאפט האט מען, אז נאכן זיג איבער די נאצי־מערדער וועלן די קליינע צאל פארבליבענע יידן קענען לעבן אין רו און פרייהייט. ליידער האט דעם 1טן יולי 1946 דער נ. ע. ק. פון א.־ר. געמוזט שיקן צום פוילישן אמבאסאדאר אין וואשינגטאן אסקאר לאנגע, דעם ווייי־געשריי: „מיר זיינען טיף אויפגעטרייסלט און דערשיטערט פון די לעצטע טרויעריגע פאסירונגען אין פוילן. דער פאגראם אויף די יידן אין קעלץ, די יידישע קרבנות פון דעם פאגראם שטעלן מיט זיך פאר א הימל־שרייענדיגע פאסירונג, וואס האט ניט געטארט דער־לאזט ווערן פון דער פוילישער רעגירונג"... מ'האט געפאדערט

באַשטראָפֿן די שולדיגע און גלייך אָננעמען אַלע מיטלען, „אַז יידיש לעבן, יידיש האָב און גוטס אין פּוילן זאָלן זיין פֿולשטענדיג געזי־כערט".

אין 1943־4 איז אויסגעקומען צו פֿאַרנעמען אַ שטעלונג צו דער אַזוי־גערופֿענער יידישער קאָנפֿערענץ. קיין ענטוזיאַזם איז ביים אַ.־ר. צו איר ניט געווען. און דאָס איז צוליב דעם, וואָס לכתחילה האָט זי זיך ניט געשטעלט די דרינגענדיגסטע און סאַמע וויכטיגסטע אויפֿ־גאַבע אין יענעם מאָמענט — טאָן עפּעס, כדי צו ראַטעווען פֿון ווייַ־טערדיגער שחיטות די נאָך לעבנגעבליבענע רעשטן פֿון די יידן אין אייראָפּע. זי איז פּאַקטיש פֿאַררופֿן געוואָרן מיטן צוועק צו מאַכן נאָך איין מאַניפֿעסטאַציע פֿאַר אַ „יידישע קאָמאַנוועלט". דאָך האָט דער אַ.־ר. זיך באַטייליגט אין דער קאָנפֿערענץ — דורך אַ דעלעגאַ־ציע פֿון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. אין אַ בריוו צו די ברענטשעס האָט דער נ. ע. ק. געמאָלדן (מאַי 1943), אַז דער אַ.־ר. נעמט ניט קיין אָנטייל אין די וואַלן צו דער קאָנפֿערענץ און זיין אָנטייל וועט זיין באַגרענעצט דורך דער דעלעגאַציע פֿון די יידישע אַרבעטער פֿאַרשטייער. ווען די יידישע קאָנפֿערענץ איז מיט אַ יאָר שפּעטער אין 1944 זיך צונויפֿגעקומען אַ צווייט מאָל, האָט דער אַ.־ר. אונטער־געשטראָכן, אַז די ערשטע סעסיע האָט גאָר ניט געטאָן ממשותדיגס פֿאַר דער ברענענדיגער נויט פֿון ראַטעווען די אייראָפּעאישע יידן פֿון אויסראָטונג און אויך די צווייטע האָט עס ניט בדעה צו טאָן. אַחוץ דעם האָט מען צו דער צווייטער סעסיע אויך צוגעלאָזט די קאָמוניסטן. דאָס אַלץ האָט באַוואויגן דעם נ. ע. ק. פֿון אַ.־ר. אָנצונעמען אַן איינ־שטימיגן באַשלוס מער זיך ניט צו באַטייליגן אין דער יידישער קאָנ־פֿערענץ. מ'האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און אויך ער האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון דער אַזוי־גערופֿענער יידי־שער קאָנפֿערענץ, וואָס איז בכלל געוומען באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַ דורכפֿאַל און האָט זיך אַליין ליקווידירט נאָך אַ פּאָר יאָר אומ־טעטיגקייט.

דורך אַלע יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך איר איז דער אַרבעטער־אָרדען געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, און איז געווען זיין מאַטעריעלע און מאָראַלישע הויפּט־באַזע. דער פֿאָרזיצער פֿון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אַדאָלף העלד האָט דאָס אַלץ בולט אַרויסגעבראַכט אין זיין באַגריסונגס־רעדע אויף דער קאָנווענשאָן פֿון אַ.־ר., אין 1941. ער האָט געזאָגט: „אין יאָר

1940 האָט דער א.־ר. זיך באַטייליגט אין דער הילפס־אַקציע פון דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט מיט דער ריזיגער סומע פון 75,000 דאָלער״... „אָבער ניט בלויז מיט די פינאַנצן אַליין העלפט דער א.־ר. דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. ער העלפט אים פיל מער מיט דעם גרויסן אידעאַליזם. דער א.־ר. איז אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס שלעפט מיט זיך אַלע אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די באַריכטן וועגן דער אָפּפערווילליגקייט פון די א.־ר.־מיטגלידער ווייזן וואָס פאַר אַ גרויסע נשמה דער א.־ר. פאַרמאָגט״. און אין זיין באַגריסונגס־רעדע אויף דער קאָנווענשאָן פון א.־ר. אין 1943 האָט אַדאָלף העלד פעסטגעשטעלט: „אין אַ שטאָט וואו ס׳איז דאָ אַן א.־ר.־ברענטש, איז דאָ אַ יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט; אין אַ שטאָט, וואו ס׳איז ניטאָ קיין א.־ר.־ברענטש, איז אויך ניטאָ קיין יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט. פאַר זיינע אויפטוען און פאַרדינסטן האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט צו פאַרדאַנקען קודם־כל דעם אַרבעטער־רינג״.

אַלע קאָנווענשאָנס האָבן וואַרעם אינדאָרסירט דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און גערופן די מיטגלידער און ברענטשעס אַקטיוו זיך צו באַטייליגן אין זיינע קאַמפּאַניעס. אויף דער קאָנווענשאָן פון א.־ר. אין 1946 האָט די אָנגענומענע רעזאָלוציע דערקלערט: „מיר באַטראַכטן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט פאַר דער איינציגער הילפס־אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע פאַר הילף און רעקאָנסטרוקציע. מיר אַפּעלירן צו אַלע מיטגלידער און אַלע ברענטשעס פון א.־ר., אַז זיי זאָלן אין די וועלפער־פאָנדס, וואו זיי זיינען פאַרטראָטן, פירן אַ העפטיגן קאַמף, אַז דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט זאָל געשטיצט ווערן מיט אַ ברייטער האַנט״.

איינציגע מאָל האָט דער א.־ר. גענומען אַ שטעלונג צו געוויסע ציוניסטישע טענדענצן, פאָדערונגען און אַקציעס. אַ גרויסע דעבאַטע איז פאָרגעקומען אויף דער קאָנווענשאָן אין 1941 וועגן „געווערקשאַפטן־קאַמפּיין״. אַ גרעסערע צאָל ברענטשעס האָבן במשך פון יאָרן זיך באַטייליגט אין דעם דאָזיגן קאַמפּיין, דער א.־ר. אלס גאַנצער האָט אָבער מיט דעם ניט געהאַט צו טאָן. דאָסמאָל האָט אַ מינדערהייט פון דעם רעזאָלוציע־קאָמיטעט פאָרגעלייגט, אַז די קאָנווענשאָן זאָל אינדאָרסירן דעם „געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר פּאַלעסטינע״. קעגן דעם האָבן גערעדט כאַניז, צביון און באַסקין. פאַר — וואַסילעווסקי און איזוענסקי. די ערשטע האָבן אָנגעוויזן, אַז דער א.־ר. איז ניט קעגן דער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל.

פּאַרקערט, ער איז גרייט צו געבן איר יעדע מעגלעכע הילף. דער אַ.־ר. האָט ניט איינמאָל פאַרגעלייגט צו פירן אַ געמיינזאַמע הילף־אַקציע פאַר די יידישע אַרבעטער אין אַלע לענדער, אָבער די פּועלי־ציון האָבן זיך פון דעם קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. ניט בלויז ווילן זיי, אַז ארץ־ישראל זאָל פינאַנציעל זיין פּריווילעגירט, נאָר זיי באַטראַכטן דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. די רעדנער האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז בעת דער אַרבעטער־רינג גיט הילף פאַר אַלעמען, אויך פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, האָבן די פּועלי־ציון אין זינען בלויז איין קליינעם טייל פון יידישן פאָלק אין א״י און גיבן ניט קיין שום הילף צו די יידן אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט. דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט קיינמאָל ניט בייגעשטייערט פאַר די יידישע אַרבעטער אין פּוילן אָדער פאַרן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם אין אייראָפּע. די פאַרטיידיגער פון דער מינדערהייט־רעזאָלוציע האָבן אָנגעוויזן, אַז די חלוצים שטייען מיט זייער סאָציאַליזם העכער פון אַלע. אַזוי ווי פיל ברענטשעס שטיצן דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, דאַרף מען דאָס מאַכן פאַר דער זאַך פון גאַנצן אַרבעטער־רינג. די רעזאָלוציע פון דער מינדערהייט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 94 שטימען קעגן 15.

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן האָט דער אַ.־ר. זיך אַרויסגעזאָגט קעגן „ווייסן פּאַפּיר", וואָס האָט באַגרענעצט די איינוואַנדערונג פון יידן און דעם באָדן־קויף אין פּאַלעסטינע. נאָך דער מלחמה, ווען דאָס פּראָבלעם פון יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע איז געוואָרן פאַרשאַרפט, האָט דער אַ.־ר. זיך באַטייליגט אין אַ ריי אַקציעס אַרום דער פראַגע. אין טעלעגראַפישע ווענדונגען צו דער ענגלישער רעגירונג און צו דער לייבאָר־פּאַרטיי, האָט דער נ. ע. ק. פאַרלאַנגט צו עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל און אַריינלאָזן אַהין די יידישע פּליטים. מ'האָט פאַרלאַנגט אָנצונעמען די רעקאָמענדאַציע פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע אַריינצולאָזן הונדערט טויזנט יידישע פּליטים. ווען די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פון יו־ען איז צוריקגעקומען מיט פאַרשלאָגן וועגן לייזן דאָס פּראָבלעם פון פּאַלעסטינע, האָט דער נ. ע. ק. דעם 18טן סעפּטעמבער 1947 אָוועקגעשיקט אַ ספּעציעלע ווענדונג צום אַמעריקאַנער פּרעזידענט טרומאַן און דעם ענגלישן פּרעמיער־מיניסטער עטלי, אַז די אַמעריקאַנער און ענגלישע פאָרשטייער אין יו־ען, אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע

פעלקער, זאָלן שטיצן דעם מערהייט-באַריכט וועגן צעטיילן דאָס לאַנד אויף צוויי טיילן — אַ יידישן און אַן אַראַבישן.

אין זעלבן יאָר האָט אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון 117 ברענטשעס אין ניו-יאָרק באַשלאָסן צו שאַפן 50 טויזנט דאָלער פאַר אַ שפּיטאָל אין נגב, וואָס דער יידישער אַרבעטער-קאָמיטעט האָט זיך אונטערגענומען צו בויען. אויסטייטשנדיק די אַקציעס פון אַ.־ר. לטובת דעם יידישן ישוב אין ארץ-ישראל, האָט דער פּרע־זידענט פון אָרדען י. ישורין געשריבן אין „פריינד": „מיט זיין באַ־שלוס אָנצופירן אַן אַקציע פאַר אַן אַ.־ר.־שפּיטאָל אין א"י איז דער אַ.־ר. ניט געוואָרן מער ציוניסטיש, ווי ער איז עס געווען פריער. מיט דעם באַשלוס פון דער אַ.־ר.־פאַרוואַלטונג און פון איר פירער־שאַפט אַרויסצוזאָגן זיך פאַר דער צעטיילונג פון א"י, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דער מערהייט פון דער ספּעציעלער קאָ־מיסיע פון די יונייטעד ניישאָנס, האָט דער אַ.־ר. געהאַנדלט אַזוי, ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכע יידיש-געזעלשאַפטלעכע פראַטערנאַלע אָר־גאַניזאַציע האָט געדאַרפט האַנדלען". (דעצעמבער, 1947).

אַ קורצע צייט נאָכן פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה איז פאָר־געקומען די אַ.־ר.־קאָנווענשאָן (מאַי 1948). איינשטימיג האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס באַגריסט די אַנטשטיי־אונג פון דער מלוכה. צווישן אַנדערן זאָגט די רעזאָלוציע: „מיר באַ־טראַכטן די יידישע מדינה פאַר אַ וויכטיגן טייל פון גאַנצן יידישן פאָלק. מיר האָפן, אַז די באַציאונגען צווישן די יידן אין ארץ-ישראל און די יידישע ישובים פון אַלע וועלט-טיילן וועלן זיך אַזוי איינ־שטעלן, אַז זיי וועלן העלפן איינע די צווייטע אין זייער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג סיי נאַציאָנאַל, סיי קולטורעל". די רעזאָלוציע, וואָס האָט אַפּעלירט צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג אָראָפּצונעמען דעם עמבאַרגאָ אויף וואָפן פאַר דעם יידישן ישוב, האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, „אַז די וועלט וועט געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו העלפן, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל אין לאַנד איינגעשטעלט ווערן נאָרמאַל און יידן אין ארץ-ישראל זאָלן מער ניט וויסן פון מלחמות און בלוט־פאַרגיסונג". צו די ברענטשעס האָט די רעזאָלוציע אַפּעלירט, „אַז זייער הילף פאַר ארץ-ישראל זאָל געגעבן ווערן דורך דעם נאַציאָ־נאַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון אַרבעטער-רינג". סוף 1948 האָט י. ישורין, אַלס פּרעזידענט פון אַרבעטער-רינג זיך באַטייליגט אין אַ

דעלעגאַציע פון „יוניטעד דזשואיש אַפּיל״, וואָס האָט באַזוכט ארץ־ישראל.

נאָך דער מלחמה האָט דער פּ.־ר. געשיקט אַ ריי ווענדונגען צו דער ענגלישער רעגירונג און צו דער לייבאָר־פּאַרטיי אין שייכות מיט די געשעענישן אין און אַרום ארץ־ישראל. מ׳האָט פאַרלאַנגט אַ פרייע איינוואַנדערונג און מאַכן אַ סוף צו די בלוטיגע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין לאַנד. און הגם דער פּ.־ר. איז אָפט ניט געווען צופרידן און אפילו פאַרביטערט פון דער שטעלונג און האַנדלונג פון דער לייבאָר־רעגירונג בנוגע א״י, האָט ער זיך אָבער קיינמאָל ניט אידענטיפיצירט מיט דער העץ־קאַמפּאַניע, וואָס שאָוויניסטישע עלעמענטן האָבן אַנטוויקלט אויף דער יידישער גאַס קעגן דער ענגלישער אַרבעטער־רעגירונג. פאַרן פּ.־ר. איז אויך ווייטער געבליבן גילטיג דאָס, וואָס עס האָט געזאָגט דער נ. ע. ק. אין דער באַגריסונג־דעפּעשע, דעם 26טן יולי 1945, צום גרויסן וואַל־נצחון פון דער לייבאָר־פּאַרטיי: „מיר ווילן גלויבן, אַז אייער רעגירונג און די אַרבעטער־פּאַרטיי וועלן דינען אַלס אַן אינספּיראַציע פאַר אַלע פעלקער אין אַלע לענדער אויפן געביט פון איינפירן אַלץ, וואָס עס איז וויכטיג פאַר דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן וואוילזיין פון די ברייטע מאַסן אומעטום און אַז דאָס וועט דערנענטערן די צייט פון פאַרווירקלעכן אונזער אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן אידעאַל״.

בעת דער מלחמה און נאָך איר האָט דער פּ.־ר. אַרויסגעוויזן זיין פאַראינטערעסירונג מיט דעם לעבן און קאַמף פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויף דער וועלט. דאָס מאַרטירערטום און העלדישקייט פון די אונטערערדישע קעמפער אין נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע האָבן באַזונדערס שטאַרק גערעדט צו די געפילן פון די פּ.־ר. מיטגלידער. אין אַ ריי רעזאָלוציעס פון די קאָנווענשאָנס איז דאָס געבראַכט געוואָרן צום אויסדרוק. גאָר שטאַרק זיינען געווען די געפילן צום „בונד״, וועלכער האָט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה מיטן בלוט פון זיינע בעסטע געשריבן אַ ניי העראָאיש און מאַרטירעריש בלאַט אין זיין געשיכטע, אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. אין דער רעזאָלוציע פון דער קאָנווענשאָן אין 1941 איז דאָס אַרויסגעבראַכט געוואָרן: „מיט אַ באַזונדער געפיל פון טיפן ווייטאָג שטעלן מיר פעסט דעם פאַקט פון דער אונטערדריקונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן, אָנגעפירט פון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבע־

טער-בונד. די גרעסטע צאָל פון אונזערע מיטגלידער זיינען אין דער
אַלטער היים דורכגעגאַנגען די שול פון „בונד", די שול וואָס האָט
דעם יידישן אַרבעטער דערהויבן און אים פאַר אַ שטאָלצן בירגער
און העלדישן קעמפער געמאַכט. דער „בונד" — דאָס איז די סאָציאַ-
ליסטישע מאַמע פון צענדליגער טויזנטער מיטגלידער פון אונזער
אָרגאַניזאַציע. די מאַמע, וועלכע האָט אונז געהיט, געצערטלט און
דערצויגן אין גייסט פון שטאָלצע יידן און קעמפנדיגע מענטשן"...
„אויב אונזערע ווערטער קענען צו די הייליגע מאַרטירער און שטאָל-
צע קעמפער דערגיין, שיקן מיר זיי אונזער האַרציגע און וואַרעמע
באַגריסונג". אויך ווייטערדיגע קאָנווענשאָנס האָבן אָנגענומען וואַ-
רעמע רעזאָלוציעס פאַרן „בונד" אין פוילן און זיינע פאַרטרעטער אין
אַמעריקע. סוף 1947 זיינען פאָרגעקומען אין אַמעריקע גרויסע פייע-
רונגען צום 50יאָריגן יובילייִ פון „בונד", און די מיטגלידער און
ברענטשעס פון אַ.-ר. זיינען געווען אַקטיוו מיטבאַטייליגט. אין זיין
באַגריסונג צום 50יאָריגן יובילייִ פון „בונד" האָט דער נ. ע. ק. גע-
זאָגט: „אַ באַדייטנדיגע גרויסע צאָל פון אונזערע טוער און מיט-
גלידער האָבן באַקומען זייער סאָציאַליסטישע דערציאונג אין דער
אַלטער היים אין די רייען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן
אַריבערגעבראַכט מיט זיך אין דער נייער היים, אין אַמעריקע, אַט
דעם אידעאַליזם. אין גייסט פון אַט די היימישע פלאַמען האָבן זיי
דאָ געבויט דעם אַרבעטער-רינג און געזען מיט דעם גייסט דורכ-
צונעמען אַלע אַקטיוויטעטן פון דער אַ.-ר.-אָרגאַניזאַציע"... „אין די
יובל-טעג פון פופציג יאָר „בונד" דאַרפן די בונדיסטן און זייערע
נאָכפאָלגער אין יעדן לאַנד, וואו עס וואוינען יידן, ווייטער זיך וויד-
מען די אידעאַלן און שטרעבונגען פון ,בונד'".

אַ באַזונדער פּראָבלעם, מיט וועלכן מ'האָט זיך פאַרנומען אין
די מלחמה-יאָרן, איז געווען דער אַרעסט פון די בונדישע פירער הענ-
ריק ערליך און וויקטאָר אַלטער און זייער דערמאָרדונג. באַלד נאָך
דעם ווי די סאָוועטן-מאַכט האָט אין די אָקופּירטע טיילן פון מזרח-
פוילן אַרעסטירט אין די ערשטע וואָכן פון דער מלחמה די דערמאָנ-
טע צוויי בונדישע פירער, איז אין „ניו יאָרק טיימס" אָפּגעדרוקט
געוואָרן אַן אַנטשפּרעכנדיגע דערקלערונג, וואָס האָט געבראַכט צום
אויסדרוק די געפילן און פּראָטעסט פון אַ.-ר. און אַנדערע צווייגן פון
דער היגער אַרבעטער-באַוועגונג. מ'האָט זיך אויך געווענדט אין
סטייט-דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן, כדי צו אינטערווענירן לטובת

זייער באַפרייאונג. אין אַ רעזאָלוציע האָט די קאָנווענשאָן אין 1941 פעסטגעשטעלט, אַז דורך דעם אַרעסט פון די פירער פון „בונד" און פיל „אַנדערע אַנגעזעענע פירער פון דער יידישער און ניט-יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין פוילן האָט די סאָוועטן-מאַכט באַוויזן ווי מאָראַליש געזונקען זי איז און ווי פאַררעטעריש זי האַנדלט לגבי די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס". ווען ערליך און אַלטער זיינען נאָך זייער באַפרייאונג אין 1941 צום סוף פון זעלבן יאָר אַ צווייט מאָל אַרעסטירט געוואָרן, האָבן אַ סך ברענטשעס אָנגענומען פּראָטעסט-רעזאָלוציעס און געפאָדערט זייער באַפרייאונג. דער נ. ע. ק. האָט באַלד איבערגעשיקט די דעפּעשעס צום סאָוועטישן-אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, ליטווינאָוו, צום אַמעריקאַנער אויסערן-מיניסטער קאָרדעל האָל און דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועט-רוסלאַנד. אָנהויב 1943 איז אָנגעקומען די שרעקלעכע ידיעה, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט געהייסן דערשיסן די צוויי פירער פון „בונד". דאָס האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם אין אַמעריקע בכלל און צווישן די אַרבעטער בפרט. געווען איז עס אין דער זעלבער צייט, ווען דער אַרבעטער-רינג האָט אַדורכגעפירט זיינע פּראָטעסט-מיטינגען פון די ברענטשעס קעגן די נאַצי-שחיטות. אויף די זעלבע פאַרזאַמלונגען האָט מען דעריבער אויך אויסגעדריקט דעם צער און צאָרן קעגן דערמאָרדן די צוויי איידעלע און אידעאַליסטישע פירער פון די יידישע מאַסן, וועלכע פאַלן פון דער נאַצישער האַק אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן. אין משך פון יאָר 1943 האָבן אַ סך ברענטשעס און דיסטריקט-קאָנפערענצן פון אַרבעטער-רינג אָנגענומען שאַרפע פּראָטעסט-רעזאָלוציעס קעגן מאָרד און מיט די וואַרעמסטע ווערטער גערעדט וועגן די דערמאָרדעטע. די קאָנווענשאָן פון אַ.ר. אין 1943 האָט דערקלערט: „מיר וואַרפן אָפּ מיט פאַראַכטונג און עקל די ליגנערישע באַשולדיגונג, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן קעגן ערליכן און אַלטערן מצד דער סאָוועטישער רעגירונג און ווערט אויף אַ געמיינעם אופן איבערגעחזרט דורך דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע"... „אונזערע טייערע מאַרטירער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון דער סאָוועטישער דיקטאַטור בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען קעמפער פאַרן דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און האָבן ניט געמאַכט שלום מיט דעם געדאַנק, אַז מען קען סאָציאַליזם פאַרבינדן מיט אונטערדריקן און דערשטיקן די מענטשלעכע פרייהייט. ערליך און אַלטער וועלן אַריין אין פאַנטעאָן

פון די גרויסע פרייהייט-קעמפער, וואָס זיינען געפאַלן פון אַ פאַררע־טערישער האַנט פאַר זייערע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען". אויך די קאָנווענשאָן אין 1946 האָט זיך אומגעקערט צו דער דאָזיגער טראַגעדיע און ווידער אין אַ רעזאָלוציע מיט די שאַרפסטע ווערטער פאַראורטיילט דעם שענדלעכן מאָרד, וואָס די קאָמוניסטישע דיק־טאַטור איז באַגאַנגען.

דאָס איז ניט געווען די איינציגע פראַגע, ביי וועלכער דעם אַ.־ר. איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן קעגן דעם קאָמוניסטישן לאַגער במשך פון דעם מלחמה-פעריאָד. דער אַ.־ר. האָט שאַרף געטאַדלט דעם סטאַלין-היטלער-פאַקט, וואָס האָט געעפנט דעם וועג פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה. ווען סאָוועט-רוסלאַנד איז זומער 1941 באַ־פאַלן געוואָרן פון נאַצי-דייטשלאַנד, האָט דער אַ.־ר. גערופן צו געבן יעדע מעגלעכע הילף, ניט געקוקט אויף די פאַרשידענע טענות צום סאָוועטישן רעזשים און צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין יאַנואַר 1942 איז אין „פריינד" געווען אָפּגעדרוקט אַ שאַרפער אַרטיקל פון נ. כאַנין קעגן האַלטן ווייטער אין טורמע סאָציאַליסטן. אַ ריי מיטגלידער, בעיקר קאָמוניסטן, האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט.

ברענטשעס וואָס זיינען געווען באַאיינפלוסט פון די קאָמוניסטן, האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע. דער „פריינד" האָט אין אַ לייט־אַרטיקל קלאָר געמאַכט, אַז ניט געקוקט וואָס אַמעריקע און ענג־לאַנד שטייען אין קריג, ווערט דאָרט דערלויבט צו קריטיקירן האַנד־לונגען פון דער רעגירונג. און די בירגער נוצן אויס די דאָזיגע רעכט און פרייהייט. אויך בנוגע סאָוועט-רוסלאַנד טאָר ניט זיין קיין אויסנאַם. „מיר פאַרהאַלטן פאַר זיך דאָס רעכט, אויך לגבי סאָוועט־רוסלאַנד, צו קריטיקירן אַזעלכע האַנדלונגען, וואָס מאַכן לויט אונ־זער מיינונג ניט שטאַרקער דעם קאַמף קעגן היטלערן, נאָר שוואַכן אים אָפּ" (פעברואַר-מערץ 1942).

דעם 11טן אָקטאָבער 1942 האָט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי אָפּגע־דרוקט אין „טאָג" אַן אַרטיקל מיט ווילדע אָנפאַלן אויף אַ טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט אין שייכות מיט הילף פאַר סאָוועט-רוס־לאַנד. זיינע ווילדע אָנפאַלן האָט ער אויך געריכטעט קעגן אַ.־ר.. דער נ. ע. ק. האָט פאַרעפנטלעכט אַ דעקלערונג, אין וועלכער ער האָט באַצייכנט זשיטלאָווסקים אַרויסטריט ווי אַ בלבול „פון אַ מענטשן, וועלכער פילט ניט קיין אחריות פאַרן וואָרט, וואָס ער שרייבט". נאָכן אויסרעכענען דאָס אַלץ, וואָס דער אַ.־ר. און זיינע ברענטשעס טוען

אויפן געביט פון הילף פאַר סאָוועט־רוסלאַנד, האָט דער נ. ע. ק. דערקלערט: „די עטלעכע פאַקטן זיינען גענוג צו איבערצייגן יעדן אויפריכטיגן, ערלעכן מענטשן וועגן דער גרויסער, הייליגער אַרבעט, וואָס דער אַ.־ר. טוט אויפן געביט פון העלפן רוסלאַנד. די פאַקטן זיינען גענוג צו איבערצייגן וואָס פאַר אַ שענדלעכן בילבול ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געמאַכט אויף אונזער אַרבעטער־רינג״.

אין 1945 האָבן די קאָמוניסטן געפּרואווט פירן אַן אַקציע לטובת דער אַזוי־גערופענער יידישער קאָנפערענץ, פון וועלכער דער אַ.־ר. איז אַוועק. זיי האָבן זיך באַמיט צו געווינען די בראַנטשעס פון אַ.־ר. אַבער אַן דערפאָלג. זיי האָבן בכלל געמיינט, אַז עס וועט זיך זיי איינגעבן אַריינברענגען אַ צעטומלונג אין די רייען פון אַ.־ר. און דאָס אויסנוצן פאַר זייערע צוועקן. וועגן דעם האָט רעאַגירט די קאָנווענשאַן פון אַ.־ר. אין 1946. דורך אַן איינשטימיק אָנגענומענער רעזאָלוציע האָט זי פעסטגעשטעלט: „די לעצטע פאַר יאָר האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ס'ניי אָנגעהויבן אַ דעמאָראַליזירנדיקע און ברעכערישע טעטיקייט אין די רייען פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אין ניו־יאָרק האָט זי געגרינדעט דעם אַזוי־גערופענעם ,פּראָגרעסיוון' קאָמיטעט פון אַ.־ר.־מיטגלידער — קאָמוניסטן און נאָכלויפער״. דערקלערנדיק, אַז יעדער מיטגליד האָט אַ רעכט אויף זיין מיינונג און האָט אַ מעגלעכקייט פריי און אָפן זי אַרויסצוזאָגן, פאָדערט אויף די קאָנווענשאַן דעם נ. ע. ק. „ניט צו דערלויבן די עקזיסטענץ פון ספּעציעלע, שטענדיקע קאָמיטעטן אין די רייען פון אַ.־ר.. די אויפגאַבע פון אַזעלכע קאָמיטעטן איז ניט צו פאַרטיידיקן די מינדערהייט, נאָר פאַרפירן זי, ניט שטאַרקער מאַכן די דעמאָקראַטיע אין אַ.־ר., נאָר דעמאָראַליזירן און טעראָריזירן אַלעמען, וועלכע זיינען מיט זיי ניט איינשטימיק״.

34. ברייטע געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט

בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט די געזעלשאַפטלעכע און הילפס-טעטיגקייט פון אַרבעטער-אָרדען נאָך מער זיך פאַרשטאַרקט. די ברענטשעס האָבן זיך באַטייליגט אין קויפן באַנדס, אין ציווילער פאַרטיידיגונג, אין הילף פאַר ענגלאַנד און סאָוועט-רוסלאַנד, אין הילף פאַר די יידן אין פוילן און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. מ'האָט געזאַמלט געלט, קליידער און מעדיקאַמענטן. נאָך דער מלחמה איז די הילפס-אַרבעט פאַרשטאַרקט געוואָרן פאַר די יידישע שארית-הפליטה אין אייראָפּע און ארץ-ישראל.

אין 1945, נאָכן אָפּשטעלן די קריגס-אָפּעראַציעס אויף די פראָנטן, האָט זיך געעפנט אַ ניי פעלד פאַר געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט. אין אַמעריקע איז אויסגעבראָכן אַ כוואַליע פון סטרייקן. צוליבן שטייגנדיגן יקרות זיינען די אַרבעטער געבליבן הינטערשטעליג מיט זייערע לוינען, זיי זיינען דעריבער אַרויס אין קאַמף פאַר לוין-הוספות. אין אַ ריי פאַלן האָבן זיך די גרויסע סטרייקן פאַרצויגן און ס'איז נויטיג געווען הילף פאַר די קעמפנדיגע אַרבעטער. די ברענטשעס האָבן זיך ווארעם אָפּגערופן און ממשותדיג אַרויסגעוויזן זייער אַרבעטער-סאָלידאַריטעט. דעם 3טן פעברואַר 1946 האָט דער נ. ע. ק. באַשלאָסן שיקן אַ רוף צו די ברענטשעס, אַז זיי זאָלן העלפן די סטרייקנדיגע אויטאָמאָביל-אַרבעטער אין דעטראָיט. מ'האָט אויך געשיקט הילף צו די שטאָל-אַרבעטער. דער מעדיקעל-דעפּאַרטמענט פון אַ.-ר. אין פילאַדעלפיע איז געשטאַנען צו דינסט די סטרייקנדיגע שטאָל-אַרבעטער.

די ברענטשעס האָבן אויך געשטיצט מאַטעריעל און מאָראַליש אַ ריי אַקציעס, וואָס עס האָבן געפירט ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס. באַזונדערס אַקטיוו איז דער אַ.-ר. געוואָרן אויפן געביט פון קאַמף פאַר פּראָגרעסיווע געזעצן. די ענגליש-ריידנדיגע און יוגנט-אָפּטיילונג פון אַרבעטער-אָרדען האָט געגרינדעט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר לעגיסלאַטיווער טעטיגקייט. דער צוועק פון דעם איז צו פירן אַקציעס קעגן רעאַקציאָנערע געזעץ-פּראָיעקטן, וואָס ווערן אַריינ־

געטראָגן אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס אָדער אין די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפֿטן פֿון די באַזונדערע שטאַטן. די ברענטשעס און די מיטגלידער זיינען אין אַ ריי פֿאַלן מאָביליזירט געוואָרן צו ווירקן אויף די קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן, אַז זיי זאָלן שטימען קעגן רעאַקציאָנערע געזעץ־פּראָיעקטן אָדער צו שטימען פֿאַר אַזעלכע, וועלכע טראָגן אַ פּראָגרעסיוון כאַראַקטער און זיינען אין די אינ־טערעסן פֿון די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן. צי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינהאַלטן די קאָנטראָל אויף פּרייזן און דירה־געלט, וועגן ניט דערלאָזן דעם טאַפֿט־האַרטלי־ביל, וואָס איז געווענדט קעגן דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט, אָדער וועגן אַ ריי אַנדערע וויכ־טיגע געזעצן — דער אַ.־ר. איז דערביי געווען אַקטיוו. דורך ווענ־דונגען צו די קאָנגרעסלייט, סענאַטאָרן און צום פּרעזידענט האָבן דער נ. ע. ק., די ברענטשעס און די מיטגלידער געלאָזט הערן זייערע פֿאָדערונגען. ווען אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס איז באַהאַנדלט גע־וואָרן דער געזעץ־פּראָיעקט וועגן אַריינלאָזן אין לאַנד די קרבנות פֿון דער מלחמה — די־פּי־געזעץ — האָט דער נ. ע. ק. דעם 10טן יוני 1948 געשיקט אַ טעלעגראַמע צום רעפּרעזענטאַנטן־הויז קעגן שלעכטן געזעץ־פּראָיעקט. ווען דער פּראָיעקט איז אָנגענומען גע־וואָרן, האָט דער נ. ע. ק. געשיקט צום פּרעזידענט אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט די אומצופֿרידנקייט און קעג־נערשאַפֿט פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן צום אָנגענומענעם געזעץ און פֿאַרלאַנגט, אַז דער פּרעזידענט זאָל לייגן זיין וועטאָ.

די ענגליש־ריידנדיגע און יוגנט־אָפּטיילונג פֿון אַ.־ר. האָט אין 1946 געפֿירט אַן אינטענסיווע קאַמפּאַניע צו שיקן פּעטיציעס צום פּרעזידענט און קאָנגרעס, אַז מ׳זאָל עפֿענען די טויערן פֿון אַמעריקע, ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער פֿאַר די, וועלכע זיינען געוואָרן היימלאָז צוליב דער מלחמה.

וועגן דער פֿאַרשטאַרקטער געזעלשאַפֿטלעכער און הילפֿס־אַק־טיווקייט ווערט דערציילט אין אַ ריי באַריכטן: „אונזערע ברענטשעס האָבן נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל טעטיגקייט אויף אַלע געזעלשאַפֿטלעך־קולטורעלע געביטן, ווי לעצטנס — איבערהויפּט איז נאָך קיינמאָל די טעטיגקייט אויף דעם געביט פֿון דער הילפֿס־אַקציע פֿאַר די פֿאַראומגליקטע אין אייראָפּע ניט געווען אַזוי שאַרף, אַזוי ברענענדיג און אינטענסיוו ווי לעצטן יאָר". (לייט־אַרטיקל, „פֿריינד", יאַנואַר 1941). „די באַריכטן שטעלן פֿעסט, אַז עס גייט

ניט אוועק קיין איין מיטינג פון אַ בראַנטש, ביי וועלכן עס זאָל ניט געדעדט ווערן וועגן דער פאַרצווייגטער דעפענס-אַרבעט, אין וועל-כער אונזער לאַנד איז אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט" („פריינד", פעברואַר-מערץ, 1942).

וועגן דער וויכטיגער ראָל פון אַ.־ר. אין די שטעט און שטעטלעך, אין יידישן ווי אין אַרבעטער-לעבן, דערציילן באַאָבאַכטער, וועלכע האָבן געזען די בראַנטשעס ביי דער אַרבעט: „ניטאָ אין לאַנד זשעלעם קיין איינציגע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואו די מיטגלידער (פון אַ.־ר.) זאָלן ניט זיין פאַרטראָטן. דער אַ.־ר. האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער פראַכטפולער לאַנד-זשע-לעסער סאַנאַטאָריום, פון דער עקס פיישענטס היים און פון נאָך אַ סך אַנדערע אינסטיטוציעס צו ראַטעווען מענטשלעכע לעבנס. דער אַ.־ר. איז ממש דער איינציגער כוח, וואָס האַלט אויף אַ יידיש גייסטיג קולטור-לעבן. דורך פאַרבינדונגען מיט דעם גענעראַל-אָפּיס ברענגט ער פראָמינענטע לעקטאָרן און קינסטלער, פירט דורך טעאַ-טער-פאָרשטעלונגען און אַנדערע גייסטיגע אונטערנעמונגען". (פרענק עפּשטיין, „פריינד", יוני-יולי 1942).

נאָך אַ רייזע איבערן לאַנד אַלס פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן אָרגאַניזאַציע-קאָמיטעט דערציילט ל. דינערשטיין: לאָריין, אָהייאָ, „פאַרמאָגט אַ קליינע צאָל יידישע איינוואוינער און מער ווי אַ דריטל פון זיי געהערט צום בראַנטש. די איינוואוינער פון שטאָט רעכענען זיך מיט דעם בראַנטש און האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר דעם אַ.־ר.. אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן ווערן צוגעגרייט געמיינשאַפטלעך מיט די איבעריגע אָרגאַניזאַציעס. די מיטגלידער פון אַ.־ר. זיינען די אָנפירער. אין דעם וועלפער-פאָנד פאַרנעמען זיי אַן אָנגעזעענעם אָרט און קריגן שטיצע פאַר אַלע אונזערע אינסטיטוציעס". און וועגן מאַניסאַן (פיטסבורגער דיסטריקט): „די צאָל יידישע איינ-וואוינער אין שטאָט איז זייער אַ קליינע, סך-הכל 70 פאַמיליעס. אַ העלפט זיינען מיטגלידער אין אַ.־ר.־בראַנטש". וועגן פיטסבור-גער דיסטריקט בכלל: „די איינוואוינער פון די שטעט באַציען זיך צום אַ.־ר. מיטן גרעסטן רעספּעקט. דער דיסטריקט-קאָמיטעט האָט אַריינגעשריבן אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע פון אַ.־ר. מיט זיין שטעלונג צו דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער-באַוועגונג. ס'איז נאָך פריש אין זכרון די אַרבעט, וואָס דער אַ.־ר. האָט דורכגעפירט אין דעם הערויאישן קאַמף פון די קוילן-גרעבערס. אַלע געדענקען

דעם גרויסן, פאַרצווייפלטן סטרייק, וואָס די קוילן־גרעבער האָבן געפירט. די קוילן־מאַגנאַטן האָבן מיט אַלע זייערע כוחות זיך פאַר־מאָסטן צו צעברעכן דעם סטרייק. מיטגלידער פון אַ.־ר., מענער און פרויען, זיינען געגאַנגען אויף די פיקעט־ליינס, געהאָלפן די סטריי־קערס מיט געלט־מיטלען, מיט שפּייז און קליידער. די רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבן אויף די ערשטע זייטן געשריבן, אַז מען דאַרף אַרויסטרייבן פון פּיטסבורג די סאָציאַליסטן, די מיטגלידער פון אַר־בעטער־רינג. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָבער געגעבן דעם אַ.־ר. די געהעריגע אָנערקענונג. נאָך היינט געדענקען די קוילן־גרעבער די גרויסע הילף, וואָס דער אַ.־ר. האָט זיי געגעבן אין צייט פון קאַמף״. („פריינד״, יולי־אויגוסט 1944).

אין אַ ריי ערטער איז אויסגעקומען צו ליידן פון דער רעאַקציאָ־נערער דעמאַגאָגיע. דאָ און דאָרט האָט מען געפּרואווט אָנקלעפּן דעם אַ.־ר. אַ קאָמוניסטישע מאַרקע, כדי צו קענען אים לייכטער באַקעמפן ביי יידן און ביי ניט־יידן. דאָרט וואו רעאַקציאָנערע קהלשע מאַכערס האָבן ניט געוואָלט האָבן פאַרשטייער פון אַ.־ר. אין די וועלפער־פאָנדס, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געשריי — „קאָ־מוניסטן״. דער אַ.־ר. איז שוין אַ צו פּאָפּולערע אינסטיטוציע, אַז אַזאַ טריק זאָל קענען האָבן דערפאָלג. ערנסטער איז אַ געוויסע צייט געווען דער ענין מיט איינציגע רעגירונגס־אַמטן. אויף דער זיצונג פון נ. ע. ק. דעם 8טן יולי 1940 האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר באַסקין באַריכטעט: „לעצטנס האָבן מיר דערהאַלטן פון איינציגע אַ.־ר. מיטגלידער בריוו וועגן געוויסע שוועריגקייטן מיטן לייבאָר־דעפּאַרטמענט און אַנדערע רעגירונגס־אינסטיטוציעס אין וואַשינגטאָן צוליב דעם, וואָס מען באַצייכנט דעם אַ.־ר. אַלס אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. מיר שטייען אין פאַרבינדונג מיט איינציגע רעגירונגס־אינסטיטוציעס אין וואַשינגטאָן וועגן דעם ענין״. אין באַריכט פון נ. ע. ק. אויף דער קאָנווענשאָן אין 1941 האָט דער פּרעזידענט ר. גוסקין געזאָגט וועגן דעם: „דער אָפיס האָט דערהאַלטן בריוו פון איינציגע שטעטלעך, וואו עס איז דאָ אַ קליינער יידישער קיבוץ, אַז דער אָדער יענער, וועלכער האָט אַ רעגירונגס־שטעלע אָדער אַ גע־שעפט הויבט אָן פאַרפאַלגט צו ווערן צוליב דעם, וואָס מען איז חושד אין קאָמוניזם. אין מיאַמי, פלאָרידאַ, האָט דער שטאָט־ראַט אָפּגעזאָגט דעם אַ.־ר.־ברענטש 692 צו געבן אַ דערלויבעניש צו בויען אַ לייבאָר־לייסעאום. דער תירוץ איז געווען, אַז די מיטגלידער פון

דער אָרגאַניזאַציע זיינען כלומרשט קאָמוניסטן. ערשט נאָך אַן אינטערווענץ פון פּרעזידענט פון אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, וויליאַם גרין, איז די דערלויבעניש געגעבן געוואָרן".

אין שטאַט פּענסילווייניע איז געווען צרות מיטן אינשורענס־דעפּאַרטמענט. אין די יאָרן 2-1940 האָט ער געפאָדערט אַרויסצונעמען פון דער א.־ר.־קאָנסטיטוציע דעם פּונקט וועגן אויסשליסן מיטגלידער פאַר סטרייק־ברעכעריי. די אָנפירונג פון אָרדען האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן די פאָדערונג. סוף־כל־סוף איז דער ענין אַריבער צו דעם פעדעראַלן יוסטיץ־דעפּאַרטמענט, וועלכער האָט געפּסקנט, אַז דער פּונקט קען בלייבן.

די אַטאַקעס פון דער רעאַקציע און די שטערונגען פון רעגירונגס־ביוראָקראַטן האָבן ניט געקענט ענדערן דעם דעצידירטן ווילן צו פירן אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט, אַזוי גוט ווי אַ פּראַטערנאַלע. די גרויסע מערהייט פון אָרדען האָט ניט געלאָקט די מיינונג פון אַ טייל מיטגלידער, אַז מ׳דאַרף זיך באַגרענעצן אויפן פעלד פון בענעפיטן. דער שטרייט צווישן די „ברייטע" און „שמאָלע", צווישן די אָנהענגער פון אַן אַלזייטיגער טעטיגקייט און די חסידים פון בלויז בענעפיטן — אַ שטרייט וואָס האָט זיך געפירט כמעט אַלע יאָרן און האָט סוף־כל־סוף שטענדיג זיך געענדיגט מיטן זיג פון די ערשטע, האָט ענדגילטיג קיינמאָל ניט אויפגעהערט. אַן אַלטע פראַגע, וואָס איז תמיד באַנייט געוואָרן. נאָך אויף דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, אין 1948, האָט דער פּרעזידענט פון א.־ר., י. ישורין, אין זיין עפענונגס־רעדע געהאַלטן פאַר נויטיג צו זאָגן: „ס׳זיינען פאַראַן אין אונזערע רייען אַן אומבאַדייטנדיגע צאָל עלעמענטן, וועלכע זאָגן, אַז דער א.־ר. דאַרף זאָרגן אויסשליסלעך און באַשעפטיגן זיך אויסשליסלעך מיט קאָנסטרוקטיווע אינערלעכע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צום גוף פון א.־ר., ד. ה. וועגן זיינע בענעפיטן. אומגערעכט זיינען די, וועלכע האָבן אַזעלכע באַגריפן, זיי פאַרשטייען ניט די מיסיע פון א.־ר.. נעמט אַוועק פון אונזער אָרדען אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייטן און פאַרפליכטונגען און זיין אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, און ער וועט בלייבן מוטער־נאַקעט. עס וועט זיין אַ גייסטיגע אָרימקייט. אויף אַזאַ וועג זיינען געגאַנגען אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען גרעסער פון א.־ר.. זיי

האָבן אָבער ניט פאַרשטאַנען זייערע אויפגאַבעס און היינט געפינען זיי זיך שוין אויף דעם עולם־האמת״.

אַפילו די הילפס־טעטיגקייט האָט מען זיך באַמיט צו פאַרבינדן מיט אַ געזעלשאַפטלעכער פּערספּעקטיוו, כדי ס׳זאָל ניט זיין סתם צדקה. דאָס האָט מען געזאָגט דעם ברייטן עולם ביי די געלט־זאַמלונגען, דאָס האָט מען געזאָגט אין די אָפיציעלע באַשלוסן פון דער אָרגאַניזאַציע. די שיקאַגער קאָנווענשאָן אין 1941 האָט אין איר רעזאָלוציע וועגן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט גערופן „אַלע ברענטשעס פון אַ.־ר., אַז זיי זאָלן פאַרשטאַרקן זייער אַרבעט פאַרן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פאַרגרעסערן זייערע זאַמלונגען, אַריינטראָגן וואָס מער און מער באַוואוסטזיין און אידעאַליזם אין דער טעטיגקייט פון דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט״. אין דער רעזאָלוציע וועגן „אָרט״ האָט די קאָנווענשאָן געזאָגט: „דער אַ.־ר. איז שטאָלץ מיט דעם פאַקט וואָס ער איז געווען די ערשטע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט ביי אַ קאָנווענשאָן מיט צוויי צענדליג יאָר צוריק געגעבן דעם „אָרט״ די ערשטע נויטיגע שטיצע, און געהאָלפן אים זיך עטאַבלירן אין אַמעריקע אַלס אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר יידן אין אייראָפּע אויף איבערצובויען דורך קאָנסטרוקטיווער אַרבעט דאָס יידישע לעבן אויף געזונטע יסודות״. די דאָזיגע קאָנווענשאָן, ווי אַ ריי אַנדערע, האָט אויך גערופן צו שטיצן דעם „האיאס״, דעם ייווא״אָ, די „צוקונפט״, ציקאָ, די יידישע ענציקלאָפּעדיע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען.

און ניט בלויז וועגן חומרדיגער שטיצע האָט מען געקלערט. פון צייט צו צייט זיינען געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג וויכטיגע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן. דער א.־ר. האָט געוואָלט טאָן ממשותדיגע אַרבעט אויך אויף דעם געביט. ליידער האָט ניט אַלע מאָל דער ווילן זיך פאַרוואַנדלט אין טאָט. איין ניט־רעאַליזירטער באַשלוס איז וועגן אונזער שפּראַך — יידיש. די שיקאַגער קאָנווענשאָן אין 1941 האָט וועגן דעם אָנגענומען אַ באַשלוס: „דער אַ.־ר. זאָל אויף זיך נעמען די איניציאַטיוו צו פאַראינטערעסירן אַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אָנצוהויבן אַ באַוועגונג, אַז די יידישע שפּראַך זאָל געלערנט ווערן אין היי־סקולס און קאַלעדזשעס, פאַר וועלכע יידישע קינדער זאָלן קריגן קרעדיט אַזוי ווי פאַר אַנדערע שפּראַכן״. דאָס איז היינט אַזאַ נויטווענדיג־

קייט, ווי מיט 9 יאָר יאָר צוריק. די באַדערפעניש איז ניט באַפרי־דיגט געוואָרן. נאָך דעם גוטן ווילן איז ניט געקומען קיין ווירק־זאַמע טאַט.

דער א.־ר. האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן פאַרשידענע וויכטיגע פּרינציפּיעלע און פּאָליטישע פראַגן. ער האָט אונטערשטיצט פאַר־שידענע פאָדערונגען פון אַרבעטער־קלאַס און פון דער יידישער באַ־פעלקערונג. די קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאַי 1943 אין ניו־יאָרק, האָט געפאָדערט פון דער וועלט, אַז „דער אַנטיסעמיטיזם זאָל באַטראַכט ווערן פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעכן"... „אַלע יידן, פאַרטריבענע און פאַריאָגטע פון זייערע היימען, זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט אָן שום שטערונגען, אויב זיי וועלן דאָס פאַר־לאַנגען, זיך אומצוקערן צוריק אין די לענדער, אין וועלכע זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן"... „אין אַלע לענדער, וואו יידן געפינען זיך אין קאָמפּאַקטע מאַסן, זאָלן זיי האָבן אַ פרייע מעגלעכקייט, מיט דער הילף פון די רעגירונגען, צו עטאַבלירן אַ נאַציאָנאַלע פאָרם פון לעבן, וואָס זאָל זיי פאַרזיכערן די רעכט פון נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. אין דער נייער געזעצגעבונג פון די לענ־דער, וואו יידן וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן, זאָלן יידן באַהאַנדלט ווערן ווי אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַ שפּראַך, אַ קולטור, אַן אייגנ־אַרטיגן נאַציאָנאַלן לעבן און אַ געשיכטע פון טויזנטער יאָרן, וואָס איז פול מיט מאַרטירערטום". פאַר דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז געפאָדערט געוואָרן אָפּצושאַפן אַלע באַגרעניצונגען און אַז „די פאַראייניגטע נאַציעס זאָלן געפינען אַ מאָדוס ווי אַזוי דער יידישער ישוב זאָל זיך קענען אין שלום און האַרמאָניע מיט די איבע־ריגע פעלקער קולטורעל און נאַציאָנאַל אַנטוויקלען"... „אונזער לאַנג־יאָריגע געשיכטע האָט אונז געמאַכט פאַר אַ וועלט־פאָלק"... „אונזער האָפענונג איז ניט אין אָפּזונדערן זיך פון דער וועלט, ניט אין איזאָלירן זיך פון אַלע פעלקער. מיר ווילן, ווי גלייכע מיט גלייכע, צווישן אַלע פעלקער פירן דעם קאַמף פאַר דער אַלגעמיינער מענטש־לעכער און יידישער באַפרייאונג".

ווען די ערשטע נאָכמלחמהדיגע קאָנווענשאָן האָט דעם 5טן מאַי 1946 זיך געעפנט אין דעטראָיט, האָט זי פאַר זיך געהאַט דעם גרויסן יידישן חורבן אין דער אַלטער היים און נייע הילף־רופן און נייע פּראָבלעמען. די דעלעגאַטן האָבן געבראַכט צום אויסדרוק זייער טרויער און צער. זיי האָבן דערקלערט: „מיט געבויגענע קעפּ און

טיפן ערפורכט שטייען מיר ביי די אומצאָליגע יידישע מאַסן־קברים, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער די אומבאַקאַנטע פעלדער פון אייראָפּע און פאַר דעם אַש און רויך, אין וועלכע מיליאָנען אונ־זערע ברידער און שוועסטער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך דעם בלוטיגן נאַציזם״...

די קאָנוועגשאָן האָט דערקלערט די הילפס־גרייטקייט פון אַ.־ר. פאַר אַלע יידישע ישובים, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן לאָזונג פון „יציאת אייראָפּע״, און דערקלערט, אַז „די יידישע לאַגערן זיינען געלע לאַטעס פון דער וועלט״. די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט געפאָדערט צו עפענען „די טויערן פון אונזער רייכער, פרייער אַמע־ריקע״ און אַריינלאָזן הונדערט טויזנט יידן אין ארץ־ישראל. אין אַן איינשטימיג אָנגענומענער רעזאָלוציע איז דערקלערט געוואָרן: „עס פאַלט אַ גרויסע אחריות אויף אונז ניט בלויז אין פּרט פון הילף און שטיצע, נאָר אויך בנוגע אונזער יידישן לעבן. מיר זיינען דער גרעסטער יידישער ישוב אויף דער וועלט. מיר זיינען פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק. מיר מוזן ווערן די מאַסן־טרעגער און שעפער פון דער יידישער קולטור״... „ניט געקוקט אויף דער פאַרצווייפלונג און אומעט, וואָס הערשט אַפט אין אונזערע הערצער, דערקלערן מיר מיט אונזער גאַנצער איבערצייגונג, אַז דער גורל פון יידישן פאָלק איז געבונדן מיט דעם גורל פון דער וועלט. אַ סך בלוטיגע עוולות זיינען קעגן אונז באַ־גאַנגען געוואָרן און דאָך ווייסן מיר, אַז נאָר אין אַ סאָציאַליסטישער, פרייער, דעמאָקראַטישער וועלט וועט אויך קומען אונזער אויסליי־זונג״.

די קאָנוועגשאָן אין באָסטאָן, מאַי 1948, איז פאָרגעקומען שוין אין אַ פּאָליטיש געענדערטער וועלט־לאַגע. די אָנגעשטרענגטע באַ־ציאונגען צווישן מזרח און מערב, צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און די דעמאָקראַטישע לענדער, האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם אומרו און פאַרבלאַסט די האָפענונגען אויף אַ געזיכערטן שלום נאָכן צעשמע־טערן דעם נאַציזם און פאַשיזם. און די קאָנוועגשאָן האָט געהאַלטן פאַר נויטיג צו זאָגן, וואָס עס טראַכטן וועגן דעם די יידישע אַר־בעטער און פאָלקס־מענטשן. די רעזאָלוציע וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין דער וועלט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער סאָוועטישער פּאָליטיק אין די לענדער אונטערן „אייזערנעם פאָרהאַנג״ און פאַר

א דויערהאַפטן שלום. עס זיינען באַגריסט געוואָרן די סאָציאַליסטי-
שע פּאַרטייען אין דער וועלט און ס'איז אויסגעדריקט געוואָרן די
האָפענונג, אַז דער מאַרשאַל-פּלאַן „וועט העלפן די אייראָפּעאישע
לענדער צו פאַרווירקלעכן זייערע שטרעבונגען אין גייסט פון די
דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע אידעען, ווי אויך די סאָציאַלי-
סטישע שטרעבונגען, וואָס די סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיוו-דע-
מאָקראַטישע עלעמענטן פון יענע לענדער האָבן זיך געשטעלט". די
רעזאָלוציע וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין אַמעריקע האָט פעסט-
געשטעלט אַ ריי רעאַקציאָנערע טענדענצן און אַקטן, וואָס האָבן
דעם ציל „בטל צו מאַכן אַלע דערגרייכונגען, צו וועלכע די אָרגאַ-
ניזירטע און ניט-אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט צוזאַמען מיט די
פּראָגרעסיוו-ליבעראַלע און אמת-דעמאָקראַטישע כוחות אין אונזער
לאַנד האָבן זיך דערשלאָגן אין די לעצטע עטלעכע יאָר און איבער-
הויפּט אין דער צייט פון דער רוזוועלט-אַדמיניסטראַציע". גלייכ-
צייטיג זאָגט זיך די רעזאָלוציע אַרויס קעגן דער פּאַרטיי פון הענרי
וואַלאַס און פאַר „שטיצן אַלע כוחות אויפן באַדן פון אַמעריקאַנער
לעבן, וועלכע וועלן מעגלעך מאַכן איינצוהאַלטן דאָס וואָס עס איז
שוין אויסגעקעמפט און דערגרייכט געוואָרן לטובת די ברייטע
שיכטן פון אַמעריקאַנער אַרבעטער און פאָלקס-מענטשן. דער אַר-
בעטער-רינג פאַרפליכטעט זיך צו קעמפן פאַר איינהאַלטן און אויס-
ברייטערן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן און פאַרפליכטעט זיך צו
קעמפן פאַר אַלץ, וואָס וועט דורך דעמאָקראַטישע מיטלען און דורך
דעמאָקראַטישן קאַמף און אויפקלערונג פירן צו סאָציאַליזם אין
אונזער לאַנד".

די רעזאָלוציע פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן וועגן דער
יידישער לאַגע האָט אויסגעדריקט די טיפע זאָרג צוליב דעם אַנטי-
סעמיטיזם, וואָס לאָזט זיך מערקן אין אייניגע לענדער, און צוליבן
פאַראַליזירן דאָס גייסטיגע און קולטורעלע לעבן פון די יידן אין
סאָוועט-רוסלאַנד און די שכנותדיגע סאַטעליטן-לענדער. ס'איז אויס-
געדריקט געוואָרן דער פאַרלאַנג, אַז אַמעריקע און אַלע פרייע לענדער
זאָלן עפענען די טויערן פאַר די יידן פון די די-פּי-קעמפּס. וועגן די
יידישע ישובים אין די דעמאָקראַטישע לענדער פון אייראָפּע האָט
די רעזאָלוציע דערקלערט: „ס'איז אונזער הייליגע פליכט זיי צו
העלפן, אַז יידיש לעבן זאָל אין יענע לענדער באַפעסטיגט ווערן, זיי
צו העלפן פון דאָס ניי בויען זייער עקאָנאָמישן וואוילזיין, שטאַרקן

זייער ייִדיש קולטור-לעבן אין אַלע פאַרמען". גלייכצייטיק האָט די רעזאָלוציע פעסטגעשטעלט: „מיר, ייִדן פון אַמעריקע האָבן געמאַכט און מאַכן אַלע באַמיאונגען גייסטיק און מאַטעריעל צו העלפן די ייִדישע ישובים הינטער דעם ,אייזערנעם פאָרהאַנג', אָבער יעדער פרואוו האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל און מיר בלייבן מאַכט-לאָז, אַז יעדער מעגלעכקייט צו העלפן זיי אין זייער טראַגישער לאַגע". וועגן דער עטאַבלירונג פון דער ייִדישער מלוכה האָט די רעזאָלוציע דערקלערט: „דער שריט פון דעם ייִדישן ישוב איז פון גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט. מיר באַגריסן דעם ישוב פאַר דער עטאַבלירונג פון דער ייִדישער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. מיר האָפן, אַז די פאַראייניקטע פעלקער פון דער וועלט וועלן העלפן דער נייער ייִדישער רעגירונג איינצואָרדענען זיך פּאָליטיש און ווערן אַ געזעצלעכער טייל און מיטגליד פון דעם ,פאַרבאַנד פון די פאַר-אייניקטע פעלקער'"... „מיר באַטראַכטן די ייִדישע מדינה פאַר אַ וויכטיקן טייל פון גאַנצן ייִדישן פאָלק. מיר האָפן, אַז די באַצי-אונגען צווישן די ייִדן אין ארץ-ישראל און די ייִדישע ישובים פון אַלע וועלט-טיילן וועלן זיך אַזוי איינשטעלן, אַז זיי וועלן העלפן איינע די צווייטע אין זייער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג סיי נאַציאָ-נאַל, סיי קולטורעל. דעם גאַנצן ייִדישן ישוב פון ארץ-ישראל שיקט די קאָנווענשאָן איר האַרציקע באַגריסונג". פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג איז פאַרלאַנגט געוואָרן אָפּצושאַפן דעם עמבאַרגאָ אויף וואָפן פאַר דעם ייִדישן ישוב אין ארץ-ישראל. וועגן די אויפגאַבן פון די ייִדן אין אַמעריקע זאָגט די זעלבע רעזאָלוציע, וואָס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דורך דער קאָנווענשאָן: „מיר טאָרן זיך ניט באַנוגענען נאָר מיט מאַטעריעלער אָדער גייסטיקער הילף פאַר אונזערע אומגליקלעכע ברידער אויף יענער זייט ים. ס'איז אונזער הייליקע פליכט צו ווערן אַ קאָנסטרוקטיווער און בויענ-דיקער ייִדישער פאָלקס-כוח. מיר דאַרפן זען צו שטאַרקן דאָ צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. מיר דאַרפן שטאַרקן די ייִדישע קולטור אין אַלע פאָרמען"... „מיר דאַרפן דאָ אין לאַנד פאַרזעצן אונזער אייגענעם ייִדישן פאָלקס-לעבן"... „מיר דאַרפן דאָ אין לאַנד שטאַרקן אַלע כוחות, וואָס קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסן-האַס. מיר דאַרפן שטיין אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט אַלע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער באַ-פעלקערונג, וועלכע ליידן פון ראַסן-דיסקרימינאַציע און זען פאַר-

טרייבן די דאָזיגע שעדלעכע קראַנקהייט פון פרייען און דעמאָ־
קראַטישן אַמעריקאַנער לעבן".

די באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט אין אַ רעזאָלוציע מיט טרויער
דערמאָנט די אומגעקומענע בונדיסטן און איבערגעשיקט אַ באַגרי־
סונג צו די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין זייערע באַמיאונגען אויפ־
צובויען אַ בונדישע באַוועגונג אין אַ ריי לענדער.

די זעלבע קאָנווענשאָן האָט באַגריסט דעם יידישן אַרבעטער־
קאָמיטעט פאַר זיין אומגעהויער וויכטיגער הילף־ און אויפבוי־אַרבעט.
די מיטגלידער און ברענטשעס זיינען גערופן געוואָרן ווייטער צו
זיין מיטבאַטייליגט אין דער טעטיגקייט פון יידישן אַרבעטער־קאָ־
מיטעט. עס זיינען אויך באַגריסט און אינדאָרסירט געוואָרן דער
יידישער קולטור־קאָנגרעס, ייוו"א, „אָרט", האיאַס, ציקאָ, „די צו־
קונפט", די רענד־סקול, די „ליג אָוו אינדאַסטריעל דעמאָקראַסי"
און „וואָירקערס דעפענס ליג".

דער נ. ע. ק. איז באַפולמעכטיגט געוואָרן צו פאַרשטענדיגן
זיך מיט קרובישע אָרגאַניזאַציעס וועגן איינשטעלן אַ יזכור־טאָג
צום געדענקען די דערמאָרדעטע יידן און די העלדן פון ווידערשטאַנד
אין די געטאָס.

35. מיטגלידער, בענעפיטן און אינסטיטוציעס

ביים אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער אַ.־ר. דערגרייכט די ציפער פון 71,700 מיטגלידער. ברענטשעס זיינען געווען 755 פון אַלע קאַטעגאָריעס. דעם צענדליג יאָר, וואָס האָט געהאַט צו פאַרצייכענען די גרעסטע לויט דער צאָל און די לענגסטע לויט דער צייט אַרבעטסלאָזיגקייט, האָט דער אַ.־ר. פאַרענדיגט בערך אַזוי, ווי ער האָט אים אָנגעהויבן. דער אָפפלוס פון מיטגלידער איז געווען אַ קלענערער, אַזוי אויך דער צופלוס. דער אַרבעטער־אָרדען איז געוואָרן מער־ווייניגער סטאַביל.

די דאָזיגע צייט איז ניט געווען קיין גינסטיגע פאַר פראַטער־נאַלע אָרגאַניזאַציעס בכלל, און בפרט פאַר אַ יידישן אַרבעטער־אָרדען. פון 1931 ביז 1936 האָט די צאָל יידישע איינוואַנדערער זיך געוואַקלט צווישן 2 און 6 טויזנט אַ יאָר. נאָך דעם איז טאַקע גע־קומען אַן אויפשוואונג אין דער יידישער איינוואַנדערונג, וואָס האָט שוין אין 1939 דערגרייכט 43 און אַ האַלבן טויזנט, אָבער דאָס זיינען בעיקר געווען אַסימילירטע יידן פון דייטשלאַנד און שכנישע לענ־דער, און צו זיי האָט דער אַרבעטער־אָרדען קיין צוטריט ניט געהאַט. ס'איז אויך געוואָרן שווערער צו ווערבירן נייע מיטגלידער פון די יוניאָנס צוליב דעם טעם, וואָס די יוניאָנס גופא האָבן איינגעפירט געוויסע בענעפיטן. אמת, מ'האָט דאָרט ווייטער ווערבירט אַ גע־וויסע צאָל מיטגלידער, אָבער זייער צאָל האָט זיך געמוזט באַגרענעצן בלויז צו די סאָציאַל און נאַציאָנאַל מער באַוואוסטזיניגע, וועלכע האָבן געקענט אָפשאַצן דעם גרויסן ווערט פון אַרבעטער־אָרדען און זיין אַלגעמיינע טעטיגקייט.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, און באַזונדערס נאָך אַמערי־קעס אַריינטריט אין איר, האָבן אָנגעהויבן ווירקן פאַרשידענע מאָ־מענטן, וואָס זיינען פריער ניט געווען. אָבער אויך פון דער דאָזי־גער קאַטאַסטראָפאַלער צייט איז דער אַ.־ר. אַרויס ניט באַשעדיגט. דער פאַרלוסט פון די געשטאָרבענע און געשטראָכענע מיטגלידער איז פאַרגיטיגט געוואָרן דורך נײַ־ווערבירטע. די צאָל געשטראָכענע

האָט באַטראָפֿן פֿון 1000 ביז 1500 און די צאָל געשטאָרבענע איז דערגאַנגען ביז איבער 1200 יערלעך. נאָכן שליסן דעם סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך, האָבן איינצלנע מיטגלידער און גאַנצע גרופּעס איבערגעריסן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדען און אַריינגעטראָטן אין אַ.־ר.. לויט אַ באַריכט פֿון י. באַסקין אויף אַ זיצונג פֿון נ. ע. ק. דעם 2טן יוני 1941, האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדען, צום ערשטן מאָל זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן, געהאַט צו פֿאַרצייכענען אַ גרויסן פֿאַרלוסט. ער האָט פֿאַרלאָרן 7 טויזנט מיטגלידער.

נאָך דער מלחמה האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן און קאַנאַדע יונגע מענטשן פֿון די שארית־הפּליטה אין די לאַגערן. אין משך פֿון די לעצטע פּאָר יאָר זיינען פֿיל פֿון זיי אַריין אין אַרבעטער־רינג — אין אַלטע בראַנטשעס, אָדער זיי האָבן געגרינדעט ספּעציעלע בראַנטשעס פֿון קאַצעטלער, וואָס טראָגן די נעמען פֿון פֿאַרשטאָרבענע יידישע אַרבעטער־פֿירער אָדער פֿון געטאָ־העלדן. אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך אויך פֿאַרשטאַרקט די וועבירונג צווישן די הי־געבוירענע. אין 1947 זיינען אַריינגעקומען 2,800 נייע מיטגלידער, צווישן זיי 1,150 ענגליש־רײדנדיקע. ניט געקוקט אויף דעם וואָס גראַד די לעצטע יאָרן זיינען ווערבירט געוואָרן אַ סך יינגערע מענטשן, איז דאָך דער דורכשניטלעכער עלטער פֿון די מיטגלידער כסדר געשטיגן. אין 1940 איז דער דורכשניט־עלטער געווען 48.85; אין 1942 — 50.40; אין 1943 — 51.9; אין 1945 — 52.85. אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט זיך דער דורכשניט־עלטער געהויבן. צוויי סיבות האָבן גורם געווען דערצו: ערשטנס, זיינען ניט אַריין גענוג יונגע מענטשן צו באַלאַנסירן דאָס נאַטירלעכע עלטער ווערן פֿון די פֿריערדיקע מיטגלידער; צווייטנס, לאָזן זיך גראַד שטרייכן מער יינגערע און וויניקער עלטערע.

הגם אין פֿאַרלויף פֿון פֿיל יאָרן האָט זיך דער סאָציאַלער מצב פֿון אַ באַדייטנדיקן טייל מיטגלידער געביטן, פֿונדעסטוועגן בילדן נאָך עד־היום די אַרבעטנדיקע עלעמענטן דעם רוב מנין ובנין פֿון אַ.־ר.. אויף דער סעסיע פֿון נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן־באָארד, דעם 29טן דעצעמבער 1948, האָט דער פֿאַרטרעטער פֿון שטאַט ניו־יאָרק, מ. איוועגסקי, וועגן דעם דערקלערט: „אין שטאַט ניו־יאָרק געפֿינט זיך דער רוב מנין און דער רוב בנין פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע.

אין ניו־יאָרק אַליין געפינען זיך איבער 30 טויזנט מיטגלידער און אין גאַנצן שטאַט איבער 35 טויזנט. איך בין צופרידן אייך צו באַריכטן, אַז לויט מיינע באַאָבאַכטונגען זיינען די מערסטע מיטגלידער פון שטאַט ניו־יאָרק געבליבן אַרבעטער, פּראָלעטאַריער".

במשך פון לעצטן צענדליג יאָר איז אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען אויך מיט אַ ריי אינערלעכע פּראָבלעמען. ס'איז געענדערט געוואָרן די פאָרם פון דער פאַרוואַלטונג. אַ קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן אין 1941 האָט מיט 2 יאָר שפּעטער פאַרגעלייגט, אַז דער נ. ע. ק. זאָל באַשטיין פון 26 מיטגלידער, איינגעטיילט אין דריי באַזונדערע קאָמיטעטן: פאַר אָרגאַניזאַציע־ענינים — 10 מיטגלידער, פאַר בילדונג — 8, פאַר אַדמיניסטראַציע ענינים — 8. דער טערמין פון נ. ע. ק. זאָל זיין 2 יאָר. רעכט צו קאַנדידירן זאָל מען האָבן בלויז 2 מאָל נאָכאַנאַנד. אויב מ'איז כסדר געווען אין נ. ע. ק. צוויי טערמינען, דאַרף מען וואַרטן 2 יאָר צו מעגן ווייטער קאַנדידירן. די קאָנווענשאָן אין 1943 האָט דעם פּלאַן אָנגענומען און מיט דעם זיינען ליקווידירט געוואָרן די באַזונדערע 3 קאָמיטעטן פאַר די ענינים פון גריוועַנס (אָנקלאַגע), סאַנאַטאָריע און אָפיס־בענעפיטן. די לעצטע 2 האָט געירשנט דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטעט. דער נ. ע. ק. האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן לויט דער נייער פאָרם אין 1946. די דאָזיגע רעפאָרם איז אַדורכגעפירט געוואָרן נאָך אַ צייט־אָפּשניט פון בערך 30 יאָר. להיפוך צו די ערשטע יאָרן איז די רעפאָרם פון דער פאַרוואַלטונג דורכגעפירט געוואָרן רואיג און גלאַטיג. די היץ פון די חלוקי־דעות האָט זיך דאַקעגן איבערגעטראָגן צו אַנדערע פראַגן.

פיל צייט און ענערגיע איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער פראַגע פון קראַנקען־בענעפיט. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט שוועריגקייטן אין קאַנאַדע. ס'איז דאָרט צוריקגעצויגן געוואָרן דער טשאַרטער, ווייל לויט די שאַצונגען פון קאַנאַדער אינשורענס־דעפּאַרטמענט האָט דער אַ.־ר. ניט געהאַט קיין געהעריגן רעזערוו אין פאָנד פאַר קראַנקען־בענעפיט. ס'איז אָבער געווען אַן ענין ניט בלויז פאַר קאַנאַדע. אויך דער אַמעריקאַנער אינשורענס־דעפּאַרטמענט האָט פאַרלאַנגט צו טאָן עפּעס אויף דעם געביט. אין אָנהויב פון די פערציגער יאָרן, ווען די פראַגע איז אויפגעהויבן געוואָרן, איז זי אין אַמעריקע נאָך ניט געווען אַזוי דרינגענדיג ווי אין קאַנאַדע. פאַר אַמעריקע איז

עס גיכער געווען א פראגע פון דער צוקונפט. דאס האט באוואויגן דעם נ. ע. ק. זומער 1942 צו שיקן א בריוו צו די מיטגלידער וועגן דער נויטווענדיגקייט אוועקצושטעלן די צאלונגען פארן קראנקען־בענעפיט־פאנד אויף אנדערע יסודות. אין בריוו איז געזאגט געווארן: „מיר ווערן עלטער. די סומע, וואס מיר צאלן פון דעם קראנקען־בענעפיט־פאנד צו די מיטגלידער, ווערט העכער פון טאג צו טאג. ווען מען רעכנט אוים וויסנשאפטלעך די פאלן פון קראנקהייט, וואס מיר וועלן האבן אין דער צוקונפט און די וואס מיר האבן היינט, זעען מיר, אז מיר זיינען, לויט דעם חשבון פון די עקספערטן, הינטערשטעליג אויף עטלעכע מיליאן דאלער"... „די אינשורענס־דעפארטמענטן האבן די לעצטע צייט גענומען שטודירן דעם מצב פון אלע קראנקען־בענעפיט־פאנדן פון די פארשידענע פראטערנאלע ארגאניזאציעס און זיי האבן וויסנשאפטלעך אויסגערעכנט וואסער סומע יעדע פראטערנאלע ארגאניזאציע וועט דארפן שאפן, כדי דער פאנד זאל בלייבן גאראנטירט און זיכער". ווי א צייטווייליג מיטל האט דער נ. ע. ק. פארגעלייגט דער נאנטער קאנווענשאן צו באשליסן: א) צו צאלן קראנקען־בענעפיט בלויז ביזן עלטער פון 65 יאר, ב) העכערן די צאלונגען צום קראנקען־בענעפיט מיט 10 סענט א קווארטל. וואס שייך די מיטגלידער איבער 65 יאר, זאל מען נויטבאדערפטיגע קראנקע העלפן דורך אנדערע אופנים.

דער פארשלאג אפצושאפן דעם קראנקען־בענעפיט פאר די מיטגלידער איבער 65 יאר האט ארויסגערופן א שטארקע אפאזיציע. צווישן די פארשידענע פארשלאגן, וואס מען האט געמאכט, כדי ניט דארפן אנקומען צו אזא דראסטיש מיטל, איז אויך געווען א פארשלאג אפצושאפן די סאנאטאריע, וואס איז שוין ניט, לויט דער מיינונג פון א טייל, אן אומבאדינגט נויטיגע אינסטיטוציע מחמת דער פארקלענערטער צאל טובערקולאזע, און די איינשפארונג פארוועגדן פארן קראנקען־בענעפיט־פאנד. סוף־כל־סוף איז אין 1943 פארגעקומען אן אפשטימונג פון דער מיטגלידערשאפט וועגן דריי פראיעקטן. באטייליגט אין רעפערענדום האבן זיך 469 בראנטשעס. מיט 8,112 שטימען איז אנגענומען געווארן דער פארשלאג פון נ. ע. ק., אז מיטגלידער, וועלכע זיינען עלטער פון 65 יאר, זאלן ארויסגענומען ווערן פון קראנקען־בענעפיט פאנד. פאר זיי זאל געשאפן ווערן א באזונדערער פאנד, צו וועלכן זיי אליין צאלן און דער דעפיציט זאל געדעקט ווערן פון הילפס־פאנד.

אַ פּאָר מאָל האָט מען געמוזט העכערן די צאָלונגען צום קראַנ־קען־בענעפּיט־פאָנד, אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען צייטווייליגע מיט־לען. כדי אָוועקצושטעלן דעם פאָנד אויף אַ געזיכערטן יסוד, איז נויטיג געווען צו ענדערן דעם גאַנצן סיסטעם פון צאָלונגען. די וויסנשאַפטלעכע טאַבעלע פון צאָלונגען, מיטן צוועק צו זיכערן דעם פאָנד אויף שטענדיג, האָט פאַרגעזען 10 קאַטעגאָריעס מיטגלידער לויט זייער עלטער: די ערשטע קאַטעגאָריע ביזן עלטער פון 35 יאָר, און דערנאָך 9 קאַטעגאָריעס פון 35 ביז 80 מיט אונטערשידן פון 5 יאָר. די יינגסטע זאָלן צאָלן $1.72 אַ קוואַרטל; די עלטסטע — $5.07. בעתן פאַרליינגן די רעפאָרם האָבן די צאָלונגען צום קראַנ־קען־בענעפּיט־פאָנד אויסגעמאַכט פאַר אַלע גלייך $2.10 אַ קוואַרטל, נאָך דעם ווי מ׳האָט געהאַט געהעכערט די צאָלונגען מיט 50 סענט. דער אינשורענס־דעפּאַרטמענט האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז ס׳זאָל זיין נאָך אַ העכערונג פון 25 סענט אַ קוואַרטל. (דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ שייכות צו מיטגלידער, וועלכע זיינען אריין אין אָרדען ביז 1940, ווייל די, וועלכע זיינען געוואָרן מיטגלידער שפּעטער, האָבן געצאָלט צו אַ באַזונדערן פאָנד, וואָס איז לכתחילה אָוועקגע־שטעלט געוואָרן אויף אַ געזיכערטן יסוד).

די פראַגע פון זיכערן דעם קראַנקען־בענעפּיט־פאָנד איין מאָל פאַר אַלע מאָל, כדי מ׳זאָל מער ניט דאַרפן אָנקומען צו העכערן די צאָלונגען, איז ברייט דעבאַטירט געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן אין 1946 אין דעטראָיט. מיט אַ מערהייט פון איבער 2 דריטל שטימען האָט די קאָנווענשאָן באַשלאָסן צו העכערן צייטווייליג די צאָלונגען מיט נאָך 25 סענט אַ קוואַרטל און רעקאָמענדירן איינצופירן „די טאַ־בעלע פון סאָלווענסי", ד. ה. אָוועקשטעלן דעם פאָנד אויף אַ געזי־כערטן יסוד.

ווי אַמאָל ביים איינפירן פּראָטערנאַלע ראַטעס, איז אויך ביים געזונט מאַכן דעם קראַנקען־בענעפּיט־פאָנד, וואָס האָט געפאָדערט איינצופירן אַ סיסטעם פון צאָלונגען לויטן עלטער, צוגעגאַנגען שווער צוליבן ווידערשטאַנד פון אַ באַדייטנדיגן טייל על־טערע מיטגלידער. דאָס מאָל איז דער פייער פון קאַמף געווען אַ שוואַכערער. דער ענין איז געוואָרן אַלץ מער דרינגענדיגער. אין 1947 האָט דער קאַנאַדער אינשורענס־דעפּאַרטמענט געמאָלדן, אַז מ׳וועט מער ניט באַנייען די דערלויבעניש פאַרן אַ.־ר. צו פירן אַ טעטיגקייט אין קאַנאַדע און די טעטיגקייט האָט טאַקע געמוזט

אָפּגעשטעלט ווערן. און דער ניו־יאָרקער אינשורענס־דעפּאַרטמענט האָט געמאָלדן, אַז דער קראַנקען־בענעפּיט־פאָנד מוז אָוועקגעשטעלט ווערן אויף אַן אַבסאָלוט געזיכערטן יסוד ביז 1953. ווייטער אָפּ־שלעפּן דעם ענין האָט ניט געהאַט קיין זין. דעם 10טן אַפּריל 1949 איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן געווידמעט איין פראַגע: אָוועקשטעלן אויף אַן אַבסאָלוט געזיכערטן יסוד דעם קראַנקען־בענעפּיט־פאָנד. באַטייליגט האָבן זיך די דעלעגאַטן פון דער פאַראַיאָריגער באָסטאָנער קאָנווענשאָן. דער באַשלוס וועגן איינפירן „די טאַבעלע פון סאָלווענסי" איז אָנגענומען געוואָרן. צום רעפּע־רענדום זיינען געשיקט געוואָרן 2 פאָרשלאָגן: איינער וועגן ווייטער העכערן די צאָלונגען צום פאָנד מיט 65 סענט אַ קוואַרטל, 2) איינ־פירן צאָלונגען לויט אַ וויסנשאַפטלעכער טאַבעלע אויף צו זיכערן דעם פאָנד און פאַרקלענערן די קראַנקען־בענעפּיטן פאַר מיטגלידער עלטער פון 65 יאָר, ווי אויך אין פאַל פון כראָנישע קראַנקהייטן. דער צווייטער פאָרשלאָג איז אַדורך אין רעפערענדום מיט 8,012 שטימען געגן 1,107 פאַרן ערשטן פאָרשלאַג. דער באַשלוס איז באַלד אַריין אין קראַפט. דער אַ.־ר. האָט מחמת דעם צוריק געקענט באַנייען זיין טעטיגקייט אין קאַנאַדע.

גלייכצייטיק מיטן אָוועקשטעלן דעם קראַנקען־בענעפּיט־פאָנד אויף אַ געזיכערטן יסוד איז אונטערגעפירט געוואָרן אַ סך־הכל פון 30 יאָר טעטיגקייט פון מעדיצינישן דעפּאַרטמענט אין ניו־יאָרק. דער דעפּאַרטמענט אונטער דער פאַרוואַלטונג פון ס. קאָנער, האָט פאַר דער צייט דורכגעמאַכט אַ גרויסע אַנטוויקלונג. אויף דער 30טער יערלעכער קאָנפערענץ, דעם 22טן מאַי 1949, איז באַריכטעט גע־וואָרן, אַז „פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר זיינען געווען 195 טויזנט וויזיטן. דאָס באַטרעפט עטוואָס מער ווי 16 טויזנט אַ חודש". בעת דער גרינדונג פון דעם דעפּאַרטמענט, אָקטאָבער 1919, זיינען געווען אָנגעשלאָסן 83 ברענטשעס מיט איבער 7 טויזנט מיטגלידער. סוף 1945 זיינען שוין געווען אָנגעשלאָסן בערך 300 ברענטשעס מיט קרוב 20 טויזנט מיטגלידער. דער דעפּאַרטמענט האָט צום דינסט פון די מיטגלידער אומזיסטע דיסטריקט־דאָקטוירים, ווי אויך אַ גרופּע גוטע כירורגן־ספּעציאַליסטן פאַר נידעריגע פּרייזן און אַ קליניק, וואו מיטגלידער פון אַ.־ר. קענען קומען זיך קורירן און נאָך מעדיצי־נישע עצות. די צאָל דאָקטוירים, דענטיסטן און קראַנקען־שוועסטער באַטרעפט 100.

אויך אין אַנדערע גרויסע שטעט אין לאַנד ווערן די אַ.־ר.־מיט־גלידער באַדינט אויף אַן ענלעכן אופן. די לעצטע יאָרן איז מען צוגעטראָטן רעאַליזירן אַ פּלאַן פון באַזאָרגן די אַ.־ר.־מיטגלידער מיט האָספּיטאַליזאַציע.

אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט עקזיסטירן אויך ביוראָס פאַר סאָציאַלער דינסט. פאַר די 22 יאָר פון דער עקזיסטענץ האָט דאָס ביוראָ אין ניו־יאָרק געהאַט צו טאָן מיט איבער 55 טויזנט ענינים. דאָס זיינען געווען פאַרשידענע אינדיווידועלע צרות, אָפט זייער פּיינלעכע און טראַגישע, מיט וועלכע די געטראָפענע האָבן זיך ניט געקענט קיין עצה געבן און געמוזט אָנקומען צו זייטיגער הילף. דאָס ביוראָ האָט מיט דער גרעסטער פאַראינטערעסירונג געהאָלפן לייזן פאַרשידנאַרטיגע מענטשלעכע פּראָבלעמען פאַר די צענדליגער טויזנטער יחידים, וועלכע האָבן זיך געווענדט נאָך הילף.

אַ באַזונדער אָרט אין דער זאָרג פאַרן געזונט פון די מיטגלידער פאַרנעמט די סאַנאַטאָריע. געשאַפן מיט 40 יאָר צוריק, ווען די נויט האָט געקיניגט אין פיל אומסאַניטאַרע יידישע היימען און די אַרבעטער האָבן געהאַט אַ סטאַזש פון יאָרן אין די שוויץ־שעפּער, איז זי געוואָרן אַ רעטונג פאַר אַ סך, וועלכע האָבן געטראָגן אין זייערע לונגען די געפערלעכע טובערקולאָז קראַנקהייט. אין די 40 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָבן זיך באַנוצט מיט דער סאַנאַטאָריע בערך 4 טויזנט טובערקולאָז קראַנקע. די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג האָבן אויסגעגעבן אויף דער סאַנאַטאָריע, אויף די געביידעס און כלערליי איינריכטונגען, און אויף אויסהאַלטן זי — עטלעכע מיליאָן דאָלער. צום גליק זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַלץ ווייניגער קראַנקע, וועלכע האָבן זיך אין דער אינסטיטוציע גענויטיגט. די בעסערע לעבנס־ און אַרבעטס־באַדינגונגען, ווי אויך דער פאָרשריט פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט האָבן באַדייטנדיג אָפּגעשוואַכט דעם געפערלעכן שונא — שווינדזוכט. אין די רייען פון אַ.־ר. איז מחמת דעם אויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז מ׳וואָלט געדאַרפט די סאַנאַטאָריע ליקווידירן. עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאָרשלאָגן צו פאַרוואַנדלען די אינסטיטוציע אין אַ היים פאַר מענטשן, וועלכע דאַרפן קומען צו זיך נאָך אַ קראַנקהייט, אָדער שאַפן אין איר אַ היים פאַר אַלטע לייט. די פאָרשלאָגן זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן. דאַקעגן האָט די קאָנווענשאָן אין 1946 באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל פאַר אַ העכערן אָפּצאָל

אריינגעמען פאציענטן ניט-מיטגלידער און אויף אזא אופן פאר־גרעסערן די הכנסה און מעגלעך מאכן די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון דער סאנאטאריע.

א שארפער שטרייט איז דעם לעצטן צענדליג יאר אנגעגאנגען ארום שאפן א היים פאר אלטע מיטגלידער. די אנפירערשאפט פון ארדען איז געווען קעגן דעם. עס האט ביי זיי דאמינירט די מורא, אז אזא אינסטיטוציע וועט זיין א צו שווערע לאסט פארן ארבעטער־ארדען און ער וועט זי ניט קענען אויסהאלטן. דער נ. ע. ק. האט ניט געוואלט, אז דער ארבעטער-רינג זאל זיך כסדר בויגן אונטער אט דער לאסט און אז מ'זאל דעם גרעסטן טייל פון דער ענערגיע דארפן אנווענדן אויף אונטערצושפארן אים, כדי די לאסט זאל אים ניט אנידערוואַרפן. די אנהענגער פון אזא היים האבן אבער דעם קאמף ניט אויפגעגעבן. קעגן די חשבונות פון נ. ע. ק. האבן זיי גע־בראכט אייגענע, און מיט פארשידענע ראיות באווייזן, אז אזא היים איז ניט בלויז נויטיג, נאר אויך מעגלעך. פארשידענע פאזן האט דורכגעמאכט דער שטרייט פאר די לעצטע 10 יאר. איין זאך איז געווארן קלאר: א צענטראלע היים, וואס זאל אויסגעהאלטן ווערן דורכן גאנצן ארדען, קען מען ניט שאפן. צופיל בעלנים וואלטן גע־ווען און צופיל הוצאות. דאקעגן האט מען געהאלטן פאר מעגלעך און פראקטיש לאקאלע היימען.

דעם 14טן דעצעמבער 1941 האט א קאנפערענץ פון די ברענ־טשעס אין ניו-יארק און ארומיגער געגנט באשלאסן: „נעמענדיג אין אכט, אז היינט קען א נאציאנאלע היים פאר אונזערע מיט־גלידער ניט געשאפן ווערן, דעריבער באשליסט די קאנפערענץ צו בויען א לאקאלע היים פאר די מיטגלידער פון ניו-יארק און אומ־געגנט, א היים וואו די אלטע עלנדע מיטגלידער זאלן געפינען אן אייגענע אטמאספער, אין וועלכער זיי זאלן קענען אויסלעבן די יארן". אבער דער נ. ע. ק. איז אפילו געווען קעגן א לאקאלער היים. ער האט דערקלערט, אז מ'וועט זי ניט קענען אויסהאלטן און געראטן איינצוארדענען די עלנדע זקנים אין די עקזיסטירנדיגע היימען. דערביי איז אנגעוויזן געווארן, אז אין די יארן 1939-41 זיינען 74 עלטערע מיטגלידער פון א.-ר. איינגעארדנט געווארן אין פארשידענע היימען און אזוי וועט מען אויך טאן להבא. אין די ווייטערדיגע 2 יאר זיינען אנגעקומען בערך 300 ווענדונגען פון אלטע מיטגלידער וועגן אריינגעבן זיי אין זקנים-היימען. 59 פון

זיי זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין היימען. די קאָנווענשאָן אין 1943 האָט דער פּראַגע געווידמעט פיל אויפמערקזאַמקייט און באַשלאָסן, אַז דאָס בויען אַ נאַציאָנאַלע היים איז אוממעגלעך. מחמת דעם זאָל דער 15־סענטיגער טעקס אויפן פאָנד צו בויען אַ היים פאַר אַלטע לייט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן. אין דאָזיגן פאָנד איז דעמאָלט געווען 730 טויזנט דאָלער און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל דערווייל בלייבן ניט גערירט און זאָל ניט פאַרווענדט ווערן פאַר קיין שום אַנדערן צוועק. נאָך דער מלחמה, ווען עס וועלן זיין מעגלעכקייטן צו בויען לאָקאַלע היימען, זאָל דאָס געלט פון פאָנד אין אַנטשפּרעכנדיגע פּראָפּאָרציעס אויסגעצאָלט ווערן צו די ברענטשעס פון די באַזונדערע טעריטאָריעס. בלויז 50 טויזנט דאָלער פון דעם פאָנד זאָל מען נעמען אויף צו באַזאָרגן מיטגלידער אין היימען פאַר אַלטע לייט. די דאָזיגע באַשלוסן האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען מיט 108 שטימען קעגן 10. דער באַשלוס וועגן אָפּשאַפן די צאָלונגען פאַרן פאָנד צו בויען אַן אַלטע היים איז ניט דורכגעפירט געוואָרן. צוליב דעם איז די פּראַגע ווידער געשטאַנען אויף דער קאָנווענשאָן אין 1946 אין דעטראָיט. אין פאָנד איז שוין דעמאָלט געווען $950,000. פאַר דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן זיינען ווידער געקומען די זעלבע פאָרשלאָגן און זיי זיינען היים דעבאַטירט געוואָרן. מיט 88 שטימען קעגן 10 זיינען ווידער אָנגענומען געוואָרן די פאָרשלאָגן א) ניט בויען קיין נאַציאָנאַלע היים, ב) אָפּשאַפן די 15 סענט אַ קוואַרטל פאַר דעם פאָנד, ג) אויסצאָלן געהעריגע חלקים אויף בויען לאָקאַלע היימען.

דער קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלער היים איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן. די אָנהענגער זיינען צוגעטראָטן רעאַליזירן יענעם טייל פון באַשלוס, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו בויען לאָקאַלע היימען. זומער 1947 האָט אַ „ניו־יאָרקער קאָמיטעט פאַרן אַלד־איידזש האָום״ אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן עס ווערט באַגרינדעט די נויטווענדיגקייט צו האָבן אַן אייגענע היים. ס׳ווערט דאָרט געזאָגט: „די אַטמאָספער, די סביבה אין די עקזיסטירנדיגע מושב זקנימס זיינען ווייט ניט אין איינקלאַנג מיטן פרייען גייסט, וואָס זאָל זיין צום האַרצן אַ מיטגליד פונם אַ.־ר.. מיר האָבן אַלע יאָרן פון אונזער עקזיסטענץ געפּריידיגט צו אונזערע מיטגלידער אידעאַלן און פּרינציפּן, וואָס האָבן אונז קולטורעל, גייסטיג און מאָראַליש אַנטוויקלט און דערצויגן אַזוי, אַז אונז איז ניט באַקוועם צו פאַרברענגען די

עלטערע יאָרן אין יענע קהלשע אינסטיטוציעס". די גרויסע מערהייט פון די ברענטשעס אין שטאָט ניו־יאָרק האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר בויען אַ לאָקאַלע היים. דעם 23טן אָקטאָבער 1949 איז אין ניו־יאָרק (בראָנקס) געלייגט געוואָרן דער ווינקלשטיין פאַר אַ מאָדערן־איינגעריכטעטע היים, וואָס זאָל דערוויל קענען אַריינגעמען 250 מענטשן. די היים איז איצט אין מיטן בוי. ביז איצט זיינען שוין פאַר דעם צוועק אַריינגעפלאָסן ביישטייערונגען פון ברענטשעס און יחידים אַרום 300 טויזנט דאָלער.

אַ צווייטע היים פאַר זקנים ווערט געשאַפן דורך די ברענטשעס אין פילאַדעלפיע און אין אַ ריי שטעט פון די מזרח־שטאַטן. די בנינים פאַר דער היים זיינען שוין געקויפט געוואָרן. אַן אַקציע צו שאַפן לאָקאַלע היימען פאַר אַלטע לייט ווערט אויך געפירט אין שיקאַגאָ, באָסטאָן, ניו־דזשוירזי און מיאַמי.

כמעט אין יעדער שטאָט, וואו עס זיינען דאָ ברענטשעס פון א.־ר., זיינען פאַראַן אייגענע ווינקלען אויף די בית־עולמ׳ס. אין ניו־יאָרק פאַרנעמען די 25 חלקים פון א.־ר. אויף פאַרשיידענע בית־עולמ׳ס 31 און אַ האַלבן אַקער לאַנד. בערך אַ דריטל פון דעם איז שוין פאַרנומען מיט 27 טויזנט קברים. אויפן ניט פאַרנוצטן שטח איז דאָ פּלאַץ פאַר 40 טויזנט קברים. באַצאָלט פאַר די ניו־יאָרקער א.־ר. בית־עולמ׳ס האָט מען אַ מיליאָן מיט 186 טויזנט דאָלער. דער סעמעטערי־דעפּאַרטמענט האָט געגעבן הלוואות צו ברענטשעס פון אַ ריי קלענערע שטעט, אַז זיי זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו קויפן פּלאַץ אויף די בית־עולמ׳ס, כדי ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם און אויסשטיין די אַלע קליינלעכקייטן און טיילמאָל נגישות פון די קהלשע מאַכערס.

ווי נויטווענדיג עס זאָל ניט זיין צו באַשעפטיגן זיך מיט די ענינים פון לויות און קברים — מיטן אומפאַרמיידלעכן סוף פון יעדנס לעבן — זיינען די אויגן פון אַרבעטער־אָרדען געווענדט צום לעבן גופא. צו אַלע פאַזן פון לעבן — פון דער קינדהייט ביזן טיפן עלטער. במשך פון יאָרן איז רייף געוואָרן דער באַוואוסטזיין וועגן דער אומגעהויערער וויכטיגקייט פון יונגן דור. דעריבער האָט מען אומאויפהערלעך אַרומגערינגלט מיט פיל זאָרג און אויפמערקזאַמקייט דעם צאַרטסטן צווייג פון א.־ר.־בוים — דעם שול־וועזן.

ווי האָבן געווירקט די מלחמה־יאָרן אויף די שולן פון א.־ר.?

וועגן דער ערשטער צייט האָט דערציילט אין זיין באַריכט דער פאָר־זיצער פון בילדונגס-קאָמיטעט, צביון, אויף דער קאָנווענשאָן אין 1941: „אין פאַרלויף פון די צוויי יאָר האָבן מיר אָנגעהאַלטן די זעלבע צאָל שולן, אָבער מיט פאַרדראָס באַשטעטיגן מיר דעם פאַקט, אַז די צאָל קינדער אין די אַ.־ר. שולן איז היינט מיט 500 ווייניגער, ווי אין דעם יאָר 1939 און 1940״... „עס איז אַ פריילעכע דער־שיינונג, און ספּעציעל אין דער פּראָווינץ, וואָס אין אונזערע שולן געפינט זיך אַ גרויסע צאָל קינדער, וועמענס עלטערן זיינען אַמערי־קאַנער געבוירענע״. ער האָט אויך איבערגעגעבן, אַז די צאָל קינ־דער אין אַנדערע יידישע שולן, בפרט אין די תלמוד-תורה׳ס, האָט זיך כסדר פאַרקלענערט. אויף דעם 12טן אַ.־ר.־שול-צוזאַמענפאָר, אַפּריל 1941 אין באָסטאָן, איז באַשלאָסן געוואָרן זוכן וועגן און מיט־לען צו שאַפן נאָרמאַלע טאָג-שולן, אין וועלכע יידיש זאָל זיין איינער פון די וויכטיגסטע לימודים. די קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. אין 1941 האָט אין אַ דעקלאַראַציע וועגן די שולן געזאָגט: „ס׳איז היינט מער ווי אַלע מאָל אונזער הייליגע פליכט צו מאַכן די שול-באַוועגונג פון אַ.־ר. גרעסער און שטאַרקער. אין אונזער גרויסן יידישן און וועלט-אומגליק דאַרפן מיר אַנטוויקלען ביי אונזערע קינדער דעם געפיל און די צוגעבונדנקייט צו אַלץ, וואָס איז שיין און קאָנסטרוקטיוו אין דעם יידישן פאָלקס-לעבן״.

נאָך דעם ווי אַמעריקע איז אַריין אַקטיוו אין קריג, האָט די לאַגע אין די שולן זיך פאַרערגערט. די מלחמה-שטימונג האָט ביי אַ סך טוער און פאַרוואַלטער אָפּגעטויט דעם חשק צו דער שול־אַרבעט. אַ סך עלטערן זיינען געווען באַזאָרגט וועגן גורל פון זייערע מאָביליזירטע זין. ס׳איז אַוועק אַ געוויסע צייט, און דער עולם טוער האָט זיך ווידער גענומען מיט אינטערעס צו דער שול-אַרבעט. אויף דער קאָנווענשאָן אין 1943 האָט דער פאַרזיצער פון בילדונגס-קאָמיטעט, פ. בלאַק באַריכטעט, אַז וואָס שייך דער פּראָווינץ האָט זיך פאַרגרעסערט אי די צאָל שולן, אי די צאָל קינדער. „אַנדערש איז אָבער די לאַגע פון אונזערע שולן אין ניו-יאָרק. פאַר די לעצטע צוויי יאָר האָט אַ באַדייטנדיגע צאָל שולן זיך געדאַרפט פאַרמאַכן. ניט ווייל די שולן האָבן ניט געהאַט גענוג קינדער, נאָר בעיקר צוליב דעם, וואָס אין אַ גאַנצער ריי שולן זיינען די פאַרוואַלטער ווי אויס־געדרונגען געוואָרן״. דאָס פּראָבלעם אין ניו-יאָרק איז געווען ניט צו ווערבירן קינדער, נאָר פאַרוואַלטער. אַן פאַרוואַלטער איז ניט

מעגלעך געווען צו שאַפן די נויטיגע פאָנדן — איבער 80 פּראָצענט פון בודזשעט. שפּעטער איז צוגעקומען אַ צרה מיט לערער. אין 1945 זיינען ניט געווען גענוג לערער פאַר אַלע שולן. 18 לערער זיינען אין די מלחמה־יאָרן אַוועק פון די שולן צו אַנדערע פּראָפעסיעס. נאָך דער מלחמה האָט זיך אויך געלאָזט פילן אַ דוחק אין דירות פאַר די שולן. שוועריקייטן זיינען געווען מיט די בודזשעטן, וואָס זיינען די הויפּט־זאָרג פון די שול־טוער. ווער זיינען עס די דאָזיגע טוער? „אָרום די שולן פון דעם אַ.־ר. שטייען ביי דער אַרבעט טאָג־טעגלעך איבער 2 טויזנט פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. מענטשן ניט קיין פאַרמעגלעכע, וועלכע פאַרגינען זיך אָפט ניט זייער אַ סך זאַכן, אָבער זיי גיבן אַוועק אויסער זייער אַרבעט אויך אַ סך געלט, כדי צו דעקן די נויטיגע הוצאות פון אונזער גרויסן שול־בודזשעט" (נ. כאַנין: „פריינד", דעצעמבער 1947). אין משך פון אַ ריי יאָרן זיינען געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען צו באַקומען סובסידיעס פון די יידישע וועלפער־פאָנדס פאַר די שולן. אין אַ גרויסער צאָל שטעט איז דאָס געלונגען. אין דער לעצטער צייט האָבן די דאָזיגע סובסידיעס דערגרייכט איבער הונדערט טויזנט דאָלער אַ יאָר.

די שול־צוזאַמענפאָרן און די קאָנווענשאָנס פון אַ.־ר. האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן כאַראַקטער און אינהאַלט פון די שולן. און אַ ריי ענדערונגען זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן. די קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. אין 1946 האָט וועגן די גרונט־צילן פון די שולן פעסטגעשטעלט:

„1) פאַרבינדן דאָס יידישע קינד פון אַמעריקע מיטן יידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, שאַפן אין אים דאָס געפיל, אַז זיין פּערזענלעכער גורל איז פאַרבונדן מיטן גורל פון זיין פאָלק; איבערגעבן אים דאָס וויכטיגסטע פון דער יידישער קולטור במשך פון אַלע דורות; אַריינציען אים אין דער ספערע פון דער וועלטלעכער קולטור אויף יידיש, כדי צו קענען מיט אינטערעס און פרייד געניסן פון איר און צום טייל אויך ווערן איר מיטשאַפער; דערציען אים פאַר אַן אַקטיוון מיטגליד פון דעם יידישן כלל אין אַמעריקע און פאַר אַ מיטהעלפער פון דעם יידישן אויפבוי איבער דער וועלט.

2) איינפלאַנצן אין קינד די געפילן פון יושר און גערעכטיגקייט אין באַציאונג צווישן פאָלק און פאָלק, צווישן מענטש און מענטש; וועקן אין אים דעם באַגער צו אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו עס וועט הערשן פּאָליטישע פרייהייט און עקאָנאָמישע גלייכקייט. נאָר אין אַזאַ געזעלשאַפט וועט דאָס יידישע פאָלק קענען לעבן באמת

פריי און אַנטוויקלען זיין אייגענע קולטור און אַלע זיינע שעפערי־שע מעגלעכקייטן".

אויף דער קאָנווענשאָן אין 1948 האָט ז. יעפּרויקין, וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פון 15טן שול־צוזאַמענפאָר, דערציילט, אַז „אונ־זער שול האָט איצט אַ גאַנץ אַנדער פּנים, ווי זי האָט געהאַט מיט עטלעכע יאָר צוריק. זי איז ניט מער אַ שול פאַר קינדער, כאָטש געבוירענע אין אַמעריקע, אָבער דאָך פון אימיגראַנטישע היימען. די מערהייט שילערס אין אונזערע שולן זיינען קינדער פון דריטן דור". און די שולן נעמען דאָס אין אַכט ביים אויסאַרבעטן דעם פּראָגראַם פון די לימודים. מען נעמט אין אַכט, אַז די קינדער קומען פון היימען מיט אַ קנאַפּן יידישן אינהאַלט. „ס'איז די אויפ־גאַבע פון נייעם פּראָגראַם די גרים־קינדער צו דערנענטערן צו זייער פאָלק, שטאַרקן ביי זיי די שוואַכע פעדים, וואָס פאַרבינדן זיי מיט יידן". „דאָס פּראָגראַם באַמיט זיך, אַז די יידישע דערציאונג זאָל ניט זיין אָפּגעטיילט פון דעם פאַקט, וואָס דאָס קינד לעבט אין אַמעריקע. אין דער נשמה פון קינד דאַרפן ניט לעבן צוויי אָפּ־טיילונגען — אַ יידישע און אַמעריקאַנישע. דעם קינדס יידישקייט און אַמעריקאַנישקייט דאַרפן זיין צונויפגעבונדן אין איין האַרמאָ־נישע גאַנצקייט". „מיר, אויפן שול־צוזאַמענפאָר, האָבן אָפּגעוואָרפן דעם צוגאַנג, אַז די יידישע דערציאונג אין אַמעריקע דאַרף בעיקר זיין געווענדט מיטן פּנים קיין ארץ־ישראל, אַז ארץ־ישראל דאַרף שטיין אין צענטער פון פּראָגראַם. יידישע דערציאונג אין אַמעריקע דאַרף זיין באַזירט אויפן בטחון, אויף דעם גלויבן אין דעם מענטשן און אויף דער מעגלעכקייט פאַר די יידן צו פירן אַ נאָרמאַל לעבן, אַ געזיכערט לעבן אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער, אויף דער מעגלעכקייט — אויב עס וועט נאָר זיין דער ווילן — אויפצוהאַלטן די אייגענע אידענטישקייט און שעפערישקייט אין יעדן דעמאָקראַ־טישן לאַנד". די קאָנווענשאָן פון אַ.־ר. אין 1948 האָט באַשטעטיגט די באַשלוסן פון שול־צוזאַמענפאָר: 1) באַמיען זיך צו עפענען גרויסע צענטראַלע נאָכמיטאָג־שולן מיט עטלעכע לערער; 2) באַפולמעכ־טיגן צוטרעטן שאַפן פולע טאָג־שולן; 3) איבערגיין צו שולן, וואו מ'זאָל לערנען 5 טעג אין וואָך; 4) שאַפן קינדער־גאָרטנס; 5) שאַפן אייגענע פּאַסיגע בנינים פאַר די אַ.־ר.־שולן.

צו באַדינען די שולן מיט לערן־ביכער האָט דער פאַרלאַג פון אַ.־ר. אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל טעקסט־ביכער און ביכלעך פון

קינדער־ליטעראַטור. בלויז אין די דריי יאָר 1943־5 זיינען אין די א.־ר.־שולן פאַרשפּרייט געוואָרן בערך 200 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון ביכער, טעקסט־ביכער, געזאַנג־ביכער, „קינדער־צייטונג" און אַנ־דערע זשורנאַלן. אין די 2 יאָר 1948־9 האָט די בוכהאַנדלונג פון א.־ר. פאַרקויפט ביכער — בעיקר אייגענע און אויך פון אַנדערע פאַרלאַגן — אויף אַ סומע פון 37 טויזנט דאָלער. עס ווערן אויך פאַרשפּרייט די ביכער, וואָס באַזונדערע ברענטשעס גיבן אַרויס איינמאָליק צו זייערע יובילייען אָדער ביי אַנדערע געלעגנהייטן. הגם דער פאַרלאַג פון א.־ר. האָט אַרויסגעגעבן ביכער פון פאַר־שידענעם כאַראַקטער, קאָנצענטרירט ער זיך די לעצטע יאָרן בעיקר אויף שול־ביכער און קינדער־ליטעראַטור. פון 1913, ווען דער ביל־דונגס־קאָמיטעט פון א.־ר. האָט אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע בוך „די וועלט און די מענטשהייט — 12 פאָרלעזונגען איבער דער אַנטוויק־לונג פון נאַטור און קולטור", ביז היינט, ווען די פאַרלאַג־טעטיקייט ווערט געפירט אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב, זיינען דערשינען צענדלי־גער ביכער, וואָס האָבן באַרייכערט דעם אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור.

אויך דורך אַנדערע פאָרמען איז ווייטער געפירט געוואָרן די קולטור־טעטיקייט. פאָרלעזונגען, אָפּען־פאָרומס, כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן און אָרקעסטערס האָבן אַריינגעפירט די מיטגלידער אין אַ גייסטיקער און קולטורעלער אַטמאָספער. אַ פּאָר ביישפּילן: ווינ־טער 1939־40 האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט דורכגעפירט 224 פאָר־לעזונגען און אָפּען־פאָרומס מיט 17,847 צוהערער. אין 1941־3 האָט די צאָל פאָרלעזונגען, אָפּען־פאָרומס און ספּעציעלע פאַרזאַמ־לונגען וועגן אַקטועלע פראַגן זיך שטאַרק פאַרגרעסערט. בלויז אין ניו־יאָרק און אַרומיקער געגנט זיינען אין משך פון 2 יאָר, פון פרי־לינג 1941 ביז פרילינג 1943, אָפּגעהאַלטן געוואָרן 600 פאָרלעזונגען, אָפּען־פאָרומס און פאַרזאַמלונגען. די צאָל צוהערער איז געווען איבער 100 טויזנט. די צאָל קאָנצערטן, וואָס זיינען פאַר דער זעלבער צייט דורכגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק און שכנישע שטעט, האָט באַ־טראָפן אַרום 700 מיט 125 טויזנט באַזוכער. אין די ווייטערדיקע יאָרן פון מלחמה איז געוואָרן שווערער אַרויסצושיקן ווייט אין לאַנד רעדנער און קינסטלער, און די קולטור־טעטיקייט אויף דער ווייַ־טער פּראָווינץ האָט צוליב דעם געליטן, אָבער אין ניו־יאָרק און אין דער נאָענטער שכנות איז זי ווייטער געפירט געוואָרן אין אַ ברייטן

פאַרנעם. במשך די דריי יאָר פון פרילינג 1943 ביז פרילינג 1946, זיינען דורכגעפירט געוואָרן 700 פאַרלעזונגען מיט 100 טויזנט צו־הערער, און 900 קאָנצערטן מיט 150 טויזנט צוהערער.

אייגענע כאָרן האָט דער אַ.־ר. אין 10 שטעט. אויסער דעם זיי־נען פאַראַן אַ ריי שול־כאָרן פון קינדער. אַ צאָל שטעט פאַרמאָגן אייגענע לייבאָר־לייסעאומס און זומער־קעמפּס פאַר דערוואַקסענע און קינדער. דער אַ.־ר. האָט בערך אַ האַלבן מיליאָן דאָלער אין מאָרט־געידזשעס פאַר זיינע קעמפּס און לייבאָר־לייסעאומס.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די יוגנט־אַרבעט אַ סך געליטן. פיל מיטגלידער פון די יוגנט־בראַנטשעס זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין מיליטער. אויך די פאַרבליבענע זיינען געווען פאַרנומען מיטן געדאַנק, אַז מאָרגן וועט קומען זייער ריי. אַ סך בראַנטשעס האָבן פאַרלאָרן די הויפּט־טוער און פירער. פון אייניגע בראַנטשעס האָט די מלחמה אַרויסגענומען אַזוי פיל מיטגלידער, אַז מ׳האָט זיי געמוזט פאַראייניגן מיט אַנדערע. די לאַגע האָט זיך געענדערט נאָכן סוף פון דער מלחמה בעת די יוגנט איז צוריקגעקומען פון די פראָנטן.

דעמאָלט האָט פאַרלאָזט זיין אַמט אַלס נאַציאָנאַלער דירעקטאָר פון דער ענגליש־ריידנדיגער און יוגנט־אָפּטיילונג, ד״ר עזריאל נאקס, וועלכער האָט במשך פון די פריערדיגע 8 יאָר זיך באַמיט אַריינ־צוברענגען אַ קלאָרקייט אין די אויפגאַבן פון דער יוגנט־אָפּטיילונג און אויך אויספילן איר טעטיגקייט מיט אַ יידישן אינהאַלט. זיין אָרט פאַרנעמט פון אָנהויב 1946 וויליאַם סטוירן, וועלכער איז פון אָנהויב 1938 ביז זיין אַוועקגיין אין דער אַרמיי געווען דער דירעק־טאָר פון דער יוגנט־אָפּטיילונג אין ניו־יאָרק. ווען פיל מיטגלידער זיינען נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען פון די שלאַכט־פעלדער און ס׳איז בכלל מעגלעך געוואָרן צו פירן אַ ווערבירונגס־אַרבעט צווישן דער יוגנט, האָט די יוגנט־אָפּטיילונג ווידער אָנגעהויבן צו וואַקסן. פון יאָר צו יאָר איז די צאָל מיטגלידער געשטיגן. בעת ביים סוף פון דער מלחמה האָט די ענגליש־ריידנדיגע און יוגנט־אָפּטיילונג גע־ציילט 3,800 מיטגלידער, איז די צאָל במשך פון די לעצטע 5 יאָר כמעט פאַרטאָפּלט געוואָרן. זי ציילט איצט 7 טויזנט מיטגלידער, פון זיי 5 טויזנט אין ניו־יאָרק. אַחוץ דעם עקזיסטירט אַ „יאַנג סוירקל ליגע״ פון יוגנטלעכע ביז 18 יאָר. דאָס זיינען קלובן. די צאָל מיט־גלידער איז אַ קליינע — ניט מער ווי 450. וואָס שייך יונגע מענטשן

בכלל, אַמעריקאַנער געבוירענע און ענגליש־ריידנדיגע, איז פאַראַן אַ געוויסע צאָל, וועלכע געהערן צו די אַלגעמיינע יידיש־ריידנדיגע ברענטשעס. על פי רוב זיינען דאָס קינדער פון עלטערן, וועלכע געהערן צו די זעלבע ברענטשעס.

דער יונגער ענגליש־ריידנדיגער עולם, וואָס טרעט אַריין אין אַרבעטער־רינג באַשטייט בעיקר פון סאָציאַליסטיש־געשטימטע און ליבעראַלע עלעמענטן. זיי אַנטשפּרעכט מער דער גייסט פון אַר־בעטער־רינג איידער די צאָלרייכע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס. דורך דעם אַ.־ר. האָבן זיי אויך אַ מעגלעכקייט צו פירן אַ געוויסע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט, ווי למשל, פירן אַקציעס אַרום וויכטיגע געזעצן, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין קאָנגרעס, געזעצן אין וועלכע עס זיינען ספּעציעל פאַראינטערעסירט די אַרבעטערשאַפט און די יידישע באַפעלקערונג. די ענגליש־ריידנדיגע און יוגנט־אָפּ־טיילונג האָט אין די יאָרן נאָך דער מלחמה אָנגעפירט מיט אַ ריי אַקציעס קעגן רעאַקציאָנערע געזעץ־פּראָיעקטן און אויך פאַרלאַנגט ליבעראַלע געזעצן, צווישן זיי אַ ליבעראַלן די־פּי־געזעץ, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אַריינצוקומען קיין אַמעריקע וואָס מער מלחמה־קרבנות פון איירָאָפּע. זי איז אויך געווען באַטייליגט אין קאַמף קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציעס. אויב בעת דער מלחמה האָט זי געזאָרגט וועגן איינהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די מאָביליזירטע מיטגלידער און זיי באַזאָרגט מיט בריוו, פּעקלעך און ליטעראַטור, האָט זי נאָך דער מלחמה געשאַפן אַ ביוראָ פאַר וועטעראַנען, כדי צו געבן יורידישע, מעדיצינישע און אַנדערע הילף די דעמאָביליזירטע. די יוגנט האָט הויפּטזעכלעך אויסגעטראָגן אויף אירע פּלייצעס די אַקציע, וואָס האָט געבראַכט 115 טויזנט דאָלער פאַר דער וואָלדעק־היים אין פראַנקרייך.

פאַר דער קאָנווענשאָן אין 1946 איז אין דעטראָיט פאָרגעקומען די ערשטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון דער אָפּטיילונג. עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן נישט בלויז אָרגאַניזאַציאָנעלע, נאָר אויך פּרינציפּיעלע. די רעזאָלוציעס האָבן קלאָר געזאָגט, אַז די יוגנט פון אַ.־ר. וויל אַקטיוו זיך באַטייליגן אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. די צווייטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 7טן מאַי 1948 אין באָסטאָן. די 39 דעלעגאַטן האָבן רעפּרעזענטירט 94 ברענטשעס מיט 5,752 מיטגלידער אין 35 שטעט. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן, אַז די קלובן פון דער „יאָנג סוירקל ליגע" זאָלן

אריינגענעמען יוגנטלעכע אין עלטער צווישן 14 ביז 21 יאָר. די יוגנט־לעכע פון די קלובן קענען ווערן מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג ווען זיי דערגרייכן דעם עלטער פון 17 און אַ האַלב יאָר. וואָס שייך גע־זעלשאַפטלעכע פראַגן, האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן צו רעקאָ־מענדירן אַז דער נ. ע. ק. פון אַ.־ר. זאָל שאַפן אַ ספּעציעלע קער־פּערשאַפט, וואָס זאָל האָבן פאַר אַן אויפגאַבע צו באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג לטובת אַ סאָציאַל־פּראָגרעסיווער געזעצגעבונג. קלאָר האָט די רעזאָלוציע פון דער קאָנפערענץ זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַ ריי פראַגן פון יידישן לעבן: „צוזאַמען מיט אונזערע צילן אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט מוזן מיר אויך", זאָגט די רעזאָלוציע, „אָנגעבן אונזערע צילן און אָננעמען אונזערע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אַלס אַ טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט. מיר דאַרפן פירן אַזעלכע קולטורעלע אַקטיוויטעטן און באַנוצן אַזעלכע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן, וואָס פירן צו אַ פולן יידישן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּראָגראַם"... „אָנערקענענדיג די וויכטיגקייט פון פּאַלעסטינע אַלס האָפענונג פון אַ סך פון די לעבנגעבליבענע יידן ביים היינטיגן טאָג, גלויבן מיר גלייכצייטיג אין דער וויכטיג־קייט פון דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען און אַז דער קאַמף מוז געוואונען ווערן אין יעדן לאַנד, וואו עס וואוינען יידן. מיר גלויבן, אַז דער קאַמף פאַרן יידישן וואוילזיין איז דער זעלבער קאַמף פון אַלע מינדערהייטן און ראַסן פאַר זייער נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט". די רעזאָלוציע דערקלערט אויך, אַז אַלע עוולות, סאָציאַלע און נאַציאָנאַ־לע, וועלן באַזייטיגט ווערן אין אַ געזעלשאַפט, געבויט אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. „יידן דאַרפן זיין פאַראינטערעסירט אין פּאָזיטיוון וואוקס און ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון זייער גע־שיכטע, קולטור און שפּראַך"... „זיי מוזן דורך בילדונג און אַקטיוון קולטורעלן אויסדרוק אין יידישע פאָרמען און אינהאַלט שטרעבן צו אַ בעסערן וועג פון לעבן פאַר זיך און פאַר דער קולטורעלער באַרייכערונג פון דער גאַנצער מענטשהייט". די רעזאָלוציע רופט צו אַרבעטן פאַר די שולן פון אַ.־ר. און שיקן אַהין די אייגענע קינדער.

כדי צו שאַפן אויסערלעכע מעגלעכקייטן פאַר אַ ברייטערער יוגנט־אַרבעט, האָט דער אַ.־ר. אין 1948 געקויפט אַ הויז פון 8 שטאָק אין ניו־יאָרק, כדי דאָרט צו שאַפן אַן אַ.־ר.־קולטור־ און יוגנט־

צענטער, ווי אויך אַ היים פאַר די אָפּיסעס פון אָרדען. דער פּלאַן איז נאָך ביז איצט ניט רעאַליזירט געוואָרן צוליב דעם, וואָס דאָס הויז איז נאָך ניט אָפּגעליידיגט געוואָרן דורך אַ שטאַטישער אינ־סטיטוציע.

איייניגע טוער, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אין דער יוגנט־באַוועגונג, שפּילן שוין היינט אַ ראָל אין דער אַלגעמיינער אָנ־פירונג פון אַרבעטער־אָרדען. ס'איז פאַראויסצוזען, אַז מיט דער צייט וועלן אַלץ מער און מער אַקטיווע טוער פון דער יוגנט־באַוועגונג ווערן וואָרט־זאָגער און טאָן־געבער אין אַ.־ר.. ביי איינצלנע רופט אַזאַ מעגלעכקייט אַרויס אַ געוויסע באַאומרואיגונג. איינער פון זיי האָט דאָס אָפן אַרויסגעזאָגט: „די אַ.־ר.־טוער זיינען געווען אַזוי פיל פאַרנומען מיטן בויען דעם אַ.־ר., אַז זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי די קינדער זייערע ברענגען אַריין פרעמדע שטיקער גאַס אין הויז אַריין און אין גאַס האָבן מיר זיי געלאָזט שטיין"... „און די פרעמדע גאַס האָבן זיי איינגעזאַפּט אין אַלע זייערע בלוטן, אין אַלע זייערע חושים"... „זיי פילן ניט אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן, זיי פילן אַפילו ניט אונזער פּריוואַט יידיש לעבן, אונזער הויז־לעבן, אונזערע אייגענע פיר ווינקעלעך זיינען זיי פרעמד"... „און טרויעריג וואָלט געווען דעם אַ.־ר., ווען מיר לאָזן אים איבער צו אונזערע ניט־דערצויגענע יורשים" (ישראל וויגאָדסקי, „פריינד", מערץ־אַפּריל 1947).

אויף אָט דער באַרירטער גורל־פראַגע פאַר דער צוקונפט פון אַרבעטער־רינג האָט געענטפערט דער יוגנט־טוער ל. א. סאָסנאָף: „מען קען ניט דערוואַרטן און מען דאַרף אויך ניט וועלן, אַז די יוגנט־באַוועגונג אין דעם אַ.־ר. זאָל זיין אין דער געשטאַלט פון די עלטערע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע"... „מיר יוגנטלעכע האַלטן, אַז אין דער איצטיגער צייט מוזן די יסודות פון דעם אַ.־ר. אַזוי צוגעפּאַסט ווערן צו דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט, אַז דער אַ.־ר. זאָל פאַר איר אויך קענען ווערן דאָס, וואָס ער איז פאַר אירע עלטערן. און זאָל דאָ קלאָר זיין, אַז די גרונט־פּרינציפּן פון דעם אַ.־ר. זיינען היינט אַזוי גילטיג, ווי זיי זיינען געווען אין 1900"... „אמת טאַקע, די זיצונגען פון דער יוגנט ווערן ניט געפירט אין דער יידישער שפּראַך, אָבער מיר אידענטיפיצירן זיך מיט דער יידישער וועלט און מיט יידישע פּראָבלעמען" („פריינד", מאַי־יוני, 1947).

אַ וויכוח צווישן דורות. די צוקונפט פון אַרבעטער־אָרדען איז

אָפּהענגיג ניט בלויז פון די יורשים אַליין. אַז די ירושה זאָל ניט פאַרטאַכליעוועט ווערן, אַז זי זאָל באַרייכערט ווערן מיט נייע ווערטן, וואָס דער אונטערוואַקסנדיגער דור וועט אַליין שאַפן און אַריינ־ברענגען אין אָרדען, איז אין אַ גרויסער מאָס נאָך אָפּהענגיג פון די טאַטעס און מאַמעס. ניט קיין וואַנט צווישן עלטערן און יינגערן דור, נאָר אַ בריק. נאָר דעמאָלט קען זיין די זיכערקייט, אַז עס וועלן קומען יונגע ענטוזיאַסטישע מחנות און שאַפן אין זעלבן גייסט דעם צווייטן האַלבן יאָרהונדערט פון אַרבעטער־רינג.

36. נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט

אַ האַלבער יאָרהונדערט איז אָפּגעשלאָסן. איז צייט צו מאַכן אַ קורצן סך־הכל. זאָלן אַ ביסל טרוקענע ציפערן אַליין דערציילן:

דער אַרבעטער־רינג ציילט איצט 70 טויזנט מיטגלידער. די צאָל בראַנטשעס איז 699. ער איז טעטיג אין 182 שטעט פון 32 שטאַטן אין אַמעריקע און קאַנאַדע.

44,369 זיינען מענער, 25,631 — פרויען. 602 בראַנטשעס זיינען יידיש־ריידנדיגע, 97 — ענגליש־ריידנדיגע, און פון די לעצטע זיינען 51 יוגנט־בראַנטשעס. פרויען־בראַנטשעס און פרויען־קלובן — 67. דער דורכשניט־עלטער פון די מיטגלידער איז 54.46 יאָר.

דער פאַרמעגן פון אָרדען איז: $10,706,744.91. צעטיילט אין די פאַרשידענע פאָנדן, געפינען זיך: אין טויטן־בענעפיט־פאָנד — $8,434,002.66; אין קראַנקען־בענעפיט־פאָנד $880,811.41; אין סאַ־נאַטאָריום־פאָנד $385,883.92; אין פאָנד אויף אַ היים פאַר אַלטע לייט $946,484.47; הוצאות־פאָנד $59,562.45. די „וואַליואיישאָן", ד. ה. די דעקונג אויף אַלע מעגלעכע צאָלונגען, באַטרעפט $133.48 אויף יעדער הונדערט דאָלער.

דער אַ.־ר. צאָלט: 8 דאָלער אַ וואָך קראַנקען־בענעפיט במשך פון 15 וואָכן אין איין יאָר. די פאַרזיכערונגען (אינשורענס) זיינען פון 100 ביז $5,000. $75 פאַר לויה־הוצאות. ביז איצט האָט דער אַרבעטער־אָרדען אויסגעצאָלט זיינע מיטגלידער: קראַנקען־בענעפיט $10,999,243.50; טויטן־בענעפיט — $6,948,162.00.

פאַר טובערקולאָז קראַנקע מיטגלידער איז פאַראַן אַן אייגענע סאַנאַטאָריע אין ליבערטי, נ. י.. אין כמעט יעדער שטאָט, וואו עס זיינען פאַראַן אַ.־ר.־בראַנטשעס, געפינען זיך אַ.־ר.־אָפּטיילונגען אויף די בית־עולמ׳ס.

אייגענע היימען פאַר זקנים־מיטגלידער ווערן שוין געבויט אין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע.

מעדיצינישע דעפּאַרטמענטן געפינען זיך אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע און לאָס אַנדזשעלעס. אין אַנדערע שטעט האָבן די

אַ.־ר. ברענטשעס אַפּמאַכן מיט דאָקטוירים וועגן באַדינען זייערע מיטגלידער. דעפּאַרטמענטס פאַר סאָציאַלער הילף געפינען זיך אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, באָסטאָן, לאָס אַנדזשעלעס.

לייבאָר־לייסעאומס געפינען זיך אין פאָלגענדע 35 שטעט: באַלטימאָר, באָסטאָן, ברידזשפּאָרט, בעיאָן, דעטראָיט, האַרטפאָרד, וואַשינגטאָן, ווילקעסבאַרע, טאָראָנטאָ, טרענטאָן, יוסטאָן, לאָס אַנ־דזשעלעס, לין, מיאַמי, מיאַמי־ביטש, מאָנטרעאָל, מילוואָקי, מינעאַ־פּאָליס, נוארק, ניו־הייווען, סאַן פראַנציסקאָ, סיאַטל, סיראַקיוז, ספּרינגפּילד, סקרענטאָן, עלענוויל, עליזאַבעט, פילאַדעלפיע, פּאַסייק, פּעטערסאָן, קליוולאַנד, קעמדען, קענזעס סיטי, ראָטשעסטער, שיקאַגאָ.

אייגענע אַ.־ר.־קעמפּס האָבן די דאָזיגע שטעט: ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, לאָס אַנדזשעלעס, טאָ־ראָנטאָ.

די מאָנאַטלעכע זשורנאַלן פון אַ.־ר. ווערן געדרוקט אין אַזעלכע צאָלן: „דער פריינד" — 39,000 עקזעמפּלאַרן; „דהי וואָרקמענ'ס סוירקל קאָל" (ענגליש) — 12,500; „קולטור און דערציאונג" — 2,500, „קינדער־צייטונג" — 5,000.

די צאָל אַ.־ר.־שולן איז איצט: 5 קינדער־גערטנער, 89 עלע־מענטאַר־שולן, 6 מיטל־שולן און 13 מיטל־שול־קלאַסן. אין די קינ־דער־גערטנער גייען 210 קינדער, אין די עלעמענטאַר־שולן פון 6,500 ביז 7,000, אין די מיטל־שולן איבער 300 און אין די מיטל־שול־קלאַסן בערך 150 שילער. עטלעכע צענדליג שילער פון די אַ.־ר.־שולן לערנען זיך אין פאַראייניגטן לערער־סעמינאַר. די צאָל לערער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין די אַ.־ר. שולן איז 90. אַרום 90 פּראָצענט קינדער קומען פון עלטערן, וועלכע זיינען שוין אַליין גע־בוירן געוואָרן אין אַמעריקע. במשך פון דער 30־יאָריגער עקזיס־טענץ האָבן פאַרענדיגט: די עלעמענטאַר־שולן — 25 טויזנט קינ־דער און אַנדערע 10 טויזנט האָבן זיך געלערנט, אָבער ניט פאַר־ענדיגט; די מיטל־שולן — 2 טויזנט שילער; די העכערע קורסן — 500 שילער.

אייגענע שול־בנינים געפינען זיך אין די דאָזיגע שטעט: פילאַ־דעלפיע (6 בנינים), ניו־יאָרק (5), שיקאַגאָ (2), לאָס אַנדזשעלעס, אַטלאַנטאַ, דעטראָיט, ניו־בראַנזוויק, מעדיסאָן. אויף די שולן גיט מען אויס אַ האַלבן מיליאָן דאָלער אַ יאָר. די סומע ווערט געשאַפן: פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַ.־ר. 80 טויזנט דאָלער, פון שכר־לימוד —

200 טויזנט, פון אָרטיגע וועלפער-פאָנדס — 100 טויזנט. די רעשט שאַפן די שול-פאַרוואַלטונגען דורך פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

ביי יעדער שול געפינט זיך אַ ביבליאָטעק, אַחוץ ביבליאָטעקן, וואָס עס האָבן אַנדערע אַ.-ר.-אינסטיטוציעס. אַרום די שולן ווערט אויך געפירט אַ קולטור-טעטיגקייט פאַר דערוואַקסענע אין דער פאָרם פון פאָרלעזונגען, אָפּען-פאָרומס און קאָנצערטן. אין 1949 האָט די צאָל צוהערער פון די פאָרלעזונגען און אָפּען-פאָרומס דער-גרייכט די ציפער פון 28 טויזנט; די באַזוכער פון די קאָנצערטן — 140 טויזנט. אַחוץ דעם זיינען אויך פאָרגעקומען אַ סך ספּעציעלע קינדער-פּייערונגען.

אייגענע כאָרן האָט דער אַ.-ר. אין די שטעט: ניו-יאָרק, שי-קאַגאָ, באָסטאָן, קליוולאַנד, דעטראָיט, נואַרק, פּעטערסאָן, פילאַ-דעלפיע, טרענטאָן און מאָנטרעאַל. דראַמאַטישע סעקציעס זיינען פאַראַן אין ניו-יאָרק — „די פאָלקס-בינע", וואָס שטייט אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ, אין יוסטאָן, אין האַרטפאָרד און מילוואָקי. מאַנדאָלין-אָרקעסטערס זיינען פאַראַן אין ניו-יאָרק, דעטראָיט און קליוולאַנד.

אונטער די קאַלטע ציפערן פּולסירט וואַרעם, פול-בלוטיג לעבן. אַ לאַנגע קייט איבערלעבונגען, געשעענישן, צוזאַמענשטויסן. אַ רינג האָט זיך געקייטלט אין אַ רינג און צוויי דורות האָבן אַ גרויסן בנין אויפגעבויט.

פאַרטראַכט ווי אַן אָרגאַניזאַציע צו העלפן דעם יחיד, דעם אָרימען אַרבעטער און פאָלקס-מענטש, האָט דער אַרבעטער-אָרדען במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט געשפּילט אַ וויכטיגע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ראָל. די בענעפיטן זיינען ווייטער געבליבן. זיי שפּילן די זעלבע ראָל, וואָס די פיזישע פונקציעס אין אַ קערפּער. אָן זיי קען קיין לעבן ניט זיין. זיי זיינען אָבער געוואָרן אוים זעלבסט-צוועק. ביי זייער גאַנצן פּראַקטישן נוצן זיינען זיי ניט מער ווי דער סקעלעט, וואָס מאַכט מעגלעך אין בנין פון אַ.-ר. צו שאַפן יענע אינטימע קעמערלעך, וואָס זיינען די גייסטיג-געזעלשאַפטלעכע היים פאַר אַרבעטער און פאָלקס-מענטשן.

דער אַרבעטער-רינג איז ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי און דאָך טוט ער פּאָליטישע אַרבעט, אַלגעמיינע ווי יידישע. ער איז ניט קיין

אויסגעשפּראָכענע קולטור־אָרגאַניזאַציע — און דאָך טוט ער אַ סך קולטור־אַרבעט. ער איז ניט געשאַפן געוואָרן צו זיין אַ הילף־אָרגאַניזאַציע פאַר אַנדערע, אַחוץ די מיטגלידער — און דאָך קומט ער מיט אַ גלענצנדיקן רעקאָרד פון הילף־אַרבעט דאָ אין אַמעריקע און מעבר לים. אין אַ לאַנד, וואו די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דערוויל קיין הצלחה ניט געהאַט, איז ער געוואָרן דער היטער פון יענע סאָציאַליסטישע פונקען, וואָס וועלן זיך פאַראייניקן אין פלאַמען, ווען אויך די אַרבעטער־מאַסן פון אַמעריקע וועלן סאָציאַליזם מאַכן פאַר זייער שטרעבונג און ציל. צווישן אַסימילאַציע און רע־ליגיעזע דאָגמעס שטייט ער ווי אַ דריטער כוח אין יידישן פאָלק, וואָס וויל דאָס יידישע לעבן געשטאַלטן אויף וועלטלעכע, מאָדערנע און דאָך נאַציאָנאַלע יסודות.

אומאויפהערלעך איז אין אַרבעטער־רינג אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן דעם קאָנסערוואַטיוון און דעם נייעם. **די אָנהענגער פון באַניי־אונג האָבן כסדר געזיגט, ס'האָבן אָבער כסדר פאַרשפּילט די אָנהענגער פון נייע געטער.** די מיטגלידער פון אַ.־ר. זיינען ניט קיין געצנדינער. זיי קענען קיין געטער ניט טוישן. זיי גלויבן אין אחד — סאָציאַליזם. דאָ שטייט נאָך היינט דער אַרבעטער־אָרדען, וואו עס זיינען געשטאַ־נען זיינע גרינדונגס־פאָטערס — די פּיאָנערן פון 1900 און פון 1892.

די מיטגלידער און טוער זיינען ניט געקומען אין אַרבעטער־אָרדען מיט פאַרטיקע מיינונגען, מיט אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג און מיט אַ קלאָרן בליק אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. במשך פון יאָרן, ביי דער פּראַקטישער אַרבעט, האָבן זיי דאָס אַלץ דעראָבערט און געוואָרן פעאיג מיט אַ זיכערער האַנט צו פירן זייער שיף אויף די כוואַליעס פון אַ צעשטורעמטן האַלבן יאָרהונדערט. לכתחילה פאַרטראַכט ווי אַ היים פאַר מענטשן פון אַלע ראַדיקאַלע ריכטונגען, אַן אָרגאַניזאַציע, וואו אַפילו פּאָליטישע און אידעאָלאָ־גישע קעגנער קענען זיך געבן די האַנט ביי געמיינזאַמער אַרבעט, איז די דאָזיקע טראַדיציע אָפּגעהיט געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג. אויב קאָמוניסטן פון איין זייט און פועלי־ציון פון דער צווייטער זייט האָבן געהאַלטן גלייכער צו מאַכן שבת פאַר זיך, איז דאָס געווען זייער ווילן.

הגם ניט אַזוי בולט ווי אין דער אַלטער היים, אָבער אויך דאָ אין אַמעריקע איז די יידישע באַפעלקערונג שטאַרק דיפערענצירט. פאַרשידענע קלאַסן־ספערעס, פאַרשידענע קולטור־סביבות. ניטאָ

קיין איין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַלעמען אַרומנעמען, אָבער באַזונדערע זיינען פאַראַן לרוב. דער פרומער ייד — אין זיין קאָנגרעגיישאָן, דער רייכער אַסימילירטער — אין זיין קלוב אָדער מאַסאָנען־לאָדזש. דער אַרבעטער־רינג איז אַ כמו־קהלה פאַר וועלט־לעכע יידן, פאַר אַרבעטער, פאַר סאָציאַליסטן. קומען זיך די מיט־גלידער צונויף אין זייערע ברענטשעס פרייטאָגצונאַכטס אָדער שבת־צונאַכטס, ציען זיך צו זיי פעדים פון די פאַרשידנסטע יידישע אינ־סטיטוציעס און אונטערנעמונגען, פון פאַרשידענע אַלגעמיינע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטער־קאַמפּן. „צושריפטן" איז אַ פונקט, וואָס גייט קיינמאָל ניט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. יעדער וויל די מיטגלידער פון אַ.־ר. מצרף זיין צו זיין זאַך. און די מיטגלי־דער באַמיען זיך אויסצוקלייבן דאָס גוטע און נאָענטע און זיינען זיך צו דעם מצרף. און אַזוי איז דער אַרבעטער־אָרדען געוואָרן אַ שותף צו פיל זאַכן, וואָס אויך אַנדערע האָבן געפּלאַנט און געפירט.

ניט איזאָלירט פון לעבן איז דער אַ.־ר. געווען. פאַרקערט, זיי־נע שלוזן זיינען געווען ברייט אָפן, אַז ס'זאָלן זיך קענען אַריינגיסן און אַדורכשווימען די כוואַליעס פון גאַס, די אַלע אידעען און פּראָ־בלעמען, אַרום וועלכע ס'איז היים געשטריטן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער און אין דער יידישער געזעלשאַפט. און כאָטש אין אַ.־ר. זיינען געקומען מענטשן מענטשן פון פאַרשידענע לענדער, מענטשן פון אַ פאַרשידענער גייסטיגער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג, האָבן זיי דאָך באַוויזן צו שאַפן אַ גאַנצע אַטמאָספער, אַן אַ.־ר. אַטמאָספער. האָבן זיי דאָך געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך אין די ענטפערס, וואָס די צייט האָט פון זיי געמאָנט. פריער צעשטויבטע יחידים אין אַ געזעלשאַפטלעכן מדבר, זיינען זיי דורך געמיינזאַמע אידעאַלן און אויפגאַבן צעמענטירט געוואָרן אין איין גאַנצקייט.

פאַר די דאָלאַרן, וואָס מ'האָט ביי זיי אַוועקגעריסן, זאָלן די מיטגלידער דאַנקען דעם אַרבעטער־רינג. ניט אָרימער, נאָר רייַ־כער זיינען זיי צוליב דעם געוואָרן. פאַר די עגמת־נפשן און שלאָפ־לאָזע נעכט וואָס מ'האָט זיי פאַרשאַפט, זאָלן זיי דאַנקען דעם אַרבעטער־רינג. דאָס זיינען געווען די געבורטס־ווייען פון אַ לעבנס־אינהאַלט. דורך דעם האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין איינצלנע זעמ־דעלעך, און געוואָרן אַ חלק פון דער שוואַרצער ערד, וואָס גיט אַרויס פּרוכט פון איר שויס. דער לעבנס־קרייז פון יעדן יחיד שליסט זיך. דורך דער אייגענער אָרגאַניזאַציע לאָזט יעדער איבער עפּעס פון

אייגענעם איך, פון דער אייגענער נשמה. די קייט פון שאַפן טאָר קיינמאָל זיך ניט שליסן. יעדער דור מוז אַריינשמידן נייע רינגען.

גרויסע אויפגאַבן שטייען נאָך פאַר דעם אַרבעטער־רינג. נייע גרויסע געפאַרן דראָען אים נאָך. ער טאָר קיינמאָל ניט בלייבן שטיין אויף אַן אָרט, ניט פאַרגליווערט צו ווערן. עס טאָר קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט ווערן דער צושטראָם פון נייע יונגע כוחות. און אַז דער דעמאָקראַטיזם פון אָרדען זאָל ניט זיין אַ פוסט וואָרט, איז נויטיג די אַקטיוויטעט פון יעדן, דאָס אויסנוצן די רעכט דורך יעדן. דער אַ.־ר. מוז ווייטער איינהאַלטן זיין אידעאַלישקייט, זיין סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

טויזנטער און טויזנטער טוער, הונדערטער טויזנטער מיטגלי־דער האָבן געבויט דעם אַרבעטער־אָרדען. זייער מי און אידעאַליזם, זייער שטרעבן און האָפן זיינען געוואָרן די ציגל און דער צעמענט פון בנין. דעם יום־טוב פון זייערע נשמות האָבן זיי אַריינגעגאָסן אין אינהאַלט פון די ברענטשעס איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד — פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק. דער גזלן צייט האָט ביי זיי אַוועק־גערויבט די יאָרן, די יוגנטלעכקייט, דאָס געזונט. מידע פון שווערן פאַרהאָרעוועטן לעבן זיינען פיל דערגאַנגען צו זייער גרענעץ. זיי זיינען מער צווישן די לעבעדיגע ניטאָ. געבליבן פון זיי איז בלויז אַ ירושה.

נאָך שטייען אין די רייען טויזנטער אַלטע קעמפער. פאַרהאַרטע־וועטע אין שטרייט, געניטע פון שווערע נסיונות און לאַנגע דער־פאַרונגען. דער פאַקל און די פאָן פון אַרבעטער־רינג זיינען אין זייערע הענט. אויף דער שוועל פון צווייטן האַלבן יאָרהונדערט שטייען זיי. זייערע בליקן זיינען געווענדט צו דער יידישער פאָלקס־יוגנט פון אַמעריקע. די ערשטע יונגע מחנות קומען אָן.

דער לעצטער געשיכטלעכער קאַטאַקליזם האָט ווייטאָגלעך פאַר־קלענערט אונזער פאָלק. דער גרעסטער חלק פון יידישן פאָלק לעבט היינט אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט אַלס גרעסטער כוח אין שמידן דעם גורל פון דער מענטשהייט. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אחריות פון אַרבעטער־רינג. פאַרן אַלטן דור ווי פאַרן יונגן, פאַר די וועטעראַנען ווי פאַר דער יוגנט, איז געגעבן געוואָרן אַ נייער שאַנס צו דערפילן אַ גרויסע היסטאָרישע מיסיע.

יעפים ישורין

די מיטגלידער פון די נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונ־
גען און באַאַמטע פון אַרבעטער־רינג אין די
יאָרן 1950־1900

א.

אבראמאָוויטש, דזש.
1909־1910 — קאָנטראָל קאָמי־טע (פּאָרזיצער).
1911־1912 — נ. ע. ק. (וויצע־פּרעזידענט).
1913־1914 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.

אדלער, אברהם
1910־1911 — קאָנטראָל.
1911־1912 — קאָנטראָל־פּאָרז.
1914־1915 — קאָנטראָל־סעק.
1916־1917 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1917־1918 — נ. ע. ק. סאָנאָ־טאָריום.
1918־1919 — נ. ע. ק. סאָנאָ־טאָריום.

אדלער, י.
1901 — נ. ע. ק.
1902 — נ. ע. ק.
1904־1905 — נ. ע. ק.

אויערבאַך, הערי
1913 — 15ער קאָמיטע.
1915־1916 — נ. ב. ד. ניו דזשוירזי.
1916־1917 — נ. ב. ד. ניו דזשוירזי.

אָווערבאַך, ר.
1913־1914 — נ. ע. ק.

איוועגסקי, מיכל
1914־1915 — קאָנטראָל.
1916־1917 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1917־1918 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1918־1919 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1921־1922 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.
1922־1923 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.
1923־1924 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.
1925־1926 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.
1926־1927 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.
1931־1932 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.
1932־1933 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.
1935־1937 — אָלד איידזש קאָ־מיטעט

1937־1939 — קאָנסטיטושאָן.
1948־1950 — נ. ב. ד. ניו יאָרק.

איפשין, דניאל
1941־1943 — נ. ע. ק. אָרגאָני־זאַציאָנס.
1946־1948 — נ. ע. ק. אָרגאָני־זאַציאָנס.
1948־1950 — נ. ע. ק. אָרגאָני־זאַציאָנס.

אייבראַמס, דוד
1914־1915 — בילדונגס.
1915־1916 — נ. ע. ק. אָרג. ווי־צע־פּרעזידענט.
1935־1937 — אָלד איידזש קאָ־מיטע

אייבראַמס, י.
1911־1912 — קאָנטראָל.

אייבראַמס, מאיר
1919־1920 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1920־1921 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1921־1922 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1928־1929 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1929־1930 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1930־1931 — נ. ע. ק. אָפּיס.
1937־1939 — נ. ע. ק. גריוועגס.

אייבראַמסאָן, מאיר
1927־1928 — נ. ב. ד. ניו דזשוירזי.

אייזענבערג, דוד
1925־1926 — נ. ב. ד. מאַסאַ־טשוזעטס.
1926־1927 — נ. ב. ד. מאַסאַ־טשוזעטס.
1946־1948 — נ. ב. ד. מאַסאַ־טשוזעטס.
1948־1950 — נ. ב. ד. מאַסאַ־טשוזעטס.

אלאַף, הערי
1943־1946 — נ. ב. ד. פּענסיל־ווייניע.

אלבערט, מ.
1910־1911 — נ. ע. ק.

אלטמאַן, ל.
1920-1919 — נ. ע. ק. גריוועגס.
1921-1920 — נ. ע. ק. גריוועגס.
אלטמאַן, סעמיועל
1916-1915 — נ. ב. ד. פענסיל־וויניע.
1917-1916 — נ. ב. ד. פענסיל־וויניע.
אלטשול, טש.
1909-1908 — נ. ב. ד. אילינאָי.
אלטשול, וו.
1907-1906 — סטייט־קאָנטראָל, מערילענד.
1910-1909 — נ. ב. ד. מערי־לענד.
אלטשולער, מ.
1905-1904 — קאָנטראָל.
1907-1906 — נ. ע. ק.
1908-1907 — נ. ע. ק.
אלעקסאַנדער, א.
1935-1933 — נ. ע. ק. גריוועגס.
אלפער, נ.
1909-1908 — נ. ב. ד. דעלעוואַר.
אלפערט, אייזיק
1909-1908 — האָום אָפיס קאָ־מיטע.
1909 — מאַסאַטשוזעטס קאָמיטע.
1914-1913 — נ. ב. ד. אילינאָי.
1920-1919 — סאַנאַטאָריום.
1921-1920 — נ. ע. ק. סאַנאַ־טאָריום.
1932-1931 — נ. ב. ד. ניו דזשוירזי.
1933-1932 — נ. ב. ד. ניו דזשוירזי.
אלפערין, דוד
1914-1913 — קאָנטראָל.
1917-1916 — פראָטוירנאַל רעיטס.
1920-1919 — נ. ע. ק. בענעפיט.
1924-1923 — נ. ע. ק. אָפיס.
1925-1924 — נ. ע. ק. אָפיס.

אמינסקי, יוסף
1948-1946 — נ. ב. ד. מערי־לענד.
אנאַפאַל, איזידאָר
1902 — נ. ע. ק.
1904-1903 — נ. ע. ק.
1907-1906 — קאָנטראָל.
1908-1907 — נ. ע. ק.
1909-1908 — סאַנאַטאָריום.
1910-1909 — סאַנאַטאָריום.
אנדערס, י.
1922-1921 — נ. ב. ד. טעקסאַס.
1923-1922 — נ. ב. ד. טעקסאַס.
אקון, ישראל
1941-1939 — נ. ב. ד. קאַנאַדע.
אקסלער, ב.
1926-1925 — נ. ע. ק. בילדונגס.
אקסעלראָד, בארנעט
1939-1937 — נ. ב. ד. אילינאָי.
1943-1941 — נ. ב. ד. אילינאָי.
אראָנאָף, מ.
1948-1946 — נ. ב. ד. ניו דזשוירזי.
1950-1948 — נ. ב. ד. ניו דזשוירזי.
אראָנסאָן, ד.
